STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05995

# VI MENSHEN LEBEN IN SOVET RUSLAND

Mendel Osherowitch

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. אָשעראָוויטש

# ווי מענשען לעבען אין סאָוועט רוסלאַנד

איינדרוקען
פון אַ רייזע

נויאָרק, 1933

Copyright
by
M. Osherowitch
New York, 1933

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL NEW YORK CITY 200

# אינהאַלט:

זייט

אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — — 5

## ערשטער קאַפּיטעל.

אין מאָסקווע.

1. אַ געמיש פון אַלט און ניי — — — — — — — — — 11
2. די אידישע יונגוואַרג אין מאָסקווע — — — — — — 23
3. אַ טאָג לעבן וואָס לעגט זיך ניט אויפ׳ן שכל — — — 33
4. ביינאַכט אין די טעאַטערס און רעסטאָראַנען — — — 40
5. אַ באַגעגעניש מיט אַ ברודער פון אַן אַנדער וועלט — 51

## צווייטער קאַפּיטעל.

אויפ׳ן וועג קיין אוקראַינע.

1. „הכלל — אָפּגערעדט!" — — — — — — — — — — 62
2. דער אַריינפאָהר אַהיים — — — — — — — — — — 69

## דריטער קאַפּיטעל.

אויף די חורבות פון מיין געבורטס־שטעדטעל.

1. אַ געוויין אין אַ שטילער אוקראַינישער נאַכט — — 79
2. אויף אַ ברידער־קבר פון 500 אידישע פּאָגראָם־קרבנות, 87
3. סימנים פון אַ ניי לעבען אינ׳ם אונטערגאַנג פונ׳ם אַלטען, 94
4. פאַרטרינקען די צרות — — — — — — — — — — 102
5. אַ יאַריד און אַ שבת אין שטעדטעל — — — — — 112
6. ביים געזעגענען זיך מיט אייגענע און פרעמדע — — 122

## פערטער קאַפּיטעל.

אין די דערפער — — — — — — — — — — — — — 130

## פינפטער קאַפּיטעל.

מיט פויערים אויף די באַנען — — — — — — — — — 146

## זעקסטער קאַפּיטעל.

אין ראָסטאָוו ביים דאָן.

1. דער ליאַדי׳ער ישיבה־בחור ביי דער מאַכט — — — 159
2. ווייסע הענט — — — — — — — — — — — — — 170
3. וואו נעמט מען אַ דאַרף מיט אַ בהמה׳לע? — — — 174
4. „זאָל רינען דאָס בלוט מיינס, דאָס סאָציאַליסטישע!" — 180

## זיבעטער קאַפּיטעל.

אין דער גרויסער סאָוועטישער פאַבריק „סעלמאַש", אין נאַכיטשעוואַן — — — — — — — — — — — — — 183

## אכטער קאַפּיטעל.

די רויטע אַרמיי — — — — — — — — — — — — — 194

## ניינטער קאַפּיטעל.

אין אַ וואַגאָן פון ערשטען קלאַס — — — — — — — — — — 204

## צענטער קאַפּיטעל.

אַ נאַכט אויפ׳ן כאַרקאָווער וואָקזאַל — — — — — — — — — 213

## עלפטער קאַפּיטעל.

אין כאַרקאָוו.

1. ניט קיין אימפּעט, נאָר אַ בהלה — — — — — — — — — 236

## צוועלפטער קאַפּיטעל.

די מורא פאַר דער „גע־פּע־אָו״ איבער׳ן לאַנד — — — — — — — 249

## דרייצענטער קאַפּיטעל

וואָס אַמעריקאַנער זעהען יאָ און וואָס זיי זעהען ניט אין סאָוועט־רוסלאַנד — — — — — — — — — — — — 263

## פערצענטער קאַפּיטעל.

אין אָדעס.

1. אַ שטאָדט מיט אַ רעפּוטאַציע פון אַמאָל — — — — 278
2. כהנים אין דער משפּחה — — — — — — — — — — 287
3. „מיסטער שאַין״ און „מיסטער קענדי״ — — — — — 297
4. באַלאָדען מיט וועלאָסיפּעדען־פּאָמפּעס און באַהאַנגען מיט גלעקלאַך — — — — — — — — — — — — 301
5. ביים ברעג פונ׳ם שוואַרצען ים — — — — — — — — 305

## פופצענטער קאַפּיטעל.

צוגאַסט ביי קאָמוניסטישע אידישע קולטור־טרעגער.

1. אין אַ אידישער רעדאַקציע און אינ׳ם מענדעלי־מוזעאום, 316
2. אַ רוסישער באַלעט און אַ אידישע פאָרשטעלונג — — 327

## זעכצענטער קאַפּיטעל.

די צוויי רוסלאַנדס — איינע אין בילדער און די צווייטע אין דער ווירקליכקייט — — — — — — — — — — — — 338

## זיבעצענטער קאַפּיטעל.

דער מענש מיט דער טאָרבע און דער מענש מיט דער לאָפּעטע, 347

## אַכצענטער קאַפּיטעל.

אין טולטשין.

1. ארבייטער און זייערע פאַרדינסטען — — — — — — — 355
2. אַ שטאָדט פול מיט קלאַנגען — — — — — — — — — 363
3. קליינינקייטען וואָס פאַראומערן דאָס לעבען — — — — 367
4. מאַמעס — — — — — — — — — — — — — — — 372
5. אַן אמת וואָס מען דערפיהלט ערשט שפּעטער — — — — 374

## ניינצענטער קאַפּיטעל.

אונטער דער פאָהן פון אַ שעהנעם אידעאַל — — — — — — 378

# אַרייַנפיר

עס איז געוואָרען אַ מאָדע צו שטעמפּלען אַלס „שונא פון רוסלאַנד“ יעדען איינעם, וואָס פאַרבאָרגט ניט דעם אמת, אַז דאָס לעבען דאָרט איז איצטער זעהר שווער, יעדען איינעם, וואָס האָט ניט קיין פּאַרטיג־צוגעגרייטע מאַשינאָווע „באַגייסטערונג“ פאַר אַלץ, וואָס ווערט דאָרטען געטאָן און אויפגעטאָן.

די דאָזיגע מאָדע האָבען איינגעפירט גאַנצע און האַלבע קאָמוניסטען, און אויך אַזעלכע, וואָס פלירטעווען מיט'ן קאָמוניזם, פּונקט ווי זיי — דוקא זיי און ניט קיין אַנדערע — וואָלטען דאָס געהאַט דעם מאָנאָפּאָל און אויך דעם „פּאַטענט“ אויף ליבע צו רוסלאַנד און אויף רעוואָלוציאָנערער איבערגעגעבענקייט צו אַ אידעאַל.

דאָס איז פאַלש.

אין גרונד פאַלש.

דערצעהלען דעם אמת וועגען דעם ווירקליכען לעבען פון מענשען אין דעם לאַנד, מיט וועלכען די גאַנצע וועלט אינטערעסירט זיך איצט, הייסט אבסאָלוט ניט זיין אַ שונא פון סאָוועט־רוסלאַנד, נאָר פאַרקערט — אירער אַ פריינד. שונאים זיינען די, וואָס פאַרבאָרגען דעם אמת, די וואָס פּרואווען דערטרינקען די ווירקליכקייט אין אַ ים פון פראַזען און טעאָרעטישע חקירות. זיי זיינען ניט נאָר שונאים, נאָר אויך פ אַ ר פ י ר ע ר, און זיי האָבען אַ היבשען חלק אין דעם וואָס טויזענטער און טויזענטער רייזענדע פון אַנדערע לענדער קומען צופאָהרען צוריק פון סאָוועט־רוסלאַנד ענטוישטע און אָפּגענאַרטע.

בלויז פרעמדע קענען זיך פאַרגינען דעם פאַרגעניגען צו פּועל'ן ביי זיך, אַז סאָוועט־רוסלאַנד איז אַ גרויסע לאַבאָראַטאָריע, וואו עס ווערט געמאַכט אַ „אינטערעסאַנטער עקספּערימענט“ אויף אַ פאָלק, וואָס באַשטעהט פון הונדערט און זעכציג מיליאָן מענשען. אַזאַ צוגאַנג איז געגנוג אָפּצוטויטען די מענשליכע געפיהלען; און אַזוי איז טאַקע געווען דער פאַל מיט אַ סך שרייבער — אידישע און ניט אידישע — וועלכע האָבען באַזוכט סאָוועט־רוסלאַנד אין די לעצטע עטליכע יאָהר; זיי זיינען מיט אַמאָל, פון דער העלער הויט, געוואָרען געוואַלדיג גרויסע „עקספּערטען“ אויף מאַשינען און פאַבריקען, און שרייבענדיג וועגען דעם וואָס זיי האָבען אָנגערופען „דאָס געזאַנג פון שטאָל און אייזען“, האָבען זיי אינגאַנצען פאַרגעסען און אינגאַנצען פאַרקוקט דעם מ ע נ ש ע ן, דעם לעבע־

דיגען און לײדענדיגען מענשען, וואָס ארבייט ביי דער מאַ־
שין פון שטאָל און אייזען.

ווען איך בין אין 1932 געפאהרען קיין סאָוועט־רוסלאַנד, בין איך אַהין געפאָהרען ניט ווי א פרעמדער, נ אָ ר ווי א ן א י י נ ע נ ע ר. פאר די צוויי און צוואַנציג יאָהר וואָס איך בין געווען אין אַמעריקע האָב איך די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט זיך צו אינטערעסירען מיט רוסלאַנד און מיר איז שטענדיג געווען נאָהענט אַלץ, וואָס ס'האָט געהאַט א שייכות מיט רוסישער קולטור און רוסישען אידעאַליזם.

מיין טרוים איז אַלע מאָל געווען זיך אומצוקערען צוריק קיין רוסלאַנד — אויב ניט אויף שטענדיג, איז כאָטש אויף א קורצער צייט. איך האָב אַלע מאָל געבענקט אַהין, און אין דעם זיינען געווען פארבונדען סענטימענטען; איך האָב דאָרטען איבערגעלאָזען א מאַמע, פיר שוועסטער און צוויי ברידער; דריי און צוואַנציג יאָהר האָב איך זיי ניט געזעהן, ווייל נאָך איידער איך בין אַוועק קיין אַמעריקע, בין איך א יאָהר צייט געווען אין די באַלטישע פראָווינצען, ווייט פון מיין פאַמיליע. אין די דריי און צוואַנציג יאָהר זיינען די קליינע געוואָרען גרויס און די גרויסע זיינען געוואָרען אַלט; נאָך עלטער איז געוואָרען די מאַמע, און אין די בריף, וואָס זי האָט געשריבען, האָט זי זיך אַלץ געקלאָגט:

„ווער ווייסט, צי איך וועל דיך נאָך זעהן אין מיין לעבען?!”

און ס'האָט זיך געבענקט.

אָבער ניט בלויז סענטימענטען האָבען מיך קיין רוסלאַנד געצויגען. ניט בלויז די מאַמע און די שוועסטער און ברידער מיינע האָב איך געוואָלט זעהן; איך האָב אויך געוואָלט זעהן דאָס לאַנד, וואו עס איז פאָרגעקומען ניט נאָר א פּאָליטישע, נאָר אויך א סאָציאַלע רעוואָלוציע; איך האָב געוואָלט זעהן דאָס לאַנד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „די רעפובליק פון ארבייטער און פויערים”, דאָס לאַנד, וואו מען שרייט אַזוי הויך, אַז מ'בויט סאָציאַליזם.

אַליין א סאָציאַליסט, האָב איך געוואָלט זעהן ווי אַזוי מ'בויט סאָציאַליזם אין דעם לאַנד וואו איך בין געבאָרען געוואָרען, אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב אַלע מאָל אַזוי ליב געהאַט.

און איך בין אַהין געפאָהרען.

געפאָהרען מיט גוטע כונות און מיט די בעסטע וואונשען.

קיין אילוזיעס האָב איך ניט געהאַט; עס איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד קען נאָך ניט זיין קיין גן־עדן; איך האָב געוואוסט, אַז אויב פּופּצעהן יאָהר הייסט

א סך אינ'ם לעבען פון אן איינצעלנעם מענשען, איז דאָס אבער זעהר וועניג אין די טערמינען פון געשיכטע. און איך האָב זיך פאַרגעשטעלט א שווער לעבען. אָבער די ווירקליכקייט, וואָס איך האָב דערזעהן אין די עטליכע וואָכען, וואָס איך בין ארומגעפאָהרען איבער סאָוועט־רוסלאַנד, די גרויע, שווערע און טרויעריגע ווירקליכקייט, האָט איבערגעשטיגען אלץ, וואָס איך האָב זיך פריהער פאַרגעשטעלט.

און איך וואָלט דאָס באַטראַכט פאַר א גרויסען פאַרברעכען ווען איך וואָלט ניט דערצעהלט דעם אמת, ווען איך וואָלט ניט געשילדערט דאָס וואָס איך האָב דאָרט געזעהן און ניט איבערגעגעבען דאָס וואס איך האָב דאָרט געהערט.

עס וואָלט מיר זיכער געווען א סך אַנגענעמער און ליבער ווען איך וואָלט געבראַכט א פרעהליכערען גערוס פון סאָוועט־רוסלאַנד, אָבער איך קען קיין פאַקטען ניט דערשטיקען, דעם אמת ניט באַהאַלטען.

טאַקע דערפאַר וואָס איך בין אלע מאָל געווען און בין נאָך איצט אויך א פריינד פון סאָוועט־רוסלאַנד!

שרייבען וועגען סאָוועט־רוסלאַנד איז ניט אלע מאָל לייכט, ווייל די לאַגע איז דאָרט איצט אַזאַ, אז אלץ—אויסער דער שרעקליכער אָרימקייט און גרויסער נויט — איז א ה א ל ב ע ר א מ ת. און דאָס איז דאָך שוין אן אלטער כלל, אז א האַלבער אמת איז א סך ערגער ווי א גאַנצער ליגען.

מען בויט א סך?

יאָ, אָבער . . .

מען פאַרשפּרייט בילדונג צווישען פאָלק?

יאָ, אָבער . . .

מען האָט אָפּגעשאַפט דעם אונטערשיד צווישען ראַסען און פעלקער?

יאָ, אָבער . . .

עס איז נישטאָ אין סאָוועט־רוסלאַנד קיין ארבייטסלאָזיגקייט?

יאָ, אָבער . . .

צייטונגען ווערען פאַרשפּרייט צווישען די מאַסען אין מיליאָנען און מיליאָנען עקזעמפּליאַרען?

יאָ, אָבער . . .

צו אלץ דאַרף מען צוגעבען אן „אָבער", ווייל סאָוועט־רוסלאַנד איז געוואָרען דאָס לאַנד פון ה א ל ב ע א מ ת'ן. און — איך זאָג דאָס נאָך אמאָל — א האלבער אמת איז א סך ערגער ווי א גאַנצען ליגען!

אפילו צו דער שרעקליכער נויט, וואס ווערט אלץ ערגער און ערגער, מוז מען אין סאָוועט־רוסלאַנד צוגעבען אן „אָבער".

„אָבער, — זאָגט מען אייך דאָרטען, — דערפאַר וועט דער צוקונפטיגער דור לעבען בעסער".

מ'ספּעקולירט מיט'ן מאָרגען, כאָטש עס ווייזען זיך ניט קיין סימנים אַפילו פון א פאַרבעסערונג אין דעם טאָג־טעגליכען לעבען פון מענשען. פאַרקערט, עס ווערט וואָס אמאָל אַלץ ער־גער און ערגער. אזוי האָבען מיר געזאָגט מענשען ווען איך בין אַרומגעפאָהרען איבער סאָוועט־רוסלאַנד, און פון די לעצטע ידיעות, וואָס קומען אָן פון דאָרט, איז קלאָר, אז איצטער איז די לאַגע געוואָרען נאָך ערגער.

אין מיין שרייבען וועגען סאָוועט־רוסלאַנד האָב איך זיך מיט אַלע מעגליכקייטען געסטאַרעט צו זיין אזוי אָביעקטיוו ווי נאָר מעגליך. אָנשטאָט קריטיקירען, האָב איך געשילדערט. אויס־מיידענדיג, ווי ווייט ס'איז נאָר געווען מעגליך, די פּאָליטיק, האָב איך געמאָהלען בילדער און סצענעס, וואָס איך האָב גע־זעהן אין שטעדט, אין שטעדטלאַך, אין דערפער, אין די גאַסען, אין די הייזער, אויף די וואָקזאַלען און אין די באַהנען. אָנ־שטאָט טעאָרעטישע פּאָלעמיק, וואָס דערטרינקט אמאָל דעם עיקר אין א מבול פון ווערטער, האָב איך אָנגעגעבען פאַקטען, וואס איך האָב מיט מיינע אייגענע אויגען געזעהן.

מיך האָט אין סאָוועט־רוסלאַנד פריהער פון אַלץ אינטע־רעסירט ד ע ר מ ע נ ש און זיין ל ע ב ע ן. און ווייל דאָס לעבען פונ'ם מענשען איז אין סאָוועט־רוסלאַנד זעהר טרויעריג, האָב איך געשריבען אזוי ווי איך האָב געשריבען — ניט פאַרבאָרגען דעם אמת, ניט באַהאַלטען די פאַקטען און ניט פאַרשטעלט די ווירקליכקייטען מיט ראָשיג־געפאַרבטע פּלאַקאַטען.

און שרייבענדיג אזוי, האָב איך אויך ניט פאַרזעהן די גוטע, די פּאָזיטיווע זייטען פון סאָוועט־רוסלאַנד; איך האָב זיך אין מיין בוך אָפּגעשטעלט אויף זיי, און איך בין זיכער, אז די וואָס וועלען מיין בוך לייענען אויפמערקזאַם וועלען געוויס ניט קענען זאָגען, אז אויף מיין רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד האָב איך געזעהן בלויז דאָס שלעכטע און אינגאַנצען פאַרזעהן דאָס גוטע.

ברוקלין, נ. י., דעצעמבער, 1932.

# ווי מענשען לעבען אין סאָוועט-רוסלאַנד.

ערשטער קאַפּיטעל

# אין מאָסקווע.

## 1. א געמיש פון אַלט און ניי.

איך בין פריהער אין מאָסקווע קיינמאָל ניט געוועזן און איך האָב דאריבער ניט געקענט וויסען צי די שטאָדט איז געוועזן שעהנער און לעבעדיגער אין די צייטען פון די צאַרען, אָדער זי איז שעהנער און לעבעדיגער איצט, ווען די סאָוועט-רעגירונג האַלט שוין ביים פופצענטען יאָהר פון איר עקזיסטענץ.

אויף מיר פּערזענליך האָט די איצטיגע מאָסקווע געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק, און וואָס מער איך האָב זיך מיט דער שטאָדט באַקענט, אַלץ מער האָב איך אין איר געפיהלט א באַזונדער אייגענאַרטיגע קאָמבינאַציע פון פאַרשימעלטער אַלטקייט און אָפּגעשטאַנענקייט מיט ראַשיגער נייאיגקייט און שנעלען אימפּעט — עפּעס אַ מאָדנע פאַראייניגונג צווישען דער צייט פון דעם שרעקליכען צאַר איוואַן גראָזני און דעם אַמעריקאַנער גרויסען ערפינדער טהאָמאַס עדיסאָן.

די פאַרשימעלטע צוריקגעשטאַנענקייט און דער ראַשיגער מאָדערניזם שטויסען זיך אָן אויף יעדען שריט און טריט, ראַנגלען זיך איינער מיט'ן אַנדערען, פּרואווען בייקומען איינער דעם אַנדערען און קענען ניט.

און אַזוי איז דאָס ניט נאָר אין וויכטיגע זאַכען, אינ'ם סאַמע תוך פונ'ם לעבען, נאָר אויך אין קלייניגקייטען.

נעמט אַפילו די נייע נעמען, וואָס ס'טראָגען איצט די גאַסען אין מאָסקווע. זיי הענגען אויף די ווענט פון די הייזער, און זיי שיינען אַרונטער פון די נייע בלעכלאך, וואָס מען האָט צוגעקלאַפּט, אָבער זיי עקזיסטירען כמעט ניט אינ'ם זכרון פון די איינוואוינער.

באַגעגענען זיך צוויי פריינד און דערפרעהען זיך שטאַרק איינער איבער'ן אַנדערען.

— אָ, וואָס מאַכסטו עפּעס? שוין אַ לאַנגע צייט דיך ניט געזעהן. קום אַריין צו מיר היינט אָוועגט. דו הערסט, דו מוזט אַריינקומען. איך וועל וואַרטען אויף דיר.

— און וואו וואוינסטו איצט? — פרעגט דער איינגעלאַדענער פריינד.

— אויף דער קאַרל מאַרקס גאַס.

— וואו?

— אויף דער קאַרל מאַרקס גאַס.

און ער גיט אים אָן דעם נומער פון דער וואוינונג.

אָבער יענער הויבט ניט אָן וויסען, וואו די קאַרל מאַרקס גאַס געפינט זיך, כאָטש ער איז אין מאָסקווע אַן אַלטער תושב. גיט ער אַ שמייכעל און מאַכט אַזוי:

— אפשר וואָלסטו מיר אָנגעגעבען דעם אַדרעס אביסעל קלאָרער, אַזוי אַז מען זאָל ווירקליך קענען וויסען וואו און ווי אַזוי די גאַס צו געפינען?...

און ערשט ווען מען זאָגט אים דעם אַלטען נאָמען פון דער גאַס, מאַכט ער — און אַלץ מיט אַ שמייכעל — אַזאַ באַמערקונג:

— אָט אַזוי האָסטו פון סאַמע אָנפאַנג אָן געדאַרפט זאָגען, וואָלט איך גלייך געוואוסט.

אָט אַזעלכע זאַכען קען מען זעהן און הערען ניט נאָר אין פּריוואַטע הייזער, נאָר אויך אין רעגירונגס-אינסטיטוציעס. אַ סך פון די רעגירונגס-בעאַמטע אין מאָסקווע וויסען ניט און געדענקען ניט די נייע נעמען פון די אַלטע גאַסען.

דאָס נייע וויל זיך ניט צוקלעפּען צום אַלטען, אָדער אפשר קען זיך עס ניט צוקלעפּען...

דעם ערשטען אָוועגט אין מאָסקווע בין איך געגאַנגען זוכען מיינעם אַ פריינד. לויט דעם אָנגעגעבנעם אַדרעס האָט דער פריינד מיינער געוואוינט אויף דער פּרונזע-גאַס — אַ נאָמען נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם קריגס-קאָמיסאַר. איך בין לאַנג געגאַנגען אויף אַ פּוסטען, ניט באַזעצטען געגענד, וואו דער טייך „מאָסקוואַ" האָט זיך געצווייגען פון איין זייט און די אַלטע, קוויטיגע ווענט פון דעם קרעמעל אין דער אַנדערער זייט. פון

צייט צו צייט האָב איך אָפּגעשטעלט אַ מענשען און געפרעגט, וואו עס געפינט זיך דאָ די פּרונזע־גאַס, ווייל איך האָב גע־וואוסט, אז זי געפינט זיך דאָ ערגעץ ניט ווייט. אָבער קיי־נער האָט ניט געוואוסט וואו אַזאַ גאַס געפינט זיך און צי אין מאָסקווע איז אין אַלגעמיין גאָר פאַראַן אַזאַ גאַס.

דער איינציגער, וואָס האָט יאָ געוואוסט, איז געווען דער מיליציאָנער, וואָס איז אויפ׳ן עק גאַס געשטאַנען.

— די פּרונזע־גאַס, — האָט ער געזאָגט, — איז די גע־וועזענע „זנאַמענקאַ". פאַרקירעוועט זיך לינקס און געהט אַפּ איין קווארטאַל און דאַן זאָלט איר פרעגען וואו עס געפינט זיך די געוועזענע „זנאַמענקאַ", וועט מען אייך אָנווייזען...

אַלץ איז „געוועזען". ניט נאָר די נעמען פון די גאַסען, נאָר אויך די נעמען פון די שטעדט, פון די גובערניעס, פונ׳ם גאַנצען לאַנד. און ס׳איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אז דאָס וואָרט „געוועזען" איז שוין געוואָרען אַ טייל פון דעם, וואָס איז איצטערט.

און אַזוי רעדט מען, און אַזוי אַדרעסירט מען בריף:

— די געוועזענע שטאָדט אַזאַ און אַזאַ, וואָס געפינט זיך אין דער גובערניע, וואָס האָט געהייסען אַזוי און אַזוי, צו דעם בירגער יענעם און יענעם, וואָס וואוינט — לאָמיר זאָגען, — אויף דער ערשטער־מאַי־גאַס, וואָס איז אַמאָל געווען באַקאַנט אונטער אַזאַ און אַזאַ נאָמען...

איז טאַקע איבער דעם זעהר אָפּט אַ גאַנץ היבשער פּלאָנ־טער, און מער ווי אומעטום פּיהלט מען אָט דעם פּלאָנטער אין מאָסקווע, ווייל די שטאָדט איז זעהר גרויס, און זי האָט אָהן אַ שיעור גאַסען און געסלאַך, וואָס האָבען געקראָגען נייע נעמען, כאָטש דער אַלטער אויסזעהן זייערער האָט זיך זעהר ווייניג געביטען, און חוץ דעם האָט דער רוסישער מענש בכלל אַ מאָדנע טבע זיך צו האַלטען עקשנות׳דיג ביים אַלטען, אפילו דאַן, ווען אַרום אים ווערט דאָס גאַנצע לעבען איבערגעבויט אויף אַ נייעם שטייגער...

אויף יעדען שריט און טריט זעהט מען אין מאָסקווע די ווידערשפּרוכען, וואָס סטאַרטשען אַרויס פון דער מאָדנער פאַר־איינינונג צווישען דעם אַלטען און דעם נייעם.

אין אַ רייכען האָטעל, וואו מען צאָהלט אַזוי פיל, אַז

אַפילו אין דעם בעסטען ניו יאָרקער האָטעל וואָלט דאָס גע־הייסען אַ סך, איז דאָס וואַש־צימער אָפּגעלאָזען, פאַרקוויטיגט און פאַרשמוציגט, און עס פעהלען אויס די נויטיגסטע באַקוועמ־ליכקייטען, אָהן וואָס מ׳קען זיך ניט באַגעהן.

עס איז דאָ אַ טעלעפאָן, און דוקא אַן אָטאָמאַטישער און אַ שעהנער, לויט׳ן לעצטען וואָרט פון טעכניק, אָבער ער ווערט קאַליע אפשר צוואַנציג מאָל אַ טאָג און קיינער ווייסט ניט פאַרוואָס און פאַר ווען; און ווען ער איז ניט קאַליע און „אַרבייט״ שוין יאָ, זעצט זיך ביי אים אַוועק אַ מענש, איינער פון די געסט אין האָטעל, און ער רעדט און רעדט און רעדט, אַז ס׳נעמט גאָר קיין סוף ניט!

עס קימערט אים ניט, וואָס לעבען אים שטעהען אַ סך מענשען און וואַרטען, ווייל זיי דאַרפען אויך נוצען דעם טעלע־פאָן; עס אַרט אים זעהר וועניג, וואָס אַנדערע איילען זיך, וואָס זיי האָבען קיין צייט ניט. ער געהט זיך אָן מיט זיין מאָ־נאָלאָג און ער רעדט, און כמעט אַלץ דאָס זעלבע: — „איז וואָס־זשע זאָגט איהר, אָלגאַ מיכאַילאָוונאַ? איר דענקט טאַקע, אַז ס׳מוז אַזוי בלייבען? האַ? וואָס? רעדט, רעדט, איך הער איך...״

אַזוי אָהן אַן עק.

ווען אימיצער רופט אייך אַרויס אויפ׳ן טעלעפאָן, איילט מען זיך ניט אייך דאָס איבערצוגעבען. אַמאָל נעמט מען זיך די מיה אייך צו רופען פונ׳ם צימער און אַמאָל ניט. און ווע־גען האָבען טענות צו אימיצען קען קיין רייד ניט זיין; אַלע אָנגעשטעלטע אַרבייטען אַזוי, אַז מען זעהט קלאָר, אַז זיי האָבען ניט און ווילען ניט האָבען קיין פערזענליכע איניציאַ־טיווע.

דאָס מיידעל, וואָס נעמט אייך אויף אין האָטעל בעת איר קומט אָן, און וועלכע נעמט צו ביי אייך דעם פּאַספּאָרט און הייסט אייך אונטערשרייבען דעם נאָמען אויף עפּעס אַ פּאַ־פּירעל, רויכערט אַ סיגאַרעטעל, רעדט ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש און רוסיש, און זי ווייסט אַלץ וועגען די ניויאָרקער הויכע הימעל־קראַצערס, אָבער אָנגעטאָן איז זי אָהן אַ ברעקעל גע־שמאַק, געהט ווי אַן אַלטע באָבעצי, איז נאַכלעסיג און אָפּגע־

לאָזען, און ס'קומט אויס אזוי, אז די קענטניש פון שפּראכען פּאסט איר עפּעס ניט...

דרעהט מען אויף דעם קראַן, וואו עס שטעהט בפירוש, אז פון דאָרט דאַרף געהן הייסע וואסער, געהט דוקא קאלטע. און פאַרקערט: דער קראַן מיט'ן אויפשריפט „קאַלטע", פּליו־כעט דוקא מיט הייסער וואסער. אָבער זעהר אָפט ווערט ער־געץ עפּעס קאַליע און די וואַסער, סיי די הייסע און סיי די קאַלטע, הערט אינגאנצען אויף צו געהן, און דוקא דאַן ווען מען דאַרף זי זעהר נויטיג האָבען.

די סצענעס און בילדער, וואָס מען זעהט אין מאָסקווער גאַסען, קען מען ניט זעהן אין קיין אנדער שטאָדט אין דער וועלט. מענשען זיינען דאָרט אָנגעטאָן אין וואָס איר ווילט נאָר אליין, אין וואָס מען האָט נאָר געקענט קריגען, אבי ניט צו געהן נאַקעט, אבי עס זאָל נאָר ניט זיין קאַלט, און קיינער קימערט זיך ניט וועגען דעם אויסערליכען אויסזעהן.

טראָגען אייניגע פוטערנע פעלצען, אָבער שטאַרק אָפּגע־ריבענע און אָפּגעטראָגענע: אנדערע זיינען אָנגעטאָן אין פוי־ערשע סוויטקעס און קאָזשוכען; ווער עס טראָגט שטיוועל מיט קאַלאָשען און ווער — שטיוועל אָהן קאַלאָשען; אָבער מער ווי אַלץ וואַרפען זיך אין די אויגען די אומגעלומפּערטע פילשטען (וואַלינקעס), וואָס מען טראָגט אויף די פיס; ניט נאָר מענער, נאָר אויך פרויען טראָגען אזעלכע פילשטען אויף די פיס, און דאָס נעמט צו אַ היבשען טייל פון דעם, וואָס די „פאַרדאָרבענע צופוילטע בורזשואזיע" פון די קאַפּיטאַליסטישע לענדער רופט אָן מיט אזעלכע נעמען ווי „פרויען־גראַציע" און „ווייבליכ־קייט". אָבער אין מאָסקווע, זאָגט מען, קימערט זיך קיינער ניט וועגען אזעלכע זאַכען: דאָרטען טוט מען זיך אָן ניט צוליב שעהנקייט, נאָר פּשוט כדי דאָס לייב צוצודעקען...

די מערסטע פרויען אין מאָסקווע, סיי יונגע און סיי אַלטע, טראָגען ניט קיין היטעלאך, נאָר שאַלעכלאַך אויף די קעפּ. דאָס מאַכט זיי אַלעמען אויסזעהן ווי פויערטעס. אין אַל־געמיין איז אין מאָסקווע שווער צו טרעפען אַ פרוי, וואָס זאָל זיך אָנטאָן אַזוי, ווי ס'טוען זיך געוועהנליך אָן די פרויען אין אנדערע גרויסע שטעדט אין אייראָפּע, אדער אין אמעריקע. און ווען מען דערזעהט אמאָל אַזאַ פרוי, איז דאָס אַ נאָווינע,

אַ חידוש, וואָס ציהט גרוים אויפמערקזאַמקייט. אויך די מאַנס־בילען זיינען אין דעם פּרט ניט קיין אויסנאַם. פון אַלעמען קוקט ארונטער די גרויקייט, די דאָרפישע שווערקייט, און אין דער צייט, ווען מען רעדט וועגען גרוים־שטאָטישער אינדוס־טריאַליזאַציע און גרוים־שטאָדטישען שנעלער אימפּעט, טראָגט מען אויף זיך די שווערקייט און די גרויקייט פונ׳ם אַלטען רוסי־שען דאָרף, וואָס מען געדענקט נאָך פון די אַמאָליגע צייטען.

אַ מאָדנע פאַראייניגונג פונ׳ם אַלטען צוריקגעשטאַנענעם רוסישען דאָרף מיט דער שטאָדט, וואָס רעכענט זיך אַלס דער צענטער פון דער וועלט־רעוואָלוציע, וואָס דאַרף אָפּשאַפען די אַלטע אָרדנונג און איינפיהרען אַ נייע.

טראַמוואַיען לויפען אין מאָסקווע אַ סך, און מען רעדט אַלץ וועגען שנעלקייט און „טעמפּאָ״ זעהר פיל. אָבער די טראַמ־וואַיען געהען דוקא זעהר לאַנגזאַם, און דערצו איז אין מאָסקווע בכלל זעהר שווער צו פאָהרען אין טראַמוואַי. כמעט שטענדיג זיינען די טראַמוואַיען אזוי געפּאַקט, אז ס׳איז אונמעגליך דאַר־טען אַ נאָדעל דורכצוּוואַרפען.

ניט נאָר איז אינעווייניג אזוי ענג און דושנע, אז מען ווערט שיער ניט דערשטיקט, נאָר אויך אין דרויסען, אויף די טרעפּלאַך, איז אזוי. מענשען הענגען זיך אָן אויף די טרעפּלאַך, און דאָס איז אַ סך שווערער ווי אויף אַ ניו־יאָרקער קאַר. ווייל די טרעפּלאַך פון אַ מאָסקוועער טראַמוואַי זיינען ניט ארויס־גערוקט ווייטער איינס פון אַנדערען, נאָר זיי לויפען גלייך, ווי די שטעקעלאַך אין אַ לייטער; ווען מען שטעלט זיך ארויף אויף זיי, מוז מען זיך מיט׳ן גאַנצען קערפּער אָנבויגען פאָר־אויס און זיך אָנהאַלטען פעסט אָן עפּעס, אדער אָן אימיצען; טשעפּעט מען זיך טאַקע אָן איינער אָן אַנדערען, קריכט מען איינער אויפ׳ן אַנדערען און אַלע מישען זיך צונויף אין איין גרויער, קויטיגער מאַסע, וואָס יאָגט זיך ערגעץ און — איז בייז און נערוועז: אַלע שרייען אויפ׳ן קול, אַלע קאָכען זיך, אַלע איילען זיך, ווייל אויב מען וועט אָנקומען צו דער ארבייט מיט אַ פּאָר מינוט צו שפּעט, וועט דאָס שוין הייסען אַ „פּראָגול״ — אַ סימן פון פוילקייט, אדער בייזוויליגקייט, פאַר וואָס מען וועט קיין קניפּ אין בעקעל זיכער ניט געבען, ווייל מען וועט חושד זיין, אז מען איז אויסען צו שעדיגען אין דער אר־

בייט פון אויפבויען דאָס לאַנד. ביי אַלעמען זיינען דאַריבער די נערוועז זעהר שטאַרק אָנגעצויגען און שרעקליך אָנגעשטרענגט. עס איז אַ אימפּעט, אַ געלאַף — יאָגען און אַריבעריאָגען אַמעריקע!

און דער טראַמוואַי שלעפּט זיך לאַנגזאַם און שווער. דער קאָנדוקטאָר, מערסטענטיילס אַ פרוי, מיט אַ שאַלעכעל אויפ'ן קאָפּ און מיט אַ וואַטאָווע קויטיג לייבעל אויף זיך, פאַרקויפט בילעטען, וואָס באַשטעהען פון אַזעלכע פּאַפּירלאַך, וואָס צוקריכען זיך צווישען די פינגער. און די פּאַסאַזשירען אינעווייניג ריידען אויפ'ן קול, פרעגענדיג איינער ביים אַנדערען צי מען געהט אַרונטער אויף דער אָדער יענער סטאַנציע. און דערביי שטופּט מען זיך, און דערביי שטויסט מען זיך, און טאַקע דוקא אין דער ברייט, אַזוי אַז די, וואָס שטעהען אין די זייטען, ווערען צוגעשטופּט צו די ווענט און ווערען שיער ניט דערשטיקט. און פון אַלע זייטען הערען זיך קולות:

— העי, בירגער, איר געהט אַרונטער ביים פּעטראָווסקי'ן טויער?

— העי, בירגערין, איר געהט אַרונטער ביים זאַמאָסקווערעצקען בריק?

— חבר, פאַרשטעלט ניט דעם וועג!

— חבר'טע, מאַכט אַ וועג?

— שנעלער אַביסעל, בירגער!

— אײַלט אייך צו, בירגערין!

און ווען דער טראַמוואַי שטעלט זיך אָפּ, ווערט די שטורפּעניש און די יאָגעניש נאָך גרעסער; אַלע ווילען וואָס שנעלער זיך אַרויסכאַפּען, וויל זעהר אָפט טרעפט, אַז דער טראַמוואַי לאָזט זיך לויפען ווייטער נאָך איידער די פּאַסאַזשירען געהען אַרויס. און אָפּשטעלען דעם טראַמוואַי איידער ער קומט אָן צו דער באַשטימטער סטאַנציע, פּשוט צוליב דעם, אַז פּאַסאַזשירען זאָלען קענען אַרויסגעהן וואו זיי דאַרפען — אַזאַ זאַך איז אין מאָסקווע נישטאָ.

דערצעהלען טאַקע מענשען, אַז זעהר אָפט טרעפען אומגליקען אויף די מאָסקווער טראַמוואַיען. מענשען פאַלען אַרונטער פון די טרעפּלאַך; מענשען ווערען צוקאַליעטשעט און פאַרוואונדעט, און עס טרעפט אויך, אַז מענשען ווערען אוי-

בער אזא אונאָרדנונג דער׳הרג׳עט, אדער זיי ווערען קאַליקעס. אָבער אין די צייטונגען מעלדעט מען ניט וועגען דעם. אין אַלגעמיין האָבען די סאָוועטישע צייטונגען ניט אזא זאַך ווי כראָניק וועגען טעגליכע פּאַסירונגען אינ׳ם פּשוט׳ן לעבען פון מענשען. אזעלכע קליינינגקייטען ווי אומגליקספאַלען מיט מענשען, וואָס פאָהרען אויפ׳ן טראַמוואַי, אָדער אַנדערע אומגליקספאַלען, וואָס האָבען ניט קיין שייכות מיט דער אַלגעמיינער אויפבויאונג פון לאַנד און וואו עס איז נישטאָ קיין גרונד חושד צו זיין אימיצען, אז ער איז אויסען געווען צו שטערען אין דער אויפבויאונגס ארבייט, פאַר וואָס מען קען אים באשטראפען אפילו מיט׳ן טויט — אזעלכע קליינינגקייטען ווערען אין די צייטונגען ניט געמעלדעט און ס׳ווייסען וועגען דעם בלויז די נאָהענטע מענשען פון דעם, מיט וועמען דער אומגליק איז געשעהן.

מיר איז א סך מאָל אויסגעקומען צו פאָהרען אין די מאָסקווער טראַמוואַיען, און איך האָב זיך איבערצייגט, אז ווען זיי פיהרען ניט קיין ארבייטער צו דער ארבייט, געהען זיי א סך לאַנגזאַמער ווי געוועהנליך, אַזוי אז פאָהרענדיג שפּאָרט מען קיין צייט ניט איין. צופוס וואָלט מען דאָס אפשר געמאכט פונקט אזוי גיך ווי מיט׳ן טראַמוואַי. האָב איך גערעדט מיט באקאַנטע וועגען דעם און במעט אַלע האָבען מיר זעהר אָן אייגענאַרטיגען ענטפער געגעבען.

איינער האָט געזאָגט:

— אין אמעריקע קען מען געהן צופוס; דאָרטען האָט מען כח. ביי אונז, אָבער, קען מען דאָס ניט, פּשוט דערפאַר וואָס מיר האָבען קיין כח ניט צו געהן צופוס...

און אַן אַנדערער האָט געזאָגט:

— איך וואָלט געגאַנגען צופוס, אָבער אָן עבירה די שיך... אויף די שטיינער פון די מאָסקווער גאַסען צורייסען זיך שיך זעהר שנעל, און ס׳איז שוין פינף יאָהר זינט איך טראָג איין פּאָר שיך...

— קען מען דאָך קויפען נייע.

אויפ׳ן פּנים פון דעם מענשען האָט זיך א ביטערער שמייכעל פאַרשפּרייט.

— איר ווייסט וויפיל עס קאָסט ביי אונז א פּאָר שיך?

— וויפיל?

— עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע. פאַר א פּאָר שיך דאַרף מען באַצאָהלען הונדערט, הונדערט און פופציג און צוויי הונ־דערט רובעל. און ניט אלע מאָל קען מען זיי קריגען...

אָבער ניט קוקענדיג דאַרויף, וואס מען דאַרף אַזוי זשאַ־לעווען די שיך, ווייל זיי רייבען זיך אוים אויף די שטיינער פון די מאָסקווער גאסען, און ניט קוקענדיג דאַרויף, וואָס די מוחות פון די מערסטע מאָסקווער בירגער זיינען יעדען טאָג פאַרנו־מען מיט אזעלכע זאכען ווי די פראַגען וואו צו קריגען ברויט, פּוטער, קעראָסין, מילך, א שטיקעל פלייש און אַנדערע נויטיגע ארטיקלען, געהט ניט אוועק קיין איין טאָג, אז הונ־דערטער און טויזענטער מענשען זאָלען ניט שטעהן אויפ׳ן רויטען סקווער, ביים מאַוזעלעאום, וואו עס ליגט דער באַל־זאמירטער קערפּער פון דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסען פיהרער פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וולאַדימיר איליטש לענין.

שטונדען שטעהען די מענשען אין דרויסען אויף דער קעלט, אלע אויסגעשטעלט אין א לאַנגער רייהע, און זיי וואַר־טען אויף דער געלעגענהייט צו כאַפּען א בליק, איין־און־איינציגען בליק, אויף דעם פאַרשטאָרבענעם גרויסען פיהרער, וועמען זיי פאַרגעטערען ממש. און א סך פון זיי, אויב ניט אלע, גלויבען באמונה שלימה, אז ווען ע ר וואָלט נאָך געלעבט, וואָלט איצטער געווען בעסער, וואָלט דאָס לעבען ניט געווען אזוי שווער...

אַזוי רעדט מען גאַנץ אָפען צווישען זיך. אזא גלויבען דריקט מען אוים מיט עכט רוסישער תמימות; און מיט אָט דעם גלויבען אין הארצען שטעהען יעדען טאָג טויזענדער און טויזענדער מענשען און וואַרטען אויף דעם מאָמענט, ווען מען וועט זיי אריינלאָזען אינעווייניג און זיי וועלען זוכה זיין צו זעהן דאָס פּנים פון דעם פאַרשטאָרבענעם א י ל י ט ש, וואס לעבט אין זייער זכרון ווי א הייליגער.

דעם ערשטען טאָג פון מיין קומען אין מאָסקווע בין איך אין מאַוזעלעאום געווען. אין דרויסען איז געווען זעהר קאַלט און ווען איך האָב זיך גלייך מיט אלעמען אוועקגעשטעלט אין דער לאַנגער רייהע אויפ׳ן רויטען סקווער, איז א פרוי צוגע־גאַנגען צו מיר און האָט געזאָגט:

— איר, חבר, אַלס אַן אויסלענדער, דאַרפט ניט שטעהן אין דער רייהע. איר קענט אריינגעהן אינעוויינינ אַזוי...

און צופיהרענדיג מיך צו די צוויי סאָלדאטען, וואס זיי־נען געשטאנען ביי דער טיר, האָט זי געזאָגט:

— לאָזט דורך אַן אויסלענדער.

און מען האָט מיך גלייך דורכגעלאָזען.

אינעוויינינ בין איך גלייך אריינגעפאלען אין א לאנגער רייהע מענשען, וואס האָט געשפאנט פאמעלאך און שטיל. א שווערע סומנעקייט, געמישט מיט א גייסט פון היילינקייט האָט זיך פון די גלאטע שטיינערנע ווענט געטראגען; מיט איינ־געהאלטענע אָטעמס האָבען מיר געשפאנט טריט ביי טריט, שטיל ניט ארויסריידענדיג קיין איין וואָרט, און אזוי זיינען מיר צו־געקומען צו דעם גרויסען גלעזערנעם קאסטען, וואו לענינ׳ס טויטער קערפער ליגט מיט אַן אָפען פנים און מיט געשלאָ־סענע אויגען — דאָס זעלבע פנים, וואס די גאנצע וועלט האָט שוין געזעהן אויף בילדער אומעטום, אין פארשידענערליי פאָזעס; איבער׳ן קערפער הענגט א גרויסער שפיגעל, וואס ווייזט לענינ׳ען פאר אלעמען אין פולען וואוקס און ברענגט ארויס נאָך שארפער די געלקייט, די טויטע געלקייט פון זיין פנים; פון ביידע זייטען, צוקאָפּענס און צופוסענס, שטעהען צוויי סאָלדאטען מיט ביקסען, און דער אויסדרוק פון זיי־ערע פנים׳ער איז א פארגליווערטער; עס דוכט זיך, אז זיי אליין זיינען אויך א טייל פון דער פארגליווערטער טויטקייט און היילינקייט, וואס הערשט ארום און ארום; אָבער ווען מען קוקט זיך צו צו זיי אין דער צייט, ווען מען דרעהט זיך ארום דעם גלעזערנעם קאסטען, זעהט מען ווי זיי קוקען אָנגעשטרענגט אויף אַלעמען; דאָס גיבען זיי אכטונג, אז קיינער זאָל זיך ניט אָפּשטעלען, אז די רייהע זאָל פאמעלאך און לאנגזאם שפּאַ־נען ארום און ארום ביז זי וועט צוקומען צום ארויסגאַנג.

ביים ארויסגעהן פונ׳ם מאָוזעלעאום בין איך געווען ווי צומישט. און מאָדנע! געטראכט האָב איך דוקא ניט פון דעם, וואס איך האָב לענינ׳ס טויטען קערפער געזעהן, נאָר גאָר פון דעם, וואס מען האָט מיך אין מאָוזעלעאום אריינ־געפיהרט אַלס אַן „אויסלענדער”. איך האָב אַליין ניט געקענט פארגעסען יענע ווערטער:

„איר, חבר, אַלס אַן אויסלענדער, דאַרפט ניט שטעהן אין דער רייהע. איר קענט אַריינגעהן אינעווייניג אַזוי"...

מיר איז דאָס געווען ניט אנגענעם. ערשטענס, וואס פאַר אַן „אויסלענדער" בין א י ך אין רוסלאַנד? האָב איך דען אין די צוויי־און־צוואַנציג יאָהר אין אמעריקע ניט געלעבט מיט רוסלאַנד, מיט דער רוסישער ליטעראַטור, מיט רוסישער גע־שיכטע? ! און אויב אפילו שוין יאָ אַן „אויסלענדער", טאָ פאַרוואָס קומט מיר מער פּריווילעגיעס ווי דעם רוסישען בירגער אין מאָסקווע? אפילו ביי לענינ'ס טויטען קערפּער מער פּריווילעגיעס!

אין הארצען האָט גענאָגט א שווער געפיהל. עפּעס איז דאָס מיר געווען פּריקרע...

איבער דעם בין איך שוין דעם גאנצען טאָג געווען שלעכט געשטימט און איך האָב אין ערגעץ ניט געקענט געהן. און אין אָוועגט, ווען ס'איז אין דרויסען אויסגעפאַלען א גרויסער שניי און עס האָט געכאַפּט א שטאַרקער פראָסט, האָב איך זיך איי־נער אַליין געלאָזט געהן איבער די גאַסען פון מאָסקווע.

די אמעריקאנער קליידער מיינע זיינען ניט געווען צוגעפּאַסט צום רוסישען ווינטער, וועלכער איז געוועהנליך זעהר שטאַרק אָנגעכמורעט און בייז. עס איז מיר געווען זעהר קאַלט און דערצו איז נאָך אין גאַס געווען זעהר גליטשיג. איך האָב זיך געמוזט אומקערען צוריק אין האָטעל, און איך האָב שוין גע־האַט באַשלאָסען, אַז דער אָוועגט זאָל ביי מיר אַוועק אין פאַר־צייכענען אין נאָטיץ־ביכעל אַלעס, וואס איך האָב געזעהן און געהערט אין פאַרלויף פונ'ם טאָג.

אָבער ביי דער טיר פונ'ם האָטעל האָב איך זיך אָפּגע־שטעלט, פּשוט קיין חשק ניט געהאַט אריינצוגעהן, ווייל מיר האָט זיך געוואָלט זעהן אין מאָסקווע נאָך און נאָך מענשען, נאָך און נאָך סצענעס און בילדער. מאָסקווע האָט מיך געגרייצט. מאָסקווע האָט מיך ניט געלאָזט רוהען.

בין איך אזוי לאַנג ביי דער טיר געשטאַנען, זיך צוגעקוקט צו די מענשען, וואס זיינען אין גאַס געגאַנגען, אויפגע־כאַפּט ווערטער פון די געשפּרעכען, וואס זיי האָבען געפיהרט און דערביי האָב איך זיך אויך איינגעהערט צו די קלאַנגען פון

דער מוזיק, וואָס האָט זיך געטראָגן פונ׳ם רעסטאָראַן, אינע־ווייניג אין האָטעל.

די מערסטע פאַרבייגעהער האָבען גערעדט וועגען מיטינ־גען, וועגען ארבייט. עס האָבען זיך צום אויער דערטראָגען אזעלכע ווערטער ווי „אַר־קאַ־אי״ (ראַבאָטשאַיאַ קרעסטיאַנס־קאַיאַ אינספעקציע), „יאַטשעיקאַ״, „ראַיפּאַרקאָם״, „צעראַבקאָפּ״, „מאָסטאָרג״, „מאָסלאָטרעסט״, „טעכרוק״, „סאָוונאַרקאָם״, „ראַיקאָם״ און „פּאַבקאָם״. און וויטער אביסעל האָבען מענ־שען אין צוריסענע פּעלצלאַך און אין אָפּגעריבענע פוטערנע היטלען געריינינגט דעם שניי פון די גאַסען, ארויפוואַרפענדיג אים אויף שליטענס און דערביי האָבען זיי אויפ׳ן קול גלאַט אזוי געזידעלט איינע די אַנדערע אויפ׳ן עכט־רוסישען אמאָליגען שטייגער און ס׳איז אוועק אַ סדרה פון דריי און פיר און פינף־גאָרענדיגע רוסישע „מי שברך׳ס״...

„העי, טי... מאַט״...

„דאַ נו איך... מאַט״...

„ראָס... מאַט״...

און אזוי אויף פאַרשידענערליי אופנים און נוסחאות...

פונקט ווי אין די אמאָליגע אַלטע צייטען...

פונקט ווי קיין זאַך וואָלט זיך ניט געביטען...

און פונקט אין יענעם מאָמענט זיינען צוויי מענשען, אָנגעטאָן זעהר אָרים, אין צוריסענע פּעלצלאַך, די פיס ארומ־געבונדען מיט שמאַטעס און טראַנטעס, פאַרבייגעגאַנגען לע־בען מיר, און דערהערענדיג די קלאַנגען פון דער מוזיק, וואָס האָט זיך פונ׳ם האָטעל געטראָגען, האָבען זיי געכאַפּט אַ קוק אין די פאַרפראָרענע פענסטער, און איינער פון זיי האָט געמאַכט אזא באַמערקונג:

„אַ אים טאָ טעפּלאָ טאַם״ (און זיי דאָרטען איז ווארים).

און דער אַנדערער האָט אָפּגעענטפערט:

„נו, טשטאָ אים — בורזשואזיאַ״. (וואָס פעהלט זיי, דאָס איז דאָך די בורזשואזיע).

און ארויסגערעדט האָט ער דאָס וואָרט „בורזשואזיאַ״ מיט אַ קוועטש אויף דער „אַ״ און אין זיין טאָן האָט זיך געפיהלט אַ וועלט מיט פאַראַכטונג...

## 2. די אידישע יונגוואַרג אין מאָסקווע.

זעהר אָפּט קען מען הערן די באַמערקונג, אַז מאָסקווע איז די לעצטע צייט געוואָרען אַ אידישע שטאָדט.

עס איז אָבער ניט אַזוי. מאָסקווע איז ניט קיין אידישע שטאָדט. און דער אמת איז, אַז אויב עס איז אינ'ם סאָוועטען־פאַרבאַנד נאָך געבליבען אַ שטאָדט, וואָס טראָגט אויף זיך טיף איינגעקריצט דעם שטעמפּעל פון עכטער רוסישקייט, איז דאָס געוויס מאָסקווע.

אָהן די פערציג מאָל פערציג קלויסטערס, וואו די גלעקער האָבען אמאָל פאַרהילכט די לופט מיט זייער קלינגען; אָהן די צלמים, וועלכע האָבען זיך אַמאָל מיט גינגאָלד געשפּיגעלט אין די שטראַהלען פון דער זון — מאָסקווע איז געבליבען אַן עכט רוסישע שטאָדט. און ווען דער זייגער פון קרעמעל קלינגט אויס די שטונדע אין אַ שטילער נאַכט, ווען ס'איז שוין שפּעט און מענשען שלאָפען שוין, דוכט זיך אויס, אַז דאָס קלינגט ערגעץ אַ גלאָק אין אַ קירכע, און איך בין זיכער, אַז ניט איין רוסישער מענש כאַפּט זיך דאַמאָלט אויף פון שלאָף און צלם'ט זיך איבער, מורמלענדיג פאַר זיך שטילערהייט אַ תפילה...

יאָ, קיין קירכען־גלאָקען קלינגען שוין כמעט ניט מער אין מאָסקווע. אָבער ווען עפּעס קלינגט נאָך יאָ, האָט עס אין זיך דעם אָפּקלאַנג פון אַ קירכען־גלאָק. און יעדער זאַך ארום — די גאַסען, די הייזער, די מענשען, די לופט אפילו — אַלץ דערמאָנט אָן דער אַלטער, קלויסטערדיגער מאָסקווע.

מאָסקווע איז אָבער דער צענטער פון דער רעוואָלוציע, מאָסקווע איז די שטאָדט מיט ברייטע מעגלאַכקייטען פאַר אַ שטרעבענדיגער, אַמביציעזער יונגוואַרג, וואָס וויל שטודירען און אַרבייטען, און ס'איז דעריבער ניט מער ווי נאַטירליך, אַז אַהין זאָלען זיך מיט אַלע כחות רייסען אידישע בחורים און מיידלאַך, וואָס ווילען לערנען און ווערן מענשען.

די שטרעבונג צו שטודירען איז ביי דער אידישער יונגוואַרג אין רוסלאַנד איצט נאָך אַ סך שטאַרקער ווי זי איז געוועזען אַמאָל. און איצט האָט די אידישע יונגוואַרג אין רוסלאַנד אַלע מעגליכקייטען צו שטודירען, ניט אַזוי ווי פאַר דער רעוואָלוציע, ווען אַ אידישער בחור'ל אָדער אַ אידיש מיידעל האָט געדאַרפט דורכמאַכען אַ שרעקלאַכען חבוט הקבר ביז מען האָט אויסגע־

האלטען אַן עקזאמען, ביז מען האָט געקראָגען דעם דיפּ־לאָם.

ווער עס וויל נאָר פּאָרטזעצען דאָס שטודירען, נאָכדעם ווי מען ענדיגט די עלעמענטאַרע שול, קריגט אַלע מעגליכ־קייטען דארויף. די סאָוועט־רעגירונג פאַרזאָרגט אים מיט א וואוינונג, זי גיט אים אויך אויף צו לעבען, זי צאָהלט אים, הייסט עס, דערפאַר וואס ער לערנט און זי שאַפט פאַר אים אויך די מעגלאכקייטען צו פּראַקטיצירען באַצייטענס דעם פאַך, וואָס ער שטודירט; סטודענטען, וואס לערנען זיך צו זיין אינ־זשינירען, ווערען געשיקט אויף די פאַבריקען און זאַוואָדען זיך צו באַקענען מיט דער ארבייט און אויף אזא אופן קריגען די נויטיגע ערפאהרונג; סטודענטען, וואָס שטודירען מעדיצין, ווערען געשיקט אין די שפּיטאָלען צוליב דעם זעלבען צוועק, און פאַר דער ארבייט, וואס זיי טוען אין די פאַבריקען און אין די שפּיטאָלען צאָהלט מען זיי. עס איז א געלונגענע קאָמבינאציע פון לערנען און ארבייטען, פון טעאָריע און פּראַקטיק, און אזוי ווי די מערסטע סטודענטען און סטודענטקעס זיינען אַלץ קינדער פון ארבייטער און פּויערים, איז אין סאָוועט־רוסלאַנד דאריבער געשאַפען געוואָרען א נייער טיפּ סטודענט, וואָס איז אינגאַנצען אַנדערש פון דעם סטודענט, וואס מען געדענקט נאָך פון די אַלטע צייטען.

מען דאַרף האָבען אינזשינירען אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווייל מען האַלט דאָך אין איין בויען פאַבריקען און זאַוואָדען און מען רעדט אַלץ וועגען א טעכניק, וואס וועט מיט דער צייט אריבעריאָגען אַמעריקע, לערנען זיך אידישע יונגע לייט צו זיין אינזשינירען; מען דאַרף האָבען לערערינס, ווייל מען טוט דאָך אַלץ, וואס עס איז נאָר מעגליך אינגאַנצען אָפּצו־שאַפען „בעזגראַמאָטנאָסט" אין לאַנד, לערנען אידישע מיידלאַך אויף פּעדאַגאָגישע קורסען צו ווערען לערערינס. און אַלע רייסען זיך קיין מאָסקווע, אַלע לויפען אהין, ווייל דאָרט איז דער גרויסער צענטער פון בילדונג און ארבייט.

אָבער וואוינענדיג אין מאָסקווע ווארפען זיי פון זיך ארונ־טער דעם שטעמפּעל פון'ם קליינעם שטעדטעל, פון וואנען זיי זיינען געקומען; זיי מישען זיך אוים מיט דער אַלגעמיי־נער באַפעלקערונג, סאַי אויסערלאַך און סאַי אינערלאַך; עס

געדויערט נישט לאַנג און זיי ווערען עכטע מאָסקווער איינוואוי־נער, און קיינער קען ניט זאָגען, אז זיי זיינען דאָס ניט.

אין די ערשטע צוויי טעג נאָך מיין קומען קיין מאָס־קווע, בין איך געווען איבערראַשט ווען איך האָב זיך דער־וואוסט, אז אַ העלפט פון מיין געבורטס־שטעדטעל, טראָסטינעץ, וואָס ליגט פארוואָרפען אין אַ ווינקעל אין פאָדאָליער גובער־ניע, געפינט זיך אין מאָסקווע, און אַז אייניגע יונגע לייט, וועל־כע איך האָב מיט צוויי־און־צוואַנציג יאהר צוריק געקענט אלס קליינע אינגלאך, קינדער פון אָרימע עלטערען, פארנעמען גאַנץ אָנגעזעהענע רעגירונגס אמטען און שפּילען אַ גרויסע ראָלע.

ווען ניט די רעוואָלוציע וואָלטען זיי זיך צו אזא שטאַנד זיכער ניט דערשלאָגען. ווען ניט די רעוואָלוציע וואָלטען זיי זיך איצטער אודאי געוואָלגערט אין׳ם קליינעם שטעדטעל און דאָרטען וואָלטען זיי געווען משרתים׳לאך, מעקלערלאך, איי־דימלאך אויף קעסט, אָדער גלאַט ניט־דערבאַקענע אינטעלי־גענטען מיט צובראָכענע האָפנונגען און אונטערגעהאַקטע פליגעל.

זיי ווייסען עס, און עס איז דאַריבער ניט מער ווי נאַטיר־לאך, אז זיי זאָלען מיט לייב און לעבען זיין איבערגעגעבען דער נייער אָרדענונג.

מיט די מערסטע פון זיי האָב איך זיך געזעהן, גערעדט מיט זיי, געווען ביי זיי אין דער היים, און קיין איינער האָט זיך ניט באַקלאָגט אויף דער איצטיגער אָרדענונג, כאָטש זיי זיינען אָנגעטאָן זעהר אָרים, כאָטש עס קומט זיי אויס זעהר אָפט צו ליידען פון אַ מאַנגעל אין די נויטיגסטע ארטיקלען.

און זיי זיינען זיכער, אז אין אַמעריקע איז די נויט נאָך אַ סך ערגער ווי אין רוסלאַנד.

אין איינער פון די „קאָמונע־הייזער" וואוהין מען האָט מיך געפיהרט דעם ערשטען טאָג פון מיין קומען קיין מאָסקווע, האָט אַ קליינע מיידעלע פון אַ יאָהר דרייצען זיך צוגעבונדען צו מיר. איך בין איר קענטיג שטאַרק געפעלען געוואָרן און דערצו האָט זי זיך נאָך געפיהלט היימיש, ווייל איך האָב מיט איר גערעדט רוסיש. ניט אָפּטרעטענדיג פון מיר די גאַנצע צייט, האָט זי מיך געהאַלטען ביי דער האַנט, דערביי האָט זי ווי אַ חידוש באַטראַכט די קליידער, דעם הוט, דאָס שאַרפעלע און דעם שטעקען, וואָס איך האָב געטראָגען; אלע מאָל האָט זי

מיר אַן אַנדער פראגע געשטעלט, אָנרופענדיג מיך ניט אַנדערש ווי „אָנקעל". זי האָט געוואָלט וויסען צי אין אַמעריקע זיינען אויך פאראַן שולען, צי קינדער מוזען זיך דאָרט לערנען אַזוי ווי אין רוסלאַנד; צי אין די אַמעריקאַנער שולען זיינען פאראַן „פיאָנערן" און „פיאָנערקעס", „קאָמסאָמאָלצעס" און „קאָמסאָמאָלקעס". זי האָט געהאַט טענות צו מיר פאַרוואָס מען האַלט אין אַמעריקע פאַרשפאַרט אין געפענגניש די אַכט סקאָטסבאָראָ נעגער־אינגלאַך, און ווען איך האָב איר אויף די אַלע פראַגען געענטפערט אַזוי ווי מען ענטפערט געוועהנליך אַ סימפּאַטיש קינד, וואָס איז נייגעריג צו וויסען אַלץ אין דער וועלט, האָט זי אויף מיר געגעבען אַ קוק מיט גרויס באַדויערן:

— אָנקעל, — האָט זי געזאָגט, — עס איז אויף אייך אַזאַ רחמנות!

— פאַר וואָס, קינדעלע? — האָב איך זי געפרעגט. — פאַר וואָס איז אויף מיר אַזאַ רחמנות?

און זי האָט געענטפערט:

— ווייל ביי אייך אין אַמעריקע איז דאָך אַזוי שלעכט!...

עס איז געווען איבעריג צו ריידן מיט איר, ווייל פון דעם וואָס זי האָט געלערענט און געהערט וועגען אַמעריקע איז ביי איר געווען קלאָר ווי דער טאָג, אַז דאָרטען שטאַרבען מענשען אין די גאַסען פאַר הונגער אין די טויזענטער; אַז אַרבייטער געהען דאָרט אַרום נאַקעט און באָרפוס און די פּאָליציי האַלט זיי אין איין שלאָגען; אַז מען טאָר דאָרט קיין פרייע וואָרט נישט אַרויסריידען — אַז אַמעריקע איז אַ גיהנום און סאָוועט־רוסלאַנד איז אַ גן־עדן...

אין דעם זעלבען טאָג בין איך אויך געווען אין נאָך אַ „קאָמונע־הויז". ווען איך בין צוגעפאָהרען אַהין אין אַן אָטאָמאָביל, זיינען קינדער צוגעלאָפען צו מיר, און איינער, אַ קליין אינגעלע פון אַ יאָהר זיבען־אַכט, האָט אויסגעשריגען אויפ'ן קול:

„מאַמאַ, אַנגליטשאַן פריעכאַל!"

פאַר וואָס אים איז איינגעפאַלן, אַז איך בין דוקא אַן ענגלענדער, ווייס איך ניט. מעגליך, אַז לויט זיין באַגריף איז יעדער מענש, וואָס געהט אָנגעטאָן אַנדערש און אַביסעל

שעהנער ווי א רוסישער מענש, ניט אַנדערש ווי אַן ענג־לענדער.

די באַגלייטערין מיינע, די אָפּיציעלע „איבערזעצערין", וועל־כע האָט מיר געדאַרפט ווייזען די וואונדער און די דערגרייכונגען פון דער נייער רוסלאַנד, האָט מיך אַריינגעפיהרט אין אַן ארבייטער־וואוינונג פון דריי צימערען. איידער זי האָט מיך אהין אריינגעפיהרט, האָט זי געזאָגט, אז דאָס איז א מוסטער פון אַן ארבייטער־וואוינונג.

מיר זיינען אריינגעקומען אינעווייניג און — פריהער פון אַלץ האָט מיר געגעבען א זעץ אין דער נאָז דער שטיקענדער און זעהר ניט אַנגענעמער גערוך...

דאָס איז אָבער געווען בלויז אין אַנפאַנג. נאָך די ערשטע עטליכע מינוט געוועהנט מען זיך צו און מען מיינט שוין, אז דער גערוך איז אַ נאַטירלאַכער...

אין קיך האָט מען געוואשען וועש און ס'האָט פון דארט געזעצט א פארע און א רויך. און אין די אַנדערע צוויי צי־מערען, וואו עס האָבען געוואוינט א זעקס מענשען ארום און ארום, איז אויך געווען ניט זעהר ציכטיג. ביי א טיש זיינען געזעסען צוויי פרויען, איינע — פון אַ יאָהר עט־ליכע און פערציג און די צווייטע — אַ אינגערע, פון אַ יאָהר דרייסיג. ביידע פרויען זיינען געווען אָנגעטאָן זעהר אָרים און קויטיג, און אין אַנפאַנג איז אונמעגליך געווען צו דערקענען ווער ס'איז די עלטערע און ווער די אינגערע. ערשט ווען איך האָב זיך נעהענטער צוגעקוקט צו זיי, ווען איך האָב אָנגעהויבען ריידען מיט זיי, האָב איך דאָס דערקענט.

אויף די ווענט זיינען געהאנגען אָפּישען און פּלאַקאַטען מיט פארשידענערליי קאָמוניסטישע אויפשריפטען און לאָזונגען. אין איין ווינקעל איז געהאנגען א „הייליגע בילד", לעבען וועל־כען עס האָט געברענט א לעמפּעל, און אין א צווייטען ווינ־קעל — לענין'ס פּאָרטרעט...

אין שטוב איז אויך געווען אַ ראַדיאָ, און פון ערגעץ האָט אימיצער גערעדט און געגען דעם וואס די גאנצע קאַ־פּיטאַליסטישע וועלט האָט זיך איצטער, נאָך מער ווי אלע מאָל, פּארמאָסטען געגען דער רעפּובליק פון ארבייטער און פּויערים,

און אז ס'איז דאריבער די פליכט פון יעדען איינעם צו זיין אויף דער וואך...

דאס קול אין דער ראַדיאָ האָט אויך גערעדט וועגען די גרויסע דערגרייכונגען און אויפטואונגען פון דער סאָוועטען־מאכט, וואס האָט אויסגעבויט גרויסע פאַבריקען און זאַוואָדען און גיט אלעמען באשעפטיגונג אין דער צייט ווען אין אנדערע לענדער גערען מיליאָנען מענשען ארום אָהן ארבייט און האָבען נישט וואס צו עסען.

— איר האָט ליב צו הערען די ראַדיאָ? — האָב איך געפרעגט איינע פון די פרויען.

וואַרפענדיג א בליק דאָ אויף מיר און דאָ אויף מיין באַגלייטערין, האָט די אינגערע פרוי געענטפערט אזוי:

— יאָ, ליב, ניט ליב — מען הערט...

עס איז ניט שווער געוועזן דעם ענטפער צו פארשטעהן, ווייל איך האָב שוין געוואוסט, אז אין יעדער וואוינונג שטעלט מען אריין אַ ראַדיאָ, פאַרוואָס מען צאָהלט דער רעגירונג א רובעל מיט זיבעציג קאָפּיקעס א חודש. דאָס איז, ווי מען רופט אָן אין רוסלאנד, אַן „ארויפגעצוואונגענע פריוויליג־קייט".

— נו, און קאָנצערטען הערט איר אַמאָל אויך אויף דער ראַדיאָ? — האָב איך געפרעגט.

— יא, אמאָל הערט מען קאָנצערטען אויך, אָבער זעהר זעלטען...

און דאָ האָט זיך ארייגעמישט איינע פון די פרויען וואס האָט פריהער געשוויגען די גאנצע צייט, און זי האָט געמאכט אזא באמערקונג, גיבענדיג א ציה מיט די אקסלען:

„ציעלי דיען טאָ אי דיעלאָ טשטאָ אָריאָט אי אָריאָט בעז קאָנצא" (ווי דער טאָג איז גרויס, האלט עס אין איין גראַ־גערען און ס'הערט ניט אויף...)

די גאַנצע צייט וואָס די „איבערזעצערין" מיינע האָט מיך ארומגעפיהרט איבער פארשידענע אינסטיטוציעס און מוזע־אומס האָב איך ווירקליך געגאַפט פון די וואונדער, וואס מען האָט מיר געוויזען; איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אז די מערסטע איינוואוינער אין מאָסקווע, אויב ניט אלע, ריידען אלץ וועגען גרויסע אויפטואונגען און ריזיגע דערגרייכונגען, פון

וועלכע דער צוקונפטיגער דור וועט געניסען מער ווי דער איצטיגער. די באגייסטערונג פון אנדערע האָט מיך אויך באַגייסטערט.

און אין אווענט האָב איך זיך געדאַרפט טרעפען מיט אַ געוויסער דאַמע, צו וועמען איך האָב געהאַט אַ גרוס פון אמעריקע.

פון דעם וואס איך האָב פריהער געהערט וועגען דער דאַמע, מיט וועלכער איך האָב זיך געדאַרפט טרעפען, האָב איך געוואוסט, אז זי שטאַמט פון זעהר אַ פיינער משפחה, אז זי איז זעהר אַ געבילדעטע און אז זי איז אמאָל געווען טעטיג אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

אויף דעם גרונד האָב איך זיך שוין פאָרגעשטעלט באַציי־טענס דעם באַקאנטען טיפּ פון אַזאַ פרוי, אָבער ווען זי האָט זיך מיט מיר געטראָפען, בין איך געבליבען שטעהן אַ פאַר־וואונדערטער.

אָנגעטאָן ווי אַ בעטלערין, מיט אַ פּאָר אומגעלומפּערטע צוריסענע פּוישטען אויף די פיס, איז די דאַמע אריינגעקומען און באַגריסענדיג זיך מיט מיר האָט זי אויסגעזעהן אַזוי נעבעכ־דיג און נידערגעשלאָגען, אַז ס'איז געווען אַ רחמנות צו קוקען אויף איר. לויט איר אויסזעהן איז שווער געווען צו טרעפען ווי אַלט זי איז; פּונקט אַזוי ווי מען האָט געקענט דענקען, אַז זי איז אַלט אַ יאָהר פינף־און־פערציג, האָט מען אויך געקענט פּועל'ן ביי זיך, אַז זי איז אַלט אַ יאָהר פינף־און זיבעציג. אין איר האַלטונג אָבער האָט מען נאָך גע־קענט דערקענען סימנים פון פיינער דערצויגענקייט און געשלי־פענקייט; זי האָט זיך געשעהמט דערמיט וואס זי איז אַזוי אָרים און געשמאַקלאָז אָנגעטאָן, און אפשר טאַקע דערפאר האָט זי זיך אַזוי געסטאַרעט דאָס צוצודעקען מיט דעם פיינעם, גע־שליפענעם און וואוילקלינגענדיגען רוסיש ריידען...

איך האָב איר אָפּגעגעבען אַ גרוס פון אירע קרובים און פריינד אין אמעריקע, און נאָכדעם האָב איך זיך מיט איר צורעדט וועגען איר אייגען לעבען.

אויף איר פּנים האָט זיך אַ גאַליגער שמייכל באוויזן, און נאָכדעם ווי זי האָט זיך פאָרזיכטיג ארומגעקוקט אין אַלע זייטען, האָט זי שטיל און מיט אַ טיפען זיפץ געזאָגט:

— דאָס איז ניט קיין לעבען, נאָר אַ קאָשמאַר, אַ חלום אַ בייזער!...

און אַבי זי האָט נאָר אָנגעריהרט דאָרט, וואו עס טוט אַזוי שטאַרק וועה, האָט זי שוין ווייטער גערעדט:

— איך אַלע דאָרט, — האָט זי געזאָגט, — האָט דאָך ניט דעם מינדעסטען באַגריף וועגען דעם ווי אַזוי מיר לעבען דאָ! מיר פוילען דאָ אונטער דער פּאָהן פון אַ שעהנעם אידעאַל. מיר טרינקען זיך, מיר געהען אונטער אין אַ ים פון שעהנע פראַזען!...

עס זיינען געוועזן צייטען, ווען זי האָט געהאַט אַ גלויבען. איצט אָבער האָט זי דעם גלויבען אינגאַנצען פאַרלאָרען. זי האָפּט שוין מער אויף גאָרנישט. זי ווייסט, אַז קיין גליק אין לעבן וועט זי שוין מער ניט האָבען. איהר מאַן, וועלכער איז אַמאָל אויך געוועזן טעטיג אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, איז איצטער, פּונקט אַזוי ווי זי, שרעקליך ענטוישט. ער איז אַן אָנגעשטעלטער אין אַ רעגירונגס געשעפט, קריגט אַ קליינעם געהאַלט וואָס קלעקט קוים אויף צו לעבען. די פּראָדוקטען, וואָס מען קריגט אויף קאַרטלעך, זיינען ניט גענוג, מ'מוז נאָך צוקויפען, ווען מען וויל די נשמה דערהאַלטען; ארבייטער קריגען אויף קאַרטלעך איין פונט פלייש אַכט מאָל אַ חודש, אָנגעשטעלטע אָבער — ניט מער ווי אַ האַלב פונט פלייש. דאָס איז ווייניג, ווייל אומעטום יאָגט מען זעהר שטאַרק און מ'מוז דאַריבער אַרבייטען זעהר שווער.

— און דער יקרות, — גיט זי צו מיט אַ זיפץ — איז שרעקליך גרויס די לעצטע צייט. אַ קילאָ (אַביסל מער ווי צוויי פונט) פּוטער קאָסט צוואַנציג רובעל און מען מוז שטעהן אין „אָטשערעד" שטונדען לאַנג ביז מען קריגט דאָס. אַ ליטרע מילך קאָסט אַ רובעל, אַ צעהנדליג אייער קאָסטען אַכט רובעל.

און אַזוי האָט זי מיר אויסגערעכענט אָהן אַ שיעור פּרייזען פון פאַרשידענערליי פּראָדוקטען און אַרטיקעלן — פּרייזען וואָס האָבען געקלונגען ווי די ציפערען פון טעלעפאָן נומערען אין אַמעריקע. און דערביי האָט זי צוגעגעבען, אַז כדי צו קריגען די אויסגערעכענטע אַרטיקעלן מוז מען שטונדען לאַנג שטעהן אין „אָטשערעד", מוז מען אויפשטעהן פאַרטאָג צו פאַרכאַפּען אַן אָרט אין „אָטשערעד" און זעהר אָפט טרעפט אַז

נאָכדעם ווי מען שטעהט אָפּ שטונדען לאַנג און מען ווערט שיער ניט דערפראָרן פאַר קעלט, קריגט מען ערשט גאָר ניט, ווייל עס איז שוין מער נישטאָ און מען מוז געהן אהיים מיט ליידיגען...

— מיר האָבען קינדער, — האָט די דערשלאָגענע פרוי ווייטער גערעדט, — טרעפט אמאָל, אז א קינד איז ניט גע־זונט און מען דארף עס צופילנעווען מיט אַן איבעריג שטיקעל פלייש. אָבער קיין פלייש איז נישטאָ!...

— נו, קען מען דאָך קריגען א שטיקעל עוף.

ווידער האָט זיך אויפ'ן פּנים פון דער פרוי א גאַליגער שמייכעל באוויזען, און קוקענדיג אויף מיר האָט זי געזאָגט:

— איך ווייס ניט צי איר זענט ווירקליך אזוי נאאיוו, אָדער איר זענט גלאַט ניט באקאַנט מיט די באדינגונגען פון אונזער לעבען דאָ אין סאוועט־רוסלאַנד. אָבער אייערע ווערטער דער־מאָנען מיך אָן דער באמערקונג פון דער פראנצויזישער קע־ניגין מאַריא אנטואנעטא. איהר ווייסט דאָך אודאי, אז ווען מען האָט פאַר'ן אויסברוך פון דער רעוואלוציע אין פראנקרייך גע־זאָגט דער קעניגין, אז דאָס פאָלק שטאַרבט פאַר הונגער, ווייל עס איז נישטאָ קיין ברויט, האָט זי געענטפערט: „נו, אז עס איז נישטאָ קיין ברויט, קען דאָס פאָלק דאָך עסען קווי־לעטשען". דאָס זעלבע איז מיט אייך: איר רעדט צו מיר וועגען שפּייזען א קראַנק קינד מיט א שטיקעל עוף, אָבער ווייסט איר, מיין פריינט, אז אַן עוף קאָסט ביי אונז ניט וויניגער ווי צוועלף רובעל!

— יאָ, דאָס איז נישט קיין לעבען, — האָט זי געזאָגט, — נאָר א קאָשמאַר, א חלום א בייזער!...

דיזעלבע פרוי אָבער האָט גאָר אַן אנדער טאָן באנוצט, ווען זי האָט מיך שפּעטער פאַרגעשטעלט פאַר אירע קינדער. זי האָט גערעדט וועגען דעם ווי אזוי טיר און טויער זיינען איצטער אָפען פאַר זיי אין בילדונג, און זי האָט געזאָגט:

— אין די אַלטע צייטען איז געווען אַנדערש. פון מיין אייגענער ערפאַרונג ווייס איך דאָס. די פּראָצענט־נאָרמע פאַר אידען האָט ניט נאָר געדריקט, נאָר אויך באַליידיגט. איצ־טער אָבער האָבען אידישע קינדער אין רוסלאַנד א פרייען וועג צו שטודירען; עס איז נישטאָ קיין איין הויכער שטאַנד,

צו וועלכען זיי זאָלען זיך נישט קענען צושלאָגען, און דאָס איז א פרייד, א גרויסע פרייד.

אזוי האָט די דערשלאָגענע פרוי געדעדט וועגען אירע קינדער. און זי האָט געהאַט אַ גוטען גרונד דאַרויף; אירע קינדער לערנען, זיי זיינען אינ'ם „קאָמסאָמאל", זיי האָבען א גלויבען אין אַ צוקונפט.

א היבשער טייל פון דעם יונגען דור אין סאוועט־רוסלאנד האָט אזא גלויבען. זיי, די יונגע מענשען, זיינען אזוי אריינ־געצויגען אין דעם נייעם אימפעט, אז זיי קימערען זיך גאָר ניט וועגען דעם וואס זייערע עלטערען קענען זיך ניט צו־פאסען צו דער נייער ארדנונג און צו די שווערע לעבענס־באדינגונגען. זיי האָבען גאָר אינגאנצען אנדערע באַגריפען און אַ גאַנץ אנדער צוגאַנג צום לעבען.

און דאָ וויל איך ברענגען א פאַל, וואס איז זעהר כאראק־טעריסטיש:

א יונגער אידישער בחור'ל פון אַ יאָהר איין־און־צוואַנציג, א געבאָרענער אין מיין שטעדטעל, האָט זיך אין מאָסקווע עט־לאכע מאָל געזעהן מיט מיר. ער האָט אַלץ ליב געהאַט מיט מיר צו ריידען וועגען אינטערנאציאנאלער פּאָליטיק און וועגען אמעריקאנער טעכניק — צוויי זאכען, מיט וועלכע די נייע יונגוואַרג אין רוסלאנד אינטערעסירט זיך זעהר שטאַרק. איינ־מאָל, ווען ער איז געקומען, האָט ער מיר מיט א גדולה דער־צעהלט, אז זיין טאַטע איז שוין אין „קאָלכאָז" און איז שוין אריין אינ'ם צעטעל פון פאָלנע אָרימע לייט...

— וואָס־זשע איז דאָ אזוי די גדולה מיט דיר? — האָב איך אים געפרעגט.

און דער יונגער בחור'ל האָט מיר געענטפערט, אז איצט, ווען דער טאַטע איז שוין אריין אינ'ם צעטעל פון אמת'ע אָרימע לייט, פון פאָלנע קבצנים, וועט ער, דער זון, מער ניט האָבען קיין שטערונגען ביים אריינטרעטען אין א הויכ־שול; די טירען און טויערן פון הויכער בילדונג וועלען איצט שוין פאַר אים זיין אָפען, ווייל מען קען שוין אין זיין יחוס מער קיין חסרון ניט געפינען; ער איז שוין אריין אינ'ם העכסטען יחוס, מיט וועלכען אַ מענש קען זיך איבער־

נעמען אין דער רעפּובליק פון ארבייטער און פּויערים — זיין טאַטע איז שוין אַן אמת'ער אָרימאַן...

### 3. א טאָג לעבען וואָס לעגט זיך ניט אויפ'ן שכל.

עס טרעפט אמאָל א טאָג, ווען עס פּאַסירען אלץ אזעלכע זאכען, וואס לייגן זיך ניט אויפ'ן שכל און וואס שיינען צו זיין אומגלויבליך, ווען מען דערמאָנט זיך שפּעטער אָן זיי.

פּונקט אזא טאָג האָב איך איינמאָל געהאַט אין מאָסקווע.

אָנגעהויבען האָט זיך דער טאָג פון דעם, וואס אין דער פריה, ווען איך בין נאָך געשלאָפען, האָט א מאן אָנגעקלאַפּט אָן מיין טיר און נאָכדעם ווי ער האָט זיך ענטשולדיגט פאר וואס ער האָט מיר געשטערט, האָט ער זיך פארגעשטעלט, אָנ־רופענדיג א נאָמען, וואָס איז מיר געוועזן אינגאַנצען אומבאַ־קאַנט.

ער האָט געהערט, אז איך בין איצטער אין מאָסקווע; ער ווייסט ווער איך בין, האָט ער צו מיר א בקשה:

אזוי ווי ער האָט אין אמעריקע א שוועסטער, וועלכע האָט אים שוין א לענגערע צייט ניט געשריבען, זאָל איך זיך אין אמעריקע זעהן מיט איר און זאָל איר זאָגן, אַז אים איז דאָ, אין רוסלאַנד, ניט גוט, זעהר ניט גוט, און אז זי זאָל אים גאָר אָהן א תירוץ העלפען מיט וואָס ס'איז נאָר מעג־ליך, ווייל ער און זיין ווייב הונגערען ממש אינ'ם בוכשטעבליכען זין פון וואָרט.

דער מענש האָט געטראָגען א טונקעל בלויען אנצוג, וואס האָט שוין היבשלעך געגלאַנצט פון אלטקייט און אָפּגעטראָ־גענקייט און די ארבעל פונ'ם רעקעל זיינען ניט געוועזן פון דעם זעלבען קאָליר: איין ארבעל א שוואַרצער און דער אנדערער — א טונקעל גרויער.

אין אָנפאנג האָב איך דאָס ניט באמערקט, ווייל די טונ־קעלקייט פון די קאָלירען האָט זיך שטארק אויסגעמישט. אָבער דער מענש האָט אליין געצויגען מיין אויפמערקזאמקייט דאַרויף.

— איר זעהט, — האָט ער געזאָגט, — אָט דער אַנצוג וועט אייך געבען א באַגריף וועגען דעם ווי אזוי מיר לעבען דאָ. קוקט זיך גוט צו וועט איר זעהן: דאָס רעקל איז

טונקעל בלוי און די ארבעל — איינער א שווארצער און דער אנדערער א טונקעל־גרויער...

לאנג האָט דער מענש גערעדט מיט מיר וועגן זיין לאגע און וועגן דעם ווי נויטיג עס איז, אז זיין שוועסטער אין אמע־ריקע זאָל אים ארויסהעלפען; ער האָט מיר דערצעהלט, אז ער איז א דינער אין א רעגירונגס־אינסטיטוציע, וואו עס קומט אים אויס זיך צו טרעפען מיט אויסלענדער; ער קריגט אינ־גאנצען ניט מער ווי אכציג רובעל א חודש און אין אזא יקרות קלעקט דאָס אים ניט אויף צו לעבען; דאָס גליק באַשטעהט נאָך אין דעם, וואס עס טרעפט אמאָל, אז אן אויסלענדישער גאסט באַלוינט אים מיט א מטבע דערפאר וואָס ער פאָלגט א גאנג.

און ריידענדיג אזוי האָט ער פון א טיפער בוזים־קעשענע ארויסגענומען א ביכעלע און פונ'ם ביכעלע האָט ער ארויס־גענומען א צונויפגעפרעסטען אמעריקאנער דאָלער, און דערביי האָט ער געזאָגט:

— איר זעהט אָט דעם דאָלער? אַן אַמעריקאַנער האָט מיר אים געגעבען נאָך מיט א צייט צוריק. איך און מיין ווייב זיינען שוין פאר אָט דער צייט ניט איין מאָל געוועזן הונ־געריג. אָבער דעם דאָלער האָבען מיר אלץ ניט אויסגעגעבען. מיר היטען אים אָפּ. מיר האַלטען אים.

— אויף וועז האלט איר אים?

— איר פאַרשטעהט, — מאַכט אזוי דער מענש — מיין ווייב איז אויף דער צייט, זי דארף אין גיכען א קינד גע־באָרען. דעמאָלט וועט מען דארפען איינלאַדען א פּאָר געסט און פראַוועז א שטיקעל שמחה, איז אויף יענער צייט האַלטען מיר דאָס דעם אַמעריקאַנער דאָלער. מיר היטען אים אָפּ. מיר גיבען אים ניט אויס...

עס איז געוועזן א גרויסער רחמנות אויף דעם מענשען; די זאכען, וואס ער האָט מיר דערצעהלט וועגן זיין לעבען, האָבען מיך שטארק גערירט, האָב איך אים אַוועקגעשענקט אַן אויבערשט העמד, פאר וואָס ער האָט מיר שטארק גע־דאַנקט, און ווען איך האָב אים געגעבען א שטיקל זייף, ווייל איך האָב געוואוסט, אז אויף זייף איז אין רוסלאַנד א

גרויסער מאַנגעל, האָבען זיך אים געשטעלט טרערען אין די אויגען.

ווען ער איז אַוועק, האָב איך לאַנג געטראַכט וועגען אים און וועגען דעם רעקעל מיט די אַרבעל פון צוויי באַזונדערע קאָלירען. עפּעס איז אין דעם געווען אי קאָמישעס אי טראַגישעס. עפּעס האָט זיך דאָס ניט געלעגט אויפ'ן שכל כאָטש עס האָט אין זיך אָפּגעשפּיגעלט א שטיק ווירקלאַכקייט פון דעם איצטיגען לעבען אין סאָוועט־רוסלאַנד...

שפּעטער האָב איך זיך אויף אַן אַנדער פּלאַץ געטראָפען מיט נאָך אַ מענשען. ער איז אויך געווען אָנגעטאָן זעהר אָרים, און אַזוי ווי איך בין נאָך אַלץ געווען אונטער דעם איינדרוק פון דעם פריהערדיגען באַזוך, האָב איך זיך שטאַרק צוגעקוקט צו דעם אַנצוג פון דעם נייעם באַקאַנטען, און מיר האָט זיך אַלץ אויסגעוויזען, אַז אויך אין זיין רעקעל זיינען די אַרבעל פון צוויי באַזונדערע קאָלירען...

און אינ'ם געשפּרעך מיט'ן נייעם באַקאַנטען האָב איך זיך אויך דערוואוסט אייניגע זעהר מאָדנע זאַכען וועגען דעם אופן ווי אַזוי מען קריגט און ווי אַזוי מען קויפט אַן אַנצוג אין מאָסקווע.

— אָט נעמט מיך פאַר א ביישפּיל, — האָט דער מענש געזאָגט, — איך בין אַן אַרבייטער אין א פאַבריק, און אַלס אַרבייטער האָב איך א געלעגענהייט צו קריגען א צעטעל, וואָס גיט מיר די רעכט און די מעגלאַכקייט צו קויפען פאַר פופ־ציג רובעל א קאָסטיום, פאַר וועלכען איך וואָלט אָהן א צעטעל געדאַרפט באַצאָהלען 150 רובעל. אַזא געלעגענהייט קריגט מען אָבער איין מאָל אין אַ יאָהר, אָדער איין מאָל אין צוויי יאָהר. דאָס ווענדט זיך שוין אָן אומשטענדען און אויך אָן דעם, אויף וויפיל מען האָט די פעהיגקייט זיך צו שפּאַרען מיט די עלענ־בויגענס אין דער ברייט. און אָט זעהט אָט דעם קאָסטיום, וואָס איך טראָג איצטער. איאָ אין אַמעריקע וואָלט איר אים אוועקגעגעבען אַן אָרימאַן ? איז פאַר אָט דעם קאָסטיום האָב איך, מיט אַ צעטעל פון דער פאַבריק, אין וועלכער איך אַר־בעט, באַצאָהלט פופציג רובעל. איך האָב אָבער נאָכדעם גע־דאַרפט באַצאָהלען אַ שניידער פינף־און־זיבעציג רובעל, ער זאָל מיר אים צופּאַסען לויט מיין מאָס; די אַרבעל זיינען גע־

ווען צו קורץ, די הויזען זיינען געווען צו לאַנג און אין די פּאַכוועס האָט געצויגען אַזוי, אַז עס איז אוממעגליך געווען די הענט אויפצוהויבען.

דער מענש האָט אויך גערעדט וועגען דעם, וואָס זיין ווייב מוז יעדען טאָג שטעהן אין „אַטשערער" שטונדען לאַנג צו קריי־גען ברויט, אביסעל מילך, א שטיקעל פּוטער און אַנדערע נויטיגע שפּייז־אַרטיקלען.

— עס איז א יקרות. א גרויסער יקרות, — האָט ער געזאָגט — און איבער דעם מוז מען גאַנץ אָפט צוהונגערען. אַזוי לעבט מען אין מאָסקווע!...

נאָכדעם ווי דער נייער באַקאַנטער מיינער איז אוועק, בין איך אַריין אינ'ם רעסטאָראַן פונ'ם האָטעל וואו איך בין איינגעשטאַנען. דאָרט איז געווען ליכטיג און שעהן און די זון האָט אין די אַלע גרויסע פענסטער אריינגעשיינט. ביי די געדעקטע טישען זיינען געזעסען מענשען, די מערסטע פון זיי אויסלענדער און ביי איין טישעל זיינען געזעסען עטליכע הינ־דוסען, אָנגעטאָן אין זייערע נאַציאָנאַלע קאָסטיומען, מיט טור־באַנען אויף די קעפּ.

נאָך אַלץ אונטער'ן איינדרוק פון דעם, וואָס די צוויי מענשען האָבען מיר דערצעהלט וועגען נויט און הונגער, בין איך גע־זעסען א פּאַרטראַכטער און איך האָב גאָר ניט באַמערקט, ווי דער קעלנער איז צוגעקומען צו מיר. און דער קעלנער, פּונקט ווי אַלע קעלנערם אין אַלע לענדער און אין אַלע שטעדט, איז געשטאַנען לעבען מיר אַן איינגעבויגענער, גרייט צו דינען, און ער האָט זעהר געניט און זעהר געשיקט אויסגערע־כענט א צעטעל פון די מאכלים, וואָס זיינען פאַר מיר גרייט:

— אפשר אַ הינדעלע א געפּרעגעלטס?

— אפשר א חזיר־פלייִשעל א געראויבערטס?

— אפשר „סודאַק" סערווירט מיט ווייסען וויין?

אַלע נעמען פון די אויסגערעכענטע מאכלים האָט ער פאַרצויגען מיט א „לע", ווי ער וואָלט מיר דערמיט געוואָלט צוגעבען אַפּעטיט אדער ווי עס וואָלט געווען זיין פליכט צו ווייזען מיר, דעם אויסלענדער, אַז אין מאָסקווע איז אַלץ דאָ, אַז אין מאָסקווע איז נישטאָ קיין מאַנגעל אין עסענוואַרג; און אויפ'ן טיש איז אויף א גרויסער טאַץ געלעגען ניט נאָר שוואַר־

צע ברויט, נאָר אויך ווייסע, און אויף א קליין טעצעלע איז געלעגען א גרויס שטיק פּוטער, אודאי ניט וועניגער ווי א פּערטעל פונט...

עסען א געפּרעגעלטע הינדעלע צעהן א זייגער אין דער פריה, ביי פריהשטיק — פון אזא פארגעניגען האָב איך זיך אָפּגעזאָגט, און דאָס האָט דעם קעלנער ניט ווייניג געוואונדערט. ער האָט ניט געקענט פארשטעהן ווי אזוי א מענש קען אין מאָסקווע זיך גאָר אָפּזאָגען פון אזא זאך ווי א געפּרעגעלט הינדעל. פּונקט ווי איך האָב ניט געקענט פארשטעהן ווי אזוי מען קאָן גאָר אין מאָסקווע אָנבאָטען אזא זאך אַן אויסלענדער, אין דער צייט ווען די איינוואוינער פון דער שטאָדט דארפען שטעהן שטונדען־לאנג אין „אָטשערעד״ צו קריגען די נויטיגסטע שפּייז־ארטיקלען.

עפּעס איז דאָ אויסגעקומען מאָדנע.

עפּעס האָט זיך דאָס ניט איינגאַנצען געלעגט אויפ'ן שכל.

ביי טאג איז מיר אויסגעקומען צו זיין אינ'ם מאָסקווער „גאָסבאַנק״ (רעגירונגס־באַנק), וואו איך האָב געדאַרפט אויסבייטען א טשעק אויף אמעריקאנער דאָלארען. איך האָב זיך גראָד שטארק געאיילט, ווייל איך האָב נאָך געדארפט זיין אויף א סך פּלעצער און זיך זעהן מיט איניגע מענשען. איך בין געווען זיכער, אז אזא קליינינגקייט ווי אויסבייטען א טשעק פון צעהן דאָלער וועט אודאי געדויערען ניט מער ווי עטלאכע מינוט. אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך גאָר אנדערש — דער־פּראצעס פון אויסבייטען א טשעק אויף צעהן אמעריקאנער דאָלער האָט אינ'ם מאָסקווער „גאָסבאַנק״ געדויערט גוטע צוויי שטונדען.

און אויף די ווענט און אויך איבער די פענסטערלאך, וואו די אָנגעשטעלטע האָבען געארבייט, זיינען געהאנגען אויפ־שריפטען מיט גרויסע אותיות וועגען שנעלען טעמפּ און וועגען האסטיגען אימפּעט אין דער ארבייט...

עס האָט ניט נאָר פארדראָסען, נאָר עס האָט אויך וועה געטאָן: פאר וואס זאָל דאָס זיין אזוי? וואס פאר א קללה ליגט אויסגעגאָסען אויף דעם רוסישען מענשען וואס ער רעדט נאָך אלץ אזוי שעהן וועגען ארבייט און באוועגט זיך אזוי

לאנגזאם און אזוי פויל ביי דער ארבייט? פאר וואס זאָל עס זיין אזוי? יאָ, עס האָט ווער געטאָן!

פארטיג געווארען אין באַנק, בין איך אוועק אינ'ם מאָסקווער קונסט־טעאַטער, וואו מען האָט לכבוד דעם אינטערנאַציאָנאַלען פרויען־יום־טוב פונ'ם 8טען מארטש געגעבען א ביימאָגעדיגען קאָנצערט.

דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט. דער גרעסטער טייל פונ'ם עולם איז באַשטאַנען פון פרויען און כמעט אלע זיי־נען געווען אנגעטאָן אין שאַלעכלאַך. ניט נאָר די אלטע, נאָר אויך די יונגע. צווישען די פרויען זיינען געווען א סך אזעלכע, וואָס האָבען געמאַכט דעם איינדרוק פונקט ווי זיי וואָלטען נאָר וואָס אוועק פון דער קיך, אָדער פונ'ם וואַש־ברעטעל; זיי זיי־נען געזעסען אין די פאָדערשטע רייהען, מיט טשעפּיקעס אויף די קעפּ, מיט פארטוכער, די הענט פארלייגט אויף דער ברוסט. מען האָט געקענט זעהן, אז זיי זיינען אלע זעהר מיד און אז דער קאָנצערט איז פאר זיי א גרויסער פארגעניגען, ניט נאָר דערפאר וואָס עס טרעטען אויף ווירקליך גוטע און גרויסע ארטיסטען, נאָר דער עיקר דערפאר, וואס זיי קענען זיך אפּרוהען.

אויף דער בינע זיינען אויפגעטראָטען באַרימטע ארטיס־טען פון די מאָסקווער טעאַטערס, און עס איז ווירקליך געווען א פרייד צו זעהן, ווי אזעלכע גרויסע קינסטלער טראָגען אריין פרייד אין די לעבענס פון אָרימע ארבייטער־פרויען. אָבער באַלד נאָכדעם איז אוועק א סדרה פון באָמבאַסטישע דעקלאַמאַציעס, אין וועלכע עס האָט זיך אלץ גערעדט וועגען דעם, אז די פרויען אין רוסלאַנד וועלען באַוויזען דער וועלט, אז זיי קע־נען ניט נאָר קערען מיט א בעזים, נאָר זיי קענען אויך שיסען מיט א ביקס, מיט א פּולעמיאָט, מיט א קאַנאָן, מיט א האַר־מאַט, און — מיט וואס דען ניט!

אפילו איינע פון די גאָר אַלטע און גאָר באַרימטע רו־סישע אַקטריסעס, א סאָלידע דאַמע מיט א גרייז־גרויען קאָפּ, האָט פאָרגעלעזען א געדיכט וועגען דעם וואס די רוסישע פרויען וועלען שיסען פון ביקסען, האַרמאַטען און קאַנאָנען, און דערביי האָט זי געפונען פאר נויטיג צו אַנאָסירען, אז זי אליין איז דאָס די פארפאַסערין פון דעם פולוועדדיגען געדיכט.

אזוי האָט מען געהאַלטען אין איין שיסען. און די פרויען

מיט די טשעפּיקעס און מיט די שאַלעכלעך אויף די קעפּ צווישען עולם האָבען גערדרעמעלט האַלטענדיג די הענט פאַרלעגט אויף די ברוסטען. מען האָט געזעהן אז דאָס שיסעניש איז אזוי ווייט פון זיי, פונקט ווי עס איז ווייט פון די וואס דעקלאַמירען וועגען דעם...

איך בין געזעסען אין א ווינקעל פונ׳ם טעאַטער און האָב געצויגען מיט די אקסלען: איך האָב ניט געקענט פאַרשטעהן צו וואס מען דאַרף האָבען אזא שיסעניש אויף אן אינטערנאציאָנאַלען פרויען־ יום־טוב און צו וואס מען דאַרף ביי אזא געלעגענהייט אזוי פיל טעראָראַמעווען און פילדערען וועגען טויט, וועגען הרג׳ענען און קוילענען מענשען. און ניט האָבענדיג קיין אַנדער ברירה האָב איך דאָס אויך צוגערעכענט צו דעם באַזונדער מאָסקווער אַרט לעבען, וואס איז מאָדנע און וואס לייגט זיך עפּעס ניט אינגאַנצען אויפ׳ן שכל...

אין אָוונט, ווען איך בין געקומען צוריק אין האָטעל, האָב איך געבעטען איינעם פון די באַדינער, ער זאָל פאַר מיר אוועקטראָגען א טעלעגראַמע אויף דער פּאָטשט. דאָס איז געווען א טעלעגראַמע אין מיין געבורטס־שטעטעל טראָסטינעץ, וואס געפינט זיך אין דער אוקראַינע, צו מיין מאמע׳ן, וועלכע איך האָב שוין דריי־און־צוואַנציג יאהר ניט געזעהן. אין דער טעלעגראַמע האָב איך געשריבען, אז איך געפין זיך איצטער אין מאָסקווע און אז מיט עטלאכע טעג שפּעטער וועל איך זיין אין דער היים, ביי דער מאַמען, אין טראָסטינעץ.

איך האָב שוין געהאַט אָנגעהויבען אויסרעכענען ווען מיין מאמע וועט באַקומען די טעלעגראַמע און איך האָב זיך שוין געהאַט פאָרגעשטעלט ווי זי וועט זיך פרעהען, ווי זי וועט וויינען פאַר פרייד. אָבער אין מיטען־דערינען איז דער באַדינער פונ׳ם האָטעל געקומען צוריק. מ׳קען די טעלעגראַמע קיין טראָסטינעץ ניט אָוועקשיקען!

— פאַר וואָס?

— ווייל אזאַ שטעטעל איז גאָר ניטאָ אין רוסלאַנד...

— וואָס?! ווי אזוי קען עס זיין, אז ס׳איז נישטאָ אַזאַ שטעטעל, אז איך אַליין בין דאָרטען געבאָרען געוואָרען, אז איך אַליין קריג פון דאָרטען בריף אַזש קיין אמעריקע?

און געפינענדיג דעם בוך, אין וועלכען עס זיינען פאַר־

שריבען אַלע שטעדט און שטעטדלאַך פון רוסלאַנד, האָב איך אויפגעמישט דעם בלאַט, וואו עס איז בפירוש געווען דער נאָמען פון מיין שטעדטעל — טראָסטינעץ.

עס איז ניט מער — צום נאָמען פון דער גובערניע איז נאָך צוגעקומען דאָס געוועהנליכע רוסישע וואָרט „געוועזען". דאָס שטעטעל איז שוין ניט מער אין פּאָדאָליער גובערניע נאָר אין דער „געוועזענער פּאָדאָליער גובערניע". און דער אָנגעשטעלטער פון דער טעלעגראַף-סטאַנציע אין מאָסקווע האָט זיך, ווי עס שיינט, ניט געוואָלט נעמען די מיה אריינצוגעהן אין איינצעלהייטען; אים איז געווען לייכטער צו ענטפערן, אז אזא שטעטעל איז גאָר אין רוסלאַנד ניטאָ...

דאָס האָט געענדיגט אַ טאָג לעבען אין מאָסקווע — אַ טאָג מיט פּאַסירונגען, וואס קוקען אויס מאָדנע און וואס לייגען זיך ניט אויפ'ן שכל פון איינעם, וואס קומט קיין רוסלאַנד ווי אַן אייגענער, ניט ווי אַ פרעמדער.

## 4. ביינאַכט אין די טעאַטערס און אין די רעסטאָראַנען.

אין מאָסקווע איז זעהר פּאָפּולער אַזאַ געשיכטע:

איינער פון די סאָלדאַטען, וואס שטעהען אין מאַוזעלעאום אויף דער וואַך ביי לענין'ס טויטען קערפּער, איז אמאָל געקומען צולויפען אַ דערשראָקענער.

— חברים, — האָט ער געזאָגט, — לענין פינטעלט מיט אַן אויג... איך האָב דאָס אליין געזעהן...

האָט מען געמיינט, אַז ביי דעם סאָלדאַט זיינען די נערוועז אודאי געוואָרען צושרויפט איבער דעם וואס ער איז שוין עטלאכע מאָל געשטאַנען אויף דער וואַך ביי לענינ'ס טויטען קערפּער; מען איז געווען זיכער, אז ער איז ארונטער פון זינען. אָבער דער סאָלדאַט האָט אַלעמען פאַרזיכערט, אַז ער איז ביי זיין פולען פארשטאַנד און אז ער האָט ניט נאָר איין מאָל, נאָר עטלאכע געזעהן ווי דער טויטער לענין פינטעלט מיט אַן אויג...

האָט מען אוועקגעשיקט אַ רויטען קאָמאַנדיר, ער זאָל זיך אליין אוועקשטעלען אויף דער וואַך ביי לענינ'ס טויטען קערפּער און זאָל זיך גוט צוקוקען צום פנים פון דעם פארשטאָר-

בענעם גרויסען פיהרער איליטש. און ווי איבערראַשט זיינען אַלע געוואָרן אין קרעמעל, ווען דער רויטער קאָמאַנדיר איז אויך געקומען צולויפען אַ דערשראָקענער און האָט דערצעהלט דאָס זעלבע וואָס דער סאָלדאַט:

— חברים, לענין פינטעלט מיט אַן אויג... איך האָב דאָס אַליין געזעהן.

צווייפלען אין די ווערטער פון דעם רויטען קאָמאַנדיר איז ניט געווען קיין גרונד, האָט מען אין קרעמעל אָפּגעהאַלטען אַ ספּעציעלע באַראַטונג און ס'איז געבליבען, אַז ניט קיין אַנדערער ווי סטאַלין אַליין זאָל זיך, כאָטש אויף עטלאַכע מינוט, אוועקשטעלען אויף דער וואַך ביי לענינ'ס טויטען קערפּער. אפשר וויל דער פאַרשטאָרבענער איליטש איבערגעבען עפּעס אַזוינס, וואָס ניט אַלעמען קען מען פאַרטרויען...

און ווען סטאַלין האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער וואַך אין מאַוזעלעאום און מיט אָנגעשטרענגטע בליקען געקוקט אין איין ריכטונג, האָט ער אויך באַמערקט דאָס זעלבע — לעניןפינטעלט מיט אַן אויג...

ניט פאַרלירענדיג זיך, האָט סטאַלין געגעבען אַ זאָג אין דער הויך, אויפ'ן קול:

— חבר איליטש, וואָס זאָל דאָס באַדייטען? פאַר וואָס פינטעלסטו מיט אַן אויג? פאַרלאַנגסטו אפשר עפּעס?

און פון לענינ'ס טויטע, געשלאָסענע ליפּען האָט זיך דערהערט אַ שטים, וואָס איז געווען פול מיט ווייטאָג:

— איך פאַרלאַנג, חבר סטאַלין, אַז מ'זאָל מיך איבערקערען מיט'ן פּנים אַראָפּ, ווייל איך קען שוין מער ניט צוזעהן די ליידען פונ'ם רוסישען פאָלק...

אַזאַ געשיכטע דערצעהלט מען אין מאָסקווע.

און נאָך דערצעהלט מען דאָרט:

סטאַלין און בוכאַרין האָבען צווישען זיך גערעדט וועגען דעם וואָס אין רוסלאַנד ליידען אַלע אַזוי פיל די לעצטע צייט. בוכאַרין האָט געזאָגט, אַז ס'איז פאַראַן אַ געפאַהר, אַז אפילו די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי זאָלען פאַרלירען די געדולד, און סטאַלין האָט געזאָגט, אַז ער קען זיך אַזאַ זאַך גאָרניט פאָרשטעלען און אַז ער איז מער ווי זיכער, אַז יעדער מיטגליד פון

דער פּאַרטיי איז צו יעדער צייט גרייט דאָס לעבען אוועקצוגעבען, אויב מען וועט דאָס נאָר פון איר פאַרלאַנגען.

שפּאַרענדיג זיך אזוי, איז געבליבען, אז ביידע, אי סטאַ־לין, אי בוכאַרין, זאָלען זעהן אויסגעפינען ווער פון זיי ביי־דען עס איז גערעכט.

זיינען זיי אוועק שפּאַצירען ביי די ברעגען פון׳ם טייך „מאָסקווע״, וואו עס ציט זיך א לאַנגע אַליע פון ביימער און וואו מ׳זעהט פון איין זייט די אַלטע קויטיגע ווענט פון׳ם קרעמעל. און שפּאַצירענדיג אזוי האָבען זיי דערזעהן ווי אַן ארבייטער שטעהט ביים ברעג א פאַרטראַכטער און קוקט אויפ׳ן טייך.

— חבר, — האָט זיך סטאַלין געווענדעט צום ארביי־טער, — דו מוזט זיך שוין אריינוואַרפען אין טייך און מאַכען א סוף צו דיין לעבען. די פּאַרטיי פאַרלאַנגט דאָס פון דיר!

ניט שטעלענדיג קיין איבעריגע פראַגען, האָט דער אַרביי־טער גלייך אַרונטערגעוואָרפען פון זיך דאָס רעקעל און איז שוין געווען גרייט אריינצושפּרינגען אין טייך און מאַכען א סוף צו זיין לעבען. עס איז סטאַלינ׳ען אָנגעקומען זעהר שווער אים צוריקצוהאַלטען.

— מען דאַרף ניט, חבר, — האָט ער אים מיט אַלע כוחות געשלעפּט צוריק. — די פּאַרטיי פאַרלאַנגט דאָס ניט פון דיר...

צופרידען פון די רעזולטאַטען, מאַכט סטאַלין צו בוכאַרינ׳ען אזוי:

— נו, וואָס וועסטו איצטער זאָגען, הא? מיר האָבען גע־טרייע מענשען, אפילו איצט, אין אזא שלעכטער צייט, זיינען זיי גרייט דאָס לעבען אוועקצוגעבען.

אָבער בוכאַרין, דער מענש, וואָס האָט דאָך אמאָל ספקות, האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען.

— דאָס איז גאָר קיין ראיה ניט, — האָט ער געזאָגט, — אויב עס האָט זיך געפונען איינער א משוגע׳נער, מיינט דאָס נאָך ניט, אז אַלע זיינען אזוי. לאָמיר פּרואוון ווייטער.

טרעפען א פאַרזאָרגטען ארבייטער ביי די ברעגען פון׳ם טייך „מאָסקווע״ איז ניט שווער. זיינען די צוויי פיהרער, סטאַלין און בוכאַרין, ווידער צוגעגאַנגען צו איינעם, וואָס איז געשטאַנען א

פאַרטראַכטער. ניט פאַרלירענדיג קיין איבעריגע צייט, האָט סטאַלין געזאָגט:

— חבר, דו מוזט זיך שוין אריינוואַרפען אין טייך און מאַכען א סוף צו דיין לעבען. די פּאַרטיי פאַרלאַנגט דאָס פון דיר!

און דאָ איז ווידער געשעהן דאָס זעלבע וואָס פריהער. ווי דער אַרבייטער האָט נאָר דערהערט, אז די פּאַרטיי פאַרלאַנגט דאָס פון אים, האָט ער גלייך געגעבען אַ וואָרף אַרונטער פון זיך דאָס רעקעל און איז שוין געווען גרייט זיך אריינצוואַוואַרפען אין וואַסער אריין.

— וואַרט אַ מינוט, חבר! — האָט סטאַלין געפּרואווט אים ראַטעווען. — דאָס איז געווען ניט מער ווי אַ פּראָבע. מיר דאַרפען דיך האָבען אַ לעבעדיגען, ניט קיין טויטען.

אָבער דער אַרבייטער האָט ניט געלאָזט זיך ראַטעווען. אריינשפּרינגענדיג אין די כוואַליעס פון׳ם טייך „מאָסקווא״, האָט ער אויסגעשריגען:

— לאָזט מיך! לאָזט מיך מאַכען אַ סוף צו מיין לעבען, ווייל איידער אַזאַ לעבען איז שוין בעסער דער טויט!...

אָט די צוויי געשיכטעס, וועלכע זיינען זעהר כאַראַקטעריס־טיש פאַר דער איצטיגער לאַגע אין דער רעפּובליק פון אַרבייטער און פּויערים, זיינען אַצינדערט זעהר פּאָפּולער ניט נאָר אין מאָס־קווע, נאָר אויך אין די אַנדערע שטעט פון סאָוועט־רוסלאַנד.

אָבער ניט קוקענדיג דאַרויף וואָס אין מאָסקווע איז די צייט אַזוי שלעכט און די נויט איז אַזוי גרויס, איז פונדעסט־וועגען דאָרט שווער צו געפינען אַ טעאַטער, וואו עס זאָל זיין לייכט צו קריגען אַ בילעט. אַלע טעאַטערס זיינען יעדען אָוועגט געפּאַקט. אויך דער אידישער קאַמערנער טעאַטער, וואָס אויף דער מאַלאַבראָנער גאַס, איז יעדען אָוועגט געפּאַקט און מען קען דאָרט קיין בילעטען ניט קריגען.

פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען אין מאָסקווע האָב איך געזעהן אַ סך טעאַטער. אין מאָסקווער קונסט־טעאַטער אַליין האָב איך געזעהן דריי פאַרשטעלונגען — די בארימטע פּיעסע „דני טורביניך״ (די טעג פון די טורבינס), „סטראַך״ (שרעק) און „כליעב״ (ברויט). און ווען איך וואָלט נאָר געהאַט מער

צייט וואָלט איך מיט פארגעניגען געוועז געזעהן נאָך אַ פּאָר פּאָרשטעלונגען, ווייל ווען עס קומט צו אמת'ע שוישפּיל־קונסט, צו אמת קינסטלערישער, נשמה'דיגער אויסטייטשונג פון א לע־בעדיגען מענשען אויף דער בינע, האָט מאָסקווע דעם בעסטען טעאַטער אין דער וועלט.

עס איז מיר ניט אָנגעקומען אזוי לייכט צו קריגען בילעטען אינ'ם מאָסקווער קונסט־טעאַטער. און ווען ניט מיינע פּערזענ־ליכע פארבינדונגען מיט איניגע פון די אנגעזעהענע שוישפּילער און אויך מיט איניגע פון דער אַדמיניסטראציע, וואָלט איך זי־כער קיין בילעטען ניט געקענט קריגען. ווען איניגע פון מיינע באקאנטע אין מאָסקווע האָבען זיך דערוואוסט, אז איך האָב אזוי שנעל, און דערצו נאָך אָהן געלט, געקראָגען בילעטען צו זעהן אזעלכע דריי פּאָרשטעלונגען, האָבען זיי געזאָגט, אז ס'איז ניט אַנדערש נאָר איך בין א בעל מופת, א מענש וואס קען באווייזען וואונדער. און איך האָב טאָקע ווירקליך שיער ניט אָנ־געהויבען גלויבען אין דעם ווען מען האָט מיר ביים טעאַטער אָנגעבאָטען היבשע סומען געלט, איך זאָל פארקויפען מיינע בי־לעטען.

וועגען דער פּאָרשטעלונג „דני טורבינין" דארף מען דאָ זאָגען כאָטש אַ פּאָר ווערטער, ווייל אין דעם וואָס מען קען וועגען דער פּיעסע דערצעהלען, שפּיגעלט זיך אָפּ א שטיק פון דער איצטיגער רוסישער ווירקליכקייט.

דער מחבר פון דער פּיעסע, מיכאַאיל בולגאקאָוו, איז ניט קיין קאָמוניסט, אָבער זעהר א טאַלאנטפולער דראמאטורג. אין זיין פּיעסע, וואָס שילדערט די צייט פון דעם בירגער־קריג אין אוקראַינע, זיינען די מערסטע העלדען אָפיצערען פון דער ווייסער ארמיי, וואָס האָט אָנגעפירט א קאמף געגען די באָלשעוויקעס. בולגאקאָוו האָט זיינע העלדען געשילדערט ניט אין איינקלאנג מיט דער באָלשעוויסטישער אזוי־גערופענער „אידעאָלאָגיע"; ער האָט די מענשען ארויסגעשטעלט אין אזאַ ליכט, אז מען קען מיט זיי סימפּאַטיזירען, כאָטש זיי פיהרען א קאמף געגען דער רע־פּובליק פון ארבייטער און פּויערים; ער האָט זיי געמאָהלען אלס מענשען, ניט אלס טיפּוואָלים; ער האָט ארויסגעבראַכט די סימ־פּאַטישע שטריכען זייערע, די פיינערע אייגענשאַפטען פון זייערע

כאַראַקטערס. און דאָס איז געווען די אורזאַך פאַרוואָס מען האָט די פּיעסע געהאַט פאַרווערט צו שפּילען...

נאָכדעם ווי מען האָט בולגאַקאָוו'ס „דני טורבינים" אַרונ־גענומען פון דער בינע האָט מען אין דעם זעלבען טעאַטער אויפגעפירט אַפינאָגענאָוו'ס אַ פּיעסע מיט'ן נאָמען „סטראַך" (שרעק). אַפינאָגענאָוו איז אַ קאָמוניסט און זיין פּיעסע איז פול און פול מיט קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

איז איין מאָל געשעהן אַזאַ זאַך:

סטאַלין איז געקומען אין טעאַטער זעהן די פּיעסע „סטראַך". און ווען איינער פון דער פאַרוואַלטונג האָט אים נאָך דער פאָרשטעלונג געפרעגט ווי די פּיעסע געפעלט אים, האָט ער געענטפערט אַזוי:

— עס איז ניט קיין שלעכטע פּיעסע. זי ווערט אויך גע־שפּילט גאַנץ גוט. אָבער „דני טורבינים" איז דאָך אַ בעסערע פּיעסע. מיר געפעלט „דני טורבינים" בעסער ווי „סטראַך".

און דאָס איז געווען גענוג. סטאַלינ'ס באַמערקונג איז אָנ־גענומען געוואָרען אַלס אַן ערלויבניש צו שפּילען די פּיעסע, וואָס מ'האָט פריהער פאַרבאָטען. און טאַקע באַלד האָט מען אַנאָנסירט אויף מאָרגען אָווענט בולגאַקאָוו'ס „דני טורבינים" און טאַקע באַלד האָט שוין גאַנץ מאָסקווע גע־וואוסט וואָס סטאַלין האָט וועגען דער פּיעסע געזאָגט און אויף מאָרגען אָווענט, ווען מען האָט דאָס שטיק שוין ווידער גע־שפּילט, איז דער טעאַטער געווען אַזוי געפּאַקט, אַז מענשען זיינען פּשוט געשטאַנען קאָפּ אויף קאָפּ. עס איז דאָרטען אונ־מעגליך געווען אַ נאָדעל דורכצוּוואַרפען...

דער כח פון סטאַלינ'ס אַ וואָרט.

פון דאַמאָלט אָן איז די פּיעסע „דני טורבינים" איינע פון די פּאָפּולערסטע און גאַנגבאַרסטע ניט נאָר אין מאָסקווע, נאָר אויך אין אַנדערע שטעדט פון סאָוועט־רוסלאַנד. איך צווייפעל אָבער צי מען שפּילט זי ערגיץ אַזוי שעהן, אַזוי טאַלאַנטפול, אַזוי וואונדערבאַר און אַזוי קינסטלעריש־איבערצייגענד ווי אינ'ם מאָס־קווער קונסט־טעאַטער.

און מערקווירדיג! אין דער פּיעסע שפּילט ניט קיין איי־נער פון די עלטערע באַרימטע שוישפּילער פונ'ם טעאַטער —

ניט קאַטשאַלאָוו, ניט מאָסקווין, ניט לעאָנידאָוו, ניט ווישנעווסקי. קיין איינער פון די אַלטע, וואס זיינען געוואקסען צוזאמען מיט'ן בארימטען טעאַטער; אַלץ יונגע, נייע כחות און טאַלאַנטען, וועלכע זיינען אויסגעוואקסען און האָבען זיך ענטוויקעלט אין א צייט פון נויט און הונגער און דחקות — אין א צייט, ווען עס האָט זיך געקענט דוכטען, אז קונסט איז אינגאַנצען אן איבעריגע זאך.

דער כח פון'ם רוסישען פאָלק.

א כח, וואָס האָט שטענדיג געשאַפען אויפ'ן געביט פון קונסט. אפילו אין די ערגסטע צייטען.

רוסלאַנד איז נאָך אַלץ א לאַנד פון רעטענישען און ווי־דערשפרוכען.

— פון איין זייט הויכע קונסט, און פון דער אַנדערער זייט — הונגער.

פון איין זייט גרויסער פאַרנעם, און פון דער אַנדערער זייט — צוריקגעשטאַנענקייט און פוילקייט.

א לאַנד פון בערג און טאָלען אפילו אין איר גייסטיג לעבען...

האַלב נאָך זיבען אין אָוונט הויבט מען אין מאָסקווע אָן א פאָרשטעלונג און ענדיגען ענדיגט מען ארום האַלב נאָך עלף, און אמאָל טאַקע צוועלף אזייגער ביינאַכט. דער רוסישער מענש איילט זיך ניט ווען ער קומט אין טעאַטער. דערפאַר אָבער געהט ער באַלד נאָך דער פאָרשטעלונג גלייך אהיים. ווענען אזא זאך ווי אריינגעהן אין א רעסטאָראַן נאָך דער פאָרשטעלונג טראַכט מען ניט אין מאָסקווע. אזא זאך קענען זיך פארגינען בלויז גע־צעהלטע מענשען.

פונדעסטוועגען אָבער קען מען דאָך ניט זאָגען, אז אין מאָס־קווע איז ניטאָ אזא זאך ווי א נאַכט־לעבען. עס זיינען דאָרט פאַראַן עטליכע האָטעלען, וואו דאָס נאַכט־לעבען שטעהט ניט אָפּ פון די שאַנטאַנען און קאַבאַרעים אין פאַריז, אין בערלין און אין ניו יארק. און אין איינעם פון יענע האָטעלען בין איך אריין מיט נאָך עטליכע מענשען נאָך דער פאַרשטעלונג פון „דני טורביניך" אינ'ם מאָסקווער קונסט־טעאַטער.

צו מיין גרויסער איבערראַשונג האָב איך אינ'ם רעסטאָראַן

פון יענעם האָטעל דערזעהן אזא רייכקייט און אזא גלאַנץ, וואָס מען זעהט ניט אפילו אין די רייכסטע רעסטאָראַנען און שאַנ־טאַנען אין אייראָפּע און אין אמעריקע. אין מיטען פונ׳ם רעס־טאָראַן איז געשטאַנען אַ גרויסער פאָנטאַן און עס האָט גע־שפּריצט וואַסער פון עטליכע שעהנע סטאַטועס. די באַלייכ־טונג איז געווען פון דעם מין, וואָס שטימט ראָמאַנטיש און סענטימענטאַל. ביי די שעהן־געדעקטע טישלאַך זיינען געזעסען שעהן פאַרפּוצטע מענער און פרויען און לעבען זיי זיינען אין ניקעלנע פּעסעלאַך געשטאַנען פלעשער וויין. פון צייט צו צייט האָט זיך ביי אַ טישעל געהערט אַ קנאַק, דאָס האָט מען, הייסט עס, פאַר די געסט אַ פלאַש שאַמפּאַניער געעפענט. אין אַ זייט, אָפּגעזונדערט אַביסעל אין אַן אנדער צימער, וואָס האָט זיך גערופען לענג אויס, איז געווען אַ „באַר", וואו עס האָבען געגלאַנצט און געפינקעלט פאַרשידענע טייערע ליקערען אין פּלע־שער און פלעשלאַך. אפילו אַזעלכע זעלטענע „לוקסוס אר־טיקלען" ווי מאַראַנצען און עפּעלאַך האָט מען דאָרט געקענט זעהן. די פאַרקויפערינס ביי דער „באַר", אַלע אָנגעטאָן שעהן און זאָגאַר עלעגאַנט און רייצענד, האָבען קונציג און מיט פּראָ־פעסיאָנעלער געניטקייט געפלירטעוועט מיט די מאַנסבילען, וואָס האָבען זיך געלאָזט וואַוילגעהן, באַשטעלענדיג אַלע מאָל אַן אַנ־דער געטראַנק און עפּעס צו פאַרבייסען. און אויף אַ גרויסער עסטראַדע האָט געשפּילט אַ גרויסער אָרקעסטער און אין מיטען זאַל האָבען פּאָרלעך געטאַנצט...

געמיינט האָב איך, אַז אין אַזאַ רעסטאָראַן אין מאָסקווע וועט דער אָרקעסטער אוודאי שפּילען רוסישע מוזיק. איך האָב אָבער געהאַט אַ גרויסען טעות. אין די עטליכע שטונדען, וואָס מיר זיינען אינ׳ם רעסטאָראַן געזעסען, האָט דער אָרקעסטער די גאַנצע צייט געשפּילט — אַמעריקאַנער דזשעז.

קיין איין רוסישע מעלאָדיע.

קיין איין רוסישען ניגון.

אַלץ דזשעז און דזשעז און דזשעז!

און פּאָרלעך האָבען, פּונקט ווי אין אַמעריקע, געטאַנצט צום טאַקט פון דער דזשעז־מוזיק.

דיזעלבע באַדינגונגען און דערזעלבער אויסדרוק אויפ׳ן פּנים.

האָב איך געמיינט, אז די טאַנצענדע זיינען אודאי אמע־ריקאַנער טוריסטען און טוריסטקעס, ווייל איך האָב געוואוסט, אז דער גרעסטער טייל פון די באַזוכער אין אזעלכע רעסטאָראַנען באַשטעהט פון אויסלענדער.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אז בלויז די מענער זיינען אויסלענדער; די מיידלאַך אָבער זיינען רוסישע. און זיי זיינען אָנגעשטעלטע פון דער רעגירונג צו אַמוזירען די אויסלענדישע געסט, צו טאַנצען מיט זיי, צו טרינקען מיט זיי, און טאַקע זעהן, אַז זיי זאָלען אויסגעבען וואָס מער געלט, ווייל די רעגירונג דאַרף דאָך האָבען „וואַליוטע”...

דאָס זיינען פּשוט „האָסטעסעס”. אַזוי רופט מען זיי אין די אַמעריקאַנער „ספּיקאיזיס”, אין די געהיימע שענקלאַך, וואו די „צופוילטע בורזשואזיע” לאָזט זיך וואוילגעהן. זיי קריגען געלט פאַר די פאַלשע שמייכעלאַך זייערע און אויך דערפאַר וואָס זיי לאָזען זיך אַ גלעט טאָן אדער אַ קוש טאָן פון אַ גאַסט, וואָס איז שוין ניט איינגאַנצען ניכטער. און אין סאָוועט־רוסלאַנד ווערען די פּראָפעסיאָנעלע פעהיגקייטען פון אזעלכע מיידלאַך אויסגענוצט אויף אַן אַנדער שטייגער, אויף אַ ברייטען, נאַ־ציאָנאַלען מאַסשטאַב — זיי אַרבייטען פאַר דער רעגירונג; זיי פאַרוויילען די אויסלענדישע געסט און טוען אַלץ וואָס ס׳איז נאָר מעגליך אַרויסצוקריגען ביי זיי וואָס מער „וואַליוטע”, וואָס מער דאָלאַרען — ניט, חלילה, פאַר זיך, נאָר פאַר דער רע־גירונג...

אַ שפּאָגעל נייער טיפּ רעגירונגס אָנגעשטעלטע אין דער סאָוועטען־רעפּובליק פון אַרבייטער און פּויערים.

זעהר ווייניג רוסישע מענשען קומען אריין אין מאָסקווע אין אזעלכע רעסטאָראַנען און האָטעלען. און דאָס איז ניט נאָר דערפאַר וואָס ס׳קאָסט דאָרטען זעהר טייער און ניט יעדער רוסישער מענש קען זיך אזא לוקסוס פאַרגינען. אפילו די, וואָס וואָלטען זיך אפשר יא געקענט פאַרגינען אזא לוקסוס — און אזעלכע זיינען אויך פאַראַן אין מאָסקווע — האָבען מורא אַהין אַריינצוגעהן פאַרברענגען, ווייל מען קען דאָרטען אַלע מאָל טרעפען „גע־פּע־אוּ־אַגענטען”, וועלכע האַלטען אויפ׳ן אויג יע־

דען איינעם, וואס קומט אהין אריין, און זאָלען זיי נאָר באמער־קען, אז דער אַדער יענער איז דאָרטען אַן אָפטער גאַסט, אז ער איז דאָרט געווען אַ צוויי־דריי מאָל, וועט מען אים שוין אויף מאָרגען רופען אויף אַ שטרענגען קרייז־פאַרהער און ער וועט דאַרפען אָפּגעבען דין וחשבון ווי אַזוי און ווען ער האָט געהאַט געלעגענהייטען אָפּצושפּאַרען אַזוי פיל, אַז ער האָט זיך אַזש געקענט פאַרגינען אַזעלכע זאַכען ווי עסען אַ מאָלצייט און אויס־טרינקען אַ פלאַש וויין אין אַזאַ רעסטאָראַן.

בלויז די אויסלענדער קענען זיך אין מאָסקווע אין אַזאַ רעסטאָראַן פּיהלען פריי. בלויז זיי קענען טאַנצען און פליר־טעווען מיט די רוסישע מיידלאַך, וואָס די רעגירונג האָט אָנגע־שטעלט צו שמייכלען און קאָקעטירען, אַבי ארויסצוקריגען וואָס מער דאָלאַרען...

דער זייגער האָט שוין געהאַלטען אַרום דריי פאַרטאָג, ווען איך האָב צוגערופען דעם קעלנער, ער זאָל מיר געבען אַ חשבון. איך האָב אים געדאַרפט באַצאָלען פאַר אַ פלאַש וויין, עטליכע גלעזלאַך קאָניאַק און אויך פאַר ברויט מיט שוואַרצען קאַ־וויאַר.

דער קעלנער האָט מיר דערלאַנגט אַ חשבון, וואָס האָט אָנ־געטראָפען איבער צוויי הונדערט רובעל. דאָס האָט געמיינט מער ווי הונדערט דאָלאַר אין אַמעריקאַנער געלט, ווייל אין רוסלאַנד גיט מען איידך אַ רובעל מיט פיר און ניינציג קאָפּיקעס פאַר אַ דאָלאַר. איך האָב זיך אָבער ניט דערשראָקען, און קו־קענדיג דעם קעלנער גלייך אין די אויגען האָב איך געזאָגט:

— איך צאָל מיט „וואַליוטע", מיט אַמעריקאַנער דאָלאַרען!

און באַלד איז דער חשבון געווען אינגאַנצען אַן אַנ־דערער — פיר דאָלאַר מיט פינף און אַכציג סענט.

ווי אַזוי די צוויי באַזונדערע חשבונות האָבען געשטימט האָב איך ניט געפּרואווט באַרעכענען. איך האָב אויך ניט גע־פּרואווט זיך אַליין דעם אונטערשיד צו דערקלערען. אָבער אויס־געקומען איז דאָס מיר מאָדנע...

איך האָב באַצאָלט, און פונקט ווי אין די רעסטאָראַנען פון דעם מין אין אַנדערע לענדער האָט דער קעלנער זיך געבויגען, מיט דער האָפענונג צו קריגען דעם גוטען „טיפּ".

ווען מיר זיינען ארוים אין דרויסען האָט אונז באַלד ארומ־געכאַפּט א שטאַרקער, עכט מאָסקווער פראָסט און דער שניי האָט געסקריפּעט אונטער די פיס. מיר האָבען געוואָלט נעמען אַ „דראָזשקע" צוצופאָהרען צום האָטעל, וואס איז אינגאנצען גע־ווען א פופצען מינוט גאנג פון'ם רעסטאָראן, אָבער דער „איז־וואָזטשיק" האָט געוואָלט ניט ווייניגער ווי פופצען רובעל, און ווען מיר האָבען אים געפרעגט פאר וואָס ער רעכענט אַזוי טייער, האָט ער געענטפערט, אז א פוד האָבער פאר די פערד קאָסט איצט ניט ווייניגער ווי פערציג רובעל. האָבען מיר באַ־שלאָסען, אז ס'איז שוין בעסער צו געהן צופוס...

איינער פון אונזער גרופּע איז געווען אביסעל בגלופינ'־דיג. געהענדיג האָט ער זיך עטוואס געוואקעלט און דערביי האָט ער געפּרואווט זינגען א רוסיש לידעל, וואס ער האָט געהערט אין א רוסישען רעסטאָראן ערגעץ אין ניו יארק אדער אין בער־לין; אים, דעם מענשען פון אונזער גרופּע. האָט זיך, אפנים, שטאַרק געוואלט האָבען אביסעל „רוסישע אטמאָספערע" אין מאָסקווע, וואו מ'האָט אים דעם גאַנצען אָוועגט געשטאָפּט מיט אמעריקאנער דזשעז, האָט ער זיך צולאָזט אויפ'ן קול:

„קאריאַי אָטשי דאָ ביעלאַיאַ גרוד
פאָ ציעלים נאָטשאָם מניע ספּאַט ניע דאַיוט".

אָבער עפּעס האָט זיך דאָס לידעל ביי אים ניט גע־קלעפּט. ער האָט זיך אַלעמאָל איבערגעריסען. און פּונקט דאן, ווען מיר זיינען פארבייגעגאנגען דעם רויטען סקווער, וואו עס שטעהט דער מאַוזעלעאום מיט לענינ'ס קערפּער, זיינען אונז אָנגעפאָהרען אקעגען עטליכע שליטענס מיט משא. די אָנטרייבער פון די פערד איז, קענטיג, געפעלען געווארען דער עסק וואָס אן אויסלענדער וואקעלט זיך שפאנענדיג שכור'לאַך איבער־די גאסען פון מאָסקווע פארטאָג, האָבען זיי גענומען מאכען פארשידענע שפּאסיגע באמערקונגען אויף אָט דעם חשבון. און איינער פון זיי האָט אויסגעשריגען אויפ'ן קול:

— העי, חבר אויסלענדער, ביזט שכור, הא? עס מאַכט ניט. אלע זיינען מיר דאָ שכור... נו, יא — אלע שכור!...

און אין זיין באַמערקונג איז געווען עפּעס סימבאָלישעס...

## 5. אַ באַגעגעניש מיט אַ ברודער פון אַן אַנדער וועלט.

מיט מיין משפּחה אין רוסלאַנד בין איך מער אָדער ווייני־גער געשטאַנען אין פאַרבינדונג די אַלע יאָהרען וואָס איך בין אין אַמעריקע געווען.

און אַ משפּחה האָב איך אין רוסלאַנד אַ גרויסע — אַ מאַמע, פיר שוועסטער און צוויי ברידער, און גלאַט קרובים און פריינד.

ניט מיט אַלעמען האָב איך זיך איבערגעשריבען; איך האָב אָבער געוואוסט וואו זיי געפינען זיך, און איך האָב אויך געוואוסט, אַז איינער פון מיינע צוויי אינגערע ברידער געפינט זיך אין מאָסקווע.

דריי־און־צוואַנציג יאָהר האָב איך אים, דעם אינגערען ברודער מיינעם, ניט געזעהן. ווען איך האָב פאַרלאָזט מיין געבורטסשטעטעל איז ער אַלט געווען ניט מער ווי אַ יאָהר ניין, און אַזאַ איז ער געבליבען אין מיין זכרון —אַ קליין אינגעלע מיט שוואַרצע אויגעלאַך, אַ באַוועגליכער, אַ רירעוו־דיגער און אַן אומרוהיגער.

איך האָב אָבער געוואוסט, אַז אין די דריי־און־צוואַנציג יאָהר, וואָס איך האָב אים ניט געזעהן, האָט דאָס לעבען אים ניט געשאַנעוועט; ער האָט דורכגעמאכט איינעם פון די שרעק־ליכסטע פּאָגראָמען אין אוקראַינע; ער האָט אויך דורכגעמאכט די רעוואָלוציע און די בירגער־קריג; ער איז זעקס יאהר געוועזן אין דער רויטער ארמיי און שפּעטער איז ער קנאַפּע דריי יאהר געוועזן אין דער גרעניץ־וואַך.

פון די בריף, וואָס איך האָב געקראָגען פון מיין מאַמע׳ן נאָך איידער איך בין ארויסגעפאָהרען קיין רוסלאַנד, האָב איך געוואוסט, אַז ער, דער אינגסטער ברודער מיינער, איז שוין לאַנג פאַרהייראַט, אַז ער האָט אַ ווייב מיט צוויי קינדער און אַז ער וואוינט אין מאָסקווע. זיין אדרעס אָבער האָב איך ניט גע־וואוסט. אין מאָסקווע האָט מען מיר געזאָגט, אַז דאָס מאַכט ניט, ווייל דאָרט קען מען אין אַזאַ פאַל באַלד אויסגעפינען דעם מענשען, וואָס מען זוכט.

— איר דאַרפט נאָר צוגעהן אין דער „ספּראַוואָטשנער

ביוראָ״, — האָט מען מיר געזאָגט, — און דאָרטען וועט מען אייך איינס און צוויי געבען די ריכטיגע אינפאָרמאַציע.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזען, אַז ס'טוט זיך ניט אַזוי לייכט, ווי ס'רעדט זיך, ווי עס איז געוועהנליך דער פאַל אין מאָסקווע, ווייל אומעטום, אין אַלע אנשטאַלטען, וואס זיינען געשאפען געווארען פאַר דער באקוועמליכקייט פון די בירגער, איז ניט אזוי לייכט צו געפינען א מענשען, וואס זאָל געוויסענ־האפט און פינקטליך טאָן זיין ארבייט...

פאַרוואס דאָס איז אזוי, ווייס איך ניט. אָבער אזוי איז דאָס. אפשר איז דאָס דערפאַר וואס מען האָט צוגענומען די פערזענליכע איניציאַטיווע ביי מענשען, און אפשר איז דאָס פשוט גאָר אזאַ שטריך, וואס איז טיף איינגעוואָרצעלט אינ'ם כאַ־ראַקטער פונ'ם רוסישען בירגער, וועלכער ריהרט זיך ניט פונ'ם אָרט אין דער צייט ווען ער רעדט אזוי בריה'ש וועגען יאָגען און אָניאָגען אַמעריקע...

געמיינט האָב איך, אַז די „ספּראַוואָטשנע ביוראָ״ איז אַן אָפּיס, וואו מען קען אַריינקומען. אָבער דאָס איז געווען בלויז אַ הילצערנע ביידעל, וואָס שטעהט אין דרויסען. אַרום דעם ביידעל זיינען געשטאַנען אַ סך מענשען אין „אָטשערעד״, ווייל אין מאָסקווע האַלט מען אין איין זוכען איינער דעם אַנדערען, איבער דעם וואס מען האָט געביטען די נעמען פון די גאַסען און געסלאַך און אויך איבער דעם וואָס ס'געהט ניט אַוועק קיין איין טאָג, אַז עס זאָלען אַהין ניט אָנקומען קיין נייע מענשען פון פאַרשידענע שטעט און דערפער. אין דרויסען איז געווען אַ זאַווערוכע און דער פראָסט האָט געברענט. דער „אָטשערעד״ אַרום דעם הילצערנעם ביידעל האָט זיך באַוועגט זעהר לאַנגזאַם, און ווען מען האָט זיך סוף כל סוף צוגעשלאָגען צו דעם אָפענעם פענסטערעל, וואו מען האָט געזעהן אַ פּנים פון אַ מענשען, האָט מען דאָרט געקראַגען אַ שטיקעל פּאַפּיר, אויף וועלכען מען האָט געדאַרפט אָנשרייבען דעם נאָמען פון דעם מענשען, וואס מען זוכט, זיין עלטער, זיין באַשעפטיגונג און פון וואַנען ער קומט.

ווען איך האָב זיך סוף כל סוף צוגעשלאָגען צום פענס־טערעל, וואו מען האָט געזעהן אַ פּנים פון אַ מענשען, און מ'האָט מיר, ענדליך, געגעבען דאָס פּאַפּירעל, פאַרוואָס איך האָב באַ־

צאָלט דרייסיג קאָפּיקעס, איז מיר געווען שרעקליך שווער צו שרייבען, ווייל דאָס ברעטעל אויף וועלכען מ׳האָט געדאַרפט שרייבען, איז געווען באַדעקט מיט שניי, עס האָט געבלאָזען א שטאַרקער ווינט און די הענט זיינען ביי מיר געווען אַזוי פאַר־פראָרען, אז ס׳איז מיר שווער געווען די פען אין דער האַנט צו האַלטען.

אָנגעגעבען אַלע איינצעלהייטען, האָב איך געדאַרפט קומען מיט עטליכע שטונדען שפּעטער נאָך די רעזולטאַטען. און ווען איך בין געקומען, איז דער ענטפער געווען א קורצער און א קלאָרער:

„אין מאָסקווע איז נישטאָ אַזאַ מענש, וואָס הייסט בוזי אַשעראָוויטש״.

נישטאָ און — פאַרטיג.

איך האָב דאָס ניט געקענט פאַרשטעהן, ווייל איך האָב גוט געוואוסט, אז עס איז שוין עטליכע יאָהר זינט מיין אינגסטער ברודער וואוינט אין מאָסקווע.

די טעג אין מאָסקווע זיינען ביי מיר געווען געצעהלטע, האָט עס מיך דאַריבער ווירקליך זעהר שטאַרק פאַרדראָסען פאַרוואָס איך קען דאָרט מיין ברודער ניט געפינען. אָבער ווען איך בין געקומען צוריק אין האָטעל, האָב איך דאָרט געטראָפען א צעטעלע, אז מיך האָט אָפּגערופען אויפ׳ן טעלעפאָן איינער א בוזי אַשעראָוויטש...

ער, דער אינגסטער ברודער מיינער, וועמען איך האָב אי־בערגעלאָזט א אינגעלע פון ניין יאָהר און וועמען איך האָב דריי־און־צוואַנציג יאָהר ניט געזעהן, האָט זיך גאָר צופעליג דער־וואוסט וועגען דעם, אז איך בין אין מאָסקווע און דורך דעם „אינטוריסט״ האָט ער אויסגעפונען אין וועלכען האָטעל איך בין פאַרפאָהרען.

קומען צו מיר באַלד האָט ער ניט געקענט, ווייל ער איז געווען זעהר שטאַרק פאַרנומען מיט וויכטיגער ארבייט. גע־טראָפען מיט אים האָב איך זיך ערשט שפּעט אין דער נאַכט.

ער האָט מיך דערקענט. איך אים ניט...

מיר האָבען זיך צוקושט, און נאָך איידער מיר האָבען זיך

מיט אַ וואָרט געביטען האָבען מיר זיך צואווינט. שטאַרק צו־וויינט...

קיינער פון אונז האָט מיט קיין ווערטער ניט געקענט אויס־דריקען פארוואָס מיר וויינען; ערגעץ אין מוח האָבען זיך גע־פּלאָנטערט אָפּגעריסענע שטיקלאַך געדאַנקען וועגען אַ טאַטען, וואָס איז געשטאָרבען; וועגען אַ מאַמע, וואָס לעבט ערגעץ אין אַ קליין שטעטעל, וואָס איז אינגאַנצען חרוב געוואָרען; וועגען אַ שרעקליכען פּאָגראָם, וואָס האָט אָפּגעשניטען די לע־בענס פון טאַטענ'ס ברידער, פון דער שוועסטער'ס מאַן און פון נאָך נאָהענטע און טייערע, וואָס זיינען געווען אזוי ליב. און אין הארצען האָבען געשטורעמט געפיהלען, און פון די אויגען האָבען זיך געגאָסען טרערען, און עפּעס איז געווען אזוי שווער, שרעקלאַך שווער צו געפינען דאָס פּאַסיגע און ריכטיגע וואָרט, וואָס זאָל שטימען מיט דעם וואָס מען פיהלט און וואָס זאָל קענען פארבינדען אַ געשפּרעך.

ווידער אמאָל און אָבער אמאָל האָבען מיר זיך ביי די נע־מען אָנגערופען:

— מענדיל . . .

— בוזי . . .

און אַלץ ניט געוואוסט פון וואָס און ווי אזוי אָנצוהויבען.

און ווען מיר האָבען שוין אָנגעהויבען ריידען, האָט זיך אַלץ געדוכט, אז מיר ריידען ניט וועגען דעם וואָס מיר דארפען; אז מיר ריהרען גאָר ניט אָן די געפיהלען, וואָס האָבען אין הארצען אויפגעשטורעמט. דערצו האָבען מיר נאָך ביידע באַלד דערפיהלט ווי אַ דיקע וואַנט שטעהט צווישען אונז ביידען: ער, דער אַקטיווער קאָמוניסט, וועלכער איז מיט לייב און לע־בען איבערגעגעבען דער סאָוועטען־רעגירונג און איז טאָג ווי נאַכט פארקאָכט אין זיין ארבייט, האָט ניט געהאַט קיין ספקות אין קיין זאַך און מיט דער זיכערקייט פון איינעם, וואָס צווייפעלט גאָרניט אין דעם, אז ער האָט שוין געפונען דאָס ריכ־טיגע מיטעל צו לעזען אַלע וועלט־פּראָבלעמען, האָט ער, מיט ניט ווייניג גאַל, גאָר פּלוצלונג אנגעהויבען ריידען וועגען די סאָציאַל־דעמאָקראַטען־מענשעוויקעס אין אייראָפּע און אין אמע־ריקע; ער האָט ניט געקענט פארשטעהן ווי אזוי איך, זיינער

א ברודער, קען גאָר זיין ניט קיין קאָמוניסט. האָט ער לאַנג גערעדט וועגן די וועגן, וואס האָבען אונז צושיידט אין פאַר־לויף פון די דריי־און־צוואנציג יאהר וואס מיר האָבען זיך ניט געזעהן; ער האָט מיר ניט געזשאַלעוועט קיין מוסר; ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אז נאָכדעם ווי איך וועל אליין, מיט די אייגענע אויגען, זעהן וואס אין סאוועט־רוסלאַנד קומט פאָר און ווי די סאָוועטען־מאכט בויט דאָס לאַנד, וועל איך ווערען אנדערש. און אינמיטען דערינען איז ער געבליבען זיצען שטיל און קוקענדיג אזוי אויף מיר מיט ליבע און מיט טרערען אין די אויגען האָט ער געזאָגט:

— אָבער, מענדיל, מיר ריידען דאָך גאָרניט! פאר וואָס ריידען מיר ניט?

האָב איך אים ארומגענומען.

— בוזילע, דערצעהל מיר עפּעס וועגען דער מאמע׳ן . . . וואָס מאכט זי? ווי אזוי זעהט זי אויס? דערצעהל מיר. . .

איך האָב אים אויך אָנגערופען די נעמען פון אונזערע פיר שוועסטער און פון נאָך א ברודער אונזערען, וועמען איך האָב מיט דריי־און־צוואנציג יאהר צוריק איבערגעלאָזט א קליין אינגעלע פון א יאָהר עלף.

— דערצעהל מיר, בוזי, וואָס מאַכען זיי אלע?

און בוזי האָט אין קורצע ווערטער איבערגעגעבען וואס דער מאכט און וואָס יענער מאכט, און ווען ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען פונ׳ם אַנדערן ברודער אונזערען, האָט ער זיך אויף אים אָפּגעשטעלט לענגער און ער האָט מיר מיט שטאָלץ גע־זאָגט:

— אונזער דניאל דאַרף דינען אלס א מוסטער פאַר אנדערע. ער פארנעמט גאָר א הויכען אמט אין די דערפער וואס ארום אונזער שטעטל. ער האָט דעם אויפזיכט איבער דער ארבייט ביים צוגרייטען דאָס ברויט אויף די פעלדער און ער פיהרט דורך זיינע פליכטען זעהר געוויסענהאפט. ערשט ניט לאַנג צו־ריק איז געווען אין די צייטונגען, אז ער, אונזער דניאל, האָט דורכגעפיהרט זיין אויפגאבע אויף הונדערט־מיט־צוואנציג פּראָ־צענט.

— און ווען דו וועסט אים זעהן, — מאָכט ער אזוי צו

מיר, — וועסטו זיין איבערראשט. אידיש רעדט ער אזוי, אז עס איז כמעט אונמעגליך צו פארשטעהן א וואָרט; הויבט ער אָבער אָן ריידען אוקראַיניש, איז ער ווי ביי זיך אין דער היים, און טראָגען טראָגט ער ניט נאָר א רעוואלווער, נאָר א ביקס אויך. ער איז שטענדיג באַוואָפּענט.

און מיר איז געווען אזוי שווער זיך פארצושטעלען דניאל'ן מיט א רעוואלווער און מיט א ביקס און מיט אוקראַיניש אלס די „מוטער־שפּראַך". איך האָב ניט געקענט פארגעסען ווי ער, א קליין אינגעלע, א שעהמעוודיגער און א שטילער, איז איינמאָל מיר געלאָפען אנטקעגען אָנזאָגען די בשורה, אז די מאַמע האָט געהאַט א אינגעלע און ווי ס'איז ביי אים אַרויסגעקומען אזוי קינדעריש חנ'עוודיג:

„די מאַמע האָט דעהאַט א הינדעלע".

גוטע דריי שטונדען זיינען מיר ביידע, איך און מיין ברו־דער בוזי, אזוי געזעסען און האָבען גערעדט, אבער עס האָט זיך אונז אלץ געדוכט, אז מיר ריהרען ניט אָן די סאַמע טיפעניש פון די געפיהלען, וואס די באגעגעניש האָט אַרויסגע־רופען. און פאר'ן אוועקגעהן האָט בוזי געזאָגט:

— איך ווייס ניט, ס'איז אזוי מאָדנע, עפּעס ריידען מיר גאָר ניט...

און איך האָב אויך געהאַט דעם זעלבען געפיהל. מיר האָט זיך אויך אויסגעוויזען, אז עפּעס ריידען מיר גאָר ניט...

צווישען אונז זיינען געלעגען ניט נאָר דריי־און־צוואַנציג יאהר, נאָר וועלטען גאַנצע. מיר האָבען ביידע געפיהלט, אז מיר האָבען זיך ליב, שטאַרק ליב, און אין דערזעלבער צייט האָ־בען מיר אויך געפיהלט די דיקע וואַנט, וואָס שטעהט צווישען אונז...

האָבען מיר אָפּגעמאַכט, אז אין אונזערע געשפּרעכען זא־לען מיר קיין פּאָליטישע פראגען ניט אָנריהרען. אָבער דאָס איז געווען אונמעגליך. אין סאוועט־רוסלאַנד איז יעדע זאך, אפילו די מינדעסטע קלייניגקייט, פארבונדען מיט דער פּאָליטיק פון דער מאַכט; עס איז גאָר ניט פאַראַן קיין איין זאך, וואס מען זאָל ניט דארפען דערקלערען מיט דער פּאָליטיק פון דער רעגי־

רונג. אנדערש איז דאָס ניט אינגאַנצען קלאָר און עס ליגט זיך ניט אויפ׳ן שכל...

זיינען מיר איינמאָל געזעסען א גאַנצע גרופּע מענשען און מיר האָבען גערעדט וועגען דער אַלגעמיינער לאַגע אין לאַנד און וועגען דעם טאָג־טעגליכען לעבען פון די איינוואוינער. אין דער גרופּע זיינען געווען עטליכע קאָמוניסטען און אויך אַזעל־כע, וואס זיינען ניט קיין קאָמוניסטען. מיין ברודער האָט גע־זאָגט:

— נעמט אַזא ביישפּיל: פון רוסלאַנד פאָהרען אָפּט ארויס מענשען אין אַנדערע לענדער. מען שיקט זיי אויף פארשידענע מיסיעס. זיי פאָהרען קיין אייראָפּע און אויך קיין אמעריקע, און ס׳טרעפט זעהר זעלטען ווען איינער פארלירט דעם חשק זיך אומצוקערען צוריק. פון דער אַנדערער זייט ווידער זעהען מיר ווי א סך פון די טוריסטען, וואָס קומען קיין רוסלאַנד פון אייראָפּע און פון אמעריקע, בלייבען אין רוסלאַנד אויף אר־בייט. דאָס אַליין, — האָט ער געזאָגט, — באַווייזט, אַז אויב עס איז אפילו ניט אינגאַנצען גוט ביי אונז איצטער, זיינען אָבער די אויסזיכטען א סך בעסער ווי אין אַנדערע לענדער. עס בויט זיך, עס שאַפט זיך און עס איז דאָ א צוקונפט.

אַזוי האָט ער גערעדט, און דערביי האָט נאָך איינער פון דער גרופּע אים שטאַרק ארויסגעהאָלפען אין דעם, ברענגענדיג פארשידענערליי ביישפּילען פון אַנדערע לענדער, מיט וועלכע ער איז געווען ניט איבעריגענס שטאַרק באַקאַנט, ווייל ער האָט זיינע ידיעות געשעפּט בלויז פון די רוסישע קאָמוניסטישע צייטונ־גען, וועלכע שילדערען די לאַגע אין אַנדערע לענדער אין די שווארצעסטע פארבען.

די ניט־קאָמוניסטען אין דער גרופּע זיינען געווען זעהר פאַרזיכטיג. דאָך האָבען זיי זיך פון צייט צו צייט ארויסגע־כאַפּט מיט ווערטער און באַמערקונגען, וועלכע האָבען אָנגעוואָר־פען זעהר א טרויעריג בילד פון דעם טאָג־טעגליכען לעבען פון מענשען.

איינער האָט דערצעהלט וועגען א פּאָר שיך, וואס ער טראָגט שוין פינף יאהר, און דערביי האָט ער געוויזען ווי די שיך האָבען שוין א לאַטע אויף א לאַטע...

א צווייטער האָט געוויזען ווי די הויזען זיינען ביי אים פאַרצירעוועט פונקט ווי זאָקען און ווי זיי זיינען שוין אזוי אָפּ־געריבען, אז אַלע מאָל, ווען ער זעצט זיך אַוועק, דוכט זיך אים אויס, אַז זיי וועלען זיך אויף אים צופאַלען...

א פרוי האָט דערצעהלט וועגען א גלעזעל פון א לאָמפּ, וואָס האָט זיך צובראָכען, און דערביי האָט זי פארזיכערט, אז עס זיינען שוין אוועק וואָכען און זי קען אין מאָסקווע קיין גלעזעל צום לאָמפּ ניט קריגען...

אַן אַנדער פרוי האָט דערצעהלט ווי טייער עס קאָסט א שטיקעל זייף צו וואַשען וועש, ווי מען קען גאָר אזא זייף ניט קריגען און ווי זי איז איינמאָל אַריינגעקומען אין „טאָרגסין" מיט א פריינד פון אמעריקע און האָט דערזעהן שטיקלאך גוטע זייף צו וואַשען וועש, האָט זי אָנגעהויבען ציטערן און האָט זיך שיער ניט צוואוויינט...

א דריטע האָט זיך אויסגעדריקט, אַז זי איז מקנא איר מאַן, וואָס איז געשטאָרבען מיט א צייט צוריק, און דערביי האָט זי געזאָגט, אז עס געהט ניט אוועק קיין איין טאָג, אַז זי זאָל זיך ניט ווינשען דעם טויט...

יעדער איינער האָט געהאַט צו דערצעהלען עפּעס א זאַך, עפּעס א פּאַסירונג, וואָס האָט צוגעגעבען קאָליר דער אַלגעמיינער בילד פון שרעק און שוידער און נויט פון דעם טאָג־טעגליכען שווערען לעבען פון מענשען — א בילד, וואָס מען קען בשום אופן ניט פארגעסען, ווייל מען זעהט זי אומעטום, ווייל זי פאַר־פאָלגט אייך אויף שריט און טריט וואוהין איר קומט נאָר אריין. און ווען די קאָמוניסטען זיינען אוועק און די ניט־קאָמוניסטען זיינען געבליבען, האָט מען גענומען ריידען נאָך פרייער, און דאַן איז די בילד געוואָרען נאָך שוואַרצער, נאָך שרעקלאַכער. און איינע פון די פרויען האָט דערמאָנט דעם נאָמען פון יענעם קאָמוניסט, וואָס האָט אזוי שטאַרק ארויסגע־האָלפען מיין ברודער אין זיינע ארגומענטען פאר דער מאכט, און דערביי האָט זי געזאָגט:

— ער מעג אזוי ריידען; אים איז גוט!

איז מיר געווען אינטערעסאַנט אָנצוקוקען ווי גוט עס איז אים, און איך האָב זיך דעריבער זעהר גערן באַנוצט מיט

דער געלעגענהייט, וואָס ער האָט מיך איינגעלאַדען צו קומען צו אים אַהיים אין אָוונט.

און ערשט דאַן האָב איך געזעהן „ווי גוט" עס איז אים ווירקליך!

אין אַ צימער, וואָס איז געגוג ניט מער ווי פאַר איין פּערזאָן, האָט דער מענש געוואוינט — מיט נאָך פינף מענשען. אַרום און אַרום האָבען אין דעם צימער, הייסט עס, געוואוינט זעקס מענשען. דער טיש, אויף וועלכען מען עסט, ווערט ביי־נאַכט אויך אויסגענוצט אַלס אַ בעט צום שלאָפען. און מען שעהמט זיך שוין ניט איינער פאַר'ן אַנדערען; מען טוט זיך אויס און מען טוט זיך אָן, און עס קימערט ניט קיינעם וואָס צוויי פון די זעקס זיינען מאַן און ווייב. וואָרים וואָס איז דען בושה אויב ניט אַ „בורזשואַזנער פאָראורטייל"!...

— ווי איהר זעהט, — האָט מיר דער קאָמוניסט געזאָגט, — האָבען מיר איצטער אַ גאַנץ וואוילע וואוינונג. עס פעהלט אונז ניט אפילו אַזאַ אָרט, וואוהין דער קיסר אַליין פלעגט געהן צו־פוס...

און ער האָט מיר געוויזען דאָס „אָרט", מיט וועלכען עס באַנוצען זיך, ס'פאַרשטעהט זיך, אויך די אַנדערע שכנים פון'ם הויז...

אַריינגעהן אַהין איז געווען ניט אַזוי לייכט. די פינסטער־ניש איז דאָרט געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געקענט פאַלען און ברעכען רוק און לענד און מיט קיין באַזונדער ציכטיג־קייט האָט זיך דאָס „אָרט" אויך ניט אויסגעצייכענט. פון דער „אַטמאָספערע" דאָרט איז שוין אָפּגערעדט...

— אַזאַ זאַך ביי דער וואוינונג איז ניט קיין קלייניגקייט, — האָט מיר דער קאָמוניסט געזאָגט, מיט וואָס איך האָב מיט אים דאָס מאָל פאָלשטענדיג איינגעשטימט — אָבער טאַקע שוין גאָר־גאָר ניט קיין קלייניגקייט...

און ער האָט מיר דערצעהלט, אַז די דאָזיגע וואוינונג „מיט אַלע באַקוועמליכקייטען" האָט ער געקראָגען ערשט מיט עליבע חדשים צוריק; פריהער האָט ער אַזעלכע באַקוועמליכקייטען ניט געהאַט, און יעדען אָוונט, ווען ער האָט געדאַרפט געהן אַהין, וואוהין „דער קיסר אַליין פלעגט געהן צופוס", האָט ער

געמוזט פאָהרען אויפ'ן טראַמוואַי אַ האַלבע שטונדע און זעהר אָפט איז איס אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטען, ווייל די טראַמ־וואַיען אין מאָסקווע געהען ניט אַזוי אָפט און דערצו זיינען זיי אַזוי געפּאַקט, אַז ס'איז אונמעגליך אויף זיי זיך אַרויפצו־כאַפּען...

און אַ קינד זיינס, אַ קליין אינגעלע פון אַ יאָהר פינף, אַזאַ וואויל קינד, מיט ליכטיגע אויגען, האָט זיך געפרעהט מיט מיר און האָט געזונגען אַ לידעל:

„די מאַמע איז אַ „אודאַרניצאַ"
דער טאַטע — אַ באָלשעוויק".

וועגען זיך אַליין האָט דאָס אינגעלע אויך געזונגען אַ לידעל, אַז ווען ער וועט אויסוואַקסען, וועט ער אריין אין „קאָמ־סאָמאָל" און דערנאָך אין דער רויטער אַרמיי, וואו ער וועט קעמפען געגען דער בורזשואַזיע.

— און וואָס נאָך וועסטו טאָן ווען דו וועסט אויסוואַקסען?

— האָב איך געפרעגט דאָס קינד.

— איך וועל זעהן, אַז ביי אונז אין הויז זאָל ביינאַכט זיין ליכטיג, זעהר ליכטיג, — האָט דאָס קינד געענטפערט, — איך האָב אַזוי ליב ווען ס'איז ליכטיג!

און ווירקליך, דאָס קינד האָט געמעגט האָבען אַזאַ פאַרלאַנג, ווייל אין הויז איז טאַקע געווען ניט זעהר ליכטיג...

אויך מיט אַנדערע נויטיגע באַקוועמליכקייטען האָט דער מענש זיך ניט געקענט באַריהמען. אָנגעטאָן איז ער געווען זעהר אָרים. און ניט נאָר ער, נאָר אויך זיין ווייב. דאָס ברויט, וואָס מען האָט צום טיש דערלאַנגט, האָט מען אין מויל אַריין ניט גע־קענט נעמען און די לופט אין הויז איז געווען אַ פאַרשטיקטע.

יאָ, איך האָב זיך איבערציינגט, אַז איס איז ווירקליך „זעהר גוט"...

עס איז שוין געווען שפּעט ווען איך בין געקומען צוריק אין האָטעל. דאָרטען האָב איך געטראָפען אַן ענטפער אויף דער טעלעגראַמע, וואָס איך האָב אַרויסגעשיקט מיין מאַמע'ן אין דעם קליינעם שטעדטעל טראָסטינעץ, וואָס אין דער אוקראַינע. איך האָב געטראַכט וועגען קלייבען זיך אין וועג אַריין און איך האָב

וועגען דעם גערעדט מיט מענשען. און איינער האָט מיר גע־זאָגט:

— אויב איר פאָהרט צו אייער מאַמע'ן אין אוקראַינע, זאָלט איהר פון דאנען מיטנעמען אַהין ברויט, ווייל דאָרטען איז דאָס נישטאָ... דאָרטען געהען מענשען פשוט אויס פאר הונ־גער...

איך האָב דאָס נישט געקענט פארשטעהן. וואָס הייסט דאָס? איז דען אוקראַינע שטענדיג ניט געווען דער תבואה־שפייכלער פאר גאנץ רוסלאנד? וואָס הייסט עפּעס מיטנעמען ברויט קיין אוקראַינע?!

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך איבער דעם ניט געקענט שלאָפען — אין אוקראַינע איז נישטאָ קיין ברויט!

צווייטער קאַפּיטעל.

# אויפ'ן וועג קיין אוקראַינע.

## 1. „הכּל—אָפּגערעדט!"

מיינער אַ באַקאַנטער, וועלכער גלויבט, אַז כאָטש מען האָט האָט שוין וועגן סאָוועט־רוסלאַנד אַזוי פיל געשריבען, איז עס נאָך אַלץ ניט גענוג, ווייל מ'האָט דער וועלט נאָך אַלץ ניט דער־צעהלט דעם גאַנצען אמת וועגן דעם לאַנד, וואו מען מיינט דוקא גוט, אָבער מען טוט שלעכט, האָט אין מאָסקווע געהאַט צו מיר אַ טענה:

— די צרה מיט אַלע אידישע שרייבער, וואָס קומען אַהער פון אַמעריקע, — האָט ער געזאָגט — באַשטעהט אין דעם, וואָס זיי זעצען זיך אַוועק אין מאָסקווע און דערנאָך באַזוכען זיי אויף שנעל, אַזעלכע שטעדט ווי כאַרקאָוו, קיעוו, אָדעס, ניזשני־נאָוו־גאָראָד און — פאַרטיג. זיי קוקען אָן די גרויסע פאַבריקען און זאַוואָדען, וואָס מען האָט שוין אויסגעבויט און אויך די וואָס מען האַלט אין בויען; זיי באַזוכען די מוזעאומס, די גרויסע רעגירונגס־אַנשטאַלטען, דעם קרעמל, וואו מען קען זעהן אַ סך היסטאָרישע זאַכען, וואָס מאַכען ווירקליך אַן אויסערגעוועהנליכען איינדרוק, און דערנאָך פאָהרען זיי אַוועק צוריק אַהיים און זיי שרייבען באַגייסטערטע אַרטיקלען, וואָס זיינען אַמאָל גוט און אַמאָל שלעכט, אָדער גלאַט ניט אַהער און ניט אַהין. דאָס טויג ניט, — האָט דער באַקאַנטער מיינער געזאָגט, און אין זיין טאָן האָט זיך געפיהלט אַ טיפער ווייטאָג. — נישט דאָס איז דער וועג! נישט אין מאָסקווע דאַרף מען זיך אַוועקזעצען, נאָר אין דער פּראָווינץ דאַרף מען פאָהרען, צום לעבען אין די פאַרוואָרפענע שטעטלעך אין אוקראַינע דאַרף מען זיך צוקוקען, און דאַן וועט מען האָבען אַ פולען באַגריף וועגן דעם וואָס דאָ קומט פאָר...

אַזוי האָט דער באַקאַנטער מיינער, אַליין אַ געבאָרענער אין אַ קליין שטעטעל אין אוקראַינע, גערעדט צו מיר. און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז אַהין, טאַקע אין יענע שטעדטלאַך, פֿאָהר איך איצט, איז ער געווען זעהר צופֿרידען.

— דאָרטען — האָט ער געזאָגט — וועסטו זעהן אַזעלכע זאַכען, אַז די האָר פֿונ׳ם קאָפּ וועלען זיך דיר שטעלען קאַפּויר. דאָרטען וועסטו זעהן אַזאַ חורבן, וואָס דו האָסט זיך געוויס קיינמאָל ניט געקאָנט פֿאָרשטעלען.

מיין ברודער אָבער, דער קאָמוניסט, וועלכער איז זעקס יאָהר געווען אין דער רויטער אַרמיי און וועלכער האָט אויך פֿאַרנומען אַנדערע וויכטיגע אַמטען, — ער איז, ווי מיר האָט געשיינט, ניט געווען אַזוי צופֿרידען פֿון דעם וואָס איך קלייב זיך פֿאָהרען אין יענע פּראָווינציעלע שטעטלעך. און איינמאָל, ווען ער איז געקומען צו מיר אין האָטעל, האָט ער מיר אָנגעזאָגט אַ בשורה:

— דו ווייסט, איך פֿאָהר אויך מיט דיר קיין טראָסטינעץ, צו דער מאַמען...

מיר איז דאָס אודאי געווען זעהר אַנגענעהם, און איך האָב זיך שטאַרק דערפֿרעהט. זיין פֿאָהרען מיט מיר אין מיין געבורטסשטעדטעל האָט געמיינט פֿאַרשאַפֿען דער מאַמע׳ן נאָך מער נחת, וויל מיט אים וועט דאָס זיין אַן אמת׳ע פֿאַראייניגונג פֿון דער גאַנצער פֿאַמיליע; מיר וועלען אַלע זיין ביי דער מאַמע׳ן עטליכע טעג — אַלע קינדער: דריי ברידער און פֿיר שוועסטער.

— אָבער ווי אַזוי האָט זיך דיר איינגעגעבען דאָס איינצואָרדענען? — האָב איך זיך געוואונדערט. — און אַזוי שנעל?

— גאַנץ איינפֿאַך, — האָט ער געענטפֿערט — דעם אורלויב, וואָס איך האָב געדאַרפֿט נעמען מיט צוויי חדשים שפּעטער, האָב איך גענומען איצטער. און — הכלל אָפּגערעדט — האָט ער באַנוצט זיין באַליבטען אויסדרוק, וואָס ער באַנוצט געוועהנליך, ווען ער וויל קיין סך ניט רעדען, ווען ער וויל זיך ניט אַריינלאָזען אין קיין סענטימענטען — הכלל, אָפּגערעדט! איך פֿאָהר מיט דיר קיין טראָסטינעץ, צו דער מאַמען!

פֿאַר מיר איז דאָס ווירקליך געווען אַ גרויסע בשורה און עס איז מיר געווען אַנגענעהם צו טראַכטען, אַז נאָך אַלעמען שטעהט דאָך ניט צווישען אונז אַזאַ דיקע וואַנט ווי איך האָב

זיך שוין געהאט פאַרגעשטעלט; מיר זיינען פאָרט ברידער,ביידע פון איין מאַמע געבאָרען.

און מיט א פּאָר טעג שפּעטער האָב איך פאַרלאָזט מאָסקווע און זיך געלאָזט פאָהרען אין דער אוקראַינע, צו מיין געבורטס־שטעטעל טראָסטינעץ, וואו מיין מאַמע האָט שוין מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מיר.

מיין ברודער בוזי איז אויך געפאָהרען מיט מיר. צוזאַמען זיינען מיר געווען אין איין וואַגאָן „קופּעי"; צוזאַמען האָבען מיר געדאַרפט פאָהרען ביז דעם שטעדטעל וואַפּניאַרקע, וואו מיר האָבען זיך געדאַרפט איבערזעצען אויף אַן אַנדער צוג, וואָס געהט קיין אומאַן און דערנאָך ווידער אויף אַן אַנדער צוג, וואָס פאַר־קירעוועט זיך אינגאַנצען אין אַ זייט; און צוזאַמען האָבען מיר פאַר דער מאַמע'ן געפיהרט מעהל צו באַקען ברויט און אויך אַנ־דערע שפּייז־אַרטיקלען וואָס איך האָב אין מאָסקווע געקויפט אינ'ם „טאָרגסין".

דער צוג איז געגאַנגען שווער, די שטונדען האָבען זיך געדרוקט לאַנגזאַם, און ווען מ'האָט געקוקט אין פענסטער האָט מען כמעט קיין אַנדער זאַך ניט געזעהן ווי נאָר שניי און שניי. די פעלדער זיינען געווען באַדעקט מיט שניי; די בערג און טאָ־לען — שניי. גאַנץ רוסלאַנד איז געווען באַדעקט מיט שניי. און פּאַסאַזשירען אין וואַגאָן האָבען דערצעהלט וועגען צוגען, וואָס האָבען דאָ און דאָרט פאַרשפּעטיגט אויף פיר שטונדען, אויף זעקס שטונדען און אויך אויף מער...

און אין וואַגאָן איז געווען דושנע און שטיקענד און גרויז. יעדער פּאַסאַזשיר האָט מיט זיך מיטגעפיהרט אין אַ באַזונדער פּעקעלע אַ ביסעל עסנוואַרג, וואָס האָט געוועהנליך אַרויסגערופען אַ שטאַרקען דורשט צו טרינקען וואַסער, אָבער קיין וואַסער איז ניט געווען. די וואָס האָבען יאָ געהאַט ביי זיך אַ פלעשעל „נאַר־זאַן", אַזאַ מינעראַל וואַסער, האָבען געציטערט איבער דעם ווי איבער אַן אבן־טוב, און אַלע מאָל, ווען דער דורשט איז שוין געווען גאָר שטאַרק, האָבען זיי פון דער פלאַש אָפּגעטרונקען אַ קליין ביסעלע. פון צייט צו צייט, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגע־שטעלט, איז געוואָרען אַ לויפעניש צום וואָקזאַל — נאָך געזאָ־טענער וואַסער, נאָך אביסעל מילך און נאָך אַנדערע זאַכען וואָס קענען שטילען דעם דורשט; איין גרויע מאַסע האָט זיך געשפּאַרט

פון די וואַגאָנעס און אַן אַנדער גרויע מאַסע האָט זיך געשפּאַרט צו די וואַגאָנעס; פון אַלע זייטען האָט זיך גערוקט אַ גרויע קוי־טיגקייט, וואָס האָט זיך שווער געלייגט אויפ׳ן געמיט; ווען דער צוג איז געשטאַנען, האָט זיך געדוכט, אַז ניט אַזוי שנעל וועט ער זיך ריהרען, און ווען ער איז געגאַנגען, האָט מען זיך אומרוהיג און אויפמערקזאם צוגעהערט צום רוישען פון די אייזערנע רעדער, און אַלע מאָל האָט אַן אַנדערער געזאָגט:

— דוכט זיך, אַז די רעדער קוויטשען... איך האָב מורא, אַז מען וועט מוזען אָפּטשעפּען אונזער וואַגאָן...

און אַנדערע האָבען וועגען דעם אויך געהאַט וואָס צו זאָגען.

— אַזעלכע פאַלען זיינען שוין געווען...

— אויפ׳ן וועג פון מאָסקווע קיין קיעוו האָט מען אָפּגע־טשעפּעט איין וואַגאָן...

— אויפ׳ן וועג פון קיעוו קיין אָדעס האָט מען אָפּגעטשעפּעט צוויי וואַגאָנען, ווייל די רעדער האָבען געקוויטשעט...

— וואַרט... שטילער... דוכט זיך, אַז די רעדער פון אונזער וואַגאָן קוויטשען...

אַלע זיינען געווען אומרוהיג.

מיך האָט מען באַלד דערקענט אַלס אַן אויסלענדער און טאַקע אַלס אַן „אַמעריקאַנער“. און דאָס אַליין איז מיר געווען מאָדנע; פאַר די צוויי און צוואַנציג יאָהר, וואָס איך בין גע־ווען אין אַמעריקע, האָט מען אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ „רוסישען“, און איצט, ווען איך בין געקומען קיין רוסלאַנד, קוקט מען אויף מיר ווי אויף אַן „אַמעריקאַנער“! עפּעס האָט דאָס ביי מיר אַרויסגערופען אַ מאָדנעם געפיל. איך האָב ניט געוואָלט, אַז מען זאָל אין רוסלאַנד קוקען אויף מיר ווי אויף אַ פרעמדען. און דאָ האָט זיך נאָך, פונקט ווי אויף צו־להכעיס, אָוועקגעזעצט לעבען מיר אַ יונגערמאַן מיט אַן אָפּגעריבענעם רעקעל און מיט צוריסענע הויזען און מיט אַ קויטיג העמדעל אַ שווארצס, און ער האָט מיט׳ן טאָן פון אַ גרויסען אויטאָריטעט גענומעןריידען, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבען די באַהנען אַ סך מער באַקוועמליכקייטען ווי די באַהנען אין אַמעריקע.

ווען איך האָב געפּרואווט אים באַווייזען, אַז ער איז ניט גערעכט, איבערגעבענדיג אים דערביי אייניגע איינצעלהייטען פון מיינער אַ רייזע פון ניו יארק קיין קאַליפאָרניע און צוריק, האָט

דאָס אויף אים אינגאנצען ניט געווירקט און ער איז זיך גע־בליבען ביי זיין מיינונג.

— וועגען אנדערע זאכען, — האָט ער געזאָגט, — וועל איך זיך מיט אייך ניט שפּאַרען. וועגען די אייזענבאהנען אָבער קען איך ריידען ווי אן אויטאָריטעט, כאָטש איך בין קיינמאָל אין מיין לעבען ניט געווען אין אמעריקע. איך ווייס דאָס אָבער באַשטימט, ווייל איך בין א רוסישער אייזענבאַהן־אינזשעניר...

ווען ער האָט דאָס אַ זאָג געטאָן, האָב איך געכאַפּט אַ קוק אויף זיינע פּאַרלאַטעטע הויזען, כאָטש איך האָב דאָס ניט גע־וואָלט טאָן...

די גאַנצע צייט, וואס מיר זיינען געפאָהרען, האָט מיין ברודער שוין געזעהן, אז מיר זאָל קיין זאך ניט פעהלען. ער האָט אויף די וואקזאַלען געקראָגען פאר מיר מינעראל וואסער צום טרינקען און אויך מילך, און דערביי האָט ער געזאָגט:

— נו, דו זעהסט, ביי אונז קריגט מען אַלצדינג!...

זיך אריינלאָזען אין לאַנגע געשפּרעכען וועגען דעם וואָס מען קריגט אין רוסלאַנד אויפ׳ן וועג „אַלצדינג", האָב איך אין יענעם מאָמענט ניט געקענט. די גאַנצע צייט, סאַי בייטאָג און סאַי ביינאַכט, האָב איך ניט אויפגעהערט טראַכטען וועגען דעם וואוהין איך פאָהר און צו וועמען איך פאָהר. מיר האָט זיך אַלץ געוואָלט ריידען מיט מיין ברודער, וועמען איך האָב שוין דריי און צוואנציג יאָהר ניט געזעהן, וועגען דעם שטעטעל, וואו איך בין געבאָרען געוואָרען און וואו מיינע קינדער־יאָהרען זיינען אוועק. אָבער מיין ברודער האָט אויסגעמיידעט די מעגליכ־קייט זיך אריינצולאָזען צופיל אין סענטימענטען, און אָפּגעהאַקט דעם געשפּערך האָט ער אויף זיין שטייגער, מיט זיין באַליבטען אויסדרוק:

— הכלל, אָפּגערעדט!

און ווען ער זאָגט „הכלל — אָפּגערעדט", קען מען שוין מיט אים מער וועגען דעם זעלבען ענין ניט ריידען...

אזוי איז ער. די מלחמה, די פּאָגראָמען, די רעוואָלוציע, די בירגער־קריג און נאָך און נאָך זאכען האָבען אים פאַר־הארטעוועט...

אָבער הינטער דער פאַרהארטעוועטער הויט ליגען ביי אים טיפע, ווארימע געפיהלען.

אויפ'ן וועג האָט ער מיר עטליכע מאָל געמאַכט אויפמערק־זאַם דארויף וואָס אין טראַסטינעץ און אין אַנדערע שטעטלאַך וועל איך זעהן און הערען אַזעלכע זאַכען, וואָס וועלען מאַכען אַ שווערען איינדרוק אויף מיר...

— דאָס איז אָבער גאָרניט, — האָט ער געזאָגט — אַזוי איז דער גאַנג פון דער געשיכטע...

קיין וואַפּניאַרקע זיינען מיר געקומען מיט עטליכע שטונ־דען שפּעטער ווי מיר האָבען געדאַרפט. דאָרטען האָבען מיר געמוזט בייטען דעם צוג און פאָהרען קיין דעמקאָווקע. די רייזע קיין דעמקאָווקע האָט געדאַרפט געדויערען אודאי ניט מער ווי אַ שטונדע, אָבער וואַרטען אויפ'ן צוג האָבען מיר געמוזט עטליכע שטונדען. אָט די איבערבלייבעניש פון די אַלטע צייטען, די לאַנגע „פּערעסיאַדקעס", זיינען נאָך אַלץ אַ געוועהנליכע זאַך אין רוסלאַנד; מענשען מוזען וואַרטען אויף אַ צוג שטונ־דען און שטונדען, און אַמאָל אַ גאַנצען מעת־לעת. און דאָס איז אין אַ צייט, ווען מען האַלט אין איין ריידען וועגען שנע־לען טעמפּ און האַסטיגען אימפּעט!...

אויפ'ן וואָקזאַל זיינען געווען אַ סך מענשען, פּויערים אין פּעלצען און אין קוזשוכען און סוויטקעס, און אידען אין אָפּגע־ריבענע טולופּלעך און מאַנטלען. ביי אַלעמען זיינען די פּנים'ער געווען פאַר'חושכ'ט און פאַראומערט. קיינער האָט זיך אין ער־גערץ ניט געאיילט, קיינער האָט זיך אין ערגעץ ניט געיאָגט. פון דער אַמאָליגער באַוועגונג אויפ'ן וואַפּניאַרקער וואָקזאַל, וואו צו־גען לויפען פון פאַרשידענע טיילען אין רוסלאַנד, איז אפילו קיין זכר ניט געבליבען. מען זעהט דאָרט ניט קיין איין מענשען, וואָס זאָל אויסקוקען כאָטש אַ ביסעל אַנדערש ווי די, וואָס דרעהען זיך דאָרט אַרום פאַר'חושכ'טע און פאַראומערטע. און דערפאַר טאַקע האָט מיין קומען געצויגען אַזוי פיל אויפמערקזאַמ־קייט, דערפאַר טאַקע האָבען אַלע מיט אַזעלכע נייגעריגע און זשעדנע בליקען געקוקט אויף מיר און אויך אויף די טשעמאָ־דאַנעס, וואָס איך האָב מיט זיך געפיהרט. אי איך, אי די טשע־מאָדאַנעס, זיינען ביי זיי געווען אַ חידוש, וואָס מען זעהט זעל־טען...

מיין ברודער איז אַוועק אין שטעטעל זוכען אַ פּלאַץ וואו מען זאָל קענען זיין די עטליכע שטונדען, וואָס מען דאַרף וואַר־

טען אויפ'ן צוג. און איך בין געבליבען אויפ'ן וואקזאל. אריינ־געקומען אינ'ם „זאל" פון ערשטען קלאַס, וואו עס איז געווען פונקט אזוי שמוציג און פונקט אזוי קויטיג ווי אין די „זאַלען" פון די אַנדערע קלאַסען, האָב איך זיך אָנגעהויבען ארומדרעהען אהין און צוריק, קוקענדיג אויף די מענשען, וואָס זיינען געזעסען אויף די לאַנגע בענק און ביי די טישען. איינינע יונגעלייט האָבען זיך צוגעשאַרט צו מיר, גענומען איבערפרעגען זאכען וועגען אמע־ריקע, און דערביי האָבען זיי זיך פאַרזיכטיג ארומגעקוקט אין אַלע זייטען. דערנאָך, ווען זיי האָבען באמערקט ווי איך קוק ניי־געריג אויף די אוקראַינישע אופשריפטען און אויף די ווענט, וואו עס הענגען פאַרשידענערליי גרויסע בילדער וועגען די גרויסע דערגרייכונגען און אויפטואונגען אין סאָוועטרוסלאַנד — ביל־דער פון גרויסע פאַבריקען, זאוואָדען און „קאָלכאָזען" — האָבען די אידישע יונגעלייט גענומען מיר דערקלערען די באַדייטונג פון די בילדער.

— איר זעהט, ביי אונז סטראָיעט מען.

— איר זעהט, ביי אונז ארבייט מען שוין אויף די פעל־דער מיט טראַקטאָרס!

און נאָך און נאָך זאכען האָבען זיי מיר אָנגעוויזען אויף די בילדער. און די פויערים זיינען ווי שאָטענס געזעסען אויף די לאַנגע בענק און האָבען געשוויגען. קיין איינער פון זיי האָט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, קיין איינער פון זיי האָט גאָר ניט געזאָגט. בלויז די אויגען זייערע, אזעלכע אויסגעלאָשענע, פארגליווערטע אויגען, האָבען געקוקט אויף מיר און אויך אויף די אידישע יונגעלייט, וועלכע האָבען מיר דערקלערט די באַדייטונג פון די בילדער אויף די ווענט. און מיט אמאָל האָט זיך איין פויער אויפגעהויבען פון דער באַנק און צוגעהענדיג צו איי־נעם פון די אידישע יונגעלייט, וועלכע האָבען מיט מיר גע־רעדט, האָט ער געזאָגט אויף אוקראַיניש:

— וואָס דערצעהלסטו אים מעשיות וועגען די בילדער אויף די ווענט און וועגען טראַקטאָרס אויף די פעלדער? וואָס מאַראָטשעסטו אים אַ קאָפּ? דערצעהל אים בעסער, אז מיר האָבען ניט קיין ברויט אין שטוב! דערצעהל אים בעסער, אַז מיר און אונזערע ווייבער און קינדער עסען בוראַקעס, שאָ־

לעכץ פון קארטאפלעס! דערצעהלט אים, אז מיר ווערען גע־שוואלען פאר הונגער דא, אין אוקראינע!...

אפגעזאגט, האט ער זיך צוריק אוועקגעזעצט, קוקענדיג אויף די אנדערע פויערים, וועלכע האבען מיט שטומע בליקען געגעבען זייער הסכמה דארויף וואס ער האט אויסגעדריקט פון דער טיפעניש פון הארצען...

זיי, די נאאיווע מענשען, האבען אודאי געמיינט, אז ס'איז ניט אנדערש נאר איך בין א שליח פון ערגעץ; אז ס'איז ניט אנדערש, נאר „די וועלט" האט מיך געשיקט צו זעהן ווי אזוי זיי לעבען. און זיי האבען דאריבער ניט געוואלט, אז מען זאל מיך פארפיהרען. עס איז זיי געגאנגען אין לעבען, אז איך, דער מענש מיט די טשעמאדאנעס, וואס מען זעהט גארניט אין וואפניארקע, זאל וויסען דעם אמת, אז זיי עסען בוראקעס, שא־לעכץ פון קארטאפליעס, אז זיי ווערען געשוואלען פון הונגער...

קיינער פון די אידישע יונגעלייט און וואפניארקע האט מיר ניט געדארפט איבערזעצען וואס דער פויער האט געזאגט. איך האב עס אליין גוט פארשטאנען, ווייל איך רעד אוקראיניש.

## 2. דער אריינפאהר אהיים.

אפגעוועזן אין וואפניארקע עטליכע שטונדען, האבען מיר זיך סוף כל סוף דערוואַרט אויף דעם צוג, וואס האט אונז גע־דארפט אוועקפיהרען קיין דעמקאָווקע.

די וואגאנעס אין יענעם צוג זיינען געווען „הארטע", דריטע קלאס, הייסט עס. און ווען איך בין אריינגעקומען אין איינעם פון זיי, האב איך דערזעהן אזעלכע סצענעס, וואס איך האב זיך פריהער בשום אופן ניט געקענט פארשטעלען.

וואו עס איז נאר ערגעץ געווען א שטיקעל פלאץ, האט א מענש אהין זיך אריינגערוקט; אויף די בענק, הינטער די בענק, צווישען די בענק און אויך אויף די אויבערשטע פאלי־צעס, וואו מען האט געדארפט אוועקשטעלען באגאזש — או־מעטום זיינען געלעגען, געזעסען און געשטאנען מענשען, און אלע האבען געטראגען אויף זיך קלומקעס און פעק און אלע הא־בען געוואלט זיין צווישען די, וואס וועלען די בעסערע פלעצער פאר זיך פארכאפען.

— מיט דעם צוג וועלען מיר לאנג ניט פאהרען, — טרויסט

מיך מיין ברודער, — באַלד וועלען מיר זיין אין דעמקאָווקע, און פון דעמקאָווקע קיין טראָסטינעץ איז שוין ניט ווייט.

די לופט אין וואַגאָן איז אַ שווערע, עס איז ממש דער־שטיקט צו ווערען. אָבער קיינער קלאָגט זיך ניט דאַרויף און קיינעם פאַלט גאָר ניט איין צו טאָן אַזאַ זאַך ווי עפענען אַ פענסטער...

איך קוק אויף די פויערים און אויף די שווערע קלומקעס, וואָס זיי טראָגען אויף זיך, און אויפ'ן הארצען ווערט מיר שרעק־ליך שווער. איך קען אַלץ ניט פאַרגעסען אָן די ווערטער פון יענעם פויער, וואָס האָט דערצעהלט, אַז אין די דערפער אין אוקראַינע עסען מענשען בוראַקעס און שאָלעכץ פון קאַרטאָפ־ליעס און אַז זיי ווערען געשוואָלען פאַר הונגער. איך וויל הערען וואָס די פויערים אין וואַגאָן ריידען צווישען זיך. מיט אַמאָל, פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אַ נייס, כאַפּ איך זיך, אַז זיי שווייגען גאָר די גאַנצע צייט; זעלטען ווען רעדט אימיצער פון זיי אַרויס אַ וואָרט און בלייבט ווידער שטיל. זיי קוקען אָבער דאָך אויף מיר מיט נייגיעריגע בליקען, און ווען זיי דערהערען ווי איך הויב אָן ריידען צו איינעם אויף אוקראַאי־ניש, באַקומען זיי מער קוראַזש, און איינער, אַ יונגער פויער פון אַ יאָהר עטליכע און צוואַנציג, רוקט זיך צו צו מיר נע־הענטער, און טאַקע באַלד, אָהן איבעריגע רייד, זאָגט ער, אַז ס'איז אים אַ גרויסער חידוש, וואָס מען האָט מיך געלאָזען פאָהרען אין אַזעלכע וואַגאָנעס און אין אַזאַ געגענד....

— געווען דאָ, — הויבט ער מיר אָן דערצעהלען אַ גע־שיכטע אויף זיין נאַאיווען פויערשען שטייגער, — געווען דאָ ביי אונז אין רוסלאַנד ניט לאַנג צוריק אַ קאָמוניסט פון אַמע־ריקע, האָט מען אים די גאַנצע צייט געהאַלטען אין מאָסקווע, אין כאַרקאָוו, אין ניזשני־נאָווגאָראָד און אין אַנדערע גרויסע שטעדט; געפירט האָט מען אים אין ווייכע וואַגאָנען און טאַקע אין פאַרמאַכטע (ער האָט באַנוצט דאָס וואָרט „זאַפּלאָמ־ביראָוואַני"), איז אים דאָ אַלעס ביי אונז זעהר שטאַרק גע־פעלען און ער האָט געזאָגט, אַז ביי אונז איז בעסער ווי אין אַמעריקע. איינמאָל האָט ער זיך אָפּגעריסען פון ז י י און איז אליין אוועקגעפאָהרען צו זיינעם אַ קרוב, טאַקע דאָ אין אונ־זער געגענד, אין אוקראַינע; אויך אַריין אין דיזעלבע האַרטע

וואַגאָנעס און דערזעהן דאָס, וואָס איר זעהט דאָ, האָט ער זיך איינגאַנצען ענטוישט און איז אַוועקגעפֿאָהרען צוריק קיין אַמע־ריקע אָן אַנדרער, איינגאַנצען אַן אַנדערער...

— און קיין וואונדער איז דאָס ניט, — מאַכט אַזוי צו מיר דער יונגער פּויער — יענער, דער אַמעריקאַנער קאָמו־ניסט, לעבט זיך אין ניו יאָרק אין אַ וואוינונג פֿון גאַנצע דריי צימערען! איהר הערט? דריי צימערען! נו, ווי־זשע קען איהם געפֿעלען ווי מען לעבט ביי אונז!...

אין איין ווינקעל האָבען זיך עטליכע אידען צונויפֿגערוקט אין אַ רעדעל. זיי האָבען שוין אַלע געוואוסט ווער איך בין און אַז איך פֿאָהר צו דער מאַמע'ן אַזש פֿון אַמעריקע. זיי האָ־בען גערעדט וועגען דעם ווי וועגען אַן אויסערגעוועהנליכער פּאַ־סירונג און וועגען מיר — ווי וועגען אַ מענשען פֿון גאָר אַן אַנדער וועלט. און אָנווייזענדיג אויף מיינע טשעמאָדאַנען, האָט איינער געזאָגט:

— ביי אונז זעהט מען גאָר ניט אַזעלכע...

איך האָב זיך צורעדט מיט די אידען:

— איז ווי אַזוי געהט עס אייך דאָ? — האָב איך גע־פֿרעגט.

— עס איז שלעכט. זעהר שלעכט, — האָט איינער גע־ענטפֿערט פֿאַר די אַנדערע. — עס איז נישטאָ קיין ברויט, מען שטאַרבט פֿאַר הונגער.

— ווי אַזוי־זשע לעבט מען פֿאָרט?

— מען מוטשעט זיך...

און מיין ברודער פֿון מאָסקווע האָט אַלע מאָל געפֿונען אַן אַנדער זאַך אויף וואָס צו ציהען מיין אויפֿמערקזאַמקייט:

— זעה, — זאָגט ער מיר, אָנווייזענדיג אויף די פֿאַרשי־דענע פֿעלדער אַרום און אַרום. — דו דערקענסט נאָך אָט די ערטער? דאָרט איז דער וואַלד, און ווייטער אַביסעל פֿאָהרען מיר אַריין אין אַ טאָל...

וועגען אָט די אַלע ערטער האָט ער געהאַט צו דערצעהלען אַ סך פּאַסירונגען און געשעהענישען, וואָס זיינען געווען פֿאַר־בונדען מיט זיינע אייגענע איבערלעבונגען און ערפֿאַהרונגען אין די צייטען פֿון די פּאָגראָמען און דעם בירגער־קריג. און ווען ער האָט מער ניט געהאַט וואָס צו דערצעהלען און אויף

וואָס אָנצואווייזען דורכ'ן פענסטער, האָט ער געצוויגען מיין אויפמערקזאַמקייט אויף אַן אנדער זאַך:

— גיב אַכטונג אויפ'ן באַגאַזש...

און מיט אַמאָל איז ער געוואָרען זעהר סענטימענטאַל:

— דו ווייסט, — זאָגט ער מיר, — אַז מען הויבט דאָס אָן באַרעכענען, איז עס דאָך ווירקליך אַ גרויסע זאַך! מיר זיינען זיבען קינדער ביי דער מאַמע'ן, פיר שוועסטער און דריי ברידער, און פון זיי ביזטו דער איינציגער אין אמע־ריקע!... דריי און צוואַנציג יאָהר האָבען מיר דיך ניט גע־זעהן, און איצט וועלען מיר ווידער אַלע זיין לעבען דער מאַ־מע'ן. איך זאָג דיר, עס איז ווירקליך אַ גוטע זאַך וואָס איך האָב באַשלאָסען צו פאָהרען מיט דיר! אַ יאָ?...

— נו, געווים.

באַלד אָבער האָט ער, קענטיג, חרטה געהאַט דאַרויף וואָס ער איז אויף אַ ווײַלע געוואָרען סענטימענטאַל, און ער האָט זיך צורעדט וועגען אונזער ברודער, וועלכער איז אַ פּאַראַנט־וואָרטליכער קאָמוניסטישער טוער אין טראָסטינעץ און אין די דערפער אַרום.

— אים, אונזער דניאל'ן, קען מען נעמען אַלס אַ מוס־טער פון עהרליכקייט און איבערגעבענקייט. ער ווייסט כמעט ניט פון אַזאַ זאַך ווי אַ פּערזענליך לעבען; ער איז טאָג ווי נאַכט פאַרנומען מיט זיין ארבייט אין די דערפער, און די פויערים ווייסען שוין, אַז פון אים קענען זיי גאָר ניט באַהאַלטען...

ער האָט מיר אויך דערצעהלט וועגען מיינע אינגערע שוועס־טער, וועלכע זיינען נאָך געווען קליינע מיידעלאַך ווען איך בין אוועקגעפאָהרען פון דער היים.

— אַרום און אַרום, — זאָגט ער, — וועט עס דיר אוים־קומען מאָדנע; דו וועסט דערזעהן אנדערע ברידער, אנדערע שוועסטער, מענשען פון אַן אנדער וועלט.

דאָ איז אַריינגעקומען דער קאָנדוקטאָר אָפּקלאַפּען די בי־לעטען פון די פּאַסאַזשירען. אָבער דאָס קלאַפּערגעצייג זיינס האָט ניט געאַרבייט; דאָס מאַשינדעל האָט ניט געקענט אריינ־נעמען קיין איין בילעט אָפּצוקלאַפּען, און דאָס האָט ביי די פּאַסאַזשירען ארויסגערופען אַ שמייכעל. דאָס ערשטע מאָל

האָב איך אויף די פּנים׳ער פֿון די דערשלאָגענע מענשען א שמייכעל דערזעהן.

און אין וואגאָן האָט מען אַלץ געהערט ווי מענשען ריידען וועגען פּרייזען פֿון ברויט אין דעם שטעדטעל, אדער אין יענעם שטעדעל, אין דעם דאָרף אָדער אין יענעם דאָרף; מען האָט אויך גערעט וועגען דעם, וואָס די פֿערד און בהמות פּגר׳ען אוים, ווייל מען האָט ניט וואָס זיי צו געבען עסען. מען האָט דערצעהלט, אז אין איינינע געגענדען אין אוקראַינע וואָלגערען זיך גע׳פּגר׳טע פֿערד אויף אַלע וועגען, און אַלע מאָל האָט אן אנדערער געמאַכט א באַמערקונג:

—עס וועט נאָך זיין ערגער... א סך ערגער ווי ס׳איז איצט...

וואָס ווייטער מיר זיינען געפֿאָהרען און וואָס נעהנטער מיר זיינען געקומען, אַלץ שווערער איז מיר געוואָרען אויפ׳ן הארצען. אין די אויגען האָבען זיך מיר געשטעלט טרערען און איך האָב אָנגעכאַפּט מיין ברודער ביי דער האַנט.

— בוזי! — האָב איך געפּרואווט אָנהויבען ריידען, זוכענדיג ווערטער, וואָס זאָלען אויסדריקען דאָס, וואָס דאָס הארץ פֿיהלט.

אָבער מער ווי דעם נאָמען פֿון מיין ברודער האָב איך ניט געקענט ארויסריידען...

מיר זיינען אָנגעקומען קיין דעמקאָווקע, וואו מיר האָבען זיך געדארפֿט איבערזעצען אויף אן אנדער צוג. די סטאַנציע איז געווען שרעקליך אָפּגעלאָזען און קויטיג, און זי האָט אויסגעזעהן ווי א פֿלעק צווישען די פּארשנייטע פֿעלדער ארום און ארום.

קיין צוג אין מיין געבורטסשטעדטעל טראָסטינעץ איז שוין ניט געגאַנגען און מיר האָבען געמוזט פֿאָהרען מיט א שליטען. אָבער איידער מיר האָבען דעם שליטען גענומען, האָבען מיר אָפּגערופֿען אויפ׳ן טעלעפֿאָן די מאַמע. געקומען ענטפֿערען דעם טעלעפֿאָן אויף דער סטאַנציע אין שטעדטעל איז מיין אינגסטע שוועסטער, וועלכע איז אַלט געווען ניט מער ווי זעקס חדשים ווען איך בין מיט דריי און צוואַנציג יאָהר צוריק אוועקגעפֿהרען פֿון דער היים. ווען איך האָב דערהערט איר שטים און זי האָט מיר געזאָגט ווער זי איז, האָט עס מיר מיט אמאָל

פאַרשטיקט אין האַלז און איך האָב מער ניט געקענט ריידען, און זי דאָרטען האָט זיך שטאַרק צוכליפּעט...

עס איז אומעגליך איבערצוגעבען מיט ווערטער וואס איך האָב געפיהלט אין יענעם מאָמענט, ווען איך האָב זיך אַלץ מער און מער דערנעהנטערט צו מיין געבורטס־שטעדטעל און צו מיין מאַמע'ן, וועמען איך האָב אַזוי פיל יאָהרען ניט געזעהן. דאָס איז געווען ניט בלויז א געפיהל פון פרייד, נאָר אויך פון טיפען טרויער און ווייטאָג. און בלויז דער, וואָס קומט צו אַ מאַמע אין דער איצטיגער אוקראַינע קען דאָס פיהלען און פאַרשטעהן...

אויפ'ן דעמקאָווקער וואָקזאַל זיינען מענשען צוגעלאָפען צו מיר און האָבען מיך געקושט. ווער זיי זיינען האָב איך ניט געוואוסט. אָבער מען האָט מיר געזאָגט, אז זיי זיינען פון מיין שטעדטעל און אַז זיי געדענקען מיך זעהר גוט. אייניגע פון זיי האָבען זיך געאיילט צו פאָהרען ווייטער, האָבען זיי אין איילעניש זייערע נעמען אָנגערופען, געזאָגט, אז זיי האָבען אַמאָל מיט מיר אין איין חדר געלערענט, כאָטש איך האָב זיך דאָס ניט געקענט פאָרשטעלען, ווייל זיי האָבען אויסגעקוקט זעהר אַלט און זעהר חושך. און אַלע מאָל האָט מיך אַן אנדערער אוועקגערופען אין אַ זייט, און יעדער איינער האָט אַלץ דאָס זעלבע געזאָגט:

— מיט מיר וועסטו מוזען ריידען כאָטש אַ טאָג מיט אַ נאַכט... איך האָב דיר צו דערצעהלען גאַנצע בערג...

עס איז געווען קלאָר, אַז יעדען איינעם פון זיי איז אויפ'ן הארצען געגנוג אנגעזאָלעט, געגנוג ביטער, און ער פיהלט ווי אויסצורייידען זיך פאַר אַ מענשען, וואס קומט פון אַן אַנדער וועלט...

עס איז אָבער אפשר גאָר ניט געווען נויטיג אויסצוהערען וואס יעדער איינער פון זיי האָט צו דערצעהלען. איין קוק אויף זיי — און מען האָט שוין געקענט זעהן ווי אַזוי זיי לעבען און אין וואָס פאַר אַ לאַגע זיי געפינען זיך...

און בוזי איז געווען זעהר ניט צופרידען דערפון וואס מען רייסט מיך אין אַלע זייטען און מען דערצעהלט מיר אַלץ צרות און צרות.

— אלזאַ, מיר פֿאָהרען! — האָט ער מיך אונטערגע־איילט.

מיר האָבען זיך אַריינגעזעצט אין זעהר אַ נעבעכדיגען שליטען, מיט צוויי פֿערדלאַך, וואָס זיינען געווען נאָך מער גע־בעכדיג. לעבען מיר האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ פֿאַרטרעטער פֿון דער „גע־פּע־או", וועלכער איז גראָד אויך געפֿאָהרען קיין טראָסטינעץ. און דער בעל עגלה, אַ איד מיט אַ פֿויעריש פּעלצעל און מיט אַ גרוי בערדעל, וואָס מען האָט שוין לאַנג ניט געקעמט, האָט מיט דער בייטש געגעבען אַ סווישטשע אין דער לופֿט און מיר האָבען זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

קיין וועג האָט מען אָבער ניט געזעהן, ווייל אַלעס אַרום און אַרום איז געווען פֿאַרשאָטען מיט שניי. עס האָט זיך אויס־געוויזען, אַז דער בעל עגלה פֿאָהרט גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, מיט דער זיכערקייט, אַז ערגעץ וועט מען דאָך אָנקומען. אויב ניט קיין טראָסטינעץ, איז אין אַן אַנדער שטעדטעל. וואָרים וואָס איז דען דער אונטערשיד? איז דען די לאַגע ניט אַלץ איינס אין אַלע שטעדטלאַך?...

זעהר אָפֿט איז דער שליטען אַרויף אויף אַ שלעכטען וועג, און מען האָט געמוזט אַרונטערגעהן. די איינגעדאַרטע פֿערד־לאַך, וועלכע זיינען געווען היבשלאַך אויסגעהונגערט, האָבען זיך געשלעפּט פּאַמעלאַך און לאַנגזאַם, קוים וואָס זיי האָבען זיך גערירט. און דער בעל עגלה האָט זיי אונטערגעטריבען פּונקט ווי איו די אַמאָליגע אַלטע צייטען:

„אַטיאַ, מאַלעי!"

און ווען דאָס האָט געווירקט און די פֿערדלאַך האָבען גע־נומען געהן אַביסעל שנעלער, האָט דער בעל עגלה זיי אונטער־געגעבען מוט:

„וויאָ, קאָני ני וואָלי". (פֿערד זיינען ניט קיין אָקסען).

מיר איז שווער געווען זיך פֿאָרצושטעלען, אַז עס איז שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר זינט איך בין אויף יענעם וועג ניט געווען. פּונקט ווי אַמאָל הערט מען דאָרט איצט אויך „אַטיאַ מאַלעי" און „וויאָ, קאָני ני וואָלי". מען שלעפּט זיך נאָך אַלץ אויף שלעכטע וועגען וואו פֿערדלאַך ריהרען זיך קוים: מען פֿיהלט נאָך אַלץ אויף זיך אַ שווערינקייט וואָס שטיקט און לאָזט דעם קאָפּ ניט אויפהויבען. ווען ניט דער „גע־

פע־או׳ניק״ וואָס איז געזעסען לעבען מיר אָנגעטאָן אין אַ וואַ־רימען פעלץ אַ פוטערנעם, וואָלט מען געקענט מיינען, אַז פאַר די אַלע יאָהרען איז קיין שום ענדערונג ניט פאָרגעקומען און אַז עס איז קיין זאַך ניט געשעהן...

און דער אַגענט פון דער „גע־פע־או״ איז געווען זעהר ניי־געריג צו וויסען זאַכען וועגען אַמעריקע...

— ביי אייך אין אַמעריקע, — ווענדעט ער זיך צו מיר, — זיינען ניטאָ אַזעלכע וועגען?

— ניין. אין אַמעריקע זיינען די וועגען בעסערע.

— ניטשעוואָ, — זאָגט ער — מיט דער צייט וועלען מיר האָבען פונקט אַזעלכע וועגען ווי ביי אייך.

ער שווייגט אַ ווײַלע און דערנאָך פרעגט ער:

— וואָס רעדט מען ביי אייך וועגען אונז?

— פאַרשידענעס, — ענטפער איך אים. — אייניגע ריי־דען גוטס, אַנדערע שלעכטס.

— ניטשעוואָ, — זאָגט ער, — מיר וועלען אַלעמען צ ו ו י נ ג ע ן צו ריידען וועגען אונז גוטס...

מיר זיינען דורכגעפאָהרען עטליכע דערפער, האָב איך זיך צוגעקוקט צו די פויערשע שטיבעלאַך און צו די פלויטען, וואָס אַרום זיי. פון אַלץ האָט אַרויסגעקוקט די אָרעמקייט און די אָפגעלאָזענקייט. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס זיינען ניט קיין שטיבעלאַך, נאָר חורבות. די סקלאַדען, וואו פויערים פלעג־גען אַמאָל האַלטען תבואה, זיינען געווען צואוואַרפען און שטיקער האָלץ און ברעטער האָבען זיך געוואַלגערט אויף דער ערד. אין ערגעץ האָט מען קיין קוה ניט געזעהן, אין ערגעץ האָט מען קיין שעפעלע ניט באַמערקט. פון אומעטום האָט זיך געשפּאַרט דער חורבן. אויף אַלץ איז געלעגען אַן אומעט.

אינ׳ם דאָרף לעפּקאָוויקע האָבען מיר זיך אָפּגעשטעלט. דאָר־טען האָבען מיר געדאַרפט וואַרטען אויף מיין ברודער דניאל, וועלכער האָט שוין געוואוסט, אַז איך קום. מיר האָבען לאַנג געוואַרט, און ער האָט זיך ניט געוויזען. דניאל איז געווען שטאַרק פאַרנומען ערגעץ אין אַנדער דאָרף. און ווען דניאל איז פאַרנומען מיט געזעלשאַפטליכער אַרבייט, איז אַ ברודער ביי אים גאָרניט. אַפילו ניט אַזאַ ברודער, וועמען ער האָט דריי און צוואַנציג יאָהר ניט געזען...

מיר האָבן געמוזט פאָהרען ווייטער אָהן דניאל'ן, כאָטש איך האָב אזוי געוואָלט זיך שוין זעהן מיט אים. געקומען מיך זעהן איז ער ערשט שפּעט אין אָוועגט. און ווען איך האָב דערזעהן ווי ער איז ארונטערגעשפּרונגען פון א פערד א באוואפענטער, מיט א גרויסען רעוואָלווער ביי דער זייט, בין איך געבליבען שטעהן א פאַרוואונדערטער. אין זיין פּנים האָב איך ניט געקאָנט געפינען אפילו קיין סימן פון דעם דניאל, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט אין מיין זכרון ארומגעטראגען. פאר מיר איז געשטאנען אן אייזען־פעסטער, פארהארטעוועטער מענש, א באוואפענטער. בלויז אין א ווינקעל פון'ם מויל האָט מען קוים באַמערקט א שמייכעל, וואָס האָט אין זיך געהאַט א שטיקעל סימן פון דער גוטמוטיגקייט, מיט וועלכער אונזער פאמיליע צייכענט זיך אויס. און ווען איך האָב אים ארומגעכאפּט, און האָב אים אָנגעהויבען קושען, האָט זיך מיר געדוכט, אז עפּעס איז ער גאָרניט צופרידען פון דעם וואָס איך קוש אים צופיל...

— זעהט מען זיך, הייסט עס דאָך! — האָט ער געגעבען א זאָג און איז אריין אין אַן אנדער צימער און באַלד איז ער פון דאָרט אַרויסגעקומען אָהנ'ם רעוואָלווער.

און בוזי, דער אינגערער ברודער מיינער, וועלכער האָט א חוש פאר הומאָר אפילו דאַן, ווען ער איז זעהר ערנסט, האָט פון דעם געמאַכט א שפּאַס:

— דו זעהסט — האָט ער געזאָגט — דניאל האָט דיר אָנגעטאָן גרויס כבוד; ער איז געקומען דיך באגעגענען טראָגענדיג בלויז א רעוואָלווער. ער האָט אודאי געטראגען א ביקס אויך, האָט ער זי אויסגעטאָן לכבוד דיר...

אַרויספאָהרענדיג פון לעפקאָווקע, האָט דער וועג אָנגעהויבען ווערען א שווערער, א בלאָטיגער. די איינגעדארטע פערד האָבען זיך געשלעפּט פאמעלאַך און לאַנגזאַם; דער בעל־עגלה האָט אַלץ געשריען „אַטיא מאַלעי". אָבער דאָס האָט ווייניג געהאָלפען. און דער „גע־פּע־אוניק", וואָס איז געזעסען לעבען מיר, אָנגעטאָן אין א וואַרעמען פּעלץ, א פוטערנעם, האָט אַלץ גערעדט וועגען רוסלאַנד און אמעריקע און ער האָט עטליכע מאָל אַלץ דאָסזעלבע ווידערהאָלט:

— ניטשעוואָ, מיר וועלען ניט נאָר אָניאָגען אַמעריקע, נאָר מיר וועלען זי אויך אַריבעריאָגען...

— „אַטיאַ, מאַלעי!"...

פון דער ווייטענס האָבען זיך גענומען ווייזען די צוויי הויכע שטיינערנע קוימענס פונ'ם טראַסטינעצער זאַוואָד, וועלכער איז אַמאָל געווען באַוואוסט אַלס דער גרעסטער צוקער־זאַוואָד אינ'ם דרום־מערב'דיגען געגענד פון אוקראַינע. אין מוח האָבען זיך גענומען מישען אַזוי פיל עראינערונגען פון יענע יאָהרען, און ווידער זיינען די אויגען פול געוואָרען מיט טרערען...

די צוויי הויכע קוימענס זיינען איצט מער ניט געווען קיין שטומע עדות פון אַ לעבען, נאָר שטומע מצבות אויף אַ גרויסען קבר, וואו אַלעס פוילט...

און ווי ניט אַנגענעם עס איז מיר געווען, האָב איך דאָך געמוזט וויינען ווען מיר זיינען אין שטעדטעל אַריינגעפאָהרען. עס איז אונמעגליך געווען ניט צו וויינען. ווייל באַגעגענט האָט מיך מיין געבורטס־שטעדטעל אַזוי, אַז די גאַנצע אָרעמקייט, וואָס האָט זיך צווישען ווענט געשטיקט, און דער גאַנצער חורבן, וואָס האָט זיך פריהער פאַר בושה ערגעץ באַהאַלטען, און די אַלע וואונדען, וואָס מען האָט פריהער מיט עפּעס פאַרשטעלט — אַלעס האָט זיך מיט'ן גאַנצען שוידער געגעבען אַ שפּאַר אַרויס מיך צו באַגעגענען. עס זיינען אַרויס אין די גאַסען מענער און פרויען, אַלטע און יונגע, דערוואַקסענע און קליינע קינדער. און אַלע — אין שמאַטעס און טראַנטעס, אַלע קוויטיגע און פאַר'חושכ'טע, אַלע נידערגעשלאָגענע און נעבעכדיגע!...

עס איז געווען שרעקליך צו קוקען!

טרערען זיינען מיר געראָנען פון די אויגען די גאַנצע צייט, וואָס איך בין איבער'ן שטעדטעל געפאָהרען, און ווען איך בין צוגעקומען צו דעם הויז, וואו מען האָט שוין געוואַרט אויף מיר, בין איך געפאַלען דער מאַמע'ן אויפ'ן האַלז און איך האָב זיך אַזוי שטאַרק צוכליפּעט, אַז עס איז אונמעגליך געווען מיך צו באַרוהיגען...

— מאַ־מע!!!

דריטער קאַפּיטעל

# אויף די חורבות פון מיין געבורטסשטעדטעל.

## 1. אַ געוויין אין אַ שטילער אוקראַיינישער נאַכט.

פון דעם וואָס איך האָב נאָך פריהער געהערט ווי אַזוי מען לעבט אין דער פּראָווינץ, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אין מיין געבורטס־שטעדטעל טראָסטינעץ דאַרף איך זיך אויף קיין נחת ניט ריכטען. איך האָב באַשלאָסען צו פאַרגעסען די ליכטיגערע זייטען פון דעם לעבען אַמאָל, מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק, און איך האָב זיך שוין באַצייטענס פאַרגעשטעלט שוואַרצע בילדער פון נויט און עלענד און אָרימקייט. אָבער דיווירקליכקייט, וואָס איך האָב דערזעהן, האָט אַריבערגעשטיגען אַלץ, וואָס איך האָב זיך פריהער פאָרגעשטעלט.

נאָך איידער איך האָב אויספּייעט זיך אָנצוטישען גענוג מיט דער מאַמע און מיט די שוועסטער און ברידער, האָבען מענשען אָנגעהויבען קומען פון אַלע זייטען, און יעדער איינער פון זיי האָט אַלץ דיזעלבע טענה געהאַט:

— דו דערקענסט מיך גאָר ניט?

איך האָב אַזוי געוואָלט זיי פאַרשאַפען דאָס פאַרגעניגען און זאָגען, אַז איך דערקען זיי. אָבער עס איז פאַרט אונמעגליך געוועזן זיי צו דערקענען, ווייל די מערסטע פון זיי זיינען אַלט געוואָרען פאַר דער צייט, די פּנים׳ער זיינען ביי זיי געוועזן שטאַרק צוקנייטשט און אָנגעטאָן זיינען זיי געווען אין צוריסענע און אָפּגעריבענע קליידער, אין שמאַטעס און טראַנטעס, און צווישען די פּויערים וועלכע זיינען געקומען מיך זעהן, זיינען געווען אַ סך אַזעלכע, ביי וועמען די צוריסענע שטיוועל זיינען געווען אַרומגעבונדען מיט שטרוי און אויך מיט שטריק.

בלויז צווישען די יונגע מענשען, וועלכע זיינען נאָך פאַר־

בליבען אין שטעדטעל געגען זייער אייגענעם ווילען, האָט מען געקענט זעהן אזעלכע, וואס זיינען געווען אנגעטאָן נישט־קשה־דיג, און דאָס אַליין איז געווען אַ פרייד פאַר'ן אויג. עס האָט מילדער געמאַכט די אַלגעמיינע בילד פון חושכ'דיגער גרויקייט און מורא'דיגער דערשלאָגענקייט, וואס האָט זיך אזוי שווער געלייגט אויפ'ן געמיט.

צווישען די ערשטע, וואָס זיינען מיר געקומען זעהן, איז געווען איינער, מיט וועמען איך האָב אמאָל צוזאמען אין חדר געלערענט. געשטאַמט האָט ער פון אַ פיינעם יחוס, כאָטש זיינע עלטערען האָבען זיך מיט קיין באַזונדער עשירות קיינמאָל ניט אויסגעצייכענט: ווען ער איז נאָך אַ קליין אינגעל געווען האָט ער געהאַט אַ נאָמען פון אַ פאַרשייטען חברה־מאַן; ער האָט ליב געהאַט צו וואַרפען שטיינער און דוקא פרואווען טרעפען אַ שטיין אין שפּיץ קלויסטער. פאַר וואָס זיין טאַטע האָט אים ניט איין מאָל געגעבען פּעטש, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אז דאָס וועט נאָך ווען עס איז ברענגען אַן אומגליק אויפ'ן גאַנצען שטעדטעל; אַנדערע אינגלאַך האָבען פאַר אים מורא געהאַט; מען האָט געזאָגט, אז מיט אים טאָר מען זיך ניט פאַרטשעפּען, ווייל ער איז זעהר אַ ספּילטשיוועך, אַ „פייער", און דוקא אים האָט דער פאָטער, אַ פרומער חסיד, געגעבען אַ נאָמען נאָך איינעם פון די באַרימטסטע און גרעסטע „גוטע אידען", וועלכער האָט מיט אַ סך יאָהרען צוריק, אויף זיין אייגענאַרטיגען שטייגער, אַוועקגעלייגט דעם ווינקעלשטיין פאַר אַ דעמאָקראַטישער באַוועגונג צווישען דעם אוקראַינישען אידענטום און וועלכער איז אויך געווען דער ערשטער צו שאַפען האַרציגע אידישע פאָלקסמעלאָדיען, וועלכע זיינען שנעל געוואָרען פּאָפּולער צווישען די מאַסען און וועלכע מען זינגט נאָך ביז היינטיגען טאָג...

איז אָט דער אַמאָליגער חבר מיינער, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון יענעם באַריהמטען גרויסען רב, איצט געקומען מיך זעהן. פונקט ווי אַ סך אַנדערע האָט ער געוואָלט, איך זאָל אים דערקענען, אָבער דאָס איז געווען אונמעגליך.

פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מענש מיט אַ פּנים, וואָס איז פינסטער ווי דער טויט. בלויז די אויגען האָבען קוים־קוים אויסגעדריקט אַ סימן פון לעבען. און אָנגעטאָן איז דער מענש

געווען אין אַ קויטיגען פויערשען פּעלצעל, פון וועלכען עס האָ־
בען דאָ און דאָרטען ארויסגעשטעקט שטיקלאך וואטע, אויף די
פיס האָט ער געטראָגען צוריסענע שטיוועל, איינגעהילט אין
שמאַטעס, און אויפ׳ן קאָפּ — אַ סימן פון אַ באַראַשקענער
קוטשמעלע, פון וועלכען עס איז בלויז געבליבען דער אונטער־
שלאַק...

ער האָט ניט גערעדט.

אַ געפאַלענער ביי זיך, איז ער געשטאַנען שטיל און האָט
געקוקט, דאָ אויף מיר און דאָ אויף די אַנדערע מענשען, וואָס
זיינען אין שטוב געווען. און ווען איך האָב אים אַוועקגערופען
אין אַ זייט און האָב מיט אים אָנגעהויבען ריידען ווי מיט אַ
נאָהענטען חבר, דערמאָנענדיג אייניגע זאכען פון די קינדער־
יאָהרען, האָבען ביי אים די אויגען אָנגעהויבען בלישטשען און
באַלד האָבען זיך אין זיי געוויזען טרערען, און אָנכאַפּענדיג
מיך ביי דער האַנט, האָט ער, מיט ווייטאָג, ארויסגעזאָגט:

— יאָ, דו געדענקסט נאָך אַט די אַלע זאכען, אָבער
איך... איך שטאַרב דאָ פאַר הונגער מיט ווייב און קינדער...
א י ך  ו ו י ל  ע ס ע ן!

ביי די לעצטע ווערטער האָט ער אויף מיר געקוקט אַזוי
שאַרף, אַז איך האָב זיך אַזש דערשראָקען. זיין קול האָט אָפּ־
געקלונגען אין מיינע אויערען ווי אַ ווידערקול פון אַ קבר. און
ווען איך האָב אים געגעבען אַ ביסעל געלט אויף ברויט און
ער איז אַוועק, האָב איך לאַנג דעם אויסדרוק פון זיין פּנים
ניט געקענט פאַרגעסען און זיין פאַרשטיקט קול האָט נאָך אַלץ
געקלונגען אין מיינע אויערען.

און וועגען אים, אַט דעם חבר מיינעם, וואָס האָט אַמאָל
געברענט אַ וועלט און וועלכער טראָגט דעם נאָמען פון אַ גרוי־
סער און ליכטיגער פּערזענליכקייט אין דער געשיכטע פון
חסידיזם, דערצעהלט מען אין שטעדטעל, אַז זעהר אָפט הערט
מען זיין פאַרשטיקט קול, וואָס קומט ארויס ווי פון אַ קבר:

„איך וויל עסען!...״ „איך וויל עסען!...״

פון איין גאַס אין דער אַנדערער, פון איין געסעל אין אַנ־
דערען, געהט ער אַזוי ארום גאַנץ אָפט מיט דעם פינסטערען
פּנים, וואָס איז באַוואַקסען און מיט דעם קויטיגען פּעלצעל, וואָס
איז צוריסען, און קיין אַנדער זאַך הערט מען פון אים ניט, נאָר:

„איך וויל עסען!...“ „איך וויל עסען!...“

ער שרייט ניט. ער האָט קיין כוח ניט צו שרייען. ער איז שוואַך. אָבער שווייגען קען ער אויך ניט. ער מוז אַרויסזאָגען דאָס וואָס פּייניגט אים אַממערסטען, אַמשטאַרקסטען:

„איך וויל עסען!“

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט זיך די טיר ניט צוגעמאַכט. עס האָבען געהאַלטען אין איין קומען מענשען.

דער גרעסטער טייל פון די, וואָס זיינען געקומען מיך זעהן, איז באַשטאַנען פון עלטערע פרויען, און ס'איז כמעט ניט געווען קיין איינע, וואָס זאָל קומען צו מיר אָהן אַ פּאַפּירעל.

— זעהסט, דאָס איז דער אַדרעס פון מיינער אַ טאָכטער אין אַמעריקע.

— זעהסט, דאָס איז דער אַדרעס פון מיינעם אַ זוהן.

— און דאָס, זיי מוחל, איז דער אַדרעס פון מיינעם אַ ברודער.

— און אַז דו האָלסט שוין אין פאַרשרייבען, טאָ, פאַרשרייב שוין אויך אָט דעם אַדרעס. דאָרטען וואוינט מיינער אַן אָנקעל.

— פאַרשרייב, פאַרשרייב, — האָבען זיי זיך אַלע ביי מיר געבעטען, — און ווען דו וועסט קומען צוריק קיין אַמעריקע, זאָלסטו שוין זעהן, אַז מען זאָל אונז העלפען.

צווישען די מענשען, וואָס זיינען דעם ערשטען אָוונט געקומען זיך זעהן מיט מיר, איז געווען איינער, וואָס האָט געזאָגט, אַז ער געדענקט מיך גוט נאָך פון יענע צייטען, ווען איך בין אַ קליין אינגעל געווען, כאָטש איך האָב ניט אָנגעהויבען וויסען ווער ער איז און וואָס ער איז. איך האָב אויך ניט אָנגעהויבען וויסען, צי ער איז אַ איד, צי ניין. אָנגעטאָן איז ער געווען ווי אַ דאָרפישער פויער, געטרונקען בראַנפען האָט ער ווי אַ סאָלדאַט אין די אַמאָליגע צייטען און גערעדט האָט ער חצי-גוי'איש און פּאָלאָווינע אידיש. עס איז מיר פּשוט שווער געווען אים צו פאַרשטעהן.

אין אָנפאַנג האָט ער זיך צו מיר באַצויגען מיט ניט גענוג צוטרויען. מען האָט געקענט זעהן, אַז עפּעס וויל ער מיר זאָגען, אָבער ער קען ביי זיך ניט פועל'ן צי זאָל ער, אָדער צי זאָל ער ניט. ערשט ווען ער האָט דערפיהלט, אַז איך רייד צו אים

ווי צו א גלייכען און ער האט דערזעהן, אז איך זאג זיך ניט אפ פון טרינקען מיט אים א גלעזעל בראנפען, האט ער באקומען מער צוטרויען צו מיר און ער איז געווארען ריידעווערדיגער.

— נישט גוט ביי אונז. זעהר ניט גוט. — האט ער אנגעהויבען, — נישטא קיין ברויט, נישטא וואס אנצוטאן. מען איז הונגעריג און מען קוקט אויס ווי די בעטלערס. אין ערגעץ איז ניט אזוי שלעכט ווי ביי אונז דא אין לאנד. אבער פונדעסטוועגען...

דא האט ער אויסגעטרונקען נאך א פולע גלאז בראנפען און ער האט געזאגט:

— אט וועל איך אייך געבען א משל: מיט א סך יאהרען צוריק, נאך איידער ס'איז ביי אונז געווען א רעוואלוציע, בין איך געווען אן ארימאן א איד. איך האב אבער געוואלט האבען אן אייגען שטיבעל פאר זיך, פשוט אן ארט, וואו דעם קאפ אוועקצולייגען, און איך האב אויסגערעכענט, אז אויסבויען א שטיבעל דארף מיך קאסטען צוויי הונדערט קערבלאך. איר הערט? צוויי הונדערט קערבלאך! אזוי פיל געלט האב איך ניט פארמאגט, בין איך אוועק צו אונזער פראצענטניק, איך האב זיך ביי אים פאר'משכנ'ט און פארזעצט, און ער האט מיר געבארגט די צוויי הונדערט קערבלאך און איך האב זיך גענומען בויען א שטיבעל פאר זיך. אין דער צייט ווען איך האב דאס שטיבעל געבויט האב איך געמוזט קריוודען די קישקע; איך האב זיך ניט געקענט פארגינען צו עסען גענוג; איך האב ניט געהאט גענוג ברויט פאר זיך און פאר מיין ווייב און קינדער. פון א שטיקעל פלייש איז שוין אפגערעדט. מיר האבען פשוט גע־הונגערט. אבער הונגערענדיג האב איך געוואוסט איין זאך: איך בוי א הויז. איך וועל שפעטער האבען א היים פאר זיך. און צוליב דעם האט זיך מיר געלוינט צו הונגערען. איהר פארשטעהט?

— יא, איך פארשטעה, אבער אקעגען וואס זאגט איר דאס?

— איך זאג דאס אקעגען דעם, — האט דער מענש געגע־בען א קוק מיט א פילבאדייטענדען בליק אויף מיין ברודער, — איך זאג דאס אקעגען דעם וואס ס'קומט איצטער פאר ביי

אונז אין לאַנד... איר פאַרשטעהט, עס איז אמת, אז מיר הונ־גערען, אז מיר געהען אָנגעטאָן ווי בעטלערס. אָבער פאַרוואָס איז דאָס אזוי? דאָס איז דערפאַר וואָס אונזער מלוכה בויט דאָס לאַנד... פאַרשטאַנען? נו, לחיים, לחיים! לאָמיר זיין געזונט!...

מיין ברודער איז דער משל שטאַרק געפעלען געוואָרען.

— זעהסט, — האָט ער געזאָגט — אָט אזוי רעדט דאָס פאָלק!

ווען די שטוב איז שוין געווען פול מיט מענשען און עס האָט שוין דאָרט ניט אויסגעפעהלט אפילו אזא וויכטיגער גאַסט ווי א געוויסער סאָוועטישער טוער פון שטעדטעל, איז אריינגעקו־מען א פויער מיט א צוריסענער סוויטקע און מיט צוריסענע שטיוועל, וואָס זיינען געווען ארומגעבונדען מיט שטרוי. קוקענ־דיג דאָ אויף מיר און דאָ אויף די געסט אין שטוב, האָט ער אין גרוים פאַרלעגענהייט געשמייכעלט. אלע זיינען געבליבען שטיל, און דאָ האָט איינער פון מיינע אייגענע מיר געשטעלט א פראַגע:

— דו געדענקסט ניט ווער דאָס איז?

— ניין, — האָב איך געענטפערט, צוקוקענדיג זיך צום פויער, ביי וועמען דאָס פּנים איז געווען זעהר שטאַרק צוקנייטשט און חושך.

— דאָס איז דאָך . . .

און מען האָט מיר אָנגערופען א נאָמען...

געווען איז דער פויער אלע זיינע יאהרען א מענש א גוט־מוטיגער; ליב געהאַט צו הערען און אליין אויך געקענט זאָגען א גלייכווערטעל. און נאָך ביז היינטיגען טאָג איז אין אים געבליבען די אוקראַינישע גוטמוטיגקייט; ער קען נאָך איצט, גלאַט אזוי זיך, ריידען און זאָגען ווערטלאַך אין גראַמען, ער קען נאָך איצט אין אלץ געפינען די קאָמישע זייט און ריידען וועגען דעם אזוי, אז עס זאָל אַרויסרופען א געלעכטער. אָבער דאָך איז ער אַן ערנסטער מענש, א טיף־פיהלענדער מענש; אין דער צייט פונ'ם גרויסען פּאָגראָם אין טראָסטינעץ איז ער געווען צווישען די געצעהלטע, וואָס האָבען איינגעשטעלט דאָס לעבען צו ראַטעווען אידען. ער האָט שטענדיג געלעבט צווישען אידען און ער רעדט אידיש פריי און פליסיג. ווען איך האָב

גערעדט צו אים אויף אוקראַיניש, האָט ער מיר געענט־פערט דוקא אויף אידיש, און דערביי האָט ער צו מיר געהאַט א טענה:

— וואָס איז מיט דיר געוואָרען? קענסט שוין גאָר קיין אי־דיש ניט ריידען.

ווען איך האָב אים געפרעגט וואָס ער מאַכט און ווי אַזוי עס לעבט זיך אים, האָט זיך אויף זיין פּנים אַ שמייכעל פאַרשפּרייט, אַ ביטערער שמייכעל אַזאַ, און ער האָט געענט־פערט אין אַ ריינעם, גוטען אידיש, אָנווייזענדיג מיט די אויגען אויף דעם סאָוועטישען טוער:

— מיך פרעגסטו וואָס איך מאַך און ווי אַזוי עס לעבט זיך מיר? אִ י ם פרעג, וועט ער דיר זאָגען... וואָרים דער גאַנצער אמת איז דאָך ביי אִ י ם, ניט ביי מיר... ער ווייסט ווען איך האָב צופיל ברויט און מען דאַרף עס ביי מיר צו־נעמען... ער ווייסט וואָס איך פאַרמאָג און וואָס איך דאַרף פאַרמאָגען... ביי אים איז דער גאַנצער אמת...

זאָגענדיג דאָס, האָט ער אַלץ געהאַלטען דעם ביטערען שמיי־כעל אויף די ליפּען; מען האָט אָבער דאָך אַלץ געקענט מיי־נען, אַז ער איז גוטמוטיג, אַז ער מאַכט שפּאַס, אָבער מיט אַמאָל האָט זיך דער טאָן ביי אים געביטען. ער האָט זיך אַליין אי־בערגעהאַקט אין מיטען ריידען, און געבענדיג אַ פאַל מיט'ן קאָפּ צום טיש האָט ער זיך אַזוי צוכליפּעט, אַז עס האָט געריסען ביים האַרצען קוקענדיג אויף אים...

דאָ האָט דאָס פאָלק שוין ניט נאָר גערעדט, נאָר אויך געוויינט...

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען אַלע זיינען זיך צוגעאַנגען. איך בין געווען שרעקליך מיד. מיד פון דער רייזע און מיד פון דעם וואָס איך האָב געזעהן. אין שטוב איז די לופט געווען אַ שווערע, בין איך אַרויס אין דרוי־סען אַ קוק טאָן ווי מיין געבורטס־שטעדטעל זעהט אויס אין אַ ווינטערדיגער נאַכט, ווען אַלעס איז באַדעקט מיט שניי.

אין דרויסען איז געווען שטיל — ווי ס'קען נאָר זיין שטיל אַ נאַכט אין אוקראַינע. די גאַסען און געסלאַך זיינען געווען באַדעקט מיט שניי. די לופט איז געווען אַ פרישע, אַ ריינע, און ס'איז געווען אַזוי אַנגענעם און אַזוי גוט צו קוקען אויף

דעם אויסגעשטערנטען הימעל און אויף דער שעהנער לבנה. עס איז אויך געווען אנגענעם און גוט צו דערהערען גאָר פּלוצלונג ווי ערגעץ ווייט האווקעט אַ הונט...

איך האָב אָנגעהויבען דערקענען מיין שטעדטעל. איך האָב זיך אָנגעהויבען דערמאָנען אָן יענע ווינטערדיגע נעכט, ווען איך פלעג ביז שפּעט שפּאַצירען מיט חברים און טרוימען וועגען אַ פרייען לעבען אין רוסלאַנד...

איינער אַליין האָב איך לאַנג שפּאַצירט אויפ'ן מארק, אויף דער „טאָרהאָוויצע", לעבען קלויסטער, ביים „קאַפּליטשקעלע", לעבען דער ריטשקע און אויף די אַלע אַנדערע ערטער, וואָס זיינען אַזוי ענג פאַרבונדען מיט מיינע קינדער־יאָהרען און מיט איינינע פון די שעהנסטע ערהינערונגען אין מיין לעבען. איך האָב געפּרואווט פאַרגעסען די סצענעס פון נויט און עלענד, וואָס איך האָב געזעהן, איך האָב געפּרואווט כאָטש אויף אַ ווייַלע זיך באַפרייען פון די שווערע איינדרוקען, וואָס איך האָב געהאַט. איך האָב געוואָלט זיך פאַרטיפען אין די ערהינערונגען פון אַמאָל.

אָבער פּלוצלונג האָב איך פון איין שטוב דערהערט אַ יאָמערליך געוויין פון אַ פרוי...

פון אַ פינסטערער שטוב האָט זיך דאָס געוויין געטראָגען. און מיט אַזאַ מורא, מיט אַזאַ אימה'דיגען אימפּעט, אַז מען האָט גלייך געקענט פיהלען, אַז די פרוי, וואָס וויינט, האָט שוין דעם קאָנטראָל איבער'ן געוויין פאַרלאָרען; עס וויינט אין איר דאָס הארץ, ווייל ניט וויינען קען זי שוין ניט...

עס איז געווען שרעקליך צו הערען!

ווער עס האָט אין יענער פינסטערער שטוב געוויינט האָב איך ניט געוואוסט. אויסגעפונען האָב איך דאָס ערשט מיט אַ צוויי טעג שפּעטער:

אין יענעם הויז וואוינט אַ מיידעל, שוין אַן עלטער מיידעל, וועלכע איז אַמאָל, מיט אַ סך יאָהרען צוריק, געווען איינע פון די שעהנסטע אין שטעדטעל. אַן איין און איינציגע ביי טאַטע־מאַמע איז זי געווען. האָט מען שטענדיג איבער איר געציטערט, האָט מען קיינמאָל פאַר איר קיין פּאַסיגען שידוך ניט געקענט צוקלייבען. זיינען יאָהרען אַזוי אוועק; עס האָט אויסגעבראָכען די גרויסע וועלט־מלחמה; דערנאָך איז געקומען די

רעוואלוציע אין רוסלאנד און נאכדעם האבען זיך אנגעהויבען די בלוטיגע פאגראמען אין דער אוקראינע... דער שעהנער מיידעל׳ס פאטער האט מען דער׳הרג׳עט... איר מוטער איז שפעטער פאר צרות און פאר הונגער געשטארבען... דאס מיידעל איז געבליבען אליין — אן עלענדע, א צובראכענע. פונקט אזוי צובראכען ווי די האפענונגען, וואס זי האט אמאל געהאט, ווי די טרוימען, וואס זי האט אמאל אין איר פאנטאזיע געוועבט... זי וואוינט נאך אלץ אין דעם זעלבען הויז, וואו געטרייע טאטע־מאמע האבען אמאל איבער איר געציטערט... איינע אליין אין א הויז, וואו יעדער ווינקעלע דערמאנט אן עפעס... קיינער קומט צו איר ניט און זי געהט ניט צו קיינעם... פון דער ארבייט, וואס זי טוט, פארדינט זי קוים אויפ׳ן עסען. זעהר אפט הונגערט זי. זעהר אפט איז איר אויפ׳ן הארצען שווער. און עס טרעפט, אז זי צואוויינט זיך מיט אזא יאמער, אז מען הערט עס איבער דער גאנצער גאס. אבער קיינער שטעלט זיך שוין ניט אפ ווען מען דערהערט איר געוויין. מען איז שוין געוועהנט דערצו...

עס וויינען אזוי פיל מענשען, וויינט נאך א מענש...

## 2. אויף א ברידער־קבר פון 500 אידישע פאגראם־קרבנות.

עס איז שוין א יאהר דרייצען זינט עס איז אין טראסטינעץ פארגעקומען דער גרויסער פאגראם, וואס איז אריין אין דער געשיכטע אלס איינער פון די שוידערליכסטע און בלוטיגסטע פאגראמען אין אוקראינע. און דאך איז דער פאגראם נאך פריש אינ׳ם זכרון פון אלע איינוואוינער אין שטעדטעל און ער דינט אלס א מין ליניע, וואס האט אנגעצייכענט דעם סוף פון א קאפיטעל ניט נאר אין דער געשיכטע פונ׳ם שטעדטעל, נאר אויך אין דער געשיכטע פון דער בירגער־קריג אין אוקראינע אין אלגעמיין.

— דאס איז נאך געווען פאר׳ן אומגליק.

— דאס איז געשעהן נאכ׳ן אומגליק.

— דאס איז פארגעקומען בשעת׳ן אומגליק.

אזוי ריידען אידען צווישען זיך ווען זיי פרואווען פעסטשטעלען פינקטליך די צייט פון א פאסירונג אין זייער פערזענ־

ליבען לעבען, אדער פון א פּאַסירונג אינ'ם לעבען פונ'ם גאַנ־צען לאַנד. און אלע ווייסען שוין, אז מיט'ן וואָרט „אומגליק" מיינט מען דעם גרויסען פּאָגראָם אין טראָסטינעץ.

מיינע א נאָהענטע קרובה איז פון אן אַנדער שטאָדט גע־קומען קיין טראָסטינעץ זיך זעהן מיט מיר און מען האָט צום טיש דערלאַנגט א שטיקעל פלייש, האָט זי אזש אָנגעהויבען ציטערען.

— דו וועסט מיר גלויבען, — האָט זי געזאָגט, — עס איז שוין דרייצען יאָהר זינט איך האָב ניט פאַרזוכט דעם טעם פון א שטיקעל פלייש...

— אָבער ווען, טייערע, האָסטו דאָס אויסגערעכענט, אז עס איז שוין דרייצען יאָהר? — האָב איך זי געפרעגט.

— איך געדענק דאָס גוט, — האָט זי מיך פאַרזיכערט, — וויל פון נאָכ'ן אומגליק אָן האָב איך קיין שטיקעל פלייש ניט געגעסען...

און מען מעג איר גלויבען: זי געדענקט גוט ווען „דער אומגליק" איז געשעהן. איהר מאַן, א שטילער און א גוטער מענש, וועלכער האָט אין זיין לעבען קיינעם ניט געטשעפּעט, איז אויך געוועזען איינער פון די קרבנות; מען האָט אים דער־הרג'עט אויף א שרעקליך ברוטאַלען אופן, און זי איז דאַמאָלט געבליבען אן אלמנה מיט צוויי קליינע קינדער.

עס איז שווער צו געפינען אין טראָסטינעץ א אידישע פאַמיליע, וואס זאָל ניט האָבען געליטען פון יענעם גרויסען פּאָ־גראָם, וואס פּעטליורע'ס באַנדעס האָבען געמאַכט אין שטעדטעל בעת'ן „אויפשטאַנד" געגען די באָלשעוויקעס. ארום און ארום האָט מען דעמאָלט אויסגעה'הרג'עט א פינף הונדערט אידען. מען האָט די אומגליקליכע צונויפגעטריבען אין איין גרויסער געביידע לעבען זאַוואָד (אין גאָלדענבערג'ס הויז), און דאָרטען האָט מען זיי אויסגעשאָכטען ווי די שאָף; אַלטע און יונגע — מען האָט קיינעם ניט געשאַנעוועט; און בעת די פאַרצווייפעלטע גע־שרייען פון די קרבנות האָבען זיך געטראָגען אין דער לופט, האָבען איינגע „אינטעליגענטע באַרישניעס" פונ'ם זאַוואָד גע־שפּילט אויף דער פּיאַנאָ, כדי מיט מוזיק צו פאַרטויבען דעם יאָמער און דאָס געוויין פון די קרבנות, וואס זיינען אָפּגעגאַנ־גען מיט'ן בלוט.

דערנאָך האָט מען די אַלע פינף הונדערט הרוגים אין איין גרויסען קבר באַגראָבען. דער דאָקטאָר פון שטעדטעל — און זאָל דאָ דער נאָמען פון יענעם פּאָגראָמשטשיק פאַרצייכענט ווע־רען: שטשערבינסקי האָט ער געהייסען — האָט נאָך פריהער דעם גרויסען קבר געלאָזט אויסגראָבען. ער האָט דעם גרויסען קבר אויך געלאָזט באַשיטען מיט קאַלך אַלס אַ מיטעל געגען אַ מעג־ליכער מגפה. אַ סך קרבנות האָט מען אין יענעם גרויסען קבר באַגראָבען לעבעדיגערהייט. שפּעטער, ווען די סאָוועטען־מאַכט האָט פאַרטריבען פּעטלורע׳ס באַנדעס און אַלע אַנדערע ווייסע באַנדעס פון אוקראַינע, האָט מען אויף דעם ברידער־קבר פון די טראָסטינעצער פּאָגראָם־קרבנות אוועקגעשטעלט אַ גרויסע שטיינערנע מצבה, וואָס פאַרנעמט אודאי אַ קווארטאַל די לענג. און לעבען דער גרויסער מצבה, וואָס וואַרפט אָן אַ מורא ווען מען דערזעהט זי פון דער ווייטענס, שטעהט אויך אַ קליין מצבה׳לע אויף אַ קבר. אין יענעם קבר האָט מען באַגראָ־בען אַ פאָטער, ביי וועמען מען האָט דער׳הרג׳עט אַ זוהן אין דער צייט פון׳ם גרויסען פּאָגראָם; דער פאָטער איז שפּעטער גע־שטאָרבען פון הארצוועהטאָג און פאַר׳ן טויט האָט ער געבעטען, אַז מען זאָל אים לייגען לעבען דעם גרויסען קבר, וואו זיין זוהן ליגט באַגראָבען צוזאמען מיט די אַנדערע קרבנות.

שטעהען דאָרטען אַזוי צוויי קברים. איין קבר אַ גרויסער, וואו עס ליגען באַגראָבען פינף הונדערט אידען, און איין קבר אַ קליינער, וואו עס ליגט באַגראָבען איין איד — אַ פאָטער וואָס איז געשטאָרבען פון הארצוועהטאָג נאָכדעם ווי מען האָט זיין זוהן פאַרפּייניגט צום טויט.

פון דער ווייטענס אָבער זעהט מען בלויז דעם גרויסען קבר מיט דער הויכער און ברייטער מצבה פון רויטע און גרויע שטיי־נער. און ווי מען געהט נאָך אַרוים פון דעם טראָסטינעצער טויער און מען לאָזט זיך געהן אויף דעם וועג, וואָס פיהרט קיין לאַדיזשען און אין אַנדערע נאָהענטע שטעדטלאַך אַרום, דערזעהט מען באַלד אין דער לינקער זייט, אַביסעל אָפּגערוקט פון׳ם וועג, די גרויסע שטיינערנע מצבה, וואו עס ליגען באַ־גראָבען פינף הונדערט אידען — אַ מצבה, וואָס קיין זאַך אין דער וועלט קען ניט פאַרשטעלען און קען ניט באַהאַלטען...

זומער, ווען די ביימער אַרום און אַרום צובליהען זיך און

דער גאַנצער געגענד ווערט באַדעקט מיט גרינס, און ווינטער, ווען אַלעם אַרום און ווערט באַדעקט מיט שניי — די הויכע שטיינערנע מצבה פון דעם גרויסען ברידער־קבר זעהט מען אַלץ אָן. מיט איר גרויקייט און פאַרגליווערטער אָנגע־כמורעטקייט שפּאַרט זי זיך אַרויס דורך דער גרינקייט פון די בוימער זומער, קריכט זי אַרויס אויף דער ווייסקייט פונ׳ם שניי ווינטער — זי לאָזט זיך ניט באַהאַלטען; זי דערמאָנט אַלע־מען און זי דערצעהלט אָהן ווערטער אַלעמען, סאַי אייגענע און סאַי פרעמדע, וועגען דעם אומגליק, וואס איז געשעהן אין שטעדטעל מיט אַזוי פיל יאָהרען צוריק.

געהן אָפּט צו „דער באַסעינע”, ווי מען רופט אין טראָס־טינעץ דעם פּלאַץ, וואו דער ברידער־קבר געפינט זיך — דאָס איז א געוועהנליכע און פאַרשטענדליכע זאַך. עס געהען אַהין אַלמנות און יתומים, טאַטעס און מאַמעס, ברידער און שוועס־טער — יעדער איינער האָט דאָרטען וועמען צו באַוויינען און אויף וואָס צו קלאָגען.

אויך איך האָב דאָרטען געהאַט וועמען צו באַוויינען; עס ליגען אין יענעם גרויסען קבר א סך פון מיינע אייגענע, א סך פון מיינע פריינד און חברים, בין איך אַוועק אויף „דער באַ־סעינע” צו דער גרויסער מצבה, און צוזאַמען מיט מיר זיינען מיטגעגאַנגען עטליכע אידען פון שטעדטעל.

עס איז געווען שווער זיך צו דערשלאָגען אַהין, ווייל דער גאַנצער וועג איז געווען פאַרוואַליעט מיט שניי. אפילו מיט א שליטען האָט מען אַהין ניט געקענט צופאָהרען. מיר האָבען זיך אַלע געמוזט אָנטאָן אין שווערע פוישטען און קריכען אין טיפען שניי, וואס האָט דערגרייכט ביז די קני. פון די פעל־דער אַרום און אַרום האָט געבלאָזען א שטאַרקער ווינט, דער פראָסט האָט געברענט און ס׳איז געווען שווער דעם אָטעם צו כאַפּען. און אַזוי האָבען מיר זיך געשלעפּט אין דער קעלט און אין טיפען שניי ביז מיר זיינען צו דער גרויסער שטיינער־נער וואַנט צוגעקומען.

דער בייזער ווינט האָט זיך נאָך שטאַרקער צוואָוואָיעט ווען מיר האָבען זיך ביי דער גרויסער מצבה אַוועקגעשטעלט. עס איז געווען אַזוי סומנע, און א פּחד, געמישט מיט א טיפען טרויער, האָט זיך טיף אין דער נשמה אריינגעגראָבען.

איך האָב לאַנג געקוקט אויף דער גרויסער מצבה, וואָס איז בלויז ערטערווייז געווען באַדעקט מיט שניי, און קוקענדיג אזוי האָב איך געזעהן מיין פעטער אורי, וואָס ליגט דאָרטען, מיין שוואָגער ישראל, מיין חבר שלמה ראַבינאָוויטש, וועמען מ׳האָט באַגראָבען לעבעדיגערהייט צוזאמען מיט זיין טאַטען; איך האָב געזעהן די פנים׳ער פון די אלע פינף הונדערט אידען, וואָס איך האָב אזוי גוט געקענט. און מיט אמאָל האָב איך געגעבען א פאַל צו מיט׳ן פנים צו די קאַלטע שטיינער פון דער מצבה און איך האָב זיך אזוי צעוויינט, אזוי צוכליפּעט אויפ׳ן קול, אז ס׳איז אוממעגליך געווען מיך איינצונעמען...

ווי פון א קוואל האָבען זיך די טרערען ביי מיר געגאָסען פון די אויגען. און אויב ס׳איז מיר אמאָל געווען ניחא׳ר דער טויט ווי דאָס לעבען, איז דאָס געווען אין יענעם מאָמענט, ווען איך בין מיט׳ן פנים צוגעפאַלען צו די קאַלטע שטיינער פון דער גרויסער מצבה אויף דעם ברידער־קבר אין מיין געבורטס־שטעטעל, וואו עס ליגען באַגראָבען פינף הונדערט אידען, וואָס מען האָט אין איין טאָג אויסגעשאָכטען ווי די שאָף...

קיינער פון די אידען, וואָס זיינען צוזאמען מיט מיר צום גרויסען קבר געקומען, האָט ניט געפּרואווט מיך באַרוהיגען.

— זאָל ער זיך אויסוויינען! — האָט מען געזאָגט.

— ער מעג וויינען; ער האָט דאָ אויך א היבשען חלק!

אזוי האָבען אידען גערעדט צווישען זיך, און איך האָב אלץ געוויינט אויפ׳ן קול. און שפּעטער, ווען איך האָב זיך שוין גע־האָט אביסעל באַרוהיגט, אָבער איך בין נאָך אלץ געשטאַנען אויפ׳ן זעלבען אָרט און האָב קיין וואָרט ניט געקענט ארויס־ריידען, האָב איך געהערט ווי איינער האָט געזאָגט:

— אזא אומגליק האָט געקענט געשעהן טאַקע נאָר דאַן ווען די ווילדע באַנדעס האָבען געבושעוועט; אונטער די באָלשע־וויקעס קען אזא זאַך ניט געשעהן! ...

— מילא, וואָס־וואָס — מיט׳ן לעבען זיינען מיר כאָטש זיכער!...

אָבער אַן אנדערער האָט אָנגעוויזען אויף דער גרויסער מצבה און שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ האָט ער געזאָגט:

— זיי איז אפשער בעסער פאַר אונז... זיי זיינען שוין אָפּ־געקומען און זיי פאַרשפּאָרען זיך צו מוטשען אזוי ווי מיר...

אַ לעבעדיגער מענש האָט מקנא געווען די טויטע...

און דערביי האָט ער געגומען דערצעהלען טרויעריגע פאקטען פון דעם וויסטן לעבן אין שטעדטעל:

דער און דער האָט איצט ניט מיט וואס אַ טאָג איבער־צוקומען; ער האקט האָלץ און טראָגט וואסער און טוט אנדערע שווארצע און שווערע ארבייטען, אַבי אריינצוגעהן אין דער קאַ־טעגאָריע פון די, וואס האָבען שטימרעכט, אָבער ער איז נאָך אַלץ אין יענער קאַטעגאָריע ניט אריין און זיינע קינדער האָבען איבער דעם גרויסע שוועריגקייטען ביים לערנען...

— יענער און יענער האָט ניט קיין שטיקעל ברויט אין הויז, האָט ער אוועקגעשיקט די ווייב קיין האיסין און זי געהט ארום איבער די הייזער בעטלען אַ שטיקעל ברויט...

— די און די, אַ פרוי, וועלכע איז אמאָל געווען איינע פון די גאָר אָנגעזעהענסטע, געהט פשוט אויס פון הונגער. ערשט נעכטען איז זי אריינגעקומען צו אַ באקאנטער פויערטע, אַ שכנה, בעטען אַ שטיקעל ברויט; די פויערטע אַליין האָט אויך קיין ברויט ניט געהאַט, האָט זי איר געגעבען אַביסעל מעהל און דערמיט איר לעבען געראַטעוועט...

— יענע און יענע איז פון נויט געוואָרען אַזוי ווילד, אַז יוען זי זעהט ווי אימיצער קויפט אַ ברויט, לויפט זי צו, כאַפּט עס אויס און אַנטלויפט...

און נאָך און נאָך אַזעלכע פאקטען האָט מען דערצעהלט, אָנרופענדיג דערביי די נעמען פון די פּערזאָנען. מען האָט אויך דערצעהלט פאלען פון מענשען, וואס זיינען געשטאָרבען פון הונגער שטילערהייט און קיינער האָט גאָר ניט געוואוסט דערפון. מען האָט אויך דערצעהלט פאלען פון מענשען, וואס זיינען פשוט פארפוילט געוואָרען אין שמוץ, אין אומריינקייט, ליידענדיג פון קראַנקהייטען, וואס מען האָט ניט געהיילט...

אַ קללה איז אויסגעגאָסען געוואָרען אויף מיין שטעדטעל און אויף נאָך און נאָך שטעדטלאך אין אוקראַינע!

כאָטש עס האָט אין דרויסען געבלאָזען אַ שטארקער ווינט און עס איז געווען אַזא מורא׳דיגע קעלט, האָב איך זיך דאָך ניט געאיילט אוועקצוגעהן פון דעם ברידער־קבר. דער באַ־וואוסטזיין אַז מער וועל איך שוין מיין געבורטס־שטעדטעל קיינמאָל אין לעבען ניט זעהן, האָט מיך עפּעס ווי צוגעשמידט

צום אָרט און איך האָב אין מיין זכרון געוואָלט אפּשטעמפּלען דעם גאַנצען אויסזעהן פון דער גרויסער מצבה. האָב איך זי פון אַלע זייטען באַטראַכט, צו יעדען ווינקעלע איהרען זיך צוגעקוקט, און מיט אַמאָל האָב איך באַמערקט ווי דאָ און דאָרטען זיינען פון דער גרויסער אויסגעמויערטער מצבה שטיינער אַרויסגעריסען. מען האָט געקענט לייכט דערקענען, אז דאָס האָט מען די שטיינער מיט געוואַלט אַרויסגעריסען, אז מען האָט זיי מיט שטיקער אייזענס געשלעפּט...

האָב איך געפרעגט די מענשען, וואָס זיינען געשטאַנען לעבען מיר, זיי זאָלען מיר זאָגען וואָס דאָס באַדייט און איינער פון זיי האָט געענטפערט:

— עס איז אַ גאַנצע מעשה דערביי...

איך האָב וועגען דעם אָנגעפרעגט ביי אַנדערע, ביי אידען און אויך ביי קריסטען, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אז אין דעם וואָס אין דער אויסגעמויערטער מצבה זיינען דאָ און דאָרטען שטיינער אַרויסגעריסען איז פאַרבונדען אַ מערקווירדיגער פאַקט, וואָס איז ביז איצט נאָך אין ערגעץ ניט דערמאָנט געוואָרען. און איך וועל דאָ דעם פאַקט איבערגעבען אַזוי ווי מען האָט מיר אים דערצעהלט:

די פּויערים פון׳ם שטעדטעל און אויך פון די אַרומיגע דערפלאַך, די איינגערע פּויערים ספּעציעל, שעהמען זיך דערמיט וואָס ס׳איז אין טראָסטינעץ פאָרגעקומען אַזאַ שרעקליכער פּאָגראָם. זיי וואָלטען געוואָלט פאַרגעסען אָן דעם, אָבער ווי קענען זיי דאָס פאַרגעסען ווען עס שטעהט פאַר די אויגען אַזאַ פעסטע אויסגעמויערטע מצבה פון שטיינער!... די מצבה שווייגט טאַקע, אָבער מיט איר שווייגען שרייט זי אַרויס פאַר דער גאַנצער וועלט די גרויסע, די שרעקליכע עולה, דעם בלוטיגען פאַרברעכען, וואָס אַ פאָלק איז באַגאַנגען געגען אַ פאָלק, שכנים געגען שכנים, מענשען געגען מענשען... ווער עס קומט נאָר צופאָהרען אין שטעדטעל אריין, און צווישען די, וואָס קומען, איז אַמאָל פאַראַן אַ מענש פון אַן אַנדער לאַנד, געהט ער באַלד „אויף דער באַסעינע" אָנקוקען דעם ברידער־קבר... שעהמען זיך די פּויערים דערמיט. ספּעציעל די איינגערע, די וואָס זיינען שוין אונטער׳ן איינפלוס פון דער נייער צייט... און עס

טרעפט זעהר אָפט, אז זיי קומען שפעט ביינאכט מיט העק, מיט שטיקער אייזען, און מיט אלע כוחות רייסען זיי ארויס שטיינער פון דער אויסגעמויערטער מצבה... זיי וואלטען אזוי געוואלט זי איינגאנצען צוּוואַרפען! זיי וואָלטען אזוי געוואָלט, אז עס זאָל פון איר קיין זכר ניט איבערבלייבען און זי זאָל מער ניט ארויסשרייען פאר דער וועלט דעם בלוטיגען פאר־ברעכען, וואס איז באגאנגען געווארען!...

אָבער זיי קענען די אויסגעמויערטע מצבה ניט צוברעכען. זי שטעהט פעסט און שטעכט די אויגען. מיט איר גרויקייט און פארגליווערטער אָנגעבמורעטקייט שפּאַרט זי זיך ארויס דורך דער גרינקייט פון די בוימער זומער, און זי קריכט ארויס אויף דער ווייסקייט פונ׳ם שניי ווינטער — זי לאָזט זיך ניט באַהאלטען און לאָזט זיך ניט צושטערען...

## 3. סימנים פון נייַ לעבען אין אונטערגאַנג פונ׳ם אלטען.

די סימנים פון דעם נייעם לעבען און פון דעם נייעם „אויפ־בוי" אין טראָסטינעץ קען מען געפינען — ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין — אינ׳ם חורבן פון די בתי מדרשים און שוהלען, וואס זיינען געווען אַמאָל. אין זייער אונטערגאַנג קען מען זעהן דעם אויפגאנג פון דעם נייעם לעבענס־שטייגער.

מיט קיין באזונדער פרומקייט האָט זיך טראָסטינעץ קיינ־מאָל ניט אויסגעצייכענט. עס איז דאָרט אלע מאָל געווען אַ שטודירענדע יונגוואַרג, סאַי אַ אידישע און סאַי אַ קריסט־ליכע; עס איז דאָרט אַלע מאָל געווען אַ ראַדיקאלע אינטעלי־גענץ. דער איינפלוס פון דעם „זאַוואָד", וואס האָט קאָנצענ־טרירט ארום זיך אַ היבשע גרופּע פון אויפגעקלערטע מענשען מיט אַ גאנץ נישקשה׳דיגער בילדונג, איז אַלע מאָל געווען גרויס אויפ׳ן שטעדטעל. אפילו אין די אָרימע אידישע און ניט־אידישע פאמיליעס האָט מען געטאָן וואס מען האָט נאָר גע־קענט צו שיקען די קינדער אין די גרויסע שטעדט לערנען, און זומער האָט מען אויף די טראָסטינעצער גאסען און אויך ביים וואָקזאל געקענט זעהן אַ היבשע צאָהל גימנאַזיסטען און גימנאַ־זיסטקעס, סטודענטען און קורסיסטקעס, וועלכע האָבען גערעדט רוסיש מיט׳ן טראַפּ, און קיינער איז שוין ניט געווען איבער־

ראשט און האָט ניט איינגעלייגט די וועלט ווען ער האָט געזעהן א אידישען בחור מיט א שטעקעלע אום שבת און נאָך מיט א פאַפּיראָס אין מויל דערצו...

קיינער איז אויך ניט געווען איבערראשט און האָט נישט איינגעלייגט די וועלט ווען ער האָט געזעהן א אידען פונ'ם זאַוואָד פאָהרען אום שבת אין א בריטשקע, אין א פאַעטאָן, אדער גאָר רייטענדיג אויף א פערד. דאָס שטעדטעל איז געווען פריי, און אפּיקורסים זיינען דאָרט קיין נאָווינע ניט געווען.

פונדעסטוועגען האָבען דאָרט ניט אויסגעפעהלט קיין סינאַגאָגעס. עס איז דאָרט אין די אַלטע צייטען געווען א שוהל, א בית המדרש, א קלויז און אויך א קלייזעל. און אַזוי ווי די טראָסטינעצער אידען זיינען אלע מאָל געווען גרויסע ליבהאָבער פון נגינה, האָט יעדער מקום קדוש געהאַט א שטענדיגען חזן מיט משוררים, און ניט נאָר איין חזן, נאָר טאקע צוויי חזנים, א בעל שחרית און א בעל מוסף, און אמאָל, ווען מען האָט געוואָלט זיך לאָזען וואויל געהן אויף א גאָר ברייטען שטייגער, האָט מען אויף א שבת, אָדער אויף א יום טוב, אראָפּגעבראכט גאָר א גרויסען חזן פון א ווייטער שטאָדט. און איך געדענק נאָך, ווי מיט א סך יאהרען צוריק, ווען איך בין נאָך געווען א קליין אינגעלע, האָט מען קיין טראָסטינעץ אראָפּגעבראכט אויף א שבת ניט קיין אנדערען ווי דעם וועלט-באַריהמטען חזן ניסי בעלזער, וועלכער האָט ביי זיין עמוד, קען מען זאָגען, דערצויגען א דור פון קינסטלער, וועלכע זיינען דערנאָך געוואָרען באַריהמט אַלס גרויסע שוישפּילער אויף דער אידישער בינע. דאָס גאַנצע שטעדטעל איז דעמאָלט געגאַנגען כּאָדאָראָם; ניט נאָר אידען, נאָר אויך קריסטען זיינען געקומען אין שוהל אריין הערען דעם באַריהמטען חזן. א לענגערע צייט האָט מען דערנאָך אויף פארשידענערליי אופנים נאָכגעזונגען זיינע ניגונים, און שמעון שניידער, א איד א יודע נגן, אָבער אָהן א שטימע, האָט אזוי אָנגעקוואָלען פון ניסי'ס „אָנאָ בכוח", אז ער האָט אים געמוזט זינגען ביי דער ארבייט, און טאַקע ניט אליין, נאָר מיט אלע געזעלען וואס האָבען ביי אים געאַרבייט; אַזוי שנעל ווי שמעון האָט נאָר גענומען די שער אין האַנט, האָט שוין ניסי'ס ניגון אין אים געזונגען, און דאַן האָט ער, געבענדיג א פינטעל מיט'ן אויג צו די געזעלען, אז זיין ווייב

מלכה זאָל דאָס ניט באמערקען, שטילערהייט געגעבען א זאָג אזוי:

— אנו, חברה, ווי אזוי געהט עס דאָרט ביי אים:
„אָנאָ, אָנאָ בכוח גדולת ימינך,
אוי, התיר צרורו.
קבל רנת עמך —
אוי — עמך".

דער פּרעסטיזש פון דער שוהל איז דאַמאלט שטארק דער־הויבען געווארען דערמיט, וואס ניסי בעלזער האָט דאָרט געדאַווענט א שבת. דאָס בית המדרש און די קלויז האָבען מקנא געווען די שוהל און זיי האָבען אויך געפּרואווט ברענגען חזנים, אָבער צו ניסי'ן זיינען יענע חזנים ניט געקומען. פון'ם קליי־זעל איז שוין אָפּגערעדט; דאָרטען האָבען די בעלי־בתים ניט געקענט אפילו טרוימען וועגען א ניסי בעלזער, און דער שטענ־דיגער חזן זייערער, יעקב לייב דעם נאמנ'ס, האָט געפּרואווט זיי טרייסטען דערמיט, וואס אין „לכה דודי" קען זיך קיינער צו אים ניט פארגלייכען, אפילו ניסי בעלזער אליין אויך ניט...

אין די וואָכעדיגע טעג זיינען אין קיין מקום קדוש ניט גע־ווען קיין סך מענשען און זעהר אָפט איז פּשוט שווער געווען „צונויפצוקלאַפּען" א מנין. דערפאר אָבער איז שבת און יום־טוב געווען געפּאקט. איין מאָל האָט אויך געטראָפען, אז די „אריסטאָקראַטען" פון שטעדטעל האָבען אויף יום טוב אָפּגע־דונגען א באזונדער שטוב מיט א באזונדער חזן און ס'האָט געהייסען, אז זיי, די אפּיקורסים, וואס דאווענען ניט א גאנץ יאהר, דאווענען איצטער אין א „קלוב"...

יעדער מקום קדוש אין שטעדטעל איז געווען ניט דוקא א צענטער פון פרומקייט, נאָר פון יום־טוב'דיגקייט; אהין איז מען געקומען אָנגעטאָן אין די שעהנסטע קליידער; דארטען האָט מען ניט נאָר געדאווענט, נאָר מען האָט אויך גערעדט וועגען וועלט־זאכען, און אהיים איז מען געגאנגען מיט דער פולער זיכערקייט, אז היינט וועט מען מיט ווייב און קינדער אָפּעסען א שעהנערען און א בעסערען מאָלצייט ווי נעכטען און עהערנעכטען.

איצטער אָבער האָט אלעס אן אנדער פּנים באקומען און אן אנדער געשטאַלט אָנגענומען. פון'ם בית המדרש האָט מען

געמאכט א שקאַלע פאַר קינדער. מען לערענט דאָרט אידיש און אויך אוקראַאיניש און רוסיש. און איינע פון די אוקראַאינישע לערערינס דארט איז די אינגסטע שוועסטער מיינע, די וואָס איז אַלט געווען זעקס חדשים ווען איך בין מיט דריי און צוואַנציג יאהר צוריק אוועקגעפאַהרען פון דער היים. זי האָט דאָרטען א קאַפעדרע, וואו זי לייענט אין אוקראַאיניש לעקציעס וועגען אוקראַאינישער ליטעראַטור און אוקראַאינישער געשכיטע. איך ווייס נאָר ניט צי די קאַפעדרע אירע שטעהט אויף דעם זעלבען פלאַץ וואו דער טאַטע האָט אין בית המדרש געהאַט א „שטאָדט” און וואו ער האָט געדאַווענט מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ, שאָקלענדיג זיך ביים סטענדאַרד מיט גרויס כונה. איך האָב דאָס געפּרואווט פעסטשטעלען פאַר זיך ווען איך בין דאָרט געווען. אָבער דאָס בית המדרש, וואס איז איצטער א שקאָלע, איז אזוי אנדערש און אזוי געביטען, אז ס'איז אונמעגליך געווען דארט צו געפינען די „שטאָדט”, וואו דער טאַטע האָט אַמאָל געדאַווענט...

מיין שוועסטער, די אוקראַאינישע לערערין, האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר די אַנדערע לערערינס און לערער, און זיי אַלע זיינען געווען זעהר שטאַרק נייגעריג צו הערען עפּעס נייעס וועגען אמעריקע. אָבער איך בין געווען נאָך נייגעריגער צו הערען נייעס וועגען דעם בית המדרש, וואס איז איצטער א שקאָלע. האָב איך שוין אויסגעדרעהט אזוי, אז איך זאָל ווייניגער ריידען און מער הערען. און איך האָב געהערט:

„אין די אידישע לימודים באַקענען מיר די שילער און שילערינס מיט די ווערק פון אונזערע אידישע שריפטשטעלער”.

זאָגענדיג דאָס, האָט מען מיר אָנגערופען די נעמען פון עטליכע סאָוועטישע אידישע שרייבער. און ווען איך האָב געמאכט א באַמערקונג, אז אידישע ליטעראַטור ווערט געשאַפען ניט בלויז אין סאָוועט־רוסלאַנד, נאָר אויך אין אמעריקע און אין אייראָפּע, האָט מען מיר געענטפערט אזוי:

„די בורזשואזנע אידישע ליטעראַטור געהט אונז ניט אָן. מיר האַלטען, אז ליטעראַטור דאַרף באַדינען דעם רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט. קיין אַנדער אידישע ליטעראַטור אנערקענען מיר ניט...”

דעבאַטען זיינען געווען איבעריג. פּונקט אזוי ווי מען

האָט אין דער שקאָלע ניט געקענט געפינען קיין סימנים פון דעם אַלטען בית המדרש, אַזוי האָט מען ביי די מערסטע לערער און לערערינס ניט געקענט געפינען קיין סימנים פון צווייפלען אין עפּעס; אין זייערע רייד האָט זיך געפיהלט די זיכערקייט פון מענשען וואָס האָבען ביי זיך גע'פּועל'ט, אַז זיי ווייסען שוין אַלץ און אַז מער דאַרפען זיי ניט וויסען...

איך בין אויך געוועזען אין קלויז. עס איז שוין אָבער מער ניט קיין קלויז, נאָר אַ פאַבריקעל, וואו מען מאַכט שטרויענע קאַלפּעקעס פאַר פלעשער ווייַן...

אַ פּאָר צעהנדליג אידישע מיידלאַך און אויך עטליכע בחורים אַרבייטען ביי אָט דער „אינדוסטריע", און זיי קריגען זעהר קליינע שכירות.

זיי אַרבייטען שנעל, ווייל וואָס מער קאַלפּעקעס זיי גי־בען אַרויס, אַלץ מער געלט קריגען זיי, און דאָס איז ניט קיין קליינינקייט, ווייל די מערסטע פון זיי שטעהען ביי דער אַר־בייט הונגעריגע...

און דאָ וויל איך איבערגעבען אַ פאַל, וואָס איז זעהר כאַ־ראַקטעריסטיש פאַר דעם איצטיגען לעבען אין די אידישע שטעדטלאַך פון סאָוועט־רוסלאַנד:

אין דער קלויז, וואָס איז איצטער אַ פאַבריקעל פון שטרוי־ענע קאַלפּאַקעס, אַרבייט אַ איד, וואָס איז אַמאָל דאָרט געוועזען דער גבאי. ער איז שוין אַ מאַן אין די יאָהרען, מיט אַ גרויער באָרד און מיט פאות. ער איז נאָך אָבער פול מיט לעבען, און אין אַלגעמיין איז ער פון די מענשען וואָס האָבען ניט ליב זיך נאָכצושלעפּען; ער מוז אומעטום זיין צווישען די וואָס שטעהען אין דער ערשטער ריי — אַ גבאי לויט זיין נאַטור. אָבער אינ'ם פאַבריקעל פון שטרויענע קאַלפּעקעס קען ער דאָך קיין גבאי ניט זיין, איז ער דאָרט געוואָרען אַן „אוּ־דאַרניק", דאָס הייסט, ער איז איינער פון די בעסטע און פלייַ־סיגסטע אַרבייטער; ער מאַכט מער שטרויענע קאַלפּעקעס ווי די אַנדערע אַרבייטער, און ער האָט אַ ביכעל, וואו עס שטעהט בפירוש געשריבען, אַז ער איז אַן „אודאַרניק", און דאָס איז שוין גאָר ניט קיין קליינינקייט. דאָס ביכעל נעמט אים אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון גאָר גרויסען יחוס, און ער נעמט זיך טאַקע שטאַרק איבער דערמיט, פּונקט ווי אַמאָל מיט זיין

גבאות אין קלויז. דאָס קען מען זעהן גלייך, ווייל אזוי שנעל ווי מען האָט אים פאַרגעשטעלט פאר מיר, האָט ער מיר גלייך געוויזען דאָס ביכעל, אז ער איז אן „אודארניק״...

קומט אָבער אַ שבת און ער, דער אמאָליגער גבאי, וואס איז איצטער אַן „אודארניק״, באקומט מיט אמאָל אַ חשק ארייג־צוכאפּען א דאווגען און טאקע דוקא בצבור, און טאַקע דוקא פאר'ן עמוד, ווייל ער איז זיכער, אז ער האָט אַ שטימע און אז ער קען דאוונען פאר'ן עמוד. געהט ער אין דער פריה אוועק אין שוהל, וואו ער געפינט נאָך עטליכע אידען, ווייל די שוהל האָט די נייע ארדנונג ניט געטשעפּעט צוליב דעם וואס זי איז שוין עטליכע הונדערט יאָהר אלט. דארטען, אין שוהל, דאווענט ער אָפּ פאַר'ן עמוד, ער ציקעלט זיך און גאַרגעלט זיך פונקט ווי אין יענע צייטען, ווען ער איז נאָך געווען א גבאי און געהאט די גרויסע דעה. און דערנאָך געהט ער אוועק ארבייטען אין דער קלויז, וואו ער איז אמאָל געווען א גבאי און וואו ער איז איצט אַן „אודארניק״ ביי שטרויענע קאָל־פּעקעס....

אויך דאָס קלייזעל, וואו עס פלעגען אמאָל דאוונען פּשוט'ע אידען אָהן פּרעטענזיעס, וואו חנניהו דער טלית'ניק פלעגט שטונ־דען לאַנג קענען דערצעהלען וואונדערליכע מעשיות, איז אריין אינ'ם גייסט פון דער נייער צייט; עס איז שוין דאָרט מער ניט קיין קלייזעל, נאָר א „קינאָ״־טעאטער, וואו מען ציינט מואוויס צו פאַרווייליען און אויפקלערען די איינוואוינער פונ'ם שטעדטעל.

איך בין דאָרט געווען. און איידער איך בין צוגעקומען אהין האָב איך אָנגענומען פולע קאלאָשען מיט בלאָטע, אויך ווען איך בין אריינגעקומען אהין בין איך אריין אין א טיפער בלאָטע. און ווען איך האָב געעפענט די טיר, האָב איך גע־וואָלט זעהן וואס פאר א פּנים עס האָט דער טראָסטינעצער קינאָ־טעאטער. אָבער פונקט אזוי ווי איך האָב דאָרטען ניט געקענט געפינען די סימנים פונ'ם אלטען קלייזעל, אזוי האָב איך דאר־טען ניט געקענט געפינען קיין סימנים פון אַ טעאטער. מען האָט מיר אבער פאַרזיכערט, אז אַ מ אָ ל ווייזט מען דארטען בילדער....

דאָס איז דער סך־הכל פון דער שוהל, פונ'ם בית־המדרש,

פון דער קלויז און פונ'ם קלייזעל אין מיין געבורטס־שטעדטעל. און דאָס זיינען די פאַקטען, ווי אַזוי מען זעהט אין זייער אונטערגאַנג דעם אויפגאַנג פון דעם נייעם לעבענס־שטייגער...

ראש השנה און יום כפור איז די איינציגע און אַלטע שוהל געפּאַקט. עלטערע אידען קומען אַהין דאַוונען און זיי וויינען זיך דאָרטען גוט אויס, נאָך מער ווי אין די אַלטע צייטען. אויך די ווייבערישע שוהל איז געפּאַקט און פון דאָרטען טראָגען זיך יאָמערליכע געוויינען, ווייל אין שטעדטעל זיינען פאַראַן גענוג אַלטע ווייבער. זיי קריגען זעהר קליינע פּאָרציעס ברויט צום עסען, ווייל זיי זיינען דאָך ניט פון די וואָס אַרבייטען. זיי באַטייליגען זיך דאָך ניט אינ'ם אויפבוי פונ'ם לאַנד; זיי זיינען גלאַט „איבעריגע מענשען" און מען האָט צו זיי קיין פליכטען ניט. איז זייער לאַגע דאריבער אַ שרעקליכע. עס פעהלט זיי ניט קיין צרות און זיי האָבען אויף וואָס צו וויינען און אויף וואָס צו קלאָגען...

צו דעם זיינען נאָך צוגעקומען גאָר נייע צרות, אויף וואָס אַן אַלטע פרומע מאַמע קען קלאָגען און וויינען — צרות פון קינדער, וועלכע זיינען אינגאַנצען אַוועק פון אידישקייט. און מען דערצעהלט מיר ווי פאַראיאָהרען יום־כפור האָט אַן אַלטע מאַמע אין שוהל איינגעלייגט די וועלט וויינענדיג דארויף, וואָס איהר זוהן, אַ סאָוועטישער בעאַמטער, אַ קאָמוניסט, אַרבייט דעם טאָג. שאָקלענדיג זיך איבער'ן מחזור און קלאַפּענדיג זיך „על חטא", האָט זי געגאָסען מיט טרערען און האָט געבעטען גאָט, ער זאָל מוחל זיין איר זוהן, דעם קאָמוניסט, וואָס ער אַרבייט אום יום כפור. „דו, גאָטעניו, — האָט די אידענע געטענה'ט, — ווייסט דאָך, אַז ער טוט דאָס צוליב דער ווייסטער פרנסה..."

עס טרעפט אויך, אַז פרומע אידען אין שטעדטעל גערען ניט אין שוהל אַריין אפילו ראש השנה און יום כפור, ווייל זיי האָבען מורא, אַז דערמיט וועלען זיי נאָך ברענגען שאָדען זייערע קינדער אין דער פאַרטיי, אָדער אין די רעגירונגס־אַמטען, וואָס זיי פאַרנעמען. עס איז טאַקע אמת, אַז קיינער שטערט ניט אַ פרומען מענשען צו געהן אין שוהל אַריין און דאַוונען וויפיל ער וויל. אָבער דאָס געהן אין שוהל אַריין איז פאַרבונדען מיט טויזענטער וויכטיגע און ניט־וויכטיגע זאַכען, וואָס

שאפען אונאַנגענעמליכקייטען — זאַכען, וואס זיינען אלץ ענג צונויפגעקניפּט מיט דעם נייעם לעבענס־שטייגער אויף אזא אופן, אז מען קען זיי בשום אופן ניט אָפּטשעפּען. און ווען מען שטעלט דאָך א סך אין קאָן און מען קומט דאָך ראש השנה און יום כפּור אין שוהל און מען וויינט זיך גוט אויס און מען קלאָגט זיך גוט אָן, האָט מען אונאַנגענעמליכקייטען און מען לײַדעט א סך ווען מען קומט צוגעהן אהיים, ווייל אין דער היים ווערט מען באַפאלען פון די אייניקלאך, וואס לערנען זיך אין די סאָוועטישע שולען, און זיי, די אייניקלאך, דוקא וואוילע קינדער, אָבער פּאָרט קינדער וואס ריידען נאָך אלץ וואָס מען רעדט אין זיי אריין, רייצען זיך מיט דעם זיידען און מיט דער באָבען און מאַכען חוזק פון זיי:

„נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט!... נישטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט!...”

אָדער:

„דיין גאָט איז א שמוציגער!”

„דיין גאָט איז א חזיר!...”

אין דער אייגענער היים ווערט דער גלויבען פון א פרומען אידען באַשפּיגען און פאַרכראַקעט. און ער קען זיך אַקעגען דעם ניט וועהרען. ער קען זיך ניט העלפען. ער האָט פּשוט מורא זיך צו וועהרען...

אין אלגעמיין איז א יום־טוב איצט אַן אָפּקומעניש פאַר א פרומען אידען אין סאָוועט־רוסלאַנד. אין די קליינע שטעטלאך ספּעציעל. און אויב ער לײַדעט אלע טעג פון א גאַנץ יאהר, לײַדעט ער יום־טוב נאָך מער, קומט ער אָפּ נאָך ערגער.

איך האָב אין מיין שטעטעל אלץ געזוכט סימנים פון אויפ־גאַנג אין דעם נייעם לעבענס־שטייגער. און געזוכט האָב איך דעם אויפגאַנג פון דעם נייעם ניט דוקא אינ'ם אונטערגאַנג פונ'ם אלטען. אייניגע גוטע נייע זאַכען האָב איך ווירקליך גע־פונען, ווי למשל: די זיכערקייט פון דער אידישער באַפעלקע־רונג, אַז אונטער די סאָוועטען איז מער ניט מעגליך אזא זאך ווי פּאָגראָמען; דער באַוואוסטזיין, אז אין רוסלאַנד זיינען די אידען אַריבער פון אבסאָלוטער רעכטלאָזיגקייט צו פולע רעכט און אַז זיי קענען לערנען און שטודירן און פאַרנעמען די העכ־סטע און וויכטיגסטע אַמטען אין דער מלוכה. עס איז מיר

אויך געווען אנגענעם צו טרעפן אין איניגע רעגירונגס־אינסטי־טוציעס, און אפילו אין דער „גע־פע־או", וואו איך האָב פאַר־בראַכט א לענגערע צייט אין אַן אינטערעסאַנטען שמועס, א באַדייטענדע צאָל אמת־אינטעליגענטע מענשען, און אַלע פון אָרימער אָפשטאַמונג, קינדער פון ארבייטער און פויערים; ס'איז מיר אויך געווען אַנגענעם זיך צו דערוויסען, אז אין מיין שטעטעל געהט איצטער ארויס א צייטונג אין אוקראַי־ניש און דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג איז אַ אידישער יונגערמאַן, וואָס איז זעהר שטאַרק איבערגעגעבען דער ארבייט; עס איז מיר אויך געווען אַנגענעם צו באַמערקען די גוטע באַ־ציהונגען צווישען אידען און קריסטען. און נאָך און נאָך זאכען וואָס האָבען ארויסגערופען אַ ווארימען געפיהל.

איך האָב אָבער אויך געזעהן ארום און ארום אזוי פיל חורבות, אזא שווער לעבען, אזא טרויעריג לעבען, אז איך האָב פשוט ניט געקענט פארשטעהן ווי אזוי מענשען קענען ליידען אזוי פיל און וואו זיי נעמען כוחות אריבערצוטראָגען אזוי פיל! און אין דער צייט ווען די סימנים פון נייעם אויפגאַנג דאַרף מען זוכען, זיינען די סימנים פון אונטערגאַנג אזוי גרויס אין צאָהל און אזוי שאַרף אין געשטאַלט, אז זיי שניידען ממש — ניט נאָר די אויגען, נאָר אויך דאָס האַרץ פון יעדען מענשען וואָס וואָלט געוואָלט זעהן מער פרייד און א ליכטיגן לעבען אין סאָוועט־רוסלאַנד!

### 4. פאַרטרינקען די צרות.

געווען אמאָל אין טראַסטינעץ — ווי איך האָב שוין פריהער דערצעהלט — א „זאַוואָד".

דער „זאַוואָד" — דאָס איז געווען אַ גרויסע צוקער־פאַב־ריק. איינע פון די גרעסטע אין דעם דרום־מערב'דיגען געגענד. עס האָבען פון דער פאַבריק געצויגען פרנסה די דערפער און דערפלאַך ארום און ארום און אויך דאָס גאַנצע שטעדטעל. דער טראָסטינעצער „זאַוואָד" האָט צוגעשטעלט מעליץ (מעהל־צוקער) פאַר רוסלאַנד און אויך פאַר אויסלאַנד, און זומער, די צייט פון „פראַיזוואָדסטוואָ", ווי מען האָט עס גערופען אין שטעטעל, האָט דאָס לעבען אין „זאַוואָד" געקלאַפט מיט אזא אימפעט,

אז מען האָט עס געקענט פּיהלען און זעהן און הערן אויף מיילען ווייט.

גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט האָבען פויערים אויף אַלע וועגען געפיהרט פוהרלאַך מיט בוראַקעס אין „זאַוואָד" אַריין. די מאַשינען האָבען געאַרבייט בייטאָג און ביינאַכט; דאָס פּייפען פון די צוויי הויכע שטיינערנע קוימענס האָט געשניטען די שטילקייט און די לופט אויף מיילען און מיילען אַרום און אַרום און האָט אָנגעפילט אַ סך הערצער מיט פרייד, ווייל דאָס האָט גע־מיינט, אַז מענשען אַרבייטען, אַז מענשען פאַרדינען. אין שטעטעל איז שווער געווען צו געפינען איינעם, וואָס זאָל אויף וועלכען־עס־ניט־איז אופן ניט זיין פאַרבונדען מיט'ן „זאַוואָד"; עס זיינען געווען פּאָדריאַדען, קאָמיסיעס און גלאַט באַשעפטי־גונגען. דער „זאַוואָד" האָט אַרויסגעגעבען מיליאָנען פוד מעל־ליע. דער „זאַוואָד" האָט אַריינגעטראָגען לעבען אין'ם גאַנצען געגענד.

איצטער שטעהט דער „זאַוואָד" נאָך אויף דעם זעלבען אָרט, פּונקט ווי פריהער. אָבער... ער אַרבייט ניט...

די מאַשינען שטעהען שטיל. די סקלאַדען זיינען פּוסט. די קוימענס פּייפען ניט מער. די וועגען זיינען בלאָטיג. די וואוינונגען זיינען פינסטער. אַלץ איז דאָרטען אָפּגעלאָזען, קווי־טיג און שמוציג.

מ'קען אָבער דאָך ניט זאָגען, אז דער זאַוואָד אַרבייט אינגאַנצען ניט. איין אָפּטיילונג אַרבייט יאָ. עס אַרבייטען אין דער אָפּטיילונג אַרום פיר און צוואַנציג מענשען. דריי „סמענעס", הייסט עס, צו אַכט מענשען אין אַ „סמענע".

און ווייסט איר וואָס מען מאַכט דאָרטען? אַן אַרטיקעל, אין וועלכען מען נויטיגט זיך זעהר שטאַרק, ווייל אָהן דעם וואָלט מען, חלילה וחס, ניט אויסגעקומען — מען מאַכט דאָר־טען בראָנפען...

קיין אַנדער זאַך פעהלט איצטער ניט אין יענעם געגענד, נאָר — בראַנפען...

עס איז געווען אַמאָל אין מיין געבוטרס־שטעטעל אַ גרוי־סע און אַ שעהנע געביידע, מיט אַ ברייטען טויער פון איין זייט און אַ ברייטען טויער פון דער אַנדערער זייט. געשטאַנען איז די געביידע אין'ם סאַמע צענטער פונ'ם שטעטעל און גע־

רופען האָט מען זי „ראַטהויז", כאָטש קיינער האָט ניט געוואוסט די באַדייטונג פונ'ם וואָרט. און געוואוינט האָבען אין ראַטהויז אַ סך פאַמיליעס און אַלע פאַמיליעס האָבען געהייסען איין נאָמען — מילגראַם, און אַלע מילגראַמס האָבען געהאַט אַ סך קינדער, מערסטענטיילס אינגלאַך, און אַלע אינגלאַך האָבען גע־האַט איין נאָמען — שמואליקעל.

אַ וועלט מיט שמואליקלאַך זיינען אין ראַטהויז געווען. און מען האָט שוין ביי קיינעם פון זיי ניט געדאַרפט פרעגען דעם נאָמען; אַלע האָבען שוין געוואוסט, אַז ווען אַ אינ־געלע קומט פונ'ם ראַטהויז, הייסט ער שמואליקעל.

אין דעם איז געווען פאַרבונדען, אַ שטיק געשיכטע פונ'ם שטעטעל, און אָנגעהויבען האָט זיך עס אַזוי:

אַ רייכער איד, אַ „פּאָסעסאָר", מיט'ן נאָמען שמואל מילגראַם, האָט זיך מיט אַ סך יאָהרען צוריק באַזעצט אין טראָסטינעץ, און ער האָט אויסגעבויט דעם ראַטהויז, וואָס איז דאַן געווען די שעהנסטע און גרעסטע געביידע אין שטעטעל. געפיהרט האָט שמואל מילגראַם גרויסע געשעפטען און האָט געהאַט אַ סך קינדער — זיהן און טעכטער; ער האָט די טעכטער געגעבען אַ סך נדן, און יעדער חתונה, וואָס ער האָט געפּראַוועט, איז געווען אויף אַזאַ ברייטען און רייכען שטייגער, אַז מען האָט פאַר חתן־כלה געשפּרייט סאַמעטענע סטעזשקעס פונ'ם ראַטהויז ביז'ן בית־המדרש. אין לעגענדעס און גוזמאות האָט מען דעם נאָמען פון שמואל מילגראַם איינגעהילט. און ווען ער איז געשטאָר־בען, האָט ער דעם ראַטהויז איבערגעלאָזען פאַר די זיהן און טעכטער, וועלכע זיינען ניט געווען פעהיג צו פיהרען אַזעלכע געשעפטען, ווי דער טאַטע. האָבען זיי פאַראייביגט זיין נאָמען דערמיט, וואָס זיי האָבען אַלע ניי־געבאָרענע אינגעלאַך זייערע אַ נאָמען געגעבען נאָך אים — שמואל.

איז דער גאַנצער ראַטהויז דאַריבער געווען פול מיט שמואליקלאַך; יעדער שמואליקעל איז זיך געגאַנגען זיין וועג און זיך געריסען אין אַן אַנדער ריכטונג, ווייל עס איז מער ניט געווען די שטאַרקע האַנט, וואָס זאָל זיי האַלטען אינאיינעם; עס איז שוין אויך מער ניט געווען די משפחה־טראַדיציע, וואָס דער אַלטער שמואל מילגראַם, דער רייכער פּאָסעסאָר, האָט אַזוי פעסט געהאַלטען און שטאַרק געצעמענטעוועט, מיט וואָס ער

האָט נאָר געקענט. און ווען די שומאַליקלאַך זיינען אויסגעוואַקסען, האָבן זיי זיך צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

געווען איז דער ראָטהויז דער צענטער פון האַנדעל אין טראָסטינעץ. פוןביידע זייטען צוויי לאַנגע רייען קלייטען פון כל המינים. און וואָס האָט מען דען אין יענע קלייטען ניט געקענט קריגען ! באַקאַלעי, גאַלאַנטערעי, מאַנופאַקטור, אייזענוואַרג, מעהל — און וואָס דען ניט ! אַפילו יאַטקעס זיינען דאָרטען געווען. און אינ׳ם טאָג פון אַ יאַריד איז שווער געווען צום ראָטהויז זיך צוצושלאָגען. אין די קלייטען, ביי די קלייטען און אַרום די שטעלעכלאַך האָט עס געזשומעט ווי אין אַ בינשטאָק ; מען האָט געקויפט און פאַרקויפט, מען האָט געליארעמט און געפּילדערט, מען האָט געגעבען געלט און גענומען געלט, מען האָט זיך געבענשט און געשאָלטען — עס האָט געקאָכט מיט אַ לעבען, וואָס האָט אין זיך געהאַט אַ סך מיאוס׳קייט, אָבער אויך ניט ווייניג שעהנקייט, אַ סך שלעכטס, אָבער אויך ניט ווייניג גוטס...

איצטער זיינען אַרום ראָטהויז מער קיין קלייטען ניטאָ, כאָטש די רעגירונג האָט זיי געקענט אויסנוצען פאַר אירע צוועקען. מען האָט די אַלע קלייטען צוואָרפען, און דער ראָטהויז, וואָס שטעהט אויף אַ באַרג, קוקט אוים פון דער ווייטענס ווי דער קערפּער פון אַ גרויסען שוואַרצען פויגעל, ביי וועמען מען האָט פון ביידע זייטען די פליגעל אָפּגעהאַקט...

ער קוקט אוים נעבעכדיג, דער ראָטהויז. מיט זיין שוואַרצקייט און קויטיגקייט שטרייכט ער נאָך מער אונטער דעם חורבן, ווייל ער שטעהט דאָך אויף אַ באַרג און אים דערזעהט מען דעם ערשטען, ווען מען פאָהרט אריין אין שטעטעל. עס דוכט זיך, אז ער שעהמט זיך פאַר די מענשען, וואָס געדענקען אים נאָך פון יענע צייטען, ווען ס׳האָט אין אים געשוויבעלט און געגריבעלט מיט לעבען און מיט שמואַליקלאַך און אז דאריבער פּרואווט ער זיך איינשרימפּען איינגאַנצען, זיך וואָס טיפער אריינגראָבען אין דער ערד, מען זאָל אים ניט זעהן אין זיין געפאַלענקייט...

דאָך האָט דער ראָטהויז אין זיך אויך עפּעס פון דעם נייעם אויפבוי אין שטעטעל ; פון איין זייט האָט מען צו אים צוגעטשעפּעט אַ נייע געביידע מיט העל־געפאַרבטע ווענט און

דאָרטען איז די הויפּטקוואַרטער פון דעם „ראַיפּאַרקאָם״ (ראַיאָנער פּאַרטיי־קאָמיטעט״. פון די שמואליקלאַך איז אין׳ם „ראַיפּאַר־קאָם״ קיין איינער ניטאָ...

א סך הייזער, וואָס האָבען אַמאָל געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין דעם לעבען פון מיין שטעטעל, זיינען איצט מער אינגאַנצען נישטאָ. אייניגע פון זיי האָט מען צוואָוואָרפען, צונור־מען אויף שטיקלעך און קיין נייע הייזער האָט מען אויף זייער אָרט ניט אָוועקגעשטעלט. מער ווי הויפענס מיסט איז פון זיי ניט געבליבען; ליגען זיי אַזוי, די הויפענס מיסט, און פוילען און פאַר׳עיפּוש׳ן די לופט, און אין שטעטעל איז מען שוין אַזוי געוועהנט דערצו, אַז ס׳מאַכט שוין ניט אויס וואָס דאָס אויג זעהט — אַ שטיבעל, וואָס קוקט אויס ווי אַ חורבה, אָדער אַ הויפען מיסט, וואו עס איז אַמאָל אַ שטיבעל געשטאַנען...

פונקט אַזוי ווי דער אָנדענק פון די טויטע איז פריש אין׳ם זכרון פון די לעבעדיגע, אַזוי איז דער אָנבליק פון די מצבות שאַרף אָנגעצייכענט אויף די שטיבלעך, וואו עס וואוי־נען מענשען, וועלכע זיינען אַמאָל מקנא די טויטע...

איך האָב געזוכט דאָס הויז, וואו איך בין געבאָרען גע־וואָרען און וואו מיינע קינדער־יאָהרען זיינען אַוועק. אָבער מער ווי אַ הויפען מיסט איז פון דעם ניט געבליבן.

אומעטום הויפענס מיסט און חורבות. און אויף די הויפענס מיסט — בלודנע הינט און איינגעדאַרטע ציגען, וואָס ראָיען דאָרט און זוכען עפּעס מיט וואָס דעם הונגער צו שטי־לען. זיי, די היימלאָזע באַשעפענישען, זיינען אַזוי מאָגער, אַז קוים וואָס זיי האַלטען זיך אויף די פיס. די הינט בילען ניט, די ציגען מעקען ניט. זיי קוקען אויף איך בלויז מיט תמ׳עוואַטע, רחמנות׳דיגע בליקען, ווי זיי וואָלטען זיך ביי איך געבעטען:

„טשעפּעט אונז ניט. לאָזט אונז זיך ראָיען אין די הוי־פענס מיסט; אפשר וועלען מיר דאָרט דאָך געפינען עפּעס צו עסען...״

שפּאַנענדיג איינמאָל אַליין איבער אַ בלאָטיגער גאַס, האָב איך פון דערווייטענס דערזעהן אַן אַלטע פויערטע און איך האָב זיך געלאָזט געהן צו איר, ווייל איך האָב זיך געוואָלט נאָכפרעגען אויף מענשען, וואָס איך האָב געדענקט נאָך פון די אַלטע

ציימען. ווען איך בין צוגעקומען צו דער פויערטע און האָב ביי איר געוואָלט עפּעס פרעגען, האָט זי אויף מיר געגעבן א קוק אן איבערראַשטע און זי האָט זיך צעוויינט.

— דאָס ביזטו! — האָט זי מיך ביים ערשטען נאָמען אָנ־גערופען און געמאַכט א באוועגונג מיך ארומצונעמען, אָבער זי האָט זיך באַלד געכאַפּט צוריק, ווייל זי האָט דעם מוט פאַר־לאָרען — דאָס ביזטו! דאָ ביי אונז רעדט מען אַלץ, אַז אַן אַמעריקאַנער איז געקומען, און מיר איז גאָר ניט איינגעפאַלען, אַז דו ביזט דאָס דער אַמעריקאַנער! אוי, טאַטעלאַך מיינע! איז וואָס־זשע מאַכסטו? ווי אַזוי לעבסטו? און וואָס ביזטו גאָר געקומען אַהער?

זי האָט מיך דערקענט די אָרימע פויערטע. זי האָט מיך נאָך געדענקט פון יענער צייט, ווען איך בין א אינגעל גע־ווען. עס איז שוין א סך יאָרן. זינט זי וואוינט אין יענעם געסעל. זי האָט שוין דאָרטען א סך איבערגעלעבט, אָבער אַזעלכע שלעכטע צייטען ווי איצטער זיינען נאָך קיינמאָל ניט געווען...

— און פאַר וואָס שטראָפט אונז גאָט אַזוי? — האָט די אַלטע אָרימע פויערטע געהאַט א טענה — פאַר וואָס?

איך האָב זיך ביי איר נאָכגעפרעגט אויף איניגע מענשען, וואָס האָבען מיט יאהרען צוריק אויף יענעם געסעל געוואוינט, און אירע ענטפערס זיינען געווען קורצע:

— מוטשעט זיך...

אָדער:

— געשטאָרבען...

אַזוי וועגען אַלע — די, וואָס לעבען מוטשען זיך, און די, וואָס מוטשען זיך ניט, זיינען געשטאָרבען...

אויף דעם זעלבען געסעל האָב איך געפונען נאָך א פאַ־מיליע, וואס איך האָב אַמאָל גוט געקענט. דער מאַן, וועל־כער איז אַמאָל געווען א גאַנץ אָנגעזעהענער מענש, איז מיט א צייט צוריק געשטאָרבען, און די פרוי, זעהר אַן אינטעליגענטע דאַמע מיט גרייז־גרויע האָר, לעבט אין א פינסטער שטיבעל מיט א טויב־שטומען זוהן, וועלכער קען בלויז עטליכע זעהר ניט קיין קלאָרע קלאַנגען פונ'ם מויל ארויסברענגען.

די פרוי טראַכט שוין ניט מער וועגען יענע צייטען, ווען

זי איז געפֿאָהרען אין בריטשקעס און אין פֿאַיעטאָנען, ווען זי האָט אויסגעהאַלטען די קינדער אין גימנאַזיעס און אוניווערזי־טעטען, ווען זי האָט געהאַט געננוג געלד ארויסצוהעלפען ניט נאָר אייגענע, נאָר אויך פרעמדע. זי קען גאָר מער ווענען אזעלכע זאכען ניט טראַכטען, ווייל, מערסטענטיילס איז ביי איר דער מוח יעדען טאָג פֿאַרנומען מיט איין פֿראַגע:

— וואו נעמט מען ברויט?

ווען דער הונגער איז שוין אזוי גרויס, אז עס איז שוין אונמעגליך מער אריבערצוטראָגען, פאַרבויגט די פרוי איר שטאָלץ אָן א זייט און זי געהט אריין צו א שכנה בעטען א שטיקעל ברויט. דאָס הארץ ווערט ביי איר מיט בלוט פֿאַרלאָפען ווען זי טוט דאָס. אָבער זי קען זיך ניט העלפען, ניט נאָר זי אליין איז הונגעריג, נאָר אויך דער טויב־שטומער זוהן, און יענער לאָזט ארויס אזעלכע משונה'דיג ווילדע קלאַנגען, וואָס יאָגען אָן א מורא און פֿאַרגליווערן דאָס בלוט אין די אָדערן:

— „מא־מא... כ־כ־כלי־ע־ב!"

עס ווערט שרעקליך אונהיימליך ווען מען דערהערט די משונה'דיג־ווילדע קלאַנגען, וואָס ער כאַרכעלט ארויס פֿון האַלז. און אין אזא מאָמענט קען א מאַמע לויפען ניט נאָר ב ע ט ע ן, נאָר אויך ה ר ג ' ע נ ע ן, אבי צו קריגען א שטיקעל ברויט...

און מערקווירדיג! די פרוי האָט זיך ניט געקלאָגט; זי האָט די אָרדענונג ניט קריטיקירט; קיין איין שלעכט וואָרט ניט ארויסגערעדט. זי האָט בלויז דערצעהלט וואָס זי לעבט איבער, אָדער בעסער געזאָגט: ווי אזוי זי לעבט. און די קורצע ווער־טער, וואָס זי האָט באַנוצט, האָבען דאָך אָנגעוואָרפען א בילד פֿון שרעק און שוידער, כאָטש זי האָט צוגעגעבען, אז א י צ ט מוזען מענשען אין רוסלאַנד ליידען, ווייל די רעגירונג גיט אוועק אלע כחות אויפצובויען די שווערע אינדוסטריע פֿון לאַנד.

— מיר האָפען, אז שפּעטער וועט ביי אונז זיין בעסער — האָט זי געזאָגט — עס וועט מוזען זיין בעסער!

א זאַך, וואָס האָט מיך ווירקליך שטאַרק געוואונדערט, אין די עטליכע טעג וואָס איך בין געווען אין מיין שטעטעל און האָב גערעדט מיט אזוי פיל מענשן און באַזוכט אזוי פיל היימען, איז געווען דער פֿאַקט, וואָס אידען האָבען אָנגעהויבען טרינקען א סך...

ס'איז ניט געווען קיין איין געלעגענהייט, אז מען זאָל ניט געפינען קיין אויסרייד צו טרינקען „אביסעל בראָנפען״...

אין דער פריה — בראנפען...

בייטאָג — בראנפען...

און אין אָווענט — ווידער בראנפען.

און ניט דוקא ביים עסען, נאָר גלאַט אזוי... מען זיצט און מען רעדט, און אין מיטען־דערינען גיט זיך איינער א זאָג:

— עך, ווייסט איר גאָר וואָס? לאָמיר נעמען אביסעל בראנפען !...

עס געדויערט ניט לאנג און באַלד ווערט געבאָרן א פלאַש בראָנפען אויפ'ן טיש, ווייל דאָס קען מען צו יעדער צייט קריגען זעהר לייכט. און פונקט אזוי שנעל ווי די פלאַש ווערט געבאָרן, ווערט זי אויך שנעל פארלאָרן, ווייל די אידען טרינקען ניט פון קיין קליינע קעלישעקלעך, ווי אין די אמאָליגע אלטע צייטען, נאָר פון גאנץ היבשע גלעזלאך...

און ניט דוקא אין אַ שבת, אָדער אַ יום־טוב, ווען ס'איז א מצוה צו מאכען קידוש, נאָר אויך אין א פשוט'ן מיטוואָך — אידען טרינקען בראָנפען און זוכען געלעגענהייטען צו טרינקען נאָך...

דאָס איז פאר מיר געווען א גרויסע איבערראשונג, און איך האָב געוואָלט אויסגעפינען דעם גרונד דערפון, אָבער עס האָט זיך מיר אַלץ ניט איינגעגעבען, ווייל בחוש האָב איך גע־פיהלט, אז איך דארף דאָ זיין זעהר פאָרזיכטיג און ניט שטעלען קיין פראגען אזוי אז אימיצער זאָל זיך נאָך פיהלען באַליי־דיגט...

עטליכע מאָל האָב איך געפּרואווט געפינען אַ וועג ווי אזוי ארויסצוקריגען אַ וואָרט, אָדער א באַמערקונג, וואס זאָל מיר געבען דעם שליסעל צו דער מאָדנער ערשיינונג וואָס אידען טרינקען אזוי פיל; אָבער עס איז מיר אַלץ ניט געלונגען און איך בין געבליבען מיט אַ פראגע, וואָס האָט ניט געהאַט קיין ענטפער.

צווישען די אידען, וואָס זיינען אָפט געקומען צו מיר, איז געווען איינער, וועמען איך האָב נאָך פון די אַלטע צייטען גע־דענקט אלס אַ פיינעם בעל־הבית, אַ סאָלידען. ער האָט אמאָל געהאַט א בכבוד'יגע „שטאָדט״ אין בית המדרש, זיך געמישט

אין קהל'שע זאַכען און געזאָגט אַ דעה אומעטום און מ'האָט זיך צו אים טאַקע צוגעהערט, ווייל ער האָט זיך גוט פאַנאַנדער־געקליבען אין זאַכען און האָט געקענט פאַרשטעהן מענשען. אין שטעטעל פלעגט מען זאָגען, אַז ווען ער לעגט דעם „פעטשאַט" אויף עפּעס, אָדער אויף אימיצען, איז דאָס צוגעקלעפּט, אָנגע־מאָסטען און — ס'פּאַסט...

אָנגעטאָן פלעגט דער איד זיין אין יענע צייטען ציכטיג און סטאַטעטשנע, ווי ס'פּאַסט זיך פאַר אַ בעל־הבית אין אַזא שטאַנד. אפילו אין דער וואָכען פלעגט ער טראָגען אַ געפּרעסטען קאַלנער און געפּרעסטע מאַנזשעטען. עס איז אַלע מאָל געווען אַ פאַר־גענינגען צו קוקען אויף אים.

איצט אָבער איז דער איד אינגאַנצען אַן אַנדערער. ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל געקומען צו מיר, איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ פּויעריש פעלצעל אַ קויטיגס, אונטערגעבונדען מיט אַ גאַרטעל און אויפ'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַן אָפּגעריבענע קוטש־מע, אַ פוטערנע, מיט פעלצענע אויערן־לעפּלעך, וואָס האָבען זיך נאָכגעבאָמבעלט ווי צוגעטשעפּעטע. און אַזוי איז ער אויך געווען אָנגעטאָן ווען ער איז געקומען צו מיר דאָס צווייטע מאָל, דאָס דריטע מאָל און דאָס פערטע מאָל.

יעדער מאָל, ווען ער איז געקומען צו מיר, האָט ער געשריגען העכער פאַר אַלעמען און האָט אַלץ גע'טענה'ט, אַז ס'איז ניט גוט וואָס ער קען מיך ניט זעהן איינעם אַליין כאָטש אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ווייל דאָס וואָס ער האָט מיר צו דערצעהלען, קען מיר קיינער ניט דערצעהלען, און פון דעם וואָס ער אַליין וועט דערצעהלען קען מען אָנשרייבען אַ בוך אַ גאַנצען... וואָס זאָגט ער איין בוך — צוויי ביכער, דריי ביכער, עטליכע ביכער...

מען האָט געזעהן, אַז דער מענש טראָגט זיך אַרום מיט אַ הארץ וואָס איז פול מיט ווייטאָגען, אַז ער מוז ניט נאָר רעדען, נאָר שרייען. מען האָט אויך געזעהן, אַז אַלעמאָל, ווען ער קומט צו מיר, איז ער שכור...

האָב איך אים איינמאָל זעהר פאַרזיכטיג געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַרוואָס אַלעמאָל, ווען איר קומט צו מיר, זיינט איר ניט אינגאַנצען ניכטער?... איך געדענק דאָך אייך נאָך פון די אַלטע צייטען; איך וויים, אַז איר זענט אַלעמאָל געווען אַ פיינער בעל־הבית, אַ בכבוד'יגער איד, און איר

האָט קיינמאָל ניט געטרונקען... וואָס זשע איז מיט אייך געוואָרן איצט, וואָס איר טרינקט אַזוי פיל?...

מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז איך האָב זיך שוין גענומען צופיל רעכט, אַז איך האָב אים אפשר שוין צופיל וועה געטאָן, און איך האָב געפּרואווט פאַרגלעטען מיין פעהלער.

— איר וועט מיך ענטשולדיגען, — האָב איך געזאָגט, אַרויפלייגענדיג גוט־ברודעריש מיין האַנט אויף זיין אַקסעל — איר דאַרפט ניט זיין בייז אויף מיר; איך האָב זיכער ניט גע־מיינט אייך צו באַליידיגען. אָבער, איר פאַרשטעהט, עס איז מיר פּאָרט אַ וואונדער.. עפּעס כאַפּ איך דאָס ניט אָן... אַזאַ מענש ווי איר, און אויך אַנדערע אַזעלכע ווי איר... וואָס עפּעס גאָר פאַר אַ טרינקען אין מיטען־דעריינען?...

ביי דעם מענשען זיינען די אויגען באַלד פול געוואָרען מיט טרערען, און אָנכאַפּענדיג מיך פאַר דער האַנט, האָט ער זיך שטאַרק צעוויינט.

— דו וואונדערסט זיך, — מאַכט ער אַזוי צו מיר און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ, — דו וואונדערסט זיך פאַרוואָס איך און אַנדערע אידען דאָ טרינקען אַ סך בראַנפען, פאַרוואָס מיר זיינען שכור? האַ? מענש איינער, אַז אַ ברויט קאָסט ביי אונז צוועלף און פופצעהן רובעל. אַ ליטרע בראַנפען אָבער קאָסט בלויז צוויי רובעל... קויפט מען אַ ליטרע בראַנפען און מען טרינקט זיך אָן און מען ווערט אַנטשלאָפען אויף אַ טאָג און אַמאָל אויף צוויי, און מען פאַרגעסט אַז מען איז הונגעריג...

דאַן האָב איך שוין פאַרשטאַנען פאַרוואָס אידען אין מיין שטעדטעל טרינקען אַזוי פיל, און ווען איך האָב דיזעלבע טרויע־ריגע ערשיינונג געזעהן שפּעטער אויך אין די אַנדערע שטעטלאַך, וואָס איך האָב באַזוכט, האָב איך שוין געוואוסט פאַרוואָס דאָס איז אַזוי:

אַ ברויט קאָסט צוועלף און פופצעהן רובעל; אַ ליטרע בראַנפען אָבער קאָסט בלויז צוויי רובעל. קויפען אידען בראַנ־פען און טרינקען זיך אָן און ווערען אַנשלאָפען אויף אַ טאָג און אַמאָל אויף צוויי און זיי פאַרגעסען אַז זיי זיינען הונגעריג...

דאָס האָט אויף מיר זעהר שטאַרק געווירקט און איך האָב אַ סך געקלערט דערפון. און איינמאָל, ווען איך האָב זיך אין דער היים צורעדט וועגען דעם מיט די אייגענע, איז פון'ם גע־

שפּרעך באַלד אַרויסגעקומען אַ הייסע דעבאַטע וועגען דעם אַלטען דור און דעם יונגען דור, וועגען די דערגרייכונגען פון דער סאָוועט־רעגירונג אויפ׳ן געביט פון אינדוסטריע, וועגען סאָציאַליזם און קאָמוניזם, דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע. מיין ברודער בוזי, דער פאַרברענטער קאָמוניסט, און איך האָבען זיך געקאָכט מער ווי אַלע אַנדערע; איך האָב געפּרואווט אים איבערשפּאַרען און ער האָט געוואָלט מיך איבערשפּאַרען; און דאַן איז מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען די מאַמע און אַרויפלייגענדיג ביידע הענט אונז אויף די אַקסעל, האָט זי שטיל געזאָגט:

— קינדער מיינע, דריי און צוואַנציג יאָהר האָט איר זיך ניט געזעהן, און ווער ווייסט, צי וועט איר אַמאָל זיך נאָך ווידער זעהן. בעט איך אייך, קינדער מיינע, קריגט זיך ניט...

און דאָס איז געווען געננוג. און מיין ברודער האָט אויף זיין אייגענאַרטיגען שטייגער אונטערגעצויגען דעם סך הכל פון אונזער היציגען שמועס מיט זיין באַליבטען ווערטעל:

— הכלל — אָפּגערעדט!...

## 5. אַ יאַריד אין שטעדטעל און אַ שבת אין שטעדטעל.

אין סאָוועט־רוסלאַנד ווייסט מען ניט פון קיין טעג, מען ווייסט בלויז דאַטומס. און ניט אומזיסט זאָגען אייניגע, אַז דאָרט איז מקוים געוואָרען די קללה פון דעם בייזען נביא, וואָס האָט געזאָגט שילטענדיג דאָס פאָלק, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען די פאַרצווייפלונג וועט זיין אַזוי גרויס, אַז מען וועט שוין מער ניט געדענקען און מען וועט שוין מער ניט וויסען וואָס פאַר אַ טאָג ס׳איז...

אַזוי איז דאָס אין די גרויסע שטעט.

אין די קליינע שטעטלאַך אָבער ווייסט מען נאָך יאָ וואָס פאַר אַ טאָג עס איז. און דאָס איז ניט דערפאַר וואָס די פאַרצווייפלונג איז דאָרטען קלענער ווי אין די גרויסע שטעט. פאַרקערט, דאָרט איז די פאַרצווייפלונג נאָך גרעסער; אָבער עס זיינען דאָרט פאַראַן מער מאַמעס און טאַטעס ווי זיהן און טעכטער, ווייל די יונגוואַרג צולויפט זיך אין די גרעסערע שטעט, און זיי, די אַלטע מאַמעס און טאַטעס, פאַרגעסען ניט די טעג, ווייל דאָס איז דאָך אַ טייל פון זייער רעליגיעזען לעבען. זיי פיהרען אַ חשבון פון די טעג אין יעדער וואָך, כדי צו געדענקען

ווען ס׳קומט אוים שבת און ווען ס׳פאלט אוים א יום טוב, כאטש קיין איבעריגען נחת פון די שבת׳דיגע און יום-טוב׳דיגע טעג האבען זיי ניט...

האב איך זיך טאקע דערוואוסט וואס פאר א טאג עס איז אויף דער וועלט ערשט דאן ווען איך בין פון מאסקווע געקומען אין מיין געבורטס-שטעטל אין אוקראינע. און איך בין זיך מודה, אז ס׳איז מיר געווען אנגענעם זיך דאס צו דערוויסען; איך האב דערביי געהאט פונקט אזא געפיהל ווי איך וואלט זיך געטראפען מיט אן אלטען גוטען פריינד, וועמען איך האב שוין א לענגערע צייט ניט געזעהן און נאך וועמען איך האב שטארק געבענקט...

מיינע צוויי ברידער, בוזי און דניאל, האבען פון מיר גע־לאכט, ווען איך האב זיי דאס געזאגט. זיי ביידען פעהלען אינגאנצען ניט די נעמען פון די טעג; זיי קענען זיך באגעהן אהן דעם, פונקט ווי זיי קענען זיך באגעהן אהן די נויטיגסטע באקוועמליכקייטען אין לעבען...

און אזוי איז אויך מיט די אנדערע ערליכע קאמוניסטישע טוער, וועלכע זיינען שטענדיג פארטאן אין זייער ארבייט.

צו וואס דארפען זיי די נעמען פון די טעג ווען ס׳איז מיט זיי פונקט דאס זעלבע ווי מיט יענעם פרומען מגיד, וועלכער האט אין זיין דרשה פאר׳ן עולם געזאגט, אז ס׳איז ניט זונטאג און ניט מאנטאג און ניט דינסטאג און ניט מיטוואך און ניט דאנערשטאג און ניט פרייטאג און ניט שבת; „נאר ווייסט איר וואס פאר א טאג עס איז היינט? היינט איז ראש השנה!”

ביי זיי, ביי די ווירקליך איבערגעגעבענע קאמוניסטישע טוער, איז יעדער טאג ראש השנה; זיי זיינען שטארק פארטאן אין דער אויפבויאונג פון לאנד און זיי גלויבען פרום אין זייער אידעאל.

כאטש ס׳איז אין שטעטל שוין כמעט נישטא קיין איין זאך, אויף וואס עס זאל ניט זיין דער שטעמפעל פונ׳ם נייעם רעזשים, שוין אריינרעכענענדיג דעם חורבן, דעם דלות און דאס שרעקליך שווערע לעבען, זיינען פונדעסטוועגען נאך געבליבען אייניגע זאכען, וואס דער נייער רעזשים האט איבערגעלאזען און זיי עקזיסטירען נאך פונקט ווי אין די אמאליגע אלטע צייטען.

עס איז שוין א געשיכטע פון דורות און דורות זינט עס איז אין טראסטינעץ יעדען דאנערשטאג א יאריד, און נאך

ביז היינטיגען טאָג האָט מען אין דעם קיין ענדערונג ניט געמאַכט. כאָטש איין גאָט ווייסט צו וואָס מען דאַרף דעם יאַריד און וואָס פאַר אַ נוצען ער ברענגט.

גראָד איז אויפ׳ן צווייטען טאָג פון מיין קומען אין שטעטעל געווען דער יאַריד, און איך האָב, ס׳פארשטעהט זיך, ניט געקענט דורכלאָזען די געלעגענהייט צו זעהן וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט איצט.

געווען איז דאָס אין אַ טאָג, ווען דער פראָסט האָט נאָכגע־לאָזען און דער שניי האָט אָנגעהויבען זיך צוצוגעהן. די זון האָט געשיינט און פון די בערג און פעלדער אַרום און זיינען געלאָפען ריטשקעלאך און האָבען מיט זיך מיטגעשלעפּט וואו נאָר ערגעץ אַביסעל שמוץ און מיסט, וואָס זיי האָבען אויפ׳ן וועג געפּאַקט. אָבער די לופט אין דרויסען איז דאָך געווען ריין און פריש און אַנגענעם — אוקראַינע!

אויף דער „טאָרהאָוויצע" און אויפ׳ן מארק זיינען געשטאַנען שליטענס און פוהרלאך, און מענשען האָבען זיך געשטופּט. עס איז שוין מער ניט געווען די אוקראַניש־ראַשיגע פארביגקייט, וואָס האָט אַמאָל געררייצט דאָס אויג; די פערדלאך ביי די שלי־טענס און פוהרלאך זיינען געווען איינגעדאַרטע, קלייניגקע און שרעקליך אויסגעמאָגערטע; עס האָט אויפ׳ן יאַריד געפעהלט דער טומעל פון אַמאָל, דער אימפּעט פון אַמאָל; אויף אַלעמענס פּנים׳ער איז געווען אויסגעגאָסען אַ טרויער, אַ טיפע מרה שחורה, אויף אַלץ און אויף אַלעמען האָט זיך געפיהלט אַ שווערער דרוק ווי זיי וואָלטען זיך אונטער גאַנצע בערג מיט משא אין דרייען געבויגען; קיינער האָט ניט גערעדט הויך, קיינער האָט ניט געשריען, קיינער האָט זיך ניט געפיהלט פעסט ביי זיך. און אַ זאַך, וואָס מען האָט גלייך געקענט באַמערקען ווען מ׳האָט זיך מיט אָפענע אויגען צוגעקוקט, איז געווען דאָס וואָס די יוצרות האָבען זיך אינגאַנצען איבערגעדרעהט אונטער׳ן נייעם רעזשים; אַנשטאָט דעם וואָס אַמאָל זיינען די אידען געווען די הענדלער און די פּויערים זיינען געווען די קונים, זיינען די פּויערים איצט די הענדלער און די אידען פונ׳ם שטעטעל זיינען די קונים...

די אידען טראָגען פּונקט אַזעלכע צוריסענע און קויטיגע פעלצלאך ווי די פּויערים און פּונקט אַזעלכע אָפּגעריבענע קוטש־

מעס ווי זיי. אויך די אידישע ווייבער געהען פונקט אזוי אפגעריסען און אפגעשליסען ווי די פויערטעס; זיי טראגען פונקט אזעלכע צוריסענע שאלען, מיט קווייטען און אהן קווייטען, און אויך פונקט אזעלכע שווערע שטיוועל, פוישטען און צוריסענע שיך. זעלטען ווען מען זעהט דארט א מענשען, א מאן, אדער א פרוי, וואס זאל זיין אנגעטאן אזוי, אז עס זאל כאטש עטוואס זיין א דערפרישונג פאר'ן אויג...

קיין אנדער זאך ווי עסענווארג פארקויפט כמעט קיינער ניט פון די פויערים אויפ'ן יאריד; מען פארקויפט אלטגעבאקען ברויט פאר צעהן, צוועלף און פופצעהן רובעל א שטיק; מען פארקויפט רעטעכלאך, געטריקענטע בארלעך, אייער, ציבעלעס, קנאבעל און אויך אנדערע זאכען. און אלעס איז שרעקליך טייער, אלעס איז מיט גאלד צוגלייך, און ווען א פרוי קען זיך פארגינען צו קויפען אן עוף, פאר א 12-10 רובעל, קוקט זי זיך פארזיכטיג ארום מען זאל עס ביי איר נאך ניט אויסכאפען אויפ'ן וועג...

כאטש עס איז אין דרויסען געווען א שניי, האב איך פונדעסטוועגען געזעהן מענשען אהן שיך, איינגאנצען בארפוס. ביי איין הויז איז געשטאנען א בארפוסער פויער אן איינגעדארטער; עס איז אים, קענטיג, געווען זעהר קאלט, ער איז געווען דערפרארען, האט ער דאריבער געהאלטען אין איין „בייטען" די פיס: אלעמאל האט ער אן אנדער בארפוסען פוס אנגעשפארט אן דער וואנט און איז מיט איינעם געבליבען שטעהן אין שניי...

עס איז געווען א רחמנות צו קוקען אויף אים.

אבער ווי מיר האט געשיינט, בין אין געווען דער איינציגער, וואס האט אויף אים געקוקט מיט רחמנות. די אנדערע האבען אויף אים אזוי ניט געקוקט; עס איז שוין ביי זיי א גאנץ געוועהנליכע זאך צו זעהן א מענשען בארפוס אין א קאלטען ווינטער-טאג...

געהענדיג איבער'ן מארק האב איך א סך באקאנטע געטראפען. אלע מאל האב איך זיך געדארפט אפשטעלען און באלד איז ארום מיר א גאנץ רעדעל געווארען.

— וואס מאכסטו? — האב איך אלעמאל אן אנדערן געפרעגט. און דער ענטפער איז אלץ געווען דער זעלבער:

— וואס זאל מען מאכען? מען ווערט פארפוילט!..

אַלע האָבען געוואָלט וויסען ניים וועגען דעם לעבען אין אַמעריקע און אַלע האָבען געהאַט צו דערצעהלען ניים וועגען דעם לעבען אין שטעטעל, און צווישען די ניים, וואָס מען האָט מיר דערצעהלט, איז אויך געווען אַזאַ פּאַסירונג:

— דו געדענקסט דאָך נאָך געוויס וואָלאָדיאַ׳ן, — מאַכט אַזוי צו מיר איינער. — וואָלאָדיאַ דעם לאַנגען? זיין טאַטע איז געווען אַ שרייבער ביים סטאַראָסטאַ פון שטעטעל.

— נו, געוויס געדענק איך אים. איך וואָלט אים טאַקע געוואָלט זעהן.

— דו קענסט אים מער ניט זעהן, — האָט מען מיר געענטפערט, — היינט אין דער פרי האָט מען אים געפונען אַ טויטען אין גאַס. ער איז געשטאָרבען פאַר הונגער.

און דערצעהלט האָט מען עס אַזוי, פּונקט ווי דאָ וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ גאַנץ געוועהנליכער זאַך, פּונקט ווי שטאַרבען פאַר הונגער וואָלט שוין גאָר קיין ניים ניט געווען.

אויפ׳ן מאַרק האָט מען אויך געקענט זעהן אַ סך פון די נייע בעאַמטע אין שטעטעל — מענשען פון דער „גע־פּע־או״, אַ פּאָר מיליציאָנערען, פּרעזידענטען, נאַטשאַלניקעס און סעקרעטאַרען פון די פאַרשידענערליי סאָוועטישע אינסטיטוציעס אין שטעטעל. דאָס אַלטע און דאָס נייע האָט זיך אויסגעמישט איינאיינעם און האָט זיך דאָך ניט צוגעקלעפּט איינס צום אַנדערען. און פּונקט ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשעהן און קיין זאַך וואָלט זיך ניט געביטען, איז ביים וועג אויף אַ זעקעל שטרוי אינ׳ם בלאָטיגען שניי געזעסען אַ בעטלער, אַן עכטער אוקראַינישער „לירניק״ פון די אַלטע צייטען, און ער האָט אויף אַ לירע אויסגעשפּילט די זעלבע אוקראַינישע בעטלערישע ניגונים, וואָס זיין זיידע און עלטער־זיידע האָבען נאָך געשפּילט; שפּילענדיג האָט ער געזונגען „סוויאַטעי לאַזאַרי״ און אַנדערע בעטלערישע לידער, און דערנאָך האָט ער זיך צולאָזט אויף די גאָר הויכע טענער:

„האָספּאָדי, מי מילאָסערדעי
די וויסאָקקאָהא נעבא.
דאַי זשע מיני בובליטשקו
בו צע דוזשע טרעבאַ״.

אַמאָל איז דאָס זעלבע לידעל געגנאַגען מיט אַן אַנדער

נוסח; דער לירניק, וואָס האָט אויפ'ן יאַריד געקענט זיצען אַ גאַנצען טאָג אויף אַ זעקל שטרוי, האָט זינגענדיג געבעטען די פאַרבייגעהער, אַז זיי זאָלען אים ניט געבען קיין בייגעל, ווייל אַ בייגעל איז קיילעכדיג און ער קען זיך נאָך אַוועקקייקלען; מען זאָל אים ניט געבען קיין מעהל, ווייל מעהל איז אין אַ טאָר־בעלע און עס קען זיך נאָך פונאַנדערשיטען; דערפאַר זאָל מען אים בעסער געבען אַ גראָשען, ווייל פאַר אַ גראָשען וועט ער קענען קויפען, וואָס ער דאַרף פאַר זיך און פאַר ווייב און קינדער. איצטער, אָבער, בעט ער ניט קיין גראָשען, ווייל ער קען דערפאַר גאָרנישט קויפען איבער דעם וואָס דער יקרות איז אַזוי גרויס; אָנשטאָט דעם בעט ער ביי „גאָט דעם דערבאַרעמדיגען אינ'ם הימעל דעם הויכען", אַז מען זאָל אים געבען אַ בייגעל, אַ שטיקעל ברויט, ווייל דאָס דאַרף ער...

פויערים און פויערטעס שטעלען זיך אָפּ לעבען אים. קיין ברויט און קיין מעהל קענען זיי אים ניט געבען, ווייל די מערסטע פון זיי האָבען דאָס אַליין ניט. זיי וואַרפען אַריין מטבעות אינ'ם אַלטען געגלעזטען שיסעלע, וואָס שטעהט לעבען אים. און פונקט ווי ער בעט ביי זיי נדבות, אַזוי בעטען זיי ביי אים, אַז ער זאָל בעטען גאָט פאַר זיי. זאָל זיך גאָט דער־באַרימען!...

מען געדענקט אין שטעדטעל, ווען ס'איז דאָנערשטאָג און ס'דאַרף זיין אַ יאַריד און מען געדענקט אויך ווען עס איז שבת.

אין גאַס אָבער פיהלט ער זיך ניט, דער שבת. זעלטען ווען אַ איד טוט זיך אָן אין דעם טאָג אַנדערש ווי אין דער וואָכען. עס איז פשוט ניטאָ וואָס אָנצוטאָן. און אין שטוב איז אפילו ניטאָ קיין סימן פון שבת'דיגע מאכלים און ווייסער חלה. מען האָט שוין לאַנג פאַרגעסען וואָס פאַר אַ טעם חלה האָט.

די שול, די אַלטע שול, אויף וועלכער עס הענגט אַ שלאָס במעט אַ גאַנצע וואָך, ווערט דעם טאָג געעפענט. דאָס טוט דער שמש, אַן אַלטער איד, אַ נידערגעשלאָגענער, ביי וועמען אין הארצען עס טליעט שוין ניט אפילו קיין ברעקעל האָפענונג. און מען האָט מיר דערצעהלט, אַז אַלע מאָל, ווען ער נעמט אַרונטער דעם שלאָס פון דער שול, גיסט ער מיט טרערן...

נאָך מער וויינט ער ווען ער פאַרשליסט זי ווידער...

אידען קומען אין שול אַריין, דאַווענען אָפּ אויף שנעל און געהען אַהיים שטיל. און אין דער היים כאַפּט מען איבער וואָס ס'איז נאָר דאָ, מען רוהט זיך אָפּ אַביסעל פון דער שווערער אַר־בייט, ווייל אין שטעטעל איז שווער צו געפינען אַ אידען, וואס זאָל ניט ארבייטען שווער; אויב ער איז ניט אינ'ם „קאָלכאָז", איז ער אין „ארטעל", און אויב ער איז ניט אין „ארטעל", אַר־בייט ער גלאַט שווער, כדי צו פאַרדינען אויף אַ שטיקעל ברויט. רוהט ער זיך אביסעל אָפּ פון דער שווערער ארבייט, און עס הייסט, אַז ער האַלט שבת...

אין אַזאַ שבת אין שטעדטעל האָב איך באַזוכט די היימען פון עטליכע אַלטע באַקאַנטע מיינע. צוליב אַ סך אורזאַכען, און דער עיקר צוליב דעם, וואָס איך האָב די אָרימע מענשען ניט געוואָלט פאַרשעהמען, האָט עס ניט געדאַרפט הייסען, אַז איך בין צו זיי געקומען ספּעציעל. איך האָב אומעטום דעמזעלבען תירוץ אָנגעגעבען, אַז איך בין גראָד פאַרבייגעגאַנגען, בין איך אַריינגעקומען.

עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקען אויף די מענשען, ווי זיי האָבען זיך געפיהלט אין אַ שרעקליכער פאַרלעגענהייט, ווען זיי האָבען מיך ביי זיך אין הויז דערזעהן.

— מיר האָבען דאָך אפילו ניט מיט וואָס דיך אויפצור־נעמען, מיט וואָס דיך מכבד צו זיין...

דאָס האָב איך געהערט אין די אַלע הייזער, וואוהין איך בין יענעם שבת אַריינגעקומען. און איך האָב אומעטום געזעהן אַזאַ שרעקליכע אָרימקייט, אַזאַ חשכות, אַזאַ פאַרצווייפלונג, אַז עס האָט פאַרקלעמט ביים הארצען קוקענדיג דארויף. דער איינ־ציגער ליכטיגער שטראַל אינ'ם לעבען פון יענע אומגליקליכע מענשען איז די צוקונפט פון די קינדער. די קינדער זייערע לערנען, די קינדער זייערע שטרעבען און זיי ווילען זיך זיכער צו עפּעס צושלאָגען; אין שטעדטעל וועלען די קינדער ניט בלייבען, ווייל זיי רייסען זיך אַלע קיין מאָסקווע. און וויסען דאַרף מען, אַז די אידישע קינדער אין דער פּראָווינץ איצטער זיינען ניט ווי טשעכאָוו'ס פּראָווינציעלע „באַרישניעס", וועלכע האָבען געקענט זיך אויפכאַפּען ביינאַכט און מיט בענקשאַפט אויסרופען „קיין מאָסקווע!" „קיין מאָסקווע!" און — אַלע

בלייבען אין דער היים, אין דער פארשימעלטער פראווינץ... ווען א אידישער בחור'ל, אָדער א אידיש מיידעל היינטיגע צייטען באַשליסט צו פאָהרען קיין מאָסקווע, ווערט געשאַפען א מעגליכ־קייט און — מען הויבט זיך אויף און מען פאָהרט...

ליגען טאַטעס און מאַמעס ארויף די איינציגע האָפענונג אויף די קינדער, און אליין?

אליין פוילט מען דערווייל, אליין געהט מען אונטער, אליין הונגערט מען און מען ווערט אויפגעפרעסען פון שמוץ און אומ־ריינקייט. און ווען ס'קומט שבת און דאָס הארץ ווערט נאָך מער פארביטערט און פראַקלעמט פון דעם, וואָס אין שטוב איז גאָרנישטאָ, טרייסט מען זיך אמאָל דערמיט, וואָס מען געפינט נאָך אן אַלט סערוועטעל דעם טיש צוצודעקען...

ניט אַלע אָבער האָבען נאָך די אַלטע סערוועטלאך פון אמאָל...

אין איין הויז, וואוהין איך בין אריינגעקומען אומגעריכט, האָט מען, אויף שנעל און אין גרויס פארלעגענהייט, דעם טיש מיט אן אלטען סערוועט צוגעדעקט, און באַלד האָט מען אויפ'ן טיש אוועקגעלייגט א ברויט, א שווארץ ברויט, אן אלטגעבאַקע־נעם.

אויך בראנפען האָט מען צום טיש דערלאנגט, און טאַקע א טעלערעל צימעס אויך. דער בעל הבית, וועלכער איז נאָר וואס פון דער שול געקומען, האָט זיך גאָר דערפרעהט איבער מיר, ווייל ער האָט מיך נאָך געקענט פון יענע צייטען, ווען איך בין א קליין אינגעל געווען. ער האָט מיט מיר געהאַט צו ריידען און צו ריידען פון די אמאָליגע צייטען און אויך פון דעם, וואס ער האָט איבערגעלעבט אינ'ם פאָגראָם; ער האָט זיך געקלאָגט דארויף, וואָס ער לעבט זעהר אָרים, וואָס זיין שטוב זעהט אויס ווי א חזיר־שטאַל, וואָס ער און זיין פאַמיליע דארפען אמאָל צוהונגערען אביסעל, און ריידענדיג אזוי, האָט ער געזאָגט:

— פונדעסטוועגן מעגסטו מיר גלויבען, אז ווען איך וואָלט נאָר געהאַט א דעה, וואָלט איך געזעהן, אז עטליכע מאָל אין דער וואָך זאָלען אין שטאָדט שפּילען קלעזמער פאר דער סאָוועטסקע וולאַסט (סאָוועטען־מאַכט). דו הערסט? קלעזמער זאָלען שפּי־לען. וואָרים אָהן דער סאָוועטסקער וולאסט וואָלט געווען נאָך טויזענט מאָל ערגער...

— דו פארשטעהסט — מאכט ער צו מיר, ריידענדיג ווײַטער — וואָס־וואָס —אונטער סאָוועטסקער וולאסט האָבען מיר פאַר קיין פּאָגראָמען קיין מורא ניט... מען האָט איינגעצוימט וועלף, ווילדע וועלף... און דאָס אליין האָט דאָך עפּעס די ווערט... ניין, אפשר, הא? אמת טאָקע, איצט איז שלעכט, טאָקע גאָר ביטער. אָבער אין דעם איז א סך שולדיג די „קאָנטרי״... די „קאָנטרי״ ארבייט מעשים... די „קאָנטרי״ שלאָפט ניט... די „קאָנטרי״ טוט אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגליך, צו שטערען אין דער ארבייט, אונטערצוגראָבען דעם פונדאַמענט...

דאָס וואָרט „קאָנטרי״ האָט דער איד באַנוצט א סך מאָל, און איך האָב בשום אופן ניט געקענט כאַפּען, וואָס ער מיינט. אין אָנפאַנג איז מיר איינגעפאַלען, אז ער האָט דאָס וואָרט אפשר געפּאַקט אין די בריף, וואָס ער באַקומט אודאי פון קרובים אין אמעריקע און אז ער האָט דאָס וואָרט אפשר איבערגעדרעהט אויף זיין אייגענעם שטייגער. עס איז מיר אויך איינגעפאַלען, אז עס קען זיין, אז ער ווייסט דוקא יאָ די ריכטיגע באדייטונג פון׳ם ענגלישען וואָרט „קאָנטרי״, און אז ער מיינט דערמיט דאָס דאָרף, די פּויערים, וואָס זיינען ניט צופרידען מיט דער סאָוועטען־מאַכט און קענען זיך אַלץ ניט צופּאַסען צו דעם נייעם לעבען, וואָס מען צווינגט אויף זיי ארויף געגען זייער אייגענעם ווילען. איך האָב אָבער איינגעזעהן, אז איך כאַפּ אַלץ ניט, וואָס ער מיינט מיט דעם וואָרט „קאָנטרי״, ווייל ער האָט שוין גערעדט ניט נאָר וועגען דער „קאָנטרי״ אין רוסלאַנד, נאָר אויך וועגען דער „קאָנטרי״ אין פּאַריז, אין בערלין, אין מאַנדזשוריען און אויך אין ניו יארק. און ווען איך האָב געזעהן, אז איך וועל שוין זיכער אליין ניט טרעפען, וואָס ער מיינט, האָב איך אים געפרעגט.

— וואָס?! — האָט ער זיך געוואונדערט — ד ו ווייסט ניט וואָס ס׳מיינט „קאָנטרי״? עס קען ניט זיין. „קאָנטרי״ מיינט — קאָנטער־רעוואָלוציע... איז, פאַרשטעהסטו, זי, די „קאָנטרי״, ליגט אונז אין די ביינער, טוט אונז אָן כל הרעות שבעולם, שטערט אונז אויף יעדען שריט און טריט, טוט אַלץ אזעלכע זאכען, וואָס גראָבען אונטער דעם פונדאַמענט, לאָזט אונז דעם קאָפּ ניט אויפהויבען, דערגעהט אונז די יאהרען, און דערפאַר

ליגען מיר אזוי אין דער ערד, דערפאר איז אונז אזוי ביטער און פינסטער און מיר האָבען ניט וואָס צו עסען און מיר האָבען ניט וואָס אָנצוטאָן. קוים אָבער וועלען מיר בייקומען די „קאָנ־טרי", אי פון אינעווענינ, אי פון דרויסען, וועט זיך ביי אונז אָנהויבען גאָר אַן אַנדער לעבען. דו׳סט שוין זעהן! וואָרים וואָס־וואָס — קיינער קען דאָך ניט לייקענען, אז מען בויט, אז מען סטראָיעט. די גאַזעטען שרייבען, אז די גאַנצע וועלט באַוואונדערט דאָס, וואָס מען בויט און מען סטראָיעט ביי אונז. נו, אַ וועלט איז דאָך ניט משוגע, האַ? מען בויט! אמת טאקע, ביי אונז אין די קליינע שטעדטלאך זעהט מען דאָס ניט. אָבער אין די גרויסע שטעדט!... דער עיקר איז נאָר בייצו־קומען די „קאָנטרי"!

ריידענדיג אַזוי, האָט דער איד זיך געדרעהט איבער דער שטוב אהין און צוריק, און אזוי האָט ער זיך געדרעהט און גע־דרעהט ביז ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים פענסטער. דאָרט איז ער געשטאַנען אַ ווײַלע און מיט אמאָל האָט ער זיך גע־געבען אַ ריס אָפּ פון דאָרט און צולויפענדיג צום טיש, האָט ער שנעל אלעם אראָפּגעכאַפּט און מיט׳ן סערוועט צוגעדעקט דאָס ברויט...

אין דער מינוט האָט זיך געעפענט די טיר און עס איז אריינ־געקומען אַ פויער. אַ נעבעכדיגער, אַ דערשלאָגענער איז דער פויער געבליבען שטעהן ביי דער טיר. ער האָט מיט דעם אידען עפּעס גערעדט וועגען אַרבייט און איז באַלד אוועק. און דאַן האָט דער איד אַ ווײַלע אים נאָכגעקוקט דורכ׳ן פענסטער און נאָכדעם איז ער ווידער צוגעגאַנגען צום טיש און האָט אָפּגע־דעקט דאָס ברויט...

איך האָב ניט געקענט פארשטעהן, וואס דאָס באַדייט און איך האָב ביים אידען געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, פאַרוואָס האָט איר צוגעדעקט דאָס ברויט?

און דער איד האָט געענטפערט:

— עס רייסט דאָס האַרץ... עס איז ניט אַנגענעם... ווייל זיי, די פויערים, האָבען דאָס אויך ניט...

און ער האָט צוגעגעבען מיט אַ זיפץ:

— עס איז אויף זיי אַ רחמנות!... אַ גרויסער רחמנות!...

## 6.ביים געזעגענען זיך מיט אייגענע און פרעמדע.

די געצעהלטע עטליכע טעג אין דער היים זיינען שנעל אוועק און איך האָב געמוזט זיך אָנהויבען קלייבען אין וועג אריין, ווייטער פאָרטזעצען מיין רייזע איבער סאָוועט רוסלאַנד.

די מאַמע האָט זיך געבעטען:

— זוהן מיינער, בלייב איבער כאָטש נאָך אויף איין טאָג! די גאַנצע צייט, וואָס דו ביזט דאָ, ביזטו אַלץ פאַרנומען; אָדער מענשען קומען צו דיר, אָדער דו לויפסט אַרום. איך האָב דאָך מיט דיר כמעט נאָך ניט גערעדט!...

זי האָט מיר געהאַט זעהר אַ סך צו זאָגען, די מאַמע. פאַר די דריי־און־צוואַנציג יאָהר, וואָס זי האָט מיך ניט געזעהן, האָט זי, מסתמא, ניט איין מאָל גערעדט צו מיר אין געדאַנק, פאָרשטעלענדיג זיך, אַז זי זעהט מיך, אַז זי זיצט לעבען מיר, אַז זי קוקט מיר אריין אין די אויגען. אָבער איצט, איז אַלע מאָל, ווען איך האָב זיך אַוועקגעזעצט לעבען איר און האָב זי אַרומגענומען, זיינען די אויגען ביי איר געוואָרען פול מיט טרערען, און מער ווי צוויי ווערטער האָט זי ניט געקענט אַרויסריידען:

— זון מיינער...

און זי האָט זיך צוואַויינט...

זי איז ניט געווען די איינציגע, וואָס האָט פאַר מיר געוויינט. אין די עטליכע טעג, וואָס איך בין געווען אין שטעדטעל, האָבען אַ סך מענשען פאַר מיר געוויינט. און שפּעטער, ווען איך האָב באַזוכט אַנדערע שטעדטלאָך און אויך דערפער, האָב איך געזעהן, אַז וויינען איז אַ י צ ט ע ר אין סאָוועט רוסלאַנד אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך; מען רעדט אָפּ מיט אַ מענשען עטליכע מינוט וועגען דעם ווי אַזוי ער לעבט און וואָס ער טוט, און — ער צוואַויינט זיך...

אַזוי איז דאָס מיט פרויען און אַזוי איז דאָס אויך מיט מענער.

איך האָב ניט געקענט אָפּזאָגען דער מאַמע'ן און איך בין געבליבען נאָך אויף איין טאָג. איך האָב דאָס איר צוגעזאָגט, און זי האָט זיך שטאַרק געפרעהט דערמיט. און כדי זי זאָל סוף כל סוף האָבען אַ געלעגענהייט צו ריידען מיט מיר, זיך „אָנצוטישען" מיט מיר, ווי זי האָט זיך אויף איר אוקראַינישען

אידיש אויסגעדריקט, האָט זי איבער׳ן שטעדטעל פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז איך בין שוין אוועקגעפאָהרען...

— וועט מען כאָטש דעם לעצטען טאָג ניט קומען צו דיר, — האָט זי געזאָגט.

עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזען ניט אַזוי ווי זי האָט געוואָלט. מען האָט דאָס שטעדטעל ניט געקענט אָפּנאַרען, און דעם לעצטען אָוונט פאַר מיין אוועקפאָהרען איז די שטוב געווען פול מיט מענשען — אייגענע און פרעמדע, און יעדער איינער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל גוט געדענקען אין וואָס פאַר אַ טרויעריגער לאַגע ער געפינט זיך און ווי אַזוי ער זעהט אויס: יעדער איינער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל מיט זיינע קרובים און פריינד אין אמעריקע ריידען ספּעציעל, און זעהן, אַז מען זאָל העלפען...

מיין ברודער דניאל האָט מיר באַצייטענס געלאָזט וויסען, אַז אין דער פרי וועט ער מיך ניט קענען באַגלייטען צום באַן; ער האָט קיין צייט ניט. ער איז שטאַרק פאַרנומען אין די דערפער און מוז אַכטונג געבען, אַז מען זאָל פאַרזייען די פעלדער, כדי עס זאָל זיין גענוג ברויט, און פון אַזאַ אַרבייט קען ער, דער פאַרברענטער קאָמוניסט, צוליב מיר זיך ניט אָפּרייסען. אין אָוונט איז ער געקומען אין גרוים איילעניש רייטענדיג אויף אַ פערד און באַוואָפענט מיט אַ רעוואָלווער. ער איז ניט לאַנג געזעסען, און מיט אַמאָל האָט ער זיך געגעבען אַ הויב אויף:

— נו, — האָט ער געזאָגט, ווענדענדיג זיך צו מיר, און דערביי האָט ער פאַרצויגען שטייפער דעם לעדערנעם פּאַס אויפ׳ן שוואַרצען העמדעל, — נו, לאָמיר זיך געזעגענען!

מיר האָבען זיך צוקושט, און ער איז אוועק און מער האָב איך אים ניט געזעהן.

אויך מיין ברודער בוזי, דער, וואָס איז צוזאַמען מיט מיר פון מאָסקווע געקומען צו דער מאַמען, איז אין יענעם אָוונט ערגעץ אוועקגעגאַנגען, כאָטש איך האָב אים געבעטען, ער זאָל דעם לעצטען אָוונט פאַרברענגען מיט מיר. ערגעץ האָבען זיי אַלע געדאַרפט געהן, עפּעס זיינען זיי אַלע געווען פאַרנומען, די איינגערע ברידער מיינע... אין שטוב זיינען געבליבען עטליכע ווייטע קרובים און גלאַט פרעמדע מענשען, האָט מען

גערעדט און גערעדט, און די מאמע איז ווידער געווען ניט צו־פרידען פון דעם, וואס „מען נעמט מיך צו" ביי איר...

אויפ'ן טיש איז, ווי עס פּאסט זיך ביי אזא געלעגענהייט, געווען ברויט, שווארצע ברויט, אַלטגעבאַקענע. מען האָט גע־טרונקען טיי מיט דעם צוקער, וואָס איך האָב געבראכט פון מאָסקווע. און די מאַמע, אַן אַלטע פרוי, מיט זעהר ווייניג ציין אין מויל, האָט געקייט דאָס שווארצע אַלטגעבאַקענע ברויט, וואָס איך האָב אין מויל אַריין ניט געקענט נעמען און דער־ביי האָט זי גערעדט שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ:

— דו ווייסט, זוהן מיינער, און אין שטעדטעל זאָגט מען שוין, אַז זינט דו ביזט דאָ האָלט מען ביי אונז אין איין פּראָ־ווען וועטשערינקעס, אַז מען האָט געבאַקען ווייסע קוילעטשען און מען האָט געבראָטען קאַטשקעס און גענז...

זי האָט ניט גערעדט גלאַט אזוי אין דער וועלט אַריין, די מאַמע. אין שטעדטעל, וואו אַלע זיינען מערסטענטיילס הונגעריג, האָט מען טאקע פאַרשפּרייט אזעלכע קלאַנגען. מיר אַליין איז אויסגעקומען צו הערן, ווי איינער האָט געזאָגט:

— אָט אזא מזל האָבען מיר שוין: ווען עס קומט שוין אַמאָל צופאָהרען צו אונז אַ מענש פון דער ברייטער וועלט, פאַלט ער גראָד אַריין אין אַזאַ שטוב, וואו עס איז דאָ פון אַל דאָס גוטס...

„אַל דאָס גוטס" — דאָס האָט, אפנים, געמיינט שווארצע ברויט, אַלטגעבאַקענע, ווייל קיין אַנדער ברויט האָב איך ביי מיין מאַמע'ן אין שטוב ניט געזעהן.

אין יענעם אָוועגט האָב איך איינגעזעהן, אַז אפילו אין די ערגסטע און שווערסטע צייטען פאַרלירט אַ איד ניט די אַלטע שוואַכקייט זיינע צו אַ גלייכווערטעל און אַ וויץ.

מען האָט זיך צורעדט וועגען דעם, וואָס סאָוועט רוסלאַנד וויל אָניאָגען און אַריבעריאָגען אמעריקע, האָט איין איד מיט אַ קלוגען שמייכעל אויפ'ן פּנים געגעבען אַ זיפץ און האָט געזאָגט:

— אויף אמעריקע איז, נעבאַך, אַ ביטערער רחמנות; עס רייסט מיר דאָס הארץ ווען איך טראַכט פון אמעריקע!

— פאַרוואָס? — האָט מען ביי אים געפרעגט.

און דער איד האָט געענטפערט:

— מהאי דאַך, מיר פּרוּווען ערשט אָניאָגען אמעריקע

און ביי אונז איז אזוי שלעכט און ביטער, היינט שטעלט זיך שוין פאַר ווי שלעכט און ביטער עס איז אין אמעריקע!... נו, זאָגט אליין, זאָל ניט רייסען דאָס האַרץ?...

און אַן אַנדער איד האָט זיך ביי מיר געבעטען, מאַכענדיג דערביי אַ כלומר׳שט ערנסטע מינע:

— יאָגט זיך ניט אזוי שטאַרק דאָרט אין אַמעריקע; מיר האָבען שוין קיין כח ניט אייך אָנצויאָגען... און פאַרגעסט ניט, אז נאָכדעם ווי מיר וועלען אייך אָניאָגען, וועלען מיר ערשט דאַרפען אייך אַריבעריאָגען...

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט נאָך אַ איד:

—נישטקשה,— האָט ער געזאָגאַט,— עס וועט אונז איצטער שוין ניט זיין שווער אייך אָנצויאָגן און אַריבעריאָגען; מיר געהען שוין באָרפוס און מיט באָרפוסע פיס איז ניט שווער צו לויפען...

אין דער געזעלשאַפט זיינען אויך געוועזן אַ פּאָר קריסטען, און ווען זיי האָבען געהערט ווי מען רעדט וועגען אָניאָגען און אַריבעריאָגען אַמעריקע, האָט איינער פון זיי דערצעהלט דעם נייעם נוסח, וואס ער האָט וועגען דעם געהערט אין מאָסקווע, אז אינ׳ם ערשטען פינף־יאהריגען פּלאַן וועט מען יאָגען און אריבעריאגען; אינ׳ם צווייטען פינף־יאָהריגען פּלאַן וועט מען ציהען און אַריבערציהען, און אינ׳ם דריטען פינף־יאָהריגען פּלאַן וועט מען פוילען און איבערפוילען...

אין רוסיש האָט דאָס געקלונגען זעהר גוט. עס איז געווען אַ פיינע שפּיל אין ווערטער.

דערהערט, אז מען רעדט שוין וועגען אַ צווייטען און אויך אַ דריטען פינף־יאָהריגען פּלאַן, האָט איינער זיך אָנגערופען:

— איך קען נאָך גלויבען און איך קען זיך פאָרשטעלען, אז עס וועט זיין אַ צווייטער פינף־יאָהריגער פּלאַן; אַ דריטער. אָבער — דאָס געווים ניט! עס איז געגען געזעץ...

— פאַרוואָס? — האָט מען אים געפרעגט.

ווייל אין די סאָוועטישע געזעץ־ביכער, — האָט ער געענט־פערט, — שטעהט בפירוש געשריבען, אז צעהן יאָהר איז די העכסטע שטראָף, וואס מען קען געבען אַ מענשען... נו, וועט איר מיר דאָך ניט איינריידען, אז די רעגירונג אונזערע וועט האנדלען געגען געזעץ און וועט איינפיהרען אַ דריטען פינף־

יאהריגען פלאן נאך דעם, ווי זי וועט דורכפיהרען צוויי פינף־יאהריגע פלענער...

אט די אלע וויציגע באמערקונגען, וועלכע ווערען געוועהנ־ליך אויפגעכאפט זעהר שנעל, זיינען שוין ביי מיר ניט געווען קיין נייעס. איך האב זיי געהערט נאך אין מאסקווע אין פאר־שידענערליי קרייזען פון קינסטלער, שריפטשטעלער, אינזשענירען, סאוועטישע באאמטע און גלאט מענשען, וואס האבען ליב א וויץ. אבער דארטען, אין יענע קרייזען, האט עס ניט געהאט דעם טעם ווי אינ'ם קרייז פון די פשוט'ע מענשען, וועלכע זיינען אליין די קרבנות פון דעם נייעם גרויסען איבערבוי, וואס רייסט ארוים מיט'ן ווארצל אלעס, וואס ס'האט נאר אויף זיך א שטעמפעל, אדער א סימן פון דעם אלטען...

וויצלענדיג זיך און מאכענדיג אזעלכע באמערקונגען, וואס קענען נאך שלעכט אויסגעטייטשט ווערען פון מענשען, וואס האבען ניט, אדער ווילען ניט האבען קיין חוש פאר הומאר, האט איין איד גאר פלוצלונג געגעבען א מאך מיט'ן פינגער:

— ש־ש־ש! פארזיכטיג!..

און אנווייזענדיג אויף די קינדער, וואס האבען זיך גע־פלאנטערט פאר די פיס, האט ער געזאגט:

— פאר'ן קליינוואורג דארף מען זיך היטען... זאל זיין גענוג!

און ס'איז געווען גענוג...

מער האט מען זיך ניט געוויצעלט. מען האט מער ניט געזאגט קיין גלייכווערטלאך...

טאטעס און מאמעס האבען מורא געהאט פאר די קינדער...

דאס האט מיט אמאל אינגאנצען געביטען די שטימונג.

איינער, אן עלטערער איד, האט געגעבען א זיפץ:

— נו, דערלעבט צייטען!...

— מען טאר שוין גאר קיין ווארט ניט אויסריידען...

— און פאר וועמען דארף מען זיך היטען? פאר די איי־גענע קינדער!...

— עך, עך, עך! ...

און דא האט א מאמע גאר פלוצלונג באקומען א חשק, אז איר קינד, א מיידעלע פון א יאהר אכט, זאל ווייזען דעם גאסט פון אמעריקע ווי געראטען זי איז. איז דאס מיידעלע ארויף

אויף א ביינקעל און אַנהויבענדיג גלייך פון די אויבערשטע טענער, האָט זי גענומען דעקלאַמירען:

„יאַ לעניגסקי צוויטעטשעק,
יאַ סטאַלינסקי בוקעט".

ווייטער איז דאָס ביי איר ניט געגאַנגען, ווייל אין מיטען דערינען האָט זי זיך צעוויינט און איז אַראָפּ פון ביינקעל...

דערמיט האָט זיך עס נאָך ניט געענדיגט. דאָס מיידעלע האָט זיך נאָך שטארקער צעוויינט, ווען די אַנדערע קינדער האָבען אָנגעהויבען לאַכען פון איר. זי האָט אַזוי געוויינט און געכליפּעט, אַז מען האָט זי געמוזט אפּטראָגען אהיים אויף די הענט. און דאן האָבען די אנדערע קינדער, פאר וועמען די טאַ־טעס און מאַמעס האָבען מורא געהאַט צו ריידען, מיט אַמאָל פארנומען דעם אויבען־אָן; אלע מאָל האָט אן אנדער מיידעלע, אָדער אַן אַנדער אינגעלע דעקלאַמירט, און פון דעם, וואָס זיי האָבען דעקלאַמירט, שטעהענדיג אויף דעם ביינקעל, וואו דאס ערשטע מיידעלע איז אַזוי נעבעכדיג דורכגעפאלען, איז אויס־געקומען, אַז יעדער קינד איז א „לענין־בלימעלע" און א „סטאַלין־בוקעט"...

ווען אַלע זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען איז שוין געווען זעהר שפּעט. די מאַמע איז געווען צופרידען פון דעם וואָס עס זיינען שוין מער נישטאָ קיין פרעמדע מענשען. האָט זי זיך אוועקגעזעצט לעבען מיר און איז שוין געווען גרייט צו ריידען. אָבער איין קוק אירער אויף מיר איז געווען גענוג, אַז זי זאָל בייטען איר באַשלוס:

— קינד מיינס, — האָט זי געזאָגט, — דו ביזט אַזוי מיד. זיי האָבען דיך פארמאַטערט. געה שלאָפען!...

אין דער פריה האָט מען ניט געוואוסט צי דער צוג וועט אָנקומען אין שטעדטעל צי ניין. אויפ'ן וואָקזאַל האָט מען דאָס אויך ניט געקענט אויסגעפינען באַשטימט; דאָרטען האָט מען דאָס אויך ניט געוואוסט אויף זיכער. עס קען זיין, אַז דער צוג וועט אָנקומען און ס'קען זיין, אַז ער וועט ניט אָנקומען. זאָל מען וואַרטען ביז ס'וועט זיך דערהערען א פייף...

ווען ס'וועט פייפען, וועט מען וויסען, אַז דער צוג איז אָנגעקומען...

האָבען מיר אַלע לאַנג געוואַרט ביז עס האָט זיך דערהערט א פייף פון דעם וואַקזאַל און דאַן זיינען מיר אַהין אַוועק.

אויפ'ן וואָקזאַל זיינען געווען א סך מענשען, אידען און קריסטען. דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט מיך באַגלייט, פונקט ווי דאָס גאַנצע שטעדטעל האָט מיך באַגעגענט — מיט דער גאַנצער אָרימקייט און קוויטיגקייט, מיט דער גאַנצער חשכות, וואָס מען האָט אויף זיך געטראָגען...

און ווידער האָט מען מיר מיטגעגעבען אַדרעסען צו קרובים און פריינד אין אַמעריקע. און ווידער האָט מען מיך געבעטען, אַז איך זאָל ניט פאַרגעסען אין וואָס פאַר א טרויעריגער לאַגע זיי געפינען זיך...

— זאָל מען אונז העלפען! מיר ווערן דאָ פאַרפוילט!...

די מאַמע איז געשטאַנען לעבען מיר, און וויסענדיג, אַז די מינוטען, די סעקונדען, זיינען געצעהלטע, איז זי געווען ברוגז אויף יעדען מענשען וואָס האָט צו מיר א וואָרט גערעדט און מיין אויפמערקזאַמקייט אַוועקגעצויגען. און ווען עס האָט זיך דערהערט דער ערשטער קלונג פון דעם גלאָק אויפ'ן וואַקזאַל, האָט זי זיך שטאַרק צוּוויינט:

— זוהן מיינער, איך האָב דאָך מיט דיר נאָך ניט גע־רעדט!...

זי איז געווען זיכער, אַז אין איר לעבען וועט זי מיך מער שוין קיינמאָל ניט זעהן, און זי האָט זיך נאָך שטאַרקער צו־כליפּעט אויפ'ן קול:

— זוהן מיינער!... זוהן מיינער!

איך האָב געוואָלט זי באַרוהיגען, אָבער מער ווי איין וואָרט האָב איך ניט געקענט אַרויסריידען:

— מאַמע!...

טרערן האָבען מיך געשטיקט. איך בין אויך געווען זי־כער, אַז מער וועל איך זי ניט זעהן.

דער צוג האָט זיך גערירט.

פון דערווייטענס האָב איך נאָך געהערט ווי מיין מאַמע וויינט, און איך האָב געזעהן ווי די שוועסטער מיינע האַלטען זי צו, זי זאָל ניט אומפאַלען...

איין סטאַנציע בין איך געפאָהרען צוזאַמען מיט מיין ברו־דער בוזי. אויפ'ן וועג האָב איך זיך מיט אים צורעדט וועגען

דעם איינדרוק, וואָס דאָס לעבען אין שטעדטעל האָט אויף מיר געמאַכט. ער האָט מיך אויפמערקזאַם אויסגעהערט און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— אַזוי איז דער מאַרש פון דער געשיכטע!... דער אַל־טער דור דאַרף און מוז אָפּשטאַרבען און מאַכען פּלאַץ פאַר דעם יונגען דור... דער סאָוועטען־פאַרבאַנד איז ניט קיין לאַנד פון'ם ה י י נ ט, נאָר פון'ם מ אָ ר ג ע ן...

איך האָב געפּרואווט אים באַווייזען, אַז אפילו ביי אַזאַ ריזיגען סאָציאַלען איבערבוי איז ניט נאָר מעגליך, נאָר אויך נויטיג א מענשליכער צוגאַנג. אָבער ער האָט זיך פעסט געהאַלטען ביי זיין מיינונג, אַז אַזוי געהט דער מאַרש פון דער געשיכטע, און געענדיגט דעם געשפרעך האָט ער אויף זיין אייגענאַרטיגען שטייגער:

— „הכלל — אָפּגערעדט!"...

אויף דער סטאַנציע דעמקאָווקע האָבען מיר זיך געזע־גענט, צוקושענדיג זיך ווי צוויי ברידער, וואָס האָבען זיך ליב, כאָטש זיי זיינען ביידע פון צוויי באַזונדערע וועלטען...

ער איז געפאָהרען צוריק קיין מאָסקווע און איך האָב זיך פאַרקירעוועט אין אַן אַנדער זייט פאָרטצוזעצען מיין רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד.

אונזערע וועגען האָבען זיך ווידער צושיידט...

פערטער קאַפּיטעל.

# אין די דערפער.

אין אַ סך שטעדט פון סאָוועט־רוסלאַנד, און ניט דוקא אין די קרייזען, וואו מ'איז געשטימט געגען דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, נאָר אויך אין עכט כשר'ע קאָמוניסטישע קרייזען, קען מען גאַנץ אָפט הערען אַ געשיכטע, וואס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאר דעם איצטיגען שווערען לעבען אין לאַנד.

„אַ פּויער פון אַ דאָרף, — דערצעהלט מען, — איז געקומען אין אַ גרויסער שטאָדט אַלס אַ דעלעגאַט אויף אַ סאָוועטישער קאָנפערענץ. קיין געבילדעטער איז ער ניט געוועזען, ער האָט אָבער געהאַט גרויס דרך־ארץ פאר געבילדעטע מענשען, און אויף די זיצונגען פון דער קאָנפערענץ האָט ער זיך זעהר אויפמערקזאם צוגעהערט צו די רעדעס פון די פירער...

„עס איז דעם פּויער ניט אָנגעקומען אזוי לייכט צו פאַרשטעהן אַלץ וואָס די רעדנער האָבען געזאָגט, ער האָט אָבער דאָך איינגעזאַפּט דעם עיקר. איין וואָרט אָבער האָט אים געשטערט און ער האָט ניט געקענט זיין אינגאַנצען זיכער, צי ער פארשטעהט טאקע אַלץ צי ניין, און דאָס איז געווען דאָס וואָרט „טעמפּ".

און ווי אויף צו'להכעיס האָט יעדער רעדנער אויף דער פּלאַטפּאָרמע אָהן אַ שיעור מאָל אָט דאָס וואָרט איבערגע־חזר'ט: „שנעלער טעמפּ"... „ביסטרער טעמפּ"... „אַמעריקאַנער טעמפּ"... „האַסטיגער טעמפּ"... — אַלץ „טעמפּ" און „טעמפּ"!

„בלויז פון דעם אַליין וואָס יעדער רעדנער דערמאָנט אָט דאָס וואָרט אזוי פיל מאָל און שטרייכט עס אונטער אזוי שאַרף האָט דער פּויער געדרונגען, אז דאָס מוז אודאי זיין זעהר אַ וויכטיג וואָרט, איז ער נאָך דער זיצונג צוגעגאַנגען

צו איינעם פון די פיהרער און האט אים געבעטען, ער זאל אים געבען צו פארשטעהן וואס דאס איז אזוינס א „טעמפ".

— „איך מוז דאס וויסען, חבר, — האט דער נאאיווער פויער געזאגט, — ווען איך וועל קומען צוריק אין דארף, וועל איך דאך אויך דארפען ריידען דערפון. איך בין דאך א דעלע־גאט און איך וועל דארפען אפגעבען א באריכט.

„דער פיהרער האט געוואלט זיין זיכער, אז דער פויער וועט אים פארשטעהן; ער האט געדענקט, אז די בעסטע זאך אין אזא פאל וועט זיין צו געבען א לעבעדיגען ביישפיל, האט ער דעם פויער צוגעפיהרט צום פענסטער, און אנווייזענדיג אויף א גרויסער פאבריק, האט ער געזאגט:

— „דו זעהסט, חבר, אט די פאבריק? איא א גרויסע, הא? פון די קוימענס זעצט א רויך; אינעווייניג ארבייטען עטליכע טויזענד מענשען בייטאג און ביינאכט. אויסבויען אזא פאבריק אונטער אן אנדער ארדנונג וואלט געדארפט געדויערען א צעהן יאהר אודאי; אונטער א קאמוניסטישער ארדנונג אבער איז — א י י ן יאהר און די פאבריק איז אויסגעבויט! און דאס הייסט — טעמפ! פארשטאנען?

„נאך דער קאנפערענץ איז דער פויער אוועקגעפאהרען צוריק אהיים, און אויף דער פארזאמלונג פון פויערים, וואס ער האט צונויפגערופען אין דארף, האט ער שוין געהאלטען אין איין ריידען וועגען „טעמפ". האבען די פויערים ניט פארשטא־נען וואס דאס איז אזוינס, און נאכדעם ווי ער האט זיין רעדע געענדיגט, זיינען עטליכע פויערים צוגעגאנגען און האבען אים געבעטען, ער זאל זיי געבען צו פארשטעהן וואס אזוינס עס מיינט „טעמפ".

„דאן האט דער פויער פונ׳ם דארף נאכגעפאלגט דעם ביי־שפיל פונ׳ם פיהרער אין שטאדט. ער האט די נאאיווע און פשוט׳ע מענשען צוגעפיהרט צום פענסטער זוכענדיג מיט די אויגען א פאבריק, אויף וואס אנצואווייזען. אבער אין דארף איז דאך קיין פאבריק ניט געווען, איז דער פויער דאריבער גע־בליבען שטעהן אין גרויס פארלעגענהייט, ווארפענדיג די אויגען אין אלע זייטען, און מיט א מאל האט ער פונדערווייטענס דער־זעהן דעם בית־עולם און ער האט זיך דערפרעהט.

— „איר זעהט, חברים, אט דעם בית־עולם? — האט ער

געזאָגט — איאָ, אַ גרויסער בית־עלם? מען זעהט קוים אָן דעם פּאַרקען ביים סוף. אָנפילען אַזאַ בית־עולם אונטער אַן אַנדער אָרדנונג וואָלט געדאַרפט געדויערען אַ צעהן יאָהר אודאי. אונ־טער אַ קאָמוניסטישער אָרדנונג אָבער איז — אַ י י ן יאָהר און דער גאַנצער בית־עולם איז שוין פול... און דאָס הייסט שנעל־קייט, דאָס הייסט — טעמפּ! פאַרשטאַנען?״

אָט די געשיכטע הערט מען אין רוסלאַנד זעהר אָפט. מען דערצעהלט זי מיט אַ ביטערען שמייכעל אויף די ליפּען און איינינגע לאַכען דערביי פון דער פּויערישער תמימות און נאַ־איוויטעט. אָבער ווען מען פאָהרט אַרוים אין די דערפער, ווען מען רעדט מיט פּויערים און מען הערט זיך צו צו דעם וואָס זיי ריידען און דערצעהלען, זעהט מען, אַז געשעפּען געוואָ־רען איז אָט די געשיכטע ניט אָהן אַ גרונד.

— איך בין קיינמאָל ניט געווען קיין סאָציאַליסט־רעוואָלו־ציאָנער, — האָט מיר אין רוסלאַנד געזאָגט איינער, וואָס איז אַלע זיינע יאָהרען געווען און איז נאָך איצט אויך אַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ מענשעוויק — איך האָב אַלע מאָל געלעגט מער געוויכט אויף די אַרבייטער ווי אויף די פּויערים. איך האָב זיך אַלע מאָל מיט די אַרבייטער אינטערעסירט מער ווי מיט די פּויערים. איך קוק אָבער מיט אָפענע אויגען אויף דעם, וואָס ס׳קומט איצטער פאָר אין לאַנד און איך מוז זאָגען, אַז איינע פון די גרעסטע פאַרברעכענס, וואָס די באָלשעוויסטישע רעגי־רונג באַגעהט, איז די שטעלונג אירע צו די פּויערים. ווייל אויב אימיצער ליידעט איצטער אין רוסלאַנד מער ווי אַלע אַנ־דערע, איז דאָס ניט קיין אַנדערער ווי דער פּויער.

און אַז דער מענש איז גערעכט — דאָס האָב איך איינ־געזעהן ווען איך האָב אָנגעהויבען אַרומפאָהרען איבער די דערפער.

דאָס ערשטע, וואָס מען דערזעהט ווען מ׳קומט אַריין אין אַ דאָרף, איז דער „קאָלכאָז״.

מען דאַרף גאָר ניט פרעגען צי דאָס איז דער „קאָלכאָז״; מען קען דאָס אַליין אויך טרעפען. דער „קאָלכאָז״ איז אין דאָרף דאָס איינציגע אָרט, וואָס איז אַרומגערינגעלט מיט אַ גוטען פּאַרקען און וואָס דערמאָנט אַ מאַיאָנטעק פון די אַלטע צייטען, און פון דאָרטען זעהט מען נאָך אַמאָל אַרויספאָהרען אַ פּאָר

גוטע, אויסגעפּאַשעטע פערד, ניט אַזעלכע אויסגעמאָרעטע און אויסגעטריקענטע קליאַטשעס, ווי מען זעהט געוועהנליך.

אזוי איז אין אוקראַינע, אזוי איז אין דער צענטראַלער טייל פון רוסלאַנד און אזוי איז אויך אינ'ם דאָנער געגענד.

דער „קאָלכאָז" איז דאָס שיינדלינג פונ'ם דאָרף.

און טאַקע דערפאַר וואָס ער איז דאָס שיינדלינג, טאַקע דערפאַר וואָס ער איז אַוועקגעשטעלט אזוי, אַז אים מוז מען באַמערקען דעם ערשטען, זעהט זיך נאָך שאַרפער אָן די אַל־געמיינע אָרימקייט אין דאָרף, דער אַלגעמיינער חורבן.

נישטאָ מער אין די אוקראַינישע דערפער יענע פויערישע שטיבעלעך מיט די געפאַרבטע פריזבעס און ראַשיג־געפאַרבטע ווענט, וואָס מען האָט געזעהן אַמאָל. אלע „כאַטעס" און „כאַטקעלעך" זיינען אָפּגעלאָזען און שמוציג. די פויערים זיינען ניט פאַראינטערעסירט אויפצופּאַסען אויף זייערע שטיבעלאַך, ווייל ערשטענס זיינען זיי קיינמאָל ניט זיכער ווי לאַנג מען וועט זיי אין די שטיבלאַך לאָזען וואוינען, און צווייטענס האָבען זיי גלאַט מורא אויסצופוצען זייערע שטיבלעך לייטיש, ווייל דאָס אליין וועט שוין געבען א גרונד חושד צו זיין, אַז זיי זיינען „קולאַקעס" און מען וועט קומען צונעמען ביי זיי אלץ וואָס זיי פאַרמאָגען...

די מורא, אז מען זאָל אויף אים ניט קוקען ווי אויף א „קולאַק", האָט געשאַפען אזא לאַגע, אז יעדער פויער פיהלט זיך אזוי נידערגעשלאָגען, אז ער האָט שוין אינגאַנצען פאַרלאָרען די פּערזענליכע איניציאַטיווע, און פונקט אזוי ווי ער איז ניט פאַראינטערעסירט ארויסצוגעבען א סך תבואה, ווייל מען נעמט עס סיי ווי סיי צו ביי אים, אזוי איז ער ניט פאַראינטערעסירט אויסצופוצען זיין שטיבעל און עס האַלטען אין אָרדענונג, ווייל ער איז קיינמאָל ניט זיכער צי מען וועט עס ביי אים ניט צונעמען.

אויפ'ן „קאָלכאָז" קוקט דער פויער ווי אַמאָל אויפ'ן פּריצישען מאַיאָנטעק, וואו ער איז אוים נויט געוועזען געצוואונגען צו אַרבייטען פאַר גראָשענס. מען קען אים בשום אופן ניט איינ־ריידען, אַז דאָס איז זיינס. ער פיהלט דאָס ניט, און די טעאָ־רעטישע זייט פון דער גאַנצער פראַגע, דער ענין פון קאָלעקטיווער ווירטשאַפט אַלס אַ באָדען פאַר אַ נייער אָרדענונג געהט אים אינגאַנצען ניט אָן, ווייל ווען ער בייט דאָס אוים אויף ממשות'דיגע

רעזולטאַטען פון זיין טאָג־טעגליכען לעבען, קלעפּט זיך עפּעס ניט, און ער ווייסט איין זאַך, און דאָס איז, אַז ער אַליין און אויך זיין ווייב און קינדער בלייבען ביי גאָר ניט...

— וואָס רעדט איר צו מיר וועגען דער „פּאַנשטשינע" פון אַמאָל, — האָט מיר געזאָגט אַ פּויער אין איינעם פון די אוקראַאינישע דערפער, וואו איך בין געוועזן. — די „פּאַנשטשינע" איז גאָר אפשר געוועזן אַ גן עדן איז פאַרגלייך מיט דעם לעבען וואָס מיר האָבען איצט, כאָטש מען האלט אונז אין איין איינריידען, אַז אַלעס איז אונזערס...

איך האָב דעם פּויער געוויזען אַ רוסישען זשורנאַל, אין וועלכען עס איז געוועזן אַ צייכענונג פון צוויי בילדער. אויף איין בילד איז געוועזן אויסגעמאָלען אַ קליין פּויעריש „כאַטקעלע", אַ צובראָכענס, אַרומגערינגעלט מיט אַן אַלטען פּאַרקען, פון וועלכען עס פאַלען שוין שטיקלאַך; לעבען פּאַרקען איז געשטאַנען אַן אויסגעמאָגערט בהמה'לע, און ווייטער אביסעל — אַן איינגע'עקשנ'טער פּויער מיט צוויי ווילדע אויגען און מיט צוויי אויסגעשפּרייטע הענט, ווי ער וואָלט געפּרואווט באַשיצען דאָס ביסעל אָרימקייט, וואָס ער האָט. אונטער דער בילד איז געווען איין וואָרט:

„מ י י נ ס !"

אויפ'ן צווייטען בילד ווידער זיינען געווען אויסגעמאָהלען גרויסע „קאָלכאָזען", וואו מען האָט געזעהן אַ סך טראַקטאָרס און מאָדערנע ערד־ארבייטס־מאַשינען; עס זיינען אויך געווען אויסגעמאָהלען פאַבריקען מיט גרויסע קוימענס, פון וואַנען עס האָט געזעצט אַ רויך; און אין פאָדערגרונד זיינען, צופרידענע און גליקליכע, מוטיגע און פרעהליכע, געזונטע און שטאַרקע, געשטאַנען דריי מענשען — אַ פּויער, אַן ארבייטער און אַ רויטער אַרמייער. אונטער אָט דעם בילד איז אויך געשטאַנען איין וואָרט:

„א ו נ ז ע ר ס !"

— איר זעהט, — האָב איך דעם פּויער אָנגעוויזען אויף די צוויי בילדער אינ'ם זשורנאַל. — איר זעהט דעם אונטערשיד?

האָט דער פּויער אויף מיר מיט דורכדרינגענדיגע בליקען אַ קוק געטאָן, און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ האָט ער געזאָגט:

— מאָהלען מאָהלט מען ביי אונז שעהן. שרייבען שרייבט

מען ביי אונז נאָך שעהנער... אָבער אַזוי איז דאָס בלויז אויפ'ן פּאַפּיר.

און ער האָט מיר דערצעהלט פּאַקטען פון זיין אייגען לעבען:

פּונקט ווי אַ סך אַנדערע פּויערים אין דאָרף איז ער אויך אינ'ם „קאָלכאָז”. ער האָט שווער געארבייט, פון די כוחות זיך אַרויסגעשלאָגען. און נאָכדעם ווי מען האָט די תבואה פון די פעלדער אַרונטערגענומען און מען האָט געמאַכט דעם חשבון, איז אויף זיין חלק, פּונקט ווי אויף דעם חלק פון אַ סך אַנדערע פּויערים, אויסגעקומען עטליכע און זעכציג קאָפּיקעס אַ טאָג אין דורכשניט. האָט מען אויסגעצאָהלט מיט ברויט לויט'ן חשבון פון עטליכע און זעכציג קאָפּיקעס אַ טאָג. געהייסען האָט עס, אַז דאָס ברויט דאַרף קלעקען אויף אַ יאָהר, אָבער געקלעקט האָט עס ניט מער ווי אויף עטליכע וואָכען. און וואָס זאָל ער איצט טאָן?...

דער פּאַקט וואָס זיינע קינדער לערנען זיך איצטער און האָבן מער מעגליכקייטען ווי אַמאָל זיך צוצושלאָגען צו עפּיס איז פאַר'ן פּויער ניט קיין טרייסט. ער איז מער ווי אין אַלץ פאַראינטערעסירט אין ערד; ער איז טאַקע גרייט אָפּצו־געבען דער מלוכה וויפיל מען באַדאַרף; ער וויל אָבער, אַז מען זאָל אים אויך לאָזען לעבען ווי אַ מענש, מען זאָל אים ניט מאַכען פאַר קיין בעטלער...

— און זאָגט מיר, איך בעט אייך, — מאַכט ער אַזוי צו מיר, — וואָס קומט אַרויס דערפון וואָס מען לערענט אונזערע קינדער אין די שקאָלעס, אַז זיי, די קינדער, זיינען מערסטענ־טיילס הונגעריג?

און ווירקליך: די קינדער אין די דערפער, פּונקט ווי די קינדער אין די קליינע שטעטלאַך, זיינען מערסטענטיילס הונ־געריג, כאָטש אויף זיי פאַסט די רעגירונג אויף אַ סך מער ווי אויף די דערוואַקסענע. זיי האָבען כמעט קיינמאָל ניט גענוג צו עסען.

איין קוק אויף זיי איז גענוג דאָס צו באַמערקען. די מערסטע פון זיי זיינען בלוט־אָרים, אָפּגעשוואַכט, אויסגעצערט און עס פעהלט זיי דער לעבענס־לוסט, וואָס מען זעהט גע־וועהנליך ביי די קינדער אין אַנדערע לענדער.

און דאָ וויל איך אָנווייזען אויף אַ פאַקט, וואָס איז, לויט מיין מיינונג, זעהר כאַראַקטעריסטיש:

ווען אַ צוג לויפט פאַרביי אין אַ דאָרף, אָדער אין אַ דערפעל און עס שטעהען פון דער ווייטענס קינדערלאַך, מאַכען זיי געוועהנליך מיט די הענטלאַך צו די פּאַסאַזשירען, וואָס קוקען אַרויס דורך די פענסטער. אַזוי איז דאָס אומעטום. עפּיס איז אינ'ם לויפען פונ'ם צוג פאַראַן אַזוינס, וואָס רייצט די פאַנטאַזיע פון קינדער און רופט ביי זיי אַרויס אַ וואַרימען געפיהל צו די פרעמדע מענשען, וואָס האָבען זיך פון ערגיץ אָפּגעריסען און יאָגען זיך ערגיץ ווייט־ווייט, יעדער איינער מיט זיינע געדאַנקען, יעדער איינער מיט זיינע חלומות. די פּנים'ער פון די פרעמדע מענשען אין די פענסטער פונ'ם לויפענדען צוג ווערען ווי דורך אַ כשוף נאָהענט צו די קינדערלאַך, וואָס שטעהען פון דער ווייטענס, און זיי מאַכען צו זיי מיט די הענטלאַך, באַגריסענדיג זיי מיט פרייד. אַזוי איז דאָס אין אַלע לענדער. און דאָס האָב איך געזעהן אומעטום: אויף מיין רייזע אין אַמעריקע, פון נויאָרק קיין קאַליפאָרניע; אויף אַ רייזע אין מצרים און אין פּאַלעסטינע מיט יאָהרען צוריק; איך האָב דאָס אויך געזעהן אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, אין פראַנקרייך, אין בעלגיען און אפילו אין פּוילען. איך האָב דאָס אָבער אַ י צ ט ניט געזעהן אין סאָוועט־רוסלאַנד!...

הונדערטער און הונדערטער מיילען בין איך אין סאָוועט־רוסלאַנד געפאָהרען אין די עטליכע וואָכען, וואָס איך בין דאָרט געווען; איך בין פאַרבייגעפאָהרען אָהן אַ שיעור דערפער און דערפלאַך, און איך האָב דאָרט אין ערגיץ ניט געזעהן, אַז קינדערלאַך זאָלען מאַכען מיט די הענטלאַך צו די פּאַסאַזשירען פון אַ פאַרביילויפענדיגען צוג...

נידערגעשלאָגענע און נעבעכדיגע זיינען זיי געשטאַנען פון דער ווייטענס, אַמאָל אויף אַ באַרג, אַמאָל אויף אַ בריקעל, אָדער גלאַט אויף אַ וועג, און ביי קיין איינעם פון זיי האָט זיך קיין הענטעל ניט אויפגעהויבען...

די קינדער אין די דערפער זיינען פּונקט אַזוי דערשלאָגען ווי די טאַטעס; דער דרוק פון דער שווערער צייט ליגט אויף זייערע פּלייצעס. זיי ווייסען אָבער ניט פון קיין אַנדער לעבען, זיי געדענקען ניט קיין אַנדערע צייטען, מיינען זיי, אַז

אזוי האָט מען די וועלט באַשאַפען. די טאַטעס אָבער גע־דענקען יאָ אַנדערע צייטען און דערצו פיהלען זיי זיך איצט נאָך צופיל ענטוישט אין די האָפענונגען, וואס זיי האָבען פריהער ארויפגעלעגט אויף דער נייער אָרדענונג; און כאָטש זיי זיי־נען שוין געוועהנט צו ליידען, פאַרלירען זיי דאָך אמאָל די גע־דולד און הויבען אָן פּראָטעסטירען, איינשטעלענדיג זייערע לע־בענס דערביי — דאָס דאַרף הויבט אָן שרייען, דאָס דאַרף ווערט אומרוהיג, דער פויער גיט אַ גלייך אויס די איינגעבוי־גענע פּלייצעס און עס הויבט זיך אָן ווייזען אַ געפאַהר פון אַ בונט.

„וואָלענקי" — אזוי רופט מען אין אוקראַינע די קליינע פויערים־בונטען, וואָס גיבען זיך אמאָל אַ צינד אָן אין די דערפער.

אין די צייטונגען שרייבט מען ניט וועגען דעם. ניט נאָר די מאָסקוער פּרעסע פאַרשווייגט דאָס, פּונקט ווי אַזאַ זאַך וואָלט אינגאַנצען ניט געווען וויכטיג, נאָר אויך אין דער לאָקאַלער צייטונג דערמאָנט מען ניט וועגען דעם אפילו אַ וואָרט. דער ברייטער עולם דאַרף דערפון ניט וויסען, פּונקט ווי ער דאַרף ניט וויסען, אז אין דעם און דעם געגענד געהען ארום פּאָקען, אָדער עפּעס אַן אַנדער מגפה, וואָס איז אָנשטעקענד. עס וויסען אָבער פון די „וואָלענקים" די אייגענע מענשען, און זיי וויסען שוין אויך וואָס פאַר מיטלען אַנצונעמען, די „וואָלענקים" צו דערשטיקען אויף אַזאַ שטייגער, אַז עס זאָל זיין שאַ און שטיל און אַז עס זאָל צום ברייטען עולם ניט דערגרייכען אפילו קיין אָפּקלאַנג פון דעם וואָס ס'איז פאָרגע־קומען ווען מען האָט די „וואָלענקים" אונטערדריקט...

ווען איך בין אָנגעקומען אין אוקראַינע, האָב איך אין עטליכע שטעטלאַך געהערט וועגען „וואָלענקים", וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די דערפער מיט אַ צייט צוריק. מער ווי אַלץ איז מיר אויסגעקומען צו הערען וועגען דעם וואָס זיי האָבען אָנגערופען „באַביאַי וואָלענקי", דאָס הייסט, ווייבערישע בונטען. און פון דעם וואָס מען האָט מיר דאָ און דאָרט, אין געצעהלטע ווערטער, דערצעהלט, האָט זיך ארויסגעוויזען, אַז כאָטש די וועלט האָט וועגען דעם ניט געוואוסט און די אויסלענדישע קאָ־רעספּאָנדענטען אין מאָסקווע האָבען וועגען דעם ניט געמעלדעט,

זיינען אין אַ סך אוקראַינישע דערפער פאַרגעקומען בונטען, אין וועלכע די פויערים האָבען אין די ערשטע רייהען ארויסגע־שטעלט זייערע ווייבער מיט קליינע קינדער אויף די הענט, כדי צו זיין זיכער, אז מען וועט ניט שיסען...

יענע אלע בונטען האָט מען מיט אַן אייזערנער האנט אונ־טערדריקט און — ס'איז שאַ שטיל, קיינער טאָר דערפון ניט ריידען...

זעהר אָפט הערט מען וועגען שרפות אין די דערפער.

אַ פייער אין אַ דאָרף — דאָס איז קיינמאָל ניט געווען קיין נאָווינע אין רוסלאַנד. אין די אַלטע צייטען איז דאָס געווען אַן אָפטע ערשיינונג און מען האָט שוין געוואוסט, אז ווען די גלעקער פונ'ם קלויסטער קלינגען „נאַגוואַלט", ברענט ערגיץ אין דאָרף און אַז דאָס פייער האָט זיך אודאי גענומען דערפון, וואָס ערגיץ האָט אַ פויער אַ חזיר געסמאַליעט און דער ווינט האָט די פונקען פארטראָגען. איצטער אָבער זיינען די פייערן אין די דערפער נאָך אַן אָפטערע ערשיינונג ווי פריהער און מען ווייסט, אז גענומען האָט זיך דאָס פייער ניט פון דעם וואָס אַ פויער האָט ערגיץ אַ חזיר געסמאַליעט, נאָר אודאי פון עפּיס אַנדערש, ווייל די פויערים האָבען שוין כמעט ניט קיין חזירים צו סמאַליען...

אמאָל צוברענט זיך גאָר פּלוצלונג אַ פייער אינ'ם „קאָל־כאָז". קלאַנגען ווערען באַלד צוטראָגען, אז דאָס האָבען פוי־ערים אונטערגעצונדען; אָבער מען קען כמעט קיינמאָל ניט אָנ־ווייזען אויף אַ באַשטימטען פויער און זאגען, אז ער האָט דאָס געטאָן. ווען דער „קאָלכאָז" ברענט, לויפען די פויערים ניט לעשען דאָס פייער, סיידען מען טרייבט זיי מיט געוואַלט דאָס צו טאָן. און ווען איינגע טוען דאָס מיט'ן אייגענעם ווילען, קוקען דערנאָך די אַנדערע פויערים אויף זיי זעהר קרום און מען מוסר'ט זיי דערפאַר...

זיי האָבען פיינט דעם „קאָלכאָז" נאָך מער ווי זיי האָבען אמאָל פיינט געהאַט דעם פּריצ'ישען מאַיאָנטעק; און ווען זיי זעהען ווי ער ברענט, ווילען זיי אים ניט לעשען...

איינינע מאָל בין איך געווען אין די דערפער, וואָס זיי־נען מיר געווען באַקאַנט נאָך פון מיינע קינדער־יאָהרען און אויך אין דערפער, וואו עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין דאָס

ערשטע מאָל, און איך האָב אַלץ געהערט געשיכטעס וועגן פייערן, וועגן שרפות און וועגן מענשען, וואָס צינדען אונטער. אין איין דאָרף בין איך געגאַנגען מיט אַן עלטערן פויער און האָב זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דעם, וואָס ער רעדט, ווייל געהערט האָט ער אַלץ מיט אָנצוהערענישען און אָנדיי־טונגען, ווי נאָר דער אוקראַינישער פויער קען ריידען, ווען ער וויל עפּעס זאָגען און דאָך ניט דערזאָגען. מיט אַמאָל האָב איך פון דער ווייטענס דערזעהן אַ רויך און אַ פלאַם.

— וואו ברענט דאָס? — האָב איך דעם פויער גע־פרעגט.

האָט דער פויער פאַרזשמורעט איין אויג און קוקענדיג אויף מיר פילבאַדייטענד און נאָכפאָרשענד האָט ער געזאָגט, אָנוויי־זענדיג מיט'ן שטעקען אַרום און אַרום:

— „האָריט טיפּער ווסקריז, פאָ ווסים סעלאַם, טילקאָ פּאָקאָ שטשע ני ווידקאָ".

דאָס הייסט:

„עס ברענט איצטער אומעטום, איבער אַלע דערפער, אָבער דערווייל זעהט מען עס נאָך ניט"...

ער האָט געזעהן, דער פויער, אַז איך פאַרשטעה וואָס ער מיינט. און פונקט ווי מער וואָלט ער מיר גאָר ניט געדאַרפט און גאָר ניט געקענט זאָגען, איז ער אוועק...

שלעפּענדיג זיך אין דער קעלט אויף שליטענס און אויף פּוהרלעך פון איין שטעדטעל אין אנדערן און פון איין דאָרף אין אַנדערן, האָב איך אויף די וועגן געזעהן בלודנע פערד, וואָס בלאָנקען זיך אַרום איבער די פאַרשנייטע אוקראַינישע סטעפּעס; איינגעדאַרטע און איינגעקוואַרטע, מיט אַרויסגע־סטאַרטשעטע ביינער און אָפּגעריבענע פאַרשמוציגטע פעלען, שלעפּען זיי זיך אַרום, איינציגווייז און פּאָרווייז איבער די פעלדער און זוכען מיט די מאָרדעס אין שניי עפּעס, מיט וואָס דעם הונגער צו שטילען; זיי האַלטען זיך קוים אויף די פיס, און אַ סך פון זיי פאַלען אוועק און בלייבען ליגען טויטע וואו עס מאַכט זיך נאָר.

„בעזפּריזאָרני פערד" רופט מען זיי. און ווען מען פרעגט אַ פויער פון וואַנען זיי נעמען זיך און פאַר וואָס זייערע טויטע קערפּערס וואַלגערן זיך אויף די סטעפּעס, ענטפערט ער אַזוי:

— נישטאָ דער „כודאָבע" (פערד און בהמות רופט אָן דער אוקראַינישער פּויער מיט'ן נאָמען „כודאָבע") וואָס צו געבען עסען היינטיגע צייטען. א פּוד האָבער קאָסט 40 קאַרבאָוונעצעס (רובעל). און וואָס איז אַ פּוד האָבער? איידער מען ריהרט זיך, איז ער שוין נישטאָ. מען האָט ביי אונז אַלעס צוגענומען. מיר האָבען גאָר ניט. ניטאָ קיין ברויט אין שטוב. מען עסט בוראַקעס, קאַרטאָפליעס און אויך די שאָלעכץ פון די בוראַקעס און קאַרטאָפליעס... דאָס ברויט, וואָס די רעגירונג לאָזט אונז איבער אויף אַ יאָהר, ווען מ'ארבייט אין „קאָלכאָז", קלעקט קוים אויף אַ חודש... נישטאָ ביים פּויער קיין ברויט פאַר זיך און ווייב און קינדער. נו, וואָס־זשע זאָל טאָן אַזאַ מענש ווען ער זעהט ווי די „כודאָבע" מוטשעט זיך, ווי זי ווערט איינגעטריקענט? עס טוט אים וועה דאָס האַרץ און ער קען זיך ניט העלפען. צוקוקען ווי דאָס פערד פאַלט אַוועק קען ער ניט. שווער דעם צער צוצוזעהן... לאָזט ער עס אָפּ אויף גאָט'ס באַראַט. זאָל עס געהן!... אויב עס איז שוין אַזוי באַשערט, אַז דאָס פערד זאָל פאַלען, איז בּאַטש ערגעץ ווייט, אויפ'ן פעלד, אָדער אויפ'ן וועג, אַבי ניט פאַר די אויגען... עס רייסט דאָס האַרץ!...

און עס איז שוין ניט קיין נייעס, אַז עס זאָל זיך טרעפען אַזאַ פאַל:

אויף אַ יאַריד אין אַ שטעדטעל, אדער אין אַ דאָרף, זאָל אַ פּויער קויפען ביי אַן אַנדער פּויער, אָדער ביי אַ פּויערטע, אַ ביסעל מעהל, אדער אַ צעהנדליג קאַרטאָפליעס; ווען ער דאַרף באַצאָהלען, הויבט ער אָן זוכען אין אַלע קעשענעס און זאָגט, אַז ער האָט גראַד ביי זיך קיין געלט ניט. און דערביי מאַכט ער אַזוי:

— האַלט דאָס פערד מיינס. איך וועל באַלד ברענגען געלט. אַ „קום" (חבר) מיינער איז דאָ ניט ווייט און ביי אים וועל איך נעמען געלט. האַלט דאָס פערד דערוויילע...

און ער געהט אַוועק מיט'ן ביסעל מעהל, אדער מיט'ן צעהנדליג קאַרטאָפליעס; לאָזט איבער דאָס פערד און קומט שוין ניט מער...

ער וויל, אַז דאָס פערד, וואָס געהט אויס פאַר הונגער און ווערט פאַרטשאַכנעט און איינגעדאַרט, זאָל אַריינפאַלען

אין די הענט פון אן אנדער פויער, וואס האט נאך יא א ביסעל האבער, ווארפט ער אים אן דאס פערד און געהט זיך אוועק. פונקט ווי עס טרעפט אמאל, ווען אן ארימע מאמע וואס קען שוין מער ניט צוזעהן דעם צער פון איר קינד, ווארפט זי עס אונטער ערגעץ לעבען א הויז, און זי האפט אז ביי פרעמדע מענשען, וואס זיינען פארמעגליך, וועט דאס קינד האבען א בעסערע היים ווי ביי איר און וועט פארשפארען צו ליידען הונגער...

אויפ'ן וועג צו דער שטאדט טולטשין, וואס האט געשפילט א גרויסע ראלע אין דעם בארימטען אוקראינישען כמעלניצקי־אויפשטאנד און אויך אינ'ם אויפשטאנד פון די „דעקאבריסטען" אין יאהר 1825, איז מיר פון אן אייזענבאהן־סטאנציע אויסגעקומען צו פאהרען אויף א שליטען אכט וויארסט. דער אנטרייבער איז געווען א פויער, וואס האט ליב צו רעדען און ווייסט דאך ווען צו שווייגען, און די פאסאזשירען זיינען געווען פארשידענע.

חוץ מיר זיינען אויפ'ן שליטען געווען נאך דריי פאסאזשירען. איינער איז געווען א יונגער קריסט פון א יאהר דרייסיג, מיט א גוט פעלצעל און גוטע שטיוועל און מיט א פנים, וואס דריקט אויס א סך עקשנות. דער צווייטער פאסאזשיר איז געווען א אידישער בחור מיט א וואטאווען פידזשאק, וואס איז אמאל געווען שווארץ און איז איצט פון אזא קאליר, וואס מען רופט געוועהנליך אן אויפ'ן אוקראינער אידיש, „טונקעל־גרין־פאפעליאטע". אויפ'ן האלז, ארום דעם קאלנער פונ'ם וואטאווען פידזשאק, האט דער בחור געטראגען אן אלט שארפעלע פון רויטע און בלויע קאלירען. אויפ'ן קאפ האט ער געטראגען א באראשקענע קוטשמע, וואס איז געווען נאך ניט אינגאנצען צוריסען. ער האט אויך געטראגען שטיוועל מיט אייזערנע פידקאוועס אויף די אפצאסען; און כאטש די הויט פונ'ם פנים איז ביי אים געווען א גראבע, א הארטע, האט ער דאך געשיינט צו זיין א גוטמוטיגער מענש; פון זיינע אויגען האט ארויסגעקוקט א ווארימער שמייכעל, אבער דער טאן פון זיין ריידען האט אין זיך געהאט די זיכערקייט פון איינעם, וואס צווייפעלט גאר ניט אין דעם, אז ער איז שטענדיג גערעכט און אז דאס וואס ער זאגט, קען קיין אנדערער ניט זאגען...

און נאך א פאסאזשיר איז געווען אויפ'ן שליטען. דאס

איז געווען א פרוי, וועמעס עלטער עס איז שווער געווען צו באַשטימען, ווי ס'איז דער פאַל מיט אַ סך פרויען אין רוס־לאַנד. איינגעהילט און איינגעקוצערובעט אין אַ דיקען שאַל אַ וואַרימען, איז זי געזעסען אויפ'ן שליטען און אלע מאָל האָט זי זיך געקלאָגט:

— אוי, ס'איז מיר ניט גוט!

עס איז געווען א רחמנות אויף איר און דאָך איז זי געווען קאָמיש. און ווען דער בחור מיט'ן וואַטאָווען פּידזשאַק האָט ארויסגעזאָגט זיין השערה, אז ס'איז איר ניט גוט אפשר דערפאַר וואס ס'שפּאַרט זי אונטערן הארצען, האָט זי פון א בלעכענעם קעסטעל ארויסגענומען א דאַר שטיקעל ברויט און האָט עס אָנגעהויבען קייען, און דערנאָך, ווען זי איז פאַר־טיג געוואָרן מיט'ן קייען, האָט זי געזאָגט:

— זאָל איך טאַקע אזוי לעבען, ווי איר זיינט געווען גערעכט! איך בין אפנים טאַקע געווען הונגעריג...

דער וועג איז געווען א שלעכטער; מען האָט זיך אַלץ אָנגעשטויסען אָן „וויבאָיעס", גריבער אזעלכע; אלע מאָל איז דער שליטען אריין אין א בלאָטע און מען האָט זיך געמוזט שלעפּען אזוי פאַמעליך און לאַנגזאַם און מיט אזוי פיל שוועריגקייטען, אז ס'האָט זיך גערוכט, אז מען וועט גאָר קיינמאָל אין שטאָדט אריין ניט קומען.

אויף יענעם וועג האָב איך געזעהן גע'פּגר'טע פערד. זיי זיי־נען געלעגען אויפ'ן שניי און ס'האָט שוין גאָר קיינעם ניט גע־קימערט וואס זיי ליגען דאָרטען. פונקט ווי דאָס וואָלט שוין געווען א גאַנץ נאַטירליכע און א גאַנץ געוועהנליכע זאַך...

און דער פויער, וואס האָט די מאָגערע און אויסגעהונגער־טע פערדלעך אנגעטריבען, האָט אַלץ גערעדט און גערעדט וועגען די שלעכטע צייטען, וואס זיינען איצטער אנגעקומען:

—עס איז שוין מער ווי צוויי וואָכען, — האָט ער גע־זאָגט — אז ביי מיר אין הויז איז קיין שטיקעל ברויט נישטאָ. און אזוי איז איצטער ביי אלע פויערים אין די הייזער. די זריעה האָט מען ביי אונז פאַראַיאָהרען צוגענומען; אכטציג קאָפּיקעס א פוד האָט מען אונז פאַר דער זריעה געגעבען. אזוי האָט די רעגירונג באַשטימט. איצטער הייסט מען אונז פאַרזייהען די פעלדער, און מיר האָבען ניט קיין זריעה, גלויבט

מען אונז ניט... און ווען מען גלייבט שוין יא און מען גיט אונז זריעה, נעמט מען ביי אונז זיבעציג קערבלעך א פוד. טאקע פאר דער זעלבער זריעה, וואס מען האט אונז געצאָהלט אכטציג קאָפּיקעס א פוד... נו, ווי־זשע קען מען לעבען? ווי־זשע קען מען אויסקומען? ניט מעגליך אזוי. עס קען ניט אָנגעהן אזוי!... אט זאָגט אליין, הא?

אזוי האָט דער פויער גערעדט ווען ער איז געזעסען אויפ'ן שליטען, האלטענדיג די פיס ארונטערגעלאָזען צו דער ערד, און אזוי האָט ער אויך גערעדט ווען ער איז אויס רחמנות צו די אָרימע, אויסגעהונגערטע פערדלעך, געגאנגען צופוס, אָנהאַל־טענדיג זיך ביים שליטען. און דער אידישער בחור מיט'ן וואַטאָווען פידזשאַק האָט אלץ אוועקגעמאַכט אונטער דער האַנט אלץ וואָס דער פויער האָט געזאָגט.

— עס איז ניט אינגאַנצען אזוי, — האָט ער זיך גע־שפּאַרט מיט'ן פויער — א סך פון אייערע באהאלטען טאקע די זריעה און דאָס ברויט און אנדערע זאכען, וואס די מלוכה דאַרף האָבען. נו, מוז מען אָננעמען שטרענגע מיטלען געגען דעם... ניט שטענדיג וועט דאָך זיין אזוי שלעכט ווי ס'איז איצט. אָט פּלאַנעווען מען שוין א צווייטע „פּיאַטירישקאַ" (אין אוקראַיניש הייסט די „פּיאַטילעטקאַ" — פּיאַטירישקאַ), און ווען מען וועט זי דורכפיהרען, וועט זיין בעסער און מען וועט מער ניט ליידען אזוי פיל...

דער פויער אָבער האָט זיך ניט געלאָזט איבערשפּאַרען. דוקא אָהן עקשנות, אָהן כעס, נאָר רוהיג און געלאסען, האָט ער זיך פעסט געהאלטען ביי זיין מיינונג און ער האָט גע־זאָגט:

— דו גיסט דאָך אליין צו, אז איצט איז שלעכט, זעהר שלעכט. דו זאָגסט אָבער, אז שפּעטער וועט זיין בעסער, און איך זאָג דיר, אז שפּעטער, נו, לאָמיר זאָגען, איבעראיאָהר, וועט זיין נאָך ערגער. א סך ערגער ווי ס'איז אצינדערט.

— פאַרוואָס? — האָט דער אידישער בחור, ניט אָהן חוזק, געפרעגט דעם פויער.

— איך וועל דיר זאָגען פאַרוואָס, — האָט דער פויער גע־ענטפערט, און אלץ רוהיג און געלאסען, כאָטש מ'האָט לייכט געקענט זעהן, אז דער חוזק־טאָן פאַרדריסט אים און אז ער

טוט זיך אָן אַ כח ניט צו ווערען אין כעס — איך וועל דיר זאָגען פאַרוואָס: פאַר צוויי יאָהרען אין דער צייט און אויך פאַראיאָהרען אין דער צייט איז שוין דאָס מיסט געלעגען אויף די פעלדער און האָט געוואָרימט די ערד. איצט אָבער ליגט דאָס מיסט אויף אַלע וועגען און פאַרשפּרייט מגפות און זאַ־ראַזעס אין די דערפער און אין די שטעדט... קיינער וואַ־רימט איצטער ניט די ערד און זי ליגט אַ דערפראָרענע און אַ קאַלטע... די „כודאָבע" פגר'ט אויס, ניטאָ באַלד מער קיין פערד אין די דערפער. זיי וואַלגערן זיך טויטע אומעטום... און די מענשען זיינען שוין אויך האַלב־טויט פון הונגער... נו, מיט וואָס וועט מען אַרבייטען? מיט וואָס און מיט וועמען וועט מען פאַראַקערען און פאַרזייהן?...

צוהערענדיג זיך צום פויער, האָב איך געפיהלט ווי אַ סקרוך איז מיר אַריבער איבער'ן לייב. מען האָט געפיהלט און געזעהן, אז דער מענש קלייבט ניט קיין ווערטער, כדי צו ריידען שעהן. מען האָט געפיהלט און געזעהן, אז דער מענש רעדט מיט האַרץ, און דערצו נאָך וועגען אַן ענין, וואָס ער ווייסט, ווייל ניט נאָר ער, נאָר זיין פאָטער, זיין זיידע און זיין עלטער־זיידע זיינען אויסגעוואַקסען אויף דער ערד און האָבען פון קליינערהייט אָן איר אָטעם אין זיך אַריינגעזאַפּט...

און אין די אויערען האָבען מיט עקשנות געקלונגען די פראַגען, וואָס ער האָט געשטעלט:

„נו, מיט וואָס וועט מען אַרבייטען? מיט וואָס און מיט וועמען וועט מען פאַראַקערן און פאַרזייען?..."

אָבער דער יונגערמאַן מיט'ן וואַטאָווען פּידזשאַק האָט זיך ניט אונטערגעגעבען. ער האָט גלייך געהאַט פאַרטיג אַן ענטפער אויף די שווערע פראַגען:

— מיר וועלען אַרבייטען מיט טראַקטאָרס! — האָט ער געזאָגט מיט שטאָלץ — יאַ, מיט טראַקטאָרס וועלען מיר אַר־בייטען!

דער פויער האָט זיך ווידער אָנגעטאָן אַ כח ניט צו ווערען בייז; ער האָט בלויז געגעבען אַ שאָקעל מיט'ן קאָפּ, און אָנ־ווייזענדיג מיט דער בייטש אויפ'ן שלעכטען וועג, וואָס איז גע־ווען אַ געמיש פון שניי און בלאָטע, האָט ער געזאָגט:

— אויף אָט דעם וועג קען מען איצט פאָהרען מיט אַן אָטאָ־

מאָביל? האַ? איאָ מ'קען ניט... אזוי קען מען אויפ'ן פעלד אויסקומען בלויז מיט טראַקטאָרס. עס זיינען אויפ'ן פעלד פאַראַן אזעלכע ווינקעלעך און אַזעלכע ערטער, וואו מען קען ניט אויסקומען אָהן אַ פערד, אָהן אַן אָקס, אָהן „כודאָבע". און קיין „כודאָבע" איז שוין ביי אונז באַלד נישטאָ... די פערד אונזערע פּגר'ן אויס... און דערפאַר וועט איבעראַיאָהר ניט זיין בעסער, נאָר ערגער...

דער יונגערמאַן מיט'ן וואַטאָוועו פּידזשאַק האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן דארויף, אָבער דער פויער, וועלכער האָט שוין, קענטיג, געהאַט פארלאָרן די געדולד, האָט אים איבערגעשלאָגען:

— עה, וואָס וויסטו?! דו קענסט בלויז „באַלאַקען" (פּלוידערן). מער קענסטו גאָרניט...

און דער שליטען האָט זיך געשלעפּט לאַנגזאַם.

און די איינגעדארטע פערדלאך זיינען קוים געגאַנגען.

און אין ערגעץ האָט מען קיין וועג ניט געזעהן.

און פון דער ווייטקייט ארום און ארום האָט מיט רוסישער שווערקייט געאָטעמט.

און ווען איינער האָט זיך אויף דער ווייטקייט פארקוקט, און דערנאָך זיך אַליין דערזעהן, האָט ער זיך געמוזט דערפיהלען אַ צודריקטער, אַ פאַרלאָרענער, אן אומבאהאָלפענער.

„אַך, דו אומגליק־אומגליקליכער,
אומעט פאַראומערטער
טויטער!"
(אַלעקסאַנדער בלאָק)

און אויפ'ן געדאַנק זיינען געקומען די ווערטער:

„רוסלאַנד קען מען מיט קיין אַרשין ניט אויסמעסטען, מיט'ן שכל ניט באַגרייפען — אין רוסלאַנד דאַרף מען גלויבען!"

פינפטער קאַפּיטעל.

# מיט פּויערים אויף די באַנען.

ווען איך בין אוועק פון מיין געבורטס־שטעדטעל און אויך פון די אַרומיגע דערפער, וואו איך האָב זיך אָנגעזעהן מיט אזוי פיל צרות און נויט, האָב איך זיך געלאָזט פאָהרען אין דער שטאָדט ראָסטאָוו, וואָס געפינט זיך ביים טייך דאָן.

אַ צען שטונדען בין איך געפאָהרן אין א „הארטן" וואַגאָן, וואו עס פאָהרן געוועהנליך פּויערים אָדער גלאַט אָרימע מענשען מיט שווערע פּעק און קלומקעס. און וואָס איך האָב דאָרט געהערט און געזעהן וועל איך קיינמאָל אין מיין לעבען ניט קענען פארגעסען.

עס איז אין וואַגאָן ניט געווען קיין איין שפּרינקעלע, וואו מען זאָל אפילו אַ נאָדעל קענען דורכוואַרפען. די ענגשאַפט איז געווען אַזוי גרויס, אז מען האָט געקענט דערשטיקט ווערען. מענשען זיינען געזעסען אין פארשידענערליי צונויפגעקאָרטשע־טע פּאָזעס — ניט נאָר אויף די בענק, נאָר אויך אויף די פּאָ־ליצעס און אויפ׳ן פּאָל. אַלע, די מערסטע פון זיי, פּויערים און פּויערטעס, אָנגעטאָן אין גרויע צוריסענע פּעלצען און פּעלצ־לאַך, אין גרויע צושליסענע סוויטעס און סוויטקעס, אין אלטע זעק, פון וועלכע עס זיינען ארונטערגעהאנגען שטיקלאך און לאַ־טעס, וואָס זיינען געווען פארבלאָטיגט און פארשמוצט — אלע האָבען זיך געקראַצט, אַלע האָבען געריבען די פּלייצעס און די אקסלען אָן וואָס זיי האָבען נאָר געקענט, און דערביי האָט מען גערעדט וועגען טיפוס און פּאָקען און אנדערע קראַנקהייטען וואָס געהען ארום אין דעם און אין יענעם געגענד...

ווילענדיג ניט ווילענדיג פּרוואווט מען זיך אָפּרוקען אָן אַ זייט; מען שפּאַרט זיך צו דער וואַנט, אָדער צו וואָס מען קען נאָר, אַבי זיך אָפּצורוקען פון די אָרימע מענשען, וועלכע קראַ־

צען זיך און טראָגען שוין אפשר אין זיך סימנים פון די אַלע קראַנקהייטען. עס איז ניט אַנגענעם, און מען פּרואווט דאָך זיך אָפּרוקען פון זיי. אָבער וואוהין וועט מען זיך רוקען, וואוהין וועט מען זיך שפּאַרן, אַז אומעטום, וואוהין מען גיט זיך נאָר א דרעה, ריהרט מען זיך אָן אָן אָן אָרימען מענשען מיט א גרויען פּעלצעל, אָדער אָן א זאַק, פון וועלכען עס פאַלען שוין שטיקלאַך און לאַטעס!...

עס איז אין וואַגאָן געווען אַזוי דושנע, אז מען האָט גע־קענט דערשטיקט ווערן. עס האָט אַזש פאַרכאַפּט דעם אָטעם. די גאַנצע לופט איז געווען דורכגעזאַפּט מיט א שרעקליך שווע־רען גערוך, וואס האָט דערמאָנט די אַלטע צייטען אין רוסלאַנד... און די שויבען פון די פענסטער זיינען געווען פאַרהאַקט; מען האָט פון דער ווייטענס געזעהן קלאָר ווייסע, פאַרשנייטע פעלדער. אָבער אינווייניג, אין וואַגאָן, איז קיין ביסעל פרישע לופט ניט אַריינגעקומען.

און פויערים האָבען צווישען זיך גערעדט אויף אוקראַיניש.

— ביי אונז אין דאָרף, — האָט איין פויער דערצעהלט, — האָט איינער א קעלבעל געקוילעט. דאָס לעצטע קעלבעל, וואס ער האָט געהאַט. געקוילעט האָט ער עס פאַרטאָג, קיינער זאָל ניט זעהן. דאָס פלייש פונ׳ם קעלבעל האָט ער שטילער־הייד אוועקגעפיהרט אין שטאָדט אַריין פאַרקויפען. פאַר זיך מיט ווייב און קינדער האָט ער אויך איבערגעלאָזען אביסעל פלייש. ווען די קינדער האָבען דערזעהן פלייש, האָבען זיי זיך שיער ניט צוטאַנצט פאַר פרייד. און טאַטע־מאַמע האָבען זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען זיך פאַר קיינעם ניט אַרויסכאַפּען מיט קיין וואָרט; זיי זאָלען קיינעם ניט דערצעהלען, אַז זיי האָבען געגעסען פלייש...

— גוט איז דעם וואָס האָט נאָך א קעלבעל. — האָט אַן אנדער פויער געמאַכט א באַמערקונג, — ביי אונז האָט מען שוין אי די קעלבלעך אי די חזירים לאַנג אויסגעשאָכטען. ניטאָ מער ביים פויער קיין קעלבלעך און קיין חזירים!

— ניטאָ מער ביים פויער קיין ברויט! — האָט א דריי־טער זיך אָנגערופען.

—און ביי אונז עסט מען בוראַקעס...

— און ביי אונז עסט מען שאָלעכץ פון קאַרטאָפליעס...

— פונקט ווי די בהמות אמאָל...
— מען ווערט געשוואָלען פון הונגער...
— מען שטאַרבט פאַר הונגער...
— טאָמער האָט מען עפּיס אין שטוב, נעמט מען עס צו...
— שוין נישטאָ וואָס צוצונעמען...

אזוי האָט מען גערעדט מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, כמעט ווי צווישען די ציין. און דערנאָך האָט איינער געזאָגט:

— מען דערצעהלט, אז אין די גרויסע שטעדט קאָסט ברויט ביליגער.
— יאָ, אין די גרויסע שטעדט איז אביסעל בעסער.
— דאָרט קען מען נאָך קריגען ברויט.

און אָנרופענדיג נעמען פון גרויסע שטעדט, וואָס געפינען זיך זעהר ווייט, האָט מען דערצעהלט:

— דאָ קאָסט א ברויט ניט מער ווי צעהן רובעל...
— דאָרט קאָסט א ברויט ניט מער ווי אכט רובעל...
— און אין מאָסקווע — זאָגט מען — קען מען אפילו קריגען ווייס-ברויט אויך...
— נו, וואָס קומט ארויס דערפון וואָס אין מאָסקווע קען מען קריגען? דאָ ביי אונז אין די דערפער איז שלעכט...
— יאָ, דער פויער לעבט איצט איבער א צייט א ביטערע. זעהר א ביטערע. איין גאָט ווייסט וואָס ס'וועט זיין!...

אויף יעדער סטאַנציע, וואו דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, זיינען אריינגעקומען נאָך און נאָך פויערים און א סך פון זיי האָבען געטראָגען אויף די פּלייצעס קלומקעס און זעק און פּעק. ניט אראָפּנעמענדיג פון זיך די שווערע משא האָבען זיי זיך אויסגעשטעלט און אויסגעזעצט וואו זיי האָבען נאָר געקענט, אריינשפּאַרענדיג זיך איינער אינ'ם אנדערן, קריכענדיג איינער אויפ'ן אנדערן. און קיינער איז ניט געווען בייז פאַר וואָס מען שפּאַרט זיך, קיינער האָט ניט געהאַט קיין טענות פאַר וואָס מען שטופּט זיך, פּונקט ווי אַנדערש וואָלט דאָס גאָר ניט געקענט און ניט געדאַרפט זיין. אזא מערקווירדיגע געדולד און אזוי פיל אויסדויער-קראַפט קען מען זעהן טאַקע בלויז ביים רוסישען פויער...

קוקענדיג אויף דער ענגשאַפט, געפינענדיג זיך אין דער שטיקעניש, האָט זיך מיר געדוכט, אז איך וועל שוין גאָר קיינ-

מאָל ניט קענען ארויס פון דאָרטען. אָבער אויף יעדער נייער סטאַנציע זיינען אין וואַגאָן אריינגעקומען נאָך און נאָך פויערים און פויערטעס מיט קלומקעס און זעק. און אַלע האָבען, עפּים ווי דורך נסים, פאר זיך אַן אָרט געפונען אין די וואַגאָנען, און אַלע האָבען זיך געקראַצט, און אַלע האָבען גערעדט וועגען קראַנקהייטען, וואָס געהען ארום אין די דערפער און וועגען מענשען, וואָס ווערען געשוואָלען פון הונגער...

און דער צוג איז געלאָפען אַלץ ווייטער און ווייטער, טראָגענדיג איבער פעלדער און וועלדער די רוסישע ארימקייט, די רוסישע נויט און די רוסישע געדולד...

איך האָב געפיהלט ווי ס'קלעמט מיך אונטער'ן הארצען. איך האָב געוואָלט עסען. אָבער דאָס הארץ האָט מיר ניט דערלאָזט צו עפענען דאָס רענצעלע און ארויסנעמען פון דאָרט דאָס ביסעל עסענוואַרג, וואָס די מאַמע און די שוועסטער האָבען מיר מיטגעגעבען. איך האָב ניט געקענט עסען און איך האָב זיך געשעהמט צו עסען ווען ארום מיר געפינען זיך אַזוי פיל הונגעריגע מענשען...

די נאַכט איז צוגעפאַלען און ס'האָט אָנגעהויבען ווערען פינסטער אין וואַגאָן, און דאָס האָט נאָך געדיכטער געמאַכט די גרויע בילד פון נויט און אָרימקייט, דאָס האָט נאָך שווערער געמאַכט דעם אַזוי אויך שווערן געמיט.

ערגיץ איבער א טיר פונ'ם וואַגאָן האָט אין א לאַמטערן מיט א שוואַרץ פאררויכערט גלעזעל געברענט א ליכט און געוואָרפען שאָטענס אויף מענשען, וואָס זיינען אַליין אויך שאָטענס. און אַלע מאָל איז אריינגעקומען דער קאָנדוקטאָר, און ער האָט מיט זיין לאַמטערן אויך געוואָרפען שאָטענס אויף מענשען, וואָס זיינען שאָטענס, און פונקט ווי ער וואָלט פאר זיך אַליין געוואָלט מאַכען זיכער, אַז ער איז ניט צווישען האַלב טויטע, נאָר צווישען לעבעדיגע מענשען, האָט ער אויפ'ן קול, שוין צו הויך און צו שאַרף, געשריגען:

— בירגער, דערלאַנגט אַהער די בילעטען!

— בירגער, ווער האָט זיך אויפגעזעצט אין טאַלנע?

— בירגער, ווער האָט זיך אויפגעזעצט אין סמיעלע?

— בירגער, ווער פאָהרט קיין אומאַן?

און די בירגער אין גרויען האָבען דעם קאָנדוקטאָר שטיל

זייערע בילעטען דערלאַנגט און שטיל אויף זיינע פראַגען גע־ענטפערט, און ווען ער איז אוועק און מען האָט שוין בלויז פון דערווייטענס זיין קול געהערט, האָט מען געהאַט אַ טענה:

— וואָס שרייט ער אַזוי?

די ענגשאַפט האָט מיך געמאַכט נאָך מידער ווי איך בין געווען און איך האָב אָנגעהויבען איינדרעמלען יעדער ווייל. און אַלע מאָל, ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך אַלץ דאָס זעלבע געזעהן און מיר האָט זיך געדוכט, אַז צו דער שווע־רער רייזע אינ'ם „האַרטען" וואַגאָן וועט שוין גאָר קיינמאָל קיין סוף ניט נעמען.

איינמאָל, ווען איך האָב זיך געגעבען אַ כאַפּ אויף, האָב איך זיך אָנגעשטויסען אָן אַ גרויען, קויטיגען בארג, וואָס האָט פאַר מיר אַלעס פארשטעלט. איך האָב ניט געוואוסט ווען און ווי אַזוי דער באַרג איז אויסגעוואַקסען, און איך האָב אויך ניט געוואוסט צי ער באַשטעהט פון קלומקעס און פעק, אָדער גאָר פון לעבעדיגע מענשען, וואָס זיינען אָנגעטאָן אין גרויע סוויטקעס און אין קויטיגע זעק. דאָס איז געווען אַ שטיק קוי־טיגקייט, וואָס האָט מיט שפּיצען און עקען אַרויסגעסטאַרטשעט דאָ און דאָרטען; אָבער עס האָט זיך ניט גערירט, עס האָט זיך ניט באַוועגט. ערשט ווען דער שרייענדיגער קאָנדוקטאָר מיט'ן לאַמטערן איז אַריינגעקומען און האָט גענומען מונטערן די „בירגער", אַז זיי זאָלען דערלאַנגען די בילעטען, האָט זיך דער גרויער באַרג, די גאַנצע שטיק קויטיגקייט, אָנגעהויבען ריהרען און עס זיינען שטיל אַרויסגעקראָכען „בירגער" מיט קלומקעס אויף די פּלייצעס און מיט בילעטען אין די מיילער, אין די הענט און אויך אין די פּאַזוכעס...

עס איז געווען אַ שרעק צו קוקען!

צווישען די נייע פּאַסאַזשירען אינ'ם „האַרטען" וואַגאָן איז געווען איינער זעהר אַ רעדעוודיגער. ער האָט דערצעהלט אַ סך זאַכען וועגען דעם לעבען אין די דערפער פון קיעווער און פּאָדאָליער גובערניעס — אַלץ געשיכטעס וועגען נויט און הונ־גער, און ריידענדיג אַזוי, האָט ער געגעבען אַ זיפץ און האָט געזאָגט:

— און היינט איז שוין דער אַכטער מאַרט!

ניט ווילענדיג האָב איך אויף אים געגעבען אַ קוק פאַר־

וואונדערט, ווייל אין יענעם טאָג איז ניט געווען דער אכטער נאָר דער איין־און־צוואַנציגסטער מאַרט.

א אינגערער פויער האָט טאַקע געמאַכט א באַמערקונג:

— היינט איז דאָך גאָר דער איין־און־צוואַנציגסטער!

— ניין, — האָט דער עלטערער פויער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. — דער איין־און־צוואַנציגסטער איז ביי ז י י. ביי אונז אָבער איז היינט דער אַכטער...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז כאָטש מען האָט אין סאָוועט־רוסלאַנד שוין לאַנג אָפּגעשאַפט דעם אַלטען קאַלענדאַר און איינגעפיהרט דעם נייעם, לעבט דער פויער — לויט'ן זכרון — נאָך אַלץ מיט דעם אַלטען קאַלענדאַר, און ווען ער זאָגט „זיי", מיינט ער די קאָמוניסטען. און דערמאָנט האָט דער פויער דעם פאַקט, אַז היינט איז דער אַכטער „ביי אונז" און דער איין־און־צוואַנציגסטער „ביי זיי" ניט גלאַט אַזוי, נאָר דערפאַר וואָס אין גיכען דאַרפען זיין א גאַנצע רייהע ימים־טובים צום אָנדענק פון א גאַנץ געזינדעל „הייליגע"...

— יאָ־יאָ, — האָט ער געזאָגט מיט א זיפץ — אין גיכען וועלען זיי זיין, די ימים טובים.

דאָ האָב איך שוין מער ניט געקענט בלייבען זיצען קיין שווייגענדיגער און איך האָב זיך אויך אַריינגעמישט אינ'ם געשפּרעך, ריידענדיג צו די פויערים אין זייער לשון — אוקראַיניש:

— ווי אַזוי, פעטערל. קענט איר דאָס וויסען ווען עס געפאַלט אויס א יום־טוב? — האָב איך געפרעגט דעם רעדעווּדיגען פויער.

— איך האַלט דאָס אויפ'ן קאָפּ, — האָט ער געענטפערט.

— שוין יאָהרען אַזוי... א סך אַזעלכע ווי איך פאַראַן דאָ ביי אונז אין רוסלאַנד... מיר האַלטען דאָס אויפ'ן קאָפּ...

דערהערט, אַז איך רעד אוקראַיניש, האָבען די פויערים זיך דערפיהלט היימישער מיט מיר, און ווען זיי האָבען זיך דערוואוסט, אַז איך קום אַזש פון אַמעריקע, איז די ערשטע פראַגע זייערע געווען:

— וויפיל קאָסט א פונט ברויט אין אמעריקע?...

דאָס האָט זיי אינטערעסירט מער ווי אַלץ. און ווען איך האָב זיי געזאָגט דעם אמת, אַז, ליידער, ווייס איך ניט דעם פּרייז

פון א פונט ברויט אין אמעריקע, ווייל עס קומט מיר דאָרט ניט אויס צו קויפען קיין ברויט, האָבען זיי זיך שטארק געוואונדערט; עס איז זיי שווער געווען צו פארשטעהן ווי אזוי א מענש קען לעבען אין א לאנד און ניט וויסען וויפיל עס קאָסט א פונט ברויט. און איינער פון זיי האָט אויף אָט דעם גרונד ארויסגעזאָגט זיין מיינונג:

— דאָס אליין, — האָט ער געזאָגט, — באווייזט, אז אין אמעריקע איז ניט אזוי שלעכט ווי ביי אונז...

איך האָב געפרעגט ביי די פויערים וואוהין זיי פאָהרען און נאָך וואס, און אלע האָבען מיר דעם זעלבען ענטפער געגעבען:

„זאַ חליבאָם".

און ס'איז געווען אזוי מאָדנע: פון אוקראַינע, פון דעם תבואה־שפייכלער אין לאנד, פאָהרען פויערים, ערד־ארבייטער, הונטערטער מיילען אין ווייטע שטעדט — נ א ך ב ר ו י ט!...

***

אויף דער סטאנציע צוויעטקאָווא האָב איך געדאַרפט בייטען דעם צוג און קריגען א פלאצקארטע אין א „וויכען" וואַגאָן.

געמיינט האָב איך, אז דאָס וועט מיר געוויס ניט אָנקומען שווער, ווייל א בילעט קיין ראָסטאָוו האָב איך דאָך שוין געהאַט, אָבער אזוי שנעל ווי איך בין ארויס פון דעם „הארטען" וואַגאָן און האָב זיך געלאָזט געהן צום וואָקזאל, האָבען זיך אויף מיר פון אלע זייטען א שאָט געטאָן פויערים און פויערטעס מיט קלומקעס און פעק און זעק; וואס אמאָל איז די ענגשאפט ארום מיר געווארען אלץ געדיכטער און געדיכטער; ארויסרייסען זיך פון דער גרויסער מאַסע, וואָס שפּאַרט זיך אלץ ווייטער מיט עקשנות, איז געווען אוממעגליך; איך האָב שוין ניט געקענט געהן, וואוהין איך האָב געוואָלט, נאָר וואוהין מען האָט מיך געשטופּט; דער טשעמאָדאַן האָט מיך מיט זיין שווערקייט צו דער ערד געצויגען און איך האָב געפיהלט, אז אָט־אָט פאַל איך אום.

איך האָב זיך אָבער דאָך ארויסגעריסען פון דער שטיקעניש, און אזוי ווי ס'איז אוממעגליך געווען צו קריגען א טרעגער האָב איך זיך מיט'ן שווערען טשעמאָדאַן אין דער האַנט קוים צוגעשלעפּט צו דעם זאל, וואו עס איז געווען די קאַסע. אָבער איך האָב באלד דערזעהן, אז איך וועל זיך בשום אופן ניט

קענען דערשלאָגען אַהין, ווייל ביי דער קאַסע, וועלכע איז גאָר געווען פאַרמאַכט, זיינען געשטאַנען אָהן אַ שיעור מענשען, און מען האָט מיר געזאָגט, אַז זיי וואַרטען דאָרטען שוין היבשע עטליכע שטונדען און אַז ווער ווייסט צי זיי וועלען זיך אויף עפּעס דערוואַרטען, ווייל מען פאַרקויפט שוין מער ניט קיין בילעטען.

ווען איך האָב געזאָגט איינעם, אַז איך האָב שוין, אייגענט־ליך, אַ בילעט, און אַז עס פעהלט מיר בלויז אַ „פּלאַצקאַרטע" אין אַ „וויכען" וואַגאָן, האָט ער געשמייכעלט:

— קיין פּלאַצקאַרטעס — האָט ער געזאָגט — פאַרקויפט מען שוין אינגאַנצען ניט. ניטאָ מער קיין פּלעצער אין די „וויכע" וואַגאָנעס. אַלע זיינען איבערגעפּאַקט...

אין גרוים פאַרלעגענהייט האָב איך גענומען קוקען אין אַלע זייטען; אפשר וועל איך ערגעץ דערזעהן אַ פּנים פון אַ מענשען, וואָס וועט אַרויסווייזען גרייטקייט מיר צו העלפען. אָבער איך האָב אין ערגעץ אַזאַ פּנים ניט געזעהן; אַלע זיינען געווען פאַרנומען מיט זיך.

און דאַן האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער עצה, וואָס מיי־נער אַ פריינד אין רוסלאַנד האָט מיר געגעבען:

— ווען איר וועט אַמאָל האָבען אומאַנגענעמליכקייטען — האָט ער געזאָגט — ספּעציעל אויף אַ וואָקזאַל, ווייל אין סאָוועט־רוסלאַנד איז איצט זעהר שווער צו פאָהרען, זאָלט איר זיך גלייך ווענדען צו דער „גע־פּע־או"; דאָרטען וועט מען אייך שוין פון אַלע צרות אַרויסראַטעווען...

און איך האָב זיך געווענדעט צו דער „גע־פּע־או".

— איר זענט אַן אויסלענדישער זשורנאַליסט? — האָט מיך דער באַפולמעכטיגטער פון דער „גע־פּע־או" געפרעגט, באַ־טראַכטענדיג מיין פּאַספּאָרט. — גוט.

און באַלד בין איך שוין געווען אין „פּעסטע, זיכערע הענט".

ווי פון אונטער דער ערד איז באַלד אויסגעוואַקסען אַ טרעגער; מען האָט מיך אַריינגעפיהרט אין אַ גרויס צימער, וואו אַ קעראָסין־לאָמפּ האָט געברענט אויף אַ הוילען טיש. ביים טיש זיינען געזעסען עטליכע גוט־באַוואָפענטע יונגע מענשען.

מען האָט מיך געבעטען זיצען און מען איז געוואָרען מיט מיר היימיש.

— איצט דאַרפט איר זיך שוין גאָרניט זאָרגען — האָט מיר איינער געזאָגט — מען וועט שוין פאַר אייך קריגען א פלאַצקאַרטע און מען וועט אייך אַריינזעצען אין א וואַגאָן, און איר וועט פאָהרען גלייך קיין ראָסטאָוו.

און ווירקליך, עס האָט געדויערט ניט מער ווי א פאָר מינוט און איינער פון דער „גע־פע־או”, א יונגער אוקראַינער אין א יוניפאָרמע און אין א לאַנגען שינעל ביז צו דער ערד, האָט מיר אַריינגעטראָגען א פלאַצקאַרטע נאָך איידער איך האָב באַצאָהלט וויפיל עס האָט געקאָסט.

איך מוז צוגעבען, אז אין דעם האַלב־פינסטערען צימער מיט די באוואפּענטע מענשען האָב איך זיך טאַקע געפיהלט „אין פעסטע און זיכערע הענט”.

איין זאַך בלויז האָב איך ניט געקענט פאַרשטעהן: פאַר וואָס פאַרהאַלט מען מיך? פאַר וואָס שטעלט מען מיר אַלץ פראַגען וועגען פאַרשידענע זאַכען און מען זעצט מיך ניט אַרויף אויפ׳ן באַהן? איך האָב דאָס געפרעגט איינעם פון די באוואפּענטע מענשען.

— איר דאַרפט זיך ניט זאָרגען, — האָט ער מיך באַרוהיגט. — דער צוג קיין ראָסטאָוו האָט פאַרשפּעטיגט... ער וועט אָנקומען ערשט אין א פאָר שטונדען אַרום. מיר וועלען אייך שוין זאָגען, ווען ער וועט אָנקומען, ווייל צוויי פון אונז פאָהרען אויך, בלויז א פאָר סטאַנציעס, אין דער זעלבער ריכטונג. מיר וועלען זיין אין איין וואַגאָן...

פון דעם, וואָס די מענשען פון דער „גע־פע־או” האָבען מיט מיר גערעדט, איז געווען קלאָר, אז פריהער פון אַלץ ווילען זיי אָפּשאַפען דעם שלעכטען איינדרוק, וואָס איך האָב געהאַט פאָהרענדיג מיט די פויערים אין „האַרטען” וואַגאָן און צוזעהענדיג די סצענעס דאָרט.

— און מיינט איר, וואוהין פאָהרען אַט די אַלע פויערים?

— מאַכט אַזוי איינער צו מיר — דאָס פאָהרען זיי אויפ׳ן דאָנבאַס (דאָנעצער באַסיין) אַרבייטען. פון גאַנץ אוקראַינע פאָהרען איצטער פויערים אויפ׳ן דאָנבאַס אַרבייטען...

ער האָט לאַנג גערעדט וועגען דעם, אונטערשטרייכענדיג

אַלץ דאָס זעלבע און דאָס זעלבע, און ריידענדיג, האָט ער מיר גלייך אין די אויגען אריינגעקוקט...

ער האָט אַ סך גערעדט וועגן די גרויסע פאַבריקן און זאוואָדען, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט אויסגעבויט און אויך וועגען דער אידעאַליסטישער יוגענט, וואָס איז זיך מקריב פאַר דער צוקונפט. און דערביי האָט ער געזאָגט:

— יאָ, ס'איז אמת, אַז מיר דאַרפען זיך נאָך אַ סך לערנען. אָבער מיר דוכט, אַז קיינער קען ניט לייקענען, אַז מיר בויען סאָציאַליזם דאָ אין לאַנד...

עטליכע מאָל איז דער געשפרעך איבערגעריסען געוואָרען, ווייל אייניגע פון די באַוואָפענטע „געֿפּע־אוניקעס" זיינען אַלע ווײַלע אַוועק און זיינען באַלד צוריקגעקומען. און אין אַ מאָמענט, ווען איך בין אין דעם האַלב פינסטערען צימער געבליבען מיט איינעם פון זיי, און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אין אַמעריקע קען איך גוט זיינעם אַן אַלטען פריינד, איז ער מיט מיר געוואָרן היימיש, און שפעטער, ווען ער האָט זיך ווידער צורעדט וועגן דער שרעקליך גרויסער צאָהל פויערים, וואָס פּילען אָן אַלע באַנען און וואַלגערען זיך אויף אַלע וואָקזאַלען, האָט ער מיך געפרעגט:

— וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכט דאָס אויף אייך?

— אַ שרעקליכען! — האָב איך אים געזאָגט דעם אמת.

— און לויט מיין מיינונג, דערמאָנט אָט די „איבערוואַנדערונג פון פעלקער" יענע צייטען פון די „מיעשאָטשניקעס", ווען פויערים האָבען, אין די הונגער־יאָהרען, זיך געשלעפט מיט זעק פאַרקויפען און קויפען ברויט...

— אייך איז באַקאַנט יענע צייט?

— יאָ, איך האָב וועגען דעם געלעזען אין די צייטונגען.

— איז הערט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, — האָט ער זיך צוגערוקט נעהנטער און האָט מיר שאַרף אין די אויגען אריינגעקוקט, — לויט מיין מיינונג, איז דאָס נאָך שרעקליכער ווי יענע צייט...

דאָס וואָרט „שרעקליכער" האָט ער פעסט אונטערגעשטראָכען און ער האָט דאָס אַרויסגערעדט שטיל...

און דורכ'ן פאַרפראָרענעם פענסטער האָבען זיך אַלע מאָל

דערטראַגען שטימען, וואָס זיינען ווי פון אַן אַנדער וועלט גע־קומען. דאָס האָבען פּויערים און פּויערטעס שטיל און געדול־דיג צווישען זיך גערעדט וועגען געפּאַקטע באַהנען, וואָס קומען און געהען אוועק, און פון צייט צו צייט האָט זיך דורכ׳ן פענס־טער אויך דערטראַגען דאָס געוויין פון אַ קינד...

ווען דער באַהן, וואָס געהט קיין ראָסטאָוו, איז, סוף כל סוף, אַנגעקומען, האָב איך זיך שוין מער ניט געדאַרפט זאָרגען וועגען אַ טרעגער; די „גע־פּע־או” האָט מיך שוין מיט אַלעם פאַרזאָרגט, און ווען דער טרעגער האָט גענומען מיין טשעמאָדאַן, האָבען צוויי פון די באַוואָפענטע מענשען זיך געלאָזט געהן מיט מיר צום וואַגאָן...

עס איז געווען ניט גרינג זיך צו שטופּען דורכ׳ן גע־דרענג, ווייל דאָס אָנקומען פונ׳ם באַהן האָט נאָך מער צורו־דערט די מאַסע פון פּויערים און פּויערטעס, וועלכע האָבען זיך שוין טעג און נעכט געוואַלגערט אויפ׳ן וואָקזאַל, כאָטש אַ סך פון זיי האָבען שוין געהאַט בילעטען. פון אַלע זייטען איז מען געלאָפען, אומעטום האָט מען זיך מיט שווערע קלומקעס גע־שפּאַרט; אין דער לופט האָבען זיך געטראַגען קולות און גע־שרייען, געמישט מיט אַ געוויין פון קליינע קינדער. אָבער איך האָב זיך דאָך דורכגעשטופּט און בין צוגעקומען צום וואַגאָן.

ביים אַריינגאַנג האָט דער קאָנדוקטאָר מיך אָפּגעשטעלט. ער האָט מיך ניט געוואָלט אַריינלאָזען אין וואַגאָן און ער האָט געזאָגט, אַז ער קען ניט פאַרשטעהן, ווי אַזוי מען האָט מיר פאַרקויפט אַ פּלאַצקאַרטע, ווען אין וואַגאָן זיינען ניטאָ קיין פּלעצער!...

אָבער איינער פון די צוויי באַוואָפענטע מענשען האָט גע־געבען אַ זאָג דעם קאָנדוקטאָר:

— „אַריינלאָזען!

און דאָס איז געווען גענוג, און מען האָט מיך גלייך אַריינ־געלאָזען אינ׳ם ווייכען וואַגאָן און טאַקע גלייך איז געבאָרען געוואָרען אַ פּלאַץ פאַר מיר אין אַ באַזונדער „קופּעי”.

אַלץ אויפ׳ן באַפעהל פון איינעם פון די צוויי באַוואָפענטע מענשען...

דער צוג איז נאָך געשטאַנען, בין איך אַרויסגעגאַנגען אויף

דער פּלאַטפאָרמע פון׳ם וואַגאָן צו זעהן וואס אין דרויסען טוט זיך. און איך האָב געזעהן:

איבער דער גאַנצער לענג פון׳ם צוג, וואָס האָט פאַרנומען א גאַנץ היבשע שטרעקע, זיינען פון ביידע זייטען געשטאַנען אָהן א שיעור פויערים און פויערטעס. זיי האָבען זיך מיט די זעק און פּעק געשפּארט אין די „האַרטע" וואַגאָנס, אָנהענגענ־דיג זיך אָן די טרעפּלאַך פון ביידע זייטען און אנהאַלטענדיג זיך אָן די שטיקלאַך אייזען, וואָס ביי די טרעפּלאַך. אָבער די קאָנדוקטאָרען האָבען זיי פון דאָרטען געוואָרפען און געשליי־דערט.

— וואוהין קריכט איר? ניטאָ קיין פּלאַץ!

צו די ווייכע וואַגאָנען האָט מען זיי אינגאַנצען ניט צוגעלאָזען.

— העי, וואוהין קריכט איר, בירגער? איר זעהט ניט, אז דאָס זיינען ווייכע וואַגאָנען!...

די פויערים זיינען אָבער געווען פאַרצווייפעלט, ווייל א סך פון זיי, אפילו די, וואס האָבען שוין געהאַט בילעטען, זיינען געוועזן מיד פון דעם, וואס זיי האָבען זיך טעג און נעכט אויפ׳ן וואָקזאַל געוואַלגערט אין קעלט און אין שמוץ, האָבען זיי זיך ניט צוגעהערט צו דעם, וואס די קאָנדוקטאָרען שרייען און זיי האָבען זיך אַלץ געשטופּט אין די וואַגאָנעס פון ביידע זייטען, איבער דער גאַנצער לענג פון צוג.

עס איז געווען א שרעק צו קוקען!

עס האָט געריסען דאָס האַרץ!

און ווי איך בין אזוי געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון׳ם וואַגאָן, איז איינער פון די צוויי באַוואָפענטע מענשען צוגעגאַנגען צו מיר און האָט געזאָגט:

— געהט בעסער אַריין אינווייניג. איר וועט זיך נאָך פאַר־קיהלען...

בין איך אַריינגעגאַנגען אינווייניג, און האָב זיך אוועקגע־שטעלט ביים פענסטער. איך האָב זיך אַלץ ניט געקענט אָפּרייסען פון די שרעקליכע סצענעס, וואָס איך האָב געזעהן אין דרויסען. דאָרטען האָט מען פון די טרעפּלאַך אַלץ געוואָרפען און גע־שליידערט פויערים און פויערטעס, וועלכע האָבען זיך מיט זעק און פּעק אין די וואַגאָנעס געשפּארט, און אין דער לופט האָ־

בען זיך געטראַגען קולות און געשרייען. און מיט אַ אַמאָל האָב איך דערהערט אַ בראַזגעריי פון שויבען. דאָס האָבען פאַרצווייפעלטע פויערים אָנגעהויבען וואַרפען שטיינער, ברע־כענדיג די שויבען אין די פענסטער פון די וואַגאָנעס. און אַזוי שנעל, ווי עס האָט זיך נאָר דערהערט דאָס בראַזגעריי פון אויסגעבראָכענע שויבען, האָט איינער פון די צוויי באַוואָפענטע מענשען לעבען מיר געגעבען אַ שפרונג אַרויס אין דרויסען און באַלד האָט זיך פון דאָרט דערטראַגען אַ געהילך פון קלעפ. עס איז געוואָרען אַ מהומה און אַ לויפעריי, און איך האָב גע־הערט ווי פויערים שרייען אויף אוקראַיניש:

— „זאַשטשאָ?..." (פאַר וואָס).

די צושראָקענע פויערים האָבען געוואָלט וויסען, פאַר וואָס מען וואַרפט זיי פון די וואַגאָנעס, פאַר וואָס מען שלאָגט זיי. האָבען זיי רחמנות'דיג געשריגען „זאַשטשאָ?" אָבער קיינער האָט זיי אויף דער פראַגע קיין ענטפער ניט געגעבען. דער צוג האָט זיך געלאָזט געהן, איבערלאָזענדיג הינטער זיך די צוויי לאַנגע רייהען פויערים און פויערטעס, וואָס זיינען געשטאַנען פון ביידע זייטען איבער דער גאַנצער לענג. ער האָט אויך געלאָזען הינטער זיך זייערע קולות און דאָס געוויין פון זייערע קינדער, וועלכע האָבען זיך צוזאַמען מיט די טאַטעס און מאַמעס טעג און נעכט אויף דעם שמוציגען וואָקזאַל געוואַלגערט אין דער קעלט...

און אינ'ם ווייכען וואַגאָן זיינען געזעסען מענשען, באַוואָ־פענטע און אויך ניט קיין באַוואָפענטע, און זיי האָבען אַזוי שעהן גערעדט וועגען דער גרויסער אויפבויאונגס־אַרבייט אין דער רעפובליק פון אַרבייטער און פויערים...

זעקסטער קאַפּיטעל.

# אין ראַסטאָוו, ביים דאָן.

## 1. דער ליאַדי׳ער ישיבה בחור ביי דער מאַכט.

אָנגעקומען קיין ראַסטאָוו בין איך אין אַ קאַלטען ווינ־טערדיגען פריהמאָרגען, ווען די שטאָדט, וואס געפינט זיך ביים טייך דאָן, איז נאָך געווען האַלב פארשלאָפען.

אויף אַן אָפּגעריבענער „דראָזשקע", וואו ס׳איז געווען זעהר אומבאַקוועם צו זיצען און וואו מען האָט די פיס געמוזט האַלטען ארונטערגעלאָזען צו דער ערד און זיצען אין דער ברייט אויף עפּעס א שמוציגער רעדנע, א גרויער, האָב איך זיך געלאָזט פאָהרען צו מיינעם א באַקאַנטען, און אזוי ווי מיין הוט און מיינע קליידער האָבען זיך דעם אָנטרייבער שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען, איז ער געווען זעהר נייגעריג צו פארפירען מיט מיר א געשפּרעך:

— איר זעהט אויס צו זיין ניט קיין אונזעריגער, — האָט ער געזאָגט, — מען דערקענט דאָס גלייך אין אייערע קליידער...

— יאָ, איך קום פון ווייט.

— פון וואַנען?

— פון אַמעריקע.

— אהאָ, אַזש פון אַמעריקע! איז, זאָגט זשע מיר, וויפיל קאָסט דאָרטען א פונט ברויט?

דאָס איז געווען די ערשטע פראַגע זיינע אזוי שנעל ווי ער האָט דערהערט, אז איך קום פון אַמעריקע:

„וויפיל קאָסט דאָרטען א פונט ברויט?..."

דערנאָך האָט ער שוין געוואָלט וויסען די פּרייז פון מעהל און אויך פון האָבער; און צי מען שטעהט דאָרט אויך אין „אָטשערעד" ווען מען דארף עפּעס קריגען פאר געלט. און ווען

איך האָב אים אויף די אַלע פראַגען געענטפערט, האָט ער געזאָגט:

— איז, הייסט עס, ביי אייך נישט קיין „סאָוועטסקע וולאַסט"...

און ער איז זיכער ניט אויסגעווען גענוג צו זאָגען א וויץ. דער נאַאיווער רוסישער מענש האָט זיך גלאַט אויף זיין אייגענעם שטייגער אויפגעפאַסט די רוסישע ווירקליכקייט און די ווירקליכקייט אין אַנדערע לענדער און ס'איז ביי אים אויסגעקומען, אַז אויב אין אַמעריקע איז דער יקרות אויף ברויט ניט אַזוי גרויס ווי אין רוסלאַנד און מען דאַרף ניט שטעהן אין „אָטשעריעד", ווען מען וויל עפּעס קריגען פאַר געלט, הייסט עס, אַז דאָרט איז נישט קיין „סאָוועטסקע־וולאַסט"...

ביי דעם באַקאַנטען אין הויז האָב איך לאַנג ניט געקענט זיין, ווייל איך האָב גלייך געזעהן די אָרימקייט און די ענגשאַפט. בין איך אַוועק אין דעם „אינטוריסט" באַשטעלען א צימער אין אַ האָטעל, וואו איך זאָל אויך קענען עסען.

אויפגענומען האָט מיך א יונגער בחור'ל, וואָס האָט גערעדט ענגליש נישט שלעכט. ער האָט פּאָרזיכטיג און פּינקטליך דורכגעקוקט מיין פּאַספּאָרט און דערנאָך האָט ער מיר געהייסען געהן צוריק צו מיין באַקאַנטען — מען וועט שפּעטער שיקען נאָך מיר און דאַן וועט מען שוין אַלעס באַזאָרגען...

שפּעטער האָט מען געשיקט נאָך מיר א גוטען אָטאָמאָביל מיט אַ פיין אָנגעטאָנענעם שאָפער, אויף וועלכען עס איז ממש געווען א פאַרגעניגען צו קוקען. און ווען איך בין דאָס מאָל אריינגעקומען אין דעם „אינטוריסט", האָט מיך שוין אויפגענומען אַן אַנדערער, ניט דערזעלבער וואָס פריהער — א יונגערמאַן פון אַ יאָהר עטליכע און דרייסיג, מיט אַ טונקעלען פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ פעסטען כאַראַקטער, און גערעדט רוסיש האָט ער מיט אַן עכטען רוסישען אַקצענט, וואָס האָט דוקא קלאָר און דייטליך געוויזען, אז ער איז אַ איד, וואָס סטאַרעט זיך שוין אביסעלע צופיל צו ריידען רוסיש ווי אַן עכטער רוס...

יעדער וואָרט, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט, איז געווען ווי מיט אַ האַמער אָפּגעהאַקט — פעסט, זיכער, קלאָר און צום פּונקט. און ריידענדיג האָט ער די גאַנצע צייט פון מיר די אויגען ניט אַראָפּגענומען. ער האָט שאַרף געקוקט אויף מיר מיט זיינע

צוויי דורכדרינגענדיגע אויגען, ניט פאַרפעהלענדיג צו באַמערקען אַפילו דעם מינדסטען אויסדרוק, וואָס האָט זיך אויף מיין פּנים באַוויזען...

ווען ער האָט דערהערט, אַז איך בין פון דער סאַמע גע־דיכטער אוקראַינע געקומען איינער אַליין קיין ראָסטאָוו, האָט ער געמאַכט אַ מינע ווי ער וואָלט זיך דאָס קוים געקענט פאָר־שטעלען:

— אַליין זיינט איר אַזש פון דאָרטען געקומען אַהער! — האָט ער אויף מיר נאָך שאַרפער געטאָן אַ קוק. — ווי האָט איר דאָס געקענט? ווי אַזוי האָט איר געקראָגען אַ בילעט, אַ פּלאַצקאַרטע אָן דער הילף פון׳ם „אינטורסיט”?

— מיט דער הילף פון דער „גע־פע־או”, — האָב איך אים געענטפערט מיט אַ לייכטען שמייכעל.

דערהערט אַזאַ ענטפער, איז דעם מענשען געוואָרען גרינ־גער אויפ׳ן האַרצען...

און באַלד האָט ער קונציג געביטען דעם געשפּרעך און האָט אָנגעהויבען ריידען וועגען דעם, וואָס איך האָב אויפ׳ן וועג געזעהן, ווי אַלע באַהנען און אַלע וואָקזאַלען זיינען געפּאַקט מיט פּויערים...

פון וואַנען ער ווייס דאָס, האָב איך אים פאַרשפּאָרט צו פרעגען...

— דאָס פאָהרען זיי אויף אַרבייט... — האָט ער מיר גע־געבען דיזעלבע ערקלערונג וואָס יענער אין דער „גע־פע־או” אויף דער סטאַנציע צוויעטקאָוואַ.

דאָס איז פאַר אים אָבער, אַפּנים, געווען ווייניג, און ער האָט זיך פאַרנומען צו ריידען וועגען דעם זעלבען ענין אַביסעל ברייטער:

— מיר בויען. מיר האַלטען אין איין בויען. פאַבריקען און זאַוואָדען וואַקסען ביי אונז אויס איינע נאָך דער אַנ־דערער. ביי אונז אַרבייט מען. נישטאָ ביי אונז אַזאַ זאַך ווי אַרבייטסלאָזיגקייט, ווי ביי אייך אין אַמעריקע. אַלע אַרבייטען, קיינער זיצט ניט ליידיג. נו, איז פאַרשטעהט איהר מיך, גע־שאַפען געוואָרען אַזאַ לאַגע: די שטאָדט קען ניט צושטעלען גענוג אַרבייטער פאַר די פאַבריקען און זאַוואָדען, און מען מוז שוין אָנקומען צום דאָרף. און דערמיט דערקלערט זיך דער

פאקט, וואס איר האָט אויפ'ן וועג פון אוקראַינע געזעהן ווי אַלע באהנען און אַלע וואקזאַלען זיינען געפּאַקט מיט פּויערים. איך פארשטעהט, דאָס פאָהרען זיי אויף אַרבייט...

איך האָב זיך מיט אים ניט געשפּאַרט. איך האָב זיך אויפ־מערקזאם צוגעהערט צו יעדען ווארט וואס ער האָט געזאָגט און דערביי האָב איך זיך צוגעקוקט צום אויסדרוק פון זיין פּנים, און איך האָב דאָך בשום אופן ניט געקענט פארגעסען דעם ענטפער, וואס די פּויערים אַליין האָבען מיר געגעבען, ווען איך האָב זיי געפרעגט וואוהין זיי פאָהרען. זייער ענטפער איז געווען אַן אַנדערער:

„מיר פאָהרען נאָך ב ר ו י ט!...“

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און איך בין שוין געווען פארזאָרגט מיט אַ צימער אין אַ גוטען האָטעל אויף דער פּריד־ריך־ענגעלס גאַס. איך האָב זיך שוין אויך מער ניט געדאַרפט זאָרגען וועגען עסען, ווייל אין דעם רעסטאָראַן פון דעם האָטעל האָט מען געקענט קריגען דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע.

מיט דעם זעלבען מענשען פון דעם „אינטוריסט“ איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפען עטליכע מאָל פאר דער צייט וואס איך בין געווען אין ראָסטאָוו און פון דעם וואָס איך האָב גע־זעהן, האָב איך געקענט באַשליסען, אַז ער איז ניט נאָר דער הויפּט פון דעם „אינטוריסט“, נאָר דער גאַנצער בעל־הבית פון שטאָדט; ער האָט זיך געמישט אין דער פארוואַלטונג פון דעם האָטעל, וואו איך בין איינגעשטאַנען, און דאָרטען האָט מען זיך מיט זיין מיינונג זעהר שטאַרק גערעכענט. און אויך אין דעם „טאָרגסין“, וואו מען קען קויפען זאכען בלויז פאר אויס־לענדישע געלט אדער פאר גאָלד, איז זיין וואָרט געווען אַ געזעץ, און ווען עפּעס איז דאָרט געגאַנגען ניט איינגאַנצען גלאַט, האָט ער ליב געהאַט צו זאָגען, מיינענדיג זיך אַליין:

— ווען דער בעל הבית איז נישטאָ, געהט אַלץ מיט'ן קאָפּ אַראָפּ...

און ווירקליך, מען האָט געזעהן, אַז דער מענש איז אַ בעל־הבית, אַז ער קען אריינטראָגען אָרדענונג אין אַ זאך; אַז ער קען ניט נאָר באפעהלען, נאָר ער קען אויך מאכען, אַז דער באפעהל זאָל פּינקטליך דורכגעפיהרט ווערען.

גערופען האָט מען אים „אופּאָלנאָמאָטשעני“, אָבער איך

האָב בשום אופן ניט געקענט דערגעהן פון וואָס ער איז דער „אופּאָלנאָמאָטשעני" (באפולמעכטיגטער) — פון דעם „אינ־טוריסט", פון די האָטעלען אין ראָסטאָוו, פון דעם „טאָרגסין", אָדער פון דער „גע־פּע־או". אויף אים האָט מען ווירקליך געקענט זאָגען דעם פּסוק „ידו בכל"; ער האָט זיך אומעטום געמישט און אומעטום געזאָגט אַ דעה און צו אים האָט מען זיך אומעטום צוגעהערט...

איינמאָל בין איך מיט מיינער אַ פריינדין אריינגעגאַנגען אין אין דעם ראָסטאָווער „טאָרגסין" קויפען אייניגע זאכען. קיין אמעריקאַנער מזומן געלט האָב איך ביי זיך גראָד ניט געהאַט, קיין רוסיש געלט האָט מען אין דער סאָוועטישער רעגירונגס־קראָם ניט אָנגענומען, בין איך צוגעגאַנגען צו דער מיידעל וואָס איז געזעסען ביי דער קאַסע און האב זי געפרעגט צי מען נעמט דאָ אָן אַן אמעריקאנער טשעק. האָט דאָס מיידעל אַ קוק געטאָן אויפ'ן טשעק און האָט געענטפערט איין וואָרט:

— ניין!

דאָס האָט מיך שטאַרק געוואונדערט, ווייל איך האָב גע־וואוסט, אז די טשעקס נעמט מען אָן אומעטום. און ווען איך האָב געפרעגט די מיידעל פאַר וואָס זי וויל דעם טשעק ניט אָנ־נעמען, האָט זי געענטפערט:

— ווייל די באַנק איז היינט פאַרמאַכט...

אַזאַ ענטפער האָב איך שוין אינגאַנצען ניט געקענט פאַר־שטעהן. נו, ווירקליך, און אַז די באַנק איז היינט פאַר־מאַכט, איז וואָס? וועט זי דאָך מאָרגען זיין אָפען.

אָבער די טענות זיינען געווען איבעריג. די מיידעל וואָס איז געזעסען ביי דער קאַסע האָט דעם טשעק ניט געוואָלט אָננעמען. ניט אומקוקענדיג זיך אפילו אויף מיר האָט זי גע־טאָן איר ארבייט, שרייבענדיג ציפערען אויף קאָלירטע פּאַפּיר־לאַך, וואָס זיינען זיך צוקראָכען אונטער די הענט ווען מען האָט זיך צו זיי מיט'ן בליישטיפט צוגערירט, און זי האָט זיך ווייניג געקימערט וועגען דעם וואָס איך בין בייז און איך גייה אוועק א ברוגז'ער.

אַ דאגה איר א גרויסע!

עס איז מיר נאָר געווען אַ וואונדער פאַר וואָס זי שענקט אזוי ווייניג אויפמערקזאמקייט אַן אמעריקאנער — אַ זאַך,

וואָס מען טוט געוועהנליך ניט אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווייל מען איז זעהר שטאַרק פאַראינטערעסירט ארויסצוציהען ביים אמעריקאַנער וואס מער געלט...

ערשט שפּעטער האָב איך אויסגעפונען די אמת'ע אור־זאַך. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס איך האָב צו דער מיידעל גערעדט רוסיש. ווען איך וואָלט צו איר גערעדט ענגליש, וואָלט זי פאַר מיר געהאַט מער דרך־ארץ און וואָלט מיר זיכער גע־שענקט מער אויפמערקזאַמקייט.

אין אַלגעמיין איז פאַר אַן אַמעריקאַנער רייזענדען אין סאָוועט־רוסלאַנד ביי א סך געלעגענהייטען א סך בעסער און פשוט וויגאַדנער צו ריידען ענגליש, אפילו אויב ער קען גוט רוסיש... בעאַמטע און סאָוועטישע רעגירונגס־אינסטיטוציעס האָבען פאַר אים דאָן מער דרך־ארץ און גיבען אים מער פּריי־ווילעגיעס...

איך בין אַוועק זוכען דעם „אופּאָלנאָמאָטשעני" (באַפול־מעכטיגטען) און איך האָב אים געפונען אין האָטעל. ווען ער האָט דערהערט, אז מען האָט אין „טאָרגסין" ניט געוואָלט אָנ־נעמען מיינעם אַן אַמעריקאַנער טשעק, איז ער געוואָרען אין כעס.

— אַזוי איז עס שוין, — האָט ער געזאָגט. — ווען דער בעל־הבית שרייט ניט אָן, איז נישטאָ קיין טאָלק און מען טוט וואָס מען וויל...

און באַלד איז ער מיט מיר אַוועק אין „טאָרגסין", וואו ער האָט זיך אויסגעבייזערט אויף דער מיידעל, וועלכע איז ביי דער קאַסע געזעסען; ער האָט געגעבען באַפעלען דעם און יענעם; יעדער איינער האָט זיך צו זיינע באַפעלען צוגע־הערט; מען האָט אים געקוקט אין מויל אריין, און וואָס ער האָט געזאָגט איז געווען אַ געזעץ. אויף זיינעם אַ באַ־פעל זיינען באַלד געבאָרען געוואָרען צוויי שטולען, פאַר מיר און פאַר מיין פריינדין. און כאָטש דער „טאָרגסין" איז גע־ווען געפּאַקט מיט מענשען, און אַלע פאַרקויפער און פאַרקוי־פערינס זיינען געווען שרעקליך פאַרנומען, האָט מען אונז אונ־טערגעטראָגען אַלץ וואָס מיר האָבען פאַרלאַנגט און מיר האָבען ניט געדאַרפט וואַרטען אפילו קיין איבעריגע מינוט...

ביי אַן אַנדער געלעגענהייט האָב איך מיט דעם זעלבען

„אופּאָלנאָמאָטשעני" געהאַט אַ באַגעגעניש אין דעם האָטעל, וואו איך בין איינגעשטאַנען. ער איז דאָרט געוועזן אַן אָפטער אריינגעהער און האָט זיך דאָרט געהאַלטען ווי אַ בעל־הבית. און איינמאָל, ווען איך בין אינדערפריה געזעסען אינ'ם רעסטאָראַן פונ'ם האָטעל און האָב געגעסען פריהשטיק, איז דער „אופּאָלנאָמאָטשעני" צוגעגאַנגען צו מיר, זיך אַוועקגעזעצט ביי מיין טיש און נאָכדעם ווי ער האָט געהייסען זיך דערלאַנגען אַ גלאָז טהיי, האָט ער מיט מיר פאַרפיהרט אַ געשפרעך.

— נו, זענט איר צופרידען פון דעם ווי מיר באַהאַנדלען אייך?

— זעהר צופרידען.

און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער אויפבויאונגס־ארבייט, וואָס געהט אָן אין ראָסטאָוו און אין אנדערע שטעדט, האָט ער געוואָלט, אז איך זאָל אים אָנווייזען אויף זאכען, וואָס זיינען, לויט מיין מיינונג, ניט ריכטיג...

זיך אריינלאָזען מיט אים אין איינצעלהייטען וועגען דער אָלגעמיינער לאַגע אין לאַנד האָב איך ניט געוואָלט, און איך האָב אים אָנגעוויזען אויף איינינע זאכען, וואָס זיינען, לויט מיין מיינונג, ניט ריכטיג אין דער פאַרוואַלטונג פונ'ם האָטעל.

— אָט, — האָב איך געזאָגט, — נעמט, צום ביישפּיל, אַזאַ קליינינקייט ווי סערווירען פּוטער צו יעדער מאָלצייט. אין די רייכסטע האָטעלען און רעסטאָראַנען אין אמעריקע דערלאַנגט מען צום טיש אַ קליין שטיקעלע פּוטער, אָדער צוויי שטיקעלעך פּוטער, כאָטש קיין מאַנגעל אין פּוטער איז ביי אונז נישטאָ. און דאָ ביי אייך דערלאַנגט מען אין רעסטאָראַן צום טיש יעדען מאָל אַזאַ שטיק פּוטער, אז ס'איז גאָר אוממעגליך עס אויפצועסען... אזוי איז דאָ אין ראָסטאָוו, אזוי איז אין מאָסקווע, אזוי איז אין אנדערע שטעדט, אין די אַלע האָטעלען, וואוהין עס פאַרפאָהרען אויסלענדישע טוריסטען. און דאָס איז ניט נאָר אַן איבעריגע הוצאה, נאָר אויך אַ רוסישע אומגעלומפּערטקייט...

דערהערט אַזאַ זאַך, האָט דער „אופּאָלנאָמאָטשעני" מיט'ן עכט־רוסישען אַקצענט אריינגעוואָרפען אַ פּסוק:

— „כל ישראל ערבים זה בזה", — מאַכט ער אזוי צו

מיר, — עס איז גוט וואָס איר מאַכט מיר אויפמערקזאם אויף אזא זאך, זאָגענדיג אז דאָס איז א רוסישע אומגעלומ־פערטקייט. איך וועל שוין זעהן, אז מיט דער צייט זאָל מען אָנהויבען געבען צום טיש וועניגער פוטער. דאָס וועט א סך איינשפאָרען... איך דאַנק אייך ווירקליך פאר דער באַמערקונג!

ער האָט געוואָלט, אז איך זאָל אים אָנווייזען אויף נאָך זאכען, וואס זיינען, לויט מיין מיינונג, ניט ריכטיג, און איך האָב אים אָנגעוויזען.

— עס קומען צו אייך קיין סאָוועט־רוסלאנד א סך אמעריקאנער טוריסטען, — האָב איך געזאָגט, — די מערסטע פון די וואָס קומען צו אייך זיינען ניט פון דעם טיפ אמעריקאנער, וואָס איר שטעלט זיך פאָר; עס ציהט זיי קיין רוסלאַנד, ווייל זיי האָבען ליב רוסישע ליטעראַטור, רוסישע מוזיק. אין דער היים זיינען זיי פון די, וואס פילען אָן די קאָנצערט־זאלען, וואו מען פיהרט דורך רוסישע מוזיקאלישע פראָגראמען; זיי פילען אויך אָן די רעסטאָראַנען, וואו מען זינגט רוסישע לידער און מען שפּילט רוסישע מעלאָדיען; זיי זיינען פון די, וואס פארבינדען אין געדאנק די רוסלאנד פון טאָלסטאָי און דאָסטאָיעווסקי, גלינקאָ, רימסקי־קאָרסאקאָוו און טשאַיקאָווסקי מיט דער היינטיגער רוסלאַנד; זיי זיינען דער פיינערער טיפּ אמעריקאנער, וואָס בענקט נאָך עפּעס, וואָס טרוימט וועגען עפּעס. און ווען זיי קומען צו אייך און איר פיהרט זיי אריין אין אייערע האָטעלען און רעסטאָראַנען, וואו עס שפּילען אָרקעסטערס יעדען אָוונט, איז אנשטאָט צו שפּילען פאר זיי רוסישע מוזיק, וואָס זיי האָבען ליב, שטאָפּט איר זיי מיט דזשעז, וואס זיי האָבען ניט ליב אפילו אין אמעריקע. וואָלט דען ניט געווען בעסער ווען איר וואָלט, א שטייגער, איינגעפיהרט אזוי: אין מאָסקווע זאָל מען פאר די אויסלענדישע טוריסטען שפּילען רוסישע מוזיק, אין כאַרקאָוו, אין קיעוו און אין אדעס זאָל מען פאר זיי שפּילען אוקראַינישע מוזיק, און דאָ, אין ראָסטאָוו, זאָל מען פאר זיי שפּילען קאַווקאַזער מוזיק.

דער „אופאָלנאָמאָטשעני" מיט'ן עכט רוסישען אקצענט האָט מיך אויסגעהערט זעהר אויפמערקזאם. אויף זיין פּנים, וואָס האָט אויסגעדריקט א סך כאַראַקטער, האָט זיך א צופריי־

דענער שמייכעל באַוויזען, און ער האָט מיר גלייך אין די אויגען אריינגעקוקט:

— ניט אומזיסט — מאַכט ער אַזוי צו מיר — האָבען די חכמים געזאָגט „מכל מלמדי השכלתי". אָט זייט איך און הער זיך צו צו די באַמערקונגען, וואָס איר מאַכט און איך לערן זעהר א סך. איר זענט גערעכט. מיר וועלען דאָס נעמען אין אכט. און אָט וועט איר זעהן וואס אונזער אָרקעסטער דאָ אין האָטעל וועט שפּילען היינט ביינאַכט!... מען דאַרף נאָר זיין א בעל־הבית!...

דעם זעלבען טאָג איז טאַקע פאָרגעקומען אן ענדערונג. ווען איך בין אין אָוונט אריינגעקומען אינ'ם רעסטאָראַן פונ'ם האָטעל, האָט דער אָרקעסטער שוין געשפּילט קאַווקאַזער מוזיק, ווי עס פּאַסט זיך פאר דער שטאָט ראַסטאָוו, וואָס געפינט זיך ביים טייך דאָן...

אזוי האָט געהייסען דער בעל־הבית מיט'ן עכט־רוסישען אקצענט און מיט די העברעאישע פּסוקים...

און ווען ער הייסט, פאָלגט מען...

מיר איז געווען אינטערעסאַנט זיך צו באקענען מיט דער פאַרגאַנגענהייט פון דעם מענשען; איך האָב געוואָלט וויסען וואָס ער איז געווען אַמאָל און פון וואַנען ער שטאַמט. עס האָט זיך אָבער אַלץ ניט געמאַכט קיין געלעגענהייט צו פאַרפיהרען מיט אים אַזאַ געשפּרעך, וואָס זאָל אים קירעווען אין דער געווינשטער ליניע, און אזוי זיינען אַוועק אַ פּאָר טעג ביז עס האָט זיך, ענדליך, געמאַכט אַזאַ געלעגענהייט.

געווען איז דאָס אין דער ביוראָ פונ'ם „אינטוריסט". מיר זיינען ביידע געזעסען ביי זיין שרייב־טיש, וואו דער טעלעפאָן האָט אַלע מאָל געקלונגען. ער, דער „אופאָלנאָמאָטשעני", וואָס איז דאָן געווען אָנגעטאָן אין אַ פּאָר שטיוועל און אין א וואָלענעם „סוועטער", האָט אַלץ געוואָלט וויסען וואָס איך וועל שרייבען און ווי אזוי איך וועל שרייבען וועגען סאָוועטרוסלאַנד, ווען איך וועל קומען צוריק קיין אַמעריקע...

— די פראַגע, — האָט ער געזאָגט, — דאַרף דאָ, אין דעם פאַל, אַוועקגעשטעלט ווערען אַזוי: האָבען מיר אידען געוואונען פון דער רעוואָלוציע, אָדער ניט: און מיר דוכט זיך, אז דאָ קען זיין בלויז איין ענטפער: מיר אידען

האָבען געוואונען אַלץ. אונטער'ן צאַר האָבען מיר ניט גע־האַט קיין רעכט, און די רעוואָלוציע האָט אונז געגעבען אַלע רעכט. ניטאָ אין סאָוועט־רוסלאַנד אזא הויכער אמט, וואָס אַ איד זאָל ניט טאָרען פאַרנעמען. מיר זיינען גלייכבארעכטיגטע בירגער. אין אַלע לערן־אַנשטאַלטען און אין אַלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס זיינען טיר און טויער פאַר אונז אָפען. אין דער אַרמיי וועט איר געפינען אידישע קאָמאַנדירען און אין אַ סך שטעדט וועט איר געפינען אידען, וואָס פאַרנעמען אזעלכע אמ־טען ווי אַמאָליגע גובערנאַטאָרען...

און דאָ האָט ער זיך אַליין אָנגעגעבען פאַר אַ ביי־שפּיל:

— נעמט מיך, — האָט ער געזאָגט, — אַליין בין איך פון דעם שטעדטעל ליאדי; בין געווען אמאָל אַ ישיבה־בחור און מען האָט מיך געהאַלטען פאַר אַן עלוי; אַ „גוט קעפּעל" געהאַט. מען האָט געמיינט, אַז איך וועל זיין אַ רב. אָבער מיין טאַטע איז געווען אַ איד אַן אָרימאַן, אַ פאַרבער אין שטעדטעל. אויסהאַלטען מיך אין דער ישיבה האָט ער ניט געקענט. איך האָב געמוזט אַליין פאַרדינען, און איך בין געוואָרען אַ קירזש־נער. ווען איך בין געוואָרען אַ קירזשנער, האָב איך זיך גע־טרייסט מיט דער מימרא פון די חכמים: „פשוט נבלה בשוק ואל תצטרך לבריות". איך האָב שווער געאַרבייט און קיין צו־קונפט האָב איך ניט געהאַט. איצט אָבער... איצט איז אַנ־דערש. איננאַנצען אַנדערש... און ווי איר זעהט, זיינען מיר אָנגעטאָן ריין און מיר זיינען מענשען!..

ביי די לעצטע ווערטער האָט ער אָנגעוויזען אויף זיך און אויף מיר... און ער איזווירקליך געווען גערעכט; מיר ביידע, דער „אופאָלנאָמאָטשעני" פון ראָסטאָוו און איך, זיי־נען טאַקע געווען אָנגעטאָן ריין...

ווען איך בין אוועק, האָב איך לאַנג געקלערט פון אים און פון נאָך אזעלכע ווי ער, וואָס פּאַסען אויף די רעוואָלוציע ניט נאָר אויף זייער אייגענעם שטייגער, נאָר אויך פון זייערע אייגענע אינטערעסען און דוקא מאַכענדיג דערביי אַ פאַרגלייך מיט די צייטען, ווען עס האָבען אין רוסלאַנד נאָך געהערשט די בלוטיגע צאַרען פון דער ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע. איך בין לאַנג געגאַנגען איבער די ראָסטאָווער ברייטע און שמאָלע גאַסען און

האָב געקוקט אויף די פאַרבייגעהער, וועלכע זיינען געווען אָנ־געטאָן זעהר אָרים און זעהר ניט ריין. אויף איין גאַס האָב איך דערזעהן א גרויסען „אָטשערעד", וואס האָט זיך גע־צויגען איבער דער גאַנצער לענג פון א גרויסען קוואַרטאַל; אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, זיינען אינ'ם „אָטשערעד" גע־שטאַנען צוגעדריקט איינער צום אנדערען. בין איך צוגעגאַנ־גען און האָב זיך איינגעהערט צו דעם וואס די מענשען ריי־דען, און איך האָב אויסגעפונען, אז א סך פון זיי שטעהען שוין אזוי אין „אָטשערעד" פון פיר א זייגער פאַרטאָג אָן, און אז זיי האָבען זיך נאָך אַלץ ניט צוגעשלאָגען צום פענס־טערעל.

— וואָס זשע גיט מען היינט, — האָב איך געפרעגט, באַנוצענדיג דעם רוסישען שטייגער פון ריידען אין אַזאַ פאַל: „טשטאָ סעוואָדניאַ דאיוט?"

און איך האָב אויסגעפונען, אז היינט גיט מען א טייערען אַרטיקעל, וואָס מען קריגט זעהר זעלטען — היינט גיט מען הערינג!...

די נייס האָט זיך, קענטיג, שנעל צוטראָגען איבער דער גאַנצער שטאָדט, אז היינט איז ניט אַזאַ טאָג ווי אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר, אז היינט „גיט מען" הערינג, זיינען מענ־שען אויפגעשטאַנען אין מיטען דער נאַכט און האָבען זיך אוועקגעשטעלט אין „אָטשערעד" פאַרטאָג צו קריגען דעם טייערען אַרטיקעל, וואס די רעגירונג האָט פאַרקויפט צו פיר און א האַלב רובעל פאַר אַ קילאָ (צוויי און א פערטעל פונט). זיי זיי־נען געשטאַנען שטונדען און שטונדען מיט דעם געדולד, וואָס נאָר רוסישע מענשען פאַרמאָגען; די וואָס האָבען זיך, סוף כל סוף, צוגעשלאָגען צו דער קראָם און האָבען מיט זייערע איי־גענע אויגען דערזעהן הערינג, האָבען זיך אזוי דערפרעהט, אז עס איז שוין געווען ניט מער ווי נאַטירליך, אז זיי זאָ־לען וועלען קויפען ניט נאָר איין קילאָ, נאָר צוויי און דריי קילאָ, ווייל מאָרגען וועט מען דאָך שוין אפשר מער קיין הע־רינג ניט געבען, מאָרגען וועט מען דעם זעלטענעם אַרטיקעל שוין ניט קענען קריגען...

האָט מען געכאַפּט און געקויפט וויפיל מען האָט נאָר

געקענט. און מיט אַמאָל איז אָנגעקומען מיליציע און האָט גענומען טרייבען די אָרימע מענשען...

זיי מוזען זיך שוין פונאַנדערגעהן, ווייל ווער קען נאָך צווייפלען אין דעם, אז דאָס זיינען „ספעקולאַנטען", „שעדיגער" פון דער רעוואָלוציע!...

מיט אזעלכע דאָרף מען זיך ניט צערעמאָניען. איינגע אַרעסטירט מען און אויף אַנדערע צושרייט מען זיך:

— העי, וואָס שטעהט איר דאָרט? שוין זאָל מען זיך פונאַנדערגעהן!... „ר א ז א ָ י ד י ס !"

## 2. ווייסע הענט.

פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען אין ראָסטאָוו, איז מיר דאָרט אויסגעקומען צו זיין אין א סך הייזער און זיך באַקענען מיט אַ סך מענשען. אין א געוויסען אָוונט בין איך געווען איינגעלאַדען אין א הויז, וואו עס האָט געוואוינט א קריסטליך פּאָר פּאָלק. איינגעלאַדען האָט מיך דער מאַן, מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט צופעליג נאָך אויפ'ן וועג קיין ראָסטאָוו. ער האָט געוואָלט, אז איך זאָל זיך באַקענען מיט זיין פרוי און מיט זיינע צוויי קינדער און ער האָט אויך געוואָלט ריידען מיט מיר וועגען אַמעריקע.

נאָך איידער איך בין צו דעם פּאָר פּאָלק אַוועק האָב איך געוואוסט, אז די פרוי איז זעהר אַן אינטעליגענטע און זעהר אַן עדעלע. אזוי האָט מיר דער מאַן געזאָגט. אין אלגעמיין האָט ער וועגען איר גערעדט מיט גרויס רעספּעקט און מען האָט געזעהן, אז ער האַלט זי א סך העכער ווי זיך. ער האָט מיר אויך דערצעהלט, אז זי, די פרוי זיינע, איז אמאָל געווען זעהר טעטיג אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אז זי האָט אמאָל געשריבען זעהר שעהנע און צאַרטע לידער, אָבער זי האָט קיינמאָל ניט געפּרואווט זיי דרוקען, ווייל זי פלעגט זאָגען, אז אויב יאָ אַ פּאָעט, דאַרף מען שרייבען אזוי ווי פּושקין, אָדער — אינגאַנצען ניט שרייבען...

ווען איך בין געקומען צו דעם פּאָר פּאָלק איז דער מאַן גראָד נאָך ניט געווען אין דער היים. איך האָב זיך אליין געמוזט פאָרשטעלען, און איך האָב גלייך באמערקט, אז מיין

קומען, כאָטש עס איז ניט געווען אונערוואַרטעט, האָט אַרייג־געבראַכט די פרוי אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, און זי האָט ניט געוואוסט וואָס פריהער צו טאָן, כדי צו פאַרשטעלען ווי ס'איז איר אייגענע נעבעכדיגקייט און די שרעקליכע אָרימקייט אין שטוב.

אין אַ קליין צימערעל, וואו מען האָט ניט געקענט באַ־האַלטען דעם מורא'דיגען דלות און די שווערע דערשלאָגענקייט, כאָטש מען האָט דאַרטען אַלעס געהאַלטען ריין און ציכטיג, האָבען געוואוינט פיר מענשען — אַ מאַן, אַ פרוי און צוויי קינדער. עס איז אין צימער געווען טונקעל און די לופט איז געווען פאַרדעמפט, ווייל די זון איז אַהין אודאי קיינמאָל ניט צוגעקומען. און וואו איך האָב זיך ניט אוועקגעזעצט, האָב איך אַלץ ניט געטראָפען דאָס ריכטיגע אָרט; האָב איך געפּרואווט דאָס בענקעל, איז דאָס געווען צובראָכען און דאָס דעקעל איז אַרונטערגעפאַלען; האָב איך געפּרואווט דעם דיוואַן, וואָס איז ביי דער וואַנט געשטאַנען אַ צוגעדעקטער, זיינען די ספּרונ־זשינעס אַרויסגעקראָכען און איך בין אַריינגעפאַלען אין עפּעס אַ טיפקייט, וואָס האָט מיך געהאַלטען ווי אין אַ קלעם...

און די אָרימע פרוי האָט זיך געשעמט און דרעהענדיג זיך אַהין און צוריק, האָט זי זיך געפיהלט ווי אַ פאַרלאָרענע, און זיך געהאַלטען אין איין אַנטשולדיגען פאַר מיר, כאָטש איין גאָט ווייסט מיט וואָס זי איז געווען שולדיג...

היינט איר אויסזעהען און איר קליידונג!

דאָס איז ניט געווען קיין מענש, נאָר אַ שאָטען פון אַ מענשען. פון אירע אויגען האָט אַרויסגעקוקט אַ טיפער צער, דאָס פּנים, וואָס האָט נאָך אין זיך געהאַט שפורען פון אַמאָלי־גער שעהנקייט, איז געווען איינגעפאַלען און וויסט, די ליפּען האָבען אויסגעזעהן פאַרשמאַכט, אין די ווינקלען פון'ם מויל איז געווען אַן אויסדרוק פון אַנגסט און פּיין. און אנגעטאָן איז זי געווען אין אַ צוריסען קליידעל, אין אַ קויטיגער בלוזקע, וואָס איז געהאַנגען אויף איר, און אין אַלטע, אויסגעדרעהטע, צורי־סענע שיך, פון וועלכע די לעדער האָט זיך געשיילט...

עס האָט געריסען דאָס האַרץ, קוקענדיג אויף איר!

ווען דער מאַן איז אָנגעקומען, האָט די פרוי זיך דער־פיהלט אַביסעל היימישער. מען האָט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש.

און די פרוי, וועמעס טריט מען האָט די גאַנצע צייט ניט גע־הערט, ווייל די שיך אירע זיינען געווען צוריסען, האָט פון א קעסטעל ארויסגענומען א טאָרבעלע און פונ׳ם טאָרבעלע — א שווארץ אלט־געבאַקען ברויט...

די הענט האָבען ביי איר געציטערט ווען זי האָט פון דעם פארדארטען ברויט דינע רייפטלאך געשניטען...

איך האָב ניט געהאַט דאָס הארץ צו עסען דאָס ברויט...

ווי געוועהנליך האָט מען גערעדט וועגען דער לאגע אין סאָ־וועט־רוסלאנד. דער מאַן האָט געהאַט טענות צו מיר פאר וואָס אמעריקע אנערקענט ניט די סאָוועט־רעגירונג; ער איז זיכער, האָט ער געזאָגט, אז ווען אמעריקע וואָלט יאָ אנערקענט די סאָ־וועט־רעגירונג און וואָלט איר געגעבען קרעדיטען, וואָלט די לאגע אין לאנד געווען א בעסערע ווי זי איז איצט; ער האָט פאר מיר געשילדערט די טרויעריגע בילדער פון דעם לעבען אין ראָסטאָוו; ער האָט געהאַט צו דערצעהלען גענוג אייגענע און אויך פרעמדע צרות, און די פרוי זיינע, א שטילע, אן עדעלע, האָט פון צייט צו צייט עפּעס צוגעגעבען פון איר זייט:

— עס איז דאָך שוין אזוי לאנג זינט איך האָב קיין ביכעל ניט געלייענט... איך געדענק שוין גאָר ניט ווען מיר זיינען אין טעאַטער געווען... אז יעדען פריהמאָרגען, ווען איך שטעה אויף, איז די ערשטע פראַגע: „מיט וואָס האָדעוועט מען היינט אָן די פאַמיליע?“... אז כדי צו קריגען די מינדסטע קלייניגקייט מוז מען שטעהן אין „אָטשערעד“... דאָס גאַנצע לעבען געהט אוועק אין „אָטשערעד“...

און געענדיגט האָט זי:

— אזוי וועלען שוין אלע יאָהרען אונזערע אוועק!...

אין איר ריידען איז ניט געווען אפילו קיין טאָן פון א ברעקעל האָפענונג. דאָס לעבען אין די לעצטע עטליכע יאָהר האָט זי אזוי צובראָכען, אַז זי קען שוין גאָר מער קיין האָ־פענונגען ניט האָבען; זי זעהט בלויז א שרעקליכע צוקונפט, פאר וועלכער זי שרעקט זיך שוין ניט, ווייל לעבען און טויט איז שוין ביי איר אלץ איינס...

און דער מאַן האָט ווייטער גערעדט:

— ביי אייך אין אמעריקע, — האָט ער געזאָגט, — שרייבט מען אלץ וועגען רוסלאנד. אָבער דאָס שרייבען קען,

לויט מיין מיינונג, ניט געבען קיין ריכטיגען באַגריף וועגען דעם ווי אַזוי מיר לעבען דאָ ווירקליך אין סאָוועט־רוסלאַנד. צו וואָס דאַס שרייבען? אָט זאָל מען פאָטאָגראַפירען אַן „אָטשערעד" און מאַכען אַן אונטערשריפט:

„מען וואַרט צו קריגען הערינג!"

— אָדער:

„דאָ גיט מען קאַרטאָפליעס!"

— זאָל מען איבערגעבען די רוסישע ווירקליכקייט אונ־זערע אין בילדער, פאָטאָגראַפירען פונ'ם ווירקליכען לעבען — בילדער פון „אָטשערעדען", וואו מען שטעהט שטונדען לאַנג צו קריגען אַ הערינג, אָדער אַביסעל מילך; בילדער פון הונ־געריגע און אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע מענשען; בילדער פון נויט און אָרימקייט, און אַלץ אין פאָטאָגראַפיעס, ניט צו־געפאַרבט און ניט צוגעמאָהלען. און דאָס וועט געבען אַן אמת'ן באַגריף, וועגען דעם פשוט'ן, טעגליכען און וואָכעדיגען לעבען אין סאָוועט־רוסלאַנד איצטער — אַ סך אַ קלאָרערען באַגריף ווי מען האָט פון די צעהנדליגער אַרטיקלען און ביכער, וואָס ווערען געשריבען פון מענשען, וואָס קומען קיין רוסלאַנד ווי פרעמדע, ניט קענענדיג די שפּראַך און ניט דאָס לאַנד...

איך בין ביי דעם פּאָר פאָלק געזעסען אַ פּאָר שטונדען, און די צוויי קינדער זייערע, אַ אינגעלע פון אַ יאָהר צעהן און אַ מיידעלע פון אַ יאָהר דרייצעהן, זיינען מיט מיר געוואָרען זעהר היימיש. זיי, די צוויי וואוילע קינדער, וועלכע ווייסען ניט פון קיין אַנדער לעבען, זיינען געווען זעהר נייגעריג צו באַטראַכטען און באַקוקען אַלץ, וואָס איך האָב ביי זיך גע־האַט — די אַמעריקאַנער „פאונטעין־פען", וואָס „שרייבט אָהן טינט", דעם בליישטיפט, וואָס האָט אַ מעקער, דאָס זייגערעל מיט'ן ציפער־בלעטעל, וואָס שיינט אין דער פינסטער און דאָס ציגאַרען־שפּיצעל, וואָס צונעמט זיך ווען מען דאַרף עס אויס־רייניגען. אָט די אַלע אַמעריקאַנער אַנטיקען זיינען ביי זיי געווען אַ גרויס חידוש; זיי האָבען קיינמאָל אַזעלכע „אַנ־טיקען" ניט געזעהן, און באַטראַכטענדיג די זאַכען, האָבען זיי אָנגעקוואָלען:

— „קאַקאַיאַ קראַסאָטאַ!" (וואָס פאַר אַ שעהנקייט!).

איך האָב די צוויי קינדער ליב געקראָגען, ווייל זיי זיינען

ווירקליך געווען וואוילע און טייערע קינדער; איך בין געווען צופרידען פון דעם וואָס איך האָב מיט מיין קומען אריינגע־טראָגען פרייד אין זייער לעבען; אין זייער געזעלשאַפט האָב איך זיך געפיהלט גוט, ווייל זיי האָבען זיך אויף קיין זאך ניט געקלאָגט, און אין סאָוועט־רוסלאַנד איז ממש א דערהפרישונג צו זיין אין א קרייז, וואו מען קלאָגט זיך ניט, און אזא קרייז קען מען געפינען בלויז צווישען די קאָמוניסטען און אויך צווישען קינדער... און ווען איך האָב ווידער געהאַט א געלעגענהייט צו זיין אין דעם זעלבען הויז, האָב איך פאַר די צוויי קינ־דער געבראכט א מתנה — א שטיקעל זייף...

באלד איז אויף א בענקעל געבאָרען געוואָרען א שיסעל וואסער, אוןביידע קינדער, דאָס אינגעלע און דאָס מיידעלע, האָבען זיך פלייסיג גענומען וואַשען...

די מאַמע איז געשטאַנען אין א זייט און האָט זיך צו־געקוקט. פון דעם אויסדרוק אויף איר אויסגעמוטשעטען פנים האָט מען געקענט זעהן, אז אין דער זעלבער צייט וואָס זי שעמט זיך, שעפּט זי נחת אויך...

און ווען די קינדער האָבען זיך גוט ארומגעוואַשען מיט דער אמעריקאַנער זייף, וואָס האָט אָנגעפילט די גאַנצע שי־סעל מיט ווייסע מולינקעס, איז דאָס מיידעלע צוגעלאָפען צו דער מאַמע'ן מיט א גדולה:

— מאַמע, — האָט זי אויסגעשריגען, האַלטענדיג די הענטעלאך פאַר זיך, — מאַמע, זעה, די הענט זיינען ביי מיר ווייס!... אבי איך האָב געמיינט, אז עס האָט שוין אויף זיי א קאָרע אָנגעוואַקסען... זעה, מאַמאַ, זעהט אלע, — ווייסע הענט!...

## 3. וואו נעמט מען א דאָרף מיט א בהמה'לע?!

איך בין אין ראָסטאָוו געווען אין א הויז, וואו א מיידעל פון א יאָהר זעכצעהן איז געלעגען קראַנק. די מוטער, אן אלמנה, ביי וועמען דער מאַן איז געשטאָרבען מיט א צוויי יאָהר צוריק, איז געווען זעהר פארצווייפעלט, ווייל אין הויז איז די אָרעמ־קייט געווען זעהר גרויס און מען האָט די קראַנקע טאָכטער ניט געקענט פילנעווען אזוי ווי מ'באַדאַרף. אפילו עסען האָט מען

איר ניט געקענט געבען אזוי ווי עס איז געווען נויטיג אין אזא פאַל, און דאָס מיידעל האָט דערפון שרעקליך געליטען. צו־געדעקט מיט א צוריסענער קאָלדרע, וואס איז נאָך געבליבען פון פאר דער רעוואָלוציע און פון וועלכער עס האָבען דאָ און דאָרט ארויסגעשטעקט קויטיגע שטיקלאך וואטע, האָט דאָס קראנקע קינד זיך געקאָרטשעט פון אנגסטען און וועהטאָגען, און די מאַמע האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן.

— שוין עטליכע וואָכען אזוי — האָט זי זיך געקלאָגט פאר מיר — מען שיקט אהער אלע מאָל אן אנדער דאָקטאָר, אָבער מען קען אלץ ניט אויסגעפינען, וואָס דעם קינד איז... מער פארשרייבט רעצעפּטען און עס העלפט ניט. דאָס קינד קען אלץ פון בעט ניט ארונטערגעהן...

אן אינטעליגענטע דאַמע מיט א פיינער בילדונג, האָט די פרוי פאר דער רעוואָלוציע געלעבט ניט שלעכט. כאָטש זי שטאַמט פון אן אָרימער פאַמיליע, האָט זי זיך פונדעסטוועגען אליין שוין געהאט צוגעשלאָגען צו א ציל אין לעבען; זי איז שטענ־דיג געווען א זעלבסטשטענדיגער מענש; זי האָט פארדינט אויף א לעבען מיט אינטעליגענטער ארבייט, און אפילו אין די צייטען, ווען איר מאַן האָט געלעבט, איז זי אויך ניט געזעסען ליידיג; זי האָט שטענדיג געארבייט און ליב געהאט צו אר־בייטען; קיין גאָר הויכע השגות האָט זי קיינמאָל ניט גע־האט. דער עיקר איז ביי איר געווען א לעבען פון ניצליכער ארבייט, פיינע געזעלשאַפט און גוטע ביכער. דאָס איז געווען אן אמת סימפּאַטישער טיפּ פון א פיינער רוסישער אינטעלי־גענטקע.

אין אירע סימפּאַטיעס איז זי דוקא גענויגט צו קאָמוניזם; זי קריטיקירט ניט די סאָוועט־רעגירונג. אָבער ווען זי רעדט וועגען דעם, ווי זי לעבט און וואָס זי לעבט איבער, פאלט אָן א שרעק און ס'איז שווער זיך פאָרצושטעלען ווי אזוי א מענש קען אריבערטראגען אזוי פיל.

אין הויז איז זעהר אָפט ניטאָ קיין ברויט, ווייל די פּאָר־ציע, וואס מען גיט איר ארויס, קלעקט ניט, און צו קויפען ברויט אויפ'ן פרייען מארק, איז ניט אלע מאָל מעגליך, ווייל דער יקרות אין ראָסטאָוו איז זעהר גרויס...

טיי מיט צוקער קען מען ניט אלע מאָל קריגען. ווען

מ׳קריגט יאָ אַמאָל צוקער, איז אין שטוב אַ יום־טוב...

קיין טעם פון קיין שטיקעל פלייש האָט זי שוין לאַנג ניט געפיהלט...

בלויז איינמאָל — דערצעהלט זי מיר — האָט אַ באַקאַנטע, וועלכע איז אמאָל געווען ביי מיר אַ דינסט, שטילערהייט גע־בראכט אַ מתנה, אַ שטיקעל חזיר־פלייש. איר פאָטער אין דאָרף האָט שטילערהייט, קיינער זאָל דאָס ניט זעהן, דאָס לעצ־טע חזיר׳ל געקוילעט; געשמאַליעט האָט מען דאָס חזיר׳ל ביי־נאַכט, כדי קיינער פון די שכנים זאָל דעם רויך ניט זעהן. אויך דאָס פלייש האָט מען געגעסען באַהאַלטענערהייט, קיינער זאָל ניט זעהן. און אַזוי ווי איך האָב זיך אַלע מאָל גוט באַ־צויגען צו דער פויערטע, ווען זי איז ביי מיר אַ דינסט גע־ווען, האָט זי מיר געבראַכט אַ שטיקעל פלייש, ווייל זי האָט געוואוסט ווי איך און מיין טאָכטער הונגערן...

זיך אָנטאָן ווי אַ מענש קען זי ניט, ווייל אין אמעריקע האָט זי ניט קיינעם, וואָס זאָל איר אַמאָל ארויסהעלפען. געהט זי דאַריבער אָנגעטאָן ווי אַ בעטלערין און זי קען קיינמאָל דאָס קלייד ניט בייטען. זי האָט ליב ריינקייט, אָבער עס איז שוין עטליכע חדשים, אַז זי האָט זיך ניט געבאָדען. קיין וואַנע אין הויז איז נישטאָ, און אַפילו ארומוואַשען זיך ווי ס׳באַדאַרף צו זיין קען מען ניט...

— מען ווערט זיך אַליין נמאס! — זאָגט זי מיר, אָנ־ווייזענדיג אויף די צוריסענע קליידער, וואָס זי טראָגט.

און אָט דער מענש ארבייט!

זי אַרבייט ביי דער סאָוועט־רעגירונג, ניט ביי אַ פּריוואַ־טען אונטערנעמער, וואָס איז אַזוי געלטגייציג עקספּלואַטירענדיג זיינע ארבייטער, אַז ס׳קימערט אים גאַר ניט צי זיי האָבען וואָס צו עסען, אָדער ניט.

זי וואָלט אָבער פונדעסטוועגען שוין ווי ס׳ניט איז די צרות אַריבערגעטראָגען, ווען ניט די קראַנקהייט פון דער טאָכטער...

— דאָס טרייבט מיך צו דער גרעסטער פאַרצווייפלונג, — זאָגט זי.

און דאָקטוירים, וואָס די רעגירונג שיקט צו קראַנקע, גע־וועהנליך, אומזיסט, קומען און גיבען רעצעפּטען,

וואָס העלפֿען ניט, און פֿאַרשרײַבען דיעטעס, וואָס מ׳קען ניט דורכפֿיהרען, ווײַל עס איז ניטאָ פֿאַר וואָס צו קויפֿען די זאַכען, וואָס זײ הייסען געבען דער קראַנקער... אײניגע זאַכען פֿון די, וואָס זײ פֿאַרשרײַבען, קען מען גאָר בכלל ניט קריגען, ניט נאָר אין ראָסטאָוו, נאָר אין גאַנץ רוסלאַנד...

אײנמאָל, גראָד דאַן, ווען איך בין אין יענעם הויז געזעסען, איז צו דער קראַנקער מײדעלע געקומען א נײַער דאָקטאָר. עס האָט געשײַנט, אז דער פֿריהעריגער דאָקטאָר האָט איבערגעגעבען, אז דאָ האַנדעלט זיך וועגען אן ערנסטען פֿאַל, און מען האָט געשיקט אַ גרעסערען דאָקטאָר.

אַנגעטאָן איז דער גרויסער דאָקטאָר געווען זעהר אָרים — אזוי אָרים, אז ווען מען באַגעגענט אים אין די גאַסען פֿון ניו יאָרק, וואָלט מען זיכער געמײנט, אז דאָס איז אַן אָרימער בעטלער. ער איז געזעסען לענגער, ווי די אַנדערע דאָקטוירים, וואָס מען האָט פֿריהער געשיקט. ער האָט די קראַנקע מײדעלע גוט און פּינקטליך אונטערזוכט, און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען שטעלען פֿראַגען, וואָס האָבען געגעבען א גרונט צו דענקען, אז ער האָט אַ חשד, אז די קראַנקהײט איז אפשר איבערגעגאַנגען צו דער מײדעלע בירושה פֿון אירע עלטערן. ער האָט געפֿרעגט ווי אַלט דער פֿאָטער אירער איז געווען, ווען ער איז געשטאָרבען, פֿון וואָס פֿאַר אַ קראַנקהײט ער האָט געליטען, און דערנאָך האָט ער געגעבען א קוק אויף דער מוטער און האָט איר געשטעלט אַזאַ פֿראַגע:

— זאָגט מיר, איך בעט אײַך, איר זײַנט אַלע מאָל געווען אזוי דין און ערדעל?

און די מוטער האָט געענטפֿערט מיט אַ גאַליגען שמײכעל:

— נײן, דאָקטאָר, ניט אַלע מאָל; דאָס האָט מיך דער ערשטער פֿינף־יאָהריגער פּלאַן אזוי אָפּגעצויגען...

דער דאָקטאָר האָט געוואָלט שמײכלען, אָבער ער האָט זיך אײַנגעהאַלטען. אין אַלגעמײן האָט ער זיך באַנומען אזוי, אז ס׳זאָל ניט הײסען, אז ער שפּאַנט אַריבער די גרענעץ פֿון זײַנע פֿליכטען, כאָטש עס איז אינ׳ם טאָן פֿון זײַן רײדען געווען מיטגעפֿיהל און אויפֿמערקזאַמקײט. זעהענדיג, אז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אן אינטעליגענטען מענשען, האָט ער דער מוטער

דערקלערט, פון וואנען אזא קראנקהייט נעמט זיך, און זי אזוי מען קען זי קורירען. ער האָט לאַנג גערעדט וועגען דעם, באַנוצענדיג אַלע מאָל מעדיצינישע טערמינען, וואָס ער האָט באַלד געגעבען צו פארשטעהן, און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— די בעסטע זאך וואָלט געווען, ווען מען וואָלט די קראנקע אוועקגעשיקט כאָטש אויף עטליכע וואָכען אין א דאָרף, וואו עס איז נאָך פארבליבען א קוה...

גערעדט האָט ער רוסיש און ער האָט באַנוצט דאָס וואָרט "קאָראָווקא", וואָס אויף אידיש קען דאָס הייסען — א בהמה'לע. ער האָט דאָס וואָרט אַרויסגעבראַכט שאַרף, און דערביי איז אויף זיין פּנים געווען אזא מינע, וואָס האָט עדות געזאָגט, אַז ער שלאָגט זיך מיט דער דעה, ווייל דאָס קען נאָך אפשר קלינגען ווי א חוזק. און ווייל ער האָט דאָס שוין ניט געקאָנט כאַפּען צוריק, האָט ער עס געמאכט נאָך שטאַרקער:

— יאָ — האָט ער געזאָגט, אָנכמורענדיג די ברעמען — מילך! זי דאַרף טרינקען מילך, און דאָס וועט זי שטעלן אויף די פיס... זעהט, אַז מען זאָל זי אוועקשיקן אין א דאָרף, וואו עס איז נאָך איבערגעבליבן א בהמה'לע...

אויף דער מוטער'ס פּנים איז א נערוועזער ציטער דורכגעלאָפן, און די אויגען זיינען ביי איר געוואָרען פול מיט טרערען.

— דאָקטאָר — האָט זי געזאָגט — ניטאָ ביי אונז מער אַזעלכע דערפער, וואו עס איז נאָך איבערגעבליבען א בהמה'לע...

דער דאָקטאָר האָט דאַרויף גאָרניט געענטפערט. מיט אַן אָנגעבויגענעם קאָפּ איז ער געזעסען שטיל און האָט קיין וואָרט ניט געזאגט. ער איז געווען פּונקט אזוי אומבאהאָלפען, ווי די מוטער...

אין דעם אָוונט, ווען איך בין געווען אין יענעם הויז, איז פאָרגעקומען א זאך, וואָס האָט נאָך קלאָרער אַרויסגעבראַכט די טרויעריגע זייט פון דער איצטיגער רוסישער ווירקליכקייט.

אימיצער האָט אָנגעקלונגען ביי דער טיר און מען איז געגאַנגען עפענען, אָבער קיינער איז ניט אריינגעקומען. איך האָב בלויז געהערט, ווי דאָרטען, ביי דער טיר, האָט מען אין אָנפאַנג גערעדט אויפ'ן קול און דערנאָך האָט מען אָנגעהויבען ריידען שטיל און נאָך שטילער. איך האָב געוואָלט פרעגען, וואָס עס איז געשעהן, אָבער איך האָב דאָך ניט געפרעגט.

און געשעהן איז אָט וואָס:

אַ געוויסער פּראָפעסאָר, וועלכער איז אַמאָל געווען באַפריינ־דעט מיט דער אלמנה'ס מאַן און איז אויך שפּעטער, נאָכ'ן מאַנ'ס טויט, געבליבען אַ פריינד פון דער פאַמיליע, איז געקומען צוגאַסט פון אַן אַנדער שטאָדט. ער איז געווען זעהר נייגעריג צו זעהן די פרוי, און אויך דאָס קראַנקע מיידעלע, וואָס ער האָט זעהר ליב געהאַט, ווייל זי איז ביי אים אויף די הענט אויסגעוואַקסען. אָבער ווען ער האָט דערהערט, אַז אַ שרייבער פון אויסלאַנד איז דאָ אין הויז, האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט אַריינגעהן. ער האָט פשוט מורא געהאַט אַריינצוגעהן...

ער האָט מורא געהאַט, ווייל ער איז געווען זיכער, אַז מען קוקט מיר נאָך, אַז מען האַלט מיר אויפ'ן אויג...

און דאָס איז געווען אַן אַלטער, אויסגעפּרואווטער רעוואָלו־ציאָנער, וועלכער איז אין די צייטען פונ'ם צאַר געזעסען אין געפענגניש און איז געווען פאַרשיקט אין סיביר...

אויף אַזוי ווייט גרייכט די מוראָ!

און דער מענש איז אין דעם פּרט ניט קיין אויסנאַם. ווי די מערסטע עלטערע רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען אַוועקגעגע־בען זייער לעבען אינ'ם קאַמף פאַר אַ פרייער רוסלאַנד און וועלכע זיינען ניט צוגעשטאַנען צו דער איצטיגער הערשענדער פּאַרטיי, כאָטש זיי האָבען נאָך אין זיך געגוג ענערגיע, איז ער שטענדיג אונטער אַ חשד, און ער האָט הערייבער מורא צו מאַכען אַ מינד־סטען שריט, וואָס קען נאָך דעם חשד מאַכען גרעסער. קוקען אויף אים קרום דערפאַר קען מען ניט, ווייל ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון זיצען אין די געפענגנישען פון דער „גע־פּע־או"...

דער גרעסטער רחמנות איז דאַן געווען אויף דער קראַנקער מיידעלע. זי האָט דעם פּראָפעסאָר שטאַרק ליב געהאַט. זי איז צו אים געווען צוגעבונדען און זי האָט אים געוואָלט זעהן...

ליגענדיג אַ קראַנקע אין בעט, האָט זי געוויינט. זי האָט אַ פּאָר מאָל געפּרואווט זיך אויפהויבען פון בעט און זי איז געווען גרייט אים נאָכצולויפען, אים רופען צוריק, אָבער זי האָט זיך פונ'ם בעט ניט געקענט אויפהויבען...

און די מאַמע איז געשטאַנען לעבען דער טאָכטער און די אויגען זיינען ביי איר געווען פול מיט טרערען...

— נו, בארוהיג זיך, בארוהיג זיך, טייערע — האָט זי דאָס קראַנקע מיידעלע געגלעט איבער׳ן קעפּעל — בארוהיג זיך, קינד. ער וועט קומען. ער וועט קומען...

מיר איז די גאַנצע געשיכטע געווען שרעקליך אונאַנגענעם. איך האָב זיך געפיהלט ווי אַן איבעריגער אין הויז און ס׳האָט מיר שוין באַנג געטאָן פאַר וואָס איך בין אַהין געקומען. אין גרויס פאַרלעגענהייט האָב איך זיך אַנגעהויבען מאַכען גרייט אַוועקצוגעהן. אָבער די פרוי האָט מיך ניט געלאָזט.

— זיצט נאָך... זיצט נאָך דאָ — האָט זי געזאָגט אין אַזאַ טאָן, אַז מען האָט לייכט געקענט זעהן, אַז אין דערזעלבער צייט, וואָס זי סטאַרעט זיך אָנצוהאַלטען איר מענשליכע ווירדיגקייט, שעמט זי זיך און פיהלט אַ טיפען וועהטאָג. — זיצט נאָך... געהט ניט אַוועק...

און אַ ברודער אירער, וועלכער איז אויף אַ האַלב צובראָכען בענקעל געזעסען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, האָט שטיל און טרויעריג געזאָגט:

— אָט האָט איר פאַר זיך אַ שטריך פון אונזער נייעם לעבענס־שטייגער אין רוסלאַנד! ...

## 4. „זאָל רינען דאָס בלוט מיינס, דאָס סאָציאַליסטישע!"

ארויספאָרענדיג איינמאָל פון ראָסטאָוו אין די ארומיגע דערפער, וואָס ביים דאָן, האָב איך זיך אין איין דאָרף, דורך אַ מערקווירדיגען צופאַל, באַקענט מיט אַן ארבייטער, וואָס איז אַהין געקומען פון אַ גרויסער שטאָט אין דער צענטראַלער טייל פון רוסלאַנד. ער האָט אויף מיר זעהר אַ גוטען איינדרוק געמאַכט, ווייל אין זיין ריידען האָט זיך געפיהלט די עכט־רוסישע אָפענהארציגקייט און דער ריינער אמת. דאָס איז געווען אַ טיפּ פון אַן עכטען קלאַסענבאַוואוסטען און אויפגעקלערטען ארבייטער, פון די וואָס מען געדענקט נאָך פון יענע רעוואָלוציאָנערע צייטען, ווען מענשען האָבען מיט׳ן איינענעם ווילען איינגעשטעלט דאָס לעבען פאַר׳ן אידעאַל, אין וועלכען זיי האָבען געגלויבט.

אויף אים האָט מען געקענט זאָגען, ווי מען זאָגט געוועהנ־ליך אין רוסלאַנד, ווען מען וויל אימיצען ארויסשטעלען גרויס, אַז דאָס איז „אַ חבר נאָך פון׳ם פינפטען יאָר". נאָך אין 1905

איז ער שוין געווען טעטיג אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג; נאָך דער רעוואָלוציע פון 1917 איז ער געווען גענויגט צוצושטעהן צו די באָלשעוויקעס, אָבער ער האָט זיך ענטוישט און איז געבליבען דאָס וואָס ער איז געווען פריהער — א סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ מענשעוויק.

און ער איז שטאָלץ דערמיט. ער באַהאַלט דאָס ניט. ווען ער רעדט וועגען זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, זאָגט ער אָפען און מעלדעט שטאָלץ:

„יאַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, מענשעוויק!"

דאָס לעצטע וואָרט רעדט ער ארויס שאַרף און צוצויגען.

ער ווייסט די נוצלאָזיגקייט און אויך די געפאַהר פון אָנפיהרען אַ סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּראָפּאַגאַנדע אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער איז געבליבען אָהן אַ פּאַרטיי, אין וועמעס שטעלונג ער גלויבט, האָט ער זיך דאריבער אינגאַנצען צוריקגעצויגען פון פּאָליטישער טעטיגקייט. אָבער ער איז דאָך פול מיט ענערגיע, און אַזוי ווי ער קען די ענערגיע זיינע ניט אויסנוצען, און דאָס לעבען ארום אים, שוין אָפּגערעדט פון זיין אייגען לעבען, איז אַלץ ניט אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט, ניט אַזוי ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אין יענע צייטען, ווען ער און נאָך אַזעלכע טויזענטער און טויזענטער ווי ער האָבען געטרוימט וועגען אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, איז ער דאריבער געוואָרען עקסצענטריש, שטענדיג אויפגערעגט; ווען ער רעדט וועגען אַ זאַך, וואָס איז מיט אים געשעהן, לעבט ער זיך גלייך אריין אין דעם און דערצעהלט דאָס מיט אַזאַ טאָן, פּונקט ווי עס וואָלט איצט ווידער אַמאָל פּאַסירט. דער מענש איז אינגאַנצען, פון׳ם קאָפּ ביז די פיס, אַ בינטעל צושרויפטע נערווען, אָבער עס אָטעמט פון אים מיט ערלאַכקייט, מיט אויסגעהאַלטענקייט. און מען באַקומט פאַר אים גרויס רעספּעקט ווען מען הערט ווי ער גיט זיך אַ זאָג ארויס מיט אַזאַ פעסטקייט:

„יאַ סאָציאַל־דעמאָקראַט, מענשעוויק!"

האָט מען אים איינמאָל, אין אַ גרויסער שטאָט פון דער צענטראַלער רוסלאַנד, ארעסטירט, און מ׳האָט אים געבראַכט אין דער „גע־פּע־או".

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס ער איז אין דער „גע־פּע־או" אריינגעפאַלען.

ווען מ׳האָט אים אריינגעפיהרט אהין, האָט ער דערזעהן אַ

פּאָרטרעט פון קאַרל מאַרקס אויף דער וואַנט. און דאָס האָט אים אַזוי צוטומעלט, דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט איינגאַנצען פאַרלאָרען דעם קאָנטראָל איבער זיך און געבענדיג אַ שפּרונג אַרויף אויף אַ בענקעל, האָט ער אַרונטערגעריסען קאַרל מאַרקס׳עס פּאָרטרעט פון דער וואַנט...

— דאָ, אין אָט דעם פּאָליצעיסקען אוטשטאַסטאָק, — האָט ער פון צווישען די ציין אַרויסגעברומט, — טאָר ניט הענגען דער פּאָרטרעט פון מיין גרויסען לערער! ...

מען האָט אים, ס׳פאַרשטעהט זיך, באַלד „איינגעשטילט", און ווען ער איז שוין געזעסען ביי אַ טיש, לעבען דעם באַפולמעכטיגען פון דער „גע־פּע־או", האָט מען אים מיט׳ן הענטעל פון אַ רעוואָלווער דערלאַנגט אַ שטאַרקען זעץ איבער׳ן קאָפּ...

בלוט האָט אָנגעהויבען רינען. עס האָט זיך געגאָסען איבער׳ן פּנים און איז טראָפּענווייז געפאַלען אויפ׳ן טיש...

דער באַפולמעכטיגטער פון דער „גע־פּע־או" האָט דאָס ניט געקענט צוזעהן, און ער האָט זיך צושריגען:

— וויש אָפּ דאָס בלוט!

אָבער דער רוסישער אַרבייטער, וועלכער האָט אין געדאַנק בשום אופן ניט געקענט צונויפבינדען דאָס געשטאַלט פון קאַרל מאַרקס און זיין סאָציאַליסטישע לעהרע מיט די מעטאָדען פון דער „גע־פּע־או", האָט דאָס בלוט ניט אָפּגעווישט. אַ פאַרביטערטער איז ער געזעסען און האָט געשוויגען. און ווען מ׳האָט ווידער גענומען שרייען אויף אים, אַז ער זאָל אָפּווישען דאָס בלוט, האָט ער, ווידער פון צווישען די ציין, אַרויסגערעדט:

— זאָל דאָ רינען דאָס בלוט מיינס, דאָס סאָציאַליסטישע! ...

און באַנוצט האָט ער דערביי זיין אייגענאַרטיגע רוסישע שפּראַך:

„פּוסקאַי טיעקיאָט קראָוו מאָיאַ סאָציאַליסטיטשעסקאַיאַ"...

זיבעטער קאַפּיטעל.

# אין דער גרויסער סאָוועטישער פאַבריק „סעלמאַש" אין נאַכיטשעוואַן.

עס איז זעהר מעגליך, אַז ווען איך וואָלט געשריבען וועגען מ א ש י נ ע ן און ניט וועגען מ ע נ ש ע ן אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָלט דער טאָן פון מיין שרייבען געווען אינגאַנצען אַן אַנ־דערער. שרייב איך אָבער ניט וועגען פאַבריקען און זאַוואָ־דען, נאָר וועגען לעבען פון מענשען. אין מאַשינעריע בין איך ניט באַהאַוועגט; איך פאַרשטעה אין דעם זעהר וועניג, און איך צווייפעל אויך אין דער „מאַשינאָוועד" באַהאַוועגטקייט פון יענע שריפטשטעלער, וועלכע שרייבען וועגען די אויסגעבויטע פאַבריקען און זאַוואָדען אין סאָוועט־רוסלאַנד, וועגען דעם „געזאַנג פון שטאָל און אייזען", ווי זיי רופען דאָס אָן, מאַכענדיג אַ וואַזשנע פּאָזע, און זיי פאַרגעסען, אָדער זיי פאַרקוקען אינגאַנצען דאָס לעבען פון די מענשען אין לאַנד...

אין מיין רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד האָט מיך פריהער פון אַלץ אינטערעסירט דער מענש, און ניט די מאַשין; די שפּראַך פון לעבעדיגע באַשעפעניש און ניט דאָס פייפען פון קוימענס, פון וועלכע עס זעצט אַ רויך. און דאריבער מוז איך שרייבען אַזוי ווי איך שרייב; די ווירקליכקייט, דאָס לעבען פון מענשען אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט ביי מיר ארויסגערופען אַ געפיהל פון ווייטאָג אין דער נשמה, ווייל איך בין געקומען אין סאָוועט־רוסלאַנד ניט ווי אַ נייגעריגער אַמעריקאַנער רייזענ־דער, וואָס וויל גרעסער מאַכען דעם באַגאַזש פון זיינע ערפאַה־רונגען, ניט ווי אַ פרעמדער, נאָר ווי אַן איינגענער.

איך האָב זיך אָבער פונדעסטוועגען אויך אינטערעסירט מיט דעם וואָס מען רופט אָן אין סאָוועט־רוסלאַנד „סטראָאיטעל־סטוואָ" (אויפבוי), און אין די שטעדט, וואו עס איז מיר אויס־

געקומען צו זיין, בין איך געווען אין די ניי־אויפגעבויטע פאב־ריקען און זאוואָדען.

אין ראָסטאָוו האָב איך אַ סך געהערט וועגען דער גרויסער סאָוועטישער פאבריק „סעלמאַש”, וואו מען מאַכט פאַרשידענער־ליי מאָדערנע ערד־ארבייט־מאַשינען. אומעטום האָט מען מיך געפרעגט, צי איך בין שוין געווען אויפ׳ן „סעלמאַש”, און אוּ־מעטום האָט מען מיר געזאָגט, אז איך זאָל בשום אופן ניט פאַרפעהלען צו זעהן דעם „סעלמאַש”.

מען האָט דאָס מיר ניט געדאַרפט זאָגען, ווייל איך אַליין בין געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו זעהן דעם „סעלמאַש”, און איך בין אַהין אוועק.

געפינען געפינט זיך דער „סעלמאַש” אין דעם אַרמענישען געגענד פון נאַכיטשעוואַן, אַ פּאָר מייל ווייטער פון ראָסטאָוו. מיט אַ צייט צוריק איז דאָרט געווען די „גרעניץ”, וואָס האָט אָפּגעטיילט די אַרמענישע סאָוועטען־רעפּובליק פון דער רוסי־שער, און אין ראָסטאָוו פלעגט מען זאָגען אין שפּאַס, אז פאר אַ סאָוועטישען בירגער איז אין דער אמת׳ן גאָר ניט אַזוי שווער ארויסצופאהרען פון לאַנד, ווייל אַזוי שנעל ווי ער געהט נאָר אריבער די בריק איבער׳ן דאָן, איז ער שוין אין „אויסלאַנד”. איצט אָבער האָט מען די „גרעניץ”, וואָס האָט געזאָלט אונ־טערשטרייכען די אונאָפּהענגיגקייט פון דער אַרמענישער רעפּוב־ליק אינגאַנצען אָפּגעשאַפט, און נאַכיטשעוואַן איז שוין ניט מער ווי אַ טייל פון דער רוסישער שטאָדט ראָסטאָוו.

דער וועג צום „סעלמאַש” איז אַ געפלאַסטערטער, אָבער עס איז דאָרטען דאָך ניט אַזוי לייכט צו פאָהרען אין אַן אָטאָ־מאָביל, ווייל דער שאָסעי איז ניט פון די גאָר געהויבענע; אַלע מאָל שפּרינגט אַ ראָד אריין אין אַ גרוב און שלעפּט זיך קוים ארויס פון דאָרט. עס איז גראָד געווען אַ בלאָטע און דאָס האָט דעם וועג געמאַכט נאָך שווערער. אָבער די רוסישע שאָפערס זיינען ניט אַזוי צובאַלעוועט ווי די אַמעריקאַנער, זיי זיינען גרויסע בריות און זיי דרעהען זיך ארויס קונציג אפילו אויף די ערגסטע וועגען.

וואָס נעהנטער מען קומט צו צום „סעלמאַש” אַלץ מער קריגט מען דעם איינדרוק, אז דאָס פאָהרט מען אָנקוקען — ניט אַ פאַבריק וואו מענשען ארבייטען, נאָר אַ מיליטערישע

פעסטונג, וואו עס שוועבט שטענדיג אַרום דער גייסט פון מלחמה. מען פאָהרט צווישען צוויי רייהען בוימער, און ווען מען פאַרקירעוועט זיך רעכטס, צוצוקומען צו דער גרויסער פאַבריק, דערזעהט מען אין איין זייט ווי פון צווישען די בוי־מער שטעקען אַרויס מיילער פון קאַנאָנען און מען דערזעהט דערביי רויטע אַרמעער. אויך ביי דער פאַבריק און אין דער פאַבריק זעהט מען באוואָפענטע סאָלדאַטען אויף שריט און טריט. דער איינדרוק, אַז דאָס איז אַ מיליטערישע פעסטונג איז אַ פולשטענדיגער.

אויסגעבויט דעם ריזיגען „סעלמאַש" האָט מען אין אַ געגענד, וואָס איז ערשט מיט עטליכע יאָהר צוריק געווען אַ וויסטעניש. איצט איז דער גאַנצער געגענד באַזעצט מיט מענשען. עס איז דאָרט אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט אויסגעוואַקסען אַ גרויסע שטאָדט — מיט הייזער, שקאָלעס, קלובען און אַמוזירונגס־פּלעצער. עס פיהלט זיך דאָרטען לעבען אומעטום, עס טראָגט זיך אַ באַוועגליכקייט, אַ ריהרעוודיגקייט אויף שריט און טריט. אין דער ריזיגער פאַבריק אַרבייטען אַרום און אַרום אַ צוואַנציג טויזענט מענשען.

עס נעמט לאַנג אָנצוקוקען אַלע אָפּטיילונגען פונ'ם „סעל־מאַש" און עס געדויערט אויך לאַנג ביז מען קריגט די נוי־טיגע ערלויבעניש די אַלע אָפּטיילונגען אָנצוקוקען.

נאָכדעם ווי איך האָב די נויטיגע ערלויבענישען געקראָגען, האָב איך זיך געלאָזט געהן אָנקוקען די ריזיגע פאַבריק. צוזאַ־מען מיט מיר איז אויך געגאַנגען אַ מאַן, וואָס האָט מיר גע־דאַרפט דערקלערען ווי אַזוי די גרויסע פאַבריק ווערט געפיהרט און וואָס פאַר מאַשינען מען מאַכט דאָרטען.

ביים אַריינגאַנג, ניט ווייט פון דעם קורצען טונעל, וואָס מען האָט אויסגעבויט, כדי מענשען זאָלען ניט געהן וואו מען פאָהרט, און עס זאָלען ניט פאַרקומען קיין אומגליקס־פאַלען, האָב איך געזעהן ווי אויף אַ גרויס און װענטעל פון שוואַרץ אָפּגע־פאַרבטע ברעטער זיינען געווען אויסגעהאַנגען שטיקלאַך שטאָל און אייזען, רעדלאַך און שרייפלאַך, גרויסע און קליינע. און איבער דעם שוואַרצען ווענטעל איז געהאַנגען אַן אויפשריפט: „בראַק פּאָ ווינע ראַבאָטשיך", וואָס אויף אידיש קען דאָס

הייסען: „קאַליע געוואָרענע אַרטיקלען איבער דער שולד פון די אַרבייטער".

ביי יעדער שטיקעל „בראַק", איז געווען אָנגעגעבען דער נאָמען פון'ם אַרבייטער, וואָס ווערט באַשולדיגט אין דעם, אַז ער האָט דאָס קאַליע געמאַכט. אַזוי איז אַוועק אַ לאַנגע „שוואַרצע ליסט" מיט נעמען פון אַרבייטער, און אונטען האָט זיך ברייטליך צוצויגען אַ לאַנגע שורה מיט גרויסע אותיות:

„פ אָ ז אָ ר א י ם !" (שעמען מעגען זיי זיך).

פרעגען וואָס דאָס איז, האָב איך ניט געדאַרפט, ווייל איך האָב אַליין די רוסישע אויפשריפטען איבערגעלייענט און איך האָב שוין געוואוסט וואָס דאָס איז. און באַלד נאָך מיר איז אָנגעקומען אַ גרופע אויסלענדישע טוריסטען און מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז אַ דעלעגאַציע פון דער דייטשער קאָמוניסטישער צייטונג „ראָטע פאַהנע". די גרופע איז באַשטאַנען פון אַ צעהן מענשען, אַלע יונגע לייט, בלויז איינער פון זיי איז געווען אַן עלטערער מענש פון אַ יאָהר עטליכע און פופציג, לויט מיין אָפּשאַצונג. אַלע זיינען זיי געווען אָנגעטאָן ווי „פאַראַנטוואָרטליכע" רוסישע קאָמיסאַרען, נאָר אַביסעל שעהנער; אַפילו לעדערנע פּאַסען אַרום די טאַליעס האָבען זיי ניט פאַרפעהלט אָנצוטאָן. דער איינציגער אונטערשיד איז נאָר געווען וואָס אָנשטאָט רעוואָלווערען, האָבען זיי ביי די לעדערנע פּאַסען געטראָגען פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטען...

די דאָזיגע דעלעגאַציע איז מיר געווען ניט אינגאַנצען אומבאַקאַנט. זיי זיינען אין ראָסטאָוו איינגעשטאַנען אין איין האָטעל מיט מיר; איך האָב שוין געוואוסט, אַז יעדען פריהמאָרגען, ווען איך געה אַרונטער אין רעסטאָראַן עסען פריהשטיק, טרעף איך זיי שוין ביים טיש עסענדיג געשמאַק געפּרעגעלטע הינדלאַך און טרינקענדיג היבשלאַך שוימיגען ביר; און ניט דוקא אין דער פריה, נאָר אַלע מאָל, ווען איך בין אין רעסטאָראַן אַריינגעקומען, האָב איך זיי שוין געטראָפען ביים טיש עסען און טרינקען. אויפ'ן „סעלמאַש" איז געווען דאָס איינציגע מאָל, וואָס איך האָב זיי געזעהן ניט ביים טיש, נאָר ביי דער אַרבייט פון „בעאָבאַכטען".

זיי האָבען זיך אויך אָפּגעשטעלט ביי דער „שוואַרצער

ליסט". זיי האָבען אויך געוואָלט וויסען וואָס דאָס איז, און מען האָט זיי טאַקע באַלד געזאָגט:

— דאָס איז, — האָט מען זיי דערקלערט, — אַן אויס־שטעלונג פון קאַליע־געוואָרענע זאַכען, וואָס ווייזען, אַז אַזאַ „בראַק" קען אַרויסקומען, ווען מען אַרבייט מיט אַלטמאָדישע מאַשינען און ניט מיט אַזעלכע מאָדערנע מאַשינען ווי מען באַ־נוצט איצט ביי אונז אויפ'ן „סעלמאַש"...

און איינער פון דער דעלעגאַציע האָט דאָס פאַרצייכענט אין זיין נאָטיץ־ביכעל...

לעבען דעם זעלבען טונעל איז אויך געווען אַ גרויסער קיאָסק, וואו מען האָט פאַרקויפט צייטונגען און ביכער. די מערסטע ביכער זיינען געווען איבער טעכניק פון מאַשינעריע. בלויז דאָ און דאָרטען האָט מען געזעהן אַ ליטעראַריש ווערק פון אַ סאָוועטישען שרייבער. און צווישען די אַלע ביכער, וואָס זיינען געווען אַרויסגעגעבען אויף זעהר שלעכט פּאַפּיר, איז אויך געווען קאַרל מאַרקס'עס „קאַפּיטאַל". איך האָב אָבער ניט געזעהן, אַז אימיצער זאָל דאָרט קויפען אַ בוך. די אַרביי־טער, וואָס זיינען דאָרט געגאַנגען אַהין און צוריק, זיינען צו די ביכער גאָר ניט צוגעגאַנגען.

ווען מען הויבט אָן געהן איבער די פאַרשידענע אָפּטיי־לונגען פונ'ם „סעלמאַש", ווערט מען ווירקליך פאַרכאַפּט פון דעם אימפּעט, וואָס מען דערפיהלט באַלד. עס דוכט זיך, אַז מען איז אַריינגעפאַלען אין אַן עכט אַמעריקאַנער פאַבריק, וואו די אַרבייט זידט און קאָכט און שטעלט זיך ניט אָפּ אפילו אויף אַ מינוט. פון אַלע זייטען שפּריצען פונקען. אומעטום קלאַ־פּען האַמערס, און מאַשינען מיט שאַרפע ציין זעגען שטאָל און אייזען; מען זעהט ווי מען טראָגט עמערס מיט פליסיגען פייער און ווי מען גיסט דאָס פייער אין אָפענע שטאָלענע מייַ־לער פון ריזיגע מאַשינען, וואָס שיפּען און ליאַרמען און שפּאַ־רען פון זיך שטאָלענע רעדער, וואָס האַלטען זיך אין איין דרעהען. אַלע זיינען פאַרטאָן אין דער אַרבייט; ווער עס מאַכט קליינע שרייפעלאַך און ווער עס בויגט מיט אַ מאַשין גרויסע אייזערנע שטאַנגען; מען פיילט און מען שלייפט; מען קלאַפּט און מען האַמערט. און צווישען די וואָס אַרבייטען אין דער

ריזיגער פּאַבריק פון שטאָל און אייזן, זעהט מען זעהר א סך פרויען אויך.

גלייך מיט די מענער ארבייטען זיי אין דער פּאַבריק, וואָס גיט ארויס דרעש־מאַשינען, אַקער־אייזענס, גארבען־בינדער און אַנדערע מאָדערנע ערד־ארבייט־מאַשינען, און א סך פון זיי קריגען פאר דער ארבייט ניט ווייניגער ווי מען צאָלט א מאַן אין דעם זעלבען פאַך. אייניגע קריגען אַכציג, ניינציג און הונדערט רובעל א חודש. עס זיינען אויך פאראן אזעלכע, וואס קריגען צוויי הונדערט רובעל א חודש און מער. אָבער דער יקרות איז אזוי גרויס, אז זיי קענען מיט די פאַרדינסטען ניט אויסקומען, און ווען מען דאַרף צוקויפען זאכען, ווייל די פּאַר־ציעס, וואס די רעגירונג גיט ארויס, זיינען אמאָל ניט גענוג, איז זעהר שווער.

די יאָגעניש ביי דער ארבייט איז שרעקליך גרויס; עס יאָ־גען די הונדערט און איין אויפשריפטען, וואָס הענגען ארונטער פון דער סטעליע און אויך פון די ווענט; עס יאָגט די גאנצע סיס־טעם, וואס איז אין דער פּאַבריק איינגעפיהרט, און דערצו איז נאָך יעדער איינער נערוועז און אָנגעשראָקען, ווייל ער האָט מורא, אז ער זאָל נאָך, חלילה, עפּעס ניט קאַליע מאַכען און דאַן וועט מען זאָגען, אז ער איז שולדיג און מען וועט זיין נאָמען ארויפשטעלען אויף דער שווארצער ליסט מיט א צונאָב:

„שעמען מעג ער זיך!"...

דער איינדרוק, וואָס איך האָב געהאַט אין דער ריזיגער פּאַב־ריק „סעלמאַש" איז ווירקליך געווען א פארכאַפּענדער. אויף וויפיל מען קען אורטיילען אויפ'ן גרונד פון אויסערליכער און ניט פאַכמענישער באָאַבאַכטונג, איז דאָרט אין דער פאַבריק ווירקליך אלעס צוגעגאנגען גלאַט און מיט אַן אמת שנעלען אימ־פּעט; מען האָט מיר געוויזען פארטיגע ערד־ארבייט־מאַשינען, מען האָט מיר דערקלערט ווי אַזוי זיי ווערען געמאַכט און ווי אזוי מען צושיקט זיי איבער'ן לאַנד. אָבער איך בין אין דעם ניט קיין פאַכמאַן, איך פארשטעה אין מאַשינען זעהר ווייניג, און איך נעם זיך דערפאַר ניט אונטער ארויסצוזאָגען א מיינונג וועגען דעם, וואָרים אפילו דאַן, ווען פאַכמענער — און דוקא אזעל־כע, וואָס זיינען פריינד פון דער סאָוועט־רעגירונג — האָבען מיר

שפּעטער באַוויזען, אַז לײדער, געהט אויפ'ן „סעלמאַש" ניט צו אַלעס אַזוי גלאַט ווי עס ווײזט זיך אויס און אַז דער אימפּעט איז מער אַן אויסערליכער ווי אַן אינערליכער, האָב איך זיך אין דעם ווייניג פאַנאַנדערגעקליבען, ווײל אין מאַשינאָוועֶר טעכ־טיק בין איך נישט קײן בקי, און איך האָב דאָריבער באַשלאָ־סען דאָס איבערצולאָזען פאַר אַזעלכע, וואָס זײנען יאָ באַהאַ־וועגט אין דעם...

איך שרײב ניט וועגען מאַשינען, נאָר וועגען מענשען...

געהענדיג איבער די אָפּטײלונגען פונ'ם „סעלמאַש" האָב איך זיך באַקענט מיט עטליכע אַמעריקאַנער אינזשענירען, וואָס ארבײטען דאָרט. זײ זײנען געווען צופרידען זיך צו טרעפען מיט אַ „לאַנדסמאַן" און „אויסלופטערען די שפּראַך"; זײ זײ־נען אויך געווען נײַגעריג צו הערען נײעס פון אַמעריקע, זײנען אײניגע פון זײ געוואָרען צוגעלאָזען און מיר האָבען לאַנג גערעדט, ניט נאָר וועגען אַמעריקע, נאָר אויך וועגען רוסלאַנד.

רײדענדיג מיט מיר האָט אײנער פון די אַמעריקאַנער אינ־זשענירען געזאָגט:

— די צרה מיט דעם רוסישען מענשען איז, וואָס ער קען ניט ארבײטען, אָדער בעסער געזאָגט, ער קען ארבײטען שווער, אָבער עס איז אין זײן ארבײט נישטאָ קײן טאָלק...

און ער האָט מיר דערצעהלט אַזאַ פאַל:

ווען מען האָט אים געבראַכט פון אַמעריקע, איז ער אין אָנפאַנג אָנגעקומען ארבײטען ניט אויפ'ן „סעלמאַש", נאָר אויף אַן אַנדער פאַבריק. ער איז דאָרטען גלײך געוואָרען דער הויפּט פון אַ דעפּאַרטמענט, מען האָט אים אײנגעאָרדענט אין אַ באַ־קוועמער וואָהנונג און מען האָט אים געגעבען אַ סעקרעטערין, וואָס רעדט ענגליש.

אײנמאָל האָט ער געהײסען זײן אַסיסטענט, אַ רוסישען אינזשעניר, ער זאָל מאַכען אַ געוויסע צײכנונג און זאָל עס אים ברענגען. דער רוסישער אינזשעניר האָט אויסגעהערט די אינסטרוקציע און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„כאַראָשאָ".

ער וועט, הײסט עס, מאַכען די צײכנונג און וועט זי ברענגען.

— פרעגט אים, ווען וועט ער עס ברענגען? — האָט

דער אַמעריקאַנער אינזשעניר געהייסען דער איבערזעצערין זיך ווענדען צום רוסישען אינזשעניר.

די איבערזעצערין האָט געפרעגט, און דער רוסישער אינזשע־ניר האָט דאַרויף געענטפערט, ניט פאַרטראַכטענדיג זיך אפילו:

— „טשערעז טרי דניא" (אין דריי טעג אַרום).

— „וואַט?!" — האָט דער אַמעריקאַנער אינזשעניר אויסגעשריען אַ פאַרוואונדערטער — „וואַט?!"...

ער, דער אַמעריקאַנער אינזשעניר, וואָס ווייסט ניט פון קיין חכמות און וועלכער איז געוועהנט צו דעם, וואָס מען רופט אָן אין אַמעריקע מיט'ן נאָמען „עפישענסי", האָט ניט געקענט פאַרשטעהן ווי עס איז גאָר מעגליך אַזאַ זאַך, אַז אַ צייכענונג מאַכען זאָל געדויערען דריי טעג; און ער האָט זיך צושריגען אויפ'ן קול:

— „דעם איט! איט שוד בי דאַן אין ען האור!"

דער רוסישער אינזשעניר האָט זיך טאַקע געקווינקעלט. צו אַזאַ „טעמפּ" אין דער אַרבייט איז ער ניט געוועזען געוועהנט, כאָטש גערעדט וועגען „טעמפּ" האָט ער זעהר אַ סך. און אויס־געפיהרט האָט טאַקע דער אַמעריקאַנער אינזשעניר — די צייכענונג איז געמאַכט געוואָרען אין אַ שטונדע...

עס איז אין דעם נישטאָ די כונה צו שטערען אין דער אַר־בייט, צו שעדיגען, ווי אייניגע זיינען גענייגט צו מיינען; ס'איז אין דעם ניטאָ דאָס וואָס מ'רופט אָן אין רוסלאַנד מיט'ן נאָמען „ווערדיטעלסטוואָ" און אין אוקראַינע „שקידניטסטוואָ" און פאַר וואָס מען האָט שוין ניט איין מענשען פאַרשיקט, אָדער גלאַט שווער בשטראָפט. עס איז אין דעם פּשוט פאַראַן דער כאַראַקטער־שטריך פון דעם רוסישען מענשען, וואָס איז נאָך אַלץ פויל, וואָס איך נאָך אַלץ דערזעלבער „אָבלאָמאָוו" ווי מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק, כאָטש ער רעדט אַזוי שעהן וועגען שנעלען אַמעריקאַנער טעמפּ...

וואָרים אויב עס איז ערגעץ פאַראַן אַ פאָלק, ביי וועמען ריידען איז איין זאַך און טאָן אַן אַנדער זאַך, איז עס דאָס רוסישע פאָלק. און די וואָס זיינען באַקאַנט מיט רוסישער געשיכטע און מיט דער רוסישער ליטעראַטור ווייסען דאָס. „אַרבייט, — זאָגט דער רוס, — איז ניט קיין בער; אין וואַלד אַריין וועט עס ניט אַנטלויפען". אַפילו לענין אַליין האָט צור־

געגעבען, אז דער רוסישער מענש איז פויל און אז אפילו זיין שכל איז אַ פוילער. „מיר, — האָט לענין געזאָגט אין אַ געשפּרעך מיט מאקסים גאָרקי — זיינען אַ פאָלק, וואָס באַשטעהט דאָס רוב פון טאַלאַנטפולע מענשען, אָבער דער שכל אונזערער איז אַ פוילער. און ווען מיר האָבען יאָ אַמאָל אַ מענשען, ביי וועמען דער שכל איז ניט פויל, איז ער כמעט אלע מאָל אַ איד, אָדער ער שטאַמט פון אידען".

דער רוסישער מענש קען ניט אַרבייטען ווי דער מענש פון אַן אַנדער פאָלק. דאָס גיט מען צו אין רוסלאַנד אפילו אין די כשר'סטע קאָמוניסטישע קרייזען, און מען באַדויערט דאָס שטאַרק. דאָרט וואו עס אַרבייטען אַכט אָדער צעהן רוסישע מענשען, וואָלט מען זעהר גרינג אפשר געקענט אויסקומען מיט א י י ן אמעריקאַנער, אָדער מיט א י י ן דייטש. און ווען מען שפּאַנט איין דעם רוס אין אַ האסטיגען אימפּעט, צו וואָס ער איז ניט געוועהנט, ווערט ער אינגאַנצען צוטומעלט און ער פאַרפּלאָנטערט זיך אַזוי, אַז עס איז אין זיין אַרבייט אינגאַנצען קיין טאָלק נישטאָ...

עס איז אַ טרויעריגער פאַקט, אָבער דאָך אַ פאַקט...

רעדט מען טאַקע גאַנץ אָפען, אַז אין פאַבריקען, וואו די אמעריקאַנער אינזשענירען זיינען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דער אַרבייט און וואו עס געלינגט זיי בייצוקומען די טיפּיש־רוסישע פוילקייט און די סאָוועטישע „קאַנצעליאַרשטשינע", געהט די אַרבייט גוט. דאָרטען אָבער, וואו מען פאַרלאָזט זיך אינגאַנצען אויף די אייגענע מענשען, ביי וועמען פּאָליטיק איז וויכטיגער ווי אַרבייט, פאַרטשעפּעט זיך עפּעס אַלע מאָל ערגיץ אַנדערש און — עס געהט ניט!

און טאַקע דאַן ווען ס'געהט ניט, רעדט מען נאָך מער וועגען אָניאָגען און אַריבעריאָגען אַמעריקע...

עס פאַרשטעהט זיך, אַז עס זיינען פאַראַנען אויסנאַמען אויך.

איך בין אין ראָסטאָוו אויך געוועזען אין דער „ברויט פאַבריק", וואָס איז איינע פון די בעסטע אין סאָוועט־רוסלאַנד. די פאַבריק מאַכט ווירקליך זעהר אַ גוטען איינדרוק, און ווען ס'קומט אַהין אַן אויסלענדישער גאַסט, טוט מען אים אָן אַ ווייַסען קיטעל און מ'פירט אים איבער אַלע אָפּטיילונגען און

מען ווייזט אים ווי היגיעניש מען באַקט איצטער ברויט אין ראָסטאָוו, און נאָכדעם דערלאַנגט מען אים אַ בוך און מען בעט אים, ער זאָל דאָרט פאַרשרייבען זיין איינדרוק. עס איז אַנגענעם זיך צוצוהערען צו די רייד פון די פאַרוואַלטער און ס'איז אַנגענעם צו זעהן ווי דאָס ברויט ווערט געבאַקען אין די מאָדערנע אויוונס און דערנאָך אין קאַסטענס געפּאַקט. אָבער אין די הייזער, וואו מיר איז אויסגעקומען צו זיין בעת איך בין געווען אין ראָסטאָוו, האָב איך קיין איין מאָל ביי קיינעם ניט געזעהן אזא גוטע און אזא פרישע ברויט ווי איך האָב געזעהן אין דער פאַבריק. אין אַ סך הייזער אזעלכע, וואו די מענשען אַר־בייטען זעהר שווער, האָב איך געזעהן ווי מען האָט געגעסען פאַר־טריקענטע סוכאַרעס, וואָס זיינען שוין געווען גרין פון שימעל...

אויפ'ן צווייטען טאָג נאָכדעם ווי איך האָב באזוכט די ברויט־פאַבריק, האָט מען אין דער פריה אָנגעקלאַפּט אין מיין טיר. ווען איך האָב די טיר געעפענט, איז אריינגעקומען אַן אַלטער מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און זעכציג. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, זיך ענטשולדיגט עטליכע מאָל וואָס ער איז אַזוי פריה געקומען און דערנאָך האָט ער מיר גענומען דערצעהלען אַזאַ געשיכטע:

ער אליין איז זעהר א לייַדענשאַפטליכער רויכערער. אָהן א פּאַפּיראָס אין מויל ריהרט ער זיך ניט פון דאַנען אהין. אין די אַלטע צייטען איז ער געווען געוועהנט צו גוטע פּאַפּי־ראָסען, אָבער ער האָט שוין לאַנג דעם טעם פון זיי פאַר־געסען. ער רויכערט אַלץ מאַכאָרקע, אָדער גלאַט פּאַסקוד־נעם טאַבאַק. ער האָט זיך שוין ווי עס איז צוגעוועהנט צו דער מאַכאָרקע און צו דעם פּאַסקודנעם טאַבאַק. אָבער נעכטען איז ער אין דער „ברויט־פּאַבריק" גראָד געשטאַנען פון דערווייטענס, ווען איך האָב פאַררויכערט א פּאַפּיראָס; דער רויך האָט אים געגעבען אַ שלאָג אין דער נאָז אריין; ער האָט דעם רויך פון פּאַפּיראָס אריינגעאָטעמט אין זיך מיט גרויס הנאָה, און איצט פיהלט ער, אַז ער וועט עס ניט אויסהאַלטען אויב ער וועט ניט רויכערען קיין גוטען פּאַפּיראָס... נו, בעט ער מיך, איך זאָל אים טאָן אַ טובה און זאָל פאַר אים קויפען אין „טאָרגסין" די רוסישע פּאַפּיראָסען, וואָס מען קריגט פאַר אמעריקאנער געלט. כאָטש פאַר איין דאָלאַר זאָל איך אים אזעלכע פּאַפּיראָסען

קויפען. ער וועט מיר קיינמאָל די טובה ניט פארגעסען. און אָט איז אן אַדרעס פון זיינעם א קרוב אין די בראָנקס; ווען איך וועל קומען צוריק קיין אמעריקע, וועט מיר דער בראָנקסער קרוב זיינער אָפּגעבען דעם דאָלער...

און דאָס איז אויך געווען א מענש, וואָס האָט געארבייט פאר דער רעגירונג!...

זיבעטער קאַפּיטעל.

# די רויטע אַרמיי.

צווישען די גוטע זאכען אין סאָוועט רוסלאַנד איז, אָהן שום צווייפעל, די רויטע אַרמיי. אין איר קען מען ווירקליך זעהן די שפּורען פון דער גרויסער סאָציאַלער איבערקערעניש אין סאָוועט רוסלאַנד; אין איר פיהלט מען דעם דופק פון א ניי לעבען, וואָס האָט זיך ווירקליך אינגאַנצען אָפּגעריסען פון דעם אַלטען.

דער „רויטער אַרמייער" האָט ניט די מינדסטע שייכות מיט דעם אַמאָליגען רוסישען סאָלדאַט, וועלכער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון גראָבקייט, ווילדקייט און פינסטערניש. ער איז ווירקליך אַן אַנדער מענש. און פונקט אזוי ווי מען האָט זיך אמאָל שטאַרק דערשראָקען ווען מען האָט שפּעט ביינאַכט אין א פינסטער ווינקעל געטראָפען א סאָלדאַט, וואָס איז געווען ניט אינגאַנצען ניכטער, אזוי דערפיהלט מען זיך איצטער זי־כערער, ווען מען דערזעהט ביינאַכט אין א פאַרוואָרפענעם גע־גענד אַ רויטען אַרמייער, ווייל מען ווייסט, אז וואָס ס'זאָל זיך ניט מאכען — ער וועט פון אַלע צרות אַרויסראַטעווען.

עס איז אינגאַנצען ניט דער סאָלדאַט פון די אַמאָליגע צייטען.

די דיסציפּלין איז אַ שטאַרקע, כאָטש זי איז אינגאַנצען אַנדערש פון דער דיסציפּלין אין די צייטען פון פאַר דער רע־וואָלוציע. די סאָלדאַטען ווערען דערצויגען אויף אזא שטייגער, אז יעדער איינער פון זיי מוז פיהלען אויף זיך אַ גרויסע פאַר־אַנטוואָרטליכקייט ניט נאָר אין קאַזאַרמע, נאָר אויך אויסער דער קאַזאַרמע — אַ פאַראַנטוואָרטליכקייט פון אַ מענשען, וואָס דאַרף שטענדיג געדענקען, אז ער איז א מיטגליד פון דער רוי־טער אַרמיי.

דאָס וואַרפט אויף אים אַרויף די פליכט זיך אויפצופיהרען גוט, זיך באַנעמען פיין און עדעל, און דינען אַלס א מוסטער פאַר אַנדערע.

ניט אַלע ווערען אַריינגענומען אין דער רויטער ארמיי. דער „סאָציאַלער אָפּשטאַם" מוז זיין א כשר'ער. בלויז קינדער פון ארבייטער און פּויערים, אָדער אַנדערע כשר'ע מענשען ווע־רען אין דער ארמיי אריינגענומען. און די באַדינגונגען פונ'ם לעבען אין אַלגעמיין זיינען אזעלכע, אַז צו זיין אין דער רוי־טער ארמיי איז אין אַ געוויסען זין ווירקליך א גליק...

אין דער רויטער ארמיי איז מען פאַרזאָרגט מיט עסען, מיט א גוט געלעגער, מיט קליידער און מיט אַנדערע באַקוועמליכקיי־טען. דערצו קריגט מען נאָך דאָרט א גאַנץ נישקשה'דיגע ביל־דונג, וואָס קומט שפּעטער זעהר שעהן צוניץ אין לעבען; מען לערענט די סאָלדאַטען ניט נאָר שיסען און מאַרשירען און מאַכען מאַנעווערעס, נאָר מען לערנט טאַקע מיט זיי בכלל און מען האַלט פאַר זיי לעקציעס וועגען פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און אַנ־דערע וויכטיגע פראַגען, און דערצו איז פאַר יעדען סאָלדאַט פריי און אָפען דער וועג צו שטייגען גאָר הויך. אויב ער איז נאָר פעהיג און אַמביציעז און ער לערענט זיך פליסיג, קען ער אויסהאַלטען די נויטיגע עקזאַמענס און ווערען א קאָמאַנדיר און אפילו א גענעראַל.

און דערביי מאַכט מען ניט קיין אונטערשיד אין גלויבען, אָדער ראַסע.

פון די סאַמע אָרימסטע און סאַמע נידעריגסטע שיכטען פון פאָלק האָט מען אויפגעהויבען מענשען און מען האָט זיי אוועקגעשטעלט אויף אַזאַ מדרגה, אַז זיי האָבען מיט אמאָל פאַר זיך גאָר אַן אנדער וועלט דערזעהן און זיינען אַליין גאָר אַנ־דערע מענשען געוואָרען. און ווען מען רעדט איצט מיט אַ רו־סישען רויטען ארמייער — מעג דאָס זיין אין א גרויסער שטאָדט אָדער אין א קליין שטעדטעל — קען מען אין אים בשום אופן ניט געפינען אפילו קיין סימן פון דעם רוסישען „סאָלדאַפאָן", וואָס מען געדענקט נאָך פון די אַלטע צייטען.

אויך אין גאַס, ווען זיי מאַרשירען מחנות־ווייז, מאַכען זיי ניט אַזאַ איינדרוק ווי די ראָטעס און פאָלקען פון דער אַלטער ארמיי. אין יענע האָט זיך געפיהלט א געוויסע דער־

שלאָגענקייט; אין יענע האָט מען געזעהן אַן אומעט פון מענ־שען, וואס בענקען אהיים, און איבערגעגעבען אָט דעם אומעט און די בענקעניש האָבען זיי אין די טרויעריגע ניגונים פון די לידער, וואָס זיי האָבען געזונגען מארשירענדיג איבער די גאסען.

אינגאנצען אַנדערש אָבער איז איצטער.

מען זינגט ניט מער אין דער רוסישער ארמיי וועגען „דרעמ־לענדיגע וועלדער", וואו מען טראָגט א טויטען אַטאַמאַן אויף אַ בעטעל, וואָס מען האָט צונויפגעלעגט פון ביקסען און שווערדען; מען זינגט ניט מער וועגען די „באַלקאַנישע טאָלען", וואָס האָבען געדינט אַלס אַ בית־עולם פאר די געפאַלענע. מען זינגט וועגען קאמף, וועגען ארבייט, און דערביי מאַרשירט מען מיט פעסטע טריט צום טאקט פונ'ם געזאנג.

כדי די סאָלדאַטען זאָלען שטעהן אין נאָהענטער באַריהרונג מיט די ארבייטער, בינדט מען שטענדיג צו א קאַזאַרמע צו א פאַבריק. דאָס הייסט, די ארבייטער פון דער פאבריק באַ־טראַכטען די סאָלדאַטען פון א רעגימענט אלס זייערע אייגענע; די פאַבריק באַשטימט א טאָג ווען צו פייערן א יום־טוב לכבוד איר רעגימענט און אויף דער פייערונג מישען זיך אוים די ארביי־טער מיט זייערע סאָלדאַטען און זיי פראַוועון דעם יום־טוב צו־זאמען, זיי פארברענגען צוזאמען, און דערנאָך האלט מען פאר זיי רעדעס.

עס איז אין סאָוועט־רוסלאַנד אין די גרעסערע שטעדט נישטאָ קיין איין פאבריק, וואָס האָט ניט א י ר רעגימענט אין דער רויטער ארמיי, און ס'איז ניטאָ קיין איין רעגימענט, וואָס איז ניט פארבונדען מיט אַ פאַבריק.

די אַרבייטער און די סאָלדאַטען זיינען איין משפחה. מען גיט זיך איינע די אַנדערע פאָהנען און מעדאלען, און ווען עס קומט אַ רעוואָלוציאָנערער יום טוב, פייערט מען אים צוזאמען.

קאַזארמע און פאַבריק שטעהען אין נאָהענטער באַריהרונג.

איך האָב גערעדט מיט אַ סך סאָלדאַטען פון דער רויטער ארמיי, און עס איז מיר געווען אנגענעם מיט זיי צו ריידען; איך האָב צווישען זיי געפונען א סך אויפגעקלערטע מענשען, און איך בין געווען איבערראַשט, ווייל מיר איז גוט באקאַנט דער טיף סאָלדאַט אין רוסלאַנד פון די אַמאָליגע צייטען...

מען קען מער ניט זאָגן, אַז ער „זידעלט זיך ווי אַ סאָל־דאַט”, אָדער „ער איז פּראָסט ווי אַ סאָלדאַט”, ווייל די סאָל־דאַטען פון דער רויטער אַרמיי זידלען זיך נישט; זיי זיינען נישט פּראָסט און זיי באַנוצען אַן עדעלע שפּראַך. און ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערען ווי אַ סאָלדאַט זאָגט מוסר אַ מענשען, וועלכער ווייזט אַרויס גרויס מייסטערשאַפט אין זידלען אויף רוסיש:

— בירגער, באַנוצט ניט אַזאַ שפּראַך. דאָס איז ניט שעהן!...

איך האָב זיך אויך געטראָפען מיט אַ סך קאָמאַנדירען, און אויך זיי זיינען ניט פון דעמזעלבען דורכשניטליכען טיפּ רוסישע אָפיצערען, וואס מען געדענקט פון אַמאָל. די מער־סטע פון זיי — קינדער פון אַרבייטער און פּויערים — זיי־נען אינטעליגענטע מענשען, זיי האָבען אַ סך געלייענט און גע־לערענט, ווייל זיי האָבען געהאַט מער צייט ווי אַנדערע, און עס איז זיי ניט אויסגעקומען צו שטעהן אין „אָטשערעד”; זיי זיינען ניט אַזוי פאַרדאַרבען און דעגענערירט ווי אַ סך רוסישע אָפיצערען פון'ם אַלטען שניט זיינען געווען; זיי זיינען סימ־פּאַטישע פאָלקס־מענשען און עס איז אַנגענעם צו פאַרברענגען מיט זיי.

אויפ'ן וועג פון מאָסקווע קיין קיעוו האָב איך זיך אין באַהן באַקענט מיט עטליכע סאָוועטישע קאָמאַנדירען. אין מיינע קליידער האָבען זיי דערקענט, אַז איך בין אַן אַמעריקענער, און איינער פון זיי האָט געפּרואווט ריידען מיט מיר ענגליש. ער האָט אָבער מער ווי אַ פּאָר ענגלישע ווערטער ניט געקענט, און ווען זיי האָבען דערהערט, אַז איך רעד רוסיש, האָבען זיי זיך גאָר דערפרעהט. און דאַן האָבען מיר שוין צוזאַמען פאַר־בראַכט היבשע עטליכע שטונדען. די סאָוועטישע קאָמאַנדירען האָבען מיך פאַרוואָרפען מיט פראַגען וועגען אַמעריקע און איך האָב זיי אַלץ געענטפערט. אָבער פאַר זיי איז דאָס אַלץ ניט געווען גענוג; זיי האָבען געוואָלט וויסען נאָך און נאָך, און אַלע מאָל האָט אַן אַנדערער געשטעלט אַ נייע פראַגע, אָנ־הויבענדיג אַזוי:

„עס איז אָבער אינטערעסאַנט צו וויסען...”

מיט איינעם פון זיי, וועלכער איז לויט די שטערענדלאַך

אויף זיין מונדיר געווען אַ פּאָלקאָווניק, בין איך געוואָרען מער באַפריינדעט ווי מיט אַנדערע. ער איז געווען אַ יונגער מענש פון אַ יאָהר דרייסיג, מיט זעהר אַ סימפּאַטישען פּנים און מיט צוויי שעהנע בלויע אויגען, וועלכע האָבען אין זיך אַ סך קינ־דערישעס. ער האָט גערעדט זעהר שעהן, און אין זיין טאָן האָט זיך געפיהלט אַ סך וואַרימקייט. ער האָט אין זיין רעדען ארויסגעוויזען אַ פיינע קענטעניש אין דער אַלטער און אויך אין דער נייער רוסישער ליטעראַטור, און שפּעטער, ווען מיר האָבען זיך צורעדט וועגען רוסישען טעאַטער אַמאָל און היינט, האָט ער זיך דערפיהלט ווי אַ פיש אין וואַסער. ער איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון רוסישען טעאַטער און ער האָט אויך ארויסגעוויזען אַ סך באַהאַוועגטקייט אין די דערגרייכונגען פון'ם רוסישען טעאַטער נאָך דער רעוואָלוציע.

— אפילו אין די צייטען ווען אין רוסלאַנד איז דאָס לעבען שלעכט, זעהר שלעכט, — האָט ער געזאָגט, שטעהט אונזער טעאַטער ניט אויף איין אָרט. ער אַנטוויקעלט זיך, ער וואַקסט, ער זוכט נייע וועגען און געפינט זיי.

און פּאָר אַ ביישפּיל האָט ער גענומען דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער.

— עס איז געווען אַ צייט, — האָט ער געזאָגט, — ווען מען האָט געמיינט, אַז דער מאָסקווער קונסט־טעאַטער איז שוין ארונטער פון דער בינע, אַז ער איז שוין אויסגעשפּילט. און זעהט וואָס פאַר אַ פּלאַץ ער פאַרנעמט איצטער! עס זיינען צו־געקומען נייע יונגע כחות, און אויך די אַלטע זיינען געוואָרען יונג.

עס איז אוועק אַ געשפּרעך וועגען טעאַטער אין רוסלאַנד און אַלע קאָמאַנדירען האָבען אין דעם ארויסגעוויזען אַ סך קענ־טעניש און וויסען. דערנאָך האָט מען זיך צורעדט וועגען פּאָ־ליטיק, און איינער פון די קאָמאַנדירען האָט געפרעגט:

— וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכען די קאָמוניסטישע דע־מאָנסטראַציעס אין אַמעריקע?

מיין ענטפער דאַרויף האָט אים ניט אינגאַנצען צופרידענ־געשטעלט, און ער האָט געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז אַלס אַ טעאַטער־מענש קוק איך אויף אַ סך זאַכען פון אַ טעאַטראַלען שטאַנדפּונקט, און ווען איך האָב די קאָמאַנדירען דערצעהלט,

אַז אײדער די קאָמוניסטען אין ניו יאָרק מאַכען אַ דעמאָנסטראַ־ציע פאַרזאָרגען זיי זיך פריהער מיט אַן ערלויבעניש פון דער פּאָליציי, האָבען זיי זיך שטאַרק געוואונדערט:

— איז וואו איז דאָ די רעוואָלוציאָנערישקייט? — האָט אײנער געפרעגט.

און אַן אַנדער קאָמאַנדיר האָט צוגעגעבען:

— אויב אַזוי האָב איך זעהר מורא, אַז די קאָמוניסטען אין אַמעריקע וועלען זיך אַזוי צוגעוועהנען צו מאַכען דעמאָנ־סטראַציעס מיט דער ערלויבעניש פון דער פּאָליציי, אַז ווען עס וועט שוין אָנקומען די רעוואָלוציע, וועלען זיי אָהן אַן ערלויב־ניש פון דער פּאָליציי שוין גאָר ניט קענען מאַכען קיין דעמאָנ־סטראַציעס...

אַלע האָבען געשמייכעלט.

ביי אַן אַנדער געלעגענהייט — אויף אַ באַהן איז דאָס געווען, — האָב איך געהאַט דריי שכנים אין מיין „קופּעי" און אַלע דריי זיינען געווען רויטע קאָמאַנדירען. אײנער פון זיי, אַ פעסטגעבויטער מאַן פון אַ יאָהר עטליכע און פערציג, מיט אַ גלאַט־געראַזירטען קאָפּ, איז געווען אַ גענעראַל.

אין אָנפאַנג האָבען זיי זיך געהאַלטען פון דער ווייטענס, און עס איז געווען שווער צו פאַרפיהרען אַ באַקאַנטשאַפט מיט זיי. אָבער עס האָט זיך מיר דאָך איינגעגעבען צו ווערען מיט זיי נאָהענט, און אַ סך אַרויסגעהאָלפען אין דעם האָט מיר אַ קליידער־בערשטעל, וואָס איך האָב מיטגענומען פון אַמעריקע. דאָס דאָזיגע קליידער־בערשטעל, וואָס איז געמאַכט געוואָרען פון שטרוי, האָט מיר אין אַלגעמיין אַ סך אַרויסגעהאָלפען צו שליסען באַקאַנטשאַפט אין מיין רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד.

ווי איך האָב נאָר אַרויסגענומען דאָס שטרויענע בערשטעל זיך אָפּצושטויבען אַביסעל, האָבען די דריי קאָמאַנדירען גע־נומען קוקען אײנער אויפ'ן אַנדערען, און אײנער פון זיי, טאַקע דער גענעראַל אַליין, האָט זיך לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה ביז ער האָט זיך סוף כל סוף אָנגענומען מיט מוט און ווענדענדיג זיך צו מיר האָט ער געזאָגט:

— ערלויבט מיר, איך בעט אייך, זיך אָפּצובערשטלען מיט אָט דעם „בעזימעל"...

ער האָט ממש אָנגעקוואָלען, דער גענעראַל, ווען ער האָט

מיט׳ן „בעזימעל״ זיינע קליידער אָפּגעשטויבט. ער האָט גע־בערשטעלט ניט נאָר די קליידער, וואָס ער האָט געטראָגען, נאָר אויך די קליידער, וואָס ער האָט מיט זיך געפיהרט און דערביי האָט ער אַלע מאָל אויסגעדריקט זיין באַגייסטערונג מיט אַזאַ באַמערקונג:

„זדראַוואָ טשיסטיט סוקין סין!״

דאַן האָבען שוין די אַנדערע צוויי קאָמאַנדירען אויך גע־בעטען ביי מיר דאָס „בעזימעל״, און האָבען אויך אָנגע־קוואָלען בערשטלענדיג זיך דערמיט. און באַלד האָבען שוין אַלע אין וואַגאָן געוואוסט וועגען דעם אַמעריקאַנער גרויסען „חידוש״. און אַלע פּאַסאַזשירען האָבען זיך שוין מיט מיין אַמעריקאַנער בעזימעל געבערשטעלט; אפילו די צוויי באַוואַ־פענטע פון דער „גע־פּע־או״ אין וואַגאָן זיינען ניט אָפּגעשטאַנען פון קאָן און דער לעצטער אין דער רייהע איז געווען א יונגער סאָוועטישער פּראָפעסאָר. דער פּראָפעסאָר איז געווען אָנגעטאָן זעהר אָרים. די אָפּגעריבענע שוואַרצע הויזען האָבען זיך ניט געפּאַסט צו דעם אָפּגעריבענעם טונקעל־בלויען רעקעל, וואָס ער האָט געטראָגען; אָבער ווען ער האָט זיך מיט׳ן אַמעריקאַנער „בעזימעל״ אָפּגעבערשטעלט, האָט ער שוין אויסגעזעהן לייטי־שער און פּאָרנעמער. ער אַליין האָט דאָס געפיהלט, און ער האָט מיר דערפאַר שטאַרק געדאַנקט.

נאָכדעם בין איך שוין געווען באַקענט מיט אַלע פּאַסאַ־זשירען פונ׳ם וואַגאָן, און — אַלץ א דאַנק דעם „בעזימעל״ פון אַמעריקע...

די דריי קאָמאַנדירען זיינען אַלע געווען דאָס, וואָס מען רופט „קינדער פון פאָלק״, און זיי האָבען זיך שטאַרק איבער־גענומען דערמיט.

— ווען ניט די רעוואָלוציע, האָט איינער געזאָגט, — וואָלטען מיר צו אַזאַ צושטאַנד ניט געקומען און מיר וואָלטען איצט דאָ מיט אייך אין קיין וויי̆כען וואַגאָן ניט געפאָהרען...

מיט אַמעריקע האָבען זיך די דריי רויטע קאָמאַנדירען שטאַרק אינטערעסירט, ווי אַלע אין סאָוועט־רוסלאַנד אינטערעסירען זיך געוועהנליך מיט אַמעריקע, און ריידענדיג אַזוי האָט איינער גע־פרעגט אביסעל פאָרזיכטיג:

— אינטערעסאַנט צו וויסען, וואָס זאָגט מען ביי אייך וועגען טראָצקי׳ן ?

זיי זיינען געווען איבערראַשט אויסצוגעפינען, אז טראָצקי האָט שוין אָנגעשריבען עטליכע ביכער פאַר דער צייט וואָס מען האָט אים אַרויסגעשיקט פון סאָוועט־רוסלאַנד. זיי האָבען גע־הערט בלויז וועגען טראָצקי׳ס אויטאָביאָגראַפיע „מיין לעבען״, אָבער געליינט האָבען זיי דאָס נישט, און זיי זיינען געווען זעהר נייגעריג איך זאָל זיי דערצעהלען וואָס ער שרייבט און וואָס ער דערצעהלט אין יענעם בוך. און ווען איך בין געבליבען מיט איינעם פון די דריי רויטע קאָמאַנדירען, האָט ער זיך צוגעבויגען צו מיר און שטיל געזאָגט:

— אַך, ווען איך וואָלט אויף וועלכען ס׳איז אופן געקענט באַקומען טראָצקי׳ס בוך!... איך וואָלט אַ סך אוועקגעגעבען ווען איך וואָלט דעם בוך געקענט קריגען!...

און דערנאָך נאָך שטילער:

— איר האָט ניט ביי זיך אַ קאָפּיע ?

אויפ׳ן וועג צו דער שטאָט דניעפּראָפּעטראָווסק (געוועזע־נע יעקאַטערינאָסלאַוו), האָב איך זיך איינמאָל אין באַהן אויפ־געכאַפּט פונ׳ם שלאָף און האָב דערזעהן, אַז דער נייער שכן אין דער באַזונדערער „קופּעי״ איז אַ יונגערמאַן אין אַ מיליטערי־שער יוניפאָרם. אָנגעטאָן אין די קליידער איז ער געלעגען אויפ׳ן אויבערשטען בעטעל און האָט געדויכערט אַ פּאַפּיראָס; און ווען ער האָט דערהערט ווי ס׳פאַרבינדט זיך אַ שמועס צווישען מיר און די אַנדערע צוויי שכנים וואָס איך האָב שוין געקענט, האָט ער אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און האָט זיך נייגעריג צוגעהערט. די ערשטע עטליכע מינוט האָט ער זיך אינ׳ם גע־שפּרעך ניט אריינגעמישט. אָבער מיט אַמאָל האָט ער נאָך מער דעם קאָפּ אַרויסגעשטעקט, און ווענדענדיג זיך צו מיר האָט ער געזאָגט:

— וואָס מיך אינטערעסירט וועגען אַמעריקע איז: פאַרוואָס באַפרייט מען ניט די סקאָטסבאָראָ נעגער־אינגלאַך ?

ער האָט מיט מיר גערעדט אַזוי, פּונקט ווי איך וואָלט שול־דיג געווען אין דעם, וואָס מען האַלט די נעגער־אינגלאַך פאַר־שפּאַרט אין געפענגניש. קאָכענדיג זיך, האָט ער געזאָגט:

— ביי אונז אין סאָוועטען־פאַרבאַנד וואָלט אַזאַ זאַך גע־וועז אוממעגליך!

געוועזן איז דער יונגערמאַן אַן אָפיצער פון דער לופט־פלאָטע, אַ פליהער, און ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז ניט נאָר אין דער אינדוסטריע, נאָר אויך אין פליהען וועט סאָוועט־רוסלאַנד מיט דער צייט אַריבעריאָגען אַמעריקע. נאָך מער, לויט זיין מיינונג איז אויסגעקומען, אַז אין אינדוסטריע האָט סאָוועט־רוסלאַנד שוין אַריבערגעיאָגט אַמעריקע אין אַ סך זאַכען; ער ווייסט דאָס, כאָטש ער איז אין אַמעריקע קיינמאָל ניט געוועזן; דאָס איז פאַר אים קלאָר פון דעם, וואָס ער לייענט אין די סאָוועטישע צייטונגען, און ער איז זיכער, אַז כאָטש עס איז אין סאָוועט רוסלאַנד איצטער שלעכט, איז פונדעסטוועגען דאָרט אַ סך בעסער ווי אין אַמעריקע. אַ סימן האָט ער:

— נעמט מיך! — פאַר דער רעוואָלוציע בין איך געוועזן אַ פאַסטוך אין דאָרף, און איצט טראָג איך אַ גאַנץ שעהנע יוניפאָרמע, בין אַן אָפיצער אין דער לופט־פלאָטע און איך פאָהר מיר אין אַ ווייכען וואַגאָן... אַזעלכע זיינען פאַראַן אַ סך און זיי ווייסען ווי אָפּצושעצען די געווינסען פון דער רעוואָ־לוציע.

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז פאַר דער צייט וואָס איך פאָהר ארום איבער סאָוועט־רוסלאַנד האָב איך נאָך אין קיין ווייכען וואַגאָן ניט געזעהן קיין מאַטראָזען און סאָלדאַטען, נאָר בלויז קאָמאַנדירען פון דער אַרמיי און פון דער פלאָטע, האָט ער געענטפערט:

— נו, וואָס וואָלט איר געוואָלט, אַז פשוט'ע מאַטראָזען און פשוט'ע סאָלדאַטען זאָלען פאָהרען אין ווייכע וואַגאָנען?... זיי קענען דאָך פאָהרען אין האַרטע אויך...

און שפּעטער, ווען ס'איז אונז אין דעם זעלבען צוג אויס־געקומען דורכצוגעהן איבער אַ פאַר „האַרטע" וואַגאָנען, וואו די ענגשאַפט איז געוועזן אַ שרעקליכע, וואו אויסגעהונגערטע, קוי־טיגע מענשען האָבען זיך געוואַלגערט אויף שמוציגע זעק און פעק, און וואו די לופט איז געוועזן אַזוי פאַרשטיקט, אַז ס'איז שווער געוועזן דעם אָטעם צו כאַפּען, האָט דער קאָמאַנדיר, וואָס איז אַמאָל געוועזן אַ פאַסטוך, זיך שטאַרק געקרימט, און ווען

ער איז צוריק אין ווייכען וואַגאָן אַריין, האָט ער, מיט אַ טאָן, וואָס האָט אין זיך געהאַט ניט ווייניג פאַראַכטונג, געזאָגט:

— און וואוהין שלעפען זיי זיך דאָס אָט די אַלע מענ־שען ?!...

ער האָט אַליין ניט געכאַפּט דעם ווידערשפרוך, און ער האָט אויך ניט געכאַפּט דעם בליק, וואָס איך האָב אויף אים געוואָרפען...

דאָס איז אַ נייע אַריסטאָקראַטיע... אַליין זיינען זיי טאַקע קינדער פון פאָלק, אָבער זיי באַמערקען אפשר אַליין ניט ווי ביסלעכווייז־ביסלעכווייז דערווייטערען זיי זיך אינגאַנצען פונ׳ם פאָלק...

אַכטער קאַפּיטעל.

# אין אַ וואַגאָן פון ערשטען קלאַס.

אַרויסגעפאָהרען פון ראָסטאָוו בין איך מיט אַ שווער געמיט. עפּעס ווי געגען מיין אייגענעם ווילען האָב איך אלייז אָנגעהויבען פיהלען אויף זיך דעם דרוק, וואס הענגט ווי א שווערער באַרג איבער די קעפּ פון מענשען אין סאָוועט־רוסלאַנד. אַלץ וואָס איך האָב געזעהן און געהערט האָט מיך אַזוי צורודערט, אַז אַלע מאָל, ווען איך בין געוועזן אין איין שטאָדט, האָב איך שוין געטראַכט וועגען פאָהרען אין אַן אַנדער שטאָדט, מיט דער האָפענונג, אַז דאָרט וועל איך געפינען עפּעס, וואָס קען דערפרעהען דאָס האַרץ — ניט דוקא אין מאַשינען און פאַבריקען, נאָר אין דעם לעבען פון מענשען.

און מיט אַזאַ האָפענונג האָב איך זיך געלאָזט פאָהרען קיין כאַרקאָוו.

כאַרקאָוו איז איצטער די הויפּט־שטאָדט פון אוקראַינע. דאָרט געפינט זיך די גרויסע טראַקטאָר־פאַבריק, וואָס איז באַריהמט איבער גאַנץ רוסלאַנד און אויך איבער דער גאַנצער וועלט. כאַרקאָוו איז דער צווייטער גרויסער צענטער נאָך מאָסקווע; פּונקט ווי מאָסקווע, האַלט די שטאָדט אין איין וואַקסען און די צאָהל פון דער באַפעלקערונג ווערט דאָרט אַלץ גרעסער און גרעסער.

עס איז גראָד אויסגעקומען אַזוי, אַז דאָס פאָהרען פ ו ן ראָסטאָוו איז געוועזן פּונקט דער היפּוך פון דעם פאָהרען ק י י ן ראָסטאָוו. אהין האָב איך זיך אַ שטיק וועג געשלעפּט אין אַ האַרטען וואַגאָן און האָב זיך אָנגעזעהן מיט סצענעס פון נויט און עלענד און הונגער און שרעקליכע ליידען, און אַרויסגעפאָהרען פון דאָרט בין איך אין אַ וואַגאָן פון ערשטען קלאַס, וואו אַלעס האָט געגלאַנצט און געפינקעלט און וואו יעדער באַזונ־

דער „קופּעי" האָט געהאַט אַ וואַש־צימער מיט הייסע און קאַל־טע וואַסער.

אַפּילו טיי האָט מען סערווירט פאַר די פּאַסאַזשירען, אָבער אָהן צוקער...

דער שכן מיינער אין'ם באַזונדערען „קופּעי" איז געווען אַ מענש אַ צוריקגעהאַלטענער, אַ שטילער; ער האָט די גאַנ־צע צייט מער געשוויגען ווי גערעדט; מיר האָט זיך בשום אופן ניט געקענט איינגעבען אים אַריינצוציהען אין אַ געשפּרעך; ער האָט, ווי עס שיינט, מורא געהאַט צו ריידען, און כדי זיך צו באַוואָרענען האָט ער זיך גאָר פאַרטיפט אין אַ פראַנצויזישען בוך און האָט די אויגען ניט אויפגעהויבען. און ווען ער האָט שוין יאָ אויפגעהויבען די אויגען און איך האָב געמיינט, אַז אָט־אָט וועל איך מיט אים קענען ריידען, האָט ער מיר גאָר געשטעלט אַזאַ פראַגע:

— שאַך שפּילט איהר?

און ווען ער האָט געהערט, אַז איך שפּיל ניט קיין שאַך, האָט ער מיך מער אינגאַנצען ניט געדאַרפט, און ער האָט זיך ווייטער פאַרטיפט אין'ם פראַנצויזישען בוך.

זעהענדיג, אַז דאָ קלעפּט זיך ניט קיין באַקאַנטשאַפט, בין איך אַרויס פון'ם „קופּעי" און האָב זיך געלאָזט געהן אי־בער דעם וואַגאָן און אין פאַרלויף פון אַ האַלבער שטונדע צייט בין איך שוין געווען באַקאַנט מיט די מערסטע פּאַסאַזשירען און אויך מיט איינינע פון דעם שכנישען וואַגאָן.

מיט איינעם פון זיי בין איך לאַנג געזעסען און קיינער האָט אונז ניט געשטערט, ווייל ער איז איינער אַליין געווען אין אַ „קופּעי". אַ מענש אַ צוגעלאָזענער און אַ רעדעוודיגער, האָט ער גערעדט וועגען אַלץ, וואָס ס'האָט זיך נאָר געמאַכט, און פון דעם, וואָס ער האָט גערעדט, האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער איז אַ גרויסער וועלטס־מענש; ער איז אַ סך מאָל געווען אין איי־ראָפּע און אויך אין אַמעריקע; ער קען אויסגעצייכענט גוט פּאַריז, בערלין, לאָנדאָן און אויך ניו יאָרק, און ער רעדט עטליכע שפּראַכען.

— יאָ, איך האָב אַמאָל געלעבט, — האָט ער מיר געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרמאַכט די טיר פון'ם „קופּעי", — דאָס אַליין איז פאַר מיר אַ שטיקעל טרייסט אין דער איצטיגער

שווערער צייט. עס איז גוט צו געדענקען, אז מען האָט כאָטש אַמאָל געלעבט. אָבער די קינדער מיינע! ... וואָס וועלען זיי געדענקען ?...

דעם מענשען איז אויפ'ן הארצען, קענטיג, געווען זעהר ביטער און ער האָט זיך געהאלטען אין איין קלאָגען ניט נאָר אויף זיין אייגען לעבען, נאָר אויף דעם איצטיגען שווערען לעבען אין סאָוועט־רוסלאַנד אין אַלגעמיין, און ער האָט מיר אויסגערעכענט אַ גאַנץ צעטעל פון נויטיגע אַרטיקלען, וואָס מען קען איצטער אין לאַנד ניט קריגען.

— און ס'איז אוממעגליך צו פאַרשטעהן פאַרוואָס אָט די אַלע אַרטיקלען זאָלען ניט זיין ביי אונז אין לאַנד, — האָט ער געזאָגט. — עס איז נישטאָ קיין גרונד דערפאַר. אָט נעמט, צום ביישפיל, אַזאַ אַרטיקעל ווי פיש! איך קען נאָך פאַר־שטעהן פאַרוואָס עס איז ביי אונז נישטאָ קיין ברויט; מען דאַרף דאָס ברויט אַרויסשיקען קיין אויסלאַנד, ווייל מען גיט אונז ניט אויף קרעדיט; דערצו נאָך: דער פּויער וויל ניט אַקערען און זייהען, ווייל מען נעמט ביי אים אַלעס צו אין דער פאַרמע פון שטייערען און אונטער אַנדערע אויסריידען. אָבער פיש! זיי דאַרף מען ניט פאַרזייהען, זיי וואַקסען ניט פון דער ערד, זיי פּרוכפּערען און מערען זיך אין די וואַסערען און זיי קריכען אַליין אין די נעצען. טאָ, פאַר וואָס־זשע איז ביי אונז קיין פיש נישטאָ? אין אַזאַ שטאָדט ווי ראָסטאָוו, מיט וואַסערען אַרום און אַרום — דער אַזאָווישער ים, דער דאָן — און ווען מען דאַרף קריגען אַ הערינג, אַ פישעל, דאַרף מען שטעהן אין „אָטשערעד" שטונדען לאַנג און אויפשטעהן אין מיטען דער נאַכט, כדי צו פאַרכאַפּען אַן אָרט...

ווען ער האָט מיר אויסגערעכענט אַ לאַנג צעטעל פון אַר־טיקלען, וואָס זיינען איצטער אין רוסלאַנד אינגאַנצען נישטאָ, האָב איך אים געפרעגט:

— וואָס־זשע איז ביי אייך יאָ דאָ?

האָט דער מענש אויף מיר אַ קוק געטאָן דורכדרינגענד און ער האָט געזאָגט:

— ביי אונז אין לאַנד איז דאָ איין זאַך, און דאָס איז די סאָוועטען־מאַכט... מער איז ביי אונז גאָר נישטאָ!...

ער האָט מיט מיר גערעדט פריי און אָפען, און ער האָט

צוגעגעבען, אַז פאר אַ רוסישען בירגער וואָלט ער אזוי ניט גערעדט.

— ביי אונז, — האָט ער געזאָגט, — געטרויט מען מער ניט איינער דעם אַנדערען; די שרעק הענגט איבער אַלעמענס קעפּ און מען איז חושד אפילו דעם בעסטען פריינד. אָבער — צום טייפעל! — מען מוז דאָך אַמאָל ארויסזאָגען דאָס, וואס דריקט אויפ'ן הארצען! און אָט האָב איך זיך באַקענט מיט אייך, אַן אויסלענדער, וואָס קוקט אַלעמען גלייך אין די אויגען, ניט אזוי ווי ביי אונז, נו, רייד איך, נו, זאָג איך אַרויס דאָס, וואס טוט מיר וועה...

ער איז געוועזען אַ מענש מיט אַן אָפענער רוסישער נשמה, אַ טיפּ פון אַן עכטען רוסישען אינטעליגענט פון די אַמאָליגע צייטען, ווען בילדונג, אינטעליגענץ און וויסען זיינען נאָך געוועזען פון די זאכען, וואָס מען שעצט אָפּ; אַ סימפּאַטישער מענש, וואָס איז אַלע זיינע יאָהרען געשטאַנען נאָהענט צו די מאַסען, כאָטש ער אַליין שטאַמט ניט פון זיי; ער בענקט ניט נאָך יענע צייטען, ווען ער איז געוועזען דער אַנגעזעהענער מענש און האָט געשפּילט די גרויסע ראָלע; ער האָט ליב רוסלאַנד און ער וואָלט געוואָלט, אַז דאָס רוסישע פאָלק זאָל ווירקליך לעבען גליקליך אונטער דעם נייעם רעזשים, אָבער עס איז ניט אזוי...

— מיר האָבען זיך אַנדערש פאָרגעשטעלט דאָס בויען פון סאָציאַליזם, — האָט ער געזאָגט, — מיר האָבען געדענקט, אַז סאָציאַליזם מיינט אָפּשאַפען אָרימקייט צווישען די ברייטע מאַסען, וועלכע זיינען אַלע מאָל געוועזען די געקריוודעטע. צום סוף האָט מען אָפּגעשאַפט רייכקייט און מען האָט אונז אַלע־מען געמאַכט פאַר בעטלער... אָט זעהט דעם אַנצוג, וואָס איך טראָג! ער איז שוין פינף יאָהר אַלט. אַ גאַנצע „פּיאַטילעט־קאַ"... איר וועט ביי אונז געפינען אַ סך אַזעלכע מענשען, וואָס טראָגען אָפּגעריבענע „פּיאַטילעטקעס" אויף זיך, פּשוט דער־פאַר וואָס ס'פעהלט אוים סחורה, פּשוט דערפאַר וואָס מען קען קיין אַנצוג ניט קריגען.

ער האָט זיך פאַרטראַכט, וואַרפענדיג אַלע ווײַלע אַ בליק אויף מיר און אויף די קליידער, וואָס איך האָב געטראָגען, און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— און איר ווייסט, די באַגעגעניש מיט אייך האָט מיך

אַרויפגעפיהרט אויף א גערַאנק, וואָס איז מיר שוין לאַנג אין זינען ניט געלעגען און אַרויסגערופען ביי מיר א געפיהל, וואָס איז שוין אין מיר לאַנג געווען אָפּגעשטאַרבען — איך האָב זיך אָנגעהויבען שעמען דערמיט, וואָס איך גיה אָנגעטאָן ווי א בעטלער... איך פאַרשטעהט, ווען אַלע גיהען אַרום אָנגעטאָן ווי בעטלערס, אין אַלטע, צוריסענע קליידער, שעמט מען זיך שוין ניט איינער פאַר'ן אַנדערען. נישטאָ פאַר וועמען זיך צו שעמען. אָבער ווען מען דערזעהט איינעם, וואָס איז אָנגעטאָן ווי א מענש, פיהלט מען זיך עפּעס געפאַלען ביי זיך. מען שעמט זיך...

און דער מענש איז געווען פון די, וואָס האָבען גוט פאַר־דינט. אַליין אַן אָנגעזעהענער סאָוועטישער אָנגעשטעלטער, איז זיין געהאַלט געווען אַן ערך טויזענט רובעל א חודש. און ער האָט זיך עטליכע יאָהר צייט ניט געקענט פאַרגינען צו לאָזען מאַכען א נייעם אַנצוג, און ער האָט מיר געוויזען א חשבון, אַז די טויזענט רובעל מוזען אַוועקגעהן, ווייל דער יקרות איז זעהר גרויס און אַלעס איז מיט גאָלד צוגלייך. און אַז חוץ דעם איז גלאַט ניט אָנגענעם צו געהן אָנגעטאָן לייטיש, ווען אַלע אַרום זיינען אָפּגעריסען און אָפּגעשליסען....

איך האָב אויף יענעם וועג אויך געשלאָסען א באַקאַנט־שאַפט, וואָס האָט מיך אַביסעל איבערראַשט:

צווישען די מענשען, וואָס האָבען גערעדט מיט מיר אין איינעם פון די וואַגאָנען, איז געווען א מאַן, וואָס האָט אויס־געזעהן ווי אַן עכטער רוס און וועלכער האָט גערעדט רוסיש אויף'ן עכט מאָסקווער שטייגער. אָנגעטאָן איז ער געווען בעסער פאַר אַלע אַנדערע, און פון דעם אופן ווי ער האָט זיך גע־האַלטען האָט מען געקענט זעהן, אַז ער פאַרמאָגט א הויכען פּאָסטען און אַז אים קומט ניט אויס צו ליידען קיין הונגער און נויט...

גערעדט האָט ער אַלץ וועגען אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען ניט קיין שייכות מיט פּאָליטיק און אַלע מאָל האָט ער אַריינ־געוואָרפען א געשמאַק רוסיש ווערטעל, אָדער א וויץ, וואָס האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופען א געלעכטער; ביים עסען האָט ער געטרונקען בראָנפען ווי אַן אמת'ער רוס, אַרויסווייזענדיג גרויס בריה'שקייט ביים אַריינגיסען דאָס גלעזעל אין מויל אַריין,

און ווען ער איז געוואָרען אַביסעל בגלופין׳דיג און די באַקען האָבען זיך ביי אים צופלאַמט, איז ער געוואָרען נאָך רייד־דעוודיגער און דאַן איז ער שוין געווען דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט, ווייל ער האָט ווירקליך זעהר שעהן גערעדט און זעהר לעבעדיג דערצעהלט אינטערעסאַנטע געשיכטעס פונ׳ם רוסישען לעבען; ער האָט גוטמוטיג און אויף אַ וויציגען שטייגער אויסגעדריקט זיין באַוואונדערונג דארויף, וואָס מיינע פריינד און באַקאַנטע אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבען מיר נאָך איבערגעלאָזען אַ נישט־קשה׳דיגען אנצוג צו טראָגען און אויך דארויף, וואָס אין די באַהנען האָבען זיך ניט געפונען קיין בעלנים אַרויסצונעמען ביי מיר די „פאָונטעין־פען" פון דער קעשענע, און מיט אַמאָל האָט ער געגעבען אַ זאָג אַזוי:

— און איר ווייסט, צו אייך האָב איך אַ בקשה: ווען איר וועט קומען צוריק קיין אַמעריקע, זאָלט איר דאָרט איבערגעבען אַ גרוס מיינעם אַן אָנקעל...

און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער, דער „עכטער רוס", איז גאָר אַ איד און אַז דער אָנקעל זיינער איז אייגער פון די גאָר אָנגעזעהענע רבנים אין ניו יאָרק...

— גיט אים איבער, דעם אָנקעל, אַז איר האָט מיך געזעהן,

— האָט ער געזאָגט.

אין דעם זעלבען וואַגאָן האָב איך זיך אויך באַקאַנט מיט אַ יונגען מאַן, וואָס האָט געטראָגען עפּעס אַ מאָדנע האַלב מיליטערישע יוניפאָרמע. פון זיין ריידען האָט מען געקענט זעהן, אַז ער איז אַ פאַרברענטער קאָמוניסט. צוגעבענדיג, אַז די לאַגע איז איצטער זעהר שלעכט, האָט ער דאָך אויסגעדריקט אַ פעסטען גלויבען, אַז מיט יאָהרען שפּעטער וועט די לאַגע זיין בעסער און אַז סאָוועט־רוסלאַנד וועט דינען אַלס אַ מוסטער פאַר אַנדערע לענדער. דערהערענדיג, אַז מען גיט דורך מיר איבער אַ גרוס קיין אַמעריקע, האָט ער אָנגעהויבען שמייכלען, און פאַרציהענדיג ענגער דעם לעדערנעם פּאַס, האָט ער געזאָגט:

— אַז איך וויל, קען איך אויך איבערגעבען אַ גרוס קיין אַמעריקע.

— צו וועמען? — האָב איך אים געפרעגט און בין שוין געווען גרייט צו פאַרשרייבען אַן אַדרעס אין מיין ביכעלע.

— צו מיין טאַטען, — האָט ער געענטפערט. — אָבער איילט זיך ניט צו פאַרשרייבען דעם אַדרעס. איך ווייס ניט וואו ער וואוינט און איך קען אים גאָר ניט... ער האָט איבער־געלאָזען מיין מאַמע נאָך מיט אַ סך יאָהרען צוריק, ווען איך בין איינגאַנצען איין יאָהר אַלט געווען. ער איז אַוועק קיין אַמעריקע און — ווי אין וואַסער אַריין!...

און דער יונגערמאַן מיט דער האַלב מיליטערישער יוני־פאָרמע האָט מכבד געווען זיין טאַטען אין אַמעריקע מיט אַן עכט רוסישער „ברכה"...

אַלע האָבען געלאַכט.

נאָכדעם האָט זיך צווישען עטליכע מענשען אָנגעהויבען אַ היציגע דעבאַטע וועגען דעם פינף־יאָהר־פּלאַן און די איצטיגע לאַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד. איינער, אַ רוסישער מענש מיט אַ שוואַרץ העמדעל, און מיט אַ רויט פּנים, האָט גע'טענה'ט:

— די צרה ביי אונז באַשטעהט אין דעם, וואָס מיר האָבען ניט קיין גלייכגעוויכט אין אונזערע פּלענער. ווען מען נעמט זיך עפּעס בויען אויף איין געביט, שפּאַרט מען זיך דאַרויף אָן מיט אַלע כחות און מען פאַרנאַכלעסיגט איינגאַנצען די אַרבייט, וואָס מען וואָלט געדאַרפט טאָן אויף אַנדערע געביטען.

— וואָס מיינסטו דערמיט? — האָט זיך צוקאָכט אַן אַנ־דערער, וואָס האָט גערעדט רוסיש מיט אַ געמיש פון אוקראַי־נישע ווערטער.

— איך מיין גאַנץ איינפאַך, — האָט דער מענש מיט'ן שוואַרצען העמדעל געענטפערט. — מיר רוסען האָבען ניט קיין טאָלק אין אונזער אַרבייט. דעם ערשטען פינף־יאָהריגען פּלאַן האָט מען ביי אונז געמאַכט אויפצובויען די שווערע אינדוס־טריע. נו, וואָס־זשע איז געוואָרען? די אַנדערע אינדוסטריען האָט מען איינגאַנצען פאַרנאַכלעסיגט און איצט איז ביי אונז אַ מאַנגעל אין די נויטיגסטע פּראָדוקטען און מיר געהען אַרום אָפּגעריסען און אָפּגעשליסען. פאַר וואָס ניט אויסאַרבייטען פּלענער אַזוי, אַז עס זאָל אין זיי זיין אַ גלייכגעוויכט? פאַר וואָס ניט זעהן, אַז אין דער צייט ווען מען בויט און מען אַר־בייט זאָלען מענשען אין דער זעלבער צייט קענען לעבען ווי מענשען און געהן אָנגעטאָן ווי מענשען? פאַרשטאַנען?...

אין זיין ריידען האָט דער מאַן מיט'ן שוואַרצען העמדעל

אַרויסגעוויזען אַ סך באַהאווענטקייט; ער האָט געבראַכט גאַנצע שטיקער פון רעזאָלוציעס, וואָס זיינען אָנגענומען געוואָרען אויף פּאַרטיי־קאָנגרעסען; ער האָט ציטירט פון קאַרל מאַרקס'עס און לענינ'ס שריפטען. מען האָט געזעהן, אַז דאָס איז אַ מענש מיט אַ מוח, וואָס דענקט זעלבסטשטענדיג, און דערצו נאָך אַזאַ מענש, וואָס האָט קיין מורא ניט אַרויסצוזאָגען זיין מיי־נונג אָפען. איינינגע אין דער גרופּע האָבען זיך גערן און אויפ־מערקזאַם צוגעהערט צו אים, און כאָטש זיי אַליין האָבען גאָר ניט געזאָגט, האָט מען דאָך געזעהן, אַז זיי שטימען איין מיט אים. אַנדערע אָבער האָבען זיך געשטעלט אַקעגען, און מער ווי אַלע האָט זיך געקאָכט יענער, וואָס האָט גערעדט רוסיש מיט אַ אוקראַאינישען אַקצענט.

— וויסטו, חבר, האָט ער געשריגען, — וואָס דיינע אַר־גומענטען באַווייזען? זיי באַווייזען, אַז דו ביזט אַן אָ פּ אָ ר ט ו ־ נ י ס ט!

דאָס לעצטע וואָרט האָט ער אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ טאָן, פּונקט ווי ער וואָלט אים אין טאַטען אַריין געשאָלטען, אָדער אַזוי ווי ער וואָלט גאָר ניט געצווייפעלט אין דעם, אַז דער־מיט וועט ער אים אינגאַנצען דער'הרג'ענען...

אָבער דער מאַן מיט'ן שווארצען העמדעל איז ניט נתפּעל געוואָרען פון דעם, וואָס מען האָט אים מיט אַזאַ נאָמען גע־קרוינט.

— „אָפּאָרטוניסט”, — האָט ער איבערגעקרימט דאָס וואָרט — אָט האָט ער שוין אַ שטעמפּעל אויף מיר אַרויפגעלעגט, אַ בלעטעל אָנגעהאַנגען, און — ער איז פאַרטיג. וואָס מיר אָפּאָרטוניזם? דו רעד צו מיר מיט אַ טאָלק!

— איך רעד מיט אַ טאָלק! — האָט זיך דער אַנדערער געהיצט. — מיר בויען, און דאָס קען קיינער ניט לייקענען!

— יאָ, מיר בויען, — האָט שטיל צוגעגעבען דער ערש־טער, אוועקזעצענדיג זיך, און מען האָט גלייך געקענט זעהן, אַז ער האָט מיט אַמאָל פאַרלאָרען דעם מוט, וואָס ער האָט פריהער געהאַט. — מיר בויען... אַזוי פיל פאַבריקען אָנגע בויט און ווען ס'קומט צו עפּעס, שטעלען זיי זיך אָפּ אין מיטען דערינען... דאָ פעהלען אויס רויהע מאַטעריאַלען, דאָ פעהלען גוטע מעכאַניקער און דאָ פעהלט גלאַט אַלץ, וואָס מען דאַרף...

קיין טאָלק איז נישטאָ... מיר האַלטען זיך אין איין יאָגען, און מיר בלייבען אַלץ זיצען אויפ'ן עק...

און מען האָט געקענט זעהן, אַז דאָס רעדט דער מענש אַזוי ניט דערפאַר, וואָס ער וויל גלאַט קריטיקירען, נאָר דערפאַר וואָס ס'טוט אים וועה...

און נאָך אַ זאַך איז געשעהן, וואָס האָט זיך שטאַרק געוואָרפען אין די אויגען.

דער מאַן מיט'ן שוואַרצען העמדעל האָט געדאַרפט פאָהרען ביז כאַרקאָוו, אָבער נאָכדעם ווי ער איז געבליבען זיצען שטיל און פאַרטראַכט, האָט ער געביטען זיין פּלאַן און ער איז אַרויס פון'ם צוג אויף אַ סטאַנציע, וואָס איז געווען ווייט פון כאַר־קאָוו...

ניינטער קאַפּיטעל

# אַ נאַכט אויפ'ן כאַרקאָווער וואָקזאַל

פון די באַגעגענישען, וואָס איך האָב געהאַט אויפ'ן וועג פון ראָסטאָוו קיין כאַרקאָוו, איז פאַר מיר געוואָרען נאָך אַ סך קלאָרער ווי פריהער, אַז כאָטש עס הייסט, אַז מ'האָט אין סאָוועט־רוס־לאַנד אָפּגעשאַפט קלאַסען, קען מען אין די ווייכע וואַגאָנען פונ'ם ערשטען קלאַס ניט זעהן אַזעלכע סצענעס פון נויט און הונגער, ווי אין די האַרטע וואַגאָנען פונ'ם דריטען קלאַס. אין די ווייכע ערשט־קלאַסיגע וואַגאָנען פאָהרט די נייע „אַריסטאָקראַטיע" און אויך אַ טייל פון דער אַלטער, וואָס האָט זיך צוגעשאַרט צו דער נייער. און אין האַרטע וואַגאָנען פאָהרט דאָס פאָלק...

און דאָרטען וואו מען טרעפט זיך מיט'ן פאָלק, דאָרטען זעהט מען סצענעס פון נויט, ליידען און צרות...

דאָס פאָלק אין רוסלאַנד, דער פויער ספּעציעל, איז נאָך אַלץ ניט דערהויבען געוואָרען צו דער מדרגה פון אַ לעבען, וואָס איז מענשליך. און ווען די רוסישע שריפטשטעלער פון דער היינ־טיגער צייט וואָלטען געקענט שרייבען דאָס וואָס זיי ווילען און דאָס וואָס זיי פיהלען, וואָלט זיך געוויס געפונען ניט איינער, וואָס וואָלט, פונקט ווי נעקראַסאָוו אַמאָל, געקלאָגט דארויף וואָס מען קען ניט אָנווייזען קיין איין ווינקעלע, וואו דער פויער דע־רוסישער זאָל ניט ליידען...

די סאָוועטישע שריפטשטעלער אָבער קענען ניט שרייבען ווי זיי פיהלען און ווי זיי ווילען; זייערע ליטעראַרישע ווערק אפילו מוזען אויסהאַלטען די „אידעאָלאָגיע", און ווען אַ ליטעראַריש ווערק שטימט ניט מיט דער „אידעאָלאָגיע" לויט אַלע חומרות פון די, וואָס פסק'ענען די שאלות וועגען ליטעראַטור, ווערט עס אינגאַנצען אויסגעבראַקירט.

„פינף און זיבעציג פּראָצענט פון דעם וואָס ס׳ווערט ביי אונז געשריבען, — האָט מיר געזאָגט אַ פּראָמינענטער רוסישער שריפטשטעלער, — ווערט אינגאַנצען ניט געדרוקט, ווייל עס האַלט ניט אויס די „אידעאָלאָגיע״, און הונדערט פּראָצענט פון דעם, וואָס דאַרף געשריבען ווערען, ווערט אינגאַנצען ניט געשריבען״.

און איבער דעם קומט אויס אַזוי, אַז די ליטעראַטור שפּי־געלט ניט אָפּ די ליידען פונ׳ם פאָלק און עס ווערט אויך אונטער־דריקט די שטים, וואָס וויל באַקלאָגען די ליידען, ווי עס האָבען עס געטאָן יענע רוסישע שריפטשטעלער, אויף וועמעס ווערק עס האָבען זיך דערצויגען גאַנצע דורות פון טרוימער און קעמפער.

און ווען מען וויל זעהן די ליידען פונם רוסישען פאָלק קען מען דאָס זעהן ניט אין דער ליטעראַטור, נאָר אין לעבען. און דאָס קען מען זעהן אין די קלענערע שטעדטלאך, אין די דערפער און אויך אויף די באַהנען. אָבער ניט אין די ווייכע וואַגאָנען, נאָר אין די האַרטע...

עס איז שוין געווען איינס אַזייגער ביינאַכט, ווען איך בין אָנגעקומען קיין כאַרקאָוו.

מיט דער זיכערקייט, אַז מען וועט מיך באַגעגענען אויפ׳ן וואָקזאַל און מען וועט מיך אָוועקפיהרען אין אַ האָטעל, וואו אַ צימער איז שוין אודאי צוגעגרייט פאַר מיר, בין איך אַרויס פון דעם ווייכען וואַגאָן און האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, זוכענדיג מיט די אויגען דעם מענשען, וואָס האָט מיך געדאַרפט באַגעגענען. אָבער, צו מיין גרויסער איבערראַשונג, האָב איך אַזאַ מענשען ניט געזעהן. קיינער האָט אויף מיר ניט געוואַרט, קיינער האָט מיך ניט באַגעגענט, כאָטש דער ראָסטאָווער „אופּאָלנאָמאָ־טשעני״ האָט בפירוש אַרויסגעשיקט אַ טעלעגראַמע, אַז מען זאָל מיך יאָ באַגעגענען...

קיין טרעגער האָב איך, ווי געוועהנליך, ניט געקענט קריגען. נישט געווען אַזעלכעס אויפ׳ן גרויסען כאַרקאָווער וואָקזאַל. ערשט שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז טרעגער זיינען דווקא יאָ דאָ, אָבער זיי זוכען גאָר ניט אַזעלכע פּאַסאַזשירען ווי איך, אָדער אַנדערע. עס לוינט זיך זיי פשוט ניט, ווייל ווען מען גיט זיי אַ רובעל פאַר טראָגען אַ טשעמאָדאַן קענען זיי פאַר׳ן רובעל אפילו קיין האַלב פונט ברויט ניט קויפען, ווייל דער יקרות איז זעהר

גרויס. אָנשטאָט צו זוכען פּאַסאַזשירען מיט טשעמאָדאַנען, „ארבייטען“ זיי בעסער צווישען די פּויערים, וואָס וואַלגערן זיך אויפ׳ן וואָקזאַל גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט; די טרעגער קריגען פאַר די פּויערים בילעטען און העלפען זיי זיך אריינכאַפּען אין א וואַגאָן, ווען א באַהן קומט אָן, און דערפאַר גיט מען זיי אמאָל שטילערהייד פינף רובעל, אָדער מער...

דאָס איז א נייע פּרנסה, וואָס איז געשאַפען געוואָרען זינט דאָס רוסישע דאָרף האָט זיך מיט אַזאַ עקשנות גענומען שפּאַרען אין שטאָדט אריין צו פאַרקויפען אַלץ וואָס ס׳איז נאָר מעגליך, אַבי צו קריגען ברויט...

פּונקט ווי אויף דער סטאַנציע צוויעטקאָוואָ, אויפ׳ן וועג קיין ראַסטאָוו, האָב איך אויך אין כאַרקאָוו זיך געשלעפּט איבער׳ן לאַנגען וואָקזאַל מיט׳ן שווערען טשעמאָדאַן און מיט די אַנדערע זאַכען, וואָס איך האָב מיט זיך געהאַט. איך האָב זיך קוים מיט צרות צוגעשלאָגען צום דעזשורני פון דער סטאַנציע, אָבער ער האָט מיר גאָר ניט געקענט העלפען, כאָטש ער איז געווען זעהר העפליך און האָט מיר געוואָלט העלפען מיט וואָס ס׳איז נאָר געווען מעגליך. עטליכע מאָל האָב איך אויפ׳ן טעלעפאָן אָפּגע־רופען דעם כאַרקאָווער „אינטוריסט“, אָבער קיינער האָט פון דאָרט ניט געענטפערט. איך האָב אויך אָפּגערופען אייניגע האָ־טעלען און געפרעגט, צי מען האָט דאָרט רעזערווירט א צימער פאַר א מענשען מיט אַזאַ און אַזאַ נאָמען. אָבער דער ענטפער איז פון אומעטום געווען דערזעלבער:

— ניין!

— קען מען אפשר אַזוי קריגען א צימער?

— ניין!

צי איך האָב יאָ געוואָלט, צי ניט געוואָלט — איך האָב געמוזט בלייבען אויפ׳ן וואָקזאַל און זיך דאָרט ארומדרעהען א גאַנצע נאַכט, ביז זיבען אזייגער אין דער פריה.

דאָס האָט מיך שרעקליך אויסגעמוטשעט, ווייל אויפ׳ן וואָק־זאַל איז כמעט ניט געווען וואו זיך אוועקצוזעצען. אָבער איך מוז צוגעבען, אַז שפּעטער, ווען די נאַכט איז אוועק און דער פריהמאָרגען איז אָנגעקומען, האָט מיר ניט באַנג געטאָן דאָרויף, ווייל דאָס וואָס איך האָב געזעהן אין יענער נאַכט אויפ׳ן כאַר־

קאָווער וואָקזאַל, וואָלט איך זיכער ניט געקענט זעהן ווען מען וואָלט מיך אַוועקגעפיהרט אין אַ באַקוועם צימער אין איינעם פון די גרויסע שטאָדטישע האָטעלען...

און געזעהן האָב איך אין יענער נאַכט אַזוי פיל סצענעס פון נויט און פאַרצווייפלונג, אַזוי פיל שוואַרצע בילדער פון עלענד און דערשלאָגענקייט, פון אָרימקייט און געפאַלענקייט, אַז איך וועל דאָס זיכער ניט קענען פאַרגעסען אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבען!

דער גאַנצער וואָקזאַל, פון אינווענינ און פון דרויסען, איז געוועזן פול מיט מענשען און די מערסטע פון זיי זיינען געוועזן אָנגעטאָן אַזוי אָרים, אין אַזעלכע שמאַטעס און טראַנטעס, אַז ס'האָט ממש געריסען דאָס הארץ קוקענדיג אויף זיי.

די גאַנצע שווערקייט פון דעם רוסישען לעבען — אַ שווער־קייט, וואָס דריקט און צודריקט מיט אַזאַ תמ'עוואַטער עקשנות — האָט זיך געפיהלט אין יעדען ווינקעלע, וואו מען האָט זיך נאָר אַ דרעה געטאָן און וואוהין דאָס אויג איז נאָר געפאַלען.

אומעטום האָבען זיך מענשען געוואַלגערט ווי הויפענס ווערים, אויף קלומקעס און פעקלאך, וואָס זיינען געוועזן אַזוי גרוי און אַזוי שווער ווי דאָס גאַנצע לעבען זייערס. ווען מען איז אריינ־געקומען אין אַ וואַרט־צימער, האָט מען דאָרט ניט געקענט דורכ־געהן און ניט געהאַט וואו זיך אַוועקצוזעצען, אָדער אפילו וואו זיך אַוועקצושטעלען, ווייל אויף אַלע בענק, אויף אַלע טישען און ביי אַלע דורכגאַנגען זיינען געלעגען, געשטאַנען און געזעסען קויטיגע מענשען, אויף וועלכע עס איז געוועזן אַ שרעק צו קוקען. די פאַרקערפערונג פון רוסישע געדולד און געפאַלענקייט איז אויף זייערע פנימ'ער געוועזן אויסגעגאָסן, און קיינער האָט קיין הויך וואָרט ניט ארויסגערעדט, קיינער האָט זיך ניט געקלאָגט.

דעם שווערסטען איינדרוק האָבען געמאַכט די, וואָס האָבען זיך אויף דער ערד געוואַלגערט. עס זיינען צווישען זיי געוועזן מענער, פרויען, יונגע און אַלטע און קליינע קינדער. און גע־דוכט האָט זיך, אַז דאָס זיינען גאָר ניט קיין לעבעדיגע מענשען, נאָר טויטע, וואָס מען האָט ווי מיוז אויסגעדישעט מיט שטיקענ־דיגע גאַזען, ווען זיי זיינען פון ערגיץ אַנטלאָפען געוואָרען אַהער

זיך צו ראַטעווען פון אן ערדציטערניש, אָדער פון א פאַר־פלייצונג...

ווען מען האָט דערזעהן ווי דאָ און דאָרט באַוועגט זיך אימיצער, ווי דאָ און דאָרט גיט זיך א הויב א האַנט,א קאָפּ, אָדער אן אַקסעל, איז א סקרוך אריבער איבער׳ן לייב און א שרעק איז געפאַלען. און ווען ס׳האָט זיך פון ערגיץ דערטראָגען א שטילער קרעכץ, א טיפער זיפץ, אָדער אן אָפּקלאַנג פון אן ארויסגעזאָגטען וואָרט, האָט זיך געדוכט, אז דאָס קומט ארויס פון דער פינסטער אויף א בית עולם, וואו מענשען זיינען פאַר שרעק, שטעהענדיג אויף קברים, לעבעדיגערהייד פאַרגליווערט געוואָרען און בלויז איניגע הויבען זיך אָן דערמאָנען וואו זיי זיינען אין דער וועלט און וואָס מיט זיי איז געשעהן...

ביי א קיילעכדיגער אייזערנער הרובע, וואָס איז שוין לאַנג געווען קאַלט ווי ביי א טויטען דער קאָפּ, זיינען פון ביידע זייטען געשטאַנען צוויי מענשען אין שמאַטעס, די האַלב באָרפיסע פיס זיינען ביי זיי געווען ארומגעוויקעלט מיט שטרוי; פון די שמאַט־קעס, וואָס זיי האָבען געטראָגען, זיינען ארונטערגעהאַנגען שטיק־לאַך, און דאָ און דאָרטען האָט זיך ארויסגעזעהן דאָס נאַקעטע לייב פון די אָרימע און אויסגעהונגערטע מענשען. איינער האָט געהאַלטען די הענט אין די קעשענעס, די פיס זיינען ביי איהם געווען צוגעדריקט איינער צום אַנדערען, מיט׳ן קערפּער האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן דער קאַלטער אייזערנער הרובע, וואָס איז אין א ווינקעל געשטאַנען, די אויגען זיינען ביי אים גע־ווען פאַרמאַכט, און מען האָט ניט געוואוסט צי ער שלאָפט, אָדער ער וויל גלאַט די אויגען ניט עפענען, ווייל ער ווייסט שוין, אז היינט, פונקט ווי נעכטען און עהערנעכטען און אַלע טעג פון א גאַנץ יאָהר, וועט ער פאַר זיך ווידער דערזעהן דאָס זעלבע, וואָס ער וואָלט שוין מער ניט געוואָלט זעהן.

דער אַנדערער האָט מיט ביידע הענט געהאַלטען די הרובע ארומגענומען, צושפּאַרענדיג זיך צו איר מיט׳ן בויך. איין אויג איז ביי אים געווען אָפען און דאָס אַנדערע פאַרמאַכט. ער האָט אַלץ געריבען איין קני אָן דער אַנדערער, און אַלע מאָל האָט ער זיך געקראַצט, אי מיט די הענט, אי מיט די פיס, וואו ער האָט נאָר געקענט.

גערעדט איינער צום אַנדערען האָבען די צוויי מענשען ניט.

פון ערגיץ אָפּגעריסען, האָבען זיי זיך אודאי בלויז צופעליג אין דער קאַלטער נאַכט ביי דער אייזערנער קיילעכדיגער הרובע גע־טראָפען; דער, וואָס מיט'ן אָפענעם אויג, האָט אַלע מאָל גע־כאַפּט אַ קוק אויף דעם, וואָס מיט די פאַרמאַכטע אויגען; אין אים האָט ער אודאי ווי אין אַ שפּיגעל זיך אליין געזעהן מיט זיין גאַנצער געפאַלענקייט און קויטינקייט, איז דאָס פּנים ביי אים געוואָרען נאָך מער פאַרקרימט, און שווייגענדיג שטיל, ווי עס וואָלט שוין בכלל געווען איננאַנצען איבעריג צו ריידען, האָט ער זיך ווידער געקראַצט, מיט די הענט און מיט די פיס, און ווייטער געריבען איין קני אָן דער אַנדערער...

אין אַ ווינקעל איז אויף דער ערד געלעגען אַ פרוי, מיט אַ גרויסען קלומעק צוקאָפּענס. אָנגעטאָן אין אַ שווערען פּעלץ און איינגעדרעהט אין דרייען איז זי ־ געשלאָפען, כראָפּענדיג דערביי גאַנץ געשמאַק. צו איר האָט זיך אין אַ זייט צוגעשפּאַרט נאָך אַ פרוי, וועמען ס'איז, קענטיג, געווען זעהר קאַלט. איינ־נורענדיג דעם קאָפּ אין אַ שטיקעל פון פּעלץ האָט זי געפּרואווט שלאָפען, אָבער דאָס כראָפּען פון יענער האָט איר געשטערט. איז זי מיט אָפענע און האַלב פאַרשלאָפענע אויגען גלאָט גע־לעגען אויף דער ערד און האָט געקוקט אויף די, וואָס האָבען זיך געדרעהט אַהין און צוריק. דעם קאָפּ אַרויף האָט זי ניט אויפגעהויבען ווען זי האָט אויף די פאַרבייגעהענדיגע מענשען געקוקט און זי האָט געזעהן בלויז פיס... פיס אין שווערע שטי־וועל, פיס אין אומגעלומפּערטע פּוישטען, פיס אין צוריסענע שמאַטעס, פיס אין נאַסער שטרוי... און מיט אַמאָל האָט זי דערזעהן צוויי גאַנצע שיך, וואָס זיינען אַנדערש, האָט זי, אַ פאַרוואונדערטע, אויפגעהויבען דעם קאָפּ און אַ קוק געטאָן אויף מיר. — וואָס פאַר אַ מענש איז דאָס?... ווער איז ער?... און פון וואַנען האָט ער זיך אַהער גענומען?...

עס איז ניט געווען קיין איין ווינקעל, וואו מענשען זאָלען זיך ניט וואַלגערען אויף דער ערד. און אומעטום איז געווען פייכט, נאַס און שמוציג. אומעטום איז געווען אָנגעשפּיגען און אָנגעוואָרפען. דאָ האָט מען געזעהן זעק און פּעק א ו י ף מענשען, און דאָרטען האָט מען געזעהן מענשען אויף זעק און פּעק, און אַלעס האָט זיך צונויפגעדרעהט אין איין קנויל, וואָס קריכט מיט הונדערטער שווערע פיס, וואָס באַוועגען זיך קוים.

דאָ זיינען מענשען געשטאַנען אין אַ לאַנגער רייהע צו קריגען בילעטען און דאָס פּענסטעריל, וואו מען גיט „דאָס גוטע קוויטעל”, איז געווען פֿאַרמאַכט, און דאָרטען זיינען מענשען געשטאַנען ביי אַ טיר שוין מיט בילעטען, אָבער מען האָט זיי ניט געלאָזט געהן צו די וואַגאָנען, ווייל עס איז פֿאַר זיי קיין פּלאַץ ניט געווען.

ביי דער גרויסער דאָפּעל-טיר, וואָס פֿירט צו דער פּלאַטפֿאָרמע, האָבען אָהן אַ שיעור מענשען זיך געשפּאַרט אַי פֿון אינווענינג, אַי פֿון דרויסען, און אַלע האָבען אויף זיך און מיט זיך שווערע משאות געטראָגען. אַכטונג געגעבען אויף דער אָרדענונג ביי דער טיר האָט אַ מענש מיט אָפּגעריבענע קליידער, מיט אַ שווערער קוטשמע אויפ'ן קאָפּ, מיט אַ ניט-געוואַשען פּנים און מיט אַ באָרד, וואָס מען האָט שוין לאַנג ניט אויסגעמעקט. אַ פּוילער, אַ גלייכגילטיגער, פּונקט ווי ער וואָלט קיין אייגענעם ווילען אינגאַנצען ניט געהאַט, איז ער ביי דער טיר געשטאַנען, און אַלע מאָל, ווען ער האָט זי געדאַרפֿט עפֿענען אָדער פֿאַרמאַכען, ביים אריינלאָזען און ארויסלאָזען מענשען, האָט ער זיך באַנוצט מיט אַן אַלטער לאָפּעטע, וואָס איז אויף דער טיר געווען אריינגעשפּאַרט אין אַ שטיקעל אייזען. אַנדערש האָט מען די טיר ניט געקענט עפֿענען און ניט פֿאַרמאַכען, ווייל עס האָט דאָרט געפֿעלט אַ שלאָס...

קיין קליאַמקע איז דאָרט אויך ניט געווען...

אויפ'ן וואָקזאַל פֿון דער הויפּטשטאָט אין אוקראַינע פֿעהלט אַ קליאַמקע...

מוז מען דאָרט די פּאַראַדנע טיר עפֿענען און פֿאַרמאַכען מיט אַ לאָפּעטע...

איז דאָס, דוכט זיך, אַ קלייניגקייט, אָבער עס מאַכט אַזאַ שווערען, אַ שרעקליך שווערען איינדרוק!

ארומדרעהענדיג זיך אויפ'ן וואָקזאַל בין איך אַלע מאָל צוגעגאַנגען צו דער טיר, און קוקענדיג אויף דעם מענשען מיט דער לאָפּעטע, האָב איך זיך געשעמט, און כאָטש איך האָב ארום און ארום געזעהן אַזוי פֿיל צרות, ליידען, נויט און געפֿאַלענקייט פֿון אומגליקליכע מענשען, וואָס וואַלגערען זיך אויף דער ערד און ווערען שיער ניט אויפֿגעפֿרעסען פֿון לייז און ווערים, האָב איך דאָך געהאַלטען אין איין קלערען וועגען דעם, אַז:

„אויפ׳ן וואָקזאַל פון דער הויפּט־שטאָט אין אוקראַינע פּעהלט אַ קליאָמקע”...

עפּעס איז אין דעם געווען סימבאָלישעס...

כדי איך זאָל זיך קענען באַוועגען פרייער און ניט פאַר־פּעהלען צו זעהן קיין איין ווינקעלע אויפ׳ן כאַרקאָווער וואָקזאַל, האָב איך נאָך פריהער אָפּגעגעבען מיין טשעמאָדאַן און די אַנדערע זאַכען אינ׳ם באַגאַזש־צימער. דאָרטען האָב איך זיך אויך קוים מיט צרות צוגעשלאָגען צו דעם פּלאַץ, וואו מען נעמט צו דעם באַגאַזש; מען האָט דאָרט פּשוט געדאַרפט שפּאַ־נען איבער מענשען, וואָס זיינען אויף דער ערד געלעגען מיט די שווערע פּעק זייערע צוקאָפּענס. און ווען איך האָב זיך שוין, ענדליך, צוגעשלאָגען צו דעם מענשען, וואָס נעמט צו דעם באַגאַזש, האָט ער מיר ניט אַזוי שנעל געגעבען אַ קוויטאַנציע. פריהער פון אַלץ האָט ער באַוואונדערט דעם אַמעריקאַנער טשע־מאָדאַן, פּונקט ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס גאָר אַ וואונדער אַנטיק, און דערנאָך האָט ער געהאַט צו מיר אַ בקשה:

— גיט מיר אייערען אַ פּאַפּיראָס... אונז גיט מען ניט אַזעלכע פּאַפּיראָסען ווי אייך...

באַלד איז ארום מיר געוואָרען אַ רעדעל. עס האָבען זיך אָנגעהויבען שטרעקען הענט:

— שענקט אַ נדבה!...

שטעהן צו לאַנג אויף איין אָרט האָב איך ניט געקענט. אַלע מאָל בין איך אריינגעגאַנגען צום דעזשורנע פון דער סטאַנציע אין צימער און דאָרטען איז אויך געווען וואָס צו זעהן און וואָס צו הערען, וויל יעדער ווילע זיינען אַהין אריינ־געקומען אַנדערע מענשען און יעדער איינער האָט דערצעהלט אַן אַנדער געשיכטע וועגען דעם, וויפיל טעג און נעכט ער וואַל־גערט זיך שוין אויפ׳ן וואָקזאַל מיט אַ בילעט און ער קען אַלץ קיין באַהן ניט קריגען.

— חבר דעזשורנע, ווען וועלען שוין זיין וואַגאָנען?

— חבר דעזשורנע, ווען וועט מען פאָהרען?

— חבר דעזשורנע, וואָס טוט מען?

— חבר דעזשורנע, שרייבט אונטער מיין בילעט.

פון אַלע זייטען אַלץ — „חבר דעזשורנע” און „חבר דע־זשורנע”.

און דער „חבר דעזשורנע", כאָטש נאָך גאָר אַ יונגער־מאַן, איז געווען אַזוי נערוועז און צורודערט, אַז ס'איז פּשוט אונמעגליך געווען מיט אים אַ וואָרט אויסצורײדן. ער האָט זיך קײן עצה ניט געקענט געבען, ער איז געווען שרעקליך אומ־באַהאָלפֿען און האָט ניט געוואוסט וואָס פֿריהער צו טאָן; אַלע מאָל האָט ער אימיצען אַנדערש אויפ'ן טעלעפֿאָן אָפּגערופֿען, אָבער דאָס האָט אים גאָר ניט געהאָלפֿען און ער איז נאָך יעדען געשפּרעך אויפ'ן טעלעפֿאָן געבליבען זיצען אַ פֿאַרצווייפֿעלטער, ווייל פֿון די אַנדערע סטאַנציעס האָט מען אים אַלץ דעם זעלבען ענטפֿער געגעבען, אַז די באַהנען זיינען געפּאַקט, אַז פֿון אומע־טום האַלטען אין איין פֿאָהרען פּויערים — אַלע דערפֿער שפּאַ־רען זיך אין די שטעדט אַריין. עס איז גאָר אוממעגליך דאָס אָפּצושטעלען!...

— און וואוהין פֿאָהרען זיי דאָס?! — האָט דער „חבר דעזשורנע", מיט אַן אויסדרוק פֿון אַנגסט אויף זיין פּנים, גע־פֿרעגט אויפ'ן קול, ניט ווענדענדיג זיך מיט דער פֿראַגע צו קיינעם. — וואוהין פֿאָהרען זיי דאָס?!

דער מענש איז געווען אַזוי פֿאַרצווייפֿעלט, אַז ס'איז פּשוט געווען אַ רחמנות צו קוקען אויף אים. און ווען ס'האָבען זיך ביי זיין פֿענסטעריל ווידער גענומען ווייזען פּנים'ער פֿון מענשען און יעדער איינער האָט עפּיס געפֿרעגט און עפּיס געוואָלט, איז דער דעזשורנע מיט אַמאָל געוואָרען שרעקליך בייז און ער האָט אָנגעהויבען שרייען:

— געוואַלד! טשעפּעט זיך אָפּ פֿון מיר! איך וועל דאָ פֿון זינען אַרונטער!

און פּלוצים איז אים איינגעפֿאַלען אַ געדאַנק און ער האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפֿעהל:

— שוין זאָל מען איבער'ן גאַנצען וואָקזאַל פֿאַרשרייבען וואוהין ווער עס פֿאָהרט! זאָל מען וויסען וויפֿיל מענשען עס פֿאָהרען אַהין און וויפֿיל מענשען עס פֿאָהרען אַהער!...

ער אַליין האָט זיכער געוואוסט, אַז דאָס פֿאַרשרייבען וועט קיינעם ניט העלפֿען — ניט אים און ניט די פּאַסאַזשירען. אָבער עפּיס האָט ער געמוזט טאָן, מיט אימיצען האָט ער זיך געמוזט שאַפֿען, אַבי כאָטש אויף אַ קורצער צייט אַרונטער־צואוואַרפֿען פֿון זיך די שווערקייט, וואָס דריקט אים, איז:

— זאָל מען פאַרשרייבען!

ער איז אויפ'ן וואָקזאַל, צווישען דער מאַסע פון שטעהענ־דיגע און זיצענדיגע און ליגענדיגע מענשען, געווען דער איינ־ציגער, וואָס האָט זיך באַוועגט שנעל, וואָס איז געגאַנגען גיך; ער האָט גלאַט ניט געקענט איינזיצען רוהיג אויף אַן אָרט, ווייל ווי ער האָט זיך נאָר אָוועקגעזעצט, האָט עס אים אונטערגע־טראָגען. איז ער געלאָפען אַהין און אַהער און אַלע מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי די גרויסע אויפשריפטען, וואָס זיינען געווען באַלויכטען מיט עלעקטריק, און דאָרטען האָט ער, קראַ־צענדיג זיך אין דער פּאַטילניצע, געלייענט פאַר זיך, אַז:

דער און דער צוג פאַרשפּעטיגט היינט אויף דריי שטונדען...

יענער און יענער צוג פאַרשפּעטיגט היינט אויף פינף שטונדען...

אַלע באַהנען פאַרשפּעטיגען אויף שטונדען און שטונדען...

עס קריכט...

גאַנץ רוסלאַנד איז מיט שניי באַדעקט.

עס שלעפּט זיך...

און די שטונדען אין דער נאַכט רוקען זיך אַזוי פּאַמעלאַך, ווי זיי וואָלטען גאָר קיין סוף ניט געהאַט...

און אין דרויסען איז קאַלט.

און דער „חבר דעזשורנע" איז פאַרצווייפעלט און ער צו־שרייט זיך:

— העי, דאָרט! מאַך צו די טיר מיט דער לאָפּעטע!... עס ציהט אַ צוג־לופט!...

מיט דער לאָפּעטע! די אַלטע רוסישע לאָפּעטע קומט צוניץ...

ווייל אויפ'ן וואָקזאַל אין דער הויפּט־שטאָט פון אוקראַינע פעהלט אַ קליאַמקע...

עפּיס איז אין דעם געווען סימבאָלישעס...

***

כאָטש דער „דעזשורנע" פון דער סטאַנציע איז געווען אַזוי נערוועז און צורודערט, האָט ער פונדעסטוועגען אַלע מאָל געפונען צייט צו ריידען מיט מיר אַ פּאָר ווערטער. אָבער פון דעם וואָס ער האָט גערעדט מיט מיר, איז געווען קלאָר, אַז ער

איז ניט אַזוי שטאַרק צופֿרידען דערפֿון וואָס איך דרעה זיך אַרום אויפֿ׳ן וואָקזאַל און אַז ער וואָלט זעהר געוואָלט געפֿינען אַ וועג ווי אַזוי פּטור צו ווערען פֿון מיר.

— ווייסט איר גאָר וואָס, — מאַכט ער אַזוי צו מיר, — מיר האָבען דאָ אַ צימער פֿאַר טוריסטען. איר וועט דאָרט קענען איבערשלאָפֿען די נאַכט און זיך אָפּרוהען אַביסעל. איר זענט דאָך אודאי זעהר מיד.

און טאַקע באַלד האָט ער מיך איבערגעגעבען אין די הענט פֿון אַ מענשען מיט אַן אויסגעצויגען פּנים און מיט אַ געלער באָרד, און יענער האָט מיך גענומען פֿיהרען איבער לאַנגע קאָרידאָרען און דורכגאַנגען, ביז ער האָט פֿאַר מיר מיט אַ גרויסען שליסעל געעפֿענט אַ טיר מיט גלעזערנע פֿענסטער און האָט געזאָגט:

— אָט איז דאָס צימער!

מיר איז פֿינסטער געוואָרען אין די אויגען ווען איך האָב דאָס צימער דערזעהן.

ביי די ווענט און אויך אין מיטען זענען געשטאַנען האַרטע בענק, און אויף די בענק זיינען געלעגען מענשען, מענער און פֿרויען. איינינגע זענען געשלאָפֿען און אַנדערע זענען גלאַט געלעגען מיט האַלב אָפֿענע אויגען, וואָס האָבען פֿאַרלאָשען און פֿויל געקוקט אין דער געדיכטער האַלב־טונקעלקייט; איינינגע זיינען געווען צוגעדעקט מיט אַלטע אָפּגעריבענע פּעלצען און מאַנטלען, וואָס זענען מיט שפּיציגע עקען אַרונטערגעהאַנגען צו דער ערד, און אַנדערע זיינען געווען אײנגאַנצען אָפּגעדעקט, און די לופֿט איז געווען אַזוי פֿאַרשטיקט, אַז מען האָט קוים דעם אָטעם געקענט כאַפּען...

ווען איך בין אַריינגעגאַנגען אַהין, האָבען עטליכע מענשען אויפֿגעהויבען די קעפּ און אָנגעהויבען קוקען אויף מיר מיט די האַלב־פֿאַרשלאָפֿענע אויגען. זיי האָבען, קענטיג, ניט געקענט פֿאַרשטעהן פֿון וואַנען עס האָט זיך גאָר פּלוצלינג גענומען עפּעס אַזאַ מאָדנער פּאַסאַזשיר מיט אַ הוט אויפֿ׳ן קאָפּ. האָבען זיי אים נייגעריג באַטראַכט און באַקוקט פֿון אַלע זייטען. אָבער באַלד האָבען זיך די קעפּ צוריק צוגעבויגען צו די פֿאַרענטשעס פֿון די האַרטע בענק, די מידע אויגען האָבען זיך

ווידער געשלאָסען, און קיינער האָט שוין אויף מיר מער ניט געקוקט. בלויז איינער, א מאַן מיט צוויי קלויציגע אויגען, מיט גרויליכע האָר און מיט א נערוועז פּנים, האָט אַלע מאָל דעם קאָפּ אויפגעהויבען און אַלץ געקוקט אויף מיר; ער איז, קענטיג, געווען זעהר נייגעריג צו זעהן ווי אַזוי א פאַרשוין מיט א הוט און מיט א לייטישען מאַנטעל וועט זיך אויסציהען אויף דער האַרטער באַנק, האָט ער פון מיר די אויגען ניט ארונטער־גענומען, און ווען ער האָט דערזעהן ווי איך דרעה זיך אַלץ אַרום אַהין און צוריק און טראַכט גאָר ניט וועגען אויסציהען זיך אויף דער באַנק, איז ער געווען ענטוישט.

ער האָט מיך דוקא געוואָלט זעהן אַן אויסגעצויגענעם, און ער האָט געפרעגט:

— פאַר וואָס לעגט איר זיך ניט צו?...

אַלע מאָל האָט זיך פון אַן אַנדער באַנק, פון אַן אַנדער ווינקעל, דערהערט א קרעכץ, א זיפץ, אָדער א פוילער געניץ. עס איז אַרום און אַרום געווען שמוציג. עס איז אומעטום געווען שטויביג. א וויסטער אומעט איז איבער אַלעם געהאַנ־גען; און די שיין, וואָס האָט דורך די פאַרהאַקטע פענסטער אריינגעקוקט, און די שטימען, וואָס האָבען זיך פון ערגיץ דער־טראָגען, און די טריט, וואָס האָבען ערגיץ אויפ׳ן שניי גע־סקריפּעט, און די שאָטענס, וואָס האָבען זיך אויף די ווענט געשפּרייט — אַלץ, וואָס איז געקומען פון דרויסען און פון אינוועניג, האָט דעם וויסטען אומעט געמאַכט נאָך גרעסער. און אין מיטען דערינען האָט אויף א האַרטער באַנק א קינד זיך שטאַרק צוהוסט און באַלד נאָכדעם האָבען זיך אויפגע־כאַפּט עטליכע קינדער און צושראָקענע האָבען זיי אויסגעשאָסען א געוויין.

אפילו בלויז טראַכטען וועגען שלאָפען אין אַזאַ צימער איז געווען אוממעגליך.

הײנט דער גערוך דאָרט!...

עס איז געווען א שרעק!...

בין איך צוגעגאַנגען צו דער טיר און בין שוין געווען גרייט ארויסצוגעהן. אָבער די טיר איז פון דער אַנדערער זייט געווען פאַרשלאָסען און מען האָט ניט געקענט ארויסגעהן...

דער געדאַנק, אַז איך וועל אפשר אין דעם פאַרשטיקטען

צימער מיט דעם וויסטען אומעט דאַרפֿען בלייבען ביז אין דער פריה, האָט אויף מיר אַ פּחד אַרויפֿגעוואָרפֿען. דאָס האָט גע־קענט טרייבען צו פֿאַרצווייפֿלונג. די פֿאַרשטיקטע לופֿט, דער ניט אָנגענעמער גערוך, דאָס קרעכצען, דאָס זיפֿצען, דאָס הוס־טען פֿון דעם קראַנקען קינד און דאָס געוויין פֿון די איבער־געשראָקענע קינדער — אַלץ אַרום און אַרום האָט זיך אַזוי שווער און פּיינליך געלעגט אויפ'ן געמיט, און איך האָב גע־פיהלט, אַז איך מוז וואָס שנעלער אַרויס פֿון דאָרט.

— עפֿענט אויף! — האָב איך אָנגעהויבען קלאַפּען אָן די גלעזערנע שויבען פֿון דער טיר.

האָט באַלד פֿון דער אַנדערער זייט זיך באַוויזען דער מאַן מיט'ן אויסגעצוויגענעם פּנים און מיט דער געלער באָרד, און ער האָט פֿאַר מיר די טיר געעפֿענט.

— וואָסי? — האָט ער געפֿרעגט פֿאַרוואונדערט, — איר קענט דאָ ניט שלאָפֿען?

אַרויס פֿון דער שטיקעניש, וואו איך בין געווען פֿאַר־שלאָסען, האָב איך זיך דערפֿיהלט פֿרייער און איך האָב זיך ווידער אָנגעהויבען אַרומדרעהען איבער'ן גרויסען וואָקזאַל.

אין דעם צימער, וואו די קאַסע איז געווען, זענען צוגע־קומען נייע פּאַסאַזשירען. מען האָט דאָס דערקענט ניט אין זייערע פּנים'ער, נאָר אין דעם וואָס זיי זענען ניט געווען פֿאַר־שלאָפֿען און האָבען זיך נאָך אַרומגעדרעהט, אין דער צייט ווען די אַלטע פּאַסאַזשירען זענען געלעגען און געזעסען אויף דער ערד.

צווישען די נייע פּאַסאַזשירען איז געווען אַ יונגע פּאָר פֿאָלק, וואָס האָט מיט זיך געפֿיהרט אַ קליין קינד און אַ גרויסען הונט, און ביידע, דאָס קינד און דער הונט, האָבען אַריינגע־טראָגען אַביסעל פֿרייד אין דעם גרויסען אומעט וואָס האָט אַלץ און אַלעמען געדריקט. דאָס קינד, אַ חנ'עוודיגס, אַן אויסגע־שלאָפֿענס, אָבער אָנגעטאָן אַזוי שווער, אַז עס האָט זיך ניט גע־קענט ריהרען, איז געזעסען רייטענדיג אויף אַ טשעמאָדאַן, אָנ־בלאָזענדיג די בעקלאַך אַזוי, אַז מען האָט געקענט מיינען, אַז אָט־אָט וועלען זיי פּלאַצען, און דאָס האָט געצויגען אויפֿמערק־זאַמקייט און ביי אייניגע מענשען האָט זיך אויף די פּנים'ער אַ ליבער שמייכעל באַוויזען; אַלע מאָל איז אַן אַנדערער צו־

געגאַנגען צום קינד, געפּרואווט ריידען דערצו, אָדער געבען אַ גלעט אַן אָנגעבלאָזען בעקעלע. אָבער אַזוי שנעל ווי מען איז צוגעגאַנגען צום קינד, האָט דער הונט, וועמען דאָס פּאָר פּאָלק האָט די גאַנצע צייט געהאַלטען אויף אַ קייט, זיך געגעבען אַ וואָרף און האָט אָנגעהויבען בילען:

— האַוו־האַוו...

אַזוי האָט זיך דאָס אָהן אַ שיעור מאָל איבערגע׳חזר׳ט, און דאַן האָבען זיך דאָ און דאָרטען, אין די ווינקלען, מענשען און שמאַטעס און אין גרויעָן פון שלאָף אויפגעכאַפּט און וואַר־פענדיג תמ׳עוואַטע בליקען אין אַלע זייטען, האָבען זיי זיך גע־קראַצט, פאַרקרימענדיג זיך דערביי זעהר שטאַרק...

די וויסטע גרויקייט ארום און אַרום האָט געשטימט מיט דער פינסטערניש פון דער נאַכט, וואָס האָט פון דרויסען דורך די דיקע שויבען אריינגעקוקט. אַלעס האָט זיך צונויפגעגאָסען אין איין שווערער גרויקייט, וואָס האָט פאַר זיך אַלעס פאַר־כאַפּט און קיינעם פון זיך ניט ארויסגעלאָזען; אין ערגיץ האָט מען ניט געקענט זעהן קיין איין שטריך, וואָס זאָל אין זיך האָבען לייכטקייט, באַוועגליכקייט; אין ערגיץ האָט מען ניט געקענט זעהן קיין איין קאָליר, וואָס זאָל דערפרישען און דער־פרעהען דאָס אויג; אויף טריט און שריט מענשען אין טראַנ־טעס, מענשען מיט שווערע קלומקעס — ליגענדיגע, זיצענדיגע, שטעהענדיגע און קריכענדיגע. עס איז שווער געווען זיך פאַר־צושטעלען, אַז דאָס געפינט מען זיך אין אַ לאַנד, וואָס איז אַ טייל פון אייראָפּע, אין אַ לאַנד, וואָס האָט אַמאָל געהאַט די שעהנסטע און ערעלסטע אינטעליגענץ אין דער וועלט; מען האָט גיכער געקענט גלויבען, אַז דאָס האָט מען זיך עפּעס ווי דורך אַ כשוף אריבערגעטראָגען אין דער סאַמע געדיכטסטער פינסטערניש פון מיטעלאַלטער, אַז מען איז אריינגעפאַלען אין דער „מאָסקאָוויאַ" פון איוואַן גראָזני׳ס צייטען...

און אָט איז אפילו דער „אָפּריטשניק", וואָס דערמאָנט אָן יענער צייט פון איוואַן וואַסילעוויטש, דעם שטרענגען הערשער, וואָס האָט געהאַט אַ שוואַכקייט פאַר אייראָפּע, כאָטש ער אַליין איז געווען אַ ווילדער אַזיאַט. דער „אָפּריטשניק" פון היינט — דאָס איז דער באַוואָפענטער פון דער „גע־פּע־או".

דער „אָפּריטשניק" פון דער רעוואָלוציע...

אַלץ שטימט מיט'ן אַמאָל, און ניט מיט'ן היינט...

און ווען מען קוקט זיך צו צו די מענשען אַרום און אַרום, צו די, וואָס וואַלגערן זיך אויף דער ערד און צו די, וואָס שלעפּען זיך מיט שווערע פּעק און זעק און וואַרטען טעג און נעכט אויף אַ באַהן, וואָס דאַרף קומען און קומט ניט, קען מען בשום אופן ביי זיך ניט פּועל'ן, אַז דאָס איז דאָס פֿאָלק, אויף וועמעס גורל עס איז אויסגעפאַלען אָנצוויאָגען און אַריבעריאָגען אייראָפּע און אַמעריקע אין מאָדערנער טעכניק און אין שנעלען טעמפּ...

עפּיס קלעפּט זיך דאָס ניט.

עפּיס גלויבט זיך דאָס ניט.

און ס'איז אַ רחמנות אויף דעם פֿאָלק. עס קען טראָגען שווערע פּעק, אָבער ניט קיין שווערע אידעאַלען. עס קען דולדען אַ סך, אָבער אויפטאָן ווייניג. און בעת מען יאָגט און מען טרייבט פון אַלע זייטען, בעת מען רעדט און מען שרייט וועגען שנעלען אימפּעט און ביסטרען טעמפּ, שטעהט „דאָס פֿאָלק" ביי דער טיר אין אַ שווערער קוטשמע און מיט אַ קאָלטענעוואַטער באָרד, וואָס מ'האָט שוין לאַנג ניט אויסגעקעמט, און ס'מאַכט צו און ס'עפענט אויף די טיר מיט אַ לאָפּעטע, ווייל ביי דער פּאַראַדנער טיר פונ'ם וואָקזאַל אין דער הויפּטשטאָט פון אוקראַינע פעהלט אַ קליאַמקע...

ווען איך בין שוין געווען שרעקליך מיד פון אַרומדרעהען זיך איבער'ן וואָקזאַל, בין איך ווידער אַריין אינ'ם דעזשורנע'ס צימער, ווייל דאָרטען האָבען מיך שוין אַלע געקענט און דער אַריינגאַנג איז פאַר מיר געווען פריי. איך האָב דאָרטען אויך געקענט נוצען דעם טעלעפאָן ווען איך האָב נאָר געוואָלט, און די יונגע דאַמע, וואָס איז ביים טעלעפאָן געזעסען, רויכערענדיג די גאַנצע צייט, האָט אַרויסגעוויזען איר גרייטקייט מיר צו העלפען, כאָטש זי איז געווען שטאַרק פאַרטיפט אין אַ געשפרעך מיט איינעם פון די באַאַמטע.

דער דעזשורנע איז געווען ניט ווייניג איבערראַשט ווען ער האָט מיך ווידער דערזעהן.

— איר שלאָפט גאָר ניט? — האָט ער מיך געפרעגט.

— ניין, איך וויל ניט שלאָפען, — האָב איך אים געענטפערט.

עס האָט זיך געדוכט, אַז די נאַכט וועט גאָר קיינמאָל קיין

סוף ניט האָבען; אז דער פריהמאָרגען וועט ערגיץ בלייבען שטעקען און וועט זיך ניט קענען ריהרען ווייטער, פונקט זוי די רוסישע מענשען מיט די שווערע קלומקעס אויף די פלייצעס דאָ אויפ׳ן כארקאָוועך וואָקזאל. עס וועט שוין שטענדיג אזוי זיין פינסטער און מען וועט אלץ ווארטען און ווארטען אויפ׳ן פרימאָרגען, פונקט ווי מען ווארט אויף די באהנען, וואָס פאר־שפעטיגען.

ווי איך בין אזוי געזעסען ביים „דעזשורני” אין צימער, האָט א באוואָפענטער פון דער „גע־פע־או” אריינגעפירט א דערשראָקענעם מענשען, וואָס האָט געטראָגען א רויטע לענטע אויפ׳ן ארבעל פונ׳ם פעלץ. צוזאמען מיט דעם דערשראָקענעם מענשען, ביי וועמען דער באוואָפענטער האָט באלד די רויטע לענטע ארונטערגעריסען, זענען אויך אריינגעקומען דריי פויערים. איינער פון זיי — א הויכער, מיט שווארצע וואָנצעס און א שווארצע באראשקענע קוטשמע; דער צווייטער — א נידע־ריגער, מיט גרויסע באלעבאטע אויגען און מיט א גרויער פוטער־נער קוטשמע, און דער דריטער — גלאַט א תמ׳עוואַטער פויער. וואָס שלעפט זיך נאָך און מאַכט דעם איינדרוק פון איינעם וואָס איז צופרידען אז מען טשעפעט אים ניט.

צופירענדיג דעם צושראָקענעם מענשען צום דעזשורני פון דער סטאַנציע, האָט דער באוואָפענטער פון דער „גע־פעאו”, א הויכער, געזונטער יונגערמאַן פון א יאָהר דרייסיג, מיט א לאַנ־גען שינעל און מיט א גרויסען רעוואָלווער, געבראַכט א קלאָגע:

ער, דער צושראָקענער מענש, איז געוועז א „שווייצאר” ביי איינער פון די טירען אויפ׳ן וואָקזאל, און דערפאר האָט ער דאָס א רויטע לענטע אויפ׳ן ארבעל געטראָגען. ביי די דריי פויערים, וואָס שטעהען דאָ, האָט ער גענומען צו פינף קערבלאך א שטיק, צוזאָגענדיג, אז ווען ס׳וועט אָנקומען א צוג וועט ער זיי העלפען זיך אריינכאפען אין א וואַגאָן. אזוי האָט ער זיי געזאָגט ווען זיי האָבען אים שטילערהייט דאָס געלט גע־געבען. אָבער ער האָט קיין וואָרט ניט געהאלטען. און דער־פאר האָבען זיי אויף אים אָנגעוויזען דעם באוואָפענטען, האָט ער אים גלייך פון פאָסטען ארונטערגענומען און אים געבראַכט אהער. זאָל דער „דעזשורני” פון דער סטאַנציע צונויפשטעלען אַן „אַקט” און דאָס איבעריגע וועט מען שוין זעהן...

ביי דעם אָנגעקלאָגטען איז דאָס פּנים געווען שרעקליך בלאַס. דעם קאָפּ אַנגעבויגען, די הענט אַרונטערגעלאָזען, איז ער געשטאַנען ווי אַ פאַרלאָרענער און האָט זיך אַפילו קיין ריהר ניט געטאָן, און ווען מען האָט אים געפרעגט צי ער האָט ביי די דריי פּויערים גענומען די פינף רובעל, האָט ער, שטיל, קוים וואָס מען האָט געהערט, געענטפערט איין וואָרט:

„גענומען".

דערנאָך האָט מען גענומען איבערפרעגען די דריי פּויערים. דער וואָס מיט דער שווארצער קוטשמע האָט זיך געהאַלטען אַזוי ווי ער וואָלט זיך שטאַרק געפרעהט דערמיט וואָס ער האָט זיך דערלעבט אַ נקמה אין אַ מענשען; ער האָט אַ סך גערעדט, איבערגעגעבען אַלע איינצעלהייטען ווי אַזוי און וואָס און ווער און ווען, ווי ס'איז געוועהנליך דער שטייגער פון אַ אוקראַי־נישען פּויער, ווען ער דערצעהלט עפּיס. און רעדענדיג האָט ער געקוקט מיט נצחון אויף דעם אָנגעקלאָגטען, וואָס איז גע־שטאַנען ווי אַ דער'הרג'עטער, אַלץ אין דער זעלבער פּאָזע — דעם קאָפּ אָנגעבויגען און די הענט אַרונטערגעלאָזען.

דער אַנדערער, דער וואָס מיט דער גרויער קוטשמע, האָט קיין סך ניט גערעדט. מיט צושפּרייטע פּיס איז ער געשטאַנען, קוקענדיג פאַר זיך מיט די תמ'עוואַטע, באַלעכאַטע צוויי גרויע אויגען, וואָס האָבען גאָר ניט אויסגעדריקט. ער האָט געוואַרט, מען זאָל אים שטעלען פראַגען, און ווען מען האָט אים געפרעגט צי דער אָנגעקלאָגטער האָט ביי אים גענומען פינף רובעל, האָט ער געענטפערט מיט אַ שטים, וואָס האָט אין זיך געהאַט דעם אָפּקלאַנג פון אַ ווידער־קול, וואָס קומט אַרויס פון אַ לעדיג פּאַס ווען מען גיט אַ קלאַפּ אָנ'ם דנאָ:

— „נו, פּעוונאָ ווזיאַוו" (נו, אודאי האָט ער גענומען).

און דער דריטער האָט זיך געהאַלטען אין אַ זייט, פּונקט ווי ער וואָלט שוין חרטה געהאַט אויף דעם גאַנצען עסק. ווען מען האָט אים געפרעגט צי דער אָנגעקלאָגטער האָט ביי אים גענומען געלט, האָט ער געענטפערט עפּעס ווי ניט גערן:

— די מענשען זאָגען דעם אמת...

פּאַרטיג געוואָרען מיט'ן אויספרעגען, איז אַוועק די אַלטע רוסישע סדרה — שרייבען לאַנגע מגילות. דער „דעזשורני" פון דער סטאַנציע האָט צונויפגעשטעלט אַ לאַנגען „אַקט". און

דערנאָך האָט ער צוגערופען די דריי פּויערים, זיי זאָלען זיך אונטערשרייבען. די ערשטע צוויי, דער וואָס מיט דער שוואַר־צער קוטשמע און דער וואָס מיט דער גרויער, האָבען מיט גרויסע שוועריגקייטען זייערע נעמען אונטערגעשריבען, אָנציי־כענענדיג אויפ'ן פּאַפּיר קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס. דער דריי־טער איז געווען איינגאַנצען אַ בעזגראַמאָטנער און ער האָט זיין נאָמען ניט געקענט אונטערשרייבען.

איינער פון די באַהן־באַאַמטע, וואָס איז געזעסען אין אַ זייט, האָט די דריי פּויערים געזאָגט מוסר:

— שעמען מעגט איר זיך! אונטערגעפירט אַ מענשען. קיין קניפּ אין בעקעל וועט מען אים דאָך דערפאַר ניט געבען...

ביי דעם אָנגעקלאָגטען האָט איין אָקסעל געגעבען אַ ציטער, און דער פּויער מיט דער שוואַרצער קוטשמע האָט געזאָגט:

— אָבער ער האָט דאָך גענומען ביי אונז צו פינף קאַר־באָוועַנצעס פון אַ מענשען!...

— נו, ווער האָט אייך געבעטען איר זאָלט געבען? — איז דער באַאַמטער געווען בייז.

אָבער דער פּויער האָט דאַרויף אויך געהאַט אַן ענטפער:

— וואָס דען האָבען מיר געזאָלט טאָן? — האָט ער גע־זאָגט, — שוין צוויי טעג און צוויי נעכט, אַז מיר וואַלגערן זיך דאָ... בילעטען האָבען מיר און אין וואַגאָן קענען מיר ניט אריין...

צוקוקענדיג זיך צו אַלעם אַרום און אויסהערענדיג די רייד און די טענות, איז שווער געווען זיך פונאַנדערצוקלייבען אין דעם ווער עס איז דאָ ווירקליך שולדיג און ווער עס איז גערעכט.

עס איז אויף אַלעמען געווען אַ גרויסער רחמנות...

— און איצט, — האָט זיך געגעבען אַ הויב אויף דער מאַן מיט'ן לאַנגען שינעל און מיט'ן גרויסען רעוואָלווער, — איצט — אַלע מיט מיר אין דער „גע־פּע־או"!

און דער באַוואָפענטער האָט אַוועקגעפיהרט די דריי פּויערים, צוזאַמען מיט'ן אָנגעקלאָגטען, אין דער „גע־פּע־או" ביים וואָקזאַל.

דאָרטען, הייסט עס, וועט מען זיך שוין אין אַלעם פּאַ־נאַנדערקלייבען.

איך האָב זעהר שטארק געוואָלט וויסען וואָס ס'וועט ווערען מיט'ן אַנגעקלאָגטען און מיט די דריי פויערים, האָב איך גע־וואַרט אַן ערך פון אַ פופצעהן מינוט, און דערנאָך בין איך אַוועק אין דער „גע־פע־או". מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז ניט ווייט; מען דאַרף געהן גלייך און דערנאָך זיך פאַר־קירעווען לינקס, אויף דער ערשטער פּלאַטפאָרמע, און דאָרטען וועל איך שוין אַליין זעהן. איבער דער טיר הענגט אַ שילד מיט גרויסע בוכשטאַבען: „דע־פּע־או".

פאַרוואָס עפּעס „דע־פּע־או"?

— ווייל אזוי הייסט די „גע־פע־או" אין אוקראַינע — „דערזשאַוונאַ פּאָליטישנאַ אופּראַוואַ".

אריינגעקומען אין דער „דע־פּע־או", האָב איך דאָרט גע־טראָפען דעם אַנגעקלאָגטען זיצען אויף אַ בענקעל. דאָס פּנים איז ביי אים געווען נאָך בלאַסער ווי פריהער, דער קאָפּ — נאָך מער געבויגען. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז ניט קיין לעבעדיגער מענש, נאָר אַ טויטער מיט אָפענע אויגען.

ביים טיש איז געזעסען דער באַפולמעכטיגטער, אַ שעהנער בחור'ל פון אַ יאָהר דריי־פיר און צוואַנציג. די הויט פון זיין פּנים איז געווען אַ צאַרטע, אַ מיידעלשע, און כאָטש דער אויס־דרוק פון זיינע אויגען איז געווען אַ ווייכער, איז אין זיי דאָך געווען אַ שאַרפע שפּיציגקייט, וואָס נעמט דורך און דורך. דאָס היטעל מיט'ן רויטען דעניק איז ביי אים געווען אַנגערוקט אין אַ זייט און ער איז געווען באוואָפענט מיט אַ גרויסען רעוואָלווער.

מיין אריינקומען האָט ארויסגערופען אַ שטיקעל איבער־ראַשונג. דער מענש, וואָס איז ביי דער טיר געשטאַנען, האָט מיך אָפּגעשטעלט, און איך האָב צו אים אָנגעהויבען רעדען אויף ענגליש...

פון דעם, וואָס איך האָב גערעדט, האָט ער געוויס מער ווי איין וואָרט ניט פאַרשטאַנען, און דאָס איז געווען דאָס וואָרט „אַמעריקע".

ער האָט אַנגעקוקט מיין פּאַספּאָרט, און מיט דער פולער זיכערקייט, אַז איך פאַרשטעה ניט אַ וואָרט רוסיש, האָט ער מיר אָנגעוויזען אַ פּלאַץ, וואו איך זאָל זיך אַוועקזעצען...

עס איז געווען שווער, שרעקליך שווער צו זיצען און צו־

קוקען די נעבעכדיגקייט און דעם צער פון דעם אָנגעקלאָגטען, וואָס האָט אפילו מיט קיין איין וואָרט, מיט קיין איין באַוועגונג ניט אַרויסגעוויזען קיין סימן פון לעבען. פון אַן אנדער צימער, וואו די טיר איז געווען אָפען און וואו די דריי פויערים זיינען געזעסען, איז אַלע מאָל ארויסגעקומען א מענש מיט א פארביסען פּנים און מיט א קרומען פּוס. הינקענדיג, אָבער מיט ברייטע שפּאַן איז ער אַלע מאָל צוגעגאַנגען צום אָנגעקלאָגטען און קוקענדיג אויף אים מיט די שאַרפע, שפּיציגע אויגלאַך האָט ער אים אַרונטערגערוקט די קוטשמע איבער די אויגען און איבער די אויערען, און באַלד האָט ער זי צוריק אַרויפגערוקט און ווידער אַראָפּגערוקט...

און דער צושראָקענער מענש האָט זיך ניט געווערט געגען דעם. ער האָט גאָר ניט געזאָגט. ער האָט זיך אַפילו קיין ריהר ניט געטאָן, פּונקט ווי ער וואָלט מער גאָר קיין אייגענעם ווילען ניט געהאַט, פּונקט ווי ער וואָלט גאָרניט געווען קיין מענש, נאָר א זאַך, מיט וואס מען קען טאָן אַלע וואָס מען וויל...

די גאַנצע געפאַלענקייט פון דעם מין מענש איז געלעגען אין דער האַלטונג פון דעם אָנגעקלאָגטען. און ס'איז געווען אזא רחמנות אויף אים ווען ער האָט שטיל און מיט ציטערדיגע ליפּען געזאָגט, אז ער האָט גענומען געלט ביי די פויערים, וייל ער קריגט זעהר ווענינ פאר זיין אַרבייט און אין שטוב פעהלט אוים ברויט...

אָרום און אַרום האָט אַלעם געמאכט א שרעקליך־שווערען איינדרוק. עטליכע מאָל האָט דער טעלעפאָן געקלונגען און דער באַפּולמעכטיגטער יונגער בחור'ל מיט'ן רויטען היטעל האָט געענטפערט, אז ער האָט איצטער ניט געניג „שיסערס", מען זאָל אים צושיקען נאָך עטליכע. דאָס וואָרט „סטריעלאָק" (שיסער) איז אים גאָר פונ'ם מויל ניט אַרויס ווען ער האָט אויפ'ן טעלעפאָן גערעדט. און נאָכדעם ווי ער איז פאַרטיג געוואָרען מיט די פראַגען, וואָס ער האָט געשטעלט דעם אָנגעקלאָגטען און אויך די דריי עדות, איז ווידער אַוועק די אַלטע רוסישע סדרה פון שרייבען לאַנגע מגילות. ער, דער באַפּולמעכטיגטער, האָט אויך צונויפגעשטעלט א לאַנגען „אַקט", נאָך א לענגערען ווי דער דעזשורני פון דער סטאַנציע האָט צונויפגעשטעלט. דערנאָך, ווען ער האָט דעם „אַקט" פארגעלעזען אין דער הויך, איז דאָס

געווען עפּעס א מאָדנער געמיש פֿון רוסישע און אוקראַאינישע אויסדרוקען, וואָס האָבען זיך ניט איינגאַנצען געקלעפּט איינע צו די אַנדערע. די גאַנצע געשיכטע, וואָס מען האָט געקענט אי־בערגעבען אין עטליכע שורות, האָט זיך צעשפּרייט אין א לאַנ־גער מגילה, אין וועלכער ניט גראַמאַטיקאַלישע זאַצען האָבען זיך ווידערהאָלט אָהן א שיעור מאָל, און ווען מען איז שוין, סוף כּל סוף, פֿאַרטיג געוואָרען, האָט מען דעם אָנגעקלאָגטען, צוזאַמען מיט די דריי פּויערים, אוועקגעפֿיהרט אין א באַזונדער צימער...

— און איצט קען איך אייך אויסהערען, — האָט דער באַ־פֿולמעכטיגטער זיך געווענדעט צו מיר נאָכדעם ווי ער האָט די פֿיר מענשען איבערגעגעבען אין די הענט פֿון זיינע באַוואָפֿענטע און אויך אין די הענט פֿון דעם הינקענדיגען מיט דעם פֿאַר־ביסענעם פּנים. — איצט קען איך אייך אויסהערען.

און ער האָט מיר אָנגעוויזען אויף דעם בענקעל, וואָס איז ביי זיין שרייבטיש געשטאַנען.

דערלאַנגענדיג אים מיין אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט און די אַנ־דערע דאָקומענטען, האָב איך דאָס מאָל גלייך אָנגעהויבען רעדען רוסיש, און ווען ער האָט דאָס דערהערט, איז ער געבליבען זיצען אַן איבעראַשטער...

— וואָס? ! — האָט ער אויף מיר די אויגען אָנגעשטעלט, — איר רעדט רוסיש?...

— יאָ, ווי איר זעהט, רעד איך רוסיש...

איך האָב אים דערצעהלט ווי איך בין געבליבען אויפ'ן וואָקזאַל און האָב אים געבעטען, ער זאָל מיר באַהילפֿיג זיין און קריגען א צימער. אָבער ער איז געווען שטאַרק צוטומעלט און מען האָט געקענט זעהן, אַז ער איז שטאַרק ניט צופֿרידען דער־פֿון, וואָס איך, א מענש, וואָס קען רוסיש, בין דאָ די גאַנצע צייט געזעסען. און ווענדענדיג זיך צו איינעם פֿון די „שומרים“, א מאַן מיט א לאַנגען שינעל און מיט א גרויסען רעוואָלווער, האָט ער געזאָגט:

— שוין זאָל מען קריגען א צימער דאָ אויפ'ן וואָקזאַל!

דער באַוואָפֿענטער האָט מיר געהייסען געהן מיט אים, בין איך געגאַנגען. און מיט אמאָל האָב איך דערזעהן ווי ער

האָט מיך ווידער צוגעפיהרט צו דעם צימער, פון וואַנען איך האָב זיך שוין איין מאָל קוים אַרויסגעריסען!

— ניין, דאָ וועל איך ניט זיין! — האָב איך אים געזאָגט, — פיהרט מיך ערגעץ אַנדערש, נאָר ניט אין אָט דעם צימער!...

האָט ער מיך אַריינגעפיהרט אין׳ם „זאַל״ פון׳ם ערשטען קלאַס, וואו עטליכע מענשען מיט בערשטלאַך אויף די באָרפוסע פיס האָבען געוואַשען דעם פּאָל.

דאָס איז געווען אַ זעהר פּרימיטיווער אופן פון וואַשען אַ פּאָל אין אַזאַ גרויס צימער. עס האָט זיך געדוכט, אַז די מענשען מיט די בערשטלאַך אויף די באָרפוסע פיס אַרבייטען גאָרניט, נאָר זיי גליטשען זיך, און ביז זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען מיט אָפּוואַשען אַ לאַנגען פּאַס פון איין עק צימער ביז צום אַנדערען, האָט געדויערט זעהר לאַנג. דאָס שקראַבען זייערס האָט געשטימט מיט דער פינסטערניש, וואָס האָט פון דרויסען אַריינגעקוקט און מיט דעם שווערען אומעט, וואָס האָט זיך פון אַרמעטום געטראָגען. עס האָט אויך געשטימט מיט דעם, וואָס כמעט אויף יעדען פענסטער פון דעם גרויסען „זאַל״ איז געלעגען אַ מענש מיט שווערע שטיוועל. אודאי אַ באַהן־אַנגעשטעלטער, און איז געשלאָפען מיט׳ן היטעל צוקאָפּענס...

און אין אַ ווינקעל, ניט ווייט פון דער טיר, זיינען געזעסען עטליכע מענשען און האָבען גערעדט וועגען די פרייזען פון ברויט און וועגען דעם וואָס אין די דערפער שטאַרבט מען פאַר הונגער.

און פון אַלץ אַרום האָט זיך געטראָגען אַ מורא׳דיגע שווערקייט. אַ ספּעציפיש רוסישע שווערקייט, וואָס ציהט זיך נאָך פון איוואַן גראָזני׳ס צייטען...

און דער באַוואָפענטער פון דער „גע־פּע־או״, דער „אָפּריטשניק״ פון דער רעוואָלוציע, איז אַלע מאָל אַריינגעקומען און איז צוריק אַרויסגעגאַנגען.

און אַ מיידעל מיט צוריסענע שיך און מיט אַ פּלעדערוויש אין דער האַנט האָט אָפּגעשטויבט די רוסישע צייטונגען און זשורנאַלען און אויך די ביכער, וואָס זיינען געווען אויסגעלייגט אויף אַ לאַנגען טיש, און טוענדיג דאָס האָט זי פאַר זיך געזונגען אַ לידעל:

„און אפשר געהט עס דיר אין נדן,
די מאַמע וועט פארקויפען די שטוב,
און מיר וועלעןביידע חתונה האָבען,
ווייל איך האָב דיך אַזוי ליב..."

און טאַקע נאָך אַמאָל:

„אוי, און מיר וועלען ביידע חתונה האָבען,
ווייל איך האָב דיך אַזוי לי־י־ב..."

אַלץ אַרום און אַרום איז געוועזן מאָדנע...
אַלץ אַרום און אַרום האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט...

צענטער קאַפּיטעל.

# אין כאַרקאָוו.

## 1. ניט קיין אימפּעט, נאָר א בהלה.

כאַרקאָוו וואַקסט, כאַרקאָוו ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער. כאַרקאָוו בויט זיך. אין כאַרקאָוו איז פאַראַן די גרויסע טראַקטאָר־פאַבריק, וואָס האָט אַ נאָמען איבער גאַנץ רוסלאַנד און אויך איבער דער גאַנצער וועלט.

דאָס הערט מען אומעטום. נאָך איידער מען קומט אַליין אין דער הויפּט־שטאָדט פון אוקראַינע. און ווען מען קומט אַהין, איבערצייגט מען זיך אין דעם נאָך מער, ווייל מען זעהט ווירקליך ווי די שטאָדט וואַקסט און ווי מען בויט אומעטום.

אָבער — ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין — מען באַקומט דעם איינדרוק, אַז דאָס בויען פון פאַבריקען האָט אַ שייכות מיט די מענשען בלויז אויף אַזוי פיל אויף וויפיל עס מאַכט איצטער שווערער זייער לעבען...

עס קומט אויס אַזוי, אַז די מאַשין ווערט ניט געמאַכט פאַר'ן מענשען לייכטער צו מאַכען זיין לעבען, נאָר פאַרקערט, דער מענש איז פאַר דער מאַשין און ער דאַרף פאַר איר זיין לעבען מקריב זיין...

און דאָס, אייגענטליך, פיהלט זיך אומעטום, אין אַלע גרעסערע און קלענערע שטעדט פון סאָוועט־רוסלאַנד. מען בויט — דאָס קען קיינער ניט לייקענען; אָבער — מיט מענשליכע לעבענס אַלס אַ פונדאַמענט...

אַזוי האָט מען אין מצרים געבויט פּתום מיט רעמסס; ווען עס האָט אויסגעפעהלט אַ ציגעל, אָדער אַ שטיין, האָט מען אריינגעמויערט אַ לעבעדיגען מענשען...

אַזוי האָט מען אין אַלע צייטען ברייטער געמאַכט די גרעס־

ניצען פון דער רוסישער אימפּעריע — ניט געזשאַלעוועט קיין מענשען!...

און אַזוי בויט מען אין רוסלאַנד אויך איצט.

דאָס איז אַ טיפּיש־רוסישער שטייגער פון בויען, ווען מען וויל נאָכמאַכען אַ לאַנד, וואָס שטעהט העכער אין קולטור און ציוויליזאַציע — אַ שטייגער, וואָס ציהט זיך אין אַ גלייכער ליניע צוריק צו די צייטען פון פּיאָטר דעם גרויסען און איוואַן דעם שרעקליכען. און דאָס איז — ציוויליזירען רוסלאַנד מיט באַרבאַרישע מיטלען!...

דער ציל איז טאַקע אַן אַנדערער. די פאָרמע אָבער איז געבליבען דיזעלבע...

און דערמיט דערקלערט זיך אפשר דער פאַקט, וואָס אין דער צייט ווען אין אַנדערע לענדער פיהלט זיך ביי אַזאַ בויען אַן א י מ פּ ע ט, פיהלט מען אין רוסלאַנד דערביי גאָר ניט קיין אימפּעט, נאָר אַ ב ה ל ה...

און פיהלען פיהלט זיך אָט די בהלה ניט נאָר ביי דער אַרבייט, נאָר אויך ביים געהן צו דער אַרבייט, מען געהט ניט, נאָר מען יאָגט זיך אין אַזאַ צומישעניש, אין אַזאַ בהלה'דיגען קאַראַהאָד, פּונקט ווי אימיצער וואָלט מיט טויזענט ביימשען געטריבען...

אַ טייל פון דער דאָזיגער בהלה האָב איך געזען פאַרטאָג אויפ'ן כאַרקאָווער וואָקזאַל.

אין דער גרויסער פּוילקייט, וואָס האָט זיך אַזוי קריבעריש קוים באַוועגט, האָט זיך פון אַן אַנדער זייט מיט אַמאָל אריינגעריסען אַ קלאַפּעריי פון שווערע טריט; מענשען ניט אויסגעשלאָפענע, צושויבערטע און צורודערטע, שמוציגע און קוויטיגע, יונגע און אַלטע, מענער און פרויען, מיט קעסטעלאַך און קאָשעקלאַך אין די הענט, זיינען ווי די פּאַר'סמ'טע מייז געלאָפען צו דער גרויסער טיר, וואָס איז פריהער געווען פאַרשפּאַרט מיט אַ לאָפּעטע, ווייל עס פעהלט דאָרט אַ קליאַמקע. לויפענדיג האָבען זיי איינע די אַנדערע געשטופּט און געשטויסען; יעדער איינער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער ארויסצולויפען, כדי וואָס גיכער זיך אריינצושפּאַרען אין אַ געפּאַקטען טראַמוואַי און אָנקומען צו דער אַרבייט פּונקט צו דער מינוט, ווייל ווען מען פאַרשפּעטיגט אַביסעל הייסט דאָס שוין אַ „פּראָגול"

און מען קען געשטעלט ווערען אונטער׳ן חשד, אז מען איז אויסען צו שעדיגען און צו שטערען.

געקומען זיינען די אַלע מענשען אויפ׳ן וואָקזאַל מיט׳ן באַהן פון אַ געגענד, וואס געפינט זיך ווייטער פון דער שטאָדט. דאָרטען וואוינען זיי; אין שטאָדט קענען זיי קיין קווארטירעס ניט קריגען, ווייל די שטאָדט וואַקסט דאָך, די שטאָדט ווערט דאָך גרעסער. אַלע טאָג מוזען זיי אויפשטעהן ווען אין דרויסען איז נאָך פינסטער; זיי שלעפּען זיך לאַנג מיט׳ן באַהן ביז זיי קומען צום וואָקזאַל, און דערנאָך דאַרפען זיי ערשט פאָהרען מיט׳ן טראַמוואי; די טראַמוואַיען זיינען שרעקליך געפּאַקט; מענשען הענגען זיך אָן אויף די טרעפּלאַך און אויף וואָס ס׳מאַכט זיך נאָר אין אַזאַ געדרענג, אין אַזאַ שטיקעניש, אַז ס׳איז פשוט מיט נסים, וואָס זיי ווערען ניט דער׳הרג׳עט; אַלע זיינען נערוועז, אַלע פּיהלען זיך ווי אין אַ שפּאַן, וואו מען טרייבט און מען יאָגט אָהן רחמנות און אָהן אַ ברעקעל איינזעהעניש. און ווען ס׳קומט זיי אויס צו וואַרטען לאַנג, ווייל עס זיינען נישטאָ גענוג טראַמוואַיען, ווערען זיי נאָך מער נערוועז, און עפּעס קוקען זיי איינער אויפ׳ן אנדערן מיט אַזוי פיל בעס און מיט אַזוי פיל פאַרביטערטקייט, אַז עס כאַפּט אַזש אָן אַ שרעק.

דער גרעסטער רחמנות איז געווען אויף די עלטערע מענשען. צווישען זיי זיינען געווען אי אידען, אי קריסטען. זיי זיינען געקומען צום וואָקזאַל נאָך פריהער, ווייל זיי האָבען, ווי עס שיינט, מורא געהאַט זיי זאָלען נאָך ניט פאַרשפּעטיגען. עס איז זיי געווען קאַלט, זיי זיינען געווען מיד, האָבען זיי זיך אויסגעשטעלט אין די ווינקלען, צושפּאַרענדיג זיך צו די ווענט און זיי האָבען שטיל גערעדט צווישען זיך. און ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען דאָס לויפעניש, זיינען זיי אויך אריין אין דער בהלה, נאָכשלעפּענדיג זיך, מיט די פּעקלאַך און קאָשעקלאַך אונטער די אָרעמס. איינער פון זיי, אַן אַלטער איד מיט אַ גרויליכער באָרד אַן אונטערגעשאָרענע, האָט מיר געזאָגט, שאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ:

— איר זעהט, אַט אַזוי לעבען מיר דאָ!... אַזאַ עלטער האָבען מיר דאָ!...

קיין רחמנות ניט אויף אַלטע לייט!

און ווען מען רעדט מיט אַ יונגען קאָמוניסט וועגען די אַלטע לייט, ענטפערט ער געוועהנליך גאַנץ געלאַסען, ווי ס'פּאַסט פאר איינעם, וואָס דאַרף ניט ארויסווייזען קיין סענטימענטען:

— דאָ דאַרף דער צוגאַנג זיין אַזוי: אַ מענש ווערט אַלט און פאַרלירט די פעהיגקייט און דעם כח צו אַרבייטען, דאַרף אים מער קיינער ניט האָבען, און ער מעג זיך שטאַרבען געזונטערהייט...

עס איז שוין געווען זיבען אזייגער אין דער פריה ווען איך האָב באַשלאָסען, אז אויפ'ן וואָקזאַל האָב איך שוין גענוג געזעהן, און דאַן האָב איך אויף אַ „דראָזשקע" זיך געלאָזט פאָהרען אין שטאָדט אריין.

כאָטש עס איז נאָך געווען אַזוי פריה, האָט מען שוין דאָ און דאָרטען געזעהן לאַנגע „אָטשערעדען". און ווען איך האָב געפרעגט דעם אָנטרייבער וואָס פאר „אָטשערעדען" דאָס זיינען, האָט ער געענטפערט קורץ:

— די געוועהנליכע...

די גאַסען זיינען געווען באַדעקט מיט אייז און שניי. עס איז געווען גליטשיג, און פערד, וואָס האָבען שווערע משא געפיהרט איבער'ן שאָסע, זיינען אַלע מאָל געפאַלען און מען האָט געדאַרפט „וויאָקען" און „נאָקען" ביז מען האָט זיי אויפגעהויבען. די קעלט איז געווען אַ מורא'דיגע; אַלעס ארום און אַרום איז געווען פאַרפראָרען. די הייזער און די קראָמען האָבען מיט בלינדע שויבען געקוקט אויף דעם גרויען פריהמאָרגען און אויך אויף די מענשען, וואָס האָבען געציטערט פון קעלט. אויף אַלעס ארום און ארום איז נאָך געלעגען די מידקייט פון דער שווערער נאַכט און פון דעם גרויען פריהמאָרגען, און אין דעם האָט זיך גאָר פּלוצלונג אריינגעריסען אַ פרישער, געזונטער און לעבעדיגער גערודער — אַ לאַנגע רייהע פון גרויסע אויטאָ־עקספּרעסען, געפּאַקט מיט באוואפענטע רויטע ארמייער. די יונגע מענשען האָבען צווישען זיך גערעדט הויך און זייערע פּנים געווען פרעהלאך און לעבעדיג, און אויף די עקספּרעסען, וואָס האָבען מיט זייער אָנקומען צורודערט די שטילקייט אין גאַס, זיינען געווען גרויסע אויפשריפטען מיט גרויסע אותיות, וואָס מען האָט געקענט זעהן וויים:

„ניע כאָטים וואָיני — ווסיעגדאַ גאַ טשעקו" (מיר ווילען

ניט קיין מלחמה, אָבער מיר זיינען שטענדיג אויף דער וואך).

אַזעלכע און עהנליכע סצענעס זעהט מען אין סאָוועט־רוסלאַנד כמעט אומעטום. די שרעק פאר אַ מלחמה הענגט אין דער לופטען.

איך בין צוגעפאָהרען צו דעם „קראַסני”־האָטעל, וואוהין עס פאַרפאָהרען געוועהנליך אויסלענדער, אָבער דאָרטען האָט מען מיר געזאָגט, אַז אַלע צימערען זיינען פארנומען. דאָס איינציגע וואָס איך האָב געקענט טאָן איז — איבערלאָזען דעם טשעמאָדאַן דאָרט און זיך לאָזען געהן איבער די גאַסען פון דער שטאָדט.

און איך בין געגאַנגען פון איין גאַס אין דער אַנדערער ביז עס האָט אָנגעהויבען ווערען אַביסעל לעבעדיגער און ס'האָבען זיך אומעטום גענומען באַווייזען די מענשען מיט די פּאָרטפעלען...

מענשען מיט פּאָרטפעלען — דאָס זעהט מען אין רוסלאַנד אומעטום אויף יעדען שריט און טריט. עס טראָגען לעדערנע פּאָרטפעלען אי מענער, אי פרויען, אי אַלטע, אי יונגע — אַלע טראָגען פּאָרטפעלען, כאָטש איין גאָט ווייסט צו וואָס זיי דאַרפען זיי. ווילענדיג ניט ווילענדיג דערמאָנט מען זיך אָן אַ סצענע פון דער פּיעסע „כליעב” (ברויט), וואָס מען שפּילט איצטער אינ'ם מאָסקווער קונסט־טעאַטער. דאָרטען האָט איינער אַ טענה, פאַר וואָס ס'איז אין סאָוועט־רוסלאַנד אַ מאַנגעל אין שיך. „מען קוילעט דאָך, — זאָגט ער, — אַלע בהמות אין די דערפער און מען שינדט אָפּ די פעל, וואו זשע איז די לעדער?” און דאַרויף ענטפערט מען אים, אַז די לעדער געהט אַוועק אויף פּאָרטפעלען...

איז טאַקע הימעל און ערד און פּאָרטפעלען. אָבער אין שיך איז, ווי עס שיינט, אַ מאַנגעל, און מענשען געהען אַרום אין אַלטע צוריסענע שיך, וואָס אין אַנדערע לענדער ווארפט מען, געוועהנליך, ארויס אויפ'ן מיסט...

שפּאַצירענדיג אויפ'ן טעוועלעווער סקווער, וואו עס געפינט זיך דאָס נייע גרויסע „סאָוועטען־הויז”, וואָס מאכט פון דרויסען דעם איינדרוק פון אַ פּאַלאַץ, האָב איך דערזעהן אַ רעגירונגס־רעסטאָראַן, וואו ווייסע קוילעטשלאך זיינען געווען אַרויסגעשטעלט אין פענסטער.

קוקענדיג אויף די ווייסע קוילעטשלאך האָב איך מיינע איי־
גענע אויגען ניט געגלויבט. איך האָב געמיינט, אז דאָס איז
אודאי א חלום.

די ווייסע קוילעטשלאך זיינען אָבער ניט געווען קיין חלום,
נאָר א „טרוקענע ווירקלאכקייט". ווייל ווען איך בין אריינגעקו־
מען אינווייניג און האָב גענומען איין קוילעטשעל אין דער האַנט
איז פאר מיר געווען קלאָר, אז ס'איז שוין אלט מתושלח'ס יאה־
רען, ווייל ס'איז געווען פראַדאַרט ווי א שטיין...

— וויפיל קאָסט דאָס?

— א רובעל מיט פינף און צוואַנציג קאָפּיקעס...

פאַר א גלאָז קאָפע, וואָס האָט געהאַט עפּעס א מאָדנעם
מיתה־משונה קאָליר און האָט אויסגעזעהן אזוי ווי מען וואָלט
זי געמאכט פון אַלטע פּאָדעשוועס, האָב איך באצאָהלט פופ־
ציג קאָפּיקעס. און דערנאָך האָב איך זיך אוועקגעזעצט ביי א
טישעל, וואס איז געווען שרעקליך קויטיג און שמוציג —
פונקט אזוי קויטיג און שמוציג ווי די מענשען, וואס זיינען גע־
זעסען ביי די אַנדערע טישלאך און ווי אַלעס אַרום און אַרום.

עסען דאָס קוילעטשעל איז געווען אונמעגליך; מען האָט
זיך פּשוט געקענט צוברעכען די ציין. די קאפע טרינקען האָט
מען ניט געקענט, ווייל זי האָט געהאַט עפּעס א מאָדנע ביטערען
טעם. בין איך גלאַט אזוי געזעסען און האָב געקוקט אויף
די מענשען, וואָס זיינען ביי די אַנדערע טישלאך געזעסען
און האָבען מיט גרוים אפּעטיט די דאַרע קוילעטשלאך געקייט.
איך האָב באַצאָהלט א רובעל מיט פינף און זיבעציג קאָפּיקעס,
וואָס דאָס מיינט, קנאַפּע ניינציג סענט אין אמעריקאנער געלט,
און איך בין אוועק א הונגעריגער...

וואו זיך אָפּצורוהען האָב איך ניט געהאַט, בין איך ווייי־
טער געגאַנגען איבער די גאסען. און כאָטש איך בין געווען
מיד, איז מיר פונדעסטוועגען געווען זעהר אינטערעסאַנט, ווייל
אויף שריט און טריט האָט מען געקענט זעהן זאכען, וואס זיי־
נען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם איצטיגען סאָוועטישען לע־
בען אין די גרויסע שטעדט:

אויף א סך ווענט און אויף אַלע פּאַרקענס פון ברעטער
האָט מען געזעהן פּאפירלאך פון פאַרשידענערליי קאָלירען, און
אויף יעדען פּאַפּירעל איז מיט א בליישטיפט געווען אָנגעשריבען,

אז דער און דער מענש זוכט אַ צימער און ער בעט, אַז מען זאָל אים לאָזען וויסען, ווען ער באַלד קומען דינגען דאָס צימער. מען זאָל דאָס טאָן אזוי שנעל ווי מעגליך.

אומעטום אַזוי.

די שטאָדט וואַקסט!...

מען בויט גרויסע פאַבריקען, לויט'ן לעצטען וואָרט אין דער מאָדערנער טעכניק.

מען דעריאָגט און מען יאָגט אריבער אַמעריקע.

און ווען מען זוכט אַ צימער, באַנוצט מען זיך מיט די פּרימיטיווסטע מיטלען, וואָס קענען זעהר זעלטען ברענגען די געווינשטע רעזולטאַטען...

אין די שוי-פענסטער פון די רעגירונגס-קראָמען (און קיין אנדערע זיינען אין סאָוועט-רוסלאַנד ניטאָ) האָט מען געזעהן ארויסגעשטעלט פאַרשידענע ארטיקלען מיט הימעל-קראַצערישע פּרייזען, פון וועלכע עס האָט אַזש גענומען שווינדלען אין די אויגען. די טירען זיינען געווען אָפען, אָבער קיינער פון די פאַרבייגעהער איז אהין ניט אריינגעגאַנגען...

אויף די גאַסען האָט מען פאַרקויפט קינדערישע שפּילעכלאַך און אויף די שטעלכעלאַך, וואו די ארטיקלען זיינען געלעגען, איז געווען אַן אויפשריפט „כאַטראַג” און דאָס האָט געהייסען, אַז די מענשען ביי די שטעלכעלאַך זיינען ניט קיין פּריוואַטע הענדלער, נאָר אָנגעשטעלטע פון דער רעגירונג. און מער ווי ביקסלאַך, פּיסטאָלעטלאַך, האַרמאַטלאַך, פּולימיאָטלאַך און אַנדערע שיסעניישען האָט מען אויף די שטעלכעלאַך ניט געזעהן...

אויך צוקערקעס, מאַנדלען, מאַרמעלאַדען און אַנדערע נאַשערייען האָט מען געזעהן אַהן אַ שיעור אין די קראָמען און אויף די שטעלכעלאַך. און ס'איז געווען אַזוי מאָדנע וואָס מען פאַרפלייצט די שטאָדט מיט נאַשערייען אין דער צייט ווען עס פעהלט אוים ברויט...

ביי איין שטעלכעל, וואָס האָט אויף זיך געהאַט דעם אויפשריפט „כאַטראָג”, איז געשטאַנען אַן עלטערער איד מיט אַן אונטערגעשאָרען בערדעל. ער האָט פאַרקויפט ביליגע פּאַפּיראָסען און האָט גערעדט רוסיש מיט אַן אַנדערען, וועלכער האָט לעבען אים פאַרקויפט ביכלאַך געגען גאָט און געגען רעליגיע און אַלע מאָל האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ זייט און

האָט עפּעס שטיל געמורמעלט פאַר זיך. דער איד האָט זיך מיר שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן, ווייל מיר האָט זיך געדוכט, אַז עפּעס וואָרפט ער זיך צופיל אויף עטליכע יאָרידים, כאָטש דער קאָפּ איז אים גאָר ניט דערביי. בין איך צוגעגאַנגען און נאָכדעם ווי איך האָב געקויפט אַ פּעקעל פּאַפּיראָסען, האָב איך זיך מיט אים צורעדט:

— פאַרקויפט איר עפּעס אַ סך פּאַפּיראָסען?

— עט!...

— פאַרדינט איר גענוג?

— אַז אָך און ווען.

— און ווי לאַנג שטעהט איר אַזוי אין דרויסען יעדען טאָג?

— פון ניין ביז פינף.

און פונקט ווי ער וואָלט מיר געוואָלט צייגען, אַז ער איז ניט גלאַט אַזוי אַ איד, האָט ער דאָס זעלבע איבערגעזאָגט אויף רוסיש:

„אָט דעוויאַטי דאָ פּיאַטי".

ווען איך בין אַוועק האָט ער זיך ווידער אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל און גענומען מורמלען אין דער שטיל פאַר זיך. און ווען איך בין באַלד ווידער פאַרבייגעגאַנגען לעבען אים, האָט ער מיט אַ שמייכעל געזאָגט:

— איר פאַרשטעהט, דערהוויל־וואָס־ווער־ווען — כאַפּט מען אַ אידיש וואָרט אין מען דאַווענט אין דער שטיל...

דאַן האָב איך געגעבען אַ קוק אויף דעם אַנדערען, וואָס האָט פאַרקויפט ליטעראַטור געגען גאָט און געגען רעליגיע און ווען איך האָב דערזעהן ווי ער קוקט אין איין פּינטעל און רעדט ניט אַ וואָרט, האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז ער שטעהט שמונה עשרה...

דערנאָך בין איך אַריינגעגאַנגען אין רעסטאָראַן פון'ם „קראַסני"־האָטעל, וואו אַלעס אַרום און אַרום איז געווען שעהן אויסגעפּוצט, רייך און ציכטיג. דאָרטען האָט מען ביי די טיש־לאַך געזעהן אַ סך אויסלענדישע טוריסטען און אויך רוסישע מענ־שען אין יוניפאָרמעס. צווישען די אויסלענדער האָב איך אויך געזעהן די הינדוסישע דעלעגאַציע, וואָס איך האָב שוין פריהער געהאַט געטראָפען אין מאָסקווע. אַלע האָבען געשמאַק געגעסען

און געטרונקען. מוזיק האָט געשפּילט און הויכע וואָזאָנעס מיט ברייטע און דיקע בלעטער האָבען דער רייכקייט צוגעגעבען נאָך מער אָנזעהן. די טישען זיינען געווען געדעקט מיט ווייסע סערוועטען, און אַפילו בלומען האָבען אויך ניט אויסגעפעהלט.

עס איז שווער געווען צונויפצובינדען די רייכקייט און דעם גלאַנץ פון דעם „קראַסני"־האָטעל מיט דער ווירקליכקייט פון דעם רוסישען לעבען, וואָס איך האָב מיט אַ נאַכט פריהער געזעהן אויפ'ן וואָקזאַל...

אין האָטעל האָט מען אַלעס געקענט קריגען. אָבער די פּרייזען זיינען געווען אַזעלכע, אז ס'האָט אזש גענומען שווינדלען אין די אויגען...

אַ גאַנצער מאָלצייט האָט געקאָסט זיבען און צוואַנציג רו־בעל. און איך האָב פאַר אַ קאָטלעטעל און פאַר אַ גלאָז קאַפּע מיט ברויט און פּוטער באַצאָלט צען רובעל מיט פופציג קאָפּי־קעס...

אויך דעם קעלנער האָט מען ניט געקענט קריוודען, ווייל ער, דער אָרימער מענש, האָט פּשוט געקוקט אין דער האַנט אריין. האָב איך אים אויך געגעבען אַ רובעל, ווייל ווי גיט מען דאָס אַ מענשען ווענינער אין אַזאַ יקרות!... און אַזוי האָב איך אינ'ם כאַרקאָווער האָטעל פאַר אַן „אָרים מאָלצייט" באַ־צאָלט קנאַפּע זעקס אַמעריקאַנער דאָלאַר — אַ מאָלצייט, וואָס מען קען אין ניו יארק קריגען פאַר פופציג סענט...

די בוכהאַלטעריע האָט ניט געשטימט מיט דער ווירקליכקייט. אָבער אַזוי איז דאָס שוין אין רוסלאַנד — די בוכהאַלטעריע שטימט ניט.

פון איין זייט אַן אָרים לעבען, אַ געפּאַלענס, און פון דער אַנדערער זייט אַ רייכקייט און הויכע פּרייזען, וואָס זיינען אַפילו פאַר מיליאָנערען צו גרוים.

שפּעטער בין איך שוין געווען ניט אַליין, נאָר מיט אַ באַ־קאַנטען, וואָס איך האָב אויסגעזוכט אין שטאָדט. מיר האָבען ביידע לאַנג גערעדט וועגען דעם וואָס כאַרקאָוו בויט זיך און אויך וועגען דער גרויסער טראַקטאָר־פאַבריק, וואָס איז באַרימט איבער גאַנץ רוסלאַנד. מיין באַקאַנטער האָט געזאָגט:

— יאָ, מען בויט, מען סטראָיעט, אָבער איך קען אַלץ אָט דאָס בויען ניט צונויפבינדען מיט דעם טאָגטעגליכען לע־

בען אונזערען. ווען איך טראַכט וועגען דעם דוכט זיך מיר אַלץ אויס, אַז דאָס בויט מען ניט ב י י אונז, נאָר א י ב ע ר אונז, אָדער גלאַט ערגיץ ווייט און אויף אַזא באָדען, וואָס קעהר זיך גאָר איינגנאַנצען ניט אָן מיט אונזער איצטיגען לעבען...

ריידענדיג האָט דער מענש מיר שאַרף אין די אויגען אריינגעקוקט און וואַרפענדיג די בליקען אין אַלע זייטען כדי צו זיין זיכער, אַז קיינער הערט זיך ניט אונטער, האָט ער שטיל געזאָגט:

— יאָ, מען רעדט אַלץ וועגען ריזיגע פאַבריקען, וואָס שפּאַרען זיך אין דער הויך און שפּרייטען זיך אין דער ברייט. אָבער מענשען דאַרפען דאָך לעבען אויך!... און ווען איך וואָלט אייך נאָר אַרויסגעפירט אויסער דער שטאָדט, וואָלט איר געזעהן, ווי מענשען לעבען! דאָרט, אין די בערג, האָבען זיך מענשען אריינגעגראָבען אין גריבער און זיי לעבען דאָרט ווי בלודנע הינט. דאָס זיינען פּויערים, וואָס זיינען זיך צולאָפען פון די דערפער; זיי קענען שוין דאָרט מער ניט זיין און זיי לויפען וואוהין די אויגען טראָגען זיי נאָר... און וואָס איז אין די שטעדט!... אומעטום לעבט מען אין שטענדיגער מורא, אין שטענדיגען פחד... אומעטום שטאַרבט מען פאַר הונגער און מענשען האָבען שוין דאָס מענשליכע געשטאַלט זייערם פאַרלאָרען, און דאָ רעדט מען וועגען זאַוואָדען!...

איך האָב געפּרואווט אים טרויסטען דערמיט, וואָס מען טרויסט געוועהנליך אַ סך מענשען אין סאָוועט רוסלאַנד, אַז דערפאַר וועט דער צוקונפטיגער דור לעבען בעסער. אָבער דאָס האָט ביי אים אַרויסגערופען אַ ווילדען כעס:

— אָך, הערט אויף! — האָט ער אויסגעשריגען. — אייך איז גרינג אָט די פלוידערייַ נאָכצוזאָגען. וואָרים וואָס אַרט דאָס אייך, אויסלענדער, אַז מען מאַכט אָן „אינטערעסאַנטען עקספּערימענט" אויף אַ פאָלק פון הונדערט און זעכציג מיליאָן מענשען?!... וואָס אַרט עס אייך, ווען מיר דאָ זיינען געוואָרען פאַרוועריכט און פאַרפוילט?!

אין זיין טאָן איז געווען אי מוסר, אי גאַל, און איך האָב גאָר ניט געקענט ענטפערען...

איך האָב אין כאַרקאָוו אויך געטראָפען מיינעם אַן אַלטען באַקאַנטען, וועלכער איז אַן אָנגעזעהענער בעאַמטער אין דער

„גע־פּע־או" אין איינער פון די גרויסע שטעדט אין דער צענ־טראַלער טייל פון סאָוועט־רוסלאַנד. ער, דער באַקאַנטער מיי־נער, וועלכער איז אַריין אין דער „טשעקאַ" נאָך די בלוטיגע פּאָגראָמען, איז אַמאָל געווען און איז נאָך אַצינד אויך א גוטער בעל דקדוק; ער קען העברעאיש אויסגעצייכענט, האָט ליב די העברעאישע ליטעראַטור און עס איז אים אַלץ שווער צו באַשליסן ווער ס'איז א גרעסערער פּאָעט — ח. נ. ביאַליק, אָדער שאול טשערניכאָווסקי...

ווען ער רעדט וועגן דעם וואָס אידען האָבען געוואונען פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, קען מען גאָר מיינען, אַז ער איז אַ ציוניסט; ער שטרייכט אַלץ אונטער דעם נאַציאָנאַ־ליסטישען מאָטיוו, אָבער ער רעדט ניט קיין אידיש, נאָר אוקראַי־ניש און אַמאָל רוסיש, און ביי אַ געלעגענהייט וואַרפט ער אריין אַ העברעאיש ווערטעל.

אין די צייטען פון די פּאָגראָמען און אויך נאָכדעם האָט ער זעהר א סך איבערגעלעבט, און ווען ער צורעדט זיך וועגען דעם ביי אַ גלעזעל משקה, ווען ער הויבט אָן דערצעהלען וועגען געשאָכטענע מאַמעס און געשענדעטע שוועסטער, ווערט ער זעהר שטאַרק אויפגערעגט און די אויגען הויבען ביי אים אָן אויס־זעהן ווילד, מיט רויטע רעדער אַרום און אַרום, פּונקט ווי זיי וואָלטען זיך מיט בלוט אָנגעגאָסען, און דאַן ציטירט ער פון ביאַליק'ס „בעיר ההריגה" מיט פאַרקריצטע ציין:

„וצר לי עליכם, בני, ולבי לבי עליכם;  
הלליכם — חללי חנם, וגם אני וגם אתם  
לא ידענו למה מתם, ועל מי ועל מה מתם,  
ואין טעם למותכם כמו אין טעם לחייכם".

דערנאָך טרינקט ער אויס אַ פולע גלאָז בראָנפען און מאַכט אַ באַמערקונג אין אוקראַאיניש:

„דוזשע ווינא הירקא, הארילקא, א באַטקאָ מוסיט פּיטי!"

מיט'ן וואָרט „באַטקאָ" מיינט ער זיך אַליין. און ווען מ'הערט זיך גוט צו צו דעם, וואָס ער רעדט, צו דעם וואָס ער דערצעהלט, צו דעם וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין די פּאָ־גראָמען און אויך נאָכדעם ווען מען האָט זיך גענומען אויס־ראָטען דעם באַנדיטיזם, איז ניט שווער צו פאַרשטעהן פאַר

וואָס דער „באַטקאָ" מ ו ז טרינקען, כאָטש „דער בראַנפען איז אזוי ביטער"...

אין דער ביורא פון כּאַרקאָווער „אינטוריסט", וואו מען קען אָפּט זעהן אַ מאָדנעם געמיש פון נייגעריגע אויסלענדער, האָב איך איינמאָל געזעהן ווי ס'איז אריינגעקומען אַן אַל־טיטשקער מאַן מיט אַ גוטמוטיג שמייכלענדיגען פּנים, אָנגעטאָן אין אַן אַלט פוטערנעם טולופעל. ער האָט אין דער ביורא אַלעמען געקענט און איז מיט אַלעמען געווען אַ גוטער ברודער, און ווען ער האָט דערהערט, אז איך קום פון אַמעריקע, האָט ער גלייך געהאַט צו מיר אַ „גרויסע בקשה" — איך מוז אים איין מאָל פאַר אַלע מאָל זאָגען און טאַקע ווייזען אויך ווי אַזוי מען רעדט אַרויס אין ענגליש די צוויי בוכשטאַבען „טהי־העיטש"...

ער מוז דאָס וויסען!...

ער איז אַמאָל געווען אַ קאָנדוקטאָר, דער אַלטיטשקער; ער איז אויסגעפאָהרען גאַנץ רוסלאַנד אין דער לענג און אין דער ברייט. אַ וועלט געזעהן! איצט איז ער שוין צו אַלט, ארבייטען קען ער ניט, דאָס טולופעל, וואָס ער טראָגט, האָט ער נאָך פון די אַלטע צייטען; אָפּט קומט אים אויס צו הונגערען, אָבער ער איז שוין געוועהנט דערצו... צייט האָט ער געגוג, קומט ער אָפּט אריין אין דער „אינטוריסט" ביורא; ער האָט ליב אַמעריקאַנער; זיי זיינען וואוילע מענשען, די אַמעריקאַנער און זיי רויכערען גוטע פּאַפּיראָסען... טאַקע פון זיי, פון די אַמעריקאַנער, האָט ער זיך אויסגעלערענט ריידען ענגליש אַביסעל. מען האָט אים געזאָגט, אז ער איז שוין כמעט אַ „פאָלנער אַמעריקאַנער". איין זאַך אָבער איז אים שלעכט — ער קען בשום אופן ניט אַרויסריידען ריכטיג די צוויי בוכשטאַבען „טהי־העיטש"... אפשר קען איך אים אַרויס־העלפען אין דעם? וואו זאָל ער האַלטען די צונג — ביי'ם גומען, אָדער ביי די ציין? און ווי זאָל ער דערביי האַלטען די ציין — אָפען, אָדער פאַרמאַכט?...

ער מוז דאָס וויסען!...

קיין אַנדער זאַך, הייסט עס, פעהלט אים ניט...

פאַרבלייבען לאַנג אין כּאַרקאָוו האָב איך ניט געקענט. עס האָט דאָרט געפעהלט די נויטיגע גאַסטפריינדשאַפט, וואָס פיהלט

זיך געוועהנליך אין אַ שטאָדט. אפילו דער אויסערליכער אויס־זעהן האָט פון זיך געבלאָזען מיט קאַלטקייט, מיט אונהיימ־ליכקייט. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז די שטאָדט לעבט ניט פאַר זיך, נאָר פאַר עפּעס, אָדער פאַר אימיצען, וואָס איז ווייט פון איר; אַז קיינער איז דאָ ניט קיין היגער, נאָר אַ פרעמדער, אַ צופעליגער, אַן אָנגעלאָפענער, און אַז אפילו בויען, בויט מען ניט פאַר זיך, נאָר פאַר די, וואָס דאַרפען זיך אָנ־לויפען אַהער און אויך בלייבען פרעמדע, ניט קיין היגע, פונקט ווי די, וואָס זיינען שוין דאָ...

און איך בין אַוועקגעפאָהרען קיין אָדעס — אין דער שטאָדט, וואָס איך האָב אַלע מאָל זעהר ליב געהאַט...

עלפטער קאַפּיטעל.

# די מורא פאר דער „גע־פּע־או״ איבער'ן לאַנד.

פאר א מענשען, וואס האָט קיינמאָל ניט באזוכט סאָוועט־רוסלאַנד, איז שווער זיך פאָרצושטעלען ווי גרויס עס איז דאָרט די מורא פאר דער „גע־פּע־או״.

די אלע זאכען, וואס מען הערט וועגען דעם פון דער ווייטענס, די אלע באַשרייבונגען, וואס מען לייענט, גיבען בלויז א שוואכען, זעהר א שוואכען באַגריף. מען דארף דאָס אליין זעהן, מען דארף דאָס אליין איבערלעבען, מען דארף דאָס אליין אויף זיך פיהלען, און ערשט דאן קען מען האָבען א באַגריף וועגען דער שטענדיגער מורא, וואס הענגט ווי א שווערער בארג איבער די קעפּ פון דער באפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד...

די ערשטע באקאנטשאַפט מיינע מיט דער „גע־פּע־או״ איז געווען אין ניעגאָרעלאָיע, ביי דער גרעניץ. און — ווי מאָד־נע דאָס זאָל ניט זיין — דאָס ערשטע אידישע וואָרט, וואס איך האָב געהערט אריינפאָהרענדיג אין רוסלאַנד, איז געווען — פון דער „גע־פּע־או״...

דער טאַמאָזשנע־בעאמטער, וואס האָט איבערגעקוקט מיינע זאכען, האָט זיך ניט געקענט געבען קיין עצה וואס צו טאָן מיט מיינעם א בוך ערצעהלונגען פון אידישען לעבען אין אמעריקע, און צורופענדיג א יונגענמאן אין א מיליטערישער יוניפאָרם און מיט א גרויסען רעוואָלווער, האָט ער אים גע־וויזען דעם בוך און יענער האָט גלייך אָנגעהויבען ריידען צו מיר אידיש:

— דאָס זייט איר אליין טאקע דער מחבר? — האָט ער מיך געפרעגט.

— יא, דאָס בין איך.

— איז, זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, וואָס פאַר אַ אידעאָלאָגיע פיהרט איר דורך אין די ערצעהלונגען אייערע?

און נאָכדעם ווי ער האָט דעם בוך אַ ווייל<ע געבלעטערט, כאַפּענדיג אַ קוק און איבערלייענענדיג אַ שורה דאָ און דאָרטען, האָט ער ארויסגעגעבען אַ הכשר, אז איך מעג אים אריינפירען אין לאַנד.

שפּעטער, ווען איך בין געפאָהרען פון מינסק קיין מאָסקווע, האָב איך זיך אויפ'ן וועג באַקענט מיט אַ רוסישען מענשען, וועלכער האָט גלייך פון אָנפאַנג אָן גענומען ריידען מיט מיר וועגען די וואונדער, וואָס איך וועל זעהן אין סאָוועט־רוסלאַנד, און ווען ער איז מיט מיר אינ'ם וואַגאָן־רעסטאָראַן געזעסען, האָט ער מיט די בליקען פון די אויגען אנגעוויזען אויף אַ גרופּע באַוואָפענטע יונגעלייט און ער האָט שטיל געזאָגט:

— איר זעהט, דאָס איז אונזער „גע־פע־או"...

איך האָב זיך צוגעקוקט צו די יונגעלייט אין די גרינע יוניפאָרמעס; מיט איינע פון זיי איז מיר שפּעטער אויסגעקומען צו ריידען; זיי זיינען אלע געווען זעהר העפליך און האָבען געדעדט זעהר איידעל, און ס'איז מיר שווער געווען זיך פאָרצושטעלען, אז דאָס איז די „גע־פע־או", וועגען וועלכער איך האָב נאָך אין אמעריקע געהערט אזוי פיל שרעקליכע זאכען...

ערשט ווען איך האָב זיך אין סאָוועט־רוסלאַנד באַקענט מיט אַ סך מענשען און מיט די לעבענס־באַדינגונגען דאָרט, ערשט נאָכדעם ווי איך האָב אין פאַרשידענע שטעדט און שטעדטלאך זיך אָנגעהערט אזוי פיל זאכען, וואָס מען דערצעהלט געוועהנליך שטילערהייט, האָב איך אָנגעהויבען האָבען אַ באַגריף וועגען דער שרעק, וואָס די „גע־פע־או" וואַרפט ארויף אויף דער באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד...

דאָס איז אַ שרעק, וואָס מען קען מיט קיין ווערטער ניט אויסדריקען — אַ שרעק, וואָס טרעט ניט אָפּ אפילו אַ מינוט, סיי ביי טאָג און סיי ביי נאַכט; אַ שרעק, וואָס ליגט ניט בלויז אין מוח, נאָר אויך אין הארצען, אין די בלוטען, אין אלע אברים; אַ שרעק וואָס לאָזט דעם קאָפּ ניט אויפהויבען און קיין הויך וואָרט ניט ארויסריידען...

אַז מען ווייסט גאָר ניט ווער ס'איז אין דער „גע־פע־או" און ווער ניט...

וואָרים ניט נאָר די, וואָס טראָגען יוניפאָרמעס זייענען אין דער „גע־פּע־או". עס זייענען אין איר אויך דאָ אַ סך אַזעלכע וואָס טראָגען ניט קיין יוניפאָרמעס...

אַן אַגענט פון דער „גע־פּע־או" קען זיין דער קעלנער, וואָס דערלאַנגט אייך דאָס עסען צום טיש, דער מאַן וואָס טראָגט אַרויף דעם באַגאַזש אייערען, דאָס מיידעל, וואָס ראַמט אויף אייער צימער אין האָטעל, די דאַמע, וואָס ענטפערט דעם טעלעפאָן, אַ באַקאַנטער, וואָס קומט צו אייך אָפּנעמען אַ גרוס פון אַמעריקע, אַ פריינד, וואָס זיצט מיט אייך ביי איין טיש און רעדט צו אייך אַזוי גוט און איידעל, אַז ס'איז פּשוט אַ פאַרגעניגען צו הערען. און אַמאָל אויך — אַן אייגענער ברודער, אָדער אַ חבר פון דער יוגענד...

עס קומט אָפט אויס אַזוי, אַז ווען אַן אויסלענדישער קאָרעספּאָנדענט, אויף וועמען מ'דאַרף האַלטען אַן אויג, קומט צופאָהרען אין סאָוועט־רוסלאַנד, דאַרף די „גע־פּע־או" אים ניט זוכען, נאָר כמעט אומעטום, וואוהין ער קומט, איז ער אין דער „גע־פּע־או", אָדער אין אירע גרעניצען...

עס דאַרף אים ניט נאָכגעהן קיין שפּיאָן, ווי ס'וואָלט געווען דער פאַל אין אַן אַנדער לאַנד. אין דעם פּרט האָט סאָוועט־רוסלאַנד ווירקליך ניט נאָר אנגעיאָגט, נאָר טאַקע אַריבערגעיאָגט אַלע אַנדערע לענדער...

די „גע־פּע־או" אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אפשר ווירקליך די איינציגע אמת־אַרבייטסזאַמע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד. מערסטענטיילס שווין אַביסעל צופיל אַרבייטסזאַם. אָבער זי איז דאָך דער שטאַרקסטער זייל פון'ם רעזשים אין רוסלאַנד. און אין דער זעלבער צייט וואָס זי דעמאָנסטרירט די שטאַרקייט פון'ם סטאַלין־רעזשים, שטרייכט זי אויך אונטער זיין שוואַכקייט, זיין ניט זיכערקייט, ווייל אַ רעזשים, וואָס איז ווירקליך שטאַרק און זיכער, דאַרף ניט האָבען אַזוי פיל אָפענע און געהיימע באַוואָפענטע שומרים אויף יעדען שריט און טריט.

אין סאָוועט־רוסלאַנד — אין די הייזער, אין די גאַסען, אין די היימען, אין די האָטעל־צימערען, אין די רעסטאָראַנען, אין די שענקען און אומעטום רעדט מען ניט הויך, נאָר מען שעפּטשעט שטילערהייט און מען קוקט זיך פאַרזיכטיג אַרום אין אַלע זייטען אַלע מאָל, ווען מען וויל דערצעהלען ווי אַזוי

מען ליידעט, ווי אזוי מען הונגערט און ווי אזוי מען קומט אָפּ...

ביי זיך אין דער היים איז אַ מענש ניט זיכער צי איי־מיצער הערט זיך ניט אונטער פון דער אנדערער זייט וואנט...

ביי זיך אין דער היים האָט מען מורא א הויך וואָרט ארויס־צורײדען...

מען האָט מורא פאר שוועסטער און ברידער, מען האָט מורא פאר נאָהענטע פריינד. מען האָט מורא פאר די איי־גענע קינדער. מען האָט מורא פאר די ווענט...

שטענדיג און אומעטום הענגט די מורא איבער'ן קאָפּ, און מען קען פון איר אין ערגעץ ניט אַוועקגעהן...

נישטאָ וואו זיך פאר איר צו באהאַלטען...

שעפּטשען דאריבער מענשען מיט די ליפּען שטילערהייד. מען האָט מורא ארויסריידען אַ וואָרט אין דער הויך.

ספּעציעל אַזאַ וואָרט, וואָס קומט ארויס פון הארצען...

שטענדיג טראָגט מען אויף זיך אַ מאַסקע...

די מורא פאר דער „גע־פּע־אוּ" איז אזוי גרויס, אז אמאָל שרעקט מען זיך שוין ניט נאָר פאר אנדערע, נאָר אויך פאר זיך אַליין. און וועגען דעם דערציילט מען אַזאַ געשיכטע:

צוויי אידען האָבען צווישען זיך גערעדט דערפון וואס די מורא פאר דער „גע־פּע־אוּ" איז אזוי גרויס. איינער האָט געגעבען א מאך מיט דער האנט:

— עס איז אַקעגען דעם וואָס מען זאָגט „מורא". אָט זיצען מיר דאָ ביידע און ריידען. אָבער וואס איז די פּעולה פונ'ם ריידען, אז מיר זאָגען ניט דאָס וואס מיר ווילען, ווייל איי־נער פון אונז ביידען איז דאָך זיכער אן אגענט פון דער „גע־פּע־אוּ"... ניין אפשר? האַ?...

האָט דער אַנדערער איד זיך צולאַכט:

— דאָס איז ביי אייך מורא? — האָט ער געזאָגט. — דאָס איז גאָרניט. ביי מיר איז די מורא נאָך גרעסער. ווען איך בין איינער אַליין אין דער היים און איך וויל גראָד טראַכ־טען עפּעס אזוינס, וואס וועט אפשר סטאַלינ'ען ניט גע־פעלען, פאלט אויף מיר א פּחד, און אַוועקשטעלענדיג זיך פאר'ן שפּיגעל, זאָג איך צו זיך אַליין: „וואָס איז די פּעולה? איי־נער פון אונז איז דאָך זיכער אן אגענט פון דער „גע־פּע־אוּ",

איז שוין בעסער צו זיין פאַרזיכטיג און ניט טראַכטען״... אויף אַזוי ווייט געהט ביי מיר די מורא!...

אומעטום דערצעהלט מען אייך וועגען די מעטאָדען פון דער „גע־פּע־או״ אַזעלכע שרעקליכע זאַכען, אַז די האָר פון׳ם קאָפּ שטעלען זיך אַזש קאַפּויר. און דאָס וואָס מען דערצעהלט, איז דוקא ניט פון יענע צייטען, ווען ס׳איז אין רוסלאַנד פאָר־געקומען די בירגער־קריג, ווען עס האָט געהערשט דער אַזוי־גערו־פענער „מיליטערישער קאָמוניזם״, נאָר פון דער איצטיגער צייט ווען מען רעדט אַזוי פיל און אַזוי שעהן, ניט וועגען צ ו ש ט ע־ר ע ן, נאָר וועגען ב ו י ע ן...

אין איין שטאָדט האָט מען מיר דערצעהלט וועגען „גע־פּע־או״־טורמעס, וואו מענשען ליגען איינגעאַנצען נאַקעטע אויף דער ערד אין אַזא שטיקעניש און אין אַזא ענגשאַפט, אַז ווען איינער קערט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט, דאַרפען אַלע אין דער קאַמערע אויך טאָן דאָס זעלבע...

דערצעהלט האָבען מיר דאָס מענשען, וועלכע זיינען אַליין אין יענע שרעקליכע טורמעס געזעסען. און צווישען זיי זיי־נען איינינע אַלטע סאָציאַליסטען, וואָס האָבען די בעסטע יאהרען זייערע אַוועקגעגעבען אינ׳ם רעוואָלוציאָנערען קאַמף פאַר אַ פרייער רוסלאַנד...

מען האָט מיר דערצעהלט וועגען מענשען, וואָס האָבען אויסגעגעבען חברים און פריינד, און דוקא אַזעלכע, וואָס זיי־נען געווען אינגאַנצען אומשולדיג, פּשוט דערפאַר וואָס ס׳איז שוין אונמעגליך געווען אַריבערצוטראַגען די פּייניגונגען, די ליידען, די יסורים און די שרעקליכע באַליידיגונגען פון די וואָס האָבען ווידער אַמאָל און איבער אַמאָל אויסגעפּרעגט אין דער „גע־פּע־או״...

מען האָט מיר אויך דערצעהלט וועגען מענשען, וואָס שטאַר־בען און וועגען אַנדערע, וואָס געהען אַרונטער פון זינען אין די טורמעס פון דער „גע־פּע־או״...

ווען ס׳פאַלט אויף איינעם אַ חשד און מען נעמט אים אין דער „גע־פּע־או״ אויף אַ פאַרהער, באַנוצט מען זיך מיט אַזעל־כע מעטאָדען און מען נעמט אָן אַזעלכע מיטלען, אַז ס׳איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס אָפט ווערען מענשען געטריבען צו זעלבסטמאָרד, צו וואַהנזין, און אַמאָל צו פאַרראַט...

מען זעצט אַוועק דעם מענשען, אין דער „געפּעאו" און אַ פּראָקוראָר, וואָס איז געוועהנליך אַ געניטער אינקוויזיטאָר, וואָס ווייסט ווען מען דאַרף געהן מיט גוטען און ווען מיט בייזען, מוטשעט אים אָפּ עטליכע שטונדען מיט טויזענט און איין פראַגען, וואָס ער שטעלט טויזענט און איין מאָל. ווען דער ערשטער פּראָקוראָר ווערט מיד, פאַרבייט אים אַ צווייטער; ווען דער צווייטער איז שוין אויך מיד, קומט אַ דריטער, דערנאָך אַ פערטער. יעדער נייער פּראָקוראָר איז פריש, און ער נעמט זיך מיט פרישע כוחות צו דעם באַשולדיגטען, וואָס איז שוין אַזוי פאַרמאַטערט, אַז דאָס לעבען איז אים נמאס און ער איז גרייט צו זאָגען אַלעס און טאָן אַלעס, אַבי עס זאָל שוין נעמען אַ סוף צו די שרעקליכע יסורים און פּייניגונגען, וואָס טרייבען צו וואַהנזין...

און מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד איז די לאַגע אַזאַ, אַז ניט נאָר וויכטיגע, נאָר אויך ניט־וויכטיגע זאַכען ווערן אַמאָל אויסגעטייטשט אַלס קאָנטער־רעוואָלוציע.

ווען איינער האַלט זיך פעסט, איז מען מיט אים זעהר שטרענג און ברוטאַל; מען פּייניגט אים, מען מוטשעט אים. און ווען ער קען שוין מער די פּייניגונג ניט אַריבערטראָגן און ער איז זיך מודה אין עפּעס וואָס ער האָט יאָ געטאָן, אָדער ניט געטאָן, ווערט מען מיט אַמאָל מילד און צוגעלאָזען צו אים; מען רופט אים שוין „חבר" און מען זאָגט אים, אַז ער האָט פון אָנפאַנג אָן אַזוי געדאַרפט ריידען. אַמאָל בעט מען ענט־שולדיגונג פאַר וואָס מען איז פריהער געווען שטרענג; קיין אַנ־דער ברירה, הייסט עס, ניט געווען; צוליב די אינטערעסען פון דער רעוואָלוציע מוז מען אַמאָל זיין שטרענג. און באַלד געהט אַוועק אַזאַ נוסח:

— און איצט, חבר, זאָגט אונז ווער ס'האָט אייך אַרויסגע־האָלפען?...

דער אויסגעמוטשעטער מענש דערפיהלט ווידער ווי אַ קאַל־טער שוויים באַדעקט אים דאָס לייב.

— קיינער האָט מיר ניט אַרויסגעהאָלפען, — ענטפערט ער, — איך שווער אייך, אַז קיינער האָט מיר ניט אַרויסגעהאָלפען!...

אין איין אויגענבליק ווערט געשאַפען אַן אַנדער שטימונג, אַ גאַנץ אַנדער אַטמאָספערע. דער פּראָקוראָר בייט ווידער דעם

טאַן און ער הויבט ווידער אָן זידלען און באַליידיגען און מו־טשען...

און עס טרעפט, אַז דער געפּייניגטער ווערט געטריבען אַזוי ווייט, אַז אין אַ מאָמענט פון גרויס פאַרצווייפלונג, וואָס גרע־ניצט זיך מיט וואַהנזין, רופט ער אָן נעמען פון מענשען, וואָס זיינען ווירקליך אין קיין זאַך ניט שולדיג...

איך האָב אין שטעדט געזעהן פערזענליך מיט אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען דורכגעמאַכט אַזעלכע פּייניגונגען און יסורים אין דער „גע־פּע־או״. זיי האָבען מיר שטילערהייט דערצעהלט ווי אַזוי זיי האָבען געליטען און וואָס זיי האָבען געזעהן און געהערט, ווי אַנדערע האָבען געליטען. און פון דעם וואָס זיי האָבען מיר דערצעהלט, האָב איך אָנגעהויבען פאַרשטעהן, פאַר וואָס די מורא פאַר דער „גע־פּע־או״ איז אין סאָוועט־רוסלאַנד אַזוי גרויס...

איך האָב אָנגעהויבען פאַרשטעהן, אַז אַזאַ מורא, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין קיין לאַנד אין דער וועלט, איז גענוג צו ברעכען דעם מוט אפילו פון די מוטיגסטע...

אין איין שטאָדט האָב איך זיך געטראָפען מיט אַ פריינד, וועמען איך האָב פינף־און־צוואַנציג יאָהר ניט געזעהן. די באַ־געגעניש איז געווען אַ ריהרענדע. און ווען ער האָט אָנגעהויבען ריידען וועגען דעם אין וואָס פאַר אַ שרעקליכער לאַגע ער גע־פינט זיך, האָט ער גענומען שעפּטשען שטילערהייט און זיך פאַרזיכטיג ארומגעקוקט אין אַלע זייטען...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שאַפע? — האָט ער זיך מיט אַמאָל געגעבען אַ כאַפּ זעהר אומרוהיג, אָנווייזענדיג אויף אַ קליי־דער־שראַנק, וואָס איז אין צימער געשטאַנען. — וואָס איז דאָס פאַר אַ שאַפע? אָט די שאַפע מאַכט מיך נערוועז...

עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקען אויף דעם מענשען. אין איין מאָמענט האָט זיך דער אויסדרוק פון זיין פּנים אינגאַנצען געביטען, און ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ פאַרריקטער.

— מאַך זיך ניט נאַריש, — האָב איך אים געזאָגט. — די שאַפע איז אַ שאַפע. זי איז זיכער ניט קיין אַגענט פון דער „גע־פּע־או״... און אָט זעה, אינוועניג איז קיינער ניטאָ!...

מיט אַ געצוואונגענעם שמייכעל אויף׳ן פּנים האָט ער געקוקט אויף מיר.

— דאָס ווייס איך, — האָט ער געזאָגט, — אָבער הינטער דער שאַפּע איז אַ טיר. אומיסטען זעה!...

הינטער דער שאַפּע איז טאַקע געווען אַ טיר צום שכנ'ישען צימער.

— נו, איז וואָס, אז ס'איז אַ טיר?

— אָבער צי ווייסטו ווער עס וואוינט אינ'ם שכנ'ישען צימער? — האָט ער מיך געפרעגט.

— ניין, איך ווייס ניט.

— און טאַקע דערפאַר האָב איך מורא, — איז ער געווען זעהר אומרוהיג און האָט אָנגעהויבען ריידען נאָך שטילער. — ווער ווייסט ווער עס איז אין יענעם צימער?

ער איז ביי מיר לאַנג געזעסען. אָבער אַלע מאָל האָט ער מיט אומרוהיגע בליקען אויף דעם קליידער־שראַנק געקוקט און ער האָט אַלץ געזאָגט:

— אָט די שאַפּע מאַכט מיך נערוועז! אָט די שאַפּע לאָזט מיך ניט רוהען!...

און אויף מאָרגען איז ער געקומען צו מיר אַ צוטראָגענער, נאָך מער נערוועז ווי פריהער.

— איך בין געקומען דיר זאָגען, — האָט ער געהאַלטען די אויגען אַרונטערגעלאָזען צו דער ערד, — אַז מער וועל איך צו דיר ניט קומען. איך האָב מיט דיר צו ריידען אַ סך, זעהר אַ סך. אָבער איך קען צו דיר מער ניט קומען...

— פאַר וואָס?

— דאָס קען איך דיר ניט זאָגען, — האָט ער געענטפערט, — איך טאָר דאָס דיר ניט זאָגען!... לאָמיר זיך געזעגענען.

מיר האָבען זיך געזעגענט.

די אויגען זיינען ביי אים געווען פול מיט טרערען ווען ער האָט זיך מיט מיר צום לעצטען מאָל צוקושט. ער האָט זיך געשעמט צו וויינען, און דאָס האָט אים נאָך מער געקלעמט דאָס הארץ און ער האָט אָנגעהויבען כליפּען. אָבער ער האָט זיך באַלד געשטארקט און אויסווישענדיג די טרערען, איז ער שנעל אַרויס, און מער האָב איך אים ניט געזעהן.

נאָך איצט קען איך ניט פארגעסען יענע ריהרענדע סצענע. זי שטעהט מיר ווי לעבעדיג פאַר די אויגען, און זי רופט ביי מיר אַרויס אַ געפיהל פון טיפען וועהטאָג און פאַרדרוס.

ער, דער ארימער, אומגליקליכער און דערשלאגענער פריינד מיינער אין דער וויטער שטאדט, וואו מענשען געהען שטענדיג ארום צושראקענע און געפאלענע — ער האט דאך מיר געהאט צו זאגען אזוי פיל, אזוי פיל; ער האט דאך מיט מיר גע־האט צו ריידען וועגען אזוי פיל זאכען, וואס זיינען פארבונדען מיט די בעסטע יאהרען פון אונזער לעבען און מיט די שעהנ־סטע חלומות אונזערע! און ער איז אוועק א וויינענדיגער, א צואוועהטאגטער און האט גאר ניט געזאגט...

ניט געקענט זאגען... אפילו זיך זעהן מיט מיר אזוי אפט ווי ער האט געוואלט האט ער ניט געקענט. ווייל איבער אים, פונקט ווי איבער די אנדערע בירגער אין סאוועט רוסלאנד, הענגט די שטענדיגע מורא פאר דער „גע־פע־או"...

אין אן אנדער שטאדט האב איך זיך באקענט מיט א מענ־שען, וועמען איך האב שטארק ליב געקראגען, ווייל ער איז ווירק־ליך געווען זעהר א וואוילער און זעהר א סימפאטישער מענש. איך האב זיך מיט אים איינינגע מאל געטראפען און איך האב געוואוסט, אז זעהר אפט איז ער הונגעריג, ווייל ער האט פשוט ניט וואס צו עסען, האב איך אים איינמאל איינגעלאדען צו עסען מיט מיר מיטאג אין דעם האטעל וואו איך בין איינגעשטאנען, האט ער אויף מיר א קוק געטאן מיט צוויי ברייט פאנאנדער־געעפענטע אויגען:

— וואס???

ער האט זיך אפגעזאגט צו עסען מט מיר אין האטעל, ווייל ער ווייסט, האט ער געזאגט, אז אין יעדען האטעל, וואו עס שטעהן איין אויסלענדער, געפינען זיך א סך אגענטען פון דער „גע־פע־או".

און אט איז נאך א פאל:

איינעם פון מיינע נייע באקאנטע אין א שטאדט, וואו איך בין געווען פארבייפאהרענדיג, האב איך אוועקגעגעבען אן אנצוג, וואס איך האב מיטגענומען פון אמעריקע. דער מענש, אן עדע־לער און א סימפאטישער, האט געטראגען אזעלכע אפגעריבענע און צוריסענע קליידער, אז ס'איז געווען א רחמנות צו קוקען אויף אים, און ווען איך האב אים דעם אנצוג געגעבען, האט ער פארביסען די אונטערשטע ליפ, אין די אויגען האבען זיך

אים געשטעלט טרערען און אָנכאַפּענדיג מיך ביי דער האַנט, האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערדיגער שטים:

— אָבער, טייערער, איך וועל דאָך מורא האָבען אים אָנצוטאָן!...

אַ יונגע מיידעל, וועמעס עלטערען איך האָב גוט געקענט נאָך פון די אַלטע צייטען, האָב איך אין אַ שטאָדט איינגעלאַדען צו געהן מיט מיר אין אַ רעסטאָראַן, וואו עס עסען אויסלענדער און וואו מען צאָהלט מיט „וואַליוטע", מיט ניט רוסישע געלט, האָט זי מורא געהאַט מיט מיר אַהין צו געהן.

דאָס מיידעל איז נאָך קיינמאָל אין איר לעבען אין קיין פיינעם רעסטאָראַן ניט געווען, ווייל ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען איז זי, דאָס מיידעל, נאָך אַ קינד געווען. זי האָט אַ געפיהל פאַר שעהנקייט און ציכטיגקייט און דאָס איז אפשר איינע פון די אורזאַכען פאַר וואָס זי לייענט ביכער פון אויסלענדישע שרייבער, וועלכע שילדערען אַן אַנדער לעבען. זי טרוימט געווים וועגען אַ מעגליכקייט אָנצוקוקען מיט די אייגענע אויגען אַ רעסטאָראַן, וואו מען קריגט אַלץ און וואו עס שפּילט מוזיק. זי האָט וועגען אַזעלכע רעסטאָראַנען געהערט און אין ביכער געלייענט. און איצט האָט זי געהאַט די ערשטע און אפשר טאַקע די איינציגע געלעגענהייט אין אַזאַ רעסטאָראַן צו זיין. און דאָך האָט זי זיך אָפּגעזאָגט, ווייל זי האָט מורא געהאַט פאַר דער „גע־פּע־או".

— איר פאָהרט אַוועק, — האָט זי געזאָגט, — און איך בלייב דאָ. און ווען מ'וועט זעהן מיך מיט אייך אין אַזאַ רעסטאָראַן, וועט מען מיר שוין דערפאַר קיין קניפּ אין בעקעל זיכער ניט געבען...

די מורא פאַר דער „גע־פּע־או" הענגט איבער'ן קאָפּ!...

ווען איך האָב זיך צופעליג אָפּגעשטעלט אין אַ געוויסער שטאָדט אויף עטליכע טעג, כאָטש זי איז גאָר ניט געווען אין מיין פּראָגראַם אין דער רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד, איז איינמאָל אין אַ פריהמאָרגען געקומען צו מיר מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער, כאָטש איך האָב זיך גאָר ניט גערעכנט אויף אים. ער האָט זיך צופעליג דערוואוסט וועגען מיין קומען, און אַזוי ווי ער אַליין פאָהרט גראָד היינט אַוועק אין אַן אַנדער שטאָדט,

האָט ער זיך געאײַלט מיך צו זעהן און דערפאַר איז ער געקומען אַזוי פריה.

און ער האָט מיר דערצעהלט אַזאַ געשיכטע:

ער אַליין האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ זײַנעם אַ פרײַנד. ווען ער האָט אין דער פריה גענומען זיך קלײַבען צו געהן צו מיר, האָט אים דער פרײַנד געזאָגט, אַז ס'וועט זײַן בעסער, ער זאָל צו מיר ניט געהן, און ווען ער, אַן אײַנגעשפּאַרטער און אַ שטאָל־צער, האָט געזאָגט, אַז ער וועט יאָ געהן, האָט אים דער פרײַנד געזאָגט, אַז אויב אַזוי, זאָל ער זײַן אַזוי גוט און שוין טאַקע פאַר אײַנוועגס מיטנעמען זײַן טשעמאָדאַן מיט די זאַכען און מער ניט קומען צוריק אַהײם, ווײַל ער וויל ניט, ער זאָל קומען צוריק נאָכדעם ווי ער וועט מיך זעהן...

— דו פאָהרסט דאָך הײַנט סײַ ווי אַוועק, — האָט אים דער פרײַנד געזאָגט, — וועסטו שוין פון דאָרט געהן צום וואָק־זאַל...

און אַזוי האָט טאַקע מײַן באַקאַנטער געטאָן; ער איז גע־קומען צו מיר מיט'ן טשעמאָדאַן, און שפּעטער איז ער פון מיר געגאַנגען גלײַך צום וואָקזאַל. אַהײם האָט ער זיך ניט אומ־געקערט...

אין אײַן שטאָדט האָט מיר אַ באַקאַנטער געדאַרפט געבען דעם אַדרעס פון זײַנעם אַ פרײַנד אין אַן אַנדער שטאָדט, וואו־הין איך האָב זיך געקליבען פאָהרען. איך האָב אים געזאָגט, ער זאָל דעם אַדרעס פאַרשרײַבען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיר, אָבער ער האָט מורא געהאַט דאָס צו טאָן.

— מען וועט נאָך דערקענען מײַן האַנטשריפט, — האָט ער געזאָגט, — וואָרים ס'קען דאָך זײַן, אַז בײַם אַרויספאָהרען פון סאָוועט־רוסלאַנד וועט מען איבערקוקען אײַערע פּאַפּירען.

ער מוז זײַן פאָרזיכטיג, האָט ער געזאָגט, ווײַל נאָך אויף די טרעפּ, ווען ער איז געגאַנגען צו מיר, האָט ער געזעהן אַ באַקאַנטען אַגענט פון דער „גע־פּע־או" אין האָטעל, און יענער האָט אים שוין געפרעגט וואוהין ער געהט און וועמען ער דאַרף זעהן...

— פאַרשרײַבט איר אַליין דעם אַדרעס, — האָט ער מיר געזאָגט, — אָבער פאַרגעסט ניט אים צוצורײַסען ווען איר וועט אים שוין מער ניט באַדאַרפען.

איך האָב זיך גענומען פאַרשרייבען דעם אַדרעס פון אַ גע־וויסען פּערזאָן, וואָס וואוינט אין אַ געוויסער שטאָדט אויף נומער אַכט און זעכציג לענין גאַס, (אין סאָוועט רוסלאַנד איז כמעט נישטאָ קיין איין שטאָדט, וואָס זאָל ניט האָבען אַ לענין־גאַס), און מיט אַמאָל האָט דער באַקאַנטער מיך אָפּגעשטעלט:

— וואַרט, — האָט ער געזאָגט, — דעם נאָמען פון מיין פריינד, וואָס איר דאַרפט זעהן, זאָלט איר געדענקען אויף אויס־ווענינ, און דעם נומער פון דער גאַס זאָלט איר פאַרשרייבען אַזוי: „ח י י ם ל ע נ י ן”... „חיים” איז אכט און זעכציג און לענין איז לענין... און „חיים לענין” וועט זיין אַ סימן צו געדענקען, אַז דאָס מיינט נומער אַכט און זעכציג לענין גאַס...

און איך האָב ביי זיך אין ביכעלע פאַרשריבען:

„חיים לענין”.

אויף אַזוי ווייט געהט די מורא פאַר דער „גע־פּע־או”.

עס איז אין סאָוועט רוסלאַנד כמעט נישטאָ קיין איין אָרט, וואו אַ מענש זאָל זיך קענען פיהלען אינגאַנצען פריי פון דער „גע־פּע־או”.

די „גע־פּע־או” איז ניט נאָר אין די שטעדט און אין די דערפער, נאָר אויך אויף די באַהנען. אויף יעדען באַהן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז נישטאָ קיין איין ווייכער וואַגאָן, וואו עס זאָלען אין אַ באַזונדערער „קופּעי” ניט זיין צוויי באַוואָפענטע פון דער „גע־פּע־או”. און נאָך ווי באַוואָפענט!...

און רופען רופען זיי זיך אויף די באַהנען מיט דעם שעה־נעם נאָמען „פעלד־יעגערס”.

די רוסישע באַהנען זיינען לאַנגע. זיי געהען מיט צעהן־פופצען וואַגאָנען און אַמאָל מער אויך, אַזוי אַז אויף יעדען באַן געפינען זיך שטענדיג אַ צוואַנציג־דרייסיג באַוואָפענטע פון דער „גע־פּע־או”. אפילו ווען דער באַהן שטעלט זיך אָפּ ערגעץ אין אַ פאַרוואָרפענעם סטעפּ, אָדער ערגעץ אין אַ מדבר, איז ער דאָרט ניט אָהן דער שטענדיגער וואַך פון דער „גע־פּע־או” — זי איז אומעטום, קיין איין ווינקעל אין סאָוועט רוסלאַנד, קיין איין מענש אין דער ריזיג־גרויסער מדינה בלייבט אין ערגעץ ניט אינגאַנצען פריי פון דער „גע־פּע־או”.

עס איז אמת, אַז אפילו מיט דער „גע־פּע־או” אויף די באַה־נען טרעפט אָפּט, אַז פאַרביטערטע פויערים, וואָס וואַלגערען זיך

טעג און נעכט אויף די וואָקזאַלען, פאַרלירען די געדולד און וואַרפען שטיינער אין די פענסטער פון די וואַגאָנען ווען מען לאָזט זיי אַהין ניט אַריין. אָבער דאָס איז שוין אַן ענין, וואָס בלייבט פאַר דער „גע־פּע־או״ אַליין זיך צו ספּראַווען, און זי ספּראַוועט זיך טאַקע דערמיט אויף איר שטייגער...

פון ברעג צו ברעג און פון גרענעץ צו גרענעץ איז דאָס גאַנצע לאַנד אַרומגערינגעלט מיט אַן אייזערנער קייט אין וועל־כער יעדער רינגעלע איז פעסט און שטאַרק. און דאָס איז די „גע־פּע־או״...

און פונקט אַזוי ווי יעדער איינער אין דער „גע־פּע־או״ איז אַ רינגעלע אין אַן אייזערנער קייט, אַזוי איז די דיסציפּלין אין דער „גע־פּע־או״ אַן אייזערנע.

שטאָל און אייזען!

מען טאָר ניט אַרויסווייזען קיין סענטימענטען, קיין גע־פיהלען; מען דאַרף אויף קיינעם קיין רחמנות ניט האָבען. מען דאַרף אומעטום זוכען דעם שונא און מען דאַרף צו יעדער צייט זיין גרייט אים אָפּצוראַמען פונ׳ם וועג!...

דאָס געדענקט יעדער איינער אין דער „גע־פּע־או״, און דאָס פיהרט צו די ברוטאַלסטע מעטאָדען און צום שווידערליכסטען טעראָר, וואָס האָט צו זיך כמעט קיין גלייכען ניט אין דער גע־שיכטע...

מיר איז אויסגעקומען זיך צו באַקענען מיט אַ סך מענשען פון דער „גע־פּע־או״ איך האָב דאָרט געפונען אייניגע אַלטע באַ־קאַנטע מיינע, וואָס איך האָב געדענקט נאָך פון יענע צייטען איי־דער איך האָב פאַרלאָזט רוסלאַנד מיט צוויי־און־צוואַנציג יאָהר צוריק. איך האָב מיט זיי גערעדט, און איך מוז זאָגען, אַז זעהר אָפט מאַכט דער „גע־פּע־או׳ניק״ דעם איינדרוק פון אַ מענשען, וואָס איז ניט אינגאַנצען נאָרמאַל... מען זעהט, אַז עפּעס ליגט אים אויפ׳ן געוויסען, אַז עפּעס מוטשעט אים, אַז עפּעס לאָזט אים ניט רוהען...

אָט דער פאַקט האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט, און ווען איך האָב אין אייניגע שטעט געזעהן סאַניטאַריומס פאַר דער „גע־פּע־או״ אויפ׳ן נאָמען פון פעליקס דזשערדזשינסקי, וועלכער האָט געגרינדעט די „טשעקאַ״, און איך האָב געפרעגט פאַר וואָס גאָר עפּעס באַזונדערע סאַניטאַריומס אויסשליסליך פאַר דער

„גע־פּע־או״ און וואָס פּאַר קראַנקע געפינען זיך דאָרט, האָט מען מיר אומעטום געענטפערט שטיל:

— דאָרט געפינען זיך מערסטענטיילס גייסטיג־קראַנקע...

עס האָט געשטימט מיט דעם מענשליכען באַגריף וואָס פּרואווט אַלץ עקשנות'דיג באַווייזען, אַז אַ מענש האָט דאָך אַ געוויסען, וואָס לאָזט ניט רוהען און וואָס מוטשעט...

עס האָט געשטימט מיט דער מענשליכער לאָגיק: פון דער „גע־פּע־או״ — אין אַ משוגעים־הויז!...

און ווען אין סאָוועט־רוסלאַנד וואָלט איצטער געלעבט אַ דאָסטאָיעווסקי און ער וואָלט געמעגט אָנשרייבען אַ ליטעראַריש ווערק, וואָס זאָל ניט שטימען מיט דער „אידעאָלאָגיע״, וואָס ווערט מיט געוואַלד ארויפגעצוואונגען אויף די שרייבער, וואָלט ער בלויז געדאַרפט אריינגעהן אין אַ סאַניטאַריום פון דער „גע־פּע־או״ און פאַרצייכענען וואָרט אין וואָרט דאָס וואָס וואַהנזיניגע „גע־פּע־אוניקעס״ ריידען פאַר זיך אַליין אין אַ מאָמענט, ווען דאָס געוויסען פּלאָגט זיי און לאָזט זיי ניט רוהען, און דאַן וואָלט ער אָנגעשריבען אַ גרויס ווערק, וואָס וואָלט אָנגעוואָרפען אַ שוידער, און די וועלט וואָלט דאַן געהאַט אַ באַגריף וועגען דער מורא, וואָס די „גע־פּע־או״ האָט ארויפגעוואָרפען אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד...

צוועלפטער קאַפּיטעל.

# וואָס אַמעריקאַנער זעהען יאָ און וואָס זיי זעהען ניט אין סאָוועט־רוסלאַנד.

עס איז אין סאָוועט־רוסלאַנד כמעט ניטאָ קיין איין וויכ־טיגע שטאָדט, וואו מען זאָל ניט טרעפען קיין אַמעריקאַנער טוריסטען. אין די „אינטוריסט”־ביוראָס, וואו מען פאַרזאָרגט די אויסלענדישע געסט מיט אַלע באקוועמליכקייטען, ווייסט מען שוין, אַז ווינטער קומען אַזעלכע, וואָס זיינען אויסען געשעפט, און אויך אַזעלכע, וואָס זיינען אויסען אי פּאָליטיק, אי געשעפט. און זומער קומט די אַמעריקאַנער אינטעליגענץ — פּראָפעסאָרען פון קאָלעדזשעס און אוניווערסיטעטען, לערער און לערערקעס און גלאַט אינטעליגענטען, וועלכע אינטערעסירען זיך שטאַרק מיט דעם, וואָס אין סאָוועט־רוסלאַנד ווערט געבויט און גע־שאַפען, ווייל זיי האָבען וועגען דעם אַ סך געלייענט אין צייטונ־גען, אין זשורנאַלען און אויך אין ביכער.

זיי, די אַמעריקאַנער אינטעליגענטען, וואָס קומען אָנקוקען די „רעפּובליק פון אַרבייטער און פּויערים”, וועלכע איז די איינציגע אויף דער גאַנצער וועלט, זיינען מערסטענטיילס זעהר סימפּאַטישע מענשען, און זיי מיינען גוט. ענטוישט אין דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וואָס האַלט זיך אין וואַקלען, און פאַרביטערט געגען דעם שרעקליכען קריזיס, וואָס האָט מיליאָנען און מיליאָנען מענשען געבראַכט צו הונגער און נויט, האָבען זיי גענומען זוכען אַ נייעם אידעאַל, און מיט די גוטע כונות אין הארצען האָבען זיי ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז דאָרטען, אין דעם ריזיג־גרויסען לאַנד, וואָס פאַרנעמט אַ זעקסטעל פון דעם ערד־קוגעל, ווערט געשאַפען אַזאַ אָרדענונג, וואָס וועט אפשר דאָך ברענגען גליק פאַר דער גאַנצער מענשהייט...

קומען זיי אַהין מיט די גוטע כונות זייערע; קומען זיי אַהין נייגעריגע, מיט אָפענע אויגען און אָפענע נשמות, און זיי זיינען גרייט צו זעהן די וואונדער, וועגען וועלכע זיי האָבען אַזוי פיל געהערט און אַזוי פיל געלייענט. זיי ווילען מיט די אייגענע אויגען אָנקוקען דאָס לאַנד, וואָס איז אַ לאַבאָראַטאָריע פאַר אַן „אינטערעסאַנטען עקספּערימענט”. זיי קומען אַהין זעהן. אָבער — אַ ס ך  פ ו ן  ז י י  ז ע ה ע ן  ג אָ ר ־ נ י ש ט...

דאָס הייסט, זעהן זעהען זיי דוקא אַ סך. אָבער ניט דאָס, וואָס זיי דאַרפען זעהן, און ניט דאָס, וואָס זיי וואָלטען געוואָלט זעהן...

און אין דעם זענען אפשר די מערסטע פון זיי ניט שולדיג. שולדיג אין דעם זיינען די באַדינגונגען, אין וועלכע די סאָוועט־רעגירונג האָט אַוועקגעשטעלט די אויסלענדישע געסט, וואָס קומען קיין רוסלאַנד.

פּראַקטיש און אויסגערעכענט אין די מעטאָדען, ווי אַזוי אַריינצוקריגען וואָס מער אויסלענדישע געלט, וואָס מער „וואַ־ליוטע”, האָט די סאָוועט־רעגירונג זיך דערטראַכט צו אַזאַ אָריגי־נעלען איינפאַל, וואָס קיין לאַנד אין דער וועלט האָט זיך ניט דערטראַכט, און דאָס איז — „אַ וויזע מיט עסען און שלאָפען”. ווען איינער וויל פאָהרען אָנקוקען סאָוועט־רוסלאַנד, פאַרזאָרגט אים די רייזע־ביוראָ פון דער סאָוועט־רעגירונג אין יעדען לאַנד ניט נאָר מיט אַ וויזע, נאָר זי פאַרקויפט אים גלייך אויפ'ן אָרט די גאַנצע רייזע און זי פאַרזאָרגט אים ניט נאָר מיט די נויטיגע באַקוועמליכקייטען, נאָר אויך מיט אַ ספּעציעלען מענשען, וואָס זאָל אים אין סאָוועט־רוסלאַנד פירען וואוהין מען דאַרף און וואָס זאָל מיט אים ריידען אין זיין שפּראַך.

באַקוועם איז דאָס אודאי. אָבער — ניט נאָר פאַר'ן פּאַסאַזשיר, נאָר אויך פאַר דער סאָוועט־רעגירונג. ווייל אַ חוץ דעם, וואָס זי קריגט אויף אַזאַ אופן אריין וואָס מער „וואַליוטע”, איז יעדער אויסלענדישער גאַסט, פון אַמעריקע אָדער פון אַן אַנדער לאַנד, אונטער איר אויפזיכט; זי קען אים ווייזען וואָס זי וויל און נישט דאָס, וואָס זי וויל נישט. און אויב דער אַמע־ריקאַנער גאַסט קען אינגאַנצען קיין רוסיש און קיין אוקראַיניש און קיין אידיש נישט ריידען, קען ער אויף זיין רייזע זעהן

בלויז די סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס אין בילדער, אָבער נישט די, וואָס אין דער ווירקליכקייט... ער קען זעהן די סאָוועט־רוס־לאַנד וואָס אין דער טעאָריע, אָבער ניט די וואָס אין דער פּראַקטיק...

און וויסען דאַרף מען, אַז אין דער אמת׳ען זענען פאַראַן צוויי סאָוועט־רוסלאַנדס — איינע אין בילדער, און די צווייטע — אין דער ווירקליכקייט; איינע אין דער טעאָריע, און די צווייטע — אין דער פּראַקטיק...

דערמיט דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס אַ סך אַמעריקאַ־נער קומען צוריק באַגייסטערטע. ווייל די סאָוועט־רוסלאַנד וואָס אין דער טעאָריע איז ווירקליך זעהר שעהן, פּונקט אַזוי ווי די וואָס אין בילדער. די ווירקליכקייט אָבער איז אַנ־דערש. אינגאַנצען אַנדערש...

ווען ס׳וואָלט פאַר דער רעוואָלוציע געקומען קיין רוסלאַנד אַ מענש זיך צו באַקענען מיט דער לאַגע פון דעם רוסישען פאָלק, און אַנשטאַט ריידען מיט׳ן פאָלק וואָלט ער דורך אַן איבערזעצער גערעדט מיט גובערנאַטאָרען, איספּראַווניקעס, פּאָ־ליצמייסטערס און גראַדאָנאַטשאַלניקעס און אַנדערע רעגירונגס־באַאַמטע אָדער גלאַט פּאַטריאָטען, וואָס זאָגען „באַם" אויף אַלץ, וואָס די רעגירונג טוט; און ווען אָט דער מענש וואָלט דערנאָך, אויפ׳ן גרונד פון די געשפּרעכען זיינע, אָנגעשריבען אַ בוך, אָדער אַ סעריע אַרטיקלען וועגען דער לאַגע פון דעם רוסי־שען פאָלק, וואָלט די עהרליכע קריטיק אים זיכער שטאַרק ארונטערגעריסען דערפאַר און עס וואָלטען זיך געוויס געפונען אַזעלכע, וואָס וואָלטען נישט געווען מילד אין אויסדרוקען און זיי וואָלטען געזאָגט, אַז אַזאַ מענש איז אַ שאַרלאַטאַן...

און דאָך זענען פאַראַן אַ סך אַמעריקאַנער, וואָס האַנדלען אַזוי, אַליין אפשר נישט באַגרייפענדיג דאָס. זיי קומען פון סאָוועט־רוסלאַנד, וואו זיי האָבען די ווירקליכקייט נישט גע־קענט זעהן, ווייל זיי קענען נישט קיין רוסיש, און האָבען נישט גערעדט מיט׳ן פאָלק, נאָר מיט פאַרשיידענערליי רעגירונגס־באַאַמטע. זיי האָבען געזעהן די סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס אין דער טעאָריע, און נישט די וואָס אין דער פּראַקטיק. און דער־נאָך שרייבען זיי מיט באַגייסטערונג וועגען אַלץ און עס קומט אויס, אַז דאָס גאַנצע רוסישע פאָלק, אָדער דער גרעסטער טייל

פונ׳ם פאָלק, איז זעהר גליקליך און זעהר צופרידען; אז קיין גליקליכערע ווי זיי זענען איצטער גאָר אויף דער גאַנצער וועלט נישטאָ...

איז דאריבער טאַקע קיין וואונדער נישט, וואָס אין סאָוועט־רוסלאַנד לאַכט מען אָפּט אָפּ פון די אַמעריקאַנער געסט, וואָס קומען „שטודירען" די לאַגע, כאָטש זיי קענען נישט קיין וואָרט רוסיש און ווייסען אפילו ניט ווי אזוי זיך צונויפצוריידען מיט׳ן פאָלק. מען דערצעהלט וועגען דעם פארשיידענע אַנעקדאָטען און מען זאָגט, אַז מיט דאָלארען קען מען אין סאָוועט־רוסלאַנד קריגען אַלץ אין דער וועלט און דורך אַמעריקאַנער ברילען קען מען דאָרטען זעהן די שעהנסטע זאַכען אין דער וועלט...

ארומפאָהרענדיג איבער אוקראאינע האָב איך, אויפ׳ן וועג פון פּאָלטאַוואַ קיין קרעמענטשוג, געהערט אזאַ געשיכטע, וועלכע איז שוין פאַר מיר, אייגענטליך, נישט געווען ניי:

אַן אַמעריקאַנער, — האָט מיר איינער דערצעהלט, — האָט אין מאָסקווע געזעהן אַ גרויסען „אָטשערעד". אַ סך מענשען זענען דאָרטען געשטאַנען אין ענגשאַפט, וואַרטענדיג אויף ברויט, אָדער אויף אַן אַנדער שפּייז־אַרטיקעל, אין וואָס עס איז אין סאָוועט־רוסלאַנד אַ גרויסער מאַנגעל. „וואָס איז דאָס פאַר אַן „אָטשערעד"?" — האָט דער אַמעריקאַנער געפרעגט ביי דער איבערזעצערין, וואָס האָט אים געפירט. „דאָס שטעהן זיי אזוי, כדי זיי זאָלען זיך נישט דארפען שטופּען, — האָט די איבערזעצערין גלייך געהאַט פאַר אים אַן ענטפער. „אָבער פאַר וואָס שטופּען זיי זיך דאָך?" — האָט דער אַמעריקאַנער געפרעגט. און די איבערזעצערין האָט ווידער געהאַט פאַרטיג אַן ענטפער: „דאָס שטופּען זיי זיך", — האָט זי געזאָגט, — „וויל זיי ווילען וואָס שנעלער אריינטראָגען זייער חלק צו דער „נאַציאָנאַלער הלואה", וואָס די רעגירונג מאַכט ביים פאָלק"...

און דער אַמעריקאַנער, וואָס איז געקומען „שטודירען" די לאַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט דאָס גלייך פארשריבען אין זיין נאָטיץ־ביכעלע מיט די פיינע באַגילדעטע ברעגען און מיט די גוטע לעדערנע טאָוולאַך...

איך האָב אין מאָסקווע געטראָפען אַן אַמעריקאַנער האַי־סקול לערערקע, וואָס איז, ווי געוועהנליך, געווען ראַדיקאַל

געשטימט און האָט געהאַט קאָמוניסטישע נייגונגען. דאָס איז שוין געווען איר „שבת־יאָר" אַלס לערערקע און זי האָט געהאַט די פּריווילעגיע צו זיין פריי פון אירע פליכטען, האָט זי זיך באַנוצט מיט דער פרייער צייט און געמאַכט אַ רייזע איבער אייראָפּע און איז, ווי געוועהנליך, געקומען קיין סאָוועט־רוס־לאַנד „שטודירען" די לאַגע.

האָט זי מיר דערצעהלט אַזאַ געשיכטע:

זי איז געווען אין אַ רוסישער שקאָלע און האָט אַליין געזעהן און געהערט ווי אַ קליין אינגעלע פון אַ יאָר צוועלף האָט געענטפערט אויף פּאָליטישע פראַגען און ווי ער האָט גע־רעדט מיט אַזאַ זיכערקייט וועגען לענינ'ען און סטאַלינ'ען און וועגען דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע...

— נו, קענט איר זיך פאָרשטעלען אַזאַ זאַך אין אַמע־ריקע? — האָט זי מיר געפרעגט, — ווען אַ קינד וואָלט ביי אונז אַזוי גערעדט אין אַ סקול, וואָלט מען אים דאָך גלייך אויסגעשלאָסען...

דערביי איז געזעסען נאָך אַן „אַמעריקאַנער", וואָס רעדט יאָ רוסיש. האָט ער אָנגעהויבען שמייכלען, און ווענדענדיג זיך צו דער אַמעריקאַנער לערערקע האָט ער געזאָגט:

— מיר איז אַ וואונדער וואָס איר וואונדערט זיך נישט דאַרויף, וואָס אַ אינגעלע פון צוועלף יאָר אין אַן אַמעריקאַנער סקול רעדט מיט אַזאַ זיכערקייט וועגען — נו, לאָמיר זאָגען — וועגען דזשאָרדזש וואַשינגטאָן... פּונקט ווי דער נאָמען פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן דאָרטען איז פאַרבונדען מיט אַמערי־קאַנער פּאַטריאָטיזם, אַזוי זענען די נעמען פון לענין און סטאַלין דאָ פאַרבונדען מיט סאָוועטישען פּאַטריאָטיזם... נישט קלאָר אפשר געננג פאַר אייך?...

די אַמעריקאַנער האַי־סקול לערערין האָט זיך אַביסעל פאַרשעמט.

— יאָ, אַז מען וויל איז דאָס טאַקע אַזוי, — האָט זי זיך אָנגעהויבען דרעהען, — אָבער דאָך... נו, איר פאַרשטעהט, אין די שולען רעדט מען אַזוי פריי וועגען קאָמוניזם, וועגען לענינ'ען און וועגען סטאַלינ'ען... עס מאַכט אַן איינדרוק!...

קומט אריין אַ גרופּע אַמעריקאַנער אָנצוקוקען אַ „קאָמונע־הויז" אין מאָסקווע, פירט מען זיי אריין אין דער ביבליאָטעק,

און נאָך איידער זיי קוקען זיך ארום, שטעהט שוין איינער לעבען זיי און מיט׳ן טאָן פון א רעדנער אויף א פּלאַטפאָרמע דערצעהלט ער די אַלע גוטע זאכען, ווי אזוי מען לעבט אין דעם „קאָמונע־הויז״; ווען מען פארזאמעלט זיך, וועגען וואָס מען רעדט אויף די פארזאמלונגען און ווי מען לייענט ביכער און צייטונגען און זשורנאַלען, און ווי מען דיסקוטירט אינ־טערנאַציאָנאַלע פּאָליטיק און אנדערע פּראָבלעמען. די איבער־זעצערין גיט דאָס באַלד איבער אויף ענגליש. און דערנאָך, ווען אַלע האַלטען שוין ביים אַוועקגעהן, געזעגענט זיך מיט זיי דער אָראַטאָר, אָפּזאָגענדיג אזא פּסוק:

— אין גיכען זאָלען מיר הערען פון א רעוואָלוציע אין אַמעריקע!

אזוי איז אין די פאַבריקען, אין די זאַוואָדען, אין די ביבליאָטעקען און אין די פארשיידענע אנדערע סאָוועטישע רעגירונגס־אינסטיטוציעס, וואוהין מען פירט געוועהנליך די אויסלענדישע געסט. אומעטום געזעגענט מען זיך מיט זיי, זאָגענדיג דעם זעלבען פּסוק:

„אין גיכען זאָלען מיר הערען פון א רעוואָלוציע ביי אייך!״

פּונקט אזוי ווי מחותנים ווינשען איינער דעם אנדערען:

„אם ירצה השם אין גיכען ביי אייערע קינדער!״...

און ביים אמעריקאַנער, וואָס קען ניט זעהן די ווירקליכ־קייט איבער דעם, וואָס ער פארשטעהט נישט קיין רוסיש, איבער דעם, וואָס ער קען זיך נישט צונויפריידען מיט׳ן פאָלק, מיט די מאַסען, בלייבט דער איינדרוק, אז אין סאָוועט־רוסלאַנד ברענען אַלע מיט גרויס באגייסטערונג אין די פלאַמען פון דער איצטיגער סטאַלינישער דיקטאַטור און אז וועגען קיין אנדערע זאַכען זאָרגט מען דאָרטען נישט ווי נאָר וועגען דעם:

— ווען וועט שוין אמאָל זיין א רעוואָלוציע אין אַמעריקע?!

זיך אַליין, הייסט עס, האָט שוין דאָס רוסישע פאָלק פאַר־זאָרגט; עס לעבט אין נחת און אין פריידען; עס באָדט זיך אין עושר און אין כבוד; עס פרעגעלט זיך אין פארגעניגען און אין גליק, און די איינציגע דאגה איז נאָר:

— ווען וועט שוין אמאָל קומען פּונקט אזא גאולה אויף דער גאַנצער וועלט?!...

זעהן שעהנע זאַכען קען מען אין סאָוועט־רוסלאַנד זעהר

א סך. עס זענען דאָרטען פאַראַן א סך ליכטיגע זייטען, וואָס פאַרדינען ווירקליך שטאַרק געלויבט צו ווערען. יאָ, עס איז דאָ וואָס צו לויבען און וואָס צו זעהן. און — די סאָוועט־רעגירונג ווייסט וואָס צו ווייזען די אויסלענדישע געסט, וואָס קומען אָנקוקען די רעפּובליק פון ארבייטער און פויערים; זי ווייסט אויך ווי אַזוי די געסט אויפצונעמען.

שוין דאָס אריינפאָרען אַליין אין דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט מאַכט אַ שטאַרקען און אַ טיפען איינדרוק אויף דעם מענשען, וואָס זעהט די צופוילטקייט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג און וואָס וויל גלויבען, אַז די איצטיגע אָרדנונג אין סאָוועט־רוסלאַנד איז סאָציאַליזם, אָדער פירט צו סאָציאַליזם.

אַ גרויסער מיליטערישער אָרקעסטער שפּילט דעם „אינ־טערנאַציאָנאַל" און די טענער און קלאַנגען צוטראָגען זיך מיט אַזאַ פאַרנעם און מיט אַזאַ פעסטקייט, אַז עס שפּאַנט זיך ווי פון זיך אַליין, און מען באַמערקט אַליין נישט ווען און ווי אַזוי די טריט פאַלען־צו צום טאַקט פון דער מוזיק. איבער דער גאַנצער לענג פון דעם גרויסען בריאַנסקער וואָקזאַל אין מאָסקווע הענגען גרויסע אויפשריפטען אין פאַרשיידענע שפּראַכען:

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניגט זיך!"

„וואַרפט ארונטער פון זיך דעם יאָך פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער אָרדנונג"

„דערפירט די גאַנצע וועלט צו דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע!"

און נאָך און נאָך ענליכע סאָציאַליסטישע און רעוואָלו־ציאָנערע אויפשריפטען.

און רויטע פאָהנען פלאַטערען אומעטום.

און רעוואָלוציאָנערע קלאַנגען הילכען אין דער לופט ארום און אַרום.

און עס שפּאַנט זיך אַזוי לייכט און עס געהט זיך אַזוי גרינג צום טאַקט פון דער מוזיק, צום טאַקט פון די רעוואָלוציאָנערע קלאַנגען.

אַזוי באַגעגענט מען אין מאָסקווע אויפ'ן בריאַנסקער וואָק־זאַל די אויסלענדישע געסט פון אַמעריקע און פון אַנדערע לענ־דער. און דאָס מאַכט אַן איינדרוק, אַ שטאַרקען, אַ טיפען איינ־דרוק.

דערנאָך הויבט זיך אָן אַ סדרה — טעאַטערס. מען פיהרט

די אַמעריקאַנער געסט אין דעם באַריהמטען מאָסקווער „באַל־שאָי" טעאַטער, וואו זיי זעהען אַ גוטע אָפּערע און הערן אַ שעהנעם אָרקעסטער; זיי געהען אין דעם באַריהמטען מאָסקווער קונסט־טעאַטער, אין מייערכאָלד'ס און וואַכטאַנגאָוו'ס טעאַטערס. און מען דאַרף נישט פאַרגעסען, אז אויך איצטער איז דער רוסישער טעאַטער נאָך אַלץ דער בעסטער אין דער וועלט; אין קיין לאַנד קען מען נישט זעהן אַזאַ גוטע טעאַטער פאָרשטעלונג ווי אין סאָוועט־רוסלאַנד; דאָרטען איז אויף דער בינע נאָך אַלץ פאַראַן נישט נאָר קונסט, נאָר אויך לעבען, נשמה און האַרץ; דאָרטען זיינען די לעצטע יאָהרען — דוקא אין הונגער און נויט — אויסגעוואַקסען יונגע שוישפּילער מיט אַזוי פיל טאַלאַנט און אמת'ן בינען־חן, אַז עס איז איינער פון די גרעסטע פאַרגעניגענס זיי צו זעהן; אין טאַלאַנט און אין קונסט שטעהט די בינע אין סאָוועט־רוסלאַנד אויף אַזאַ מדרגה, אַז די בינעס פון אייראָפּע און אמעריקע וועלען זיך דאַרפען גוט אונטערגאַרטלען זי אָנצויאָגען און אַריבערצויאָגען, ווייל דאָרטען איז דער עיקר נישט נאָר טעכניק, נאָר האַרץ, נשמה — אַלץ אַזעלכע זאַכען, וואָס דאָס רוסישע פאָלק האָט שטענדיג פאַרמאָגט...

און ווען אַן אַמעריקאַנער, וואָס קומט קיין מאָסקווע, זעהט אַ פאָרשטעלונג אויף דער רוסישער בינע, מוז ער ווערען באַגייסטערט, אַפילו ווען ער קען ניט די שפּראַך.

ביי אַ פאָרשטעלונג פון מיכאַאיל בולגאַקאָוו'ס „דני טורבינירך", אין דעם מאָסקווער קונסט־טעאַטער, האָב איך געטראָפען אַן אַמעריקאַנער, וואָס האָט נישט פאַרשטאַנען אַ וואָרט רוסיש. ער איז אָבער געווען אַזוי באַגייסטערט, אַז עס האָבען אים פשוט אויסגעפעהלט ווערטער די באַגייסטערונג אויסצודריקען. ער האָט איינגעשטימט מיט מיר, אַז ווען מען וואָלט נאָכ'ן ענדיגען ווידער אָנגעהויבען די פאָרשטעלונג פון אָנפאַנג אָן, וואָלט מען געקענט זיצען מיט'ן גרעסטען פאַרגעניגען און זי ווידער זעהן, כאָטש זי געדויערט קנאַפּע פיר שטונדען. און ריידענדיג וועגען דער אויסגעצייכענטער פאָרשטעלונג, האָט דער אַמעריקאַנער צוגעשריבען די גרויסקייט פון דער רוסישער בינע צו די דערגרייכונגען פון דעם איצטיגען רעזשים; ער האָט פשוט נישט געוואוסט, אז די רוסישע בינע

איז פריהער אויך געווען גרויס, אַז זי איז פריהער אויך געשטאַ־נען אויף גאָר אַ הויכער מדרגה פון קונסט...

פונקט ווי די רוסישע ליטעראַטור איז געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה פון קונסט מיט אירע דאָסטאָיעווסקים, טאָל־סטאָים, טורגעניעווס, גאָגאָלס, טשעכאָווס און אַנדערע, און מען האָט איר גרויסקייט ניט געדאַרפט צושרייבען צו דעם „גייסט" פון דער צאַרישער רעגירונג...

אין ליטעראַטור און אין קונסט איז רוסלאַנד געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה נאָך פאַר דער רעוואָלוציע.

די רעוואָלוציע האָט דאָס אָבער געמאַכט צוגענגליך פאַר די ברייטע מאַסען.

צווישען די אַמעריקאַנער, וואָס מען טרעפט אין מאָס־קווע און אין אַנדערע רוסישע שטעדט, זיינען פאַראַן אַ סך אַזעלכע, וואָס האָבען אין אַלגעמיין אַ מאָדנעם באַגריף וועגען רוסלאַנד און אַן אייגענאַרטיגען צוגאַנג צו איר. דאָס קען מען זעהן ווען מען צורעדט זיך מיט זיי און ווען מען הערט זיך צו צו דעם, ווי אַזוי זיי גיבען־איבער זייערע איינדרוקען. עס ווערט דאַן קלאָר, אַז אַזאַ טיפּ אַמעריקאַנער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער איז דאָס דער מענש פון ציוויליזאַציע און קולטור; אַז ער האָט דאָס געפיהלט מיט אַלע חושים פאָה־רענדיג קיין רוסלאַנד און אַז ער האָט דאָס אויך געפיהלט אַריינפאָהרענדיג אַהין; ביי זיך האָט ער אָפּגעמאַכט, אַז ער, דער מענש פון הויכער קולטור און ציוויליזאַציע, פאָהרט אָנ־קוקען אַ באַרבאַריש לאַנד, וואָס איז אַלע מאָל אָפּגעשטאַנען פון אַנדערע לענדער; פונקט אַזוי ווי ער פאָהרט קיין רוסלאַנד, וואָלט ער אויך געקענט פאָהרען קיין אינדיע, קיין בראַזיל, אָדער פון יענער זייט הרי־חושך; דער עיקר איז ביי אים — רייכער מאַכען דעם באַגאַזש פון זיין גרויסער ערפאַהרונג אַלס רייזענ־דער, וואָס האָט אויף זיינע טשעמאָדאַנען בלעטלאַך פון פאַר־שידענע שטעדט און לענדער. מיט אַזאַ „פּסיכאָלאָגישען" צו־גאַנג קומט ער אין סאָוועט־רוסלאַנד — נישט ווי אַ גלייכער, נאָר ווי איינער, וואָס קוקט פון אויבען אַראָפּ. און ווען ער דערזעהט אין דעם אומבאַקאַנטען לאַנד אַ פאַבריק, טאַקע פונקט אַזאַ פאַבריק ווי אין אַמעריקע, איז ער איבעראַשט:

— „איזנ'ט דהאַט וואָנדערפול!"...

אַלץ וואָס ער זעהט איז פאַר אים א גרויסע איבערראַ־שונג — דער האָטעל, וואו ער שטעהט איין און וואו ס'שפּילט מוזיק נישט נאָר ביינאַכט, נאָר אויך בייטאָג; די רוסישע מייד־לאך, וואָס זיינען אין האָטעל אָנגעשטעלט צו טאַנצען מיט די אַמעריקאַנער געסט א „פאַקס־טראָט"; דער געשמאַקער רוסישער קאַוויאַר, וואָס ער עסט אין „סאַוואָי" האָטעל און די ציגיינער און ציגיינערטעס, וואָס זינגען דארטען שפּעט ביינאַכט. ער קוועלט אָן פון אַלץ און ער מיינט, אַז „אַזוי לעבט מען אין רוס־לאַנד".

אַזוי לעבט מען טאַקע אין רוסלאַנד, אָבער — נישט דאָס רוסישע פאָלק! אַזוי לעבען אין רוסלאַנד די אַמעריקאַנער און די אַנדערע אויסלענדישע געסט, וואָס קומען אַהין מיט „וואַליוטע"...

דעם דורכשניטליכען אַמעריקאַנער גאַסט געהט אָבער נישט אָן ווי אַזוי דאָס רוסישע פאָלק לעבט. ער אינטערעסירט זיך גאָרנישט דערמיט אַזוי שטאַרק; ער באַציהט זיך צו דעם ווי א פרעמדער, און נישט נעמענדיג זיך די מיה צו קוקען וויי־טער, ווייל ער האָט דאָך שוין גענוג וואָס צו דערצעהלען אין דער היים, אפילו גענוג פאַר אַן ארטיקעל אין א פּאַרעווען לי־בעראַלען זשורנאַל, וואָס קאָקעטירט מיט כלומר'שטען ראַדי־קאַליזם, איז ער באַגייסטערט פון דעם, וואָס ער זעהט. באַ־גייסטערט פון אַלץ...

איך האָב אין סאָוועט־רוסלאַנד גערעדט מיט גענוג אַזעלכע אַמעריקאַנער. איך האָב אויך גערעדט וועגען זיי, און איינער, א רוסישער מענש, האָט מיר געזאָגט:

— אין זיי, אין אָט די אַמעריקאַנער געסט, וועלכע זיינען אַזוי „באַגייסטערט", קענען מיר זעהן א לעבעדיגען ביישפּיל פון דעם, אַז וואָס גלייכגילטיגער א מענש איז צום שיקזאַל פונ'ם רוסישען פאָלק און צום שיקזאַל פון סאָציאַליזם, אַלץ מער איז ער באַגייסטערט פאַר דעם איצטיגען רעזשים. דער וואָס אינטערעסירט זיך יאָ מיט'ן שיקזאַל פונ'ם רוסישען פאָלק, דער, וועמען רוסלאַנד איז ליב און דער וואָס וויל ווירק־ליך מיט'ן גאַנצען הארצען, אַז דער סאָציאַליזם אין סאָוועט־רוסלאַנד זאָל זיין אַן ערפאָלג און זאָל דינען אַלס א מוסטער פאַר אַנדערע לענדער — דער קען ניט זיין באַגייסטערט פאַר דער

אייזערנער סטאַלין־דיקטאַטור און פאַר די מעטאָדען, וואָס האָבען דערפיהרט דאָס לאַנד אונזערס צו אַזאַ שרעקליכען הונגער און צו אַזאַ מורא'דיגער נויט...

אַזוי האָט מיר געזאָגט אַן אַלטער רוסישער סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, וועלכער האָט אַ סך יאָהרען פון זיין לעבען אַוועקגעבען אינ'ם קאַמף פאַר אַ פרייער רוסלאַנד...

אין די עטליכע וואָכען וואָס איך בין ארומגעפאָהרען איבער סאָוועט־רוסלאַנד, איז שוין אין אוקראַינע געווען דער שרעקליכער הונגער, וואָס האָט מיליאָנען מענשען געטריבען צו דער גרעסטער פאַרצווייפלונג און צו אַ לעבען, וואָס איז אַמאָל נאָך ערגער ווי דער טויט; אין דערפער און אין שטעדטלאַך זיינען אַרומגעגאַנגען מגפות; מענשען זיינען געשטאָרבען, ווייל זיי האָבען שוין מער דעם שרעקליכען הונגער ניט געקענט אריבערטראָגען; אויף אַ סך וועגען, וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט שניי, האָבען זיך געוואַלגערט גע'פגר'טע פערד, וואָס זיינען פון הונגער פאַרטשאַכניעט געוואָרען; אויף די וואָקזאַלען האָבען זיך אין שמוץ און אין קויט געוואַלגערט טויזענטער און טויזענטער פויערים, וואַרטענדיג אויף באַהנען, וואָס זאָלען זיי פיהרען אין די שטעדט, וואו מען קען נאָך אפשר עפּעס פאַרקויפען און אפשר קריגען ברויט. די לאַגע איז שוין דאַן געווען אַזאַ שרעקליכע, אז ס'האָט פשוט געריסען דאָס האַרץ צוקוקענדיג זיך צו די שווערע און מורא'דיגע ליידען פון די דערשלאָגענע און אומגליקליכע מענשען. און מען האָט מיר אומעטום געזאָגט, אז אַזוי איז דאָס שוין פאַר די לעצטע עטליכע חדשים און אַז זינט מען האָט זיך גענומען דורכפיהרען דעם פינף־יאָהריגען פּלאַן, אַוועקלייגענדיג די גאַנצע וואָג אויף דער „שווערער אינדוסטריע" און פאַרנאַכלעסיגענדיג די לייכטע, ווערט די לאַגע אין לאַנד וואָס אַמאָל אַלץ ערגער און ערגער.

אַזוי האָט מען מיר געזאָגט און איך האָב דאָס געקענט זעהן.

און דאָך האָט מען אין אויסלאַנד וועגען דעם ניט געוואוסט, כאָטש עס זיינען דאַן אין סאָוועט־רוסלאַנד געווען אמעריקאנער און אנדערע אויסלענדישע קאָרעספּאָנדענטען...

זיי, די אמעריקאנער און די אנדערע אויסלענדישע קארעספּאָנדענטען, וועלכע זיצען שטענדיג אין מאָסקווע, האָבען וועגען

דעם שרעקליכען הונגער אין לאנד „ניט געוואוסט". דערוואוסט וועגען דעם האָבען זיי זיך ערשט שפּעטער, נאָכדעם ווי די סאָוועט־רעגירונג אליין האָט גענומען קלאַפּען טרעוואָגע וועגען א „באַזונדער לאַגע", וואס איז געשאַפען געווארען איבער די „טעות'ן" פון לאָקאַלע בעאמטע, וואָס זיינען געווען „צו־שטרענג" צו די פּויערים אין די דערפער...

אויך די אמעריקאנער, וואס זיינען אין יענער צייט ארומ־געפאהרען, ניט געזעסען די גאנצע צייט אין מאָסקווע, האָ־בען וועגען דעם גאָרניט געוואוסט, ווייל געפאָהרען זיינען זיי אין וואַגאָנען פון ערשטען קלאַס, וואו מען זעהט „ריעל ראַשיען עטמאָספיר", ווייל מען טרינקט דאָרט טיי פון א סאַמאָוואַר, און אין די שטעדט, וואוהין זיי זיינען געקומען, האָבען זיי אויך גאָרניט געזעהן, ווייל דאָרטען זיינען שוין פאר זיי געווען צוגעגרייט האָטעלען מיט אַלע באַקוועמליכקייטען.

צווישען די אמעריקאנער געסט, וואס קומען אין סאָוועט־רוסלאַנד, זיינען אויך פאראן דעלעגאציעס, גאנצע און האלב־קאָמוניסטישע; זיי זיינען שוין פון גאָר אַן אנדער מין. און כאָטש מען געפינט צווישען זיי אַזעלכע, וואָס ריידען יאָ און פארשטעהען יאָ רוסיש, קענען זיי ניט און ווילען ניט זעהן די ווירקליכקייט פון דעם לעבען אין לאַנד. ווען זיי קומען אַהין, פיהרט מען זיי אין פאַבריקען און זאוואָדען און אין פארשידענע קולטור־אינסטיטוציעס; מען נעמט זיי אויף זעהר פיין, מען פראַוועט פאר זיי באַנקעטען און אומעטום געזעגענט מען זיך מיט זיי, אָפּזאָגענדיג דעם פּסוק, אז מען זאָל דערלעבען איבער א יאָהר מיט א רעוואלוציע אין אמעריקע...

און ווען אין אזא דעלעגאציע געפינט זיך אמאָל אַן עקס־צענטרישע, היסטערישע דאמע, וועלכע האָט א שוואכקייט צו מאכען רעווערענסען מיט געצאַצקעטע און געקינצעלטע פראַזען, ווייל ביי איר איז דער עיקר די פראַזע און ניט דער פאַקט, דער זשעסט און ניט דער געפיהל, שרייבט זי נאָכהער אָן אירע „איינדרוקען" אין אַזאַ טאָן פּונקט ווי זי וואָלט זיך גע'חנ'דעלט מיט דעקאַדענטישער פּאָעזיע. וואָס מען קען ניט לייענען אָהן א טראָפּ פון אָנגעקראָכמאַלעטער דעקלאַמאַציע, און ס'געהט אַזוי:

„בלומען און טישלאָך.
„טישלאָך און בלומען.
„בלומען איבעראַל.
„בלומען אויף די טישלאָך.
„בלומען אויף די פענסטער.
„אויף די טרעפּ.
„און אויף די זיילען —
„בלומען איבעראַל"...

און אַן אַנדערער, אַ מענש, וואָס איז אין דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, ווייל ער האָט זיך אַהין אריינגעגליטשט צופע־ליג איבער דעם וואָס ער איז אין אַלגעמיין אַ גליטשיג מענשעל; איינער, וואָס האַלט זיך שטענדיג אָן ביים פּארקען מיט ביידע הענט ווען ער מאַכט אַ שפּאַן און דערביי שעהמט ער זיך ניט צו מאַכען דעם אָנשטעל פון אַ גרויסען העלד און שרייט: „זעהט ווי פעסט און זיכער איך געה, זעהט ווי פעסט און מוטיג איך בין זעלבסטשטענדיג!" — ער פּאַררוקט זיין געוויסען אין אַ ווינקעל, פּאַרוואַרפט דעם טאַלאַנט זיינעם אויף די באַנטעם און איבערגעבענדיג זיינע איינדרוקען פון סאָוועט־רוסלאַנד שרייבט ער אַזוי:

„מיר זיינען אַריין אין דער גרויסער, אין דער ריזיגער פּאַב־ריק און מיר זיינען פּאַרכאַפּט געוואָרען פון דעם אימפּעט. האַ־מערס האָבען געקלאַפּט, פונקען האָבען געשפּריצט, רעדער האָבען זיך געדרעהט און שטאַנגען האָבען זיך געשאָקעלט. און מיט אַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שטים, אַ פעסטע, מונטערע שטים פון אַ רוסישען אַרבייטער. „חברים", האָט די שטים איבער־געהילכט דאָס קלאַפּעריי פון שטאָל און אייזען, חברים, ווען וועט איר שוין מאַכען די רעוואָלוציע אין אַמעריקע?"...

פּאַר אַזעלכע אַמעריקאַנער געסט האָט אַ סאָוועטישער ביר־גער מורא צו ריידען. פּאַר אַזעלכע רעדט ער ניט אויס זיין ביטער הארץ, פּאַר אַזעלכע קלאָגט ער זיך ניט אויף זיין ביטערער דאָליע. און ווען איינער כאַפּט זיך אַמאָל פּאַר זיי יאָ אַרויס מיט אַ וואָרט, קלעפּען זיי אים גלייך אָן אַ בלעטעל אַז ער איז אַ „קאָנטער־רעוואָלוציאָנער", אַ „ספּעקולאַנט", אַ „וואַליוטניק", אַ „וויים־גוואַרדייער", אַ „שונא פון'ם אַרבייטער קלאַס" און וואָס דען ניט!...

דערצו קומט צו נאָך אַ זאַך, וואָס מאַכט שווער פאַר אַ פרעמדען און פאַר אַ פאַנאַטיקער צו זעהן די טרויעריגע ווירק־ליכקייט אין סאָוועט־רוסלאַנד אונטער דער איצטיגער אייזערנער דיקטאַטור:

דער סאָוועטישער בירגער האָט מורא; ער רעדט ניט הויך, נאָר ער שושקעט אַריין אין אויער, אַרומקוקענדיג זיך דערביי פאַרזיכטיג אין אַלע זייטען. און ווען ער רעדט יאָ, גיט ער זיך אָפּט דערביי אַזאַ עצה, אַז ער דעקט צו דעם אמת מיט ליגען און דעם ליגען מיט אמת, און ס'קומט אַרויס אַזאַ פּלאָנטער, אַז ניט אַלע קענען דאָס אָנכאַפּען....

אויף ווי ווייט דער סאָוועטישער בירגער איז די לעצטע צייט געוואָרען אַ מייסטער צו פאַרדעקען דעם אמת מיט ליגען און דעם ליגען מיט אמת, אַזוי אַז ס'זאָל אַרויסקומען אַ געמיש פון ביידען און מען זאָל ניט וויסען וואָס ס'איז אמת און וואָס ס'איז ליגען, קען מען זעהן פון אַ געשיכטע וואָס מען האָט מיר דערצעהלט אין מאָסקווע אין אַ געשפּרעך וועגען דעם ווי אַזוי דער סאָוועטישער בירגער האָט זיך אונטער סטאַלינ'ס רעזשים אויסגעלערענט צו ריידען און שרייבען פאַרשטעלט:

אַ סאָוועטישער אָנגעשטעלטער, — דערצעהלט מען, — איז זומער אוועקגעפאָהרען אויף אַ דאַטשע קיין קאַווקאַז. ביים געזעגענען זיך האָט די ווייב געהאַט צו אים אַ בקשה: ער מוז איר שרייבען דעם גאַנצען אמת. קיין זאַך ניט פאַרלייקענען!...

— איך קען דאָך דיך, — האָט זי געזאָגט, — דו ביזט בטבע אַ מענש אַ ראָמאַנטישער, עס ליגט שוין אין דיין נאַ־טור, אַז ווען דו דערזעהסט אַ שעהנע פרוי, זאָלסטו זיך אין איר גלייך פאַרליבען, און ווען דו פאַרליבסט זיך, ווייס איך דאָך וואָס דו צואַרבייטסט... איינצוימען דיין טעמפּעראַמענט וויל איך זיך ניט אונטערנעמען, ווייל איך ווייס, אַז דאָס איז אומזיסט, און דערפאַר זאָג איך דיר: קענסט זיך פאַרליבען, דו מעגסט טאָן וואָס דו ווילסט, אָבער איין זאַך בעט איך דיך: דו זאָלסט פאַר מיר קיין זאַך ניט לייקענען, דו זאָלסט מיר שרייבען דעם גאַנצען אמת...

אַרויסגעפאָהרען איז ער אין אַ „ווייכען וואַגאָן”, אין אַ באַ־זונדער „קופּעי”. עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט און ער האָט זיך געלעגט שלאָפען. און אין דער פריה, ווען ער האָט זיך

אויפגעכאפּט, האָט ער דערזעהן ווי פון׳ם אויבערשטען בעטעל הענגט ארונטער אַ פיסעל פון אַ פרוי, און טאַקע אַ גאַנץ שלאַנק פיסעל אויך...

פאַררייסענדיג דעם קאָפּ ארויף האָט ער דערזעהן אַ פנים, און טאַקע אַ גאַנץ שעהן פנים אויך...

אליין אַ מענש אַ געניטער אין אזעלכע זאכען, האָט דער סאָוועטישער אָנגעשטעלטער גלייך פארבונדען אַ באַקאַנטשאַפט מיט דער שעהנער דאַמע, וואָס טאַקע נאָר גאָט אליין האָט אים צוגעשיקט, און ס׳האָט זיך שוין אויסגעדרעהט אזוי, אז אַנ־שטאָט צו פאָהרען גלייך קיין קיסלאָוואָדסק, אין קאַווקאַז, איז ער מיט דער דאַמע ארונטער אין ראָסטאָוו, ווייל דאָרט האָט זי, די שעהנע דאַמע, געוואוינט...

און אזוי ווי ער האָט געדאַרפט האַלטען וואָרט, האָט ער פון ראָסטאָוו ביינאַכט ארויסגעשיקט דער ווייב אזא טעלעגראַמע:

„בין ארויסגעפאָהרען בשלום. אויפ׳ן וועג האָט זיך גע־געבען אַ דרעה אונטער אַ פּוס, בין איך ארונטער אין ראָסטאָוו. איך נעם ארום און קוש.״

און אונטערגעשריבען האָט ער זיך: „ד י י נ ע ר״...

אָט אזוי גיט אַ סאָוועטישער בירגער זיך אן עצה, ווען ער דאַרף עפּעס פארשטעלען. ער האָט זיך אויסגעלערענט צונויפ־מישען דעם אמת און דעם ליגען, ניט נאָר ווען עס האַנדעלט זיך וועגען פּריוואַטע ענינים, נאָר אויך ווען עס האַנדעלט זיך וועגען פּאָליטיק. און ניט יעדער איינער קען געווינען זיין צו־טרויען אזוי, אז ער זאָל ריידען פריי און אָפען וועגען זיין פינסטער לעבען...

פאַר פרעמדע, וואָס קענען ניט זיין שפּראַך, און פאַר פאַ־נאַטיקער, וואָס קימערען זיך ניט וועגען זיינע ליידען און וועל־כע קומען צופאָהרען מיט פארטיגער „באַגייסטערונג״ פאַר אַלץ, רעדט ער ניט. און ווען ער רעדט יאָ אַמאָל פאַר זיי, רעדט ער פארשטעלט...

דרייצענטער קאַפּיטעל.

# אין אַדעס.

## 1. אַ שטאָדט מיט אַ רעפּוטאַציע פון אַמאָל.

אויף דער גאַנצער וועלט איז שווער צו געפינען נאָך אַזאַ שטאָדט, וואו דער לאָקאַלער פּאַטריאָטיזם זאָל זיין אַזוי גרויס ווי אין אַדעס.

דער אַדעסער האָט זיך אַלע מאָל איבערגענומען מיט זיין שטאָדט, ער האָט זיך אַלע מאָל באַרימט מיט איר, פּונקט ווי איינער וואָס איז זיכער, אַז די מיידעל, אין וועלכער ער איז פאַרליבט, איז די שעהנסטע און די גרעסטענסטע אין דער וועלט. אַן אַדעסער דערצעהלט אייך וואונדער וועגען דעם ווי די אַקאַציע בוימער אין די גאַסען צובליהען זיך זומער און ווי די לופט איז פריש און קרעפטיג ווינטער ווען עס פאַלט אויס אַ שניי. ער פיהרט אייך גערן צום ברעג פון דעם שווארצען ים און ווייזט אייך אָן מיט שטאָלץ אויף דער ווייטקייט, וואָס רופט אַרויס בענקעניש און טרוימען. ער שפּאַצירט מיט אייך אויף אַ בולוואַר, אָדער אין אַ פּאַרק און ער קוועלט אָן פון אַלץ, וואָס ער זעהט און פון די אַלע ערטער, וואו ער געהט, און דערביי זאָגט ער מיט שטאָלץ און פאַרגעניגען:

— עס איז אַדעס!...

פרומע אידען פלעגען אַמאָל זאָגען, אַז זיבען מייל פאַר אַדעס ברענט שוין דאָס פייער פון'ם גיהנום. און דאָס האָט געהייסען, אַז אַדעס איז אַ פרייע, אַ צולאָזענע שטאָדט, אַז מען היט דאָרט ניט אָפּ די מאָראַל און אַז מען לעבט דאָרט אַ טאָג אויף וואָס די וועלט שטעהט.

און אַדעס איז ווירקליך געווען איינע פון די לעבעדיגסטע און שענסטע שטעדט אין רוסלאַנד. זי האָט אין זיך געהאַט אַזאַ

צוויבער, אַז ווער עס איז נאָר דאָרט געווען איין מאָל, האָט שוין געמוזט קומען אַהין נאָך אַמאָל, ווייל עס האָט אים אַהין געצויגען ווי מיט אַ מאַגנעט און ער האָט אַהין שטאַרק געבענקט. פון אַנדערע שטעדט און שטעדטלאַך זיינען אַהין שטענדיג געלאָפען יונגע מענשען מיט אַמביציע און ענערגיע, יונגע מענשען, וועמען עס איז אין דער היים געווען ענג — אדעס איז געווען די שטאָדט פון שעהנע טרוימען און ליכטיגע האָפענונגען. און אַזוי ווי דערצו איז זי אַליין אויך געווען שעהן, איז זי געקרוינט געוואָרען מיט'ן נאָמען „די שעהנהייט פונ'ם דרום'דיגען געגענד".

איצט לעבט אַדעס נאָך אַלץ אויף איר אַמאָליגער רעפּוטאַציע. נייגעריגע טוריסטען, וואָס קומען קיין סאָוועט־רוסלאַנד, פאַרפעהלען ניט צו באַזוכען אַדעס. אָבער אין אַלגעמיין מאַכט אַדעס איצטער דעם איינדרוק פון אַ מיידעל אין די יאָהרען, וועגען וועלכער מען הערט טויזענט און איין געשיכטעס ווי שעהן זי איז אַמאָל געווען און וואָס פאַר אַ גרויסען ערפאָלג זי האָט אַמאָל געהאַט אין ליבע...

אין דער צייט פון דעם בירגער־קריג איז אַדעס איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט; עס זיינען דאָרט פאָרגעקומען אַ סך שלאַכטען; די מאַכט האָט זיך דאָרט אַלע מאָל געביטען. און דער שטעמפּעל פונ'ם חורבן אין יענער צייט, וואָס איז שוין לאַנג אַוועק, ליגט נאָך איצט אויף דער גאַנצער שטאָדט און מען פיהלט אים אומעטום, וואו מען געהט און וואו מען שטעהט, כאָטש מען האַלט אייך אין איין זאָגען, אַז אַדעס בויט זיך, אַז אדעס סטראָיעט זיך און אַז זי האַלט אין איין וואקסען, אין איין ווערען אַלץ גרעסער און גרעסער...

און אין דעם פּרט איז אַדעס גלייך מיט אַנדערע שטעדט, וואו די בירגער־קריג איז געווען שטאַרק; די סימנים פון חורבן זעהט מען מער ווי די סימנים פון אויפבוי...

מען דערפיהלט אָבער דאָך עפּעס אַביסעל אַנדערשקייט אַזוי שנעל ווי מען פאָהרט אַריין אין שטאָדט. מען דערפיהלט דאָס אין די מענשען, מיט וועלכע מען טרעפט זיך, אין די אייגענע און אויך אין די פרעמדע. און דאָס איז דערפאַר וואָס דער אדעסער מענש איז צוגעלאָזענער, היימישער, גאַסטפריינדליכער און לעבעדיגער ווי אַנדערע, און אויך דערפאַר וואָס אפילו איצט, אין די שווערע צייטען, האָט דער אַדעסער מענש ניט פאַר־

לאָרען דעם חוש פאַר הומאָר און ער קען זעהן דאָס קאָמישע אפילו אין דער גרעסטער טראַגעדיע...

אדעס איז אין א געוויסען זין דאָך געבליבען אדעס...

אין אָדעס איז מיר ניט אויסגעקומען צו וואַלגערען זיך אויפ'ן וואקזאַל אַ לאַנגע צייט, ווי אין כאַרקאָוו. מען האָט מיך ביי דער סטאַנציע באַגעגענט מיט אַן אַטאָמאָביל און מען האָט מיך גלייך אַוועקגעפיהרט אינ'ם האָטעל „באַלשאַיאַ מאָס-קאָווסקאַיאַ", וואָס געפינט זיך אויף דער באַרימטער דעריבאַ-סאָווסקער גאַס, וואָס איז אַמאָל געווען דער שטאָלץ פון אָדעס. אַמאָל, אָבער ניט היינט...

אַריינגעקומען אין האָטעל, האָט מען מיר, ווי עס שיינט, גלייך געוואָלט ווייזען ווי אַלעס איז דאָרט לויט די מאָדערנסטע איינריכטונגען און מען האָט מיר געהייסען אריינגעהן אינ'ם „עלעוועיטאָר", ארויפצופאָהרען אויפ'ן פערטען שטאָק, וואו מען האָט פאַר מיר אַ צימער צוגעגרייט. דער „עלעוועיטאָר" איז געווען זעהר אַ שעהנער, א ווייס-געפארבטער. אָבער ער האָט ניט „געאַרבייט"...

וויפיל מען האָט ניט געמוטשעט די מאַשין — זי האָט ניט געאַרבייט. דער „עלעוועיטאָר" האָט זיך פונ'ם אָרט ניט גערירט, און מען האָט זיך געמוזט מטריח זיין און ארויפגעהן אויפ'ן פערטען שטאָק צופוס. און שפּעטער האָט מען מיר געזאָגט, אַז דער „עלעוועיטאָר" אינ'ם האָטעל שטעהט מער ווי ער געהט...

דאָס איז געווען דער ערשטער סימן פון דער מאָדערנער רוסישער טעכניק, וואָס דאַרף דעריאָגען און אריבעריאָגען אמע-ריקע. אין די עטליכע טעג, וואָס איך בין געווען אין אָדעס, איז דער „עלעוועיטאָר" אין האָטעל די גאַנצע צייט געשטאַנען...

אויך די עלעקטריק האָט ארויסגעוויזען קאַפּריזען. זעהר אָפט האָט זי זיך ביינאַכט אַליין אויסגעלאָשען און ס'איז אין די גאַסען געוואָרען פינסטער. און ווען איך האָב געפרעגט וואָס ס'איז דער מער מיט דער עלעקטרישער באַלויכטונג אין שטאָט, האָט מען מיר געגעבען דעם זעלבען ענטפער, וואָס מען גיט געוועהנליך אין סאָוועט-רוסלאַנד אין עהנליכע פאַלען:

— די שטאָט וואַקסט!...

אין אָוונט בין איך ארויסגעגאַנגען אויף דער דעריבאַסאָוו-סקאַיאַ. איך האָב געוואָלט זעהן ווי עס קוקט איצטער אויס די

גאס, וואָס איז אַמאָל געווען דער שטאָלץ פון אָדעס, די גאס, וואָס איז אַמאָל געווען פול מיט לעבען, פארב און באוועגונג. אבער עס איז שווער געווען צו געפינען אפילו א סימן פון דעם...

די גאס איז געווען זעהר שלעכט באַלויכטען און די מענשען, וואָס מען האָט אויפ'ן וועג באגעגענט, זיינען געווען זעהר אָרים אָנגעטאָן. בלויז פון צייט צו צייט האָט זיך געגעבען א וואָרף אין די אויגען א מענש, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אביסעל בעסער און שעהנער ווי די אַנדערע. אויך די קליידער פון די פרויען האָ־בען ניט געהאט קיין איין קאָליר, וואָס זאָל אין זיך האָבען לייכט־קייט, באוועגליכקייט; אַלע האָבען געטראָגען שווארצע, אָדער גרויע שווערע לייבלאַך; שווארצע, אָדער גרויע אַלטע מאַנטלען, און איינינגע האָבען אויך געטראָגען שווערע מאנסבילשע שטיוועל אויף די פיס און אַלטע טונקעלע שאַלעכלעך אויף די קעפּ. בלויז פון צייט צו צייט האָט זיך דורכגעוואָרפען א פרוי, וואָס איז געווען אָנגעטאָן שעהנער אביסעל ווי די אנדערע און וועלכע איז אין איר גאנג געווען באוועגליכער אביסעל ווי די אַנדערע.

אויף די אַלע מענשען, וואָס זיינען אויף דער ברייטער דערעבאַסאָווסקע געגאנגען, איז געלעגען א שווערקייט, וואָס מען קען ניט באהאַלטען אפילו ווען מען וויל דאָס. ביי אַלעמען זיינען די פּנים'ער געווען אָנגעכמורעט און עס האָט זיך פון זיי א טיפער אומעט געטראָגען. עס האָט זיך געדוכט, אז דאָס זיינען ניט קיין מענשען, וואָס געהען אין אָווענט ארום אין גאַס מיט דעם באַוואוסטזיין, אז זיי האָבען א גאנצען טאָג געארבייט, אז זיי האָבען ניצליכע זאכען געטאָן, נאָר זיי האָבען זיך פון ערגעץ ארויסגעריסען, ארויפבאַפּענדיג אויף זיך וואָס ס'האָט זיך נאָר געמאכט און איצט שלעפּען זיי זיך מידע און פארמאַטערטע גלאַט אַזוי, אליין ניט וויסענדיג וואוהין זיי געהען און צוליב וואָס זיי געהען...

און אַלץ ארום און ארום איז געווען אזוי שווער, פינסטער, שווארץ און קויטיג.

מען האָט ניט געהערט, אז אימיצער זאָל הויך רעדען, אז אימיציער זאָל הויך לאַכען. און דערפאר האָבען די טריט אָפּגע־קלאַפּט אַזוי הילכיג, פונקט ווי מען וואָלט זיי געוואָלט וואָס שנעלער אפּוואָרפען פון זיך און אליין ערגעץ אוועקגעהן; באָטש מען ווייסט ניט וואוהין...

די שוי־פענסטער פון די אַלע רעגירונגס־קראָמען אויף דער דערעבאַסאָווסקע זיינען געווען זעהר שלעכט באַלויכטען און זיי האָבען אויסגעזעהן פונקט אַזוי נעבעכדיג, מיט פונקט אַזאַ טיפען אומעט אין זיך ווי די מענשען, וואָס זיינען אין דרויסען געגאַנ־גען. זעלטען ווען האָט זיך אימיצער ביי זיי אָפּגעשטעלט, און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דאָס זיינען גאָרניט קיין קראָמען, וואו מען פאַרקויפט, נאָר אויסשטעלונגען פון אַרטיקלען, וואָס מען האָט אָהן אַ טאָלק ערגעץ צונויפגעקליבען און אָהן געשמאַק דאָ אַרויסגעשטעלט, אַז מען זאָל זיך כאָטש אומקוקען אויף זיי אויב מען וועט נאָר וועלען...

געהענדיג אַזוי אויף דער דערעבאַסאָווסקע בין איך אַריינ־געגאַנגען אין׳ם באַריהמטען „פּאַסאַזש", וואָס איך האָב נאָך גע־דענקט פון יענע צייטען, ווען מען האָט דאָרט אין די אָוועַנטען געזעהן אַזאַ וואונדערבאַר שעהנע שפּיל פון ליכט און קאָלירען און וואו אַלעס אַרום און אַרום האָט געלויכטען און געפינקעלט. איך בין אַריינגעגאַנגען אַהין דורך דער דערעבאַסאָווסקע און בין אַרויס פון דער אַנדערער זייט, וואו עס געפינט זיך דער אַריינגאַנג צום האָטעל „פּאַסאַזש". עטליכע מאָל בין איך געגאַנגען אַהין און צוריק, זיך אָפּגעשטעלט ביי די קראָמען פוןביידע זייטען, ביי די גלעזערנע גרויסע שויבען, ביי די שפּיגלען און ביי אַלץ, וואו מען האָט זיך נאָר געקענט אָפּשטעלען. און מיר האָט זיך געדוכט ,אַז אַלעם אין „פּאַסאַזש" איז דערשטיקט געוואָרען באַ־וויינענדיג אַ גרויסען חורבן...

אומעטום איז דאָרט געווען שמוציג און אָפּגעלאָזען. די מענשען, וואָס זיינען אינווייניג אין׳ם „פּאַסאַזש" געגאַנגען, האָ־בען אויסגעקוקט ווי אבלים; איך האָב ניט געזעהן, אַז אימיצער זאָל שמייכלען, איך האָב ניט געהערט, אַז אימיצער זאָל געבען אַ לאַך. דער אומעט פון זייערע פּנים׳ער האָט געשטימט מיט דעם פאַרגליווערטען שטילען טרויער, וואָס האָט זיך אין׳ם „פּאַסאַזש" פון אַלע ווינקעלאַך און פון אַלע שטיינער געטראָגען. אויך די קויטיגקייט זייערע האָט געשטימט מיט דער קויטיגקייט פונ׳ם „פּאַסאַזש". און — ווי מאָדנע דאָס זאָל ניט זיין — אין די אַלע שוי־פענסטער פון די קראָמען, וואָס האָבען אויסגעקוקט אַזוי נעבעכדיג, האָט מען געזעהן בלויז בראַנפען און ווינען, פּאַר־פיומען און נאַשערייען...

אַזוי איז דאָס, אגב, ניט נאָר אין אָדעס, נאָר אויך אין אַנדערע שטעט אין סאָוועט־רוסלאַנד. עס פעהלט ברויט, עס פעהלט עסענוואַרג, און — די קראָמען זיינען געפּאַקט מיט בראַנ־פען און וויינען, מיט פּאַרפיומען און נאַשערייען...

פּונקט ווי קיין אַנדערע זאַכען וואָלטען דער באַפעלקערונג ניט געפעהלט...

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט ווען איך בין אַרויף אויף דער רישעלעווסקער גאַס, וואו עס שטעהט נאָך איצט דער מאָנומענט פון׳ם דיוק רישעליע, וועלכער ווייזט אָן מיט אַ פינגער אויפ׳ן ים. איך האָב זיך געלאָזט געהן ביים ברעג פון׳ם שוואַר־צען ים, וואו עס שטעהט דער גרויסער מאָנומענט פון דעם באַ־ריהמטען רוסישען דיכטער אַלעקסאַנדער פּושקין, און דאָרטען האָט מען געקענט זעהן, אַז אָדעס איז נאָך אַלץ געבליבען אָדעס...

טאַקע אָרים, טאַקע אין אַלטע קויטיגע קליידער, האָבען פאַר־ליבטע פּאָרלעך געשפּאַצירט לעבען פּושקינ׳ס מאָנומענט....

טאַקע אין צוריסענע שיך און אין מאַנסבילשע שטיוועל, האָבען יונגע מיידלעך, וואָס האָבען נאָר אויסגעזעהן ווי קינדער, געשפּאַצירט מיט יונגע בחורים, און אַלע מאָל האָט אַ מיידעל ערגעץ זיך צולאַכט, אַלע מאָל האָט אַן אַנדערע ערגעץ זיך צוכי־כי־קעט...

— דאָס זיינען אונזערע „קאָמסאָמאָלצעס" און „קאָמסאָ־מאָלקעס", — האָט מיר געזאָגט אַ פריינד, וועלכער האָט מיט מיר געשפּאַצירט, — זיי זיינען דערצויגען געוואָרען אַזוי, אַז זיי ווייסען אינגאַנצען ניט וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. זיי מיינען, אַז אין רוסלאַנד לעבען איצטער מענשען אַ סך בעסער ווי אין אַלע אַנדערע לענדער, לאַכען זיי נאָך, פרעהען זיי זיך נאָך. עס איז זיי גוט...

— אָבער פאַר וואָס זיינען זיי אַזעלכע קליינינקע? זיי קוקען דאָך אויס ווי קינדער...

— זיי וואַקסען ניט ביי אונז...

אין דעם זעלבען אָוונט האָב איך אויך געשפּאַצירט אין דעם קליינעם פּאַרקעל, וואָס געפינט זיך לעבען דעם האָטעל „פּאַסאַזש". דאָרטען איז געווען אַביסעל טומעלדיג; מענשען, וואָס זיינען געווען ניט אינגאַנצען ניכטער, האָבען צווישען זיך גערעדט אויפ׳ן קול און אַלע מאָל האָט אַן אַנדערער געפּראַוועט

פאַרציהען אַ ליד, אָבער עס איז אים אַלץ ניט געלונגען. איך האָב דאַרטען אויך געזעהן שכורים, וואָס האָבען זיך קוים אויף די פיס געהאַלטען, און איינער איז געלעגען אויף דער ערד און האָט גלאַט אַזוי געזידעלט:

„דאַ נו איך איך"...

אַלע מאָל האָט ער געפּרואווט זיך אויפהויבען, אָבער ער האָט ניט געקענט. אַ חבר זיינער, וואָס איז אויך געווען היבשלאַך שיכור, איז געשטאַנען לעבען איהם, האַלטענדיג זיך קוים אויף די פיס. ער האָט דעם ליגענדיגען געזאָגט מוסר און האָט בייז געבורטשעט, פּלאָנטערנדיג מיט דער צונג. אָבער יענער האָט ניט געהערט וואָס מען רעדט צו אים; ער האָט אפשר אינגאַנצען ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט ער איז, און ער האָט מער גאָר ניט געקענט זאָגען ווי נאָר:

„דאַ נו איך איך..."

און ניט ווייט פון די צוויי האָט זיך אַרומגעדרעהט אַ גאַסענמיידעל, און דאָס אַליין איז געווען אַן אַדעסער וואונדער, ווייל אין סאָוועט־רוסלאַנד איז פּראָסטיטוציע אינגאַנצען אָפּגעשאַפט און מען זעהט אין ערגיץ ניט קיין גאַסענמיידלאַך. אַ פאַרעלטערטע, מיט אַ שרעקליך צוקנייטשט פּנים און מיט צוריסענע קליידער, האָט זי זיך אינ'ם פּאַרקעל אַרומגעדרעהט אַהין און צוריק און גערעדט צו זיך אַליין. מען האָט געזעהן, אַז זי איז שכור; זי האָט געלאַכט און געוויינט; גע'טענה'ט צו זיך אַליין און צו אַנדערע; וואַרפענדיג ווערטער, וואָס האָבען זיך ניט אינגאַנצען געקלעפּט איינע צו די אַנדערע, האָט זי אויפ'ן קול דערציהלט אַ ווילדע געשיכטע וועגען אַ געליבטען, וואָס איז פון איר אַוועק; אָהן בושה האָט זי אין דער הויך, אַזוי אַז אַלע זאָלען הערען, באַנוצט שרעקליך מיאוס'ע ווערטער, ריידענדיג וועגען די נאָהענטע באַציהונגען, וואָס זי האָט געהאַט מיט יענעם, וואָס איז פון איר אַוועק, און אַלע מאָל האָט זי ווידער אָנגעהויבען דאָס זעלבע:

„געווען איז מיין געליבטער אַן אַלטער רעוואָלוציאָנער, אַ באָלשעוויק"...

דער מענש, וואָס איז געגאַנגען מיט מיר, האָט געמאַכט אַ באַמערקונג:

— איר זעהט, אפילו אינ'ם איבערבלייבעניש פונ'ם אַלטען

פיהלט זיך אויך דער גייסט פון דער נייער צייט... אמאָל וואָלט אַזאַ אומגליקליך באַשעפעניש געפּלוידערט וועגן אַ ליובאָווניק אָן אָפּיצער, און איצט באַמבעלט זיך איר אין קאָפּ אַ רעוואָלו־ציאָנער... און ניט גלאַט אַ רעוואָלוציאָנער, נאָר טאקע אַ באָל־שעוויק...

ביינאַכט זעהט מען אויף די אדעסער גאַסען דעם חורבן פון דער שטאָדט נאָך מער ווי בייטאָג. מען קען געהן איבער די גאַסען אַ לאַנגע צייט און זעלטען באַגעגענען אַ מענשען.

אויף דער „מאָלדאָוואַנקע״ באַפאַלט ביינאַכט אַ פּחד און עס ווערט שרעקליך שווער אויפ'ן הארצען. חוץ די אַלטע קווי־טיגע הייזער, וואָס קוקען אויס ווי חורבות, מיט די געלע און בלויע ווענט זייערע, מיט די גרויע צובראָכענע טויערען זייערע און מיט די שלעכט ברוקירטע גאַסען און געסלאַך, זעהט מען נאָך אָהן אַ שיעור צעוואָרפענע און צוטאָסקעטע הייזער. אור־מעטום ליגען גאַנצע הויפענס שטיינער און ציגעל, פון אומעטום קוקען אַרויס שוואַרצע, בלינדע שויבען; זעלטען ווען מען זעהט אין אַ שויב אַ פייערעל, וואָס זאָל דינען אַלס אַ סימן, אַז דאָרטען לעבען מענשען; אויך אין די גאַסען זעהט מען כמעט קיין מענשען ניט. עס דוכט זיך, אַז מען געפינט זיך אויף אַ בית־עולם, אָדער אין אַ שטאָדט, וואו די לעבעדיגע האָבען זיך פאַר־רוקט אין די לעכער, ווייל זיי האָבען מורא פאַר אַ שונא, וואָס לויערט ערגיץ אין דער פינסטער און וואַרט בלויז אויף אַ צייכען אָנצופאַלען...

דעם זעלבען איינדרוק האָט מען אויך ווען מען געהט ביי־נאַכט אויפ'ן „פּערעסיפּ״, און אין איינינע אַנדערע געגענדען. אומעטום איז פינסטער, חושך. אומעטום פיהלט זיך די אָרימ־קייט, די אָפּגעלאָזענקייט, און מענשען געהען אַרום פאַראומער־טע און פאַרזאָרגטע. און ווען איינעם לעבט זיך אַביסעל בע־סער און ער קען זיך אָנטאָן אַ ביסעל לייטישער, האָט ער מורא, אַדער ס'איז אים גלאַט ניט אַנגענעם...

דעם ערשטען אָוונט וואָס איך בין געקומען קיין אַדעס, האָב איך געזעהן אַ סך באַקאַנטע און פריינד און איך האָב אויך פאַרפיהרט נייע באַקאַנטשאַפטען. צווישען די נייע באַקאַנטע מיינע איז געווען אַ יונגע דאַמע, וועלכע איז צו מיר געקומען מיט איר'ן אַ ברודער, מיט וועמען איך האָב אַמאָל צוזאַמען

געלערענט. זי, די יונגע דאמע, איז געווען אָנגעטאָן אָרים, אָבער נעט און מיט פיינעם געשמאק; זי האָט ניט געטראָגען קיין שאַלעכעל אויפ׳ן קאָפּ, נאָר אַ הוט; זי האָט ניט געטראָגען קיין מאנסבילשע שטיוועל אויף די פיס, נאָר אַ פּאָר האלבע שיכלאך, וואָס זיינען ניט געווען זעהר גאנץ; אין אַלגעמיין האָט זי אין זיך נאָך געהאט דעם חן, וואָס זעהר ווייניג פרויען אין סאָוועט־רוסלאנד פארמאָגען נאָך, און דאָס אליין איז שוין געווען גענוג, אַז זי זאָל אין אַ געזעלשאפט ציהען מער אויפמערקזאמקייט. זי האָט אויפ׳ן האלז געטראגען אויף אַ שנירעלע עפּעס אַ ברעלאָקעל, און ווען מיר זיינען שפּעטער אַלע צוזאמען ארויסגעגאנגען אין גאס, האָט זי אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פונ׳ם אויבערשטען מאַנטעל, ווייל זי האָט מורא געהאט, מען זאָל נאָך ניט זעהן, אַז זי טראָגט עפּעס אויפ׳ן האלז...

זי האָט אויך מורא געהאט צו געהן אַהיים אַליין, ווייל דער מאַנטעל אירער, וואָס זי האָט נאָך פון די בעסערע צייטען, זעהט נאָך אויס לייטיש...

און מענשען האָבען מיר געזאָגט, אַז אין אַלגעמיין קוקט מען אין אדעס קרום אויף איינעם, וואָס געהט נאָך אָנגעטאָן ווי אַ מענש...

דער ערשטער טאָג אין אדעס האָט אויף מיר אַ שווערען איינדרוק איבערגעלאָזען. די מענשען, מיט וועמען איך האָב זיך באקענט, האָבען מיר דערצעהלט וועגען נויט און הונגער, וועגען אַ לעבען ,וואָס מען קען ניט אריבערטראָגען. בלויז געצעהלטע מענשען האָבען זיך ניט באַקלאָגט.

און שפּעט ביינאכט בין איך געזעסען ביי איינעם פון מיינע נייע באקאנטע, וועלכער איז מיר שטארק געפעלען, ווייל ער איז ווירקליך געווען זעהר אַן עדעלער און זעהר אַ סימפּאַטישער מענש. ער האָט פאַר מיר געשילדערט ווי טרויעריג און שווער זיין לעבען איז, און געענדיגט האָט ער אַזוי:

— שטעלט זיך פּאָר בלויז אַזאַ בילד: אַ מענש קריגט ניט מער ווי דריי־פערטעל פונט ברויט אַ טאָג... ווען ער שטעהט אויף, צושניידט ער דאָס שטיקעל ברויט אויף דריי קליינע רייפט־לאך: איינס פאר אין דער פריה, דאָס צווייטע פאר בייטאָג, און דאָס דריטע פאר אויף דער נאכט... ער טוט דאָס פאָרזיכטיג, ווייל ער וויל שפּעטער ניט בלייבען נאָך מער הונגעריג ווי ער איז

איצטער... דער מענש — דאָס בין איך! ... און אַזעלכע ווי איך זיינען איצטער פאַראַן אַזוי פיל! ...

## 2. „כהנים” אין דער משפחה.

וואָס מער מען פאָרט אַרום איבער סאָוועט־רוסלאַנד און וואָס מער מען הערט זיך צו צו דעם, וואָס מענשען דערצעהלען וועגען זייער לעבען, אַלץ מער באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז מיט דער אויסנאַם פון די געטרייע און איבערגעגעבענע קאָמוניסטען, וועלכע גלויבען ווירקליך, אַז דאָס איז דער וועג, וואָס וועט פיהרען צו סאָציאַליזם, קוקט דער גרעסטער טייל פון דער רוסישער באַפעלקערונג אויף דעם איצטיגען רעזשים ווי אויף אַ מין „שטאַאַטס־פאַנטששינע”, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכען ניט אין דער געשיכטע.

איך האָב אין אָדעס גערעדט מיט מענשען פון פאַרשידענערליי פּראָפעסיעס און מלאכות; איך האָב זיך דאָרט באַקענט מיט אַרבייטער, אינזשענירען, דאָקטוירים, אַפּטעקערס, לערער און פאַרשידענערליי סאָוועטישע אָנגעשטעלטע, און פון דעם, וואָס זיי האָבען מיר דערצעהלט וועגען זייער לעבען, איז געוועזען קלאָר, אַז די מערסטע פון זיי פיהלען זיך אונטער אַ שווערען דרוק, אַז זיי קענען גאָר אפילו ניט טראַכטען וועגען אַזאַ זאַך, ווי האָבען אַ דעה איבער זיך אַליין; אַז זיי זיינען שטענדיג ווי אין אַ קלעם און אַז זיי פיהלען זיך תמיד פּונקט ווי אינ׳ם שפּאַן פון אַ שווערען וואָגען, וואָס לאָזט זיך ניט אַרויסשלעפּען פון אַ גרוב, וואו די רעדער האָבען זיך פאַרהאַקט — אַ שפּאַן, וואו דער אָנטרייבער הערט ניט אויף צו שמייסען מיט דער גרויסער בייטש, וואָס שניידט פאַסען ביז בלוט...

אויף די גאַסען פון אָדעס האָב איך געזעהן אַ סך מענשען ביי פאַרשידענערליי שווערע אַרבייט. מענער און פרויען, יונגע און אַלטע, פאַראומערטע און נידערגעשלאָגענע, האָבען זיי געאַרבייט אין די גאַסען, און איין קוק אויף זיי איז געווען גענוג צו זעהן, אַז זיי פיהלען זיך אַזוי, פּונקט ווי מ׳וואָלט די אַרבייט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען, פּונקט ווי מען וואָלט זיי אַהער מיט געוואַלד צונויפגעטריבען...

און דאָס זעלבע זעהט מען אויך אין די פאַבריקען און

זאוואָדען. מען פיהלט זיך דאָרטען אונטער א שרעקיליך שווערען דרוק, אין די צוואנגען פון א ווילדער יאָגעניש, וואָס שטימט ניט מיט דער רוסישער ווירקליכקייט, מיט׳ן רוסישען לעבענס־שטייגער. כאָטש עס איז אויך אמת, אז אין איניגע פאבריקען און זאוואָדען געפינט מען אויך מענשען, וועמען עס איז שווער אָפצורייסען פון דער ארבייט, ווען ס׳איז שוין צייט צו געהן אהיים, ווייל זיי זיינען געטרייע און איבערגעגעבענע קאָמוניסטען און זיי גלויבען, אז מיט יעדען איבעריג ביסעל ענערגיע, וואָס זיי לייגען אריין אין דער ארבייט, העלפען זיי אויפבויען דאָס לאַנד...

איין אָוונט בין איך געווען איינגעלאדען אין א הויז פון א פאמיליע, וואו עס זיינען געווען זיהן און טעכטער. איינער פון די זיהן האָט מיך גענומען אויפ׳ן צימבעל פאַר די חטאים, וואָס די קאפיטאליסטישע וועלט באַגעהט געגען סאָוועט־רוסלאַנד; ער האָט גערעדט ווי א הייסער קאָמוניסט וועגען פאָליטיק, און דערנאָך האָט ער גענומען זיין אייגען לעבען און אויך דאָס לעבען פון אנדערע אין זיין שטאַנד אלס א ביישפיל ווי גוט עס איז, נאָך אַלעמען, אונטער׳ן סאָוועטען־רעזשים.

— נעמט, צום ביישפיל, אזא פאַל — האָט ער געזאָגט, — אַן אָרעם אינגעל פון מיין שטעטעל איז איצט א דאָקטאָר אין אָדעס... אַן אנדערער, אויך אַן אָרעם אינגעל, איז איצט א רויטער קאָמאַנדיר, א פאָלקאָווניק, און א דריטער, איינער וועלכער פלעגט ביי אונז אין שטעדטעל אַרומלויפען באָרפוס מיט׳ן עק פונ׳ם העמד אין דרויסען, איז איצט גאָר א גרויסער אינזשעניר...

ער האָט אויסגערעכענט א גאַנץ צעטעל אזא, און ס׳איז, לויט זיין מיינונג, אויסגעקומען, אז דעריבער אַליין דאַרף מען בענשען און לויבען דעם סאָוועט־רעזשים.

ביי דער זייט איז געזעסען דער פאָטער, א מאַן פון א יאָהר זעכציג, א קלוגער איד, וואָס ווייסט ווען צו שווייגען און ווען צו ריידען. ער האָט דעם זוהן ניט איבערגעשלאָגען, נאָר אַלע מאָל, ווען יענער האָט געענדיגט, האָט ער געמאכט א קורצע באַמערקונג, וואָס האָט איינגאַנצען אָפגעווישט דאָס, וואָס דער זוהן האָט געזאָגט...

— אָרימע אינגלאַך זיינען געוואָרען דאָקטוירים, אינזשענירען און קאָמאַנדירען? — האָט ער געגעבען א זאָג אין אזא טאָן, ווי ער וואָלט געשטעלט א פראַגע — נו, איז וואָס? דאָס איז

דער אויפטו פון דער רעוואָלוציע און ניט דוקא פון׳ם סאָוועטן־רעזשים...

דער זוהן האָט דאַרויף ניט געקענט ענטפערען, און אַרויס־געדרעהט דערפון האָט ער זיך דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעוויזען אויף א יונגען מאַן און האָט געזאָגט:

— אָט נעמט אָט דעם יונגען מאַן. ער איז ניט פארהייראַט און קריגט הונדערט און צוואַנציג קערבלאַך א חודש. נו, וואָס־זשע איז אים שלעכט? הא?

אָנגעשפּאַרט מיטביידע עלענבויגענס אָן טיש, האָט דער אַלטער זיך צוגעהערט, און ער האָט גלייך געהאַט וואָס צו זאָגען דאַרויף:

— און פאַר די הונדערט און צוואַנציג קערבלאַך, וואָס ער קריגט א חודש — האָט ער געזאָגט — קען ער אפשר קויפען א פּוד מעהל... ניט אמת אפשר, הא? ...

דאַרויף האָט דער זוהן אויך ניט געקענט ענטפערען...

וואָס פאַר א סומע מען האָט ניט דערמאָנט, ריידענדיג וועגען דעם געהאַלט, וואָס דער קריגט און יענער קריגט, האָט ער, דער פאָטער, גלייך געהאַט פאַרטיג א פּרייז פון א נויטיגען עסענוואַרג אַרטיקעל, אָהן וועלכען עס איז שווער זיך צו באַגעהן, אדער די פּרייז פון אַן אַנצוג, פון א מאַנטעל, פון א פּאָר הויזען. ער האָט אַלץ גערעדט אין דער שפּראַך פון פאַקטען, אָהן מליצות און אָהן פראַזען. און פון די פאַקטען, וואָס ער האָט אָנגעגעבען קורץ און אויף זיין אייגענעם שטייגער, ניט קאָכענדיג זיך דערביי, איז אויס־געקומען, אז וויפיל א מענש זאָל ניט קריגען, איז אים שרעקליך שווער צו לעבען, ווייל די פּרייזען פון די נויטיגסטע אַרטיקלען ווערען וואָס אַמאָל אַלץ גרעסער און גרעסער, שוין אָפּגערעדט דערפון וואָס אנדערע נויטיגע אַרטיקלען קען מען אינגאַנצען ניט קריגען...

— אָבער פונדעסטוועגען לעבען מיר — האָט איינער פון די יונגע זיך אָנגערופען.

— יאָ, דאָס איז אמת — האָט דער אַלטער צוגעגעבען — מיר לעבען; אָבער וועגען דעם קען איך אייך דערצעהלען א געשיכטע.

און ער האָט דערצעהלט:

— אין די צייטען פון׳ם צאַר — האָט ער געזאָגט — האָט

מען אַמאָל אַ אידען ארעסטירט אין מאָסקווע דערפאר, וואָס ער האָט ניט קיין וואוינרעכט, „דו אזוינער און אזוינער — האָט אים דער גאָראָדאָוואָי געזידעלט — „ווייסטו דען ניט, אז א איד טאָר אין מאָסקווע ניט לעבען?" איז, ווייסט איר, וואָס דער איד האָט דעם גאָראָדאָוואָי געענטפערט? „פאַני גאָראָדאָוואָי, — האָט ער אים געזאָגט — איך לעב דען אין מאָסקווע איך מוטשע זיך דאָ"... דאָס זעלבע איז איצט מיט אונז... מיר לעבען דאָ ניט, מיר מוטשען זיך דאָ...

די יונגע האָבען געשמייכעלט, און איינע פון די טעכטער האָט געזאגט:

— דו, טאַטע, ביזט קיינמאָל ניט צופרידען.

— אמת, טאָכטער מיינע — האָט דער אַלטער איר צוגע־געבען רוהיג און געלאַסען, אָבער מיט אַ פעסטער זיכערקייט אין זיין טאָן — אמת, איך בין ניט צופרידען. אָבער ווייסטו פאַרוואָס דאָס איז? דאָס איז דערפאר, וואָס איך בין א רעוואָלוציאָנער...

איינער פון די זיהן האָט זיך צולאכט.

— אַ רעוואָלוציאָנער — האָט ער געזאגט — ביזטו געוועזען אַמאָל, פאר דער רעוואָלוציע, איך געדענק דאָס. איצטער אָבער ביזטו ניט קיין רעוואָלוציאָנער...

— דו האָסט א טעות, זוהן מיינער — איז דער פאָטער אַלץ געוועזען רוהיג — איך בין ניט נאָר געוועזען, נאָר איך בין נאָך איצט אויך א רעוואלוציאנער. איר אָבער זענט ניט קיין רעוואָ־לוציאָנערען. די, וואָס האלטען שטענדיג מיט דער רעגירונג און זאָגען „באָם" אויף אַלץ, וואָס זי טוט, אפילו דאַן, ווען עס איז געגען די אינטערעסען פון פאָלק — די זיינען ניט קיין רעוואָלו־ציאָנערען... און ווען איך וואָלט קיין מורא ניט געהאט, וואָלט איך געזאָגט. אז אין אַ געוויסען זין זענט איר פונקט ווי די אמאָליגע „שווארצע מאה", אָבער אויף דער לינקער זייט...

עס איז באַלד געוואָרען א טומעל. די יונגוואַרג האָט זיך געקאָכט. איינינגע זיינען אויפ'ן אלטען געוועזען זעהר שטארק ברוגז דערפאר, און זיי האָבען אים געזאָגט, אז ער דערלויבט זיך שוין צופיל, און דער אַלטער האָט געצויגען מיט די אקסלען.

— נו, מילאָ, האָב איך ניט געזאָגט — האָט ער קיין חשק ניט געהאט זיך צו שפּארען — זאָל שוין זיין אַזוי...

צו מיין גרויסער איבערראשונג האָט מען לכבוד מיר אין

יענעם הויז אָנגעשטעלט אַ טיש פון „אַל־דאָס־גוטס" — שוואַרצע קאָרענע ברויט, הערינג און אפילו ווײַן אויך...

אַ באַקאַנטער, וואָס איז מיט מיר דאָרט געווען, האָט געזאָגט, ער ער האָט שוין אין אָדעס לאַנג אַזאַ „טיש" ניט געזעהן און אַז די אַלע זאַכען קאָסטען אודאי ניט ווייניגער ווי אַ פופציג רובעל...

מיר איז געווען ניט אַנגענעם, וואָס די מענשען ברענגען זיך אַזוי אוים צוליב מיר און איך האָב איבער דעם פאַרלאָרען דעם חשק צו עסען. אָבער דער באַקאַנטער מיינער, וועלכער איז, קענ־טיג, געווען זעהר שטאַרק הונגעריג, האָט געגעסען מיט גרויס אַפּעטיט, כאָטש אַלע מאָל, ווען ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו נעמען נאָך אַ שטיקעל ברויט, האָט ער געפּיהלט אויף זיך די בליקען פון די אייגענע אין הויז. מען האָט דאָס לייכט געקאָנט זעהן אין זיין פּנים און אויך אין דעם שטייגער ווי ער האָט דאָס שוואַרצע קאָרענע ברויט געקייט; אַלע מאָל האָט ער אויפגעהערט קייען, געבליבען מיט׳ן ביסען אין מויל, און ווען ער האָט ווידער אויסגעשטרעקט די האַנט צו נעמען נאָך אַ שטיקעל ברויט, האָט ער שטיל, פון אונטער די ברעמען, גע־וואָרפען בליקען צו זעהן, אויב מען קוקט ניט אויף אים. און איינער פון די זיהן, דער וואָס האָט די גאַנצע צייט געדעט ווי אַ הייסער קאָמוניסט, האָט זיך געמאַכט ניט זעהענדיג, און ווענדענ־דיג זיך צו מיר, האָט ער געזאָגט:

— איר זעהט, אבי מען זאָגט, אַז ביי אונז איז אַ מאַנגעל און מען קען גאָרניט קריגען! אָט האָט איר ברויט, הערינג, אוגערקעס און אפילו ווײַן...

— יאָ, אַלץ איז דאָ ביי אונז אין שטוב היינט אויף דער נאַכט — האָט דער פאָטער געמאַכט אַ באַמערקונג, קוקענדיג אויף מיר — און ווייסט איר, פאַרוואָס עס איז דאָ? ווייל איך האָב דריי כ ה נ י ם אין דער משפּחה... איר פאַרשטעהט, כ ה נ י ם! . . .

איך האָב דאָס גראָדע ניט פאַרשטאַנען; עס האָט זיך מיר פּשוט ניט געלעגט אויפ׳ן שכל וואָס פאַר אַ שייכות עס האָבען כהנים מיט אַזעלכע זאַכען ווי ברויט מיט הערינג, אוגערקעס און ווײַן. און גלאַט: וואָס הייסט עפּעס דריי כהנים אין דער

משפחה? און וואָס זיינען די אנדערע? לויים און ישראלים? און איך האָב דעם אלטען געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס הייסט עפּעס דריי כהנים אין דער משפּחה?

— דאָס הייסט — האָט דער אלטער געענטפערט מיט א שמייכעל — דריי קאָמוניסטען...

עס איז געווען קלאָר ,אז בלויז אזעלכע געבענשטע משפּחות, וואָס האָבען דריי כהנים, קענען זיך אין אדעם פארגינען אזא פארגעניגען ווי אויפנעמען א גאַסט מיט אזוי פיל „כיבוד". אנדערע — אזעלכע, וואָס האָבען ניט קיין כהנים אין דער משפּחה — קענען זיך אזא פארגעניגען ניט פארגינען...

און איבערצייגט אין דעם האָב איך זיך שפּעטער, ווען איך בין געווען אין אנדערע הייזער.

אין איין הויז, ביי מיינעם א באקאנטען, וועמען איך האָב געדענקט נאָך פון יאָהרען צוריק, בין איך אריינגעקומען אין א נאָכמיטאָג, ווען ער האָט זיך געקליבען געהן צו דער ארבייט. דער מענש האָט זיך שטארק פארלאָרען, ווען ער האָט מיך דער־זעהן און דערקענט; ער האָט ניט געוואוסט, וואו מיך אוועק־צוזעצען און ער האָט זיך פאר מיר געשעמט, ווייל אין הויז איז געווען א שרעקליכע אָרימקייט און אלעס ארום און ארום האָט אויסגעזעהן חושך און וויסט.

אָפּגערעדט מיט מיר ניט מער ווי א פּאָר מינוט, האָט דער מענש, א פאָטער פון דערוואקסענע זיהן און טעכטער, זיך צו וויינט ווי א קליין קינד.

— דו זעהסט — האָט ער געזאָגט, כליפּענדיג אזוי, אז עס האָט געריסען דאָס הארץ, קוקענדיג אויף אים — דו זעהסט, אין אָט דער פינסטערער קאַנורע וואוינען מיר... אלע מיינע יאָהרען, ווי דו ווייסט, בין איך געווען אן ארבייטער. איך האָב אלע מאָל שווער געהאָרעוועט און איך האָרעווע אויך איצט זעהר שווער אָבער איך האָב גאָרניט. איך בין שטענדיג הונגעריג...

ער האָט מיך געוואָלט מכבד זיין מיט עפּעס, אָבער ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס. אין שטוב איז פּשוט קיין שטיקעל ברויט ניט געווען, און איבער דעם האָט דער מענש זיך געפיהלט אזוי געפאלען ביי זיך, אז ער האָט גאָרניט געקאָנט געפינען קיין ווער־

טער די געפֿאַלענקייט זיינע צו פֿאַרשטעלען כאָטש ווי ס'ניט איז.

— דו זאָלסט אויף מיר קיין פאַראיבעל ניט האָבען — האָט ער געזאָגט, האַלטענדיג די אויגען אַרונטערגעלאָזען צו דער ערד— איך וואָלט דיך מיט עפּעס מכבד געווען, אָבער... אבער איך האָב ניט מיט וואָס... דו זעהסט אָט דאָס שטיקעל רעטאך? מער האָב איך ניט אין הויז...

און אליין ניט וויסענדיג, ווי אזוי זיך אַרויסצודרעהען, האָט ער זיך נאָך מער אַריינגעפּלאָנטערט אין זיין אייגענער פאַר־לעגענהייט:

— דו ווילסט — מאַכט ער אזוי צו מיר, — איז... איז — עם אַ שטיקעל רעטאך...

עס איז געווען אַ רחמנות צו זעהן דעם מענשען אין זיין פאַרלאָרענקייט, אין זיין געפֿאַלענקייט. און אָנגעטאָן איז ער געווען אין אַ קויטיגען וואַטאָווען פּידזשאַק, אַ פאַרשמאָלצעוואַטען, אין וואַטאָווע הויזען, וואָס האָבען שוין געגלאַנצט פון אַלטקייט און אָפּגעטראָגענקייט, אין שווערע שטיוועל, וואָס זיינען שוין דאָ און דאָרט געווען צוריסען, אין אַן אָפּגעריבען קוטשמעלע, וואָס האָט שוין לאַנג דעם ערשטען קאָליר פאַרלאָרען, און אויפ'ן האַלז האָט ער געטראָגען אַ שמוציג שאַרפעלע מיט פּאַסען.

— איך שעם זיך פאַר דיר — האָט ער געזאָגט — אָבער אַזוי לעבען מיר!... אכט שטונדען אַ טאָג אַרבייט איך; מען יאָגט אַרויס די נשמה; דער ערגסטער בעל־הבית וואָלט אזוי ניט געטריבען ווי מען טרייבט דאָ ביי אונז. עס איז אַ שטענ־דיגע בהלה. און אָט זעה: איבער דער יאָגעניש האָב איך זיך שוין אַלע פינגער פון די הענט צושניטען ביי דער מאַשין... קריגען קריג איך איינגאַנצען ניט מער ווי אכטציג קערבלאַך אַ חודש. נו, וואָס זשע קען איך מאַכען דערמיט ביי אַזאַ יקרות?... אין שטוב איז קאַלט, ניטאָ מיט וואָס צו הייצען. און יעדער מאָל, ווען איך געה פון דער אַרבייט, שלעפּ איך זיך מיט אַ פּעקעל האָלץ אַזש פונ'ם „פּערעסיפּ". איך בלייב אָהן כוחות. אָבער וואָס קען איך זיך העלפען? מען מוז דאָך איינהייצען אין שטוב, עס זאָל כאָטש אַ ביסעל זיין וואַרים...

און אָנווייזענדיג אויף זיין ווייב, וועלכע האָט זיך ווי אַ

שאָטען אַרומגעדרעהט אין שטוב, האַלטענדיגביידע הענט פאַר־לעגט אויף די איינגעפאַלענע בריסט, האָט ער ווייטער גערעדט:

— דו זעהסט, זי איז קראַנק, קוים וואָס זי געהט אַרום איבער דער שטוב. מען דאַרף זיך פּילנעווען, זי דאַרף האָבען אַ יויכעל, אַ שטיקעל עוף זיך צו דערקוויקען, אָבער וואו נעמט מען דאָס ?...

דערנאָך האָט דער מענש זיך צורעדט וועגען זיינע קינדער. אַ טאָכטער זיינע לערענט אין אַן אַנדער שטאָדט, ווייט פון אדעס, שרייבט זי בריף אהיים וועגען דעם, ווי ס'לעבט זיך איר. אין איין בריף דאַנקט זי זעהר פאַר דעם סלאָיעקעל מיט פּאָווידלע, וואָס מען האָט איר געשיקט; זי האָט זיך פּשוט מחיה געווען דערמיט. זי בעט אָבער, אז מען זאָל איר מער אזעלכע מתנות ניט שיקען, ווייל ווען זי נעמט אַרויס דאָס סלאָיעקעל מיט פּאָ־ווידלע ביים עסען און זי זעהט ווי די אנדערע סטודענטען און סטודענטקעס האָבען ניט קיין פּאָווידלע און אַזוי ווייניג ברויט דעם הונגער צו שטילען, איז דאָס איר זעהר אומאַנגענעם, באַ־קומט דאָס איר ניט... בעט זי דאַריבער:

— זאָל מען איר מער קיין פּאָווידלע ניט שיקען!...

איך האָב דעם בריף געלייענט. דער פאָטער און אויך די מוטער האָבען געוואָלט, אז איך זאָל דעם בריף לייענען, איך זאָל זעהן ווי שעהן זייער טאָכטער שרייבט — אַ בריף, וואָס האָט געוויזען די איידעלקייט פון אַן אָרים קינד, די טאָכטער פון אַן אַרבייטער אין סאָוועט־רוסלאַנד, און די טרויעריגע און שרעקליכע לאַגע פון טויזענטער און טויזענטער אַנדערע יונגע קינדער, וואָס לערנען און שטרעבען בעת זיי דאַרפען, אויסגעהונגערטע און פאַרשמאַכטע, קוקען מיט קנאָה אויף אַ חבר'טע, וואָס באַשמירט אַ קליינע פּאַרציע ברויט מיט אַ ביסעל פּאָווידלע, וואָס אָרימע טאַטע־מאַמע האָבען איר צוגעשיקט אַזש פון אָדעס...

— און וואָס וועט זיין? — איז דער פאָטער פון דער איידעלער טאָכטער געוועזן פאַרצווייפעלט — ווען וועט שוין אַמאָל ווערען בעסער?

אָט אַזוי לעבט אין אָדעס אַ מענש, וואָס האָט ניט קיין „כהנים" אין דער משפחה!...

אויף די אָדעסער גאַסען און אויך אין די הייזער זעהט מען אומעטום אָהן אַ שיעור סצענעס פון נויט און אָרימקייט. אויף

דער דערעבאסאָווסקע, אויף דער פּושקינסקע, אויף דער מאַלאַ־ארנאַאוטסקע, אויף דער יעקאַטערינינסקאַיאַ און אויך אויף די אַנדערע גאַסען זעהט מען אַפּט ווי מענשען בעטלען נדבות. די הויפען זיינען אַפּגעלאָזען, שמוציג און וויסט. אזוי זיינען אויך די הייזער. די גאַנצע שטאָט, דוכט זיך, וויינט מיט פאַר־שטיקטע טרערען אויף א חורבן, וואס איז טיף ווי דער ים און גרויס ווי די וועלט. און ווען מען געהט ארום א גאַנצען טאָג איבער די אדעסער גאַסען, וואָס מען געדענקט נאָך פון יענע צייטען, ווען זיי זיינען געווען פול מיט לעבען און באַוועגונג, און מען קוקט זיך צו צו דעם חורבן, צו דער וויסטקייט און צו דעם פאַרגליווערטען טרויער, וואָס שפּארט זיך פון אומעטום, קומט מען דערנאָך שפּעטער אין אָוועגט צו זיך אין׳ם איינזאַמען האָטעל־צימער, און ווען מען פאַרטראַכט זיך וועגען די אייגענע, וואָס זיינען ליב און טייער און אויך וועגען די פרעמדע, וואָס וואוינען אין יענער שטאָט און אויף וועמען ס׳איז א גרויסער רחמנות, שטעלט מען זיך דיזעלבע פראַגע, וואָס יענער פאַר־צווייפעלטער מענש האָט געפרעגט, ריידענדיג וועגען זיין טאָכטער, וואָס האָט אין א בריף געבעטען, אז מען זאָל איר מער ניט צושיקען קיין פּאָווידלע, ווייל זי וואַרגט זיך מיט׳ן ביסען, ווען זי זעהט ווי אַנדערע הונגערען:

„און וואָס וועט זיין? ווען וועט שוין אמאָל זיין בעסער?"

אין א טאָג, ווען איך בין געגאַנגען איבער די אָדעסער גאַסען און האָב זיך אָנגעזעהן מיט סצענעס פון נויט, האָט מיך אויף איין גאַס אָפּגעשטעלט א מאַן:

— איר וועט מיר ענטשולדיגען — האָט ער אין אָנפאַנג גענומען ריידען אויף רוסיש און איז באַלד איבערגעגאַנגען אויף אידיש — איאַ איר זענט פון אמעריקע.

ווען איך האָב אים געזאָגט, אז ער האָט געטראָפען, האָט ער געהאט צו מיר א בקשה: איך מוז אים טאָן א טובה און איבער־לייענען פאַר אים אן ענגלישען בריף. דאָס איז א בריף פון זיינער א פּלימעניצע, א סקול־טיטשערין אין ניו יאָרק. עפּעס שרייבט זי אים, אָבער ער ווייסט ניט וואָס, און אזוי ווי איך לייען דאָך אודאי ענגליש, זאָל איך אים זאָגען, וואָס זי שרייבט, אבער וואָרט אין וואָרט, גאָרניט דורכלאָזען, ווייל ער איז זעהר נייגעריג צו וויסען, וואָס מען שרייבט פון אמעריקע.

און די לעהרערין פון אמעריקע האָט געשריבען:

זי איז זעהר שטאַרק מקנא דעם אָנקעל וואָס ער לעבט אין אַן אמת פריי לאַנד... פון דעם, וואָס זי האָט געלייענט אין ציַיטונגען איז פאַר איר קלאָר, אז אין סאָוועט־רוסלאַנד איז איצט די לאַגע געוואָרען א סך־א סך בעסער און אז די אויסזיכטען זיינען גאָר און גאָר גלענצענדע... זי שטעלט זיך פאָר ווי גליקליך עס זיינען די אלע מענשען, וואָס לעבען אין סאָוועט־רוסלאַנד!...

אונזערע בליקען האָבען זיך באַגעגענט, ווען איך האָב אים דעם בריף אָפּגעגעבען צוריק.

— וואָס טוט זיך דאָרטען?! — האָט דער מענש פונ'ם בריף געצויגען מיט די אַקסלען — ניט אַנדערש נאָר זיי זיינען דאָרטען פון זינען ארונטער!...

פאַר אים, פאַר דעם מענשען, וואָס לעבט אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט אזאַ בריף געקלונגען ווי א חוזק. ער האָט דאָס ניט געקאָנט פאַרשטעהן, און ווייל דער חוזק האָט נאָך מער צורודערט דעם ווייטאָג, וואָס ער האָט געטראָגען אין הארצען, האָט ער גענומען ריידען וועגען זיך און וועגען דעם, וואָס ער לעבט איבער:

ער איז א שניידער, א גוטער שניידער, און ער פאַרדינט דוקא ניט שלעכט. ער אַרבייט פאַר זיך, און עס טרעפען ציַיטען, ווען ער פאַרדינט צווישען אַכט הונדערט און טויזענט רובעל א חודש. אָבער עסען האָט ער פונדעסטוועגען קיינמאָל ניט גענוג. אלעס איז בראַנד־טייער, און אזוי ווי ער מוז אלעס קויפען ווי א פּריוואַטער מענש, וואָס אַרבייט פאַר זיך, איז איידער מען רירט זיך, איז שוין ניטאָ א גראָשען פון די גרויסע פאַרדינסטען.

— עס קלעקט ניט, — האָט דער שניידער זיך געקלאָגט. — איהר קענט זיך גאָרניט פאָרשטעלען וואָס פאַר א לעבען דאָס איז!...

און ער האָט מיר דערצעהלט אזאַ זאַך:

זיין ברודער אין אַמעריקע בעט אלץ, ער זאָל אים צושיקען א פאָטאָגראַפישע קאַרטע; יענער דאָרט וויל האָבען א בילד פונ'ם ברודער, וועלכען ער האָט שוין אזוי פיל יאָהרען ניט געזעהן. אָבער ווי קען ער זיך פאָטאָגראַפירען און צושיקען דעם ברודער אין אַמעריקע א בילד, אז ער געהט אָהן א רעקעל?...

און צושפיליענדיג דעם אויבערשטען אלטען מאַנטעל, האָט

מיר דער מענש געוויזען, אז ער געהט אָהן א רעקעל... ער האָט א פּאָר הויזען, אן אַלטען מאַנטעל אן אויבערשטען, א זשילעט, א פּוטערנע קוטשמעלע. אָבער קיין רעקעל האָט ער ניט... נו, ווי זשע קען ער זיך פאָטאָגראַפירן אָהן א רעקעל?...

— אָבער דאָס — זאָגט ער — וואָלט נאָך געווען צו דער־לײדען, ווען עס וואָלט געווען וואָס צו עסען!...

דער שניידער אָהנ׳ם רעקעל האָט צו מיר געהאַט נאָך א בקשה:

ווען איך וועל קומען צוריק קיין אַמעריקע, זאָל איך זעהן, אז זיין ברודער, וועלכער וואוינט אין די בראָנקס, זאָל אים ארויסהעלפען. איך מוז דאָס אים צוזאָגען, ווייל ער קען שוין מער אזא לעבען ניט אריבערטראָגען. און דערנאָך האָט ער זיך ווידער צורעדט וועגען דעם בריף, וואָס זיין פּלימעניצע, די ניו יאָרקער סקול־טיטשערין, האָט אים געשריבען, אז זי איז אים שטאַרק מקנא, וואָס ער לעבט אין אן אמת פרייע לאַנד, און אז ס׳איז פאַר איר קלאָר, אז אין סאָוועט רוסלאַנד איז איצט די לאַגע א סך־א סך בעסער און אז די אויסזיכטען זיינען גאָר און גאָר גלענצענד, און ער האָט ווידער געצויגען מיט די אַקסלען און האָט ניט געקענט פאַרשטעהן.

— וואָס טוט זיך דאָרטען! — האָט ער געזאָגט — ניט אנדערש נאָר זיי זיינען אין אַמעריקע פון זינען ארונטער!...

יאָ, פאַר אים, פאַר דעם מענשען, וואָס לעבט אין סאָוועט־רוסלאַנד און לייענט ניט קיין טעאָרעטישע חקירות וועגען דעם ווי אזוי מען לעבט דאָרט, האָט אזא בריף געקלונגען ווי א ביטערער חוזק...

## 3. „מיסטער שאַין" און „מיסטער קענדי".

כאָטש אין אדעס האלט מען נאָך זעהר ווייט פון אריבער־יאָגען אַמעריקע, זעהט מען דאָרט פונדעסטוועגען סימנים פון „אַמעריקאַניזאַציע". אויב ניט אויף דעם געביט פון שווערער אינדוסטריע, איז אויפ׳ן געביט פון „לייכטער אינדוסטריע", און דער עיקר׳שט — אויפ׳ן געביט פון פוצען שיך...

ארום די האָטעלען, וואו עס שטעהען איין אויסלענדישע טוריסטען, אויף דער דערעבאַסאָווסקער גאַס, אויף דער יעקאַ־טערינינסקער און אויך אויף דער רישעליעווסקער, דרעהען זיך

אַרום אינגלאַך מיט בערשטלאַך און שטולעכלאַך, און אַזוי שנעל ווי זיי דערזעהען אַן אַמעריקאַנער גאַסט, דערקענען זיי אים גלייך לויט זיין קליידונג, און זיי לויפען אים אַנטקעגען:

— מיסטער, שאַין!... מיסטער, שאַין!...

אַט די צוויי ענגלישע ווערטער האָבען זיי זיך ערגעץ אויס־געלערענט, און דאָס העלפט זיי אַ סך ארוים אין די „ביזנעס", ווייל אַפילו ווען מען דאַרף ניט אָפּפּוצען די שיך, קען אַן אַמעריקאַנער מענש ניט אָפּזאָגען אַ אינגעלע, וואָס לויפט אים אַנטקעגען אין אַדעס, מיט די צוויי ענגלישע ווערטער אין מויל:

„מיסטער, שאַין"...

פּרואוון ריידן ענגליש צו אַזאַ אינגעלע אין אַדעס דאַרף מען פונדעסטוועגען ניט, ווייל אויסער די צוויי ענגלישע ווער־טער, קען ער בלויז נאָר איין וואָרט, און דאָס איז — „אָלראַיט". מער קען ער ניט, און מער דאַרף ער ניט קענען.

אַנדערע אינגעלאַך ווידער — און אַלץ אַזעלכע, וואָס זיינען אין דער אַדעסער „לייכטער אינדוסטריע" — קענען אַנדערע ענגלישע ווערטער, וואָס העלפען זיי אַ סך ארוים אין די „ביז־נעס". דאָס זיינען די אינגעלאַך, וואָס פאַרקויפען שאָקאָלאַד און צוקערקעס אין די אַדעסער גאַסען, און אין דעם איז אויך פאַראַן אַ סימן פון „אַמעריקאַניזאַציע".

אויף דער גאַס וואו עס געפינט זיך די אַמאָליגע באַרימטע בראָדער שול, וואָס איז איצטער אַ קלוב אויף ראָזע לוקסעמ־בורג'ס נאָמען, האָט מיך איינמאָל אָפּגעשטעלט אַ אינגעלע מיט אַ קעסטעלע אין דער האַנד, און דאָס ערשטע וואָרט זיינס איז געווען:

„קענדי!"...

אַן אָרימער, אַן אָפּגעריסענער, אָבער אַ באַוועגליכער און אַ רירעוודיגער, מיט צוויי לעבעדיגע אויגלאַך, וואָס רוהען ניט אַ מינוט, האָט דאָס אינגעלע געקוקט אויף מיר מיט דער פולער זיכערקייט, אַז ער האָט געפּאַקט דעם ריכטיגען „קאָסטאָמער", און אָנווייזענדיג מיט דער האַנד אויף די עטליכע שטיקלאַך „אירים", וואָס זיינען אין קעסטעלע געלעגען, האָט ער געזאָגט:

— „מיסטער, קענדי!"...

די פּרייז אָבער פון דער „קענדי" האָט ער געזאָגט אויף רוסיש — פינף קאָפּיקעס אַ שטיק האָט דאָס געקאָסט.

נאָך איידער איך האָב צייט געהאַט זיך ארומצוקוקען זיינען שוין לעבען מיר געשטאַנען נאָך צוויי אינגעלאַך מיט קעסטעלאַך אוןביידע האָבען געשריגען „מיסטער, קענדי". דאַן איז דער ערשטער, וועלכער איז אינגאַנצען אַלט געווען אודאי ניט מער ווי א יאָהר פערצעהן־פופצעהן, געפּאַלען אויף א שכל ווי אזוי ארייננצופּאַקען גאָר א גרויסען „באַרגעין" און ער האָט געבעטען ביי מיר אַן „אַמעריקאַנער פּאַפּיראָס".

— מיר אויך!

— מיר אויך!

אַזוי האָבען די אַנדערע צוויי אינגעלאַך געשריגען. און ווען איך האָב ארויסגענומען דריי פּאַפּיראָסען, האָט דאָס ער־שטע אינגעלע געפּרוּווט אויסכאַפּען אַלע דריי פאַר זיך...

מען האָט אינגאַנצען געקענט פאַרגעסען, אַז מען איז אין אדעס; מ'האָט געקענט מיינען, אַז דאָס איז א סצענקע אין ניו יאָרק, ערגעץ אויף אַן איסט־סאַיידער גאַס.

— נו, דאָס איז ניט שעהן, — האָב איך דעם ערשטען בחור'ל געזאָגט מוסר. — וואָס פאַר א קאָמוניסט ביזטו ווען דו ווילסט אַלע דריי פּאַפּיראָסען אויסכאַפּען פאַר זיך? א קאָ־מוניסט דאַרף זיך טיילען מיט חברים. אפשר ניט אַזוי, האַ?...

— יאָ, עס איז אַזוי, — האָט דער בחור'ל זיך אביסעל פאַרשעמט. — אָבער...

— וואָס אָבער?

— עס איז א שאָד אָוועקצוגעבען אַזעלכע פּאַפּיראָסען...

און נאָכדעם האָט ער שוין ניט געקענט זיין אינגאַנצען רוהיג; עפּעס האָט אים שוין געקאָרטעט, ער האָט שוין אויף איין אָרט ניט געקענט איינשטעהן, און פאַרציהענדיג דעם רויך מיט גרויס אַפּעטיט, איז ער מיך נאָכגעלאָפען:

— מיסטער, נעמט נאָך א שטיקעל... אָהן געלט!... נעמט נאָך א שטיקעל...

דאָס גאַנצע לעבען אין אדעס, פּונקט ווי אין א סך אַנ־דערע שטעדט, איז איינגעאָרדענט אַזוי, אַז א סך זאַכען מאַכען דעם איינדרוק פון א מין חוזק אויפ'ן חשבון פון דער באַפעל־קערונג.

מענשען האָבען ניט קיין ברויט, און אין הויז, וואו עס זענען נישטאָ די סאַמע נויטיגסטע באַקוועמליכקייטען, אָהן

וועלכע א לעבעדיגער מענש קען זיך פשוט ניט באגעהן, האָט מען זיי אריינגעשטעלט א ראדיאָ...

פרויען געהען ארום אין צוריסענע קליידער, אין צוריסענע שיך און זעהען אוים ווי די שלומפערקעס, אָפגעלאָזען און קויטיג, און — דאָ איז מען אין אַלע רעגירונגס־קראָמען גרייט זיי צו פארקויפען פארפיומען און אָדעקאָלאָנען...

מענשען געדענקען שוין ניט דעם טעם פון א שטיקעל פלייש, פון פוטער, פון מילך און פון אנדערע נויטיגע שפייז־ארטיקלען, און — דאָ זיינען אַלע קראָמען פול מיט ווייַן און בראנפען...

וואָס מען דארף יאָ איז ניטאָ, און וואָס מען דארף ניט, איז יאָ דאָ...

א חוזק אויפ'ן חשבון פון דער באפעלקערונג און א אָפ־נארעריי פאר די אויסלענדישע געסט, וואָס קענען זיך ניט צו־נויפריידען מיט דער באפעלקערונג...

אין איין הויז, וואו מען האָט גערעדט וועגען דעם ווי מענשען הונגערען און ווי זיי ליידען איצט אין אדעס, האָט איינער געמאכט אזא באמערקונג:

— ווורשט — דאָס איז דאָך איינע פון די פראָזאאישסטע זאכען אין דער וועלט, און אין אדעס איז א שטיקעל ווורשט א פ אָ ע מ ע . . . יאָ, דאָס וואָס איר הערט: א ש ט י־ ק ע ל ק אָ ל ב א ס א י ז ב י י א ו נ ז א פ אָ ע מ ע...

און אזא זאך ווי טרינקען טיי מיט צוקער איז אין אדעס איצטער אין א סך הייזער ניט נאָר א פאָעמע, נאָר א טרוים...

עס איז נישטאָ קיין צוקער!

נאשערייען זענען דאָ. קיין צוקער אָבער איז נישטאָ.

אַלץ איז עפּעס ווי א חוזק אויפ'ן חשבון פון דער באפעל־קערונג!

און עס פארדריסט שטארק, און ס'באליידיגט טיף, און ס'טוט אזוי וויי!

פאר וואָס זאָל דאָס זיין אזוי?

פאר וואָס איז אַלץ נישטאָ קיין טאָלק?

און ווילענדיג ניט ווילענדיג דערמאָנט מען זיך אָן יענע צייטען פון מיטעלאַלטער, ווען די רוסען אַליין האָבען געהאַט גענוג מוט צוצוגעבען:

„דאָס לאַנד אונזערס איז גרויס און אַלץ איז דאָרט פאַראַן איבער גענוג, אָבער עס פעהלט אָרדענונג"...

יאָ, עס פעהלט אָרדענונג. מען האָט זיך אין דעם גרויסען און שעהנעם און ליבען לאַנד נאָך אַלץ ניט אויסגעלערענט ווי אַזוי צו פיהרען אַ ווירטשאַפט!...

## 4. באַלאָדען מיט וועלאָסיפעדען־פאָמפּעס און באהאנגען מיט גלעקלאַך.

פונקט אַזוי ווי עס איז אין אדעס שטענדיג אַ געדרענג אין און ארום דעם „טאָרגסין", וואו מען קויפט פאַר אַמעריקאַנער געלט, אַזוי איז כמעט שטענדיג פּוסט אין די רעגירונגס־קראָמען, וואו מען קויפט פאַר רוסישע געלט.

זעלטען ווען עס קומט אַהין אריין אַ מענש, און ווען עס קומט שוין יאָ אימיצער אריין און פרעגט אויף עפּעס, איז מערסטענטיילס נישטאָ דאָס וואָס ער דאַרף, און ווען ס'איז יאָ דאָ, זענען די פּרייזען אין רובעלס אַזוי הויך, אַז עס הויבט אַזש אָן שווינדלען אין די אויגען...

אַלץ וואָס מען דאַרף איז שווער צו קריגען. און ניט נאָר דוקא דאַן ווען מען קויפט עפּעס פאַר זיך אָהן אַ צעטעל און מען איז גרייט צו באַצאָהלען אַ סך טייערער ווי די פּרייז איז געוועהנליך, נאָר אויך דאַן ווען מען קויפט עפּעס מיט אַ צעטעל, וואָס גיט די פּריווילעגיע ניט נאָר צו קריגען דעם אַרטיקעל, נאָר אויך צו צאָהלען פאַר אים אַ ביליגערע פּרייז.

עס איז אַ פּלאָנטער. ער געהט ניט גלאַט. און ארום דעם פּלאָנטער קומען אָפּט פאָר זאַכען, וואָס זענען אי קאָמיש אי טראַגיש אין איין און דער זעלבער צייט.

אָט איז אַ ביישפּיל:

איינער האָט אַ לענגערע צייט געטרוימט וועגען אַ מעגליכקייט צו קריגען פאַר זיך אַ דינעם „סוועטער", וואָס מען רופט אין רוסלאַנד מיט'ן נאָמען „דזשעמפּער". קויפען דעם „דזשעמפּער" אָהן אַ צעטעל האָט ער ניט געקענט, ווייל חוץ דעם וואָס ס'וואָלט אים אָנגעקומען שווער וואָלט ער געדאַרפט באַצאָהלען זעהר אַ סך, און דאָס האָט ער זיך ניט געקענט פאַרגינען. האָט ער לאַנג געוואַרט ביז ער האָט, סוף כל סוף,

געקראָגען דאָס „גוטע קוויטעל״, און דאַן איז ער מיט אַ גדולה אַוועק אין קאָאָפּעראַטיוו קויפן דעם „דזשעמפּער״.

באַצאָהלען האָט ער געדאַרפט ניט מער ווי צוועלף רובעל, און ער האָט די פּרייז גערן באַצאָהלט. אָבער דעם „דזשעמפּער״ האָט מען אים אַלײן ניט געגעבן. ער מוז, האָט מען אים געזאָגט, קויפן אַ וועלאָסיפּעדן־פּאָמפּע אויך. אַנדערש קען מען אים דעם „דזשעמפּער״ ניט פאַרקויפן...

פאַר וואָס?

און דאָ הויבט זיך אָן דער פּלאָנטער, וואָס קומט אויס משונה׳דיג ווילד אין די אויגען פון מענשען, וואָס זעהען דאָס, און וואָס קלינגט אומגלויבליך אין די אויערען פון מענשען, וואָס זעהען דאָס ניט מיט די אייגענע אויגען:

עס איז אין סאָוועט־רוסלאַנד פאַראַן דאָס וואָס מען רופט דאָרט אָן „דעפיציט־סחורה״ און אויך „ניט דעפיציט־סחורה״. אין דער צייט ווען עס איז אין איינינע אַרטיקלען אַ מאַנגעל, איז אין אַנדערע אַרטיקלען אַן איבערפלוס. און זעהר אָפט טרעפט, אַז אַרטיקלען, אין וועלכע מען נויטיגט זיך זעהר שטאַרק אין איין שטאָדט, זענען דאָ לרוב, נאָך איבער גענוג, אין אַן אַנדער שטאָדט, כאָטש דאָרטען דאַרף מען זיי גאָר ניט און קיינער פרעגט ניט אויף זיי...

זוכט מען וועגען און מיטלען ווי אַזוי פּטור צו ווערען פון די אַרטיקלען, אויף וועלכע קיינער פרעגט זיך ניט נאָך, און ווען איינער קומט מיט אַ צעטעל קויפן פאַר זיך עפּעס אין וואָס ער נויטיגט זיך ווירקליך זעהר שטאַרק און אויף וואָס ער האָט לאַנג געוואַרט ביז ער האָט ענדליך דאָס „גוטע קוויטעל״ געקראָגען, הייסט מען אים, ער זאָל אויך קויפען אַן אַרטיקעל פון די, וואָס מען דאַרף פּטור ווערען, כאָטש ער דאַרף דאָס ניט. אַנדערש קריגט ער ניט דעם אַרטיקעל וואָס ער דאַרף יאָ...

אַזאַ סיסטעם איז דאָס...

גראָד אין יענער צייט איז אין אָדעס געווען אַ גרויסער איבערפלוס אין וועלאָסיפּעדן־פּאָמפּעס. מען האָט פון ערגיץ צוגעשיקט אַהין פאַר די רעגירונגס־קראָמען אַ גרויסען זאַפּאַס פון דעם מין, כאָטש איין גאָט ווייסט צו וואָס מען דאַרף זיי דאָרט...

וואָרים ווער פֿאָהרט דאָס אין אדעס אויף וועלאָסיפּעדען?
ווער דאַרף דאָרט און וועמען פֿעהלט דאָרט אַ וועלאָסיפּעד?

מען האָט דאָך אָבער געדאַרפֿט פּטור ווערען פון די פּאָמ־פּעס, וואָס מען האָט אַהין אריינגעשיקט, האָט מען קיין סך ניט געטראַכט און מען האָט באשלאָסען, אַז ווער עס וועט קומען מיט אַ צעטעל עפּעס קויפען פאַר זיך, זאָל מען אים אויך אָנהענגען אַ פּאָמפּע פאַר אַ וועלאָסיפּעד...

— אַז איך דאַרף ניט קיין פּאָמפּע! — האָט דער מענש גע'טענה'ט, — איך האָב גאָר ניט קיין וועלאָסיפּעד!

— איר מוזט אָבער קויפען אַ פּאָמפּע, — האָט מען אים געזאָגט. — אַנדערש קריגט איר ניט דעם „דזשעמפּער”.

ניט האָבענדיג קיין אַנדער ברירה, האָט דער מענש גע־מוזט באַצאָהלען עטליכע רובעל פאַר דעם איבעריגען ארטיקעל, וואָס מען האָט אים אָנגעהאָנגען, און ער איז אַוועק אַהיים — מיט אַ „דזשעמפּער” און מיט אַ פּאָמפּע...

וואָס צו טאָן מיט דער פּאָמפּע האָט ער ניט געוואוסט. אויפ'ן האַרצען איז אים געווען שווער און ס'האָט אים באַנג געטאָן נאָך די עטליכע רובעל, וואָס ער האָט באַצאָהלט פאַר אַ זאַך וואָס ער דאַרף אינגאַנצען ניט האָבען. און ווען ער האָט אויפ'ן וועג באגעגענט נאָך מענשען, וואָס האָבען גע־טראָגען פּאָמפּעס, האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען און האָט אויסגעשאָסען אַ געלעכטער...

דאָס איז אָבער זיכער ניט געווען קיין געלעכטער פון פרייד. גיכער איז דאָס געווען, ווי מען דריקט זיך אויס אין אדעס, אַ געלעכטער מיט יאַשטשערקעס...

אין אַלגעמיין האָט אדעס אַ חוש פאַר הומאָר; אַן אדעסער קען לאַכען אפילו דאַן ווען ס'טוט אים שטאַרק וויי; ער קען זעהן דאָס קאָמישע אינ'ם טראַגישען, און קען וועגען דעם ריידען אַזוי, אַז אַנדערע זאָלען אויך לאַכען...

און אָט איז נאָך אַ פאַל:

מען האָט קיין אדעס געבראַכט אַ גרויסען טראַנספּאָרט גלעקלאַך. קיינער האָט ניט געוואוסט ווער עס דאַרף די גלעק־לאַך און קיינער האָט זיי טאַקע ניט געדאַרפֿט. אָבער אין די רעגירונגס־קראָמען האָט מען פון זיי געמוזט פּטור ווערען; און

ווער עס איז נאָר געקומען אהין עפּעס קויפען, האָט מען אים אָנגעהאַנגען אַ גלעקעל...

מען האָט אים פּשוט ניט פאַרקויפט דעם אַרטיקעל וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, סיידען ער האָט געקויפט אַ גלעקעל...

זענען מענשען געגאַנגען איבער די גאַסען פון אדעס און האָבען געקלונגען מיט גלעקלאַך... און ס'קען זעהר זיין, אַז ווען אַן אויסלענדער, וואָס קוקט אויף רוסלאַנד ווי אויף אַ לאַבאָ־ראַטאָריע, וואו מען מאַכט אַן „אינטערעסאַנטען עקספּערימענט", וואָלט דאָס געזעהן, וואָלט ער געווים באַשלאָסען, אַז אין אדעס איז גוט, אַז אין אדעס איז פרעהליך; אַ סימן — מענשען געהען איבער די גאַסען און קלינגען מיט גלעקלאַך...

דאַרף מען דען האָבען נאָך אַ בעסערען באַוויז?...

וועלאָסיפּעדען־פּאָמפּעס און גלעקלאַך — און קיין ברויט איז נישטאָ!...

שעהנע רייד וועגען ברענגען גליק פאַר די אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט — און די אַרבייטער אין'ם אייגענעם לאַנד האָבען ניט וואָס צו עסען...

שוין יאָהרען אַזוי. און וואָס אַמאָל ווערט די לאַגע אַלץ ערגער און ערגער...

די באַפעלקערונג איז אַזוי פאַרצווייפעלט, אַז זיי קענען שוין גאָר ניט הערען די טויזענט און איין מאָל אויסגעדראָ־שענע טרייסט־ווערטער, אַז שפּעטער וועט זיין בעסער. און ווען די פאַרצווייפלונג איז אַזוי גרויס און די אומבאהאָלפענקייט באַליידיגט אַזוי טיף און איז אַזוי שווער, אַז מען זעהט שוין פאַר זיך קיין שום האָפענונג ניט, צולאַכט זיך גאָר פּלוצלונג אַ גאַנצע שטאָדט מיט יאַשטשערקעס איבער איר אייגענעם אומגליק, און זי שיקט אַרוים אין די גאַסען מענשען מיט גלעקלאַך — זאָלען זיי קלינגען!...

און די מענשען אין צוריסענע קליידער, אויסגעהונגערטע און פאַרשמאַכטע, אויסגעמוטשעטע און פאַרמאַטערטע, געהען איבער די גאַסען, קלינגען מיט די גלעקלאַך און לאַכען; קוקען זיך איבער און זעהען איינער אין'ם אַנדערען אַ ליץ, וואָס לאַכט פון אַנדערע און ווייסט ניט, אַז דאָס לאַכט ער פון זיך אַליין. און עס דוכט זיך, אַז פּונקט ווי דער „גאָראָדניטשי" אין גאָ־גאָל'ס „רעוויזאָר", וועט איינער גאָר פּלוצלונג אָנכאַפּען דעם

תוך פון דעם וואָס דאָ קומט פאָר און ער וועט אָנהויבען שרייען מיט ווייטאָג:

— העי, איר דאָרט, וואָס לאַכט איר? פון זיך אליין לאַכט איר!...

און דאַן וועלען אַלע מיט אַמאָל בלייבען שטיל און באַלד נאָכדעם וועלען זיי זיך צעוויינען אויפ'ן קול.

אַזאַ איינדרוק האָב איך געהאַט אין אדעס זעהענדיג ווי מענשען געהען איבער די גאַסען מיט גלעקלאַך און קלינגען...

אין דעם זעלבען טאָג האָב איך זיך געטראָפען מיט אַ סך באַקאַנטע. אַלע האָבען גערעדט וועגען די גלעקלאַך און וועגען דער קלינגעניש אין די גאַסען און איינער האָט געזאָגט:

— עס איז פונקט ווי אַ משוגעים־הויז!...

דער מענש, וואָס האָט דאָס געזאָגט, איז דוקא געווען פון די, וואָס מען קען בשום אופן ניט האַלטען פון די געגנער פון דער סאָוועט־רעגירונג. פאַרקערט, ער האַלט, אז אין גרונד טראָגט זיך סאָוועט־רוסלאַנד אַרום מיט אַ גרויסען אידעאַל; ער איז אָבער געגען די מעטאָדען, וואָס מען ווענדעט אָן דעם אידעאַל דורכצופיהרען און ער גלויבט, אז ס'איז געווען אַן אומגליק פאַר דער וועלט וואָס דוקא אויפ'ן גורל פון דער צוריקגעשטאַנענער רוסלאַנד איז אויסגעפאַלען זיך אַרומצוטראָגען מיט אַזאַ אידעאַל...

— ווען מען נעמט זיך אונטער צו טאָן אַ גוטע זאַך, — האָט דער מענש געזאָגט, — איז ניט גענוג צו האָבן גוטע כונות; צו דעם דאַרף מען נאָך האָבען די פעהיגקייטען צו טאָן אַ זאַך גוט. און מיר רוסישע מענשען האָבען, ליידער, ניט אַזעלכע פעהיגקייטען...

## 5. ביים ברעג פונ'ם שווארצען ים.

זעהר אַ טרויעריגען איינדרוק מאַכט דער ברעג פונ'ם ים אין אדעס.

אַמאָל איז דער אדעסער האַפען געווען פול מיט לעבען; שיפען זיינען געקומען, שיפען זיינען אַוועק; מען האָט אריינגעפירט און אַרויסגעפירט פאַרשידענערליי סחורות; מען האָט געפאַקעוועט און געגרוזעוועט; מענשען האָבען געאַרבייט, מענשען זיינען געלאָפען; דאָס פייפען פון שיפען האָט זיך מיט

א לעבעדיגען הילך איבער דער גאַנצער שטאָדט געטראָגען; אדעס האָט זיך אָנגעקערט ניט נאָר מיט גאַנץ רוסלאַנד; אדעס האָט זיך אָנגעקערט מיט דער גאַנצער וועלט, און אַלע מאָל, ווען מען איז געשטאַנען ביים ברעג פונ'ם שווארצען ים אין אדעס — צי דאָס איז געווען בייטאָג, ווען די ארבייט ביים האַפען האָט אונטער די הענט געברענט, אָדער ביינאַכט, ווען מען האָט מיט פארבענקטע בליקען געקוקט אויף די פייערלאַך פון די שיפען, וואָס האָבען זיך אַפילו אין דער פינסטערער נאַכט ניט געקענט פארלירען — האָט מען געפילט דעם אָטעם פון ווייטע לענדער, דעם אָטעם פון דער גאַנצער וועלט דער גרויסער...

דער ברעג פון ים אין אדעס איז געווען איינער פון די שעהנסטע אין דער וועלט. איינער פון די לעבעדיגסטע אין דער וועלט.

אין די פארנאַכטען און אין די אָווענטען איז מען אהין געקומען פון אַלע עקען שטאָט. אויף דעם ברייטען בולוואַר, וואָס הויבט זיך אויף איבער'ן ברעג פונ'ם ים, האָבען געשפאַצירט אָהן א שיעור מענשען; מען האָט געזונגען לידער, מען האָט געשטיפט און געלאַכט און די גאַנצע לופט איז דאָרט געווען אָנגעפילט מיט ליבע און פרייד. יונגע פאָרלאַך האָבען זיך פארלאָרען אין דער געדיכטער אַלעע, לעבען פושקינ'ס מאָנומענט, און מען האָט געזאָגט, אַז ער, דער גרויסער און קלוגער רוסישער דיכטער, וועלכער האָט אין זיין לעבען געהאַט געניגע ערפאַהרונג אין ליבע און איז געפאַלען אין א דועל איבער א ליבע, קוקט מיט זיין קלוגען, גאַליגען שמייכעל אויף די פארליבטע פאָרלאַך, וואָס דרעהען זיך ארום זיין מאָנומענט גליקליכע און צופרידענע, ווייל זיי ווייסען נאָך ניט ווי ביטער דער טעם פון ליבע קען אמאָל זיין...

מען האָט שוין געוואוסט, אַז ווען אין הארצען פון אַן אדעסער יונגער מיידעל, אָדער אַן אדעסער יונגען בחור, ווערט צייטיג א געפיהל פון ליבע, אומרוהיגקייט און אומבאַשטימטער פרייד, וואָס שטראָמט ווי פון א לעבעדיגען קוואַל, קומען זיי אויפ'ן בולוואַר ביים ברעג פונ'ם ים, און מיט זייער קומען אהין אין די אָווענטען גיבען זיי צו נאָך אויגען, וואָס קוקען פארבענקט אויף די פייערלאַך פון די שיפען, וואָס פארלירען

זיך ניט אפילו אין דער פינסטערסטער נאכט...

אויף די טרעפ, וואס געפינען זיך ניט ווייט פונ׳ם דיוק רישעליע׳ס מאנומענט — טרעפ, וואס שפרייטען זיך אין דער ברייט מיט גרויס פארנעם און ווירדיגקייט און פיהרען ארונטער צום וואסער, זענען מענשען, אין די יום־טוב׳דיגע טעג און אין די אווענטען, געגאנגען אראפ און ארויף; און ווייטער א ביסעל, אין דער רעכטער זייט, האט מען זיך ארונטערגעלאזען און זיך צוריק אויפגעהויבען אין דער מאשין אויף רעדלאך, וואס איז שטענדיג געווען פול מיט יונגע קולות און יונגען געלעכטער.

בייטאג און ביינאכט, זומער און ווינטער, איז ביים אדעסער ברעג געווען לעבעדיג.

און איצט איז דארט טויט.

טויט בייטאג, און טויט ביינאכט...

אלעס ארום און ארום איז אפגעלאזען און וויסט.

און ווען מען קוקט אויפ׳ן מאנומענט פונ׳ם דיוק רישעליע, וועלכער שטעהט נאך אלץ מיט אן אויפגעהויבענער האנט, גע־ווענדעט צום ים, דוכט זיך, אז ער ווייזט אן ערגעץ א ווייטקייט, וואו עס געפינט זיך נאך לעבען; דא אבער איז קיין לעבען ניטא...

אין א טאג, ווען מען האט אין אדעס ניט געארבייט — א טאג, וואס איז געווען ניט זונטאג און ניט מאנטאג, ניט דינס־טאג און ניט מיטוואך, ניט דאנערשטאג און ניט פרייטאג און ניט שבת, ווייל פונקט ווי אין אנדערע שטעדט ווייסט מען אין אדעס אויך ניט די נעמען פון די טעג, נאר די דאטומס — בין איך געשטאנען ביים ברעג ים, לעבען די גרויסע, ברייטע טרעפ, וואס איך האב געדענקט נאך פון יענע צייטען, ווען איך בין אויך געווען צווישען די, וואס זיינען דארט געגאנגען אראפ און ארויף. ארום און ארום איז געווען פוסט. אויפ׳ן ים האט מען ניט מער ווי א צוויי שיפען געזעהן. נעבעכדיגע האבען זיי זיך אויפ׳ן וואסער געוויגט און מען האט פון זיי קיין פיפס ניט געהערט; עס האט זיך געדוכט, אז אזוי שטעהען זיי שוין דארטען לאנג, זעהר לאנג, און אז אזוי וועלען זיי שוין דארטען שטעהן, ווייל אימיצער האט זיי אזוי אויפ׳ן וואסער איבערגעלאזט און האט אן זיי אינגאנצען פארגעסען...

פוסט, אומעטיג און שטיל...

און דער ים ביים אדעסער ברעג איז געווען אזוי שעהן, אז ער האָט פּשוט פאַרכאַפּט דאָס אויג מיט זיין שעהנקייט. די בלויע כוואַליעס האָבען אויף אים ווייסע פאַסען פון גע־רונצעלטען שוים אָנגעוואָרפען; זיי האָבען זיך אַלץ ווייטער און ווייטער מיט זייער בלויקייט געטראָגען, די כוואַליעס, ביז זיי האָבען זיך איינגאַנצען מיט'ן בלויען הימעל צונויפגעגאָסען. ים און הימעל זיינען איינער אין אַנדערען אריין. דער ים האָט דעם הימעל צו זיך ארונטערגעצויגען, און ביידע צוזאַמען האָבען די ווייטקייט אָפּגעהאַקט.

אָבער — וואָס פאַר א ווייטקייט!

וואָס פאַר א שעהנקייט!

און ביי די טרעפּ, און ביי די שטיינערנע שטאַכעטען זיינען געשטאַנען עטליכע מענשען און האָבען געקוקט.

אָרימע, אין אַלטע, אָפּגעריבענע קליידער, זיינען זיי גע־שטאַנען איינציגווייז, צואוואָרפענע, יעדער איינער מיט זיין טרויער אין הארצען, יעדער איינער מיט זיין אומעט אין דער נשמה, און — זיי האָבען געקוקט.

וואוהין האָבען זיי געקוקט?

אודאי אין דער ווייטקייט, וואו עס איז דאָ אַן אַנדער לעבען...

און דערפאַר האָבען זיי דאָס געוואָלט זיין מיט זיך אַליין. דערפאַר האָבען זיי בלויז איינציגע ווערטער געענטפערט ווען מען האָט זיי עפּעס געפרעגט. זיי האָבען בלויז געוואָלט קוקען אין א ווייטקייט, וואו עס איז דאָ אַן אַנדער לעבען, און זיי האָבען ניט געוואָלט, אז מען זאָל זיי שטערען אין דעם...

אזוי קוקען אין רוסלאַנד איצט א סך מענשען — ביי די ברעגען פונ'ם ים און אויך ביי די גרעניצען אויף דער יבשה...

מען קוקט און מען טראַכט...

מען האָפט אַלץ, אז די לאַגע וועט ווערען בעסער, ווייל איצט איז שוין אזוי שלעכט, אז מען האָט שוין פּשוט קיין כח ניט אריבערצוטראָגען.

און ווען מען רעדט וועגען דער איצטיגער שלעכטער לאַגע דערמאָנט מען צוויי נעמען — ל ע נ י ן און ס ט א ל י ן.

א סך מענשען דריקען אוים דעם גלויבען, אז ווען ע ר וואָלט געלעבט, וואָלט געווען בעסער, וואָרים ע ר, א י ל י ט ש

אַליין, וואָלט ניט דערפירט דאָס לאַנד צו אַזאַ הונגער, צו אַזאַ שרעקליכער נויט...

וועגן סטאַלינ׳ען אָבער רעדט מען אַנדערש. אינגאַנצען אַנדערש. זעהר אָפט רופט מען אים גאָרניט אָן ביים נאָמען, נאָר — „ס״. אָדער — די „סאַמעך״.

אַלע ווייסען שוין, ווען מ׳מיינט, קוקט מען זיך פאָרזיכטיג ארום אין אַלע זייטען, ווי מען וואָלט געוואָלט פעסטשטעלען, אַז די ווענט האָבען ניט קיין אויערען, און עס געפינט זיך שוין איינער, וואָס דערציילט איך אַזאַ געשיכטע, וואָס הויבט זיך אָן מיט אַ פראַגע:

„וואָס פאַר אַ זאַך קען מען טאָן אין סאָוועט־רוסלאַנד, אַז עס זאָל קאָסטען ביליג, עס זאָל זיין אַ ישועה פאַר׳ן גאַנצען רוסישען פאָלק און אַ מתנה פאַר די ארבייטער פון דער גאַנצער וועלט?״

דאָס איז די פראַגע.

און באַלד קומט דער ענטפער:

„אויפהענגען סטאַלינ׳ען״...

און באַלד פאַרטייטש מען דאָס:

עס וועט קאָסטען ביליג, ווייל אַ שטריקעל אין סאָוועט־רוסלאַנד קאָסט ניט טייער. און ווען מען וואָלט אויפגעהאַנגען סטאַלינ׳ען, וואָלט דאָס געווען אַ ישועה פאַר׳ן גאַנצען רוסישען פאָלק און אַ מתנה פאַר די ארבייטער פון דער גאַנצער וועלט...״

ווען איך האָב די געשיכטע געהערט אין אדעס, איז דאָס שוין פאַר מיר קיין נייעס ניט געווען, ווייל דאָס זעלבע האָב איך אויך געהערט אין אַנדערע שטעדט. די געשיכטע איז זעהר פּאָפּולער אומעטום און מען דערצעהלט זי איבער אפילו אין אַזעלכע קרייזען, וואָס זיינען קאָמוניסטיש געשטימט. אין אַלגעמיין קען מען זאָגען, אַז בלויז אין די קאָמוניסטישע קרייזען קען מען אויף סטאַלינ׳ען הערען אַ גוט וואָרט. אין אנדערע קרייזען אָבער קען מען אויף סטאַלינ׳ען קיינמאָל קיין גוט ווארט ניט הערען. און אַפילו אין די דערפער, וואו מענשען זיינען אין זייער נאַאיוויטעט, גענויגט איינצוהילען גרויסע פּערזענליכקייטען אין לעגענדעס, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט די מערסטע מענשען, וואָס האָבען געהערשט איבער רוסלאַנד, רעדט מען וועגן סטאַלינ׳ען שטילערהייט מיט פאַרביטערט־

קייט, מיט גאַל, מען קוקט אויף אים ווי אויף איינעם, וואָס האָט דערפירט דאָס לאַנד צום ברעג פון אָפּגרונט און מען גייט אָפּט אפילו אַזוי ווייט ווי אויסטראַכטען אויף אים די ערגסטע זאַכען וואָס זיינען געוויס ניט אמת...

ביי דער גרעסטער מאַיאָריטעט פונים רוסישען פאָלק לעבט אין די הערצער דער טויטער לענין, אָבער ניט דער לעבעדיגער סטאַלין...

און שטילערהייט רעדט מען אויך זעהר א סך גוטס וועגען טראָצקי'ן... איך האָב דאָס געהערט אין א סך שטעדט, אין פאַרשידענע קרייזען, אפילו אין מיליטערישע. איך האָב דאָס אויך געהערט אויף די באַנען, און איך האָב דאָס אויך געהערט אין אדעס.

פונקט ווי לענין מיט זיין טויט, איז טראָצקי דערהויבען געוואָרען מיט זיין פאַלען. און דאָס אליין שטרייכט אונטער די פאַרצווייפלונג פונ'ם גרעסטען טייל אינ'ם רוסישען פאָלק; מענשען קענען ניט געפינען קיין טרויסט אין דעם, וואָס עס איז דאָ, זוכען זיי כאָטש א שטיקעל טרויסט אין דעם, וואָס ס'וואָלט געקענט זיין...

שטעהענדיג ביים ברעג ים אין אדעס און צוקוקענדיג זיך צו דער פוסטקייט, וואָס האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ, האָב איך ניט געוואָלט, אז מען זאָל מיך אָננעמען פאַר אַן אויס־לענדער. איך בין געוועז אָנגעטאָן אַזוי, אַז דער אויסערליכער אויסזעהן מיינער זאָל זיך מער אַריינפּאַסען אין דער אַלגעמיי־נער גרויקייט און קויטיגקייט. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפען; מיינע גאַנץ געוועהנליכע קליידער האָבען זיך דאָך געוואָרפען אין די אויגען און איך האָב געזעהן ווי מען קוקט אויף מיר צופיל, ווי מען דערקענט אין מיר דעם פרעמדען, וואָס איז פון אַן אַנדער לאַנד געקומען. דאָס איז מיר געווען ניט אַנגענעם, פונקט אַזוי ווי עס איז ניט אַנגענעם צו עסען, ווען מען זעהט אַזוי פיל הונגעריגע ארום זיך. און איך האָב זיך געלאָזט געהן ווייטער.

אין ערגעץ האָט מען ניט געקענט זעהן קיין איין זאַך, קיין איין בילד, פון וואָס עס זאָל קאָנען ווערען ליכטיג אין די אויגען. אויף די שעהנסטע גאַסען פון אדעס איז געלעגען א שווער־דריקענדע מרה שחורה. זעלטען־ווען עס האָבען אויפ'ן

שאָסעי רעדער געקלאַפּט; עס האָט זיך אין ערגעץ ניט געפיהלט קיין האסטיגע באַוועגונג, קיין שנעלער אימפּעט, און פון אַלע הויפען האָט זיך געטראָגען אַ טיפער אומעט.

געהענדיג אזוי, האָב איך באַגעגענט איינע פון די אָנגעשטעלטע איבערזעצערינס אינ׳ם אדעסער „אינטוריסט״. אַ יונגע, אַ באַוועגליכע און אַ ריהרעוודיגע, איז זי געגאַנגען שנעל און מען האָט געקענט זעהן, אַז זי איילט זיך שטאַרק, ווי די מערסטע „פיהרערינס״ און איבערזעצערינס פון די „אינטוריסט״-ביוראָס אין סאָוועט-רוסלאַנד. זי האָט מיך געבעטען, אז איך זאָל אויך געהן מיט איר, אויב איך האָב צייט. בין איך געגאַנגען, און אויפ׳ן וועג האָט זי אַ סך גערעדט און אַלץ געפּרואווט באַווייזען איין זאַך:

„אדעס בויט זיך... אדעס סטראָיעט זיך... אדעס וואקסט!״...

ווען איך האָב זי געפרעגט, צי זי געדענקט אדעס פון די פריהערדיגע צייטען, האָט זי אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגען, ווי זי וואָלט זיך באַליידיגט:

— זעה איך דען אויס אַזוי אַלט?...

— ווי אַלט זענט איר? — האָב איך זי געפרעגט.

—איין־און־צוואַנציג יאָהר, — האָט זי געענטפערט.

ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכען, איז דאָס מיידעל אַלט געווען זעקס יאָהר. ווי אַזוי אדעס האָט אויסגעזעהן פריהער, געדענקט זי ניט. זי ווייסט אָבער איין זאַך: ווען זי רעדט מיט אַן אויסלענדישען רייזענדער דאַרף זי זאָגען:

„אדעס בויט זיך... אדעס סטראָיעט זיך... אדעס וואַקסט״...

עס איז שוין געווען שפּעט נאָכמיטאָג, ווען איך בין אריינגעקומען אינ׳ם „לאָנדאָנסקע״־האָטעל עסען. אין יענעם האָטעל האָב איך דאָס געזאָלט איינשטעהן. אָבער גראָד דאַן האָט מען אים געהאַלטען אין רעמאָנטירען, צוגרייטענדיג אין די אַלע צימערען אַלע נויטיגע באַקוועמליכקייטען פאַר אויסלענדישע טוריסטען. און דערפאַר האָט מען מיך אריינגעפירט אינ׳ם „באָלשאָי מאָסקאָווסקע״ האָטעל. עסען, אָבער, האָב איך געדאַרפט געהן אין „לאָנדאָנסקע״.

דאָרטען האָט מען מיך שוין גוט געקענט. דער „שוויי־צאַר״ ביי דער טיר פונ׳ם רעסטאָראַן האָט זיך מיט מיר שוין

באַגריסט, ווי מיט אַן אַלטען באַקאַנטען און ער האָט מיר אַלע מאָל געהאָלפען אויסטאָן און אָנטאָן דעם מאַנטעל. און ביים אַריינגאַנג האָט מען נאָך אַלץ געשטוקאַטורעוועט דאָס זעלבע שטיקעל פונ'ם מראַמאָרנעם פאָל; מען האָט אַלץ געהאַלטען אויף דעם זעלבען אָרט, ווי נעכטען און עהרנעכטען און ווי מיט דריי טעג צוריק; אַ מענש מיט אַן אייזענדעל אין דער האַנט און מיט אַ שווערער קוטשמע אויפ'ן קאָפּ, האָט פיל געשמירט און פיל געקלאַפּט, און אַלץ אויף דעם זעלבען אָרט. און ס'איז שווער געווען זיך פאָרצושטעלען, אַז ער וועט אַמאָל די אַרבייט זיינע ענדיגען...

אין רעסטאָראַן זיינען קיין סך מענשען ניט געווען. בלויז אַ פּאָר טישלאַך זיינען געווען באַזעצט, און די מענשען, וואָס זיינען דאָרט געזעסען, האָבען געגעסען געשמאַק. זיי האָבען אויך געטרונקען ביר און בראַנפען און האָבען זיך געהאַלטען אַזוי, אַז מען האָט גלייך געקענט זעהן, אַז זיי איז ניט שלעכט...

און אַ באַקאַנטער, וואָס האָט זיך ביי מיין טישעל אוועקגע־זעצט, האָט מיר מיט די אויגען אָנגעוויזען אויף איינעם פון יענער גרופּע, וואָס האָט זיך געלאָזט וואוילגעהן, און ער האָט שטיל געזאָגט:

— איר זעהט יענעם מענשען? איך קען אים זעהר גוט, און ער קען מיך זעהר גוט, אָבער ער האַלט זיך אַזוי ווי ער וואָלט מיך אינגאַנצען ניט געקענט.

— אַ בעל גאוה אַזאַ, הא?

— ניין, ניט קיין בעל גאוה, נאָר עפּעס אַנדערש. פּשוט אַ קאַריעריסט, ביי וועמען דער נעכטען קעהר זיך אינגאַנצען ניט אָן מיט'ן היינט, פּונקט ווי דער היינט קען זיך ביי אים אינ־גאַנצען ניט אָנקעהרען מיט'ן מאָרגען...

און כדי איך זאָל דאָס פאַרשטעהן, האָט דער באַקאַנטער מיינער אָנגעהויבען ריידען קלאָרער, אָבער שטיל, און דערביי האָט ער זיך פאָרזיכטיג אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען:

— יענער פאַרשוין — האָט ער געזאָגט — האָט פאַר דער רעוואָלוציע שטענדיג גערעדט מיט האַס וועגען „די אייגלאַך און מיידלאַך, וואָס ווילען ניט דעם קיסר". נאָך דער רעוואָלו־ציע האָט ער זיך נאָך אַלץ אַרומגעטראָגען מיט דעם בטול־דיגען שמייכעלע אויף די ליפּען, און פּונקט ווי יענער קליינ־

שטעטעלדיגער איד, וואָס ציהט מיט די אַקסלען, ווען ער דער־זעהט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען אַ באַהן, האָט ער אויך געזאָגט: „עט, ס'וועט ניט אויסהאַלטען!" ער האָט זיך אַלץ ניט געשיידט מיט'ן ביטול'דיגען שמייכעלע פונ'ם ציניקער; ער האָט אַלץ געמאַכט חוזק... און איצט? איצט איז ער אַ „פאַרברענטער קאָמוניסט", פאַרנעמט אַן אָנגעזעהענעם אַמט. עס איז אים גוט, ער איז צופרידען; זיצט ער זיך אַזוי אַ צו־פרידענער ביים טיש, עסט דעם פעטען מאַלצייט און טרינקט ביר און בראָנפען...

אַזעלכע זיינען פאַראַן אַ סך, ניט נאָר אין אדעס, נאָר אויך אין אַנדערע שטעדט. אַלס „געוועזענע" פיהלען זיי שטענדיג, אַז זיי מוזען ווייזען ווי זיי זיינען נאָך פרומער פאַר'ן פּאַפּסט, און אין זייער טעטיגקייט זיינען זיי זעהר שטרענג און רעכענען זיך אינגאַנצען ניט מיט אַזעלכע „קליינינקייטען" ווי מענשליכע געפיהלען. אַלטע גוטע פריינד דערקענען זיי ניט, ווייל ס'דערמאָנט זיי אָן דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס זיינען מענ־שען, וועלכע האַלטען שטענדיג מיט דער מאַכט. זיי זיינען פונקט ווי יענע „פּאַטריאָטען" פון פיאָטר דעם גרויסענ'ס אַלמנה, ווע־מען די אַרמיי האָט ארויפגעזעצט אויפ'ן טראָן. „אונזערע האָבען געזיגט!" — האָבען יענע „פּאַטריאָטען" אויסגעשריגען מיט פרייד, ווען מען האָט די געוועזענע דינסטמויד געמאַכט פאַר אַ הערשערין איבער רוסלאַנד. און ווען מען האָט זיי גע־פרעגט: „ווער זיינען דאָס די אונזערע?" האָבען זיי גע־ענטפערט: „די, וואָס האָבען געזיגט, די זענען אונזערע"...

אין אדעס, פונקט ווי אין אַנדערע שטעדט אין סאָוועט־רוסלאַנד, קעהר זיך אַ האָטעל אינגאַנצען ניט אָן מיט דער ווירקליכקייט, אין וועלכער די באַפעלקערונג לעבט, און אָפט־מאָל האָט מען דעם איינדרוק, אַז די האָטעלען זענען גאָר ניט, קיין רוסישע, אדער זיי האָבען גלאַט קיין שייכות ניט מיט דעם רוסישען לעבען פון דער איצטיגער צייט.

די באַפעלקערונג אין אדעס נויטיגט זיך אין ברויט. אויף די גאַסען זעהט מען לאַנגע „אָטשערעדען" צו קריגען עסענ־ווארג. און אין די רעסטאָראַנען פון די האָטעלען קריגט מען צום עסען אַלץ וואָס אַ מויל קען נאָר ארויסריידען, אויך די בעסטע וויינען און ליקערען, און די טייערסטע פאַרבייסענס.

עס איז ניט מער, דאָרט, אין יענע רעסטאָראַנען, עסט ניט דאָס פאָלק; דאָרט עסען די אויסלענדישע טוריסטען און גלאַט פּריווילעגירטע מענשען. דאָס זיינען ספּעציעלע רוה־פּלעצער און עס־פּלעצער, וואָס מען האָט אויסגעבויט און איבערגעבויט אין דער „רעפּובליק פון ארבייטער און פּויערים"; אָבער קיין אר־בייטער און פּויערים זעהט מען דאָרט ניט, פּונקט ווי מען זעהט זיי ניט אין די ווייכע וואַגאָנען פון ערשטען און צוויי־טען קלאַס...

— און איר רעדט וועגען גלייכהייט אין סאָוועט־רוסלאַנד — האָט מיר א מענש געזאָגט מוסר, שפּאַצירענדיג מיט מיר שפּעט ביינאַכט אויף דער יעקאַטערינינסקע, וואָס הייסט איצט „די בע־בעל גאַס" — וואָס פאר א גלייכהייט איז דאָס, ווען דאָס פאָלק הונגערט, ווען דאָס פאָלק האָט ניט קיין ברויט, ווען אין די דערפער עסט מען שאָלעכץ פון קארטאָפּליעס און מענשען און פערד פאַלען פון הונגער, קען איך אייך דאָ אין אדעס אָנווייזען א סך פּלעצער, וואו טיר און פענסטער זיינען פארהאַקט, וואוהין זייטיגע מענשען קענען ניט אריינקומען, און דאָרטען זיצען די „מיטארבייטער" פון דער „גע־פּע־או" און זיי עסען און טרינקען דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע... פארבייגעהענדיג דאָרט וועט אייך גארניט איינפאַלען, אז דאָס איז אזא פּלאַץ. מען זעהט דאָרט גארניט. בלויז אויף איינעם פון די פאר־האַנגענע פענסטער הענגט סטאַלינ׳ס פּאָרטרעט...

מער זעהט מען דאָרט גאָרניט...

סטאַלינ׳ס פּאָרטרעט פארשטעלט אלעס...

עס איז שוין געווען נאָך האלבער נאכט, ווען איך בין ווידער צוגעגאַנגען צום ברעג ים. די נאכט איז געווען א ליכטיגע, דער הימעל איז געווען אויסגעשטערענט. ארום און ארום איז געווען שטיל און מען האָט אין ערגעץ קיין מענשען ניט געזעהן. מיט אמאָל האָב איך דערהערט טריט הינטער זיך...

צוויי פרויען מיט שאַלעכלעך אויף די קעפּ זיינען געגאַנגען, איבערשניידענדיג דעם בולוואר אין דער ברייט. איינע האָט געטראָגען אן עמער און די אנדערע האָט געטראָגען א בארשט. זיי זיינען ביידע, קענטיג, געגאַנגען פון א רעגירונגס־אינסטיטו־ציע, וואו זיי האָבען געוואַשען און גערייניגט, און מיט דער

פולער זיכערקייט, אז איך פארשטעה ניט זייער לשון, האבען זיי אנגעהויבען ריידען וועגען מיר, און פון דעם ווי אזוי זיי האבען גערעדט רוסיש, האט מען גלייך געקענט זעהן, אז זיי זיינען ביידע אינטעליגענטע פרויען.

— באטראכט נאר אט דעם מענשען! — האט איינע געזאגט — מען דערקענט גלייך, אז דאס איז אן אויסלענדער...

— יא, מען זעהט דאס אן זיינע קליידער...

— און וואס פאר א הוט ער טראגט! ביי אונז זעהט מען גאר ניט אזעלכע...

— וואס איז דען ביי אונז יא דא?! מיר געהען אלע אנגעטאן ווי בעטלער...

— די מענשען, וואס קומען אהער צו אונז פון אויסלאנד, זיינען גאר אינגאנצען אנדערע מענשען...

און איינע האט געענדיגט אזוי:

— יא, ערגעץ לעבט מען, ערגעץ אטעמט מען פריי; מען געהט, מען פארברענגט, מען באגעגענט זיך מיט מענשען. ביי אונז אבער — עך, וואס פאר א לעבען!...

און זאגענדיג דאס האט זי זיך צואויינט...

זעהן, אדער הערען, ווי א מענש צואויינט זיך גאר פלוצלונג אין סאוועטען־רוסלאנד, איז שוין פאר מיר קיין נייעס ניט געוועזן. אבער דאס שטילע געוויין פון דער פרעמדער פרוי ביינאכט ביים ברעג פונ'ם ים אין אדעס, האט אויף מיר שטארק געווירקט. איך האב שוין מער ניט געקאנט מאכען דעם אנשטעל, אז איך פארשטעה ניט קיין רוסיש, און אויסדרעהענדיג זיך צו איר מיט'ן פנים, האב איך געזאגט:

— איר וועט מיר ענטשולדיגען. קען איך אייך אפשר מיט עפעס העלפען?

די פרוי האט זיך פארשעמט און איז שנעל אוועק...

אט אזוי לעבען מענשען איצט אין אדעס!...

פיערצענטער קאַפּיטעל.

# צוגאַסט ביי קאָמוניסטישע אידישע קולטור־טרעגער.

## 1. אין אַ אידישער רעדאַקציע און אינ'ם מענדעלי־מוזעאום.

אַדעס איז אַלע מאָל געווען ניט נאָר אַ שטאָט פון לעבען, נאָר אויך אַ שטאָט פון קולטור.

אין אַדעס זיינען ארויסגעגאַנגען צייטונגען, וואָס האָבען זיך ניט געדאַרפט שעהמען פאַר די צייטונגען אין פעטערבורג און אין מאָסקווע, ניט מיט זייער אינהאַלט און ניט מיט דעם איינפלוס, וואָס זיי האָבען געהאַט אויפ'ן פּאָליטישען לעבען.

אין אַדעס האָט מען אַלע מאָל ליב געהאַט טעאַטער און אָפּערע; די גרעסטע קינסטלער פון רוסלאַנד און פון אַנדערע לענדער זיינען דאָרט אויפגעטראָטען מיט גרויס ערפאָלג, און נאָך ביז היינטיגען טאָג איז דער אַדעסער „גאָראָדסקאָי טעאַטער" איינער פון די שעהנסטע און בעסטע טעאַטערס אין דער וועלט. בלויז דאָס ווינער „אָפּערע־הויז" קען זיך אין שעהנקייט פאַרגלייכען מיט'ן אַדעסער „גאָראָדסקאָי טעאַטער".

די אַדעסער אידישע באַפעלקערונג איז אין קולטור קיינמאָל ניט אָפּגעשטאַנען פון דעם אַלגעמיינעם שטראָם; אַדעס האָט געהאַט אַ שעהנע אידישע שטודירענדע יוגנוואַרג, אַ שעהנע אידישע אינטעליגענץ, און אויפ'ן געביט פון אידישער ליטעראַטור האָט זי נאָך פאַר דער מלחמה שטאַרק געקאָנקורירט מיט וואַרשע און ווילנע — די צוויי שטעט, וואָס האָבען זיך געהאַלטען פאַר די גרויסע צענטרען אין אידישען שאַפען.

אויך איצט רעדט מען אין אַדעס זעהר אַ סך וועגען אידישער ליטעראַטור און אידישער קולטור. מען ווייזט אָן דארויף,

וואָס אין אדעס איז פאַראַן אַ אידישע צייטונג מיט׳ן נאָמען „דער אדעסער ארבייטער״, אַ אידישער מוזעאום אויפ׳ן נאָמען פון מענדעלי מוכר ספרים און אויך אַ גאַס אויף זיין נאָמען.

עס איז אָבער זעהר שווער די גאַס צו געפינען; בלויז געצעהלטע מענשען ווייסען וואו זי איז...

אין אַ פרימאָרגען בין איך אריינגעקומען אין דער רע־דאקציע פונ׳ם „אדעסער ארבייטער״, און איך בין געווען גרייט דערצו, אַז מען זאָל מיך ניט שאַנעווען. און אַזוי איז טאַקע געווען.

ווען מ׳האָט מיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ אידישען שרייבער פון אמעריקע, האָט מען אין אָנפאַנג, ווי עס שיינט, געמיינט, אַז איך בין אַ קאָמוניסט און מען האָט מיך אויפגענומען ניט שלעכט, אָבער אַזוי שנעל ווי איך האָב זיי אַליין געזאָגט מיין נאָמען, האָט מען גלייך געביטען דעם טאָן און מ׳האָט אָנגע־הויבען ריידען צו מיר גאָר אַנדערש.

דער געהילפס־רעדאַקטאָר, אַ יונגערמאַן, וואָס סטאַרעט זיך שוין אַ ביסעלע צופיל צו ריידען פערלדיג און קיילעכדיג און גלאַט, ווייל ער מיינט אודאי, אַז אַלעס, וואָס ער זאָגט ארויס, האָט אין זיך אַ סך געוויכט און נאָך מער וויכטיגקייט, האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבען באַנוצען גאָר אינגאַנצען אַן אַנדער שפּראַך; ער האָט געשאָלטען און גע׳קללה׳ט אידישע שרייבער, באַשולדיגענדיג אַלעמען אין דעם, אַז זיי האָבען זיך „פאַרקויפט צו דער בורזשואַזיע״; די ווערטער „כאַליאַטשקע״ און „באַ־ליאַטשקע״ זענען אים גאָר פון מויל ניט ארויס, און ער האָט דוקא געוואָלט, אַז די „כאַליאַטשקעס״ און „באַליאַטשקעס״ זאָלען ביי אונז אַלעמען, דאָס הייסט, ביי די אידישע שרייבער, וואָס זיינען ניט קיין קאָמוניסטען און שרייבען ניט לויט דער גע־וויסער „אידעאָלאָגיע״ פון סטאַלין׳ס שלחן־ערוך, „זיך זעצען אונטער די פאַכוועס״...

אַנדערש וועט ער ניט שטילען זיין גרימצאָרן. אַנדערש וועט ער ניט קענען זיין רוהיג...

דערזעלבער אידישער „קולטור־טרעגער״, וועלכער איז ניט נאָר דער געהילפס־רעדאַקטאָר פון „אדעסער ארבייטער״, נאָר אויך אַ פאָלגער רעדאַקטאָר פון אַ אידישער „ראַדיאָ־צייטונג״

אין אַדעס און וועמעס נאָמען ס'איז נאָך אינגאַנצען אומבאַ־קאַנט אין דער אידישער ליטעראַטור — ער האָט וועגען די גרעסטע אידישע שריפטשטעלער גערעדט מיט אַזוי פיל בטול און מיט אַזוי פיל חוזק, אַז . . . עס איז פשוט געווען צו באַוואונדערען די גרויסע חוצפה זיינע...

אַזוי קען ריידען אַ מענש, וואָס האָט ניט אין זיך אַפילו קיין סימן פון אַ ברעקעל קולטור.

שפּעטער איז אָנגעקומען דער רעדאַקטאָר אַליין.

די געקרויזטע האָר פאַרקעמט ווי ביי אַ טיפּישען פאַריק־מאַכער פון'ם אַלטען שניט, מיט אַ מויל פול מיט גאָלדענע ציין, האָט ער זיך ווירדיג אַוועקגעזעצט אויף זיין רעדאַקטאָר־שטול און נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט מיר באַקענט, האָט ער אַוועק־געלעגט ביידע הענט אויפ'ן טיש און גלייך אָנגענומען אַזאַ פּאָזע פונקט ווי דוקא ער און ניט קיין אַנדערער וואָלט באַשטימט געוואָרען מיך צו משפּט'ן פאַר די אַלע חטאים, וועלכע איך בין אין מיין לעבען באַגאַנגען און וועלכע דאַרפען, לויט זיין מיינונג, פּלאַגען און מוטשען מיין זינדיגע נשמה טאָג ווי נאַכט...

— אַזוי, אַזוי — האָט ער זיך געגעבען אַ זאָג, אַרויס־שטעלענדיג דאָס פולע מויל מיט גאָלדענע ציין — דאָס זענט איר דאָס דער, וואָס שרייבט אין „פאָרווערטס"?...

— יאָ, דאָס בין איך דאָס דער...

— מיר איז אַ וואונדער — האָט ער שאַרף אַרויסגערעדט די „ריש'ן", קלאַפּענדיג דערביי מיט די פינגער אָן טיש, — מיר איז אַ וואונדער, וואָס מען האָט אייך גאָר אַריינגעלאָזט צו אונז אין סאָוועטען־פאַרבאַנד...

ער האָט זיך געהאַלטען אַזוי, פּונקט ווי ער וואָלט געווען אַ באַפולמעכטיגטער פון דער „גע־פּע־או" און איך וואָלט דאָס געזעסען פאַר אים אַן אָנגעקלאָגטער. האָב איך אַרויסגענומען מיין אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט און האָב געזאָגט:

— אפשר דאַרפט איר דאָס אָנקוקען... זעהט, איך האָב זיך אהער ניט אַריינגע'גנב'עט. איך בין אַהער אַריינגעקומען מיט אַ וויזע...

דער רעדאַקטאָר פון'ם „אָדעסער אַרבייטער" האָט אָבער אַליץ ניט געביטען דעם טאָן. קוקענדיג אויף מיר, ווי איך זיץ

מיר אַזוי רוהיג און מיט אַ שמייכעל אויפ׳ן פּנים, האָט ער געזאָגט:

— יאָ, יאָ, מיר דאַרפען האָבען אייערע דאָלאַרען... בלויז אייערע דאָלאַרען דאַרפען מיר...

אין זײַן טאָן איז געװען ציניזם. און איך האָב אים געזאָגט:

— הערט זיך אומיסטען צו צו דעם װאָס איר רעדט. איר רעדט דאָך אַלע דאָ װי קרעמער... דאָלאַרען דאַרפט איר האָבען און מער געהט אײַך גאָר ניט אָן!...

דעם רעדאַקטאָר איז מײַן באַמערקונג, אַ פּנים, ניט געפעלען געװאָרען און ער האָט מיט אַמאָל אָנגעהויבען רײדען פּונקט װי ער װאָלט געשטאַנען אויף אַ פּלאַטפאָרמע, האַלטענדיג אַ קאַזיאָנע דרשה. עס האָט זיך געדוכט, אַז דאָס איז ניט קײן מענש, נאָר אַ מאַשין אַזאַ, װאָס עמיצער האָט געגעבען אַ דרײי אָן. שטשירענדיג די גאָלדענע צײן און אונטערשטרײַכענדיג יעדען װאָרט שאַרף, האָט ער געזאָגט:

מיר װעלען שוין װיסען װי זיך אָפּצורעכענען מיט די שונאים פון׳ם רעװאָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט. מיר האַלטען זײ אַלע־מען אויפ׳ן אויג און װען די שטונדע װעט שלאָגען, װעלען מיר זײ לאָזען פּיהלען אונזער מאַכט און זײ װעלען אונז אָפּגעבען דין וחשבון פאַר אַלעס... יאָ, פאַר אַלעס!...

עס איז אים, אַפּנים, אַלײן שטאַרק געפעלען װי אַזוי ער רעדט. ער האָט, אַ פּנים, ניט געטראַכט פון דעם װאָס אַנדערע פּיהלען די געמאַכטקײט און די ניט־נאַטירליכקײט פון זײַן טאָן און ער האָט װײטער גערעדט:

— איך לײען אויפמערקזאַם די אַמעריקאַנישע אידישע פּרעסע, װײל װי האָט מיט אונז געלערענט חבר איליטש (לענין): „דערקען דעם שונא, װעסטו װיסען װי אַזוי אים צו באַקעמפען”. און איך זעה: מען שרײבט אַן אַרטיקעל, אַ פעליעטאָן, און מען באַװײזט, אַז עס איז איצטער אַ קריזיס אין אַמע־ריקע, קען אַן אָרימע מײדעל זיך אָנטאָן לײטיש, װײל קלײדער קאָסטען זעהר ביליג. נו, פרעג איך: איז דאָס ניט קײן פאַר־ראַט צום אַרבײטער קלאַס? אָנשטאָט דעם װאָס מען זאָל די מײדעל רופען צום רעװאָלוציאָנערען קאַמף, באַװײזט מען איר

גאָר, אַז אַפילו אין קריזיס קען זי זיך אָנטאָן ליטיש... דאַרף מען נאָך האָבען אַ בעסערען באַוויז אויף דעם פאַרראַט צום רעוואָלוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט?!...

ארום און ארום האָט דער טאָן זיינער, דאָס רײדען זיינס, געקלונגען אַזוי ווילד, משונה'דיג ווילד. די באָמבאַסטישע פראַזען זיינע האָבען זיך אינגאַנצען ניט געקלעפּט אין אַ פּריוואַטען געשפּרעך. איך האָב ניט געקענט, בשום אופן ניט געקענט גלויבען אין דעם אָראַטאָרישען „טעמפּעראַמענט”, וואָס דער רעדאַקטאָר פון דער אדעסער אידישער צייטונג האָט אַרויסגעוויזען, און אין אַלגעמיין איז דאָס מיר געווען מאָדנע און טאַקע פּריקרע אויך, ווייל נאָך אַלעמען בין איך דאָך ניט געקומען אין רעדאַקציע, אַז מען זאָל מיר „אַגיטירען” אויף אַזאַ באָמבאַסטישען שטייגער און איך בין אויך ניט געקומען אַהין זיך קריגען מיט די מענשען. איך האָב בלויז געוואָלט אָנקוקען אַ אידישע רעדאַקציע אין אַדעס, און איך האָב אויך געוואָלט זעהן די צייטונג, ווייל אין גאַס און אויך אין די הייזער, וואו איך בין געווען, האָב איך זי ניט געזעהן...

און דאָ זיצט דער רעדאַקטאָר מיט די גאָלדענע ציין און מיט'ן קוטשעראַווען טשוביקעל און זידעלט און מאַכט מיט דער בלאָטע צוגלייך אַלע אידישע שרייבער, וואָס זענען ניט קיין קאָמוניסטען, און קיין אַנדערע נעמען ווי „לומפּען” און „סוואָלאָטשעס” האָט ער גאָר ניט פאַר זיי...

— איר זעהט אָט דעם חבר? — האָט מיר דער צוהיצטער רעדאַקטאָר מיט די גילדענע ציין אָנגעוויזען אויף אַ קלאָיענדיג בחור'ל, וואָס איז געזעסען אויפ'ן עק פון אַ לאַנגער באַנק, האַלטענדיג ביידע הענט אָנגעשפּאַרט אָן טיש. — איר זעהט אָט דעם חבר? ער איז אַן „ארבקאָר” (ארבייטער קאָרעספּאָנדענט). ער איז ביי אונז אַ שרייבער!...

— דאָס איז זעהר פיין — האָב איך געזאָגט. — אָבער די פראַגע איז: ק ע ן ער שרייבען?...

— דאָס איז ניט וויכטיג, — האָט איינער פון דעם רעדאַקציאָנס־קאָלעגיום זיך אָפּגערופען — דארויף האָבען מיר אין רעדאַקציע „ליטערעדען” (ליטעראַרישע רעדאַקטאָרס). זיי קוקען איבער און קאָרעגירען דאָס וואָס די „אַרבקאָרען” שרייבען...

איך האָב נאָך געוואָלט פרעגען ווער עס קאָרעגירט דאָס וואס די „ליטרעדען" שרייבען. אָבער איך האָב דאָס נישט געפרעגט.

„ארבקאָרען", „ליטרעדען" — זיי זיינען דאָס די, וואָס שטעלען צונויף אַ אידישע צייטונג. און ס'אַרט נישט קיינעם, ווי אזוי די צייטונג ווערט צונויפגעשטעלט; עס קימערט נישט קיינעם וואָס די צייטונג ווערט נישט געלייענט און וואָס איז אַדעם אַליין וויסען ווייניג אידען פון איר... דער עיקר איז נאָר: דער וואָס קען מער זידלען און באַליידיגען די אַלע אידישע שרייבער, וואָס זענען נישט קיין קאָמוניסטען, דער וואָס קען שרייען העכער „הורא" און וואַרפען פסוקים און צוגעבען דער־ביי „ווי דער חבר איליטש האָט מיט אונז געלערענט", אָדער „ווי דער חבר סטאַלין האָט פעסטגעשטעלט" — דער כאַפּט זיך אַרויף אויפ'ן פערדעל און ס'הייסט, אַז ער איז אַ אידישער „קולטור־טרעגער"...

אַ גוטע שטונדע, אויב נישט מער, בין איך געזעסען אין דער רעדאַקציע פון דער אידישער צייטונג אין אַדעס. איך האָב אַלץ געמיינט, אַז איך וועל דאָרט הערען כאָטש איין וואָרט, וואָס האָט אַ שייכות מיט אידישען שאַפען, מיט אידישער קול־טור. אָבער חוץ גאַליגער פאַראַכטונג צו אַלץ, וואָס ווערט גע־שאַפען אויף אידיש אויסער די גרעניצען פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָב איך דאָרט נישט געהערט. קיין איינער פון דעם גאַנצען געזינדעל דאָרט האָט נישט ארויסגעוויזען אפילו קיין ברעקעל דרך־ארץ פאַר אזא זאַך ווי וויסען, פאַר אזא זאַך ווי טאַלאַנט; קיין איינער פון זיי האָט ניט דערמאָנט אַ וואָרט וועגען אזאַ זאַך ווי אָפּשעצען פאַרדינסטען פון עלטערע שריפטשטעלער פאַר דער אידישער ליטעראַטור; אויף די גרעסטע אידישע שרייבער האָט מען געוואָרפען בלאָטע און געשפּיגען מיט גאַל...

צווישען רוסישע סאָוועטישע זשורנאַליסטען און שרייבער האָב איך אין רוסלאַנד נישט געהערט, מען זאָל ריידען מיט אזא ביטול און מיט אזוי פיל פאַראַכטונג וועגען אַ קופּרין, אַ בונין, אָדער אַנדערע, ווי מען האָט גערעדט וועגען אידישע שרייבער אין דער אידישער רעדאַקציע פונ'ם „אדעסער אר־בייטער".

אמת־קולטורעלע מענשען האָבען דרך ארץ פאר טאַלאַנט און ווייסען ווי אָפּצושעצען פארדינסטען פאר א ליטעראַטור, אפילו דאן ווען זיי אַליין שטעהען פּאָליטיש אויף אַן אַנדער שטאַנדפּונקט...

איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט, ווען איך בין אַרויס פון דער רעדאַקציע פון דעם „אַדעסער ארבייטער". און אין דעם זעלבען טאָג בין איך געווען אין דעם אידישען מוזעאום, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון מענדעלע מוכר ספרים.

אין יענעם מוזעאום זענען ווירקליך פאַראַן אַ סך זאַכען, וויכטיגע און ווערטפולע, וואָס באווייזען, אַז דער מענש, וואָס האָט דעם אויפזיכט איבער דעם מוזעאום, האָט אַ חוש פאַר קולטור און געשיכטע. דאָרטען זענען פאַראַן אַ סך דאָקומענטען און בילדער, וואָס זיינען וויכטיג פאר דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור און אויך פאַר דער געשיכטע פון די פּאָגראָמען אין די צייטען פון דער בירגער־קריג אין אוקראַינע. דאָס צימער, וואָס איז איינגאַנצען געווידמעט מענדעלע'ן, מאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק און רופט־ארויס אַ ווארימען געפיהל; מען זעהט דאָרטען אַ סך זאַכען, וואָס זענען געווען ענג פאַר־בונדען מיט דעם לעבען און שאַפען פונ'ם זיידען פון דער אידישער ליטעראַטור; אַ סך בילדער זענען באַקאַנט און אַנדערע זענען זעלטענע, וואָס מען האָט פריהער אין ערגעץ נישט געזעהן. עס איז קלאָר, אַז דער מענש, וואָס האָט די אַלע זאַכען געזאַמעלט און צונויפגעשטעלט, האָט ניט נאָר געוואוסט וואָס ער טוט, נאָר ער איז אויך געווען עהרליך און האָט געהאַט אַ פיינע באַציהונג צו דעם וואָס ער טוט.

אַרום־און־אַרום איז דער איינדרוק אַ גוטער און מען פיהלט ווירקליך ווי צו בענשען די הענט, וואָס האָבען די אַלע זאַכען געזאַמעלט און וואָס וועלען נאָך שפּעטער זאַמלען. אָבער ווען מען הויבט אָן געהן איבער די אַנדערע צימערען, באַקומט מען גאָר אַ אינגאַנצען אַן אַנדער איינדרוק און עס הויבט אָן ווערען קלאָר, אַז דער גייסט פונ'ם מוזעאום פּאַסט זיך אינגאַנצען נישט צו דעם גייסט פון מענדעלע מוכר ספרים — נישט צו זיין לעבען און נישט צו זיין שאַפען. און ווען דער „זיידע" וואָלט אויפגעשטאַנען פון קבר און וואָלט דערזעהן אויף וואָס פאַר אַ

מוזעאום מען האָט אויפגעהאַנגען זיין נאָמען און ווען ער וואָלט דאָן נאָר קיין מורא נישט געהאַט פאַר דער „גע־פּע־או“, וואָלט ער זיכער געגעבען אַ קלאַפּ מיט'ן שטעקען און וואָלט זיך צושריגען, אַז מען זאָל זיין נאָמען גלייך אַרונטערנעמען, ווייל ניט מיט זיין לעבען און ניט מיט זיין שרייבען איז ער דאָס געווען אויסען...

אין איינעם צימערען, וואו עס זענען שוין נישט געזאַמעלט קיין זאַכען, וואָס האָבען אַ שייכות מיט מענדעלע'ן, נאָר מיט אידישער געשיכטע פון לעצטע צייטען, פיהלט זיך אינגאַנצען גאָר אַן אַנדער גייסט און פון אַזאַ זאַך ווי אַ קולטורעלער צוגאַנג איז שוין קיין סימן נישטאָ...

אין יענע צימערען וואַרפט דער „מענדעלי מוזעאום“ אין אדעם אינגאַנצען אַרונטער פון זיך דעם סאָלידען און באַשיידענעם מאַנטעל פון קולטור און געשיכטע און ער צושרייט זיך און צוקוויטשעט זיך מיט אַזאַ חוצפּה, אַז עס גרילצט אַזש אין די אויערען...

ער הערט אויף צו זיין אַ מוזעאום און ער ווערט מיט אַמאָל אַ פּלאַטפאָרמע ערגעץ אין אַ מאַרק.

עס איז אינ'ם מוזעאום פאַראַן אַן אָפּטיילונג, וואָס דאַרף אַגיטירען געגען רעליגיע, זענען דאָרטען פאַראַן אַ סך אַרטיקלען, וואָס האָבען אַ שייכות מיט אידישער רעליגיע; עס הענגען אויף די ווענט און עס ליגען אין גלעזערנע שאַפעס פּרוכת'ען, מענטעלאך פון ספרי־תורות, טלית־זעקלאך, קמיעות, מזוזות, זשופּיצעס און שטריימלאך פון גוטע אידען; עס שטעהען אויסגעשטעלט חנוכה־לעמפּלאך, לייכטער, הדס'לאך, בשמים־פּושקעס, קערות און אַנדערע זאַכען, און ווען איינער פון די פּאַרוואַלטער פיהרט אַהין אריין אַ באַזוכער, צולאָזט ער זיך אין זיינע „דערקלערונגען“ מיט אַ באַזונדער מין ברען צו באַווייזען, אַז די רבנים און לומדים פון אַלע צייטען זיינען שטענדיג געווען יד־אחת מיט דער צאַרישער רעגירונג. קיין אַנדער מיסיע אין זייער לעבען האָבען זיי גאָר נישט געהאַט...

אָנווייזענדיג אויף אַ פּרוכת, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט, האָט איינער פון די פאַרוואַלטער מיר געזאָגט:

— איר זעהט אָט דעם פּרוכת? דאָ האָט איר אַ קרוין, אַ כתר תורה, און דאָס מיינט — פינסערניש... פוןביידע זייטען שטעהען דאָ לייבען. אַ־יאָ?... דאָס איז דער סימבאָל פון מאַכט... צוזאַמען איז דאָס — די מאַכט פון פינסטערניש... און דאָס באַווייזט, אַז דער אידישער קלעריקאַליזם איז געשטאַנען אין נאָהענטען קאָנטאַקט מיט דער רוסישער מאָנאַרכיע...

ער האָט, אַפּנים, געוואָלט, אַז די ווערטער זיינע זאָלען האָבען נאָך מער וואָגיגקייט, האָט ער צוגעגעבען נאָך אַ וויכטיגען פאַקט:

— אָט דעם פּרוכת האָט מען אַרונטערגעריסען פון אַן אָרון קודש אין דער שאַלאַשנער שול...

דערנאָך האָט ער אָנגעוויזען אויף אַן אַנדער פּרוכת, וואָס איז געהאַנגען אויף אַן אַנדער וואַנט — אַ פּרוכת פון שווארצען סאַמעט מיט געלע קווייטען; ער האָט געזאָגט, אַז אים האָט מען אַרונטערגעריסען פון אַן אָרון קודש אין דער בראָדער שוהל אין אדעס; און פון די „דערקלערונגען", וואָס ער האָט געגעבען, איז אויסגעקומען, אַז פון דער קאָמבינאַציע אין קאָלירען אויפ'ן פּרוכת איז „קלאָר ווי דער טאָג", אַז אין יענער צייט ווען דער פּרוכת איז געמאַכט געוואָרען, זיינען די רבנים געשטאַנען אין „נאָך אַ נעהנטערען קאָנטאַקט" מיט דער רוסישער מאָנאַרכיע!...

אַ היבשע פּאַרציע אינ'ם „מענדעלי־מוזעאום" אין אדעס קריגט דער חסידיזם. דאָרטען איז מען צו אים ניט צוגעגאַנגען ווי צו אַ דעמאָקראַטישער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אינ'ם אָנפאַנג פונ'ם אַכצענטען יאָהרהונדערט, לויט דעם גייסט פון יענער צייט, אויסגעדריקט אויף אַן אייגענאַרטיגען שטייגער אַלס אַ בונט פונ'ם פּשוט'ן פאָלקסמענשען געגען דער לומדישער אַריסטאָקראַטיע. דאָרטען האָט מען בלויז אויסגעשטעלט אַ קאָלעקציע פון חסיד'ישע זשופּיצעס און שטריימלאַך און קמיעות און מען ווייזט אָן אויף זיי ווי אויף אַ גאַנצער פּאַראַפּענאַליע, וואָס האָט קיין אַנדערע כונות אין לעבען ניט געהאַט ווי נאָר — „פאַרבלענדען און פאַרפיהרען דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט", וועלכער איז דעמאָלט גאָר נאָך אויף דער וועלט ניט געווען...

אונטער אַ גלאָז איז געלעגען אַ שטיקעל פּאַרמעט ווי פון

אַ ספר תורה, און ווען מען האָט מיך צוגעפיהרט צו דעם, האָט מען מיר געגעבען אַ „דערקלערונג“, אַז דאָס איז אַ שטיקעל פון דער תורה — די תוכחה...

פאַרוואָס עפּעס פון דער גאַנצער תורה בלויז די תוכחה?

אָט די פראַגע איז באַלד פאַרענטפערט געוואָרען פון דער „דערקלערונג“, וואָס איינער פון די פאַרוואַלטער האָט מיר גע־געבען:

— צו דער תוכחה, — האָט ער געזאָגט, — האָט מען אין שול, אין בית המדרש און אין קלויז אויפגערופען ניט דעם גביר, דעם נגיד, דעם פיינעם בעל הבית, נאָר דעם אָרימאַן, דעם האָרעפּאַשניק, דעם אַרבעטער. אויף אים האָט דאָס די תורה אַלע קללות און חרמות אַרויפגעוואָרפען. ווייזען מיר דאָס אַלס אַ מוסטער...

קלאָר און דייטליך...

קיין אַנדערע זאַכען ווי קללות און חרמות קען מען שוין גאָר אין דער תורה ניט געפינען...

קיין אַנדער זאַך ווי די תוכחה האָט מען אין אַ אידישען מוזעאום אויף מענדעלי מוכר ספרים'ס נאָמען גאָר ניט געקענט אַרויסשטעלען...

מען האָט מיר אין יענעם מוזעאום אין אדעס אויך גע־וויזען אַ הילצערנעם טעלער אַ געשניצטען, אויף וועלכען אַ דעלעגאַציע פון אַ אידישער קהלה אין אַ שטאָדט האָט אין די אָקטאָבער־טעג פון יאָהר 1905 צוגעטראָגען ניקאָלאַי'ען ברויט מיט זאַלץ, בעטענדיג אים, אַז ער זאָל אָפּשטעלען די פּאָגראָמען אויף אידען. פון דעם האָט מען אויך אַרויסגעטייטשט, אַז די אידישע פיינע בעלי בתים און די רבנים זענען געשטאַנען אין „נאָהענטען קאָנטאַקט“ מיט דער צאַרישער רעגירונג. און ווען איך האָב געזאָגט, אַז איך קוק דאַרויף אַנדערש ווען איך זעה דעם געשניצטען טעלער; אַז איך שטעל זיך פאָר ווי ביי יענע אידען האָט זיך אודאי געגאָסען בלוט פון הארצען ווען זיי האָבען ניקאָלאַי'ן געטראָגען אַנטקעגען ברויט מיט זאַלץ, בע־טענדיג אים, אַז ער, וועמען זיי האָבען געהאַלטען פאַר אַ צורר היהודים, זאָל אָפּשטעלען די פּאָגראָמען, האָט איינער פון די פאַרוואַלטער אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגען און געזאָגט:

— אויב אַזוי האָט איר דאָך, הייסט עס, גאָר אינגאַנצען אַן אַנדער אידעאָלאָגיע...

— נו, אודאי האָב איך אינגאַנצען אַן אַנדער אידעאָלאָגיע... — האָב איך געענטפערט.

דער „מענדעלע מוזעאום" אין אדעס איז, אגב — ווי ווייט מיר איז באַקאַנט — די איינציגע אינסטיטוציע, וואו די באַזוכער ווערען פאַרשריבען לויט זייער נאַציאָנאַליטעט, און דאָס מאַכט זעהר אַ מאָדנעם איינדרוק. דוקא אין אַזאַ אינסטיטוציע וואו נאַציאָנאַליזם איז אַזוי טריף, דאַרפען די באַזוכער אָנגעבען זייער נאַציאָנאַליטעט. האָב איך געכאַפּט אַ קוק אין די ביכער וואו די באַזוכער פאַרשרייבען זיך, און איך האָב געזעהן, אַז אַ היבשע צאָל פון די באַזוכער באַשטעהט גאָר פון קריסטען. אידען קומען אַהין אריין ניט קיין סך. אין אַלגעמיין קומען אַהין אריין ווייניג מענשען; פאַר די צוויי שטונדען וואָס איך בין דאָרט געווען, האָב איך דאָרט קיין אַנדערע באַזוכער ניט געזעהן. די באַגלייטערין מיינע, אַ יונגע דאַמע, אַ געבאָרענע אין אַדעס, האָט וועגען דעם „מענדעלע מוזעאום" זעהר ווייניג געוואוסט; זי איז דאָרטען דאָס ערשטע מאָל געווען און איר האָט מען די „דערקלערונגען" געדאַרפט געבען אויף רוסיש, ווייל זי האָט זעהר שלעכט פאַרשטאַנען אידיש, און זי האָט די „דערקלערונגען" אָנגענומען אַזוי ווי מען האָט זיי איר געגעבען, ווייל זי ווייסט זעהר ווייניג וועגען אידישער געשיכטע און נאָך ווייניגער וועגען אידישער ליטעראַטור. אַזעלכע ווי זי און ווי אַנדערע געהען אַרויס פון'ם „מענדעלע מוזעאום" אין אדעס אונטער'ן איינדרוק, אַז די גאַנצע אידישע געשיכטע פון פאַר דער רעוואָלוציע באַשטעהט פון איין גרויסער שטיק פינסטערניש, פון איין גרויסער שטיק רעאַקציע, וואָס איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין „נאָהענטען קאָנטאַקט" מיט דער פינסטערער צאַרישער רעגירונג...

וואו זיינען אינ'ם „מענדעלע מוזעאום" אין אדעס די אידישע רעוואָלוציאָנערע העלדען, וואָס האָבען זייער לעבען אוועקגעגעבען אינ'ם קאַמף פאַר אַ פרייער רוסלאַנד — נעמען, וואָס האָבען פאַרנומען אַן אָנגעזעהענעם אָרט אין דער געשיכטע פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" אין די זיבעציגער און אכציגער

יאָהרען, נעמען וואָס האָבען געשיינט אין דער רעוואָלוציע פון 1905 און אויך אין דער רעוואָלוציע פון 1917 ?

זיי שטעלט מען ניט ארויס, ווייל מען האָט מורא, אז מען זאָל, חלילה וחס, ניט חושד זיין אין אזא טריפ'ער זאַך ווי נאַציאָנאַלע טענדענצען...

וואו זיינען אינ'ם אדעסער „מענדעלע מוזעאום" די אידישע שריפטשטעלער, אויף וועמעס ווערק עס האָבען זיך דערצויגען דורות ?...

זיי זענען דאָרט נישטאָ. זיי שילט מען מיט טויטע קללות און אויף זיי שפייט מען מיט גאַל און גיפט אין דער אידישער רעדאַקציע פונ'ם „אדעסער ארבייטער" און אויך אין אנדערע אידישע רעדאַקציעס אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואו „ארבקאָרן", „ליטרעדען" און „טשיטמאַנוסען" (מאַנוסקריפּט־לייענער) שטע־לען צונויף ציימונגען, וואָס מען זעהט ניט אין ערגעץ אין די גאַסן...

זיי, יענע לייט, זיינען דאָס די אידישע „קולטור־טרעגער" !...

וואו איז אינ'ם אדעסער „מענדעלע מוזעאום" מענדעלע'ס גייסט ?

בלויז אין איין צימער.

און ווען מענדעלע וואָלט נאָך איצטער געלעבט, וואָלט ער דאָך זיכער מורא געהאַט צו פּראָטעסטירען. אָבער פאַר זיך אליין וואָלט ער געווים געטראַכט מיט וויטאָג:

— „ניין, ניט דאָס בין איך אויסען !"...

## 2. אַ רוסישער באַלעט און אַ אידישע פאָרשטעלונג.

דער אדעסער „גאָראָדסקאָי טעאַטער" — ווי איך האָב שוין פריהער געזאָגט — איז איינער פון די שעהנסטע טעאַ־טערס אין דער וועלט. ער שטעהט אויף זעהר אַ שעהן פּלאַץ; מיט זיין פאַרנעם און הויכקייט הויבט ער זיך אויף העכער פון די אַלע געביידעס ארום און ארום. דער צופאָהר אַהין איז אַ גראַנדיעזער, געמאַכט פאַר בריטשקעס און קאַרעטען, וואָס קלאַפּען מיט די רעדער הילכיג אַנגענעם אויף דעם גע־פלאַסטערטען שאָסעי. און ווען מ'קומט אריין אינווייניג, אין טעאַטער, דערפיהלט מען גלייך, אז מ'איז אין אַן אמת'ן קונסט־

טעמפּעל, און מ'איז זיכער, אַז די פאָרשטעלונג וועט זיין אַ קינסטלערישע.

אין דער צייט ווען איך בין געווען אין אדעס האָט מען אינ'ם „גאָראָדסקאָי טעאַטער" געשפּילט אַ באַלעט מיט'ן נאָמען „פּערענדזשי". איך האָב וועגען דעם באַלעט אַ סך געהערט אין שטאָדט, אַלע האָבען געזאָגט, אַז ס'איז זעהר אַ שעהנע פאָרשטעלונג, און אין אַ סך הייזער האָט מען נאָכגעזונגען די שעהנע מעלאָדיען פונ'ם באַלעט.

האָב איך זיך באַצייטענס באַזאָרגט מיט אַ בילעט און אין אַ געוויסען אָוונט בין איך אַוועק אין „גאָראָדסקאָי טעאַטער" זעהן „פּערענדשי".

דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט, אַלע פּלעצער זיינען געווען באַזעצט, און אין די מערסטע לאָזשעס זיינען געזעסען מיליטערישע לייט, אָנגעטאָן אין די שווערע שינעלען און מיט די שפּיציגע היטלען אויף די קעפּ. דער עולם אין טעאַטער איז געווען אָנגעטאָן אַביסעל שעהנער ווי געוועהנליך; מען האָט געקענט זעהן, אַז די מענשען פיהלען זיך יום־טוב'דיג און עס איז געווען אַנגענעם צו זעהן ווי ארבייטער אין טעאַטער פאַרנעמען דעם אויבען אָן. עס האָט נאָר פאַרדראָסען וואָס פון צייט צו צייט, און דוקא אין אַזאַ מאָמענט ווען אויף דער בינע שפּילט זיך אָפּ אַ שטילע סצענע, דערהערט זיך גאָר פּלוצלונג ווי דאָ און דאָרט צווישען עולם קנאַקט מען ניסלאַך מיט די ציין, אָדער „סיעמעטשקעס".

„סיעמעטשקעס" — דאָס איז אַן ארטיקעל, וואָס איז אין רוסלאַנד אַזוי פּאָפּולער פּונקט ווי „טשואינג־גאָם" אין אַמעריקע.

אין אַמעריקע קייט מען, און אין רוסלאַנד קנאַקט מען.

און אַ סך מענשען קענען זיך ניט אָפּגעוועהנען פון דעם קנאַקען אַפילו דאַן ווען זיי געפינען זיך אין אַן אמת'ן קונסט־טעמפּעל.

דער באַלעט „פּערענדזשי" אינ'ם אדעסער „גאָראָדסקאָי־טעאַטער" איז ווירקליך געווען זעהר אַ שעהנער. די טענץ זיינען געווען אַנגענעם פאַר'ן אויג און די מוזיק — אַנגענעם פאַר'ן אויער. מ'האָט געמוזט אַריינגעצויגן ווערן אינ'ם צויבער פון גראַציעזע טענץ און זיסע קלאַנגען, און מ'האָט געקענט פאַר־

געסן אָן דער נויט און אָן דער אָרימקייט, וואָס מען זעהט זיך אָן אויף יעדען שריט און טריט אין דער שטאָדט, וואָס איז אַמאָל געווען בארימט אַלס די „שעהנקייט פונ׳ם דרום״.

אַזא כשוף האָט שוין אין זיך דער רוסישער טעאַטער. ער איז אַלע מאָל געשטאַנען און שטעהט נאָך איצט אויך אויף דער העכסטער מדרגה פון קונסט. אַזוי איז אין דראַמע, אַזוי איז אין אָפּערע און אַזוי איז אויך אין באַלעט. און אין דעם פּרט געפינען זיך די סאָוועטישע בינען־קינסטלער אין א בע־סערער לאַגע ווי די סאָוועטישע שריפטשטעלער. זיי קענען שוי־שפּילעריש שאַפן געשטאַלטען אַפילו פון די ראָלען, אין וועלכע דער שריפטשטעלער, דער דראַמאַטורג, האָט געמוזט, אָדער אַליין געוואָלט אַרויסברענגען די קאַזיאָנע „אידעאָלאָגיע״, וואָס שטימט זעהר אָפט אינגאַנצן ניט מיט דער ווירקליכקייט.

וואָרים פונקט אַזוי ווי מען קען שאַפען א טעאַטראַליש געשטאַלט פון א לעבעדיגען מענשען, קען מען דאָך אויך שאַפען א טעאַטראַליש געשטאַלט פון איינעם, וואָס איז א פּראָקלאַ־מאַציע אויף צוויי פיס.

דערצו דאַרף מען האָבען בלויז איין „קלייניגקייט״ — ט א ל א נ ט. און דאָס פאַרמאָגען א סך שוישפּילער אין סאָ־וועט־רוסלאַנד. ניט נאָר די אַלטע, וועלכע האָבען זיך דערצוי־גען אויפ׳ן רעפּערטואַר פון אָסטראָווסקי, סוכאָווא־קאָבילין, גאָ־גאָל, דאָסטאָיעווסקי, טאָלסטאָי, טשעכאָוו און אַנדערע, נאָר אויך די יונגע, וואָס האָבען זיך דערצויגען אויפ׳ן נייעם רעפּערטואַר מיט דער „אידעאָלאָגיע״.

און דאָס זעלבע קען אויך געזאָגט ווערען וועגען די רוסישע באַלעט־קינסטלער און קינסטלערינס. זיי האָט מען אויך אריינגעצויגען אין דער „אידעאָלאָגיע״, כאָטש ניט אַזוי פיל ווי די קינסטלער פון דער דראַמע. אַזא באַרימטע רוסישע טענ־צערין ווי יעקאַטערינא געלצער, האַלט זיך נאָך אַלץ פעסט ביי איר מיינונג, אַז א באַלעט דאַרף זיין פאַנטאַסטיש, ווייט פון דער ווירקליכקייט, און אז ס׳וואָלט געווען ניט ווייניג ווילד צונויפצושטעלען א באַלעט, אין וועלכען עס זאָלען טאַנצען „קאָלכאָזניקעס״ מיט „קאָלכאָזניצעס״. אָבער אויך אין דער פאַנטאַסטישקייט פון דעם מאָדערנעם רוסישען באַלעט האָט מען אריינגעפירט די „אידעאָלאָגיע״ פון דער הערשענדער פּאַרטיי,

און די מערסטע סאָוועטישע באַלעטען זיינען פון דעם מין, וואָס מען קען אָנרופען „אַגיטקעס״, דאָס הייסט, זיי אַ ג י ט י ר ע ן די „אידעאָלאָגיע״ שטומערהייד.

אויך דער באַלעט „פערענדזשי״, וואָס איך האָב געזעהן אינ׳ם אָדעסער „גאָראָדסקאָי־טעאַטער״, איז געווען אַן „אַגיטקאַ״. געהאַנדעלט האָט זיך אינ׳ם באַלעט וועגען אַ אינדישען פּרינץ, וואָס ווערט צוריסען צווישען צוויי וועלטען, און דער סוף איז — ער רייסט זיך אָפּ פון איין וועלט און שטעהט צו צו דער אַנדערער. ער באַזיגט דעם געפיהל פון קרובה׳שאַפט און יחוס און געהט איבער אויף דער זייט פון די מאַסען, פון וועלכע מען האָט אים די גאַנצע צייט געהאַלטען אָפּגעזונדערט אין דער פרעמד. און ווען ער געהט איבער אויף דער זייט פון די מאַסען, גיט ער אַ רייס אַרונטער פון זיך די עפּאָ־לעטען, גיט זיי אַ שליידער אויף דער ערד, צוטרעט זיי מיט די פיס און טאַנצט אויף זיי צום טאַקט פון דער מוזיק...

זיין ביישפּיל פאָלגען באַלד נאָך אַלע אָפיצירען פון זיין סוויטע. אַלע רייסען אַרונטער פון זיך די עפּאָלעטען, שליידערען זיי צו דער ערד, טרעטען זיי מיט די פיס און טאַנצען צום טאַקט פון דער מוזיק.

איך בין געווען זיכער, אַז דערביי וועט זיך אָנהויבען אַ בראַוואָ־פּאַטשעריי ווי ס׳איז דער פאַל אין אַמעריקאַנער טעאַטער, ווען עס זיינען דאָרטען דאָ קאָמוניסטען. אָבער קיינער האָט דערביי ניט אַפּלאָדירט...

אין אַלגעמיין אַפּלאָדירט מען ניט אין סאָוועט־רוסלאַנד אין די טעאַטערס ביי די סצענעס און שטעלען, וואָס דריקען שאַרף אַרויס די פּראָפּאַגאַנדע. מען איז שוין מיד פון דעם. מען ווערט ניט באַגייסטערט דערפון...

אַרום און אַרום איז דער באַלעט „פערענדזשי״ אינ׳ם אָדעסער „גאָראָדסקאָי־טעאַטער״ אוועקגעשטעלט געוואָרען מיט געשמאַק און עס איז געווען אַ פאַרגעניגען דאָס צו זעהן, כאָטש דער טענדענציעזער אינהאַלט האָט צופיל אַרויסגעשטאַרצט און צו שטאַרק געקאָנקורירט מיט דער קינסטלערישער זייט...

עס איז אויך געווען אַ פאַרגעניגען צו זעהן ווי מענשען האָבען צווישען די אַקטען געשפּאַצירט אין דער „פאָיע״ (לאָבי) פונ׳ם טעאַטער. אין אַ לאַנגען האַלבען קרייז זיינען זיי גע־

גאַנגען פאַרלעכוויז, פונקט ווי זיי וואָלטען געשפּאַצירט אין אַן אַלטע פון אַ בולוואַר. מען האָט ניט פאַרשטעלט די וועגען און מען האָט זיך ניט צונויפגעשטופּט אַלע אין איין קוטשע, אין איין רעדעל.

אַזוי שפּאַצירט מען צווישען די אַקטען אין די מערסטע רוסישע טעאַטערס אין די גרויסע שטעט. עס פיהלט זיך אין דעם אַ סך יום־טוב׳דיגקייט.

איינגאַנצען אַן אַנדער איינדרוק האָב איך, ליידער, געהאַט ווען איך בין אַן אַנדער אָווענט אַוועק אינ׳ם אַדעסער אידי־שען מלוכה־טעאַטער, וואו מען האָט געשפּילט אַ פּיעסע מיט׳ן נאָמען „דער חבר אינזשענער"...

כאָטש איך האָב זעהר ווייניג געהערט און זעהר ווייניג געוואוסט וועגען דעם אַדעסער אידישען מלוכה־טעאַטער און וועגען די אַקטיאָרען און אַקטריסעס, וואס שפּילען דאָרט, האָב איך זיך דאָך גערעכט צו זעהן אַן אינטערעסאַנטע טעאַטער־פאַרשטעלונג.

עפּעס איז אַדעס דאָך אַזוי ענג פאַרבונדען מיט דער גע־שיכטע פון אידישען טעאַטער!

נאָך איידער אַברהם גאָלדפאַדען האָט אין רומעניען גע־גרינדעט דאָס אידישע טעאַטער, אין 1876-77, האָט מען שוין אין אַדעס געשפּילט אידישע פאַרשטעלונגען. ישראל גראַדנער, דער ערשטער אמת־טאַלאַנטפולער אידישער אַקטיאָר, האָט אין אַדעס אנגעהויבען זיין קאַריערע אלס אַ קעלער־זינגער און ער האָט דאָרטען געלעגט דעם ווינקעלשטיין פאַר אידיש טעאַטער נאָך מיט עטלאַכע און פופציג יאָהר צוריק.

אַדעס איז אַלע מאָל געווען אַ צענטער פון אידיש טעאַטער. דאָרט האָבען נאָך מיט אַ האַלבען יאָרהונדערט צוריק גע־שפּילט אַזעלכע גרויסע קינסטלער ווי מאָגולעסקאָ, דוד קעסלער, יעקב פּ. אַדלער און אַנדערע אידישע שוישפּילער, וועלכע פאַר־נעמען דעם אויבען־אַן אין דער געשיכטע פון אידיש טעאַטער. און ס׳וואָלט דאַריבער געווען ניט מער ווי נאַטירליך, אַז אין אַ אידישען מלוכה־טעאַטער איצטער זאָל זיך קינסטלעריש פיה־לען דער גייסט פון דעם בעסערען, וואס די פּיאָנערן פון אידי־שער טעאַטער־קונסט האָבען געשאַפען אינ׳ם משך פון אַזוי פיל יאהרען.

איז דען ניט אַזוי מיט'ן רוסישען טעאַטער? ניט קוקענ־דיג אויף דעם נייעם רעפּערטואַר מיט דער „אידעאָלאָגיע", איז דער רוסישער טעאַטער קינסטלעריש דאָך פאַרבונדען מיט דעם טעאַטער פון שטשעפּקין און מאָטשאַלאָוו, מיט דעם טעאַטער פון פּראָוו סאַדאָווסקי און קאַראַטיגין, און די אַלע אַנדערע קינסטלער, וועלכע האָבען נאָך מיט אַזוי פיל יאהרען צוריק אוועקגעלעגט דעם ווינקעלשטיין פאַר אַ מאָדערנעם טעאַטער אין רוסלאַנד.

און אַזוי האָט אויך געדאַרפט זיין מיט דעם אידישען מלוכה־טעאַטער אין אַדעס, ווייל אין דער געשיכטע פון אי־דישען טעאַטער איז אַדעס ניט קיין קלענערע יחסנ'טע ווי — לאָמיר זאָגען — מאָסקווע אין דער געשיכטע פון רוסישען טע־אַטער.

מיין נייגעריגקייט צו זעהן אַ אידישע פאָרשטעלונג אין אַדעס איז געווען גרויס, ווייל ווען איך בין געווען אין מאָסקווע האָב איך גראַד ניט געקענט זעהן קיין אידישע פאָרשטעלונג אינ'ם דאַרטיגען קאַמער־טעאַטער, וועלכער האָט זעהר אַ גוטען נאָמען אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אינ'ם אַדעסער אידישען מלוכה־טעאַטער, וואָס געפינט זיך אויף דער קאַרל ליבקנעכט גאַס, האָט מען מיך אויפגענומען זעהר גוט.

דער דירעקטאָר אַליין האָט מיך איינגעלאַדען צו זיך אין קאַבינעט, דערנאָך האָט ער מיר געגעבען אַ פּלאַץ אין דער ערשטער רייהע, און ער האָט זיך אַליין אוועקגעזעצט לעבען מיר. אבער טאַקע אין דעם, וואָס ער איז לעבען מיר געזעסען און געהאַלטען אַן אויג אויף מיר איז באַשטאַנען די צרה, ווייל ווער ווייסט צי איך וואָלט געקענט אויסזיצען די גאַנצע פאָר־שטעלונג, ווען מען וואָלט אויף מיר ניט געהאַלטען קיין אויג...

פריהער פון אַלץ — דער טעאַטער אַליין. דאָס איז ניט קיין טעאַטער, נאָר אַ שטאַל. אַלע רייהען בענקלאַך זיינען גלייך, אַזוי אַז די צושויער, וואָס זיצען ניט אין דער ערשטער רייהע, קענען כמעט ניט זעהן וואָס עס קומט פאָר אויף דער בינע. אָרום און אָרום איז אַ חשכות, אַן אָפּגעלאָזענקייט און אַ קווי־טיגקייט, וואָס מאַכט פיהלען זעהר אונהיימליך. דער עולם שטופּט זיך: קיינער וויל ניט זיצען אויף די פּלעצער, וואָס ער

האָט געקויפט, נאָר דוקא אויף די וואס ער האָט ניט געקויפט. און דאָ שטעלען זיך איין מיטען דערינען נאָר אוועק אַ פּאָר רויטע ארמייער לעבען דעם אָרקעסטער, וואס איז פארשטעלט מיט ברעטער. זיי, די אידישע רויטע ארמייער, וועלכע זיינען אודאי פון אַ קליין שטעדטעל, וואו מען האָט בלויז געהערט וועגען „טריאַטער", ווילען זעהן מיט די אייגענע אויגען פון וואנען עס טראָגען זיך קלאַנגען, שטעלען זיי זיך אוועק און קוקען. און אַזוי שטעהען זיי מיט די שפּיציגע מיליטערישע היטלען און מיט די שווערע, לאַנגע שינעלען, ווייל אינ'ם טעאַטער איז קאַלט, ווייל אין טעאַטער איז נישטאָ קיין איין ווינקעלע, וואו עס זאָל זיך פיהלען אַ וואַרימע היימליכקייט...

גרוי, וואָכעדיג און חושך. אפילו קיין סימן פון יום־טוב'דיגקייט.

אַפילו קיין אָנצוהערעניש ניט דאַרויף, אַז דאָס איז אַ טעאַטער, אַ טעמפּעל פון קונסט!

אין אַזעלכע שטאַלען האָט מען געשפּילט אידיש טעאַטער מיט פערציג־פופציג יאָהר צוריק. און ניט אין די גרויסע שטעט, נאָר אין די קליינע שטעטלאך.

די געדרוקטע פּראָגראַם איז געווען אויף אוקראַיניש. קיין איין אידיש וואָרט איז אין איר נישט געווען. און געשטאַנען איז אין דער פּראָגראַם, אַז דאָס שטיק „טאָווארישטש אינזשענער" פון י. דאַברושין און י. נוסינאָוו איז אַ „דראַמאַ נאַ טרי דיאי אי סים ווידמין", וואָס אויף אידיש קען דאָס הייסען — אַ דראַמע אין דריי אַקטען און זיבען בילדער.

און וואָס פאַר אַ „דראַמע" דאָס איז געווען!...

און וואָס פאַר אַ שפּילען מען האָט אויף דער בינע געוויזען!...

קיין איינער פון די אַקטיאָרען האָט ניט ארויסגעוויזען קיין טאַלאַנט, און דער קאָמיקער פון דער פּיעסע, דער וואָס האָט געשפּילט די ראָלע פון עפּעס אַ „פּעטער מישאַ", האָט געפּראַוועט אַזעלכע ביליגע און פּאַיאַצקע שטיק, אַז ס'איז געווען מיאוס צו קוקען. ניט אין דער אויפפירונג און ניט אינ'ם שפּילען איז געווען געשמאַק און מאָס. אַלעס איז געווען גראָב, אומגעלומפּערט, האַמערדיג און שווער. און דערצו האָבען נאָך די אַקטיאָרען און אַקטריסעס ניט גערעדט אַזוי ווי מען רעדט

געוועהנליך אויף דער אידישער בינע אזוי פיל יאָהרען; אַלס „רעוואָלוציאָנערען" אין דער טעאַטער־קונסט האָבען זיי אָפּגע־שאַפט דעם אוקראַיניש־אידישען דיאַלעקט, וואָס קלינגט אַזוי שעהן אויף דער בינע, און זיי האָבען גערעדט ליטוויש. און וואָלט דאָס כאָטש געווען ליטוויש, וואָלט נאָך געווען צו דער־ליידען, איז דאָס אָבער געווען אַ ליטוויש מיט אַ רוסישען אַק־צענט, און עס האָט זיך אויסגעוויזען, אַז די אַקטיאָרען זענען גאָר ניט קיין אידען, נאָר רוסען, וואָס מוטשען זיך צו ריידען אידיש, פּונקט אַזוי ווי זיי מוטשען זיך צו שפּילען טעאַטער...

עס איז שווער געווען צו גלויבען און ס'איז אוממעגליך געווען זיך פאָרצושטעלען, אַז דאָס שפּילט מען אַזוי אידיש טעאַטער אין אדעס, אין דער שטאָט, וואָס איז אַזוי ענג פאַר־בונדען מיט דער געשיכטע פון אידיש טעאַטער, אין דער שטאָט, וואו עס האָט אמאָל געשפּילט אַ מאָגולעסקאָ, אַ דוד קעסלער, אַ יעקב פּ. אדלער...

די צוויי מחברים פון דער „דראַמאַ נאַ טרי דיאַי אי סים ווידמין" האָבען זיך, ווי עס שיינט, אינגאַנצען ניט גערעכענט מיט די סאַמע עלעמענטאַרסטע כללים פון דראַמע, נאָר מיט דער ליניע, וואָס מען דאַרף דורכפירען לויט דער „אידעאָלאָגיע", און זיי האָבען דאָס אָנגעמאַלויצעט אַ קאַלעטוכע אָהן לייב און אָהן לעבען און אָהן אַ ברעקעל זין...

די הויפּט־העלדען פון דער „דראַמע" זיינען געווען שטויב־פּאָמפּעס, טעלעפאָנען, מואַווי־בילדער, ראַדיאָס און „לאָוד־ספּי־קערס". קיין לעבעדיגע מענשען האָט מען דאָרטען ניט געזעהן, ווייל די מענשען, וואָס זענען יאָ געווען אויף דער בינע, זענען ניט געווען קיין מענשען, נאָר פּראָקלאַמאַציעס אויף צוויי פיס. דערצו זיינען זיי נאָך געגאַנגען ווי אויף שטאָלצעס און האָבען גערעדט אַזוי, אַז עס האָט אזש געגרילצט אין די אויערען.

איבערגעבען דעם אינהאַלט פון דער „דראַמאַ נאַ טרי דיאַי אי סים ווידמין" איז ניט אַזוי לייכט. עס האַנדעלט זיך דאָר־טען וועגען אַן אינזשעניר, וואָס קלייבט זיך פאָהרען קיין אויס־לאַנד אין די אינטערעסען פון דעם טרעסט „לעבענסבוי", וואו מען מאַכט דאָס די שטויב־פּאָמפּעס און די אַנדערע אַנטיקען, פון וועלכע אַלע קוועלען אַן אַזוי שטאַרק ווען מען מאַכט אַן אויסשטעלונג. אַנדערע מיטגלידער פון דעם „לעבענסבוי" שטע־

רען אין דעם, און איינער, אַליין דוקא ניט קיין כשר׳ער, פאַר־שפּרייט קלאַנגען, אַז מען קען דעם „חבר אינזשעניר" נישט גע־טרויען. „קאָמסאָמאָלען" און „קאָמסאָמאָלצעס", „אודאַרניקעס" און „אודאַרניצעס", „ווידוויזשענצעס" און „ווידוויזשענקעס" („ארויסגערוקטע", לאָמיר זאָגען), פּלאָנטערען זיך פאַר די פיס און מאַכען אַזאַ טומעל, אַז מען ווייסט פשוט ניט אויף וואָס פאַר אַ וועלט מען איז.

און דאָ ווייזט מען אין מיטען דערינען אַ „מואווי" אויף אַ ליילעך — אַ בילד ווי אַזוי מען האַלט קינדער אין די סאָוועט־טישע קינדער־היימען. די קינדער זיינען אין די וויגעלאַך, ווערט אַ „קאָמסאָמאָלקע" שטאַרק באַגייסטערט און שרייט אויס אויפ׳ן קול: „ווייבער, זעהט! איצט וועט מען שוין קענען קינדלען דריי מאָל אַ יאָהר!"... דערנאָך ווייזט מען אַ בילד פון אַ שטוב מיט ווייסע ווענט, ווערט די זעלבע „קאָמסאָמאָלקע" ווידער שטאַרק באַגייסטערט און זי שרייט אויס — דאָס מאָל שוין צו די מענער: „זעהט, אָט אַזוי לעבען איצט פּראָלעטאַריער!"...

אַ מיש־מאַש פון ליילעך און ברעטער; פון בילדער און פּראַזען; פון געשרייען און געוואַלדען; פון אונזין און פּלוי־דעריי.

דערנאָך משפּט מען עפּעס אַ חבר, ווען מען געפינט אויס, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ סאָציאַליסט, אַ מענשעוויק. מען שליידערט אים באַשולדיגונגען אין פּנים אריין און מען וואַרפט אים אויס, אַז פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע האָט ער אַגיטירט פאַר פרייהייט און אפילו ארויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַ־מאַציע וועגען דעם. איינע אַ „קאָמסאָמאָלקע", די חבר׳טע שורא, אַ מיידעל, וואָס קלאַפּט שטאַרק מיט די פיס ווען זי געהט און מאַכט שטענדיג מיט די הענט ווען זי רעדט, פּונקט ווי אָט־אָט וועט זי דער גאַנצער קאָנטר־רעוואָלוציע דערלאַנגען אַ פּאַטש איבער׳ן פּנים, — זי רעכענט דאָס אויס דאָס לאַנגע צעטעל חטאים, וואָס דער באַשולדיגטער איז באַגאַנגען אין יענער צייט, ווען ער איז געווען אַ סאָציאַליסט. זי שליידערט אים אין פּנים די פאָדערונגען וואָס ער האָט דאַן ארויסגעשטעלט אין עפּעס אַ פּראָקלאַמאַציע, וואָס ער האָט אָנגעשריבען, און ווען זי טוט דאָס, ברענגט זי ארויס יעדען חטא זיינעם מיט גאַל און גיפט און חוזק:

— פרייהייט פון וואָרט!...

— פרייהייט פון געוויסען!...

— פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען!

און אַלץ מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי דער מענש וואָלט אין יענער צייט געווען דער גרעסטער פאַרברעכער דערמיט, וואָס ער האָט אַזעלכע פאָדערונגען ארויסגעשטעלט, פונקט ווי ער וואָלט מענשען אין מיטען גאַס געקוילעט...

און דער מענש, וועמען מען באשולדיגט אין אָט די אַלע „שרעקליכע פאַרברעכענס", קאָרטשעט זיך אין דרייען און זוכט אַ גרוב וואו איינגעזונקען צו ווערען.

די גאַנצע געשיכטע שפּילט זיך אָפּ אין דער צייט פון דעם באַרימטען ראַמזין־פּראָצעס, ווען מ'האָט אַ גרויסע גרופּע אינזשינערען באשולדיגט אין דעם, אַז זיי זענען שעדיגער — איז ווידער פאַראַן אַ געלעגנהייט, אַז אויף דער בינע זאָלען טרעלעלעקען די „לאָרד־ספּיקערס" און זאָלען פּילדערן די ראַדיאָס און הינטער דער בינע זאָל מען זיך רייסען די העלזער, קווייטשענדיג און שרייענדיג מיט באַנומענע קולות: „טויט די שעדיגער!" דער „חבר אינזשעניר" פון דער „דראַמאַ נאַ טרי דיאַי אי סים ווידמין", אַ מענש, וואָס איז נעבאַך גאָט די נשמה שולדיג אין זיין שטייגער פון שפּילען טעאַטער, דערשרעקט זיך שטאַרק; ער זוכט אַ וועג צו באַווייזען זיין לאָיאַליטעט, און פונקט דאַן וואַרפען אים די צוויי מחברים אריין אין דער האַנט אריין אַ פּעקעל בריף פון אַן אַנדער „חבר אינזשעניר", זיינעם אַ נאָהענטען פריינד; פון די בריף געפינט ער אויס, אַז נאָך אַ „חבר אינזשעניר", איינער אַ ראַמאָוו, וועמען מ'זעהט גאָר ניט אויף דער בינע די גאַנצע צייט, ווייל ער זיצט שוין אין טורמע, אָבער וועגען וועמען מ'האַלט אין איין ריידען, שרייבט זיך איבער טאַקע מיט אים, מיט דעם צווייטען „חבר אינזשעניר", וועלכער איז אַ פריינד פון דעם ערשטען „חבר אינזשעניר", און ער, דער ראַמאָוו, איז אַ שעדיגער, אַ „ווערעדיטעל" אויף רוסיש און אַ „שקידניק" אויף אוקראַיניש, טראַכט דער ערשטער „חבר אינזשעניר" ניט קיין סך און ער לויפט צו צו איינעם פון די הויפּט העלדען אין דער פּיעסע, צום טעלעפאָן, הייסט עס, און — ער רופט אָפּ די „גע־פּע־או"...

דאָס איז דער העכסטער קלימאַקס און דאָס איז דער סוף פון דער פּיעסע...

העכער, הייסט עס, קען מען שוין „קינסטלעריש" ניט געהן. ווארים וואָס קען נאָך „קינסטלעריש" זיין העכער פון דער „גע־פּע־או"?

און דאָס שפּילט מען אין אַדעסער „אידישען מלוכה־טעאַטער".

און אַזוי שפּילט מען אין דער שטאָט, וואָס איז אַזוי ענג פאַרבונדען מיט דער געשיכטע פון אידישען טעאַטער און וואו עס האָבען געלעבט און געשאַפען די גרעסטע קינסטלער פון דער אידישער בינע!

איז דאָס אפשר אויך אידישע קולטור?...

פופצענטער קאַפּיטעל.

# די צוויי רוסלאַנדס — איינע אין בילדער און די צווייטע אין דער ווירקליכקייט.

פון קיין שטאָט אין סאָוועט־רוסלאַנד, אויסער מיין גע־בורטס־שטעטעל טראָסטינעץ, איז מיר ניט געווען אזוי שווער אוועקצופאָהרען ווי פון אָדעס.

די אַלטע פריינד און חברים, וואָס איך האָב דאָרט גע־טראָפען, און אויך די נייע פריינד, וואָס איך האָב דאָרט גע־קראָגען, זיינען מיר געוואָרען זעהר נאָהענט. געבאָרענע און דערצויגענע אין אוקראַינע, האָבען זיי אַלע געהאַט אין זיך די סימפּאַטישע ווארימקייט, וואָס איז מיר פערזענליך אַלע מאָל אזוי ליב. זיי זענען אַלע געוועזן זעהר צוגעלאָזענע מענשען, וואוילע מענשען; עס איז מיט זיי אַלעמען געווען אַנגענעם צו פאַרברענגען, אפילו מיט די, וואָס האָבען ביי אַ סך געלעגענ־הייטען געהאַט טענות צו מיר פאַרוואָס איך קוק ניט אויף דער סאָוועטישער ווירקליכקייט מיט אנדערע אויגען און פאַרוואָס איך גיב ניט צו, אַז כאָטש דער הונגער איז איצטער אזוי גרויס, קען אָבער אנדערש ניט זיין, ווייל מען בויט, ווייל מען אנטוויקעלט די אינדוסטריע און מען גרייט צו אַ באָדען פאַר אַ נייע לעבען...

ווען איינער פון זיי האָט אזאַ מיינונג אויסגעדריקט און געפּרואווט באווייזען, אַז ער איז גערעכט, האָט אַן אנדערער זיך אָנגערופען:

— מען רעדט ביי אונז אזוי שעהן וועגען דעם, וואָס מען בויט; מיט אַמאָל זיינען ביי אונז אַלע געוואָרען שטאַרק פאַר־קאָכט און זעהר באהאווענט אין אינדוסטריאַליזאַציע און אין פאַבריקאַציע. און איך זאָג, אַז אזוי בויען און סטראָיען קען מען בלויז אין רוסלאַנד... מען איז מקריב לעבענס, מענשליכע

לעבענס, פאַר יעדען ציגעל, וואָס מען מויערט אַריין אין אַ פאַבריק... עס קומט אויס, אַז מען בויט ניט פאַר'ן לעבען פונ'ם פאָלק, נאָר אויפ'ן חשבון פון זייער לעבען... דאָס בויען אַליין איז טאַקע גוט; קיינער לייקענט ניט די ניצליכקייט דערפון און קיינער צווייפעלט ניט אין דער נויטיגקייט פון דעם. איך בין אָבער זיכער, אַז דאָס רוסישע פאָלק וואָלט זיך ניט גענומען צום הארצען ווען מען זאָל, לאָמיר זאָגען, דעם „דניעפּראָסטראָי", אָדער אַן אַנדער ריזיגען „סטראָי" אויסבויען, — ניט דוקא אין פינף יאָהר צייט, נאָר אין צוואַנציג יאָהר צייט, אַבי מען זאָל איבער דעם ניט דאַרפען שטאַרבען פאַר הונגער אינ'ם בוכשטעבליכען זין פון וואָרט, אַבי מען זאָל איבער דעם ניט דאַרפען לעבען אין אַזאַ נויט, אין אַזאַ אָרימקייט און אין אַזאַ שמוץ...

דער מענש, וואָס האָט דאָס געזאָגט, איז דוקא ניט געווען קיין געגנער פון דער סאָוועטען־מאַכט. פאַרקערט, ער האָט צוגעגעבען, אַז אונטער'ן סאָוועטען רעזשים זענען אויפגעטאָן געוואָרען זעהר אַ סך גוטע זאַכען, וואָס פאַרדינען ווירקליך געלויבט צו ווערען. ער האָט גערעדט זעהר וואַרים וועגען דער גרויסער אַרבייט איבער'ן גאַנצען לאַנד אָפּצושאַפען „בעזגראַמאָטנאָסט". ער האָט אויך גערעדט זעהר וואַרים וועגען דער שטעלונג פון דער סאָוועטען־מאַכט צו די קלענערע פעלקער אין רוסלאַנד און צו זייער קולטור; ער האָט צוגעגעבען, אַז אויף דעם געביט איז אויפגעטאָן געוואָרען זעהר אַ סך; אין אַלגעמיין האָט ער גערעדט זעהר סימפּאַטיש און וואַרים וועגען אַ סך גוטע זאַכען, וואָס די סאָוועט־רעגירונג האָט אויפגעטאָן; ער האָט אָבער געזאָגט, אַז ער קען בשום אופן ניט איינשטימען מיט דעם שטייגער ווי אַזוי מען פּרואווט דורכפירען דעם פינףיאָהריגען פּלאַן, ווי אַזוי מען בויט מיט לעבעדיגע מענשען אַלס פונדאַמענט; ער האָט אין זיך געהאַט דאָס וואָס מען רופט אָן „מענשליכקייט", און דאָס אַליין איז שוין געווען גענוג, אַז מען זאָל אויף אים קוקען ווי אויף אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער...

מיט דעמזעלבען מענשען בין איך ביי אַן אַנדער געלעגענהייט געווען אין אַ הויז, וואו איך האָב באַדאַרפט איבערגעבען אַ גרוס פון אַמעריקע, און דאָרטען איז אים שוין גאָר אויסגעקומען צו זיין דער פאַרטיידיגער פון די סאָוועטען, ווייל אַן

אַנדערער האָט געפּראָוועט באַווייזען, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אין לעבען נישטאָ קיין איין ליכטיגע זייט...

— די ליכטיגע זייט, — האָט יענער געזאָגט, — איז בלויז די וואָס מען טייטשט אריין ווען מען גיט אַ צושפּרייט די סדרה פון חקירות וועגען דעם, וואָס עס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען... איינציגע קענען זאָגען, אַז דאַן, דאָס הייסט, ווען מען וועט שוין דורכפיהרען דעם פּלאַן, אָדער די פּלענער פון דער „אינדוסטריאַליזאַציע”, וועט קומען די גאולה און אַלע וועלען קריגען גלייכע חלקים ביי דעם גרויסען טיש וואו מען וועט עסען דעם שור־הבר מיט'ן לויתן און טרינקען דעם יין המשומר, און אַנדערע קענען זאָגען, אַז אויך דאַן וועלען די חלקים זיין ניט גלייך. עס איז אַ פראַגע פון אויסטייטשען און אריינטייטשען, פון חקירות און השערות, וואָס קענען זיך קלינ־גען זעהר שעהן, אָבער זעהר ווייט. די ווירקליכקייט אָבער איצט איז אַ פינסטערע, אַ שוואַרצע, אַ וויסטע און אַ גרויע. אין קיין לאַנד אין דער וועלט וואָלטען מענשען נישט געקענט לעבען אונטער אַזעלכע אומשטענדען. איבער קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט וואָלט מען ניט געקענט מאַכען אַזעלכע עקס־פּערימענטען...

דער ערשטער האָט ניט אינגאַנצען איינגעשטימט. ער האָט באַוויזען מיט אַ גאַנצער רייהע פאַקטען, אַז אין סאָוועט רוס־לאַנד זיינען יאָ פאַראַן אַ סך ליכטיגע זייטען און איינער פון זיינע אַרגומענטען איז געווען, אַז די רעגירונג טוט אַלץ וואָס ס'איז נאָר מעגליך צו בילדען דאָס פאָלק.

— דאָס ווערט דאָך געטאָן אויף אַ ריזיגען פאַרנעם, — האָט ער געזאָגט, — אויף דער גרויסער נעץ פון שולען און פאַרשיידענערליי לערן־אַנשטאַלטען איבער'ן גאַנצען לאַנד, לע־רענט מען דאָך דאָס פאָלק ווי אַזוי זיך צו פיהרען און ווי אַזוי צו לעבען. מען טוט דאָס ניט נאָר מיט דער הילף פון לערער און ביכער, נאָר אויך מיט פּלאַקאַטען און אַפישען, וואָס מען הענגט אויס אומעטום, וואו מענשען קומען זיך נאָר צונויף...

און באַלד איז אַוועק אַ שמועס וועגען די פאַרשיידענערליי פּלאַקאַטען און אַפישען, וואָס הענגען אויף די ווענט פון אַלע רוסישע וואָקזאַלען און אַלע סאָוועטישע אינסטיטוציעס: מען האָט זיך צורעדט גאַנץ ברייט וועגען דער סאָוועט־רוסלאַנד,

וואָס אין בילדער, און דער סאָוועט־רוסלאַנד וואָס אין לעבען, און דאַן האָט איינער, אַ שטילער מענש, וואָס האָט בלויז פון צייט צו צייט אַ טרעפליכע באַמערקונג אַריינגעוואָרפען, געזאָגט אַזוי:

— איר רעדט דאָ וועגן פּלאַקאַטען און אַפּישען, און דאָס פיהרט מיך אַרויף אויפ׳ן געדאַנק, אַז כדי גוט צו פאַרשטעהן די לאַגע ביי אונז אין לאַנד דאַרף מען ניט זיין דוקא אַ פּאָלי־טיקער, נאָר — אַ טעאַטער־מענש... יאָ, יאָ דאָס וואָס איר הערט, — אַ טעאַטער־מענש!... וואָרים, פאַרשטעהט איר מיך, זינט מען האָט ביי אונז גענומען דורכפיהרען דעם פינף־יאָהריגען פּלאַן איז דאָס גאַנצע לאַנד אונזערס געוואָרען פּונקט ווי אַ טעאַטער, וואו די פאַרוואַלטונג רעכענט זיך אינגאַנצען ניט מיט׳ן עולם, מיט די מענשען; פּשוט גערעדט: מען האָט דעם עולם אין דר׳ערד... אויף די פּלאַקאַטען און אַפּישען אַנאָנסירט מען בפירוש, אַז מען שפּילט „האַמלעט", אַ הערָאישע פּיעסע פונ׳ם קלאַסישען רעפּערטואַר, און שפּילען שפּילט מען גאָר „די צוויי קוני לעמעלס"... און דאָס איז אַקעגען דעם וואָס איר זאָגט — פּלאַקאַטען...

דאָס האָט ביי איניגע שטאַרק אויסגענומען, אָבער עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס זיינען אויף אים אָנגעפאַלען דערפאַר. איינער האָט אים געזאָגט:

— איר זענט נאָך אַלץ געבליבען דער אינטעליגענט!

— און איך שעהם זיך ניט דערמיט, — האָט יענער גע־ענטפערט. — שעהמען זיך דאַרפט איר, וואָס „אינטעליגענט" איז ביי אייך געוואָרען אַ זידעל־וואָרט.

אויפוואָרפען אַ מענשען, אַז ער איז אַן אינטעליגענט, — דאָס איז אין סאָוועט־רוסלאַנד אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך. מען זאָגט אַרויס דאָס וואָרט „אינטעליגענט" מיט פאַראַכטונג, מיט גאַל, און ווען מען שליידערט דאָס איינעם אין פּנים אַריין, מאַכט מען דערביי אַזאַ מינע, פּונקט ווי מען וואָלט יענעם אין טאַטענס טאַטען אַריין געשאָלטען. אַנשטאָט צו זאָגען אַן „אינ־טעליגענטער מענש", באַנוצט מען דעם אויסדרוק „אַ קולטורעלער מענש". דאָס וואָרט „אינטעליגענט" איז טריף ווי חזיר...

און דאָס איז אין דעם לאַנד, וואָס האָט שטענדיג געהאַט די שענסטע און סימפּאַטישסטע אינטעליגענץ, וואָס האָט געהאַט

אַ שם איבער דער גאַנצער וועלט אַלס עהרליכע און איבערגע־בענע אידעאַליסטען!...

איז אין דעם אַליין ניט פאַראַן קיין סימבאָלישעם?...

פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען אין אַדעס איז מיר כמעט קיינמאָל ניט אויסגעקומען צו הערען ווי מענשען פיהרען צווישען זיך אַ געשפּרעך ווי אינטעליגענטע מענשען. אָדער מען האָט גערעדט וועגען די פּרייזען פון ברויט און אַנדערע עסענוואַרג־אַרטיקלען, אָדער מען האָט זיך געקריגט איבער פּאָ־ליטיק. וועגען ביכער, ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט, מוזיק האָט מען ניט גערעדט.

אין דעם פּרט איז אַדעס ניט קיין אויסנאַם. אַזוי איז אויך אין אַנדערע רוסישע שטעט: מען רעדט ניט, נאָר מען קריגט זיך...

מענשען זיינען פול מיט כעס און שנאה איינער אויפ'ן אַנדערען. מען האָט זיך פיינט, מען געטרויט זיך ניט.

מען האָט זיך פיינט ווען מען שטעהט אין „אָטשערעד" צו קריגען עפּעס וואָס צו עסען, און איינער דעם אַנדערען וואָלט גערן פון דער רייהע ארויסגעוואָרפען ווען ער וואָלט נאָר גע־קענט.

מען האָט זיך פיינט ווען מען דאַרף ערגיץ פאַרכאַפּען אַ פּלאַץ ווען אַלע שטופּען זיך — מען איז שטענדיג גרייט זיך צו קריגען. אין אַלעמען זעהט מען בלויז די שלעכטע זייט, ניט די גוטע...

ביי איין „אָטשערעד" אין אַדעס האָב איך געזעהן אַזאַ סצענע:

אַן אָרימע פרוי איז צוגעלאָפען ווי אַ צומישטע און האָט געבעטען אַן אַנדער פרוי, אַז זי זאָל זי לאָזען זיך אוועקשטעלען פאַר איר, כדי זי זאָל ניט דאַרפען וואַרטען אַזוי לאַנג; זי קען ניט וואַרטען, ווייל אַ קינד איר'ס איז קראַנק און ס'איז גע־בליבען אַליין אין הויז.

— טוט מיר די טובה, בירגערין, — האָט זי זיך גע־בעטען, — מיין קינד איז קראַנק.

אָבער די בירגערין האָט איר די טובה ניט געוואָלט טאָן.

— מיר ווייסען, מיר ווייסען, — האָט זי געזאָגט, — אונז קען מען מיט אַזעלכע שטוקעס ניט נעמען.

פון איינעם צום אַנדערען איז די פאַרצווייפעלטע פרוי געלאָפען און אַלץ געבעטען, מען זאָל איר אוועקגעבען דאָס פּלאַץ אין'ם „אָטשערעד", ווייל איר קינד איז קראַנק און זי קען דאַריבער דאָ לאַנג ניט וואַרטען; אָבער אַלע האָבען זי געטריבען פון זיך און אַלע האָבען געזאָגט, אַז זיי קען מען מיט אַזעלכע „שטוקעס" ניט נעמען...

עס האָט זיך ניט געפונען קיין איינער, וואָס זאָל אַרויסווייזען כאָטש אַביסעל מענשליכקייט, כאָטש אַביסעל רחמנות...

אַליין פאַרביטערטע, האָבען זיי ניט קיין צוטרויען צו קיינעם. אַליין אונטער'ן דרוק פון אַ שווער לעבען, וואָס ציהט זיך שוין אַזוי יאָהרען און יאָהרען, ווערען זיי אַזוי פאַרטאָן אין זיך, אַז זיי זעהען שוין ניט קיינעם, ווען ס'קומט צו אַזאַ זאַך ווי קריגען אַ שטיקעל ברויט, אַ ביסעל מילך, אָדער אַן אַנדער ביסעל שפּייז, מיט וואָס מען קען דעם הונגער שטילען...

פון איין זייט — אידעאַליסטען, וועלכע זיינען אַזוי פאַרטאָן אין דער מ ע נ ש ה י י ט, אַז זיי זעהען ניט די מ ע נ ש ע ן, און פון דער אַנדערער זייט — אָרימע, אויסגעהונגערטע און צוטומעלטע באַשעפענישען, וועלכע זיינען אַזוי פאַרטאָן אין זיך און אין זייער אייגענער נויט, אַז זיי זעהען שוין ניט קיינעם...

זעהן מענשען ביי דער אַרבייט אין אַ פאַבריק, וואו האַמערס קלינגען און פונקען שפּריצען, אָדער וואו מאַשינען רוישען און אייזענס קלאַפּען — דאָס איז נאָך ניט אַלעס. דער עיקר איז — זעהן ווי אַזוי עס לעבט אין ד ע ר ה י י ם דער מענש, וואָס אַרבייט... און אין דער היים לעבט דער מענש וואָס אַרבייט אין אָרימקייט, אין נויט, אין ניט־סאַניטאַרישע באַדינגונגען און זעהר אָפט הונגערט ער.

דאָס האָב איך געזעהן אין אָדעס און אויך אין אַנדערע שטעט, ווייל איך בין דאָרט געוועזען ניט נאָר אין די פאַבריקען, וואו מענשען אַרבייטען, נאָר אויך אין די היימען, וואו מענשען לעבען...

ביים געזעגענען זיך אין אָדעס מיט אייגענע און פרעמדע האָב איך אַ סך איבערגעלעבט, ווייל איך האָב געזעהן ווי מיין קומען האָט זיי אַלעמען שטאַרק צורודערט. יעדער איינער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל ניט נאָר אויסהערען, נאָר אַריינ־

זאפען אין זיך די טראַגעדיע פון זיין שווערען לעבען, אז איך זאָל דאָס ניט פארגעסען ווען איך וועל קומען צוריק קיין אמע־ריקע. אין די אויגען זיינען ביי אַלעמען געשטאַנען טרערען, און אַלע מאָל איז אַנאַנדערער צוגעגאַנגען נעהנטער — ער וויל זאָגען נאָך אַ וואָרט, ער וויל דערמאָנען אָן עפּעס וואָס ער האָט שוין פריהער געזאָגט און ער וויל בעטען נאָך עפּעס וואָס ער האָט שוין פריהער געבעטען.

— זעהט עפּעס, טוט עפּעס! — האָט יעדער איינער אַלץ דאָס זעלבע איבערגע׳חזר׳ט. — זאָל מען אונז העלפען!

און איינער, אַ ליבער מענש, וואָס איז געבליבען מיט אַ פול הארץ אָן אָנגעוויטאָגטס, ווייל ס׳האָט זיך אים אַלץ גע־דוכט, אז ער האָט מיט מיר נאָך ניט גענוג גערעדט, אז ער האָט מיר נאָך ניט גענוג דערצעהלט פון זיין לעבען דעם פינ־סטערען, וואָס ער קען שוין מער ניט אריבערטראָגען — ער איז לאַנג געשטאַנען לעבען מיר אַ שטילער, אַ פאַראומערטער; די אויגען זיינען ביי אים געווען פול מיט טרערען און בייסענדיג די אונטערשטע ליפּ פון גרויס נערוועזיטעט און צורודערטקייט האָט ער געזאָגט:

— עס איז אַזוי גוט וואָס דו ביזט געקומען, און דאָך איז דאָס אזוי שלעכט...

ער האָט, אפּנים, געדענקט, אַז איך פארשטעה אים ניט אַזוי גוט, און ער האָט דאָס געפּרואווט מאַכען קלאָר:

— פריהער, — האָט ער געזאָגט, — האָבען מיר זיך שוין ווי ס׳איז געהאַט צוגעוואוינט צו די צרות... אָפּגעשניטען פון דער וועלט, האָבען מיר זיך פארגעסען און מיר האָבען געמיינט, אז אזוי דאַרף עס שוין זיין. אין דער פארצווייפלונג האָבען מיר געפּרואווט געפינען אַ טרייסט אין דעם וואָס ס׳איז שוין נישטאָ קיין טרייסט, וואָס ס׳איז שוין נישטאָ קיין אַנדער אויס־וועג... ביזטו געקומען און מיר האָבען דערפיהלט דעם אָטעם פון אַן אַנדער וועלט, פון אַן אַנדער לעבען... מיר וועלען פון דיר טראַכטען ווי פון אַ מענשען, וואָס האָט זיך מיט זיין אייגענעם ווילען געגעבען אַ הויב־אויף אין אַמעריקע און איז געקומען צו פאָהרען אין סאָוועט־רוסלאַנד, און איצט פאָהרט ער אַוועק מיט זיין אייגענעם ווילען, וועט זיין אין אַזעלכע שטעט ווי וואַרשע, בערלין, פּאַריז, וועט אָנקוקען אַ וועלט און

וועט זיך ווידער אָוועקפאָהרען צוריק קיין אַמעריקע... יאָ, דו פאַרשטעהסט, אין דיר האָבען מיר דערפיהלט דעם אָטעם פון אַן אַנדער וועלט, פון אַן אַנדער לעבען, און דאָס האָט אונז שטאַרק צורודערט. און דערפאַר איז ניט נאָר גוט וואָס דו ביזט געקומען, נאָר אויך שלעכט...

איך האָב אים פאַרשטאַנען.

איך האָב אויך פאַרשטאַנען אַן אַנדערען פון מיינע פריינד, וועלכער איז געווען ניט צופרידען דערפון וואָס אַלע קלאָגען זיך אַזוי פיל. ער, דער אַנדערער פריינד מיינער, האָט געהאַלטען ביים ווערען אַ „כהן", דאָס הייסט, ער איז געווען אַ קאַנדידאַט, מען זאָל אים אריינגעמען אין דער קאָמוניסטישער פאַרטיי און ער האָט דאריבער געדאַרפט זיין פאָרזיכטיג מיט אַ וואָרט...

פאַר'ן אַוועקפאָהרען בין איך געווען אין דער „אינטוריסט-ביוראָ", וואו עס זיינען אויך די ווענט געהאַנגען אַ סך בילדער, וואָס האָבען געררייצט דאָס אויג מיט זייער רייכקייט אין קאָ-לירען. בילדער פון פאַבריקען און זאַוואָדען, וואָס מען האָט שוין אויסגעבויט און וואָס מען האַלט ערשט אין בויען, בילדער פון שעהנע געגענדען, וואוהין מען קען פאָהרען, און בילדער פון מענשען, וואָס זיינען געזונט או לוסטיג און פרעהלאַך אויף פאַראַדנע פייערונגען, וואָס ווערען געפּראַוועט דאָ און דאָרטען — אַלץ בילדער, וואָס פאַרכאַפּען דאָס אויג מיט זייער רייכקייט אין קאָלירען און פאַרבען.

און שפּעט אין אָוונט, ווען איך האָב זיך אויפ'ן וואָקזאַל געזעגענט מיט מענשען, וואָס זיינען געווען אָנגעטאָן ווי בעט-לער און איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אין צוג צו פאָהרען ווייטער, האָב איך אַ סך געקלערט וועגען די בילדער, וואָס הענגען אויף די ווענט און וועגען דער ווירקליכקייט, וואָס איך האָב געזעהן אין לעבען. איך האָב ניט געקענט פאַרגעסען וואָס מענשען, לעבעדיגע מענשען, האָבען מיר דערצעהלט וואָס זיי טראָגען אַריבער און ווי זיי ליידען הונגער און נויט זינט מען האָט זיך גענומען דורכפיהרען דעם פינף-יאָריגען פּלאַן, ארויפלעגענדיג די גאַנצע וואָג אויף דער „שווערער אינדוסטריע" און פאַרנאַכ-לעסיגענדיג אינגאַנצען די טאָג-טעגליכע נויטען פונ'ם לעבען. און טראַכטענדיג אַזוי וועגען די ב י ל ד ע ר און פ ל אַ-

ק א ט ע ן אויף די ווענט און וועגען דער ווירקליכ־קייט אין לעבען, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם וואָס יענער שטילער מענש אין אדעס — דער מענש, וואָס שווייגט א סך און קומט בלויז אָפּ מיט א טרעפליכער באמערקונג פון צייט צו צייט — האָט געזאָגט.

„זינט מען האָט ביי אונז גענומען דורכפיהרען דעם פינף־יאָריגען פלאַן, — האָט ער געזאָגט, איז דאָס גאנצע לאַנד אונ־זערס געוואָרען פונקט ווי א טעאַטער וואו די פארוואלטונג רעכענט זיך אינגאנצען ניט מיט'ן עולם, מיט די מענשען... פשוט גערעדט, מען האָט דעם עולם אין דער ערד... אויף די פלאַקאַטען און אַפישען אַנאָנסירט מען בפירוש, אז מען שפילט „האמלעט", א העראָישע פּיעסע פונ'ם קלאַסישען רעפּערטואַר, און שפּילען שפּילט מען גאָר „די צוויי קוני לעמעלס"... און דאָס איז אָקעגען דעם וואָס מען זאָגט — פלאַקאַטען"...

מיר איז שווער געווען אויפ'ן הארצען ווען דער צוג האָט זיך גערירט, ווען מען האָט אָנגעהויבען ארויספאָהרען פון אדעס. איך האָב לאַנג געקוקט אין פענסטער. ארום און ארום איז געזוען א פינסטערע נאַכט...

## זעכצעגטער קאַפּיטעל.

# דער מענש מיט דער טאָרבע און דער מענש מיט דער לאַפּעטע.

פון אַדעס בין איך אַרויסגעפאָהרען קיין טולטשין — אַ שטאָט, וואָס איז מיר געווען גוט באַקאַנט נאָך פון יענע צייטען איידער איך בין אַוועק קיין אַמעריקע; אַ שטאָט, וואָס האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דעם באַרימטען כמעלניצקי־אויפשטאַנד אין אוקראַינע און אויך אין דעם רעוואָלוציאָנערען אויפשטאַנד פון די „דעקאַבריסטען" אין 1825.

עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט ווען איך האָב זיך אויפ'ן באַן אויפגעזעצט. אויפ'ן האַרצען איז מיר געווען שווער; איך האָב אַלץ ניט געקענט פאַרגעסען אָן דעם גרויסען חורבן, וואָס איך האָב אין אַדעס געזעהן און ס'איז מיר געווען שווער זיך צו שיידען מיט די נאָהענטע, וואָס זענען דאָרט געבליבען אינ'ם אייזערנעם קלעם פון אַ פינסטער לעבען, וואָס האָט ניט קיין ה י י נ ט און ספּעקולירט מיט'ן מ אָ ר ג ע ן.

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך ניט געקענט שלאָפען; אַלע מאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, צוהערענדיג זיך צום קלאַפּען פון די רעדער ווען דער צוג איז געלאָפען און צו די קולות פון מענשען אויף די וואָקזאַלען ווען דער צוג איז געשטאַנען, און ווען דער בלויער פרימאָרגען האָט אָנגעהויבען אַריינקוקען דורכ'ן פענסטער און די פאַרשנייטע פעלדער האָבען פון זיך אינגאַנצען אַרונטערגעוואָרפען די פינסטערניש פון דער נאַכט, בין איך אויפגעשטאַנען און צושפּאַרענדיג דאָס פּנים צו דער גלעזערנער שויב. וואָס איז געווען פאַרהאַקט. האָב איך לאַנג אויף די פאַרשנייטע פעלדער געקוקט און אַלע מאָל האָב איך אויף אַן אַנדער וועג געזעהן ווי עס שלעפּט זיך ערגעץ אַ מענש מיט אַ שווערען זאַק אויף די פּלייצעס...

אַ מענש מיט אַ שווערען זאַק אויף די פּלייצעס — דאָס איז דאָס ערשטע וואָס מען דערזעהט אין סאָוועט־רוסלאַנד אַזוי שנעל ווי מען עפענט די אויגען אין דער פרי און מען גיט אַ קוק אין דרויסען. מען זעהט אים אין די גאַסען, מען זעהט אים אויף די וואָקזאַלען און מען זעהט אים אויף אַלע וועגען און שטעגען...

אַזוי שנעל ווי די נאַכט גיעהט אַוועק און דער פרימאָרגען קומט אָן דערזעהט מען שוין אויף אַ ווייטען וועג דעם רוסישען מענשען מיט אַ שווערער טאָרבע אויף די פּלייצעס. ערגעץ אין אַן ענג שטיבעל האָט ער זיך שפּעט אין דער נאַכט פון׳ם שלאָף אויפגעכאַפּט, גענומען די טאָרבע אויף די פּלייצעס און זיך געלאָזט אין וועג אריין...

וואוהין גיעהט ער?

וואוהין שלעפּט ער זיך, דער מענש מיט דער טאָרבע?

דאָס איז פאַר אים אַליין ניט אַלע מאָל אינגאַנצען קלאָר...

ער גיעהט ערגעץ, ווייל דער הונגער טרייבט אים...

ער זוכט עפּעס, ווייל ער האָט גאָר ניט...

דער באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער קליינער סטאַנציע פון׳ם שטעטעל קאָדימאַ, וואָס האָט פון דערווייטענס, אינ׳ם גרויען פרימאָרגען, אויסגעזעהן נאָך וויסטער און חושכ׳ער ווי ס׳איז געווען אַמאָל. פּאַסאַזשירען מיט שווערע קלומקעס און פּעק זיינען אין איילעניש געלאָפען צו די וואַגאָנען, און נאָכדעם ווי דער צוג האָט זיך גערירט האָב איך פון׳ם צווייטען „קופּעי" דערהערט דאָס קרעכצען פון אַ פרוי און די שטים פון אַ מאַן.

די טיר פון יענער „קופּעי" איז געווען אָפען, בין איך צו־געגאַנגען זעהן וואָס דאָרטען קומט פאָר, און איך האָב געזעהן ווי אויפ׳ן דיוואַן, וואָס דינט ביי טאָג אַלס אַ פּלאַץ צו זיצען און ביינאַכט אַלס אַ פּלאַץ צו שלאָפען, איז געלעגען אַ פויערטע אין אַ שווערען פּעלץ און מיט אַ שאַלעבעל אויפ׳ן קאָפּ און לעבען איר איז געשטאַנען אַ פויער — אַ פּאַרלאָרענער, אַ צו־טראָגענער, ווייל ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט דער קראַנקער פרוי, וועלכע האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו קרעכצען אַזוי שווער, אַז עס האָט אַזש געריסען ביים האַרצען.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב אין

סאָוועט־רוסלאַנד, אין דער רעפּובליק פון אַרבייטער און פּויערים, געזעהן אַ פּויער אין אַ ווייכען וואַגאָן, ניט אין קיין האַרטען...

עס איז געווען אַ רחמנות צו זעהן ווי די קראַנקע פּויערטע מוטשעט זיך, ווי זי קרעכצט, ווי זי אָטעמט שווער, און ס'איז אויך געווען אַ רחמנות צו זעהן ווי דער פּויער לעבען איר איז אומבאהאָלפען.

— ליג, ליג! — האָט ער שטיל געזאָגט דער קראַנקער ווייב זיינער, ווען זי האָט געפּרואווט זיך אויפהויבען, דרעהענדיג זיך אין אַנגסטען. — ליג שטיל... עס וועט איבערגעהן...

אָבער די קראַנקע פּויערטע האָט ניט געקענט איינליגען שטיל. זי האָט אַלץ געקרעכצט און שווער געאָטעמט און דאָס פּנים איז ביי איר געווען בלאַס ווי ביי אַ טויטען...

און אין מיטען דערינען איז אַריינגעקומען דער קאָנדוקטאָר, און דערזעהענדיג די פּויערטע מיט'ן פּויער אין אַ באַזונדער „קופּעי" פון'ם „ווייכען" וואַגאָן, איז ער געבליבען שטעהן אַן איבערראַשטער; ער האָט זיך, קענטיג, אויף אַזאַ זאַך ניט גע־ריכט, ניט געוועהנט געוואָרען דערצו. און נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעקוקט זייערע בילעטען, האָט ער געזאָגט:

— נישט דאָ, בירגער, דאַרפט איר זיין... איר דאַרפט אַריבערגעהן אינ'ם „האַרטען" וואַגאָן...

— דאָרטען איז דאָך אָבער פול, — האָט דער פּויער שטיל און אונטערטעניג געפּרואווט האָבען אַ טענה. — דאָרטען איז דאָך אַפילו ניטאָ קיין פּלאַץ זיך אַוועקצוזעצען... און זעהט, בירגער, די פרוי איז קראַנק... אַפילו ליגען איז איר שווער... קוים וואָס זי אָטעמט...

— איך קען זיך אָבער ניט העלפען, — איז דער קאָנדוק־טאָר געווען שטרענג. — די בילעטען זענען פאַר'ן „האַרטען" וואַגאָן. דאָרט איז אייער פּלאַץ...

— אָבער, מענש, האָט גאָט אין האַרצען, — האָט די קראַנקע פּויערטע קוים אַרויסגערעדט. — איר זעהט דאָך, איך עק זיך...

איך קען זיך אָבער גאָר ניט העלפען, — האָט דער קאָנ־דוקטאָר געענטפערט, האַלטענדיג די אויגען אַרונטערגעלאָזען צו דער ערד.

ער האָט זיך, אַפּנים, געשעהמט, און אפשר האָט אים טאַקע ווי געטאָן דאָס האַרץ צוזעהענדיג די ליידען און די שמערצען פון דער קראַנקער פרוי. אָבער ער האָט דאָך מיט אַ באַפעה־לענדען טאָן געזאָגט:

— נעמט די פּעקלאַך און קומט!...

און דער אָרימער פויער און די קראַנקע פויערטע האָבען גענומען די פּעקלאַך און זענען מיט'ן קאָנדוקטאָר אַוועק אין דעם האַרטען וואַגאָן, וואו עס איז געוועזן אַזוי ענג, אַז מען האָט קוים געקענט געפינען פּלאַץ וואו צו שטעהן.

און אין וואַגאָן האָט זיך ניט געפונען אַפילו קיין איינער, וואָס זאָל כאָטש זאָגען, אַז ס'איז אויף דער קראַנקער, אָרימער פויערטע אַ רחמנות...

מען איז שוין געוועהנט צו זעהן ווי מענשען מוטשען זיך, ווי מענשען ליידען און ווי מענשען שטאַרבען. אַזעלכע זאַכען ריהרען שוין ניט קיינעם...

איך בין פאַרבייגעפאָרען רודניצאַ, קריזשאָפּאָל און אַנדערע שטעטלאַך, וואָס איך האָב נאָך געדענקט פון אַמאָל. זיי האָבען אַלע אויסגעזעהן וויסט, חושך און אָפּגעלאָזען — קויטיגע פּלע־קען אויף דער אומענדליכער ווייטקייט פון די פאַרשנייטע פעל־דער, פון וועלכע עס האָט געאָטעמט מיט רוסישען ברייטען פאַר־נעם. און אומעטום, אויף אַלע וועגען און שטעגען, האָט מען געזעהן דעם מענשען מיט דער טאָרבע אויף די פּלייצעס...

אויף דער סטאַנציע זשוראַווליאָווקע בין איך אַרונטער פונ'ם באַן. פון דאָרטען האָב איך מיט'ן „אויטאָבוס" געדאַרפט פאָהרען אַכט וויאָרסט קיין טולטשין, און מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ער „מאַכט" דאָס אין דריי פערטעל שטונדע. אָבער דער „אויטאָבוס" איז ניט געגאַנגען, ווייל דער גאַנצער וועג איז געווען פאַרשאָטען מיט שניי, און מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די לייסטלאַך, וואָס מען האָט אַוועקגע־שטעלט ביים וועג אַלס אַ באַוואָרענונג געגען שניי, האָבען זיך אַרויסגעוויזען צו זיין צו נידעריג, כאָטש געאַרבייט אויפ'ן „פּלאַן" האָט מען אַ לענגערע צייט, פאַרזיכערענדיג אַלעמען, אַז מער וועט שוין דער שניי דעם וועג ניט קענען פאַרשיטען.

ווידער האָב איך זיך געמוזט שלעפּען אויף אַ שליטען מיט

צוויי אויסגעהונגערטע און איינגעדאַרטע פּערדלאַך, וועלכע האָ־בען זיך אַלע מאָל אָפּגעשטעלט, און ווידער איז מיר אויסגע־קומען צו הערען ווי רוסישע מענשען ריידען וועגען „אָניאָגען און אַריבעריאָגען אַמעריקע״ אין דער צייט ווען אַ פּאַרשמאַכטער און אָפּגעריסענער פּויער טרייבט איינגעדאַרטע פּערדלאַך אויף אַ וויסטען וועג אַ שווערען, שרייענדיג דערביי:

— „אַטיאַ, מאַלעי״...

— אין אַמעריקע, — מאַכט אַזוי איינער פון די פּאַסאַ־זשירען פעסט און זיכער, — איז מען אונז אודאי שטאַרק מקנא. אַ יאָ?... ביי אייך אין אַמעריקע טאָר מען דאָך קיין פריי וואָרט ניט ארויסריידען...

דער מענש, וואָס האָט דאָס געזאָגט, איז אודאי אַלט געווען ניט מער ווי אַ יאָהר צוויי און צוואַנציג, און כאָטש ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבען קיין אויסלענדישע צייטונג ניט געלייענט, איז ער פונדעסטוועגען געווען זיכער, אַז ער ווייסט וואָס ס׳טוט זיך אין אַלע אַנדערע לענדער, און ער האָט ווייטער גערעדט:

— ווען אַן אַמעריקאַנער קומט צו אונז און ער וויל אין די גאַזעטען ארויסזאָגען זיין מיינונג וואָס ער דענקט וועגען אונזער אָרדענונג, לאָזט מען אים שרייבען וואָס ער וויל און ווי ער וויל. אָבער ווען אונזערער אַ מענש קומט צו זיי און וויל אריינגעבען אין די גאַזעטען זיין מיינונג וועגען דער קאַפּיטאַליס־טישער אָרדענונג לאָזט מען אים ניט. אונזער צד ווילען זיי אַפילו ניט אויסהערען... ניט אמת אפשר, האַ?...

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז ס׳איז ניט אמת, האָט ער ניט געוואָלט גלויבען.

— מ י ר ווילט איר איינרייידן?...

געפאָהרען זענען מיר די גאַנצע צייט מיט אַ זייטיגען וועג. און ווייטער אַביסעל, אין דער לינקער זייט, האָט מען געזעהן צוויי לאַנגע און הויכע ווענט פון שנייי, און צווישען די צוויי ווענט האָט מען געזעהן קעפּ פון מענשען, וואָס האָבען גע־טראָגען לאָפּעטעס אויף די פּלייצעס.

— וואוהין געהט מען דאָס דאָרט? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס געהט מען אָפּרייניגען דעם וועג פאַר׳ן „אווטאָ־בוס״, — האָט מען מיר געענטפערט. — שוין עטליכע טעג אַז

מען טרייבט מענשען פון שטאָט און פון די דערפער צו רייניגען דעם שניי...

די מענשען מיט די לאָפּעטעס זענען אָבער געגאַנגען פּאַמע־לאַך און לאַנגזאַם און אָהן חשק, און עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי געהען ניט, נאָר זיי שאַרען זיך ביי די ווענט פון שניי. און עס איז געווען קלאָר, אַז מיט אַזאַ „אימפּעט", מיט אַזאַ „טעמ־פּאָ" וועט דאַרפען געדויערען נאָך ניט איין טאָג ביז מען וועט אָפּרייניגען דעם וועג אַזוי, אַז דער „אַווטאָבוס" זאָל ווידער קענען אָנהויבען לויפען פון טולטשין קיין זשוראַווליאָווקע און צוריק.

און אַזוי איז טאַקע געווען. ווען איך האָב מיט דריי טעג שפּעטער געדאַרפט אַרויספאָהרען פון טולטשין, איז דער „אַוו־טאָבוס" נאָך אַלץ ניט געגאַנגען...

די מענשען מיט די לאָפּעטעס אויף די פּלייצעס האָבען זיך אַלץ געשאַרט ביי די ווענט פון שניי, און דער וועג איז אַלץ געבליבען אַ פאַרשאָטענער...

ריידענדיג וועגען די מענשען מיט די לאָפּעטעס, האָט איינער פון די פּאַסאַזשירען, אַ איד מיט אַ קורץ געשאָרען בערדעל, געזאָגט:

— איין זאַך מוז מען צוגעבען: אין 1919, אינ'ם יאָהר פון די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, וואָלטען מיר דאָ ניט געקענט זיצען אַזוי רוהיג אויף אַ שליטען זעהענדיג פון דער ווייטענס געהן פּויערים מיט לאָפּעטעס אויף די פּלייצעס...

און אַן אַנדערער האָט דערצו צוגעגעבען נאָך אַ באַמערקונג:

— י אָ, ד י ס אָ וו ע ט ־ ר ע ג י ר ו נ ג ה אָ ט ז י י א י י נ ג ע צ ו י מ ט!

איך האָב לאַנג געקוקט אויף די מענשען מיט די לאָפּעטעס און דערביי האָב איך געטראַכט וועגען דעם גרויסען ברידער־קבר אין מיין געבורטסשטעטעל, וואו עס ליגען באַגראָבען פינף הונדערט אידען — קרבנות פון דעם שרעקליכען פּאָגראָם, וואָס פּעטלורע'ס באַנדעס האָבען געמאַכט אינ'ם יאָהר 1919...

ביים דאָרף מאַרוסינאַ, וואָס איז שוין ניט ווייט פון טול־טשין, איז דער וועג געוואָרען נאָך ערגער און אַלע מאָל האָט מען געמוזט אַרונטערגעהן און זיך שלעפּען צופוס אין דער

בלאָטע. אין דאָרף האָט מען ניט געקענט זעהן קיין איין שטי־
בעלע, וואָס זאָל ניט זיין אָפּגעלאָזען, און די פויערים, וואָס
מען האָט געטראָפען אויפ׳ן וועג, האָבען געמאַכט א שרעקליך
שווערען איינדרוק; אין אַלטע, צוריסענע און צושליסענע קליי־
דער און מיט שטרוי און שמאַטעס אויף די פיס זענען זיי גע־

מ. אַשעראָוויטש און זיין מוטער
פאָטאָגראַפירט אין סאָוועט־
רוסלאַנד.

גאַנגען פאַראומערטע און פאַר׳חושכ׳טע און ס׳איז שווער געווען
צו געפינען איינעם, וואָס זאָל ניט טראָגען קיין טאָרבע אויף די
פּלייצעס...

אומעטום — מענשען מיט טאָרבעס אויף די פּליצעס!...

ווען מיר זענען שוין געווען ניט ווייט פון דער שטאָדט
האָט דער שליטען זיך אָנגעהויבען גליטשען באַרג אַראָפּ. פון
ביידע זייטען פונ׳ם בלאָטיגען וועג, וואו עס זענען געלאָפען

ריטשקעלאַך מיטשלעפּענדיג מיט זיך קויט און שמוץ, זענען געווען צוויי טיפע טאָלען. מיר זענען אַלע ארויס פונ'ם שליטען און האָבען זיך געלאָזט געהן אין דער בלאָטע ביי די זייטען פונ'ם וועג. פון דער ווייטענס האָט מען שוין אָנגעזעהן די שטאָט. די זון האָט געשיינט און די לופט איז געווען אַ פרישע און אַ געזונטע, און אין די אויערען האָט אַזוי אַנגענעם גע־זשומעט דאָס וואַסער פון ריטשקעלאַך און די שטילקייט, וואָס האָט זיך פון די אוקראַיִנישע פעלדער געטראָגען.

טולטשין!

וויפיל עראינערונגען די שטאָט האָט אויפגעמישט אין מיין זכרון!

און ווען איך בין צוגעפאָהרען צו דער שטוב, וואו איך האָב געדאַרפט איינשטעהן, האָט זיך פון דאָרט דערהערט אַ קוויטש פון אַ פרוי...

מיין מאַמע איז די ערשטע ארויסגעלאָפען אין דרויסען און האָט זיך מיר ארויפגעוואָרפען אויפ'ן האַלז...

— זוהן מיינער!

זי האָט געוואוסט, אַז איך דאַרף קומען קיין טולטשין, זי האָט אָבער ניט געוואוסט ווען איך וועל דאָרט זיין. איז זי געקומען וואַרטען אויף מיר.

— דאָס האַרץ האָט מיר געברענט, — האָט זי געזאָגט ווישענדיג די טרערען פון די אויגען. — איך האָב ניט געקענט איינזיצען, ניט געקענט שלאָפען קיין נעכט. איך האָב געפיהלט, אַז איך מוז דיך זעהן נאָך אַמאָל... און דו זעהסט אָט דאָס פענסטער? דאָ בין איך געזעסען נעכטען און דאָ בין איך גע־זעסען היינט און האָב אַלץ ארויסגעקוקט אויף דיר!... דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז היינט וועסטו קומען!...

און ווען איך בין שוין מיט איר אין שטוב געזעסען, האָט זי דעם קאָפּ אָן מיין אַקסעל אָנגעשפּאַרט:

— קינד מיינס!... קינד מיינס!

זיבעצעטער קאַפּיטעל

# אין טולטשין

## 1. אַרבייטער און זייערע פאַרדינסטען.

טולטשין איז איינע פון די שטעטלאַך, וואו מען זעהט סימנים ניט נאָר פון חורבן, נאָר אויך פון נייעם אויפבוי. אויף דער ברייטער „לענין־גאַס", וואו עס שטעהען נאָך איצט די צוויי „סטופּעס", דער גרויסער „סטופּ" און דער קליינער „סטופּ", האָט מען אויסגעבויט אַ שעהן „סאָוועטען־הויז", וואו עס קאָנ־צענטרירט זיך די טעטיגקייט פון די פאַרשיידענע רעגירונגס־אינסטיטוציעס; עס איז אין טולטשין אויך פאַראַן אַ באַנק. אַ „מוזעאום פון דער רעוואָלוציע", אידישע און ניט־אידישע שקאָלעס, וואו אַלע קינדער פון דער באַפעלקערונג לערנען זיך פריי, און ס'זענען אין טולטשין אויך פאַראַן פאַבריקלאַך און אַרטעלען פון פאַרשיידענערליי פאַכען, וואָס געהען אריין אינ'ם צעטעל פון דער סאָוועטישער „לייכטער אינדוסטרי".

איך בין געווען אין אַ פּאָר פון די פאַבריקלאַך און אַר־טעלען אין טולטשין, און איך האָב גערעדט מיט די מענשען, וואָס אַרבייטען דאָרט.

אזוי האָב איך געטאָן אין די מערסטע שטעט און שטעט־לאַך, וואו מיר איז אויסגעקומען צו זיין אויף מיין רייזע איבער סאָוועט־רוסלאַנד; איך בין געגאַנגען זעהן די פאַבריקען און פאַבריקלאַך, ווייל איך האָב זיך אינטערעסירט מיט דעם ל ע־ב ע ן פון די מענשען, וואָס אַרבייטען. אַ סך פאַבריקען, ספּע־ציעל די, וואָס אין די גרויסע שטעט, מאַכען אַן אומגעהויערען איינדרוק. איך האָב זיך אָבער ניט אָפּגעשטעלט אויף זיי אויס־פירליך, ווייל איך בין ניט קיין „פאַבריטשנער עקספּערט", ווי אייניגע אַנדערע שרייבער, וועלכע זיינען, פון דער העלער הויט, געוואָרען „פאַבריטשנע עקספּערטען" ביים שרייבען וועגען סאָ־

וועט־רוסלאַנד. מיך האָט אינטערעסירט ניט נאָר דער ענין וואָס מ׳ארבייט אין סאָוועט־רוסלאַנד, נאָר דער עיקר׳שט — ווי אַזוי עס לעבען דאָרט די מענשען, וואָס אַרבייטען.

אין איינעם פון די טולטשינער פאַבריקלאַך מאַכט מען ווייסע אויבערשטע העמדער. ווען איך בין אַריינגעקומען אַהין, זענען בלויז עטליכע מאַשינען געווען באַזעצט און די איבעריגע זענען געשטאַנען ליידיג. אויך די צוויי פּרעסערס האָבען קיין סך אַרבייט ניט געהאַט; זיי זיינען ביידע געשטאַנען ביי אַ לאַנגען טיש און האָבען געוואַרט ביז עס וועלען זיך אָנקלייבען גענוג פאַרטיג־געמאַכטע העמדער צום פּרעסען. אַרום און אַרום האָט דאָס סאָוועטישע פאַבריקעל דערמאָנט אָן אַ „סוועט־שאָפּ־קעלע" אין ניו יאָרק אין די „אַלטע גוטע צייטען", ווען אַר־בייטער האָבען נאָך ניט געהאַט קיין שטאַרקע יוניאָנס. די אַטמאָספערע אַרום און אַרום איז געווען ניט ווי אין „סיזאָן", נאָר ווי אין „סלעק".

ווען איך האָב געפרעגט פאַר וואָס ניט אַלע מאַשינען זענען באַזעצט אין דער צייט, ווען מען רעדט אַזוי פיל איבער׳ן גאַנצען לאַנד וועגען דעם, אַז אַלע אַרבייטען, האָט מען מיר געענטפערט, אַז דאָס איז דערפאַר וואָס מען האָט ניט צוגעשיקט קיין מאַטעריאַלען און אַז דאָס טרעפט זעהר אָפט. ניט איין מאָל ווערט אינ׳ם פאַבריקעל די גאַנצע אַרבייט אָפּגעשטעלט, ווייל מען שיקט ניט צו אין צייט קיין מאַטעריאַלען; עס טרעפט, אַז ווען ס׳איז דאָ גענוג לייוועגט, פעהלט אויס פאָדים; ווען ס׳איז דאָ פאָדים, איז נישטאָ קיין לייוועגט, און ווען ס׳איז שוין דאָ אי לייוועגט, אי פאָדים, פעהלט עפּעס אַנדערש וואָס מען דאַרף האָבען, און דעריבער איז שוין קיין נייעס ניט, אַז מען זאָל אין מיטען דערינען אינגאַנצען אָפּשטעלען די אַרבייט אינ׳ם פאַבריקעל.

אַזוי איז דאָס ניט נאָר אין דעם פאַבריקעל וואו מען מאַכט אויבערשטע העמדער, נאָר אויך אין די אַנדערע פאַבריקלאַך און ווערקשטאַטען. מען שיקט ניט צו קיין מאַטעריאַלען אין צייט, מען שטעלט ניט צו דאָס וואָס מען דאַרף אין צייט, און דאַן הייסט מען די אַרבייטער געהן אַהיים, ווייל זיי האָבען ניט וואָס צו טאָן.

און ווען די פאבריקלאך אין טולטשין שטעהען לעדיג, קריגען די ארבייטער זעהר א קליינעם טייל פון די שכירות, וואס מען צאהלט זיי געוועהנליך אזוי ווינציג, אז ס'קלעקט זיי ניט אויף צו לעבען אפילו אין ארימקייט.

איך האב אין טולטשין געטראפען ארבייטער, וואס קריגען זעכציג, זיבעציג, אכציג און הונדערט קערבלאך א חודש. אויף אמעריקאנער געלט הייסט דאס צווישען זיבען און א האלב און דרייצען דאלאר א וואך. און בעת איך בין געווען אין טול־טשין איז שוין דער יקרות געווען אזוי גרויס, אז א ברויט האט געקאסט צווישען צוועלף און פופצען קערבלאך!...

עס טרעפט אויך זעהר אפט, אז עס געהען אוועק וואכען און מען באצאהלט ניט די ארבייטער זייערע שכירות פאר'ן חודש, ווייל אין דער רעגירונגס־באנק איז נישטא קיין געלט. מ'האט ניט צוגעשיקט פונ'ם צענטער.

מען דארף אויך ניט פארגעסען, אז פון די בידנע שכירות, וואס אן ארבייטער קריגט, ווערען ארונטערגענומען פראצענטען אין דער פארמע פון שטייערן און נאציאנאלע הלואות.

און פון דעם איז ניט שווער זיך פארצושטעלען ווי אזוי עס לעבט אין סאוועט־רוסלאנד א מענש, וואס ארבייט...

די פארציעס ברויט וואס מען גיט ארויס די ארבייטער פאר א ביליגערען פרייז (צווישען זיבען און אכט קאפיקעס א פונט) און צוליב וואס מען דארף שטעהן אין „אטשערעד" און ווארטען, זענען ניט גענוג. מען מוז דערצו נאך קויפען ברויט אויפ'ן אזוי גערופענעם „פרייען מארק", און דארט קאסט א ברויט צווישען צוועלף און פופצען קערבלאך, און ניט אלע מאל קען מען דאס קריגען, אפילו ווען מען האט שוין יא די נויטיגע סומע געלט...

פאר אן ארבייטער אין אמעריקע, אדער אין אן אנדער לאנד, וואלט אפשר געווען גענוג די פארציע ברויט וואס מען גיט אן ארבייטער אין טולטשין, אדער אין די אנדערע שטעט פון סאָ־וועט־רוסלאנד. פאר'ן רוסישען ארבייטער איז אבער אזא פאר־ציע ניט גענוג, ווייל ברויט איז פאר אים די הויפט־שפייז; אין אנדערע נארונגס־ארטיקלען איז א גרויסער מאנגעל; ער קריגט ניט גענוג פלייש, פוטער, פעטס, גרינסען און אנדערע עסענ־ווארגען; ברויט איז צייטענווייז דאס איינציגע וואס האלט אים

אויף ביים לעבען. און ווען אַ פרוי פון אַן אַרבייטער קומט אריין אין טולטשינער שפיטאַל, וואָס געפינט זיך אויף דער לענין־גאַס, ניט ווייט פון׳ם בארימטען „סטופ״, און זי זעהט אויף דער וואַנט אַ בילד, אויף וועלכער עס זיינען אין רייכע שעהנע פאַרבען און קאָלירען אויסגעמאָלען פאַרשיידענערליי מאכלים און אויף וועלכער עס איז דאָ אַן אויפשריפט, אַז מען זאָל ביים עסען באַנוצען וואָס מער גרינסען, ווייל דאָס איז גוט פאַר׳ן געזונט — ווען זי זעהט דאָס, פיהלט זי אין דעם אַ חוזק אויף איר בידנעם, אָרימען לעבען, וואָס זי קען שוין מער ניט אַריבערטראָגען...

„וואָס מער גרינסען!״ — וואו זאָל זי זיי נעמען? און וואו האָט זי געלט זיי צו קויפען?...

ווידער אַמאָל דאָס זעלבע: ליכטיגע בילדער אויף די ווענט, און אַ גרויע ווירקליכקייט אין לעבען...

אַזוי איז אין טולטשין און אַזוי איז אויך אין די אַנדערע שטעט.

מען לעבט אין צוויי באַזונדערע רוסלאַנדס: איינע — אין בילדער, און די צווייטע — אין דער ווירקליכקייט...

אויף די ווענט פון די וואָקזאַלען הענגען בילדער, אַז מען זאָל ניט וואַרפען קיין שמוץ, און — עס איז שווער צו געפינען איין ווינקעלע, וואו עס זאָל ניט זיין שמוציג.

איבער דעם גרין־געפאַרבטען פעסעל, וואָס שטעהט אין אַ ווינקעל, הענגט אַן אויפשריפט, אַז מען זאָל טרינקען נאָר גע־זאָטענע וואַסער, כדי צו פאַרהיטען דאָס געזונט; אָבער אין פעסעל איז נישטאָ אפילו קיין סימן פון וואַסער, און אָנשטאָט דעם זעהט מען אויפ׳ן דנאָ גרינעם שימעל, וואו עס פּלאָדיען זיך ווערים.

פאַר די אויגען זעהט מען אַ בילד, וואָס ווייזט אַ צוטאָס־קעט וועגעלע מיט אַן איינגעדאַרט פערדעל, וואָס שלעפּט זיך קוים אויף אַ וועג, וואָס איז פול מיט גריבער און הרודעס, און אונטער דער בילד איז דאָ אַן אויפשריפט: „אָט אַזוי איז מען אין רוסלאַנד געפאָהרען אַמאָל״. און באַלד לעבען דעם הענגט אַן אַנדער גרויסע בילד, אויף וועלכער עס איז אויסגע־מאָהלען אַ גרויסער „אַווטאָבוס״, וואו אַ שעהנער, געזונטער שאָפער, אָנגעטאָן אין אַ גוטען לעדערנעם לייבעל, זיצט ביים

רעדעל גרייט צו פאָהרען, און ס'דוכט זיך, אז אַט־אַט וועט ער זיך גיבען אַ לאָז איבער דעם ברייטען, גוט געברוקירטען וועג און מען וועט אים גאָר ניט קענען אָפּשטעלען. און אונטער אַט דער בילד הענגט אַן אויפשריפט: „אַט אַזוי פאָהרט מען ביי אונז איצטער!"

אָבער ווען מ'דאַרף פאָהרען איצט ווייזט זיך ארויס, אַז פון איין שטעדטעל אין אַנדערן דאַרף מען זיך נאָך אַלץ שלעפּען אויף צוטאַסקעטע פוהרלאַך, מיט מאָגערע, איינגעדאַרטע און אויסגעהונגערטע קליאַטשעס, וואָס שלעפּען קוים די פיס. דאָס פאָהרען א י צ ט איז אָפט נאָך ערגער ווי אויף דער ערשטער בילד, וואָס ווייזט דאָס פאָהרען אַ מ אָ ל. ערגער דערפאַר, ווייל אי די מענשען, אי די פערד זענען אויסגעהונגערט און פאַר'חושכ'ט. אויף די פערד זעהט מען דאַרע ביינער ארויס־סטאַרטשען, און אויף די מענשען זעהט מען שמאַטעס און טראַנטעס, און די פּנים'ער זייערע דריקען אויס פאַרצווייפלונג און עפּעס אַזאַ מאָדנע אַפּאַטיע, וואָס מען קען גאָר מיט קיין ווערטער ניט איבערגעבען.

מען רעדט און מען שרייבט אַזוי שעהן וועגען דער מ ע נ ש־ה י י ט און מ'קימערט זיך אַזוי ווייניג און מ'פאַרנאַכלעסיגט אינגאַנצען דעם מ ע נ ש ע ן.

איך האָב פאַרבראַכט אַן אָווענט אין דער וואוינונג פון אַן ארבייטער אין טולטשין. די וואוינונג איז געוועזן אַזאַ שרעק־ליכע, אַז איך האָב זיך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען ווי אַזוי מענשען קענען דאָרטען לעבען. עס האָבען דאָרטען געפעהלט די סאַמע נויטיגסטע סאַניטאַרע באַדינגונגען, אָהן וועלכע אַ מענש קען ניט אויסקומען. אין שטוב איז געווען ענג, שמוציג און דושנע און די אָרימקייט איז געוועזן אַזוי גרויס, אַז זי האָט ממש פון אַלע ווינקעלאַך ארויסגעשריגען; עס איז ניט געוועזן קיין שטיקעל ברויט מיט וואָס דעם הונגער צו שטילען, און אַלע, דער טאַטע, די מאַמע און די קינדער זיינען געוועזן אָנ־געטאָן אין אַזעלכע צוריסענע, אַלטע און שמוציגע קליידער, אַז עס איז געוועזן אַ שרעק צו קוקען אויף זיי.

— איר זעהט, — האָט דער אָרימער מענש מיר געזאָגט, — אַט אַזוי לעבט ביי אונז אַן ארבייטער!...

איך האָב דעם אָרימען מענשען גוט געקענט נאָך פון דער

צייט, ווען מען האָט אין רוסלאַנד געטרוימט וועגן אַ רעוואָ־לוציע; ער איז אַלע זיינע יאָהרען געווען אַן ארבייטער און אויך זיין פאָטער איז געווען אַן ארבייטער. זיין „סאָציאַלער יחוס" איז, אַלזאָ, איינגאַנצען אַ כשר'ער; ער שטאַמט ניט פון דער בורזשואַזיע און מען קען אים אויך ניט חושד זיין, אַז ער איז, חלילה וחס, אַ אינטעליגענט; ער האָט ניט אין זיך אפילו קיין סימן פון טריפ'קייט, ער איז „כשר" לכל הדעות, און ער איז זיכער, אַז אין אַ לאַנד, וואָס טראָגט דעם נאָמען „רעפּובליק פון ארבייטער און פויערים", דאַרף ער לעבען ווי אַ מענש. האָט ער דען ניט גענוג געליטען פאַר דער רעוואָלוציע? האָט ער דען ניט געטרוימט, אַז די רעוואָלוציע וועט פאַר אים שאַפען אַ בעסער לעבען?

— און וואָס איז געוואָרען? — שטעלט ער מיר אַ פראַ־גע. — זעהט וואָס ס'איז געוואָרען!...

זיינע שכירות זענען זיבען און זיבעציג קערבלאַך אַ חודש. פאַר וואָס עפּעס זיבען און זיבעציג — דאָס ווייסט ער אַליין ניט. וואָרים ניט די ארבייטער באַשטימען די פּרייזען, נאָר די פאַרוואַלטונג. אַן ארבייטער האָט ניט קיין רעכט צו פאַרלאַנגען מער ווי מען באַשטימט.

— איז ווי זשע קען איך אויסקומען מיט זיבען־און־זיבעציג קערבלאַך אַ חודש? — פרעגט מיך דער ארבייטער.

און דערביי דערצעהלט ער מיר, אַז זעהר אָפט פעהלען אוים מאַטעריאַלען, ווייל מען שיקט ניט צו אין צייט און דער־פאַר טרעפט אָפט, ווען ער ארבייט ניט דעם גאַנצען חודש און דאַן רעכענט מען ארונטער די צייט וואָס ער האָט ניט געאַרבייט און ער קריגט אַ סך ווייניגער ווי זיבען־און־זיבעציג קערבלאַך אַ חודש.

— און דאָס איז נאָך ניט אַלץ, — מאַכט ער אַזוי צו מיר. — עס טרעפט, אַז מען ארבייט אַ דעם חודש און מען קריגט ניט קיין געלט; מען דאַרף וואַרטען אַ וואָך און אַמאָל עטליכע וואָכען, ווייל מען האָט פונ'ם צענטער ניט צוגעשיקט קיין געלט צו דער באַנק אין טולטשין. עס איז נישטאָ צו וועמען צו האָבען טענות...

אויך אַנדערע ארבייטער האָבען מיר דאָס זעלבע דערצעהלט. אַלע האָבען זיך געקלאָגט.

„אין אן אנדער לאַנד וואָלט אזא שטייגער פון ארבייט און אזא שטייגער פון צאָהלען שכירות באטראכט געוואָרען ווי א שרעקליכע עקספּלואַטאַציע און די אָרגאַניזירטע יוניאָנס וואָלטען גיט נאָר פּראָטעסטירט, נאָר זיי וואָלטען אויך געקעמפּט געגען דעם. אין אן אנדער לאַנד וואָלטען ארבייטער, אין א צייט ווען אלע פאַבריקען געהען און מען רעדט אזוי פיל וועגען אימ־פּעט און „טעמפּאָ" און בויען און סטראָיען, בשום אופן ניט געדולדעט אזא סיסטעם פון ארבייט און אזא סיסטעם פון צאָהלען שכירות. אונטער דער סטאַלינישער דיקטאַטור אָבער דולדעט מען דאָס און מען האָט נאָך מורא זיך צו קלאָגען דאַ־רויף, ווייל באַלד עפּעס וועט עס דאָך הייסען, אז מען איז א קאָנטר־רעוואָלוציאָנער..."

אזוי האָט מיר אין טולטשין געזאָגט אן אויפגעקלערטער קריסט, אן אלטער רעוואָלוציאָנער, מיט וועמען איך האָב גע־רעדט וועגען דער לאַגע פון די ארבייטער אין די פּראָווינציעלע שטעט און שטעטלאך אין סאָוועט־רוסלאַנד.

פּונקט ווי אין מיין געבורטס־שטעטעל, זענען אין טול־טשין צו מיר אויך געקומען א סך מענשען, און אלע האָבען געהאַט דיזעלבע בקשה:

— זאָל מען אונז ראַטעווען! זאָל מען אונז העלפען אין אמעריקע!

עס זיינען אויך געקומען מענשען פון די שטעט לאַדיזשען, בראַצלאָוו און האַיסין. אין טראַנטעס און אין שמאַטעס, קוי־טיגע און פאַר'חושכ'טע, אָרימע און געפאַלענע, זיינען זיי גע־קומען בעטען, אז מען זאָל אין אמעריקע ניט פאַרגעסען אָן זיי; מען זאָל זיי העלפען, מען זאָל זיי ניט לאָזען אויסשטאַרבען פאַר הונגער. און קוקענדיג אויף זיי און אויף זייער געפאַלענקייט האָט זיך געדוכט, אז די מענשען זיינען די גאַנצע צייט געלעגען ערגיץ אין די נאָרעס, און אז איצט, נאָכדעם ווי זיי האָבען זייערע וואונדען אויפגעדעקט פאַר א מענשען, וואָס איז פון אן אנדער וועלט געקומען, וועלען זיי ווידער אריין צוריק אין די נאָרעס און וואַרטען ביז ס'וועט ווידער קומען איינער, פאַר וועמען זיי וועלען די וואונדען קענען אויפדעקען...

צווישען די מענשען, מיט וועלכע איך האָב זיך באַקענט אין טולטשין, זיינען אויך געווען גאַנצע און האַלבע קאָמוניס־

טען. זיי, אַלע יונגע מענשען, האָבען זיך פאַר מיר ניט גע־קלאָגט, נאָר פאַרקערט. צוגעבענדיג, אַז די לאַגע איז איצטער זעהר א ביטערע, אַז אין לאַנד הערשט א הונגער און אַז די נויט איז גרויס, האָבען זיי אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז שפּעטער וועט זיין בעסער. און איינמאָל, ווען איך בין אין אָוועגט געזעסען אין אַזאַ קרייז, האָט מען מיך פאַרזיכערט, אַז ווען איך וועל קומען צוריק קיין אַמעריקע וועט דאָרט די סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע שוין זיין אין פולען ברען; פאַר זיי איז דאָס קלאָר ווי דער טאָג, אורטיילענדיג פון דעם וואָס זיי לייענען וועגען אַמעריקע אין די סאָוועטישע צייטונגען, און זיי קענען פשוט ניט פאַרשטעהן פאַר וואָס איך זעה דאָס ניט. מער פון אַלע אַנדערע האָט זיך געקאָכט איינער, א יונגערמאַן פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג; ער האָט אַלץ געוואָלט באַווייזען, אַז אין פאַרגלייך מיט אַנדערע לענדער איז די לאַגע אין סאָוועט־רוסלאַנד גאָר ניט אַזוי שלעכט ווי איניגע דענקען.

בין איך געווען זיכער, אַז דער מענש איז טאַקע ווירקליך צופרידען און איך האָב אים גערן אויסגעהערט.

און אויף מאָרגען האָב איך אים געטראָפען אויף דער לענין־גאַס, ניט ווייט פון׳ם גרויסען „סטופ״, וואו די טול־טשינער בעלי עגלות קומען זיך נאָך אַלץ צונויף וואַרטען אויף פאַסאַזשירען צום וואָקזאַל. ער האָט זיך שטאַרק דערפרעהט איבער מיר און ער איז צוגעשטאַנען איך זאָל אריינקומען צו אים אַהיים.

— קומט אריין, — האָט ער געזאָגט, — ווען נאָך וועל איך האָבען א געלעגענהייט צו ריידען מיט איינעם, וואָס קומט פון אַמעריקע!

און צו מיין גרויסער איבערראַשונג האָט דער מענש ביי זיך אין דער היים גערעדט אינגאַנצען אַנדערש ווי נעכטען אָוועגט. ער האָט גערעדט וועגען דעם גרויסען הונגער אין לאַנד און אויך וועגען זיין אייגענער לאַגע.

— איך לעב דאָך גאָר ניט ווי קיין מענש, — האָט ער זיך פאַר מיר געקלאָגט. — יעדער טאָג דאָ איז פאַר מיר אַן אָפּקומעניש. דאָס גאַנצע לעבען מיינס דאָ איז א גיהנום. גליקליך איז דער וואָס קען זיך ארויסרייסען פון דאַנען!...

איך האָב אים געלאָזט ריידען לאַנג, און דערנאָך האָב איך אים געפרעגט:

— זאָגט מיר, אָבער, איך בעט אייך, פאַר וואָס האָט איר נעכטען גערעדט אַנדערש?

זיין פּנים האָט זיך פאַרקרימט אין אַ ביטערען שמייכעל און ער האָט מיר שטיל, ארומקוקענדיג זיך פאַרזיכטיג אין אַלע זייטען, פאַרענטפערט מיין פראַגע:

— מענש איינער, — האָט ער געזאָגט, — ווי דען האָב איך נעכטען געקענט ריידען, אַז ביים טיש זיינען געזעסען צוויי מענשען, וואָס מען האָט אומיסטען געשיקט זיך צו באַקענען מיט אייך און הערען וואָס אַנדערע ריידען מיט אייך... איצט פאַרשטעהט איר שוין?...

## 2. אַ שטאָדט פול מיט קלאַנגען.

אין טולטשין, ווי אין אַ סך אַנדערע פּראָווינץ־שטעט אין אוקראַינע, איז שוין קיין נייעס ניט צו הערען, ווי איינער דעם אַנדערען דערצעהלט:

— היינט זיינען געשטאָרבען פאַר הונגער פיר מענשען...

— נעכטען זיינען געשטאָרבען פאַר הונגער דריי מענשען...

דאָס רירט שוין כמעט ניט קיינעם. מען איז שוין גע־וועהנט דערצו.

אין די עטליכע טעג, וואָס איך בין געווען אין טולטשין, איז ניט אַוועק קיין איין טאָג, אַז איך זאָל אַזעלכע נייעסען ניט הערען. וואו איך בין געגאַנגען און וואו איך בין געשטאַנען, האָט מען גערעדט וועגען הונגער און נויט, וועגען קראַנקהייט און טויט. אומעטום האָט מען דערצעהלט שרעקליכע זאַכען וועגען אַ לעבען, וואָס מען קען שוין מער ניט אריבערטראָגען, וועגען ליידען, וואָס זענען נאָך ערגער ווי אין גיהנום.

און אין די גאַסען האָב איך זיך אַלעמאָל אָנגעשטויסען אָן אַן אַנדער בעטלער מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט.

— שענקט עפּעס אַ נדבה! איך וויל עסען!...

— גיט מיר אויף אַ שטיקעל ברויט! איך בין הונגעריג!

די מערסטע פון די, וואָס האָבען געבעטעלט אין די גאַסען, זיינען געווען פרויען, אידישע און ניט־אידישע. די אידישע זענען אויף דער ברייטער לענין־גאַס געשטאַנען ביי די ווענט

און ביי די פּארקענס און שטיל, שעמענדיג זיך מיט זייער אייגענער געפאלענקייט, האָבען זיי מיט אלטע צוריסענע שאלען די פנים'ער זייערע פארשטעלט און זעלטען א וואָרט ארויסגע־רעדט. בלויז דאַן ווען ס'איז פארבייגעגאנגען א מענש, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אביסעל בעסער ווי די אנדערע, האָבען זיי א האנט אויסגעשטרעקט און א נדבה געבעטען. און די ניט־אידישע זיינען געזעסען אויף דער ערד, אייניגע אויף שטרוי, און אנדערע אויף זעק, און ווער עס איז נאָר פארבייגעגאנגען האָבען זיי ביי אים געבעטען א נדבה. צווישען די בעטלערקעס האָב איך אויך געזעהן איינע, וועלכע האָט אין דער קעלט גע־האלטען א האלב־נאקעט קינד אויפ'ן שויס, איינגעהילט אין עפּעס א צוריסען לייבעל, פון וועלכען עס זיינען געפאלען שטיקלאך...

זעהן אין די גאסען בעטלערס — דאָס איז איצטער ניט קיין נייעס אין קיין לאנד. אומעטום זענען פאראַן מיליאָנען ארבייטסלאָזע מענשען און א סך פון זיי טרייבט די נויט צו בעטלען אין די גאסען. אָבער אין סאָוועט־רוסלאנד מאכען די בעטלער אין די גאסען א שווערערען איינדרוק ווי אומעטום; דאָרטען איז דאָך קיין ארבייטסלאָזיגקייט נישטאָ. דאָרטען אר־בייטען דאָך אלע. אזוי פארזיכערט מען אייך אומעטום. פון וואַנען־זשע נעמען זיך אזוי פיל בעטלער? און דאָס שרעק־ליכסטע דערביי איז, וואָס אויך די, וואָס בעטלען ניט אין די גאסען, זעהען אויך אויס ווי בעטלער; זיי זיינען אויך הונגעריג, זיי נויטיגען זיך אויך, זיי ליידען אויך, כאָטש זיי ארבייטען זעהר שווער.

עס איז געשאפען געוואָרען אזא לאגע, אז א פשוט'ער מענש קען אין סאָוועט־רוסלאנד ניט לעבען, ווייל ער האָט ניט קיין האָפענונגען. עפּעס הערט ער, אז אזוי מוז דאָס זיין א י צ ט, ד ע ר ו ו י י ל; אז דער צוקינפטיגער דור וועט שוין אזוי פיל ניט דארפען ליידען; אָבער דאָס איז א ט ע אָ ר י ע, וואָס איז פאר אים ניט אינגאנצען קלאָר; ער ווייסט נאָר, אז אים איז ביטער, זעהר ביטער, היינט, און אז ער זעהט ניט פאר זיך קיין אויסוועג מאָרגען, ווייל וואָס אמאָל ווערט די לאגע אלץ ערגער און ערגער. און ווען ער כאפּט אָן

עפּעס פון דער טעאָריע, וואָס מען פּרוּוט אים אריינקלאַפּן אין קאָפּ אריין, שטעלט ער אַזאַ פראַגע:

„מיט דער נייער אָרדנונג איז מען דאָך אויסען געווען אָפּצושאַפן אָרימקייט. פאַר וואָס־זשע האָט מען גאָר אָפּגע־שאַפט רייכקייט און אַלעמען געמאַכט פאַר אָרימע לייט?"

אַזאַ פראַגע שטעלט דער פּשוט'ער רוסישער מענש, און ער — דאָס איז די גרעסטע צאָל פון דער באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד; ער איז אין דאָרף, ער איז אין שטאָט, ער איז אומעטום; ער שטאַרבט פאַר הונגער אומעטום, און — ער וויל ניט שטאַרבען פאַר הונגער, און ער ווייסט, אַז ווען מען וואָלט זיך ניט געיאָגט אין אַזאַ ווילדען גאַלאָפּ מיט דער אויפבויאונגס־ארבייט, ווען מען וואָלט דאָס זעלבע געטאָן אין גרעניצען פון מעגליכקייט, וואָלט מען פון אים אַזוי ניט געשונדען די הויט, וואָלט מען ניט ארויסגעשיקט אַזוי פיל ברויט פון לאַנד, און ער וואָלט פאַרשפּאָרט צו שטאַרבען פאַר הונגער...

און ווער קען האָבען טענות צו אים דערפאַר וואָס ער וויל ניט שטאַרבען פאַר הונגער?

— איך בין אַמאָל געווען אַ באָלשעוויק, — האָט מיר אין טולטשין געזאָגט איינער, וועלכער איז געקומען פון אַ נאָהענט שטעטעל אָפּנעמען ביי מיר אַ גערוס פון זיינע פריינד אין אַמע־ריקע. — איך בין אַמאָל געווען אַ באָלשעוויק און איך גלויב נאָך איצטער אויך, אַז די וועלט געהט צום סאָציאַליזם. אָבער דער אופן ווי דאָס ווערט געטאָן ביי אונז איז אַ פאַרברעכע־רישער. די מעטאָדען שטימען אינגאַנצען ניט מיט דער אידעע, מען האָט אומגליקליך געמאַכט דאָס גאַנצע לאַנד, מען האָט צוגעפירט צו דער שוועל פון אָפּגרונט דאָס גאַנצע פאָלק און פאַר דער וועלט רעדט מען אַלץ וועגען דער שעהנקייט און גרויסקייט פונ'ם קאָמוניסטישען אידעאַל און פון סאָציאַליס־טישען אויפבוי און מען פאַרפירט דערמיט מענשען, וואָס זיינען ווירקליך אידעאַליסטען. מ'פאַרפירט זיי דאָ און מ'פאַרפירט זיי אין אַנדערע לענדער.

מען האָט גלייך געקענט זעהן, אַז דער מענש איז ניט נאָר פאַרביטערט, נאָר שרעקליך ענטוישט. אַליין אַ סאָציאַליסט, גלויבט ער, אַז דער וועג צו סאָציאַליזם דאַרף הומאַניזירען די וועלט און ניט ברוטאַליזירען זי; ער ווייסט, אַז שטערונגען

זיינען פאַראַן אַ סך און מען דאַרף זיי אָפּראַמען; אָבער פּונקט ווי מיליאָנען און מיליאָנען אַנדערע אין סאָוועט־רוסלאַנד קען ער ניט איינשטימען מיט די מעטאָדען וואָס ווערען אָנגעווענדעט.

— ניט דאָס איז דער וועג! — האָט דער מענש געזאָגט מיט האַרץ. — בלויז אין רוסלאַנד און ניט אין קיין אַנדער לאַנד איז מעגליך אַזאַ זאַך. פּיאָטר דער גרויסער האָט געפּרואווט ציוויליזירען רוסלאַנד מיט באַרבאַרישע מיטלען, און סטאַלין טוט דאָס זעלבע; ער פּרואווט סאָציאַליזירען רוסלאַנד מיט באַרבאַרישע מיטלען...

דערביי איז אויך געווען נאָך איינער, אַ מענש, וואָס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון רעוואָלוציעס, און ער האָט געמאַכט אַזאַ באַמערקונג:

— די געשיכטע האָט זיך אירע וועגען און זי טוט אָפּ שפּיצלאַך: די אידעען פון זשאַן זשאַק רוסאָ האָט זי איבער־געגעבען אין די הענט פון ראָבעספּיער'ן, און די אידעען פון קאַרל מאַרקס — אין די הענט פון סטאַלינ'ען... שפּיצלאַך פון דער געשיכטע!...

און מען קען בשום אופן צו די מענשען ניט האָבען קיין טענות דערפאַר וואָס זיי ריידען אַזוי; זיי זענען ניט נאָר ענטוישט, נאָר אויך פאַרביטערט. הונגעריגע מענשען קענען ניט זיין אַנדערש.

בייטאָג און ביינאַכט האָט מען אין טולטשין מורא פאַר גנבים. און דאָס איז ניט דערפאַר וואָס אין טולטשין זענען פאַראַן אַזוי פיל פאַרברעכער, נאָר דערפאַר וואָס אין טולטשין זענען פאַראַן אַזוי פיל הונגעריגע...

און די שטאָט איז פול מיט קלאַנגען, וואָס טראָגען זיך פון מויל צו מויל, כאָטש קיינער ווייסט ניט צי זיי זענען אמת, צי ניין.

און די קלאַנגען דרעהען זיך אַלץ אַרום הונגער און נויט, אַרום עלענד און פאַרצווייפלונג — אַרום אַ שרעק, וואָס זוכט ערגעץ אַ וועג פונקט ווי אַ פאַרלאָרענער אין אַ וואַלד אַ גע־דיכטען.

און איינער דעם אַנדערען שטעלט אָפּ אין גאַס און דער־צעהלט אים אַ קלאַנג, וואָס ער האָט ערגעץ אָנגעכאַפּט:

— אין בראצלאָוו האָבען הונגעריגע פּויערים ביינאַכט אויפגעריסען די תבואה־סקלאַדען און האָבען פון דאָרטען ארויס־גענומען וויפיל זיי האָבען נאָר געקענט...

— אין האַיסין זיינען הונגעריגע פּויערים געקומען צו די הונגעריגע אידען און האָבען זיי גערופען אויפרייסען די תבואה־סקלאַדען פּונקט ווי אין בראַצלאָוו...

— יאָ, יאָ, — גיט צו איינער, — אזוי איז דאָס טאַקע געווען אין האַיסין. די פּויערים האָבען דאָרט געזאָגט צו די אידען, אז אויב זיי וועלען ניט געהן וועט דאָס זיין א סימן, אז זיי ווילען, אז ס'זאָל זיין אזוי און מען וועט זיך מיט זיי דערפאַר אָפּרעכענען ווען די צייט וועט קומען...

— און אין לאָדיזשען איז אויך ניט איינגאַנצען רוהיג...

—און אין נעמיראָוו טומעלט זיך עס אויך...

אזוי דערצעהלט מען זיך איינער דעם אַנדערען קלאַנגען, וואָס זיינען אפשר יאָ אמת, אָדער ניט אמת. קיינער ווייסט דאָס ניט געוויס, קיינער קען דאָס ניט פעסטשטעלען, ווייל אין די צייטונגען שרייבט מען ניט אזעלכע זאכען, מען מעלדעט גאָר ניט וועגען דעם. און דאָך רעדט מען, דאָך דערצעהלט מען...

ווייל די מענשען אין זייער גרויסער פאַרצווייפלונג זוכען ערגעץ אַן אויסוועג פון דער שרעקליכער לאַגע, וואָס זיי קע־נען שוין מער ניט אַריבערטראָגען: זיי פיהלען, אז עפּעס מוז קומען, אז עפּעס מוז געשעהן, און זיי כאַפּען זיך אָן אָן קלאַנגען וועגען אויפגעריסענע ברויט־סקלאַדען אין לאָדיזשען, אין האַי־סין, אין בראַצלאָוו, אין נעמיראָוו און אין אַנדערע שטעט...

ב ר ו י ט — דאָס איז דאָס איינציגע, פון וואָס זיי קענען טראַכטען, ווייל זיי זיינען אַלע הונגעריגע...

און איבער דער ברייטער לעניז־גאַס אין טולטשין מאַר־שירען סאָלדאַטען און זינגען לידער...

### 3. קליינינקייטען וואָס פאַראומערן דאָס לעבען.

ניט נאָר אין גרויסע זאכען, נאָר אויך אין קליינינקייטען קען מען אין טולטשין און אויך אין די אַנדערע פּראָווינציעלע שטעדטלאַך זעהן, ווי שווער עס איז דאָרט פאַר א מענשען דאָס לעבען.

פּונקט ווי אין די אַלטע צייטען, זיינען די סאַניטאַרע באַדינגונגען די שרעקליכסטע, וואָס מען קען זיך נאָר פאַרשטעלען. עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ, וואו מען זאָל זיך קענען אַרומוואַשען; עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ, וואו מען זאָל זיך קענען אויסבאָדען ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, און ס׳איז ניטאָ — פּשוט געזאָגט — קיין אָרט פאַר מענשליכע באַדערפעניששען...

ווילענדיג, ניט ווילענדיג, דערמאָנט מען זיך אָן דעם, וואָס דער רוסישער דיכטער סערגעי יעסענין האָט אַמאָל געזאָגט אין אַן אינטערוויו, אַז די צרה מיט רוסלאַנד באַשטעהט אין דעם, וואָס עס זיינען דאָרט פאַראַן אַזוי פיל פּאַלאַצען און אַזוי ווייניג סאָרטירען...

מענשען זיינען קראַנק איבער דעם; עס ווערט אין זייער אינטימען לעבען אריינגעטראָגען עפּעס אַזוינס, וואָס איז מיאוס, עפּעס אַזוינס, מיט וואָס מען דאַרף זיך שעמען, אי פאַר זיך, אי פאַר אַנדערע; מען פּיהלט זיך עפּעס חזיר׳יש און פּריקרע; עס איז אַזוי שרעקליך אומאַנגענעם צו פּיהלען דעם עיפּוש אַרום זיך; עס באַליידיגט, עס דערנידעריגט; עס רופט אַרויס אַן עקעל, פון וועלכען מען קען זיך ניט באַפרייען; עס צווינגט מענשען צו טראַכטען, אַז זיי זיינען פּונקט ווי בהמות און חזירים. און ווען אין אַזאַ שטאָדט קומט אָן אויסלענדער, אַ מענש, וואָס האָט געלעבט אין אַ ציוויליזירט לאַנד, און ער זעהט ווי אין אַ הויז, וואו עס פעהלען אויס די סאַמע נויטיגסטע סאַניטאַרע באַדינגונגען, די סאַמע נויטיגסטע באַקוועמליכקייטען, אָהן וועלכע אַ מענש קען זיך ניט באַגעהן — ווי אין אַזאַ הויז איז דאָ אַ ראַדיאָ, קומט דאָס אים אויס זעהר מאָדנע, און ער קען דאָס ניט פאַרשטעהן...

און ווען ער הערט זיך צו ווי מען רעדט אויף דער ראַדיאָ אַלץ וועגען „סאָצ-געוועטען", וואָס דאַרפען העלפען אָניאָגען און אַריבעריאָגען אַמעריקע, אין טעכניק און אין ציוויליזאַציע, קומט דאָס אים אויס נאָך מאָדנער און ער פאַרשטעהט דאָס נאָך מער ניט...

ער קען פּשוט ניט צונויפּפּאָרען אַזאַ גרויע ווירקליכקייט מיט אַזאַ גרויסען פאַרנעם.

און ווען ער פרעגט פאַר וואָס ס׳איז אין שטאָדט נישטאָ

קיין קאנאליזאציע אין דער צייט ווען ס'איז דארט יא דא א „מוזעי פון דער רעוואלוציע", א „סאוועטען־פאלאץ" און א „לענין־מאנומענט", און מען ענטפערט אים, אז מען האט קיין צייט ניט זיך אפצוגעבען מיט קלייניגקייטען, קען ער דאס אינ־גאנצען ניט פארשטעהן.

שוין אפגערעדט פון דעם, וואס ער קען ניט פארשטעהן ווי אזוי מען קען נעמען הונגעריגע מענשען און זיי טרייבען צו ארבייטען מיט אזא אימפעט, אז זיי זאלען ניט אנדערש ווי נאר אריבעריאגען אמעריקע און די גאנצע וועלט...

איך האב אין טולטשין זיך אנגעשטויסען אן קלייניגקייטען, וואס האבען מיר אויסגעקוקט ווילד און אומפארשטענדליך.

אין איין פלאץ האב איך אויף א וואנט געזעהן א גרויסע בילד מיט אן אויפשריפט, אז מען זאל ניט אוועקווארפען די אלטע צוריסענע שיך און מען זאל זיי בעסער אוועקגעבען אינ'ם „אוטיל־דעפארטמענט". אויף דער בילד, וואס איז געווען רייך אין קאלירען, האט מען געזעהן ווי מען ווארפט אריין אלטע שיך און צוריסענע שקראבעס אין עפעס א מאשין, און פון דארטען געהען ארויס נייע און שעהנע און גאנצע שיך, אז עס איז פשוט א פארגעניגען צו קוקען אויף זיי. דאס איז גע־ווען אויף דער בילד. אבער אין גאס זעהט מען אזוי ווייניג מענשען מיט גאנצע שיך! וואו מען געהט און וואו מען שטעהט, זעהט מען אלץ מענשען אין צוריסענע שיך, אין צוריסענע שטי־וועל און אין אלטע שקראבעס, וואס מ'האט שוין לאנג געדארפט ארויסווארפען, אבער מ'האט זיי ניט ארויסגעווארפען פשוט דער־פאר, ווייל קיין אנדערע זיינען ניטא...

אין פאטשט האב איך געזעהן, ווי מענשען קומען ווארטען אויפ'ן בערשטעלע מיט קלעי צו פארקלעפען די בריף, וואס זיי האבען אנגעשריבען; די רוסישע קאנווערטען, וואס זיי־נען געמאכט פון זעהר שלעכטען פאפיר, קלעפען זיך ניט, מוז מען געהן אויף דער פאטשט קריגען דאס בערשטעלע מיט קלעי צו פארקלעפען די בריף און זעהר אפט דארף מען ווארטען אויף דעם בערשטעלע, ווייל אנדערע בירגער זיינען אויך גע־קומען פארקלעפען די בריף זייערע, כאטש איין גאט ווייסט דעם אמת צו וואס מען דארף אזוי שטארק פארקלעפען די בריף, ספע־

ציעל די, וואס מען שיקט קיין אמעריקע און אין אנדערע לענדער, ווען אלע ריידען אזוי אָפען וועגען דעם, וואָס די מערסטע בריף ווערען געעפענט און איבערגעקוקט...

יעדער קליינינקייט איז א פּראָבלעמע, קיין זאך קומט ניט אָן גרינג, אפילו אזא פּשוט׳ער ענין ווי אוועקשיקען א בריף.

מען טראכט ניט און מען נעמט זיך ניט די מי צו טראכ־טען וועגען דער באקוועמליכקייט פון דעם איינצעלנעם מענשען, און דערפאר שטויסט מען זיך אָן אויף שריט און טריט אָן טוי־זענטער קליינינקייטען, וואס מאכען שווער און פאראומערן דאָס לעבען פון א מענשען...

פונקט ווי אין אנדערע שטעדטלאך, האָט מען מיר אין טול־טשין אויך דערצעהלט, אז אין די „צעראבקאָפּען" (צענטראלע ארבייטער קאָאָפּעראטיוועז) איז זומער פאראן א סך ווינטער־דיגע סחורה און ווינטער — א סך זומערדיגע סחורה; ווינ־טער זיינען אלע פּאָליצעס אָנגעשטאָפּט מיט דינעם באטיסט און זומער זיינען זיי פול מיט דיקער באיקע, וואָס קיינער דארף ניט...

מען האָט מיר אויך דערצעהלט, אז אין א שטעדטעל ניט ווייט פון טולטשין האָט מען א לאנגע צייט געווארט אויף קאַ־לאָשען, און ווען מען האָט זיך שוין קוים מיט צרות דער־ווארט און עס איז ענדליך אָנגעקומען א קאסטען מיט קאלאָשען, האָבען זיי ניט געטויגט, ווייל זיי זיינען אלע געווען פאר׳ן לינ־קען פוס...

אימיצער האָט, ווי עס שיינט, ערגעץ געקראגען אן אָרדער ארויסצושיקען אין דער און דער שטאָדט אזוי פיל און אזוי פיל פּאָר קאלאָשען, און אין אנאנדער שטאָדט אויך אזוי פיל פּאָר קאלאָשען, האָט ער אין איין שטאָדט אוועקגעשיקט די קאלאָ־שען, וואס פאר׳ן לינקען פוס און אין דער אנדערער שטאָדט — די קאלאָשען וואס פאר׳ן רעכטען פוס...

זאָגט מען אין טולטשין און אויך אין אנדערע שטעדט, אז דאָס איז די ארבייט פון „שקידניקעס", דאָס הייסט, פון אזעל־כע פארשווינען, וואָס זוכען אלץ וועגען און מיטלען צו שעדיגען דער סאָוועט־רעגירונג אין איר ארבייט. אמאָל איז דאָס טאקע אזוי, ווייל די סאָוועט־רעגירונג האָט שונאים טאקע אין אירע

אייגענע רייהען, טאקע צווישען די, וואס דעקען זיך צו מיט א קאָמוניסטישען מאנטעל. אָבער ניט אין אַלץ דאַרף מען באַשולדיגען די „שקידניקעס”. זעהר אָפט איז דאָס בלויז א רעזולטאט פון דעם, וואס מען רופט אָן אין רוסיש „באַלאַטנאָסט”. עס איז גלאַט רוסישע אומגעלומפּערטקייט, רוסישע טאַלקלאָזיגקייט; מען האָט ניט קיין באַציהונג צו דער ארבייט, וואָס מען טוט; מען ווארפט אָן אַלעס אין איין קאַשע און מען זאָגט, אז „דאָרט וועט מען זיך שוין ווי עס איז פונאנדערקלייבען”. און צו דעם קומט נאָך צו דער פאַקט, וואס מען האָט ביי איינצעלנע מענשען צוגענומען די פּריוואַטע איניציאַטיווע...

דער מענש האָט ניט קיין אינטערעס צו טאָן זיין ארבייט דוקא גוט, דוקא פּינקטליך; דער עיקר איז גאָר, ווי אזוי ער האַלט זיך אויף דער פאַרזאַמלונג, און אַבי ער איז נאָר זיכער דערמיט, קימערט ער זיך שוין ניט פאר דער ארבייט; ער דאַרף בלויז ווייזען, אז ער ו ו א ר פ ט ז י ך. נו, ווארפט ער זיך און גיט אַרויס א באַפעהל:

— א קאַסטען קאַלאָשען אין איין שטאָדט און א קאַסטען קאַלאָשען אין א צווייטער שטאָדט!

ער נעמט זיך ניט די מיה צו זעהן, אז די ארויסגעשיקטע קאַלאָשען זאָלען זיין צו דער פּאָר. און ס'קומט דאַריבער ארויס אזא צומישעניש, אז איין שטאָדט קריגט א קאַסטען מיט קאַלאָשען — אַלע רעכטע, און די צווייטע שטאָדט קריגט א קאַסטען מיט קאַלאָשען — אַלע לינקע...

עס איז ניטאָ קיין טאַלק.

און די סאָוועטישע צייטונגען אַליין קלאָגען זיך טאקע ניט איינמאָל דארויף וואס ס'איז ניטאָ קיין טאַלק...

עס איז נאָר ניט צו באגרייפען פאר וואָס די קאָמוניסטען אין אמעריקע, און דוקא אַזעלכע, וואָס האָבען פריהער געדינט אַלערליי עבודה זרות, געהען אריין אין אזא צויאַכמערטען גרימצאָרען. ווען מען ווייזט אָן אויף ווילדע אומגעלומפּערטקייטען אין דער איצטיגער אָרדענונג. אויף זאַכען, וואָס ווערען געטאָן אָהן א טאַלק...

ווען מען קוקט זיך צו צו די קליינינקייטען, וואס פאראומערען דאָס לעבען פון א מענשען אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָט

מען אמאָל דעם איינדרוק, אז ערגעץ זיצט עפּעס א לץ, וואס טוט אָפּ שפּיצלעך און האָט א ווילדע הנאה פון זיין אייגענער בייזוויליגקייט און פון דעם, וואס מענשען צאַפּלען זיך אין אנגסטען פון די שפּיצלאך, וואס ער טוט אָפּ...

ער קוועלט אָן דערפון, ער פרעגעלט זיך אין נחת און אין פריידען, און אלע מאָל קלערט ער אויס אן אנדער שפּיצעל און אליין קוקט ער אריין דורך א שפּארינע און ווען ער זעהט ווי מענשען מוטשען זיך און פּלאגען זיך, ווי זיי קאָרטשען זיך פון ווייטאָג און פּיין, שטיקט ער זיך פון געלעכטער און שפּרינגט אונטער פון פרייד...

אזא מין איינדרוק האָט מען.

## 4. מאַמעס.

צווישען די מענשען, וואס זיינען געקומען זיך זעהן מיט מיר אין טולטשין, איז געווען איינע אן אלטע אידענע, וועלכע האָט קינדער אין אמעריקע. אָנגעטאָן ווי א בעטלערין, א צו־בראָכענע און א געפאלענע ביי זיך, איז זי געשטאנען מיט א פארקרימטען פּנים און זי האָט מיר דערצעהלט, אז די קינדער ווילען, אז זי זאָל פאָהרען צו זיי אין אמעריקע.

— זיי „טרעבעווען" מיך אהין — האָט זי געזאָגט, — אָבער מען לאָזט מיך פון דאנען ניט ארויס...

עטליכע מאָל האָט זי מיר אלץ דאָס זעלבע דערצעהלט, און דערביי האָט זי געמאכט אזא באמערקונג:

— און פרעגט פארוואָס מען לאָזט מיך פון דאנען ניט ארויס... מען דארף מיך דאָ האָבען גענויטיג. זאָל איך אזוי ויסען פון שלעכטס, צי איך וויים, פאַר וואָס מען לאָזט מיך פון דאנען ניט ארויס!...

זי, די אָרימע מאַמע, וואָס האָט קינדער אין ניויאָרק, און אליין וואלגערט זי זיך אין טולטשין, קען דאָס ניט פארשטעהן. אויך אנדערע מאַמעס קענען דאָס ניט פארשטעהן. זיצען זיי אין דער היים הונגעריגע, שלעפּען זיך ארום איבער די גאסען, ווי פארלאָרענע, און ווען זיי באקומען א בריף פון אמעריקע, לויפען זיי, מען זאָל פאַר זיי דעם בריף איבערלייענען איינ־מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל, און דערנאָך שיקען זיי אי־בער'ן ים גוטע ברכות פאַר די קינדער:

— לאנג לעבען זאָלען זיי דאָרט!... זיי זאָלען גאָר קיינ־מאָל פון קיין שלעכטס ניט וויסען!...

זיי אַליין האָבען שוין אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז דאָס אייגענע לעבען זייערס וועט שוין אַזוי אַוועק אָהן פריידע און אָהן גליק, ווייל פון סאָוועט־רוסלאַנד לאָזט מען זיי ניט אַרויס, ווינשען זיי, אַז די קינדער אינ'ם ווייטען לאַנד זאָלען כאָטש זיין גליקליך און זאָלען פון קיין שלעכטס ניט וויסען. זיי זיינען אָבער אומרו־היג; זיי האָבען געהערט, אַז אין אַמעריקע איז די צייט איצט אויך ניט אַמבעסטען. און ווען איינער קומט פון אַמעריקע, לויפען זיי צו אים.

— זאָגט אונז — בעטען זיי זיך — איז טאַקע אמת, אַז אין אַמעריקע שטאַרבען מענשען אין די גאַסען פאַר הונ־גער, פונקט ווי ביי אונז?... איז טאַקע אמת, אַז דאָרט איז איצט נאָך ערגער, ווי ביי אונז?... אויב זיי קענען איצט ניט שיקען קיין געלט, איז — כאָטש אַ בריוועל! זאָלען זיי שריי־בען! זאָלען זיי קיינמאָל פון קיין שלעכטס ניט וויסען!...

עס זיינען אָבער אין טולטשין פאַראַן ניט נאָר מאַמעס, וואָס האָבען קינדער אין אַמעריקע, נאָר אויך קינדער, וואָס האָבען מאַ־מעס אין אַמעריקע. און אין אַ אָוונט איז צו מיר געקומען אַ פּאָר פאָלק, און דער מאַן האָט צו מיר געהאַט אַ בקשה: איך זאָל זיך אומבאַדינגט זעהן מיט זיין מאַמע אין ברוקלין, און טאָן אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגליך, אַז די מאַמע זיינע „זאָל זיך אַרויסשלאָגען דאָס משוגעת פונ'ם קאָפּ".

— וואָס פאַר אַ משוגעת? — האָב איך דעם מאַן געפרעגט.

— איר פאַרשטעהט, — האָט ער מיר אָנגעהויבען דערצעה־לען אַ מעשה — מיין מאַמע איז שוין אַ סך יאָהרען אין אַמערי־קע. זי האָט דאָרט אויך קינדער און אייניקלאַך, און עס לעבט זיך איר גאַנץ גוט. אָט אומיסטען זעהט די קאַרטע אירע, וואָס זי האָט צוגעשיקט! זי איז אָנגעטאָן ווי אַ פּריצה און קוקט אויס אַזוי שעהן און געזונט, אַז עס איז אַ פאַרגעניגען צו קו־קען אויף איר. אָבער זי האָט זיך אַריינגענומען אַ מאַנקאָליע אין קאָפּ אַריין, אַז זי מוז קומען צוריק אַהער. איר פאַרשטייט אַ משוגעת — צוריק אַהער וויל זי קומען! מען דאַרף זי דאָ האָבען זעהר נעגוויטיג! זי שרייבט, אַז אין אַמעריקע האָט זי ניט קיין היים. דאָ, מיינט זי, וועט זי האָבען אַ היים... בעט

איך אייך, איר זעהט דאָך דאָ אַלעס מיט אייערע אייגענע אויגען, איר זעהט דאָך, ווי מיר קומען דאָ אָפּ, איז דערצעהלט איר דעם אמת, און זעהט, אז זי זאָל ניט פאָהרען אהער...

ווען ער האָט גערעדט, זיינען אין הויז געווען עטליכע על־טערע פרויען, וואָס האָבען מיר געבראַכט אדרעסען פון זייערע קינדער אין אמעריקע; צוהערענדיג זיך צו דעם, וואָס דער מאַן האָט דערצעהלט, האָבען זיי געשאָקעלט מיט די קעפּ און איינע האָט געזאָגט:

— עס איז אַ וועלט — דאָ רייסען זיך מאַמעס אהין און דאָרט רייסען זיך מאַמעס אהער...

עס איז ניט מער, די מאַמעס אין אמעריקע האלט קיינער ניט צו ווען זיי ווילען פאָהרען צו זייערע קינדער אין סאָוועט־רוסלאַנד; מען לאָזט זיי פאָהרען וואוהין זיי ווילען. פון סאָוועט־רוסלאַנד אָבער לאָזט מען די מאַמעס ניט ארויס און זיי קע־נען ניט פאָהרען צו זייערע קינדער אין אמעריקע, ווייל דערביי זיינען אין לאַנד פאַראַן זעהר א סך שוועריגקייטען.

און ס'איז אונמעגליך צו פארגעסען דעם נאַאיווען אויס־דרוק פון יענער אָרימער מאַמע:

— מען דאַרף מיך דאָ האָבען זעהר געגוויטיג!...

## 5. אַן אמת וואָס מען דערפיהלט ערשט שפּעטער.

איינמאָל האָב איך אין טולטשין פארבראַכט אן אָוועגט אין א געזעלשאַפט פון זעהר אינטערעסאַנטע יונגע מענשען. צווישען זיי זיינען געווען עטליכע קאָמוניסטען און אַלע האָבען זיך אויפ־מערקזאַם צוגעהערט צו דעם, ווי איך האָב גערעדט וועגען די שווערע איינדרוקען, וואָס איך האָב געהאַט, ארומפאָהרענדיג אי־בער פארשידענערליי געגענדען פון סאָוועט־רוסלאַנד. זיי האָבען צוגעגעבען, אז זעהר אָפט ווערען באַגאַנגען אומגעלומפּערטקייטען, וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש רוסיש, און זיי האָבען אויך צו־געגעבען, אז די לאַגע איצט איז זעהר א שלעכטע.

— דאָס אַליז איז אמת — האָט געזאָגט איינער, וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון זעהר אן ערליכען און ערנסטען מענ־שען — דאָס איז דער אמת פון אונזער ווירקליכקייט, פון אונזער לעבען. מיר האָבען אָבער אן אַנדער אמת אין אונזער טעאָריע, און אים דערפיהלט מען ערשט שפּעטער. אויסלענדישע געסט

דערפיהלען אים נאָכדעם ווי זיי פאָהרען אוועק און באפרייען זיך פון דעם טרויעריגען אמת, וואס זיי האָבען געזעהן, און מיר דאָ, איך מיין די ווירקליך געטרייע און איבערגעבענע קאָמוניסטען, פיהלען אים, ווייל מיר זיינען שוין געוואוינט צו דעם טרויעריגען אמת, וואס מיר זעהען אין דער ווירקליכקייט. מיר לעבען ניט היינט מיט'ן ה י י נ ט, נאָר מיט'ן מ אָ ר ג ע ן!

דער מענש האָט גערעדט א ביסעל צופיל אבסטראקט, און ער האָט דיזעלבע טעאָריע געצויגען ווייטער:

— דערמיט, — האָט ער געזאָגט — דערקלערט זיך אפשר דער פאקט, וואס א סך מענשען, וועלכע זיינען אוועק פון רוסלאנד, אנטלאָפען פון דער רעוואלוציע, זיינען שפעטער, אין אנדערע לענדער, געוואָרען שטארקע אָנהענגער אונזערע; זיי האָבען פון דערוויטענס דערפיהלט דעם אמת פון אונזער טעאָריע, און דער דאָזיגער אמת אונזערער איז — דער סאָציאַליזם. ער איז דאָך אייער אמת אויך. עס איז ניט מער, איר שטימט ניט איין מיט די מעטאָדען אונזערע, מיט דעם אופן ווי אזוי מיר בויען סאָציאַליזם. נו, וועט די געשיכטע אונז משפט'ן!...

אזוי האָט ער געענדיגט, ווייל ער האָט קיין אנדער ענטפער אפשר ניט געקענט געפינען. און שפעטער, ווען ער האָט מיט מיר געשפאצירט ווייט אויף דער טולטשינער הויפט־גאס, האָט ער געזאָגט:

— איין זאך וועל איך אייך יאָ צוגעבען: איך גלויב מער אין דער פריינדשאפט צו רוסלאנד פון אזעלכע, ווי איר און אנדערע, ווייל איך ווייס, אז די טרויעריגע ווירקליכקייט אונזערע טוט אייך וויי. איך גלויב ניט אין דער „פריינדשאפט" פון יענע פרעמדע, וועלכע ווערען כלומר'שט באגייסטערט פון אלץ, וואָס זיי זעהען און הערען, כאָטש דער אמת איז, אז דער שיקזאל פון סאָוועט־רוסלאנד געהט זיי ווייניג וואָס אָן און זיי קימערען זיך אין אלגעמיין ווייניג וועגען אונז...

עפעס האָט דער מענש אין זיין טאָן געהאט אזעלכעס, וואס האָט צוגעצויגען צו אים; עס איז געווען אנגענעם צו הערען, ווי ער רעדט; עס האָט זיך אין זיין רײדען געפיהלט אויפריכטיגקייט. און ווען מיר האָבען זיך געזעגנט, האָט ער מיר וואַרים געדריקט די האנט, און דערביי האָט ער געזאָגט:

— לאָמיר האָפען, אז עס וועט נאָך קומען א צייט, ווען מען

וועט ביי אונז אויך איינזעהן, אַז דוקא די מענשען, וואס האַ־בען אזוי שטארק געקריטיקירט, זיינען אין דער אמת'ן געווען גוטע פריינט. עס האָט זיי ווי געטאָן די ווירקליכקייט, וואָס זיי האָבען געזעהן אין אונזער לעבען, האָבען זיי געקריטיקירט, האָבען זיי געשריגען. מען וועט דאָס ביי אונז אמאָל נאָך איינ־זעהן...

עטליכע מאָל האָב איך זיך מיט אים געטראָפען, ווייל איך האָב זעהר ליב געהאַט צו הערען, ווי ער רעדט. און גערעדט האָט ער אַלע מאָל נאָר וועגען טעאָריע. צו דער ווירקלאכקייט האָט ער עפּעס ווי מורא געהאַט זיך צוצוריהרען און ער האָט אויסגעמיידט צו ריידען וועגען איר. פּונקט ווי זיין פרומער זיידע אמאָל, איז ער געווען פאַרטאָן בלויז אין עולם הבא. די עולם הזה, די וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, איז אים ניט אָנגעגאַנגען...

איינמאָל האָב איך מיט אים פאַרבראַכט אין א געזעל־שאַפט, וואו מען האָט אָנגערירט די פראַגע וועגען דעם, וואס מען נעמט אַלעס צו ביי די פּויערים אין די דערפער.

איינער האָט געזאָגט:

— שולדיג אין דעם זיינען יענע סאָוועט־באאמטע, וואָס זיינען צופיל גייציג זיך אויסצופיינען מיט „ענערגישער אַרבייט". מען שיקט אַריין אזא באַאמטען אין א געגענד; ער אליין האָט ניט דעם מינדסטען באגריף אין ערד־אַרבייט, פרעגט ער וויפיל תבואה מ'האָט אין דעם געגענד ארויסגעגעבען פאַראיאהרען, דאַן באַשליסט ער אליין באלד, אז ווען מען וועט „אונטערטרייבען אביסעל", וועט מען זיכער אין דעמזעלבען געגענד ארויסגע־בען אודאי צוויי מאָל אזוי פיל, און אין זיין באריכט צום צענ־טער, וואו ער וויל זיך אויספיינען, גיט ער אָן די טאָפּעלטע ציפערען, וואס ער האָט אַליין באַשטימט. אויפ'ן גרונט פון די באַריכטען פון די לאָקאַלע סאָוועטישע באאמטע, לאָזט מען ארויס אָן ערקלערונג, אז דאָס לאַנד וועט היינטיגס יאָהר ארויס־געבען אזוי פיל און אזוי פיל ברויט. אָבער דערנאָך לאָזט זיך אויס, אַז די ווירקליכקייט שטימט ניט מיט די אָנגעגעבענע ציפערען, און דאַן הויבט מען אָן שינדען די הויט פונ'ם פּויער...

אָן אַנדערער האָט דערצעהלט:

— מיינע אַ פריינדין, אַ „קאָמסאָמאָלקע", האָט מען ניט לאַנג צוריק געשיקט צוזאַמען מיט אַנדערע איבער די דערפער צו ריידען מיט די פויערים, אַז זיי זאָלען אַוועקגעבען דאָס וואָס זיי האָבען נאָך און אַז זיי זאָלען פאַרזייען די פעלדער. האָט זי מיר דערצעהלט וואָס פאַר שרעקליכע סצענעס פון נויט און אָרימקייט און הונגער זי האָט אין די דערפער געזעהן. כמעט אין אַלע שטיבלאַך ליגען מענשען געשוואָלען פון הונגער. אין איין שטיבעל, וואו זי האָט אָנגעהויבען רעדען וועגען אָפּגעבען נאָך תבואה פאַר דער מלוכה און וועגען אַקערן און פאַרזייען, איז אַן אָרימע פויערטע, אַ הונגעריגע און אַ פאַרביטערטע, אַרונטער פון'ם בעט און געבענדיג דער מיידעל אַ שטאַרקען קניפּ אין דער באַק, האָט זי איר געזאָגט:

„האַרנאָ טי, דיווטשינאַ, האַוואָריש, לוטשי בי טאַק האַרנאָ ראָבילאָ" (שעהן רעדסטו, מיידעל, אָבער בעסער וואָלסטו אַזוי שעהן געאַרבייט).

און געענדיגט די געשיכטע האָט דער מענש אַזוי:

— דאָס מיידעל איז געקומען צוריק אַהיים מיט אַ געשוואָלענער באַק. זי וויל מער ניט פאָרן אין די דערפער. צו מענשען, זאָגט זי, וואָס זיינען געשוואָלען פון הונגער, קען זי ניט קומען ריידען, אַז מען זאָל דער מלוכה אַוועקגעבען נאָך. מער וויל זי אין די דערפער ניט פאָרן!

דער יונגער קאָמוניסט, וואָס האָט גערעדט אַזוי שעהן וועגען טעאָריע און אידעאַל און וועגען דעם אמת, וואָס מען דאַרף דערפיהלען ערשט שפּעטער, האָט זיך צוגעהערט צו דעם וואָס מען האָט דערצעהלט. ער האָט אָבער רוהיג ניט געקענט איינזיצען; מען האָט געקענט זעהן, אַז ער אַליין וויל ניט צולאָזען די ווירקליכקייט צו דעם אידעאַל, אין וועלכען ער גלויבט, און ווען איינער האָט געפּרואווט דערצעהלען נאָך עפּעס, האָט ער געגעבען אַ מאַך מיט דער האַנט:

— עך, צו וואָס גאָר ריידען וועגען אַזוינע זאַכען?!

אַזעלכע יונגע לייט זיינען אין סאָוועט רוסלאַנד פאַראַן אַ סך, זיי ווילען ניט זעהן די ווירקליכקייט, כדי ניט צו צושטערען דעם אידעאַל,

דאָס איז אַ נייע פרומקייט, אַ נייע עולם הבא...

אכטצענטער קאפיטעל

# אונטער דער פאָהן פון אַ שעהנעם אידעאַל.

מיין מאַמע האָט געהאַט טענות צו מיר:

— פאַר וואָס לויפּסטו אַרום די גאַנצע צייט? איך האָב דאָך מיט דיר כמעט נאָך ניט גערעדט. באַרעכען, איך בין אומיסטען געקומען קיין טולטשין, כדי דיך צו זעהן נאָך אמאָל. דריי און צוואַנציג יאָהר האָב איך דיך ניט געזעהן. איך האָב מיט דיר, זוהן מיינער, אַזוי פיל צו ריידען. און צום סוף איז — אַלע ריידען מיט דיר, נאָר איך ניט...

זי איז געווען גערעכט, די מאַמע. זי האָט מיט מיר טאַקע זעהר ווייניג גערעדט, ווייל איך בין אַלע מאָל געווען פאַר־נומען מיט אַנדערע. אַפּילו ווען איך בין אין ערגעץ ניט גע־גאַנגען, ווען איך בין געווען אין דער היים זיינען ביי מיר געווען מענשען, און ווען איך בין שוין אַמאָל יאָ געבליבען מיט דער מאַמען אליין און בין געווען גרייט צו הערען וואָס זי האָט מיר צו זאָגען, איז אַלץ אויסגעקומען אַזוי, אַז זי איז געבליבען זיצען מיט פאַרלעגטע הענט און מיט טרערען אין די אויגען:

— קינד מיינס, איך ווייס ניט פון וואָס פריהער אָנצו־הויבען...

און אַזוי איז אַוועק די גאַנצע צייט, און דאָס וואָס די מאַמע האָט מיר געוואָלט זאָגען נאָכדעם ווי זי האָט מיך דריי און צוואַנציג יאָהר ניט געזעהן, איז טאַקע געבליבן ניט דער־זאָגט...

— לאָמיר זיך כאַטש, זוהן מיינער, פאָטאָגראַפירען אויף איין קאַרטע, — מאַכט זי אַזוי איינמאָל צו מיר, — ווען דו וועסט אַוועקפאָהרען וועט מיר דאָס האַרץ ברענען נאָך מער

ווי פריהער... מיר וועלען זיך שוין אודאי מער קיינמאָל ניט זעהן !...

און מיר זיינען אַוועק אין דער טולטשינער מלוכה־פּאָטאָגראַפיע זיך אַרונטערנעמען.

די מלוכה־פּאָטאָגראַפיע אין טולטשין געפינט זיך אויף דער הויפּט־גאַס, ניט ווייט פון דעם לעגין־מאָנומענט, וואָס שטעהט אויף דער אַנדערער זייט פון דער גאַס און וואָס ווייזט דעם גרויסען פיהרער פון דער אָקטאָבער רעוואָלוציע אין איי־נער פון זיינע כאַראַקטעריסטישע פּאָזעס — מיט א האַלב אָפען מויל און מיט איין האַנט אויפגעהויבען, ווי ער וואָלט געהאַל־טען אין סאַמע ברען פון אַ רעדע פאַר אַן עולם מיט מענשען. דאָרטען איז דאָס שעהנסטע ווינקעל פון דער שטאָדט און אין אַ טאָג ווען מען ארבייט ניט, זעהט מען דאָרט אַ סך מענ־שען. אין פריהלינג, ווען די אַקאַציע צובליהט זיך אויף די בוימער, איז דאָרט אין די אָוועגטען אַ פאַרגעניגען צו שפּאַ־צירען, און ווינטער, ווען די בוימער זיינען באַדעקט מיט שניי, איז די לופט דאָרט אַ פרישע, אַ געזונטע, אַן אַנגענעמע, און ווען מען פאַרקוקט זיך אויף די פאַרשנייטע פעלדער, וואָס מען זעהט פון דער ווייטענס, הויבט זיך אָן דוכטען, אַז מען איז אָפּגעשניטען פון דער גאַנצער וועלט און דאַן פאַרבענקט מען זיך נאָך אַ ווייטקייט, וואָס מען קען זיך בלויז פאַרשטעלען אין געדאַנק, אָבער ניט זעהן מיט די אויגען, און מען פאַרבענקט זיך אויך נאָך מענשען, מיט וועמען עס זיינען פאַרבונדען אַנ־גענעמע עראינערונגען פון אַמאָל...

אַזאַ געפיהל האָב איך אויך געהאַט שפּאַנענדיג אין אַ שעה־נעם סוף־ווינטערדיגען טאָג אין יענעם געגענד. עס איז אַרום און אַרום געווען ברייט און ליכטיג און מען האָט, כאָטש אויף אַ ווייַלע, געקענט פאַרגעסען אָן די צרות, וואָס מען האָט זיך אָנגעהערט. אָבער ווען איך בין אריינגעקומען אין דער מלוכה־פּאָטאָגראַפיע, איז מיר געוואָרען פינסטער אין די אויגען.

דאָרט איז אומעטום געווען נאַס, קויטיג און בלאָטיג. די אַלטע דעקאָראַציעס, אויף וועלכע עס זיינען געווען אויסגע־מאָהלען פאַרשידענערליי געמעהלעכצען, זיינען געווען צוריסען, די ברעטער פון׳ם פּאָל זיינען געווען צובראָכען און מען האָט געדאַרפט געהן פאָרזיכטיג, מען זאָל זיך נאָך, חלילה, ערגעץ

ניט פאַרטשעפּען, און פונ׳ם לייוועגטענעם ברעזענט, וואָס איז געהאַנגען ביי דער סטעליע און וואָס האָט געדאַרפט געבען „ליכט" און שאַפען „אַטמאָספערע" פאַר דער „סטודיאָ", האָט געהאַלטען אין איין קאַפּען, כאָטש עס איז אין דרויסען ניט געגאַנגען קיין רעגען...

דאָס האָט עס געקאַפּעט פון דעם שניי, וואָס איז נאָך מיט א צייט צוריק אויסגעפאַלען. ער איז נאָך אַלץ געלעגען אין הויפענס אויף דעם צולעכערטען לייוועגטענעם ברעזענט, וואָס האָט געדאַרפט געבען „ליכט" און שאַפען „אַטמאָספערע" אין דער „סטודיאָ", און קיינער אין דער מלוכה־פאָטאָגראַפיע האָט ניט געפונען פאַר נויטיג אים פון דאָרט אַרונטערצושאַרען...

דער פאָטאָגראַפער, א יונגערמאַן מיט אַ קאַסאָקע אויג און מיט אַ ווייס פינטעל אינ׳ם שוואַרצאַפּעל, האָט אונז אָנגעהויבען סטראָיען אין אַ פּאָזע פאַר דער בילד, און אַלע מאָל, ווען ער האָט זיך מיט׳ן שוואַרצען שטיק טוך צוגעדעקט, האָט ער זיך אויסגעגליטשט און איז שיער ניט געפאַלען, און ווען ער איז אין דער נאַסקייט שוין ווידער געשטאַנען פעסט אויף די פיס, האָט ער, קוקענדיג אויף אונז מיט׳ן קאַסאָקען אויג, גע־געבען די קאָמאַנדע:

„ ראַז, דוואַ, טרי — סנימאַיו!"

אָבער פונקט דאַן, ווען ער איז געווען גרייט צו „סני־מאַיען", האָט אויף אַמיצען פון אונז געגעבען א קאַפּע פון אויבען און די גאַנצע אָנגעסטראָיעטע פּאָזע האָט זיך צוטרייסעלט און האָט שוין מער ניט געטויגט...

אַזוי עטליכע מאָל:

„ראַז דוואַ, טרי — סנימאַיו", און — עס קאַפּעט שוין ווידער...

ווען איך בין געקומען צוריק אין דעם הויז וואו איך האָב געוואוינט, האָבען שוין מענשען געוואַרט אויף מיר, און — ווידער געשיכטעס ווענען הונגער און נויט, ווידער געשיכטעס ווענען שרעקליכע ליידען, וואָס האָבען ניט קיין ברעג. אַלע האָבען זיך געקלאָגט, אַלע זיינען געווען פאַרצווייפעלט, און מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז אַפילו דאַן ווען זייריידען ניט, טראָגט זיך פון זייער שווייגען א יאָמער, וואָס קען הימלען שפּאַלטען...

צווישען די מענשען, וואָס זיינען געקומען צו מיר, איז אויך געווען איינער אַ שניידער, וואָס איז אַמאָל געווען דער בעסטער בעל־מלאכה אין שטאָדט. ער איז געווען אנגעטאָן זעהר אָרים און ער האָט זיך געקלאָגט דארויף וואָס ער האָט ניט קיין אר־בייט.

— אַז ס'איז נישטאָ פאר וועמען צו נייהען, — האָט ער געזאָגט, — אַלע זיינען אָרים, קיינער מאַכט זיך ניט קיין נייע קליידער. נו, בין איך געווארען אַ לאָטוטניק אויף דער עלטער, און וואָס צו עסען איז נישטאָ...

רייִדענדיג אַזוי, האָט ער גאָר פּלוצלונג זיך גענומען צוקו־קען אויפמערקזאם צו מיין אנצוג און געבענדיג אַ ציה מיט די פינגער איינעם פון די לאַצען זעהר שניידעריש און געשיקט, האָט ער געזאָגט:

— הם... אַ שטיקעל סחורה! אַ פארגעניגען אָנצו־טאָפּען!...

פונקט ווי ער וואָלט מיר איצט דעם אַנצוג אָנגעמאָסטען, האָט ער מיך גענומען דרעהען אין אַלע זייטען, גיבענדיג דאָ אַ ציה און דאָרט אַ גלעט. עס האָט זיך אין אים אויפגעכאפּט דער שניידער וואָס האָט אַמאָל גע'שמ'ט אַלס דער בעסטער בעל־מלאכה אין שטאָדט, און אָפּזיפצענדיג שווער האָט ער געזאָגט:

— איר ווייסט, מילא פּרנסה יאַק פּרנסה, אָבער עס איז גלאַט אַ פארגעניגען צו ארבייטען איבער אַ גוט שטיקעל סחורה... אך, ווי דערלעבט מען שוין צו האלטען אַ גוט שטיקעלע סחורה אין די הענט!...

שווער זיינען געווען די עטליכע טעג אין טולטשין. דאָס זיינען געווען די לעצטע טעג פון מיין באַזוך אין סאָוועט רוס־לאַנד. און ארויספאָהרען פון דער שטאָדט האָב איך געדאַרפט שפּעט נאָך האַלבער נאַכט.

— פאָהר שוין שנעלער אַוועק צוריק, — האָט די מאַמע מיר געזאָגט, כאָטש עס איז איר געווען שווער מיט מיר זיך צו שיידען. — איך האָב מורא, אַז די מלחמה זאָל דיך נאָך דאָ ניט פארכאַפּען.

„די מלחמה“ — דאָס איז די שרעק, וואָס הענגט שטענדיג איבער די קעפּ פון דער באַפעלקערונג אין סאָוועט־רוסלאַנד. אַלע זיינען אונטער'ן איינדרוק, אַז אָט־אָט, וועט די מלחמה אויס־

ברעכען, אז אָט־אָט וועלען די מלוכות פון דער גאנצער וועלט זיך ארויפוואַרפען אויף רוסלאנד זי צו דערשטיקען. שוין יאָהרען אזוי.

פאָהרען צום באהן מיט'ן „אָווטאָבוס" האָט מען נאָך אַלץ נישט געקענט, ווייל די מענשען מיט די לאָפּעטעס, וואָס איך האָב געזעהן אויפ'ן וועג קיין טולטשין מיט עטליכע טעג צוריק, האָבען דעם שניי נאָך אַלץ ניט געהאַט אָפּגערייניגט. איך האָב געמוזט דינגען אַ שליטען, און ווען איך האָב געפרעגט דעם בעל־עגלה וויפיל עס וועט געדויערען צו מאכען די אכט וויאָרסט פון טולטשין ביז זשוראוולי־אָווקע, האָט ער מיר געענטפערט, אז דאָס ווענדט זיך ניט אין אים און ניט אין די פערד, נאָר אינ'ם וועג.

— עס קען זיין, — האָט ער געזאָגט, — אז דאָס וועט נעמען צוויי שטונדען און ס'קען אויך זיין, אז ס'וועט נעמען זעקס־זיבען שטונדען... ווער קען וויסען?!

די לעצטע עטליכע שטונדען מיט דער מאַמע'ן און אויך מיט די שוועסטער, וועלכע זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט מיר, זיינען געווען זעהר שווערע. מיר האָבען צווישען זיך ווייניג גערעדט. און אַלע מאָל, ווען איך האָב געזעהן ווי ביי דער מאַמען שטעהען טרערען אין די אויגען, בין איך צוגעגאַנגען צו איר און האָב זי ארומגענומען.

— מאַמע, איך בעט דיך, וויין ניט!...

אויך די שוועסטער — אַלע אַזעלכע ליבע און גוטע און פאַר מיר אינגאַנצען ניי־געפונענע. ווייל זיי זיינען דאָך נאָך געווען קליינע קינדער ווען איך בין מיט אַזוי פיל יאָהרען צוריק אַוועקגעפאָהרען פון דער היים. — אויך זיי האָב איך אַלעמאָל ארומגענומען און האָב זיי געקושט.

— וויינט ניט.... מיר וועלען זיך נאָך זעהן!...

עס איז געווען אַזוי שווער! אַזוי פיינליך שווער!

און די געדאַנקען אין קאָפּ האָבען זיך געמישט, און די געפיהלען אין הארצען האָבען נישט געלאָזט רוהען, און אַלע אין שטוב האָבען זיך צוגעהערט צו יעדען שאָרך, וואָס האָט זיך פון דרויסען דערטראָגען.

— שאַ!... דוכט זיך, אַז דער שליטען איז שוין צוגעפאָהרען!...

עס איז שוין געווען נאָך איינס אזייגער ביינאַכט ווען דער בעל עגלה איז אָנגעקומען.

— פאַרטיג! — האָט ער געגעבען א זאָג, אָפּשטעלענדיג זיך ביי דער טיר מיט דער בייטש.

אין דער מינוט האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער כליפּען; די מאַמע האָט זיך מער נישט געקענט איינהאַלטען, און ווי זי איז אזוי געזעסען, האָט זי געגעבען אַ פאַל מיט'ן קאָפּ צום טיש און האָט זיך צוואויינט...

נאָך שטאַרקער האָט זי אָנגעהויבען וויינען, ווען מען האָט מיינע זאכען ארויסגעטראָגען פון דער שטוב. עס איז אוממעגליך געווען זי איינצונעמען. ריידען האָט זי ניט געקענט. בלויז צוויי ווערטער זיינען איר געבליבען אין די געדאנקען און אין די געפיהלען, און זיי האָט זי עטליכע מאָל איבערגעזאָגט:

— „קינד מיינס!"... „קינד מיינס!"...

און אין דרויסען איז די נאַכט געווען אַ פינסטערע, א שווערע. דער הימעל איז געווען פאַרוואָלקענט און אלע מאָל האָט א דריבנער רעגען אָנגעהויבען מראַקען. די גאַנצע שטאָדט איז שוין דאן געשלאָפען און פון קיין איין שטוב האָט קיין פייערל ניט אַרויסגעלויכטען. עס איז געווען שטיל און פינסטער. פינסטער און שטיל, און אין דער שטילקייט האָט זיך געהערט דאָס פאַרשטיקטע געוויין פון מיין מאַמע...

און ווען דער שליטען האָט זיך גערירט און מיר זיינען אריינגעפאהרען אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט, האָב איך זיך אלע מאָל אומגעקוקט און מיר האָט זיך אלץ געדוכט, אז דאָרטען, אויף דעם „פּידאַשעק" פונ'ם שטיבעלע אין טולטשין, שטעהט נאָך אלץ מיין מאַמע א פאַרוויינטע און לעבען איר שטעהען מיינע שוועסטער, אויך פאַרוויינטע; זיי קוקען מיר נאָך, פונקט ווי איך קוק אין דעם פינטעל, וואו איך האָב זיי איבערגעלאָזען. מיר קענען זיך אָבער מער ניט זעהן; די פינסטערניש פון דער נאַכט פאַרשטעלט אונז איינע פאַר די אנדערע, און דער וועג, וואס פיהרט פון זיי, פונקט ווי דער וועג, וואס האָט געפיהרט צו זיי, איז אזא וויטער, אזא שווערער — די מענשען מיט די לאָפּעטעס האָבען אים נאָך אלץ ניט אָפּגערייניגט...

געפּאָהרען זיינען מיר לאנג, זעהר לאנג. מער ווי זעקס שטונדען האָט עס געדויערט אָנצוקומען צו דער סטאנציע זשור־ראוואליאָוקע, וואס איז אינגאנצען געווען אַן אכט וויאָרסט פון טולטשין. אָט זיינען מיר געפּאָהרען אויף א שנייׁ און אָט האָבען מיר זיך געשלעפּט אין א בלאָטע. עס איז געווען שווער, שרעקליך שווער. אָבער די נאכט, די אוקראַינישע נאכט, וואָס איז אזוי שטיל און דאָך פול מיט קלאנגען, האָט אָנגעפילט דאָס הארץ מיט אַנגענעמע עראינערונגען און מיט אַ פיינליכער בענקשאַפט, וואָס רופט ארויס אזוי פיל טרויער און אויך אזוי פיל פרייד.

אָנגעקומען קיין זשוראוואליאָוקע זיינען מיר זיבען אַזייגער אין דער פריה. און פונקט ווי אויף די אַנדערע וואקזאלען אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָבען זיך אויפ׳ן זשוראוואליאָווקער וואָקזאל אויך געוואלגערט אָהן א שיעור מענשען מיט שווערע קלומקעס און פּעק. עס זיינען אויפ׳ן נאסען, שמוציגען פּאָל געלעגען קויטיגע מענשען — מענער, פרויען און קינדער, און ס׳איז ניט געווען וואו זיך אוועקצוזעצען, אדער וואו זיך צוצו־שפּארען. אזוי האָבען זיי זיך דאָרטען געוואלגערט אַ גאַנצע נאכט, ווארטענדיג אויף אַ באהן און זיך ניט געקענט דערוואר־טען, ווייל די באהנען, וואס זיינען יאָ געלאָפען, זיינען געווען געפּאקט מיט פונקט אזעלכע אומגליקליכע מענשען ווי זיי זיי־נען — מענשען, וואָס יאָגען זיך וואוהין די אויגען טראָגען זיי צו קריגען א שטיקעל ברויט. מענשען, וואס פאָהרען פארקויפען פון זיך דאָס לעצטע, אָבי דעם הונגער צו שטילען....

ביי אַ טיש, אויף וועלכען עס זיינען געלעגען שווערע זעק און פּעק און עס זיינען געזעסען מידע און ניט אויסגעשלאָ־פענע מענשען, איז געשטאנען איינער און דערצעהלט, אז אין מאָסקווע קען מען קריגען ברויט, ניט נאָר שווארצע, נאָר אויך ווייסע. און טאקע „ניט טייער" אויך — אינגאנצען ניט מער ווי אכט רובעל פאָר אַ לאָבען ברויט...

זאָגענדיג דאָס, האָט ער פון א רענצעל ארויסגענומען א לענגליכען לאָבען ברויט, וואס האָט געזאָלט זיין ווייס, אָבער איז אין דער אמת׳ן געווען שווארץ און קויטיג. פאר אָט דעם לאָבען ברויט, האָט ער געזאָגט, האָט ער אין מאָסקווע באַ־

צאָהלט אכט קערבלעך מיט עטליכע טעג צוריק און ער פיהרט עם אהיים, קיין וויניצע.

די אויסגעהונגערטע מענשען ארום און ארום האָבען דער־זעהן „ווייסע ברויט", און אלע האָבען גלייך אנגעהויבען קוקען דארויף מיט זשעדנע בליקען: זיי האָבען דאָס „ווייסע ברויט" ממש מיט די אויגען געגעסען. און באַלד איז צוגעקומען אַ יונגע פויערטע אין צוריסענע קליידער און מיט אַ האלב נאַ־קעט קינד אויף די הענט און זי האָט אויסגעשטרעקט די האנט:

— בירגער, האָט רחמנות, שענקט אַ שטיקעל ברויט, איך בין הונגעריג און מיין קינד איז פארשמאכט...

ארויסנעמענדיג אַ מעסערל פון דער קעשענע, האָט דער גוטער מענש, מיט ציטערדיגע הענט, אפגעשניטען אַ רייפטעלע ברויט פאר דער אָרימער פויערטע מיט'ן האלב נאַקעטען קינד. און באַלד איז צוגעקומען נאָך איינער און נאָך איינער און אַלע האָבען דיזעלבע בקשה געהאַט.

— שענקט אַ שטיקעל ברויט!...

עטליכע רייפטלאַך האָט דער גוטער מענש אָפגעשניטען און צוטיילט, און דערביי האָבען ביי אים די הענט געציטערט; און ווען ער האָט געזעהן ווי ס'קומען צו נאָך און נאָך מענ־שען, האָט ער דאָס ברויט צוריק אין רענצעלע באַהאַלטען.

— בירגער, — האָט ער געזאָגט, — איך אַליין בין אויך הונגעריג, און מיין ווייב און קינדער איז דער היים ווילען אויך עסען...

ווי געוועהנליך איז שווער געווען צו קריגען אַ בילעט און אַ פּלאַצקארטע. אָבער ווען איך האָב דעם „דעזשורני" פון דער סטאַנציע געוויזען מיין אַמעריקאַנער פּאַספּאָרט, האָט ער מיר גלייך געגעבען אי אַ בילעט אי אַ פּלאַצקארטע אין אַ „וויַיכען" וואַגאָן. אין אַלגעמיין האָט דער „דעזשורני" זיך באַצויגען צו מיר גוט, און ווען ס'האָט זיך ארויסגעוויזען, אז אוועקשטע־לענדיג מיין טשעמאָדאַן אויפ'ן פענסטער, האָט דער בעל־עגלה אומגערן אויסגעשלאָגען אַ שויב, האָט ער, דער „דעזשורני", מיר עטליכע מאָל אָנגעזאָגט ,אז ניט איך זאָל פאר דער שויב באַצאָהלען, נאָר דער בעל עגלה...

— איר, חבר אויסלענדער, — האָט ער מיר געזאָגט, —

זענט אין דעם ניט שולדיג. באַצאָהלען פאַר דער צובראָכענער שויב דאַרף דער בעל עגלה.

איך האָב אים אָבער ניט געפאָלגט און האָב דעם בעל־עגלה געגעבן געלט צו באַצאָהלען.

ווי די מערסטע „דעזשורנים" אויף די רוסישע וואָקזאַלען, איז דער „דעזשורני" אויפ'ן זשוראַוואָליאָווקער וואָקזאַל אויך געווען זעהר שטאַרק פאַרצווייפעלט און נערוועז, און ער האָט זיך קיין עצה ניט געקענט געבען וואס צו טאָן מיט די מענשען, וואס וואַלגערען זיך טאָג ווי נאַכט אויף דער סטאַנציע. אַלע מאָל האָט ער אָפּגערופען אויפ'ן טעלעפאָן אָנפרעגען צי ער מעג פאַרקויפען בילעטען פאַר דעם צוג, וואָס געהט קיין שעפּע־טיוווקע, צו דער גרעניץ, אָבער מען האָט אים אַלץ געענטפערט, אז די וואַגאָנען זיינען געפּאַקט און ער זאָל קיין בילעטען ניט פאַרקויפען...

ווען דער באַן איז אָנגעקומען און איך בין אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דעם „ווייכען" וואַגאָן, וואס מען האָט מיר אָנגעוויזען, האָב איך געזעהן ווי די יונגע אָרימע פויערטע מיט'ן האַלב־נאַקעטען קינד אויף די הענט האָט זיך מיט איין האַנט איינגעקלאַמערט אין דעם שטיק אייזען וואס ביי די טרעפּ־לאַך פון דעם וואַגאָן. א פאַרצווייפעלטע האָט זי זיך פעסט אָן דעם אייזערנעם פּרענטעל אָנגעהאַלטען און דערביי האָט זי גערעדט צו זיך אַליין ווי א צומישטע:

„זאָל זיין וואס ס'זאָל זיין — איך וועל פון דאַנען ניט אַוועקגעהן!..."

און זי האָט אַזוי נעבעכדיג און מיט אַזוי פיל מוטער־ליכער צערטליכקייט געטוליעט דאָס האַלב־נאַקעטע קינד צו דער ברוסט...

אָבער איינער פון די בעאַמטע אויפ'ן וואָקזאַל האָט מיט אַלע כוחות זי געגעבען א רייס אָפּ פון די טרעפּלאַך און האָט זי אַרונטערגעוואָרפען פון וואַגאָן.

— נישטאָ דאָ קיין פּלעצער! — האָט ער געזאָגט.

און ווען זי האָט אָנגעהויבען וויינען, האָט ער געזאָגט, אז ער קען איר גאָר ניט העלפען, און ער האָט אָנגעוויזען אויפ'ן „דעזשורני", וואס איז געשטאַנען פון דער וויטענס:

— צו אים רעד — צו דעם, וואָס מיט'ן רויטען היטעל!...

אַ פאַרוויינטע, טוליענדיג דאָס קינד צו דער ברוסט, האָט די יונגע פויערטע זיך געלאָזט לויפען צום „דעזשורני”, און אין דער מינוט האָט דער צוג זיך גערירט און איז אוועק...

אָט די סצענע האָט אויף מיר זעהר אַ שווערען איינדרוק געמאכט. און ווען איך בין אריינגעקומען אין וואגאָן, בין איך געבליבען שטעהן ווי אַ צומישטער און איך האָב מיינע איי־גענע אויגען ניט געגלויבט; דער וואגאָן איז געווען לעדיג. איך בין דארט געווען דער איינציגער פּאסאזשיר...

„וואס איז דאָס?” — האָב איך זיך אַליין געפרעגט, זי־צענדיג איינער אליין אין וואגאָן און טראכטענדיג וועגען די אָרימע מענשען, וואס וואלגערען זיך טעג און נעכט אויפ׳ן וואקזאל אין זשוראוולׁיאווקע און אויף אנדערע רוסישע וואק־זאלען. — „איז דאָס נאכלעסיגקייט, אדער רוסישע אומגעלומ־פּערטקייט, אָדער גלאַט עפּעס אַזוינס, וואָס קיין מענש אין דער וועלט קען ניט פארשטעהן? וואס איז דאָס? ווי אַזוי דערקלערט מען דאָס ווען מען איז ניט איינער פון די נאַראָנים, אדער פאַרפיהרטע און פארבלענדטע, וועלכע שפּרינגען „קדוש” פאר אַלץ וואס עס קומט פאר און פאר אַלץ וואס ווערט גע־טאָן אין סאוועט־רוסלאנד?...”

דאָס איז שוין געווען דער לעצטער טאָג פון מיין רייזע איבער סאוועט־רוסלאנד, און זיצענדיג אַזוי אינ׳ם לעדיגען וואַ־גאָן און טראכטענדיג וועגען די טויזענטער און הונדערטער־טוי־זענטער ארימע און אויסגעהונגערטע און אומגליקלאכע מענ־שען, וואס וואלגערען זיך טעג און נעכט אין שמוץ און אין קויט אויף די וואקזאלען אומעטום, האָב איך אויך געטראכט וועגען די אַלע אַנדערע זאכען, וואס איך האָב געזעהן און גע־הערט אין די עטליכע וואכען וואס איך בין ארומגעפאהרען אי־בער סאוועט־רוסלאנד — גוטע און שלעכטע זאכען, ליכטיגע און טרויעריגע ערשיינונגען. אלעס איז מיר קלאָר פאר די אויגען געשטאנען, איך האָב אלעס ווידער אמאָל שארף איבערגעלעבט, — ניט ווי אַ פרעמדער, נאָר ווי אַן אייגענער!

גוטע און שלעכטע זייטען.

דאָס גוטע איז אין אידעאַל, אין דער טעאָריע, און דאָס שלעכטע איז אין דער ווירקליכקייט, אין לעבען...

און אויפ׳ן הארצען איז געווען אַזוי שווער!

ווייל געפאָהרען קיין סאָוועט־רוסלאַנד בין איך דאָך מיט אזעלכע גוטע כונות. איך האָב ניט געהאַט קיין אילוזיעס; איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אז דאָס לעבן איז דאָרט שווער און איך האָב געוואוסט, אז ס'מוז זיין שווער ווען מען בויט א נייע אָרדענונג אין א לאַנד, וואָס איז אינדוסטריעל נאָך ניט ענטוויקעלט. אָבער דאָס וואָס איך האָב זיך פאָרגעשטעלט איז ניט געווען אפילו קיין הונדערט חלק פון דעם וואס איך האָב געזען אין דער ווירקלאַכקייט, אין לעבן!...

דאָס איז ניט קיין לעבען. נאָר א קאָשמאַר. א חלום א בייזער!...

וואס ווייטער דער צוג האָט זיך געיאגט צו דער גרעניץ, אלץ אומעטיגער און שווערער איז אויפ'ן הארצן געוואָרן. איך האָב אין יענעם מאָמענט געפיהלט און איך פיהל נאָך איצט אויך, אז ווען איך וואָלט פון סאָוועט־רוסלאַנד געפיהרט צוריק קיין אמעריקע א פרעהליכן גערוס וועגן א ליכטיג לעבן און ניט וועגן א פינסטער לעבן, וואס איז אמאָל נאָך ערגער ווי דער טויט, וואָלט איך געווען גליקלאָך!

איך האָב געפרעגט דעם קאָנדוקטאָר, ווען מיר וועלן אָנקומען קיין שעפּעטיווקע צו דער גרעניץ.

— דאָס ווענדט זיך אין אומשטענדן, — האָט ער געענטפערט, — צו אונזער גרויסער שאַנד פארשפּעטיגן מיר אמאָל אויף א פּאָר שטונדען און דאַן מוזען די פּאַסאַזשירען שוין נעכטיגן אין שעפּעטיווקע, ווייל דער אויסלענדישער צוג וואַרט ניט אויף אונז...

עס געהט ניט...

עס קריכט...

און מען רעדט אלץ וועגן אָניאָגן און אַריבעריאָגן אמעריקע!...

די גאנצע צייט, וואס מיר זיינען געפאהרען, האָב איך געקוקט אין פענסטער און האָב ניט געקענט אָפּרייסען די אויגען פון די אוקראַינישע פעלדער און וועלדער, וואָס זיינען מיר אלע מאָל געווען אזוי ליב...

יעדער שטאָדט און יעדער שטעדטעל, יעדער סטאנציע און יעדער וואָקזאל האָט אזוי פיל עראינערונגען אויפגעמישט אין מוח, און איך האָב זיך צו זיי אלע געפיהלט אזוי נאָהענט, ווי

אַן אייגענער, וואס איז דאָרט אויסגעוואַקסן, וואס האָט דאָרט געלעבט און גע׳חלום׳ט. אָט איז די שטאָדט וויניצא, וואו מיין טאַטע האָט געדינט אין דער ארמיי; ער, דער טאַטע, פלעגט שטענדיג, שוין יאהרען נאָכדעם ווי ער האָט אפּגעדינט, האַלטען אין איין דערצעהלען מעשיות וועגן זיין „סלוזשבע" אין דער ארמיי און מיר, די קינדער, האָבען זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט, כאָטש מיר האָבען ניט אַלעס פארשטאַנען.

אָט איז זשמערינקא, וואס האָט גע׳שם׳ט מיט׳ן שעהנעם וואקזאַל, וואו איך האָב זיך אמאָל ארומגעדרעהט ניט אָהן שרעק, ווייל איך בין דאן פון דער צארישער רוסלאַנד אנט־לאָפען...

אָט איז קאַזיאַטין, וואו איך האָב אמאָל עטליכע שטונדען געוואַרט אויף אַ באַן.

און אָט איז באַרדיטשעוו!

מיט דער שטאָדט באַרדיטשעוו איז גראָד פארבונדען זעהר א וויכטיגע פּאסירונג אין מיין לעבען, בין איך דאָרט ארונ־טער ווען דער צוג האָט זיך אפּגעשטעלט, און שפּאַצירענדיג אויף דער גרויסער פּלאַטפאָרמע פונ׳ם וואקזאַל האָב איך פון דער ווייטענס דערזעהן צוויי מענשען און ווען איך בין צוגע־גאַנגען נעהנטער. האָב איך געהערט ווי זיי ריידען צווישען זיך אידיש.

האָב איך זיך אָפּגעשטעלט לעבען זיי און האָב געפּרואווט פארפיהרען א געשפּרעך.

— פאַראַן א סך אידען אין באַרדיטשעוו? און ווי אזוי לעבט זיך עס זיי?

האָט איינער געגעבען א קוק אויף מיר א פארוואונדער־טער און האָט געזאָגט:

— הערט זיך איין: מיר האָבען מורא פאר אייך... וואס שטעלט איר אונז פראַגען? וואס ווילט איר וויסען? און צו וואס דאַרפט איר דאָס וויסען?...

איך האָב די צוויי מענשען באַרוהיגט. איך האָב זיי גע־זאָגט, אז איך קום פון אמעריקע און אז איך פאָר איצטער שוין צוריק און אז זיי דאַרפען פאר מיר קיין מורא ניט האָבען. איך האָב זיי אויך געזאָגט, אז איך האָב אמאָל געהאַט אייגענע אין באַרדיטשעוו און איך האָב אָנגערופען נעמען, און ווען איך

האָב ביסלעכווייז געוואונען דעם צוטרויען פון די צושראָקענע מענשען און איך האָב געפרעגט ווי עס לעבט זיך זיי, האָט איינער, ארונטערלאָזענדיג ביידע הענט, שטיל און טרויעריג, געזאָגט:

— איר פרעגט אונז ווי אזוי עס לעבט זיך אונז? גיט א קוק אויף אונז. וועט איר אליין זעהן...

און ווירקליך, איין קוק אויף די מענשען איז געוועזן גענוג צו זעהן ווי אזוי עס לעבט זיך זיי און ווי אומגליקלאך זיי זיינען.

זיי זיינען ביידע געווען אָנגעטאָן אין צוריסענע זעק פון וועלכע עס האָבען ארונטערגעהאָנגען שטיקלאך. אויף די פיס האָבען זיי געטראָגען אלטע שקראבעס, ארומגעבונדען מיט שטרוי און מיט שמאַטעס, די פּנים'ער זיינען ביי זיי געווען צוקנייטש־טע, פינסטערע און איינגעפאלענע, און אין די הענט האָט יעדער פון זיי געהאלטען אן אלטען בעזים א צוטאָסקעטען.

— צו וואס עפּעס גאָר די בעזימער? — האָב איך די צוויי אָרימע מענשען געפרעגט.

— מיר ארבייטען דאָ אויפ'ן וואקזאל, — האָט איינער געענטפערט, — מיר קערען דאָס מיסט...

ריידענדיג צו מיר, האָט איינער זיך גאָר פּלוצים צעוויינט ווי א קינד. ער האָט זיך געשעהמט דערמיט וואס ער וויינט, אָבער ער האָט דאָך געוויינט. און מיט אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואס זיינען פון הארצען ארויסגעקומען האָט ער זיך גע־קלאָגט דארויף וואס אין שטוב איז נישטאָ קיין ברויט און ער מיט'ן וויב און מיט די קינדער שטארבען פאר הונגער...

— מר געהען אוים ווי די ליכט, — האָט ער געזאָגט, און טרערען זיינען אים גערונען פון די אויגען, — מיר האָבען שוין מער ניט קיין כח די צרות אריבערצוטראָגען... און ווען וועט שוין אמאָל נעמען א סוף? ווען וועט שוין אמאָל זיין בע־סער?...

און דער אנדערער האָט, אנשפּארענדיג זיך אָן בעזים, צו־געגעבען פון זיין זייט:

— די סטרונעס זיינען שוין צו שטארק אָנגעצויגען... זאָל נאָר פּלאַ־צען איין סטרונע, און מענשען ווע־

לען דאָ איינער דעם אַנדערען די העל־
זער איבערשניידען...

איך בין אריין צוריק אין וואגאָן, און די גאנצע צייט, וואס דער צוג איז געלאָפען איבער די אוקראאינישע פעלדער און וועלדער, וואס זיינען מיר אזוי גוט באקאנט, האָב איך ניט געקענט אויפהערען טראכטען וועגען דעם וואס דער מענש אין שמאטעס מיט׳ן בעזים אין דער האנט האָט געזאָגט:

„זאָל נאָר פּלאַצען איין סטרונע, און מענשען וועלען דאָ איינער דעם אַנדערען די העלזער איבערשניידען".

עס האָט זיך אָנגעזאמעלט אזוי פיל שנאה, כעס, פאר־ביטערונג און גאַל...

איינער גלויבט ניט דעם אַנדערן...
יעדער איינער איז חושד דעם אַנדערן...
און אַלע האָבען זיך פיינט!...

אָנגעקומען אין שעפּעטיווקע צו דער גרעניץ זיינען מיר דוקא אין צייט. דאָ זיינען אויפ׳ן וואקזאל קיין סך מענשען ניט געווען. די טאמאָזשע בעאמטע זיינען געווען זעהר העפ־ליך און ערדעל צו די אויסלענדער, וואס זיינען געפאהרען צו־ריק. אויך דער באוואפנטער פון דער „גע־פּע־או", וואס האָט די פּאספּאָרטן איבערגעקוקט, איז געווען זעהר העפליך און ערדעל, און פון די ווענט האָבען ארונטערגעשיינט די אויפשריפטן:

„פּראָלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניגט זיך!"
„ווארפט ארונטער פון זיך דעם יאָך פון דער קאפּיטאַליס־טישער ארדענונג"
„דערפיהרט די גאנצע וועלט צום אָקטאָבער!"

ווידער די שעהנע סאָוועט־רוסלאנד, וואס אויף בילדער און אויף פּלאקאטען — די וואס שטימט ניט מיט דער ווירקלאכקייט אין לאנד...

זי האָט שוין אָבער אויף מיר ניט געמאכט דעם זעלבען איינדרוק ווי דאן ווען איך בין אריינגעפאהרען אין רוסלאנד דורך ניעגאָרעלאָיע, אויך ניט דעם זעלבען איינדרוק ווי דאן ווען איך בין אָנגעקומען אויפ׳ן בריאנסקער וואקזאל אין מאָסקווע. זי האָט מער אויף מיר שוין ניט געקענט מאכען אזא איינדרוק נאָכדעם ווי איך האָב געזעהן ניט נאָר די סאוועט־רוסלאנד, וואס

אין בילדער און אויף פּלאַקאַטען, נאָר אויך די, וואס אין דער ווירקלאַכקייט, אין לעבן...

און אויף מאָרגען אינדערפריה, ווען איך בין שוין געווען אין וואַרשע און זיך געקליבען צו פּאַהרען פון דאַרטען ווייטער, קיין בערלין און קיין פּאַריז, האָב איך געפיהלט ווי מען וואָלט די שווערקייט פון דער גאַנצער וועלט אויף מיר אַרויפגעוואַרפען; איך האָב ניט געקענט ריידען וועגען קיין אַנדער זאַך ווי נאָר וועגען דעם וואס איך האָב געזעהן און געהערט אין סאָוועט-רוסלאַנד. די בילדער פון נויט, הונגער, אָרימקייט, געפאַלענקייט, נידערגעשלאָגענקייט און מורא זיינען מיר די גאַנצע צייט פאַר די אויגען געשטאַנען; איך האָב פאַר זיך אַלץ געזעהן אַ וועלט אין גרויען, אַ וועלט אין שמאַטעס; איך האָב געפיהלט, אַז איך האָב ניט נאָר ג ע ז ע ה ן די טראַגעדיע פון אומגליקליכע מענשען, נאָר איך האָב זי, די גרויסע טראַגעדיע פון אַ ווייסט לעבען, אין זיך אַריינגעזאַפּט, אין די אייגענע בלוטען אַריינגענומען, ניט נאָר אויף אַ ווייַלע, נאָר אפשר טאַקע אויפ׳ן גאַנצען לעבען...

עס איז אונמעגליך צו פאַרגעסען די גרויסע טראַגעדיע פון דעם מין מענש אין סאָוועטען-רוסלאַנד, ווען מען האָט אַ האַרץ, אַ נשמה!...

און ווען איך האָב אָנגעהויבען טראַכטען וועגען די גוטע זייטען, וואָס מען זעהט אין סאָוועט-רוסלאַנד, ווען איך האָב אָנגעהויבען טראַכטען וועגען דער גרויסער צאָהל אידעאַליסטען, וועלכע זיינען ווירקלאַך מקריב זייערע לעבענס, גלויבענדיג אין דער צוקונפט, און וועגען די גרויסע דערגרייכונגען פון דער סאָוועט-רעגירונג אויפ׳ן געביט פון אינדוסטריע, אויפ׳ן געביט פון קולטור און אויך אויף אַנדערע געביטען — דערגרייכונגען, וואס פאַרדינען ווירקליך געלויבט צו ווערען, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם וואָס אַ סאָוועטישע בירגערין, איינע, וואס איז אַמאָל געווען טעטיג אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, האָט מיר געזאָגט אין מאָסקווע:

„מיר אַלע — האָט געזאָגט דער מענש, וואָס איז אַמאָל געווען גרייט דאָס לעבען אָוועקצוגעבען פאַר דער רעוואָלוציע. — מיר אַלע פאַלען דאָ אונטער דער פּאָן פון אַ שעהנעם אידעאַל!"

סוף.